STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05905

# IN DER ROYMISHER GETO

S. Apter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. אַפּטער

# אין דער רוימישער געטאָ

•

איך ווידמע דאָס בוך אין אָנדענק
פון מיין טאַטע מאַמע יוסף (יוזיפ)
און מאַליע, ברודער און שוועסטער
יעקב און פריידע, די קדושים
וועלכע זיינען אומגעקומען אויף
קדוש השם דורך די גערמאַנישע
רוצחים אין פוילן.

## ביכער פון זעלבן מחבר:

•

צווישן שטעט — — — — — — — — — — — — טאָראָנטאָ, 1936

דער בונט און אַנדערע דערציילונגען — — ניו יאָרק, 1942

ש. אַפּטער
נוי־יאָרק

# אין דער רוימישער געטאָ

(היסטאָרישער ראָמאַן פון אידישן לעבן
אין רוים אין זעכצנטן יאָרהונדערט).

פ אָ ל ק ס - פ אַ ר ל אַ ג
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור פאַרבאַנד
א י ק ו ף

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון פ י י ג ל ק אָ ל ד אָ ף
אין אנדענק פון איר מאַן, דעם פאַרדינסטפולן יידישן קולטור-בויער
לואי (לייבל) קאָלדאָף (קאָלדאווסקי), אין טאָראָנטאָ.

•

געדרוקט אין 2500 עקזעמפּליאַרן.

•

# S. APTER

# In Der Roimisher Geto

Copyright 1946, by
YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

•

584

געזעצט און געדרוקט אין דער אינטערנעשאַנאַל פּרינטינג קאָמפּאַני,
937 וועסט וואַן ביורן גאַס, שיקאַגאָ.

# ארײַנפֿיר

דאָס בוך דער היסטאָרישער ראָמאַן „אין דער רוימישער געטאָ". איז געשריבן געוואָרן אין די שווערע פֿינצטערע מלחמה יאָרן, ווען פֿאַר אונדז אין אַמעריקע איז נאָך געשטאַנען פֿאַרנעפּלט דער טראַגישער גורל פֿון אונדזער אומגליקלעך פֿאָלק, וועלכן די נאַציס האָבן אַרײַנגעשפּאַרט אין די ענגע געטאָס זײ אויסצוראָטן.

עס איז אפֿשר אמת, אַז היטלער אין זײַנע נאַצישע מערדערייען זײַנען אַ פּראָדוקט פֿון אונדזער ביטערער צײַט, איז אָבער דער אַנטיסעמיטיזם און דאָס ספּעציפֿישע אויסטײלן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער אויף דער וועלט עס צו פֿאַרמיאוסן און צו פֿאַרטיליקן נישט בלויז קײן פּראָדוקט פֿון אונזער צײַט.

די בלינדע שנאה צום געפּלאָגטן וואַנדערנדיקן ייִדישן פֿאָלק, וועלכע איז דורות־לאַנג געפּרײדיקט געוואָרן פֿון דער קאַטוילישער און אויך נישט ווייניק פֿון דער לוטעראַנישער קירך, האָט אײַנגעקריצט אַ טיפֿן צײכן אין די הערצער פֿון געוויסע טײלן אין דער קריסטלעכער וועלט.

אין די איצטיקע שווערע צײַטן, ווען דער ייִדישער מענטש איז געשטאָכן און געפּײַניקט געוואָרן פֿון די נאַצישע רוצחים. עפֿענען זיך אויפֿסניי אויף די אַלטע וואונדן, באַליידיגונגען, מסירת נפֿשן. דעם הייליקן קידוש השם וואָס אונדזער פֿאָלק איז דורות־לאַנג דורכגעגאַנגען אין דער מיטלאַלטערלעכער קריסטלעכער וועלט.

די פֿרײַהייטלעכע צײַטן פֿון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן פֿאַר אונדז אויסגעזעען ווי בלויז אַ רואיקע פּויזע און ווידער איז פֿאַר אונדז אויפֿגעשטאַנען דער גײַסט פֿון די קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן.

איצט ווייסן מיר שוין, אַז עס איז נישטאָ קײן פֿאַרגלייך אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע צו די מאָנסטערהאַפֿטע גרויליקע מעשים פֿון דעם היטלעריזם און פֿאַשיזם. פֿאַר דעם קענער פֿון געשיכטע איז אָבער קלאָר,

אַז פיל גרויליקע טאַטן, וואָס היטלער און זיינע גערמאַנישע מערדער האָבן געטאָן צו דער וועלט און איבערהויפּט צו דעם ייד, האָבן פריערדיקע טיראַנען שוין געטאָן פאַר אים.

אַלע גרויל מעשים, וואָס די געשיכטע דערציילט אונדז ווערן אָבער בלאַס, מינדערוויכטיק. זיי זיינען עפּעס ווי אַ מין גהנימדיקער פאַרשפּיל אין אַ קלענערן פאָרמאַט איידער די געשיכטע האָט אונדז געבראַכט דאָס גרויסע היטלערישע גהינום.

דער רוצח היטלער האָט געהאַט זיינע פאַרגייער. ער האָט געהאַט אין דער געשיכטע דעם טייוולישן גייסט פון וועמען צו לערנען. ער האָט זיך גע־לערנט ווי אַזוי צו שענדן און צו פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק.

קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז זיינע בעסטע לערער זיינען געווען די קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן. קיין שום באַוועגונג אין דער געשיכטע האָט נישט אַזויפיל אַרומגעאַרבעט צו פאַרמיאוסן און פאַרהאַסן אונדזער פאָלק ווי די קאַטוילישע קירך. דער שריפטשטעלער פּיער וואַן פּאַסן אין זיין בוך "די פאַר־גאַטן עלאַי", אַליין אַ קריסטלעכער גייסטלעכער, וואַרפט פאַר די קאַטאָליקן, און ער זאָגט: היטלער וואָלט קיינמאָל נישט אויסגעהרגעט די יידן ווען די קאַ־טוילישע קירך וואָלט דאָס נישט דורך דורות געטאָן.

עס האָבן עס געטאָן די קלענערע קאַטוילישע גייסטלעכע און אויך די הויפּטלינגען פון די קירך, בישאָפן, פּרעלאַטן, קאַרדינאַלן און פּויפּסטן, עס האָט עס געטאָן דער קוילער פון די אַלביגענזער צו די איינוואוינער פון פּראָ־וואַנס, דער פּויפּסט אינאָצענטי דער דריטער, אין פיל בריוו צו די פּעאָדאַלע לאָרדן צו די קריסטלעכע צענטערן פון פיל קאַטוילישע לענדער. בלויז גע־ציילטע רענעסאַנס פּויפּסטן האָבן אַרויסגעוויזן אַביסל חסד צו דעם געטריי־בענעם, געפּלאָגטן יידישן פאָלק.

אויך די געטאָס ווי מיר ווייסן זיינען נישט געווען היטלערס אָריגינעלע פינצטערע אויפטואונגען, פאַר אים האָבן אין מיטלאַלטער די קאַטוילישע לענדער געהאַט זייערע געטאָס.

אָבער דער ערשטער אומגליקלעכסטער געטאָ, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן מיט דעם טייוולישן ציל אָפּצוטיילן דאָס יידישע פאָלק זיי צו פאַרניכטן, איז געווען דער פּויפּסט פּאָול דער פערטער וועלכן מיר וועלן פאַרשטעלן אין דעם בוך. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן צו דער פּויפּסטלעכער קרוין אין יאָר 1555.

ער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַן אַלטער מאַן פון עטלעכע און אַכציק יאָר, פונדעסטוועגן האָט ער זיך מיט אַ יוגנטלעכן ברען אַרויפגעוואָרפן צו פאַרניכטן זיינע קעגנער. ער האָט באַנייט די אינקוויזיציע אין רוים. זיין בעס־

טער פאַרגעניגן איז געווען צו פאַרברענגען אין די אינקוויזיציע געריכטן, און ביי צו זיין ״אַטא־דא־פעס״. ער האָט זיך געקוויקט ווען מען האָט פאַרמשפּטע אַריינגעוואָרפן אין קאָכעדיקע אויל־קעסלען אָדער זיי אַנגעטאָן אַנ־דערע טויטן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די איינציקע מאַכט אויף דער וועלט דאַרף האָבן די קאַטוילישע קירך. זיין קומען צו דער מאַכט איז געוואָרן אַן אומגליק אויף דער וועלט און ספּעציעל פאַר די יידן אין דער פּויפּסטלע־כע מלוכה.

די יידן אין רוים האָבן געוואוינט ביים טיבער טייך נישט ווייט פון דעם אַקטאַוויע טויער וואו טיטוס הרשע, האָט זיי פאַרשלעפּט אין שקלאַפעריי פון ארץ ישראל בעת די יידישע מלחמות אין אַלטערטום. די רוימער יידן האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געפילט דעם שווערן פאַרגוואַלטיקנדיגן כוח פון דער קאַטוילישער קירך. די רענעסאַנס פּויפּסטן האָבן נאָך אַריינגעלאָזט גע־טריבענע יידן פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, נאַטירלעך פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל און נישט בלויז צוליב קריסטלעכע רחמנות. אָבער די קאַטוילישע רעאַק־ציע האָט זיך אויך גענומען אויסשפּרייטן אין רוים.

דאָס 16טע יאָרהונדערט איז בכלל געווען אַ שוידערלעכע צייט וואָס האָט אַ סך ענלעכקייטן צו אונדזער צייט.

דער גייסט פון רענעסאַנס איז געווען אין אַ סך פאַלן ענלעך צו אונדזער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער צייט פון 19טן י. ה. דער רענעסאַנס אין איטאַליע איז געקומען ווי אַ פרייהייטלעכער שוואַלב אין מיטלאַלטער. אַריינגעדרונגען אַפילו הינטער די מויערן פון וואַטיקאַן. דענקער, צווייפלער אַרויסגעטריבע־נע יידן פון שפּאַניע האָבן געפונען אַ היים אין דער קריסטלעכער רוים, אפילו מאַראַנען קערן זיך אום צו יידישקייט.

ביי די ברעגן פון טיבער בויט זיך אַ יידיש לעבן. יידישע דענקער ווי עמנואל הרומי, לעאָ מאָדינא, באַרייכערן די יידישע קולטור. עס בליט האַנדל, מלאכה. יידישע מעדיקער ווערן לייב־דאָקטוירים פון די רענעסאַנס פּויפּסטן. עס קומט די צייט ווען דער גרויסער מייסטער מיקעל אַנדזשעלאָ שטעלט אַוועק די גיגאַנטישע סטאַטוע פון משה רבנו, אין דער סאַן פּיעטראָ קירך, יעדן שבת קומען יידן צו גיין באַטראַכטן די מעכטיקע פיגור פון דעם ביבלישן באַפרייער. ער וועקט אין זיי אַ שטאָלץ געפיל פון פרייהייט, וואָס פאַנגט אַן אויפגיין.

לאַנג האָט די פרייהייט נישט אַנגעהאַלטן. די וועלט האָט געדאַרפט דורכ־מאַכן די שווערע צייט פון דער קאַטוילישע רעאַקציע, וואָס איז אַנגעקומען אינמיטן פון 16־טן יאָרהונדערט.

די רענעסאַנס עפּאָכע ווי די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע עפּאָכע אין

אונדזער צייט האָט טאַקע געבראַכט געוויסע פרייהייטן. עס איז אָבער געקו־מען אַן אויפלעבונג פון דעם אַלטן רומיש־גריכישן געצענדינערישן גייסט. דער גייסט פון אומדערבאַרמדיקן "גאָלדענעם קאַלב". די רייכע משפחות, די פאַמיליע מעדיטשי, בעזעצן זייערס אַ מיטגליד אויף דעם פויפסטלעכן טראָן. פאַר געלט קויפט מען בישאָף און קאַרדינאַל טיטלען. עס כאַפּט זיך אַרויף אויפן טראָן איינער פון דער אויסגעלאַסענער רייכער באָרדזשיא פאַמיליע מיט דעם שפּאַנישן עמבלעם פון ווילדן אָקס אויף איר טראָן.

דאָס רופט אַרויס אַ צערודערונג ביי די פעלקער פון אייראָפּע. די קירך איז דער סימבאָל פון רייכקייט, אונטערדריקונג. דאָס פּשוטע פאָלק הערט אויף צו גלויבן אין דער קירך. מען זוכט הילף ביי מכשפים. דער טייוול נעמט קאָנ־קורירן מיט דער קירך. טייל לענדער רופן צו רעפאָרמאַציע ווי לוטער אין דייטשלאַנד. די יעזואיטן דערשרעקן זיך. זיי שלעפּן די מכשפים, די דענקער, און אַנדערש־גלויביקע אויף די שייטער הויפנס און ווי אַלעמאָל נעמט מען סוף כל סוף וואָרפן די גאַנצע שולד אויף די יידן; מען קערעוועט דעם בייזן היס־טאָרישן קאָשמאַר קעגן די יידן.

עס קומט אַ ביטערע צייט פאַר די יידן אין רוים. יוליוס דער דריטער שיקט זיינע משרתים ראש השנה צום יידישן קוואַרטאַל ביים טיבער און לאָזט פאַרברענען אַלע יידישע ספרים. מען פאַרנעמט פּרעציק יידישע קורטעזאַנקעס און מלאָזט זיי פאַרברענען. נישט ווייל זיי זיינען קורטעזאַנקעס, נאָר ווייל ער וויל נישט די רומער זאָלן האָבן קאָנטאַקט מיט יידישע פרויען. עס איז באַ־וואוסט אַז רוים האָט דאַמאָלסט געהאַט ניינצן טויזנט רומישע קורטיזאַנקעס.

די אמתע גרויסע ליידן קומען אָן ווען עס באַזעצט זיך אויפן טראָן דער פויפּסט פּאול דער פערטער דער געוועזענער קאַרדענאַל קאַראַפּאַ. ער נעמט צו ביי יידן אַלע טיטלען. ער האָט אַרויסגעגעבן גזירות, אַז יידן מוזן טראָגן געלע לאַטעס. געלע היטלעך אויף די קעפּ און פרויען געלע שלייערן. ער באַפעלט אַז יידן מוזן פאַרקויפן אַלע זייערע גיטער. די יידן ווערן גלייך אָרעמעלייט. די קריסטלעכע משרתים קויפן אַלץ בחצי חינם. ער פאַרמאַכט אַלע צוגאַנגען צום געטאָ. ער הייסט אויפשטעלן אַ מויער איבערצורייסן יעדן קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

עס איז אויסגעפאַלן פּונקט תשעה באב, דער טראַגישסטער טאָג אין דער יידישער געשיכטע, ווען די יידן הויבן אָן בויען אַ וואַנט. אין צוויי חדשים צייט איז די וואַנט פאַרטיק געוואָרן און די יידן האָבן זיך געשטיקט אין ענגשאַפט. מגפות, פאַרפלייצונגען האָבן זיי אויסגעראָטן. בלויז דער גרוי־סער כח פון בטחון און ברידערלעכע הילף האָט זיי געשטאַרקט און אויפגע־האַלטן.

עס איז טשיקאַווע וואָס פיל קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האַלטן דעם פויפּסט פּאַול דעם פערטן פאַר איינעם פון די פרומסטע פויפּסטן, פאַר דעם באַשיצער פון קריסטלעכן גלויבן, מאַכן זיך נישט זען פיל היסטאָרישע פאַקטן, וואָס באַווייזן אויגנשיינלעך די מאַכט גייציקייט פון דעם פויפּסט.

עס איז באַוויזן געוואָרן מיט דאָקומענטן, אַז דער פויפּסט האָט אין זיין פויפּסטלעכער אַרמיי געהאַלטן פיל דייטשע לאַנדקנעכט, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט לוטערס תורה און מיט גאָטלאָזיקייט. זיי פלעגן באַשמוצן די צלמים, פאַרשוועכן די הייליקע בילדער. אָבער זיי האָט מען גאָרניט געטאָן. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די גראָבע קראַפט אויף וועלכע ער האָט געבויט זיין מאַכט.

נישט געקוקט וואָס מיר פרואוון אין דעם אַריינפיר געבן עטלעכע היסטאָרישע פּאַרטייטשונגען, איז אָבער דאָס בוך, דער ראָמאַן "אין דער רוימישער געטאָ" נישט קיין געשיכטע און מיר פירן נישט קיין פּאָלעמיק מיט דער קאַטוילישער פירונג.

מיר האָבן בלויז געפּרואווט זיין נאָענט צו געוויסען היסטאָרישע פאַקט, געזען אין זיי ענלעכקייטן צו אונזער טראַגישער צייט; וואָס דאָס איז געווען די הויפּט טרייב־קראַפט וואָס האָט אָנגעפירט צו יענער פאַרגאַנגענער צייט.

עס איז נישטאָ גענוג היסטאָרישע דאָקומענטן פון יענער צייט הויפּטזעכלעך איז נישטאָ גענוג וועגן דעם יידישן לעבן אין געטאָ. אָבער פון די מאָגערע פאַקטן האָט אונדז דער כוח הדמיון געהאָלפן אויפשטעלן פאַר אונדז אַ בילד פון יענער צייט.

מיר האָבן אין דעם בוך דורכגעפירט מענטשן, טיפּן און פערזענלעכקייטן וואָס טייל פון זיי זיינען געשטאַלטן און אַנדערע ענלעך צו געוויסע היסטאָרישע פיגורן און פערזענלעכקייטן, וואָס זיינען פיקטיוו צוגעטראַכט געוואָרן אויסצופילן די פונקציע פון אויפבויען אַ גאַנצע פּאַרעם פון האַנדלונגען און פּאַסירונגען, ווי דער שטייגער איז ביים שאַפן אַ דערציילונג.

מיר האָבן געפּרואווט מיטגיין מיט די אַלע מענטשן אין דעם בוך מיט דעם גאַנג פון זייער היסטאָרישן און אויך פערזענלעכן גורל. ענלעכע, אָדער פונקט אַזעלכע האַנדלונגען און פּאַסירונגען, זיינען פאָרגעקומען אין יענער טראַגישער צייט פון וויטן מיטלאַלטער אין רוים, און פיל ענלעכע, זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער טראַגישער צייט.

# ערשטער קאַפּיטל

עס איז געפאַלן אַ קילער פרילינג־רעגן. פון די בערג אַרום רוים זיינען געלאָפן שטראָמען וואַסער פון צעגאַנגענעם שניי צום טיבער־טייך. דער אויפגעשוואָלענער טיבער־טייך האָט זיך געשפּאַרט פון די ברעגן, געשליידערט די פאַראַנקערטע שיפלעך ביים האַפן. געשוימט מיט ליימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי ווענט. צעקנוילטע ביימער־וואָרצלען און צעפליקטע ברעטער האָבן זיך אָפּגעריסן פון די ברויזנדיקע געלע שטראָמען און פאַרגאָסן די שמאָלע געטאָ־געסלעך.

דאָס געלע וואַסער האָט אַריינגעפלייצט אין די קעלער־שטובן פון די טוכלע שטיינערנע ברעג־הייזער. אויסגעדאַרטע קינדער, שווינדזיכטיקע פרויען מיט פאַרקאָטשעטע שמאַטענדיקע קליידער, האָבן מיט שעפלעך געשעפּט דאָס געלע וואַסער פון די פאַרגאָסענע פאָדער־הייזער.

דער אַרצט עמנואל סאבאטי, דער רופא פון דער געטאָ, האָט פּאַמעלעך געשפּאַנט באַרג אַרויף פון דעם נידעריקן פיומארא געסל צו דער אַקטאוויע. ער איז געווען מיד פון דעם שווערן טאָג אַרבעט. די ענגע הייזער זיינען פול מיט קראַנקע. דאָס וואַסער שטייגט פון מינוט צו מינוט. וויפיל ער זאָל נישט טאָן איז ווייניק, ווייניק צו פאַרטרייבן די מגפה פון דער געטאָ. זיין בלייך פּנים מיט דער שאַרפער אָדלער־נאָז איז איצט געווען קלענער ווי געוויינלעך, ווי עס וואָלט אַיינגעשרומפּן געוואָרן אין דעם שוואַרצן בערדל, וואָס איז געוואַקסן גלייך אַרונטער צום האַלדז.

פון דער שמאָלער גאַס איז אַוועקגעפאָרן די עגלה, אַיינגעהילט אין שוואַרצן מיט די צונויפגעקליבענע מתים. זי האָט זיך געצויגן צום פישמאַרק, פון דאָרט צום געטאָ־טויער. קיינער האָט זי נישט באַגלייט. אַזוי איז

דער באַפעל פון פּאַבסט—נישט צו באַגלייטן די יידישע מתים. פון די הייזער אין דער טונקעלער פּיומאַרא גאַס האָט זיך געהערט אַ שטיל פאַרשטשעמעט געוויין, וואָס איז פאַרטויבט געוואָרן פון שטורעמדיקן וואַסער־גערויש.

דער רופא איז אַרויס פון דער טונקעלער פּיומאַרא גאַס. די גאַס איז געווען ווי אַ שמאָלער קאָרידאָר פאַרדעקט מיט איבערשטע חדרים, ווי בריקלעך פון דער לינקער זייט צו דער צווייטער זייט גאַס אַריבער. עמנואל דער רופא האָט שווער געזיפצט. עס איז אים געווען ענג אין ברוסט־קאַסטן. ער האָט געפילט ווי עס וואָלט געווען זיין שולד, וואָס ער האָט נישט געקענט ראַטעווען די אַלע חולאים, וואָס די עגלה האָט אַוועקגעפירט. אין די הייזער קוקט מען אויף אים ווי אויף אַ שלימזל, וואָס האָט זיך דוקא איינגעשפּאַרט גובר צו זיין די שטראָף פון גאָט. די פיבער־מגפה שפרייט זיך אויס. מען טאָר ניט פאַרלירן קיין צייט. נאָך ערגער איז צווישן די חורבות אין טרעסטעווער, ביים האַפן, דאָרט שטאַרבן יונג און אַלט,—אַן אמתע פּלאָג.

ער האָט געקוקט אויף די הייזער. מאָרגן וועט ער דאָ נישט קאָנען זיין. ער וועט באַזוכן די שכנים—די סיריער, גריכן, די מאַטראָסן־פאַמיליעס, די גאַרבער, אין די קריסטלעכע געסלעך. דאָרטן וואַקסט די שנאה צום געטאָ. די דאָמיניקאַנער פריידיקער פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער טייוול קומט אַריבער די פאַרשפּאַרטע ווענט און ברענגט די פיבער־מגפה. ער וועט גיין אין די קריסטלעכע אָרעמע שטיבער און איינשטילן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ רפואה די אָרעמעלייט, ביז דאָס וואַסער וועט פאַלן. די זון וועט אַ שיין טאָן, און אים העלפן אויסהיילן די פיבער־קראַנקע.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. ס׳איז געווען אַ פאַרנאַכטיקע טונקלקייט. דער הימל אָנגעשוואָלן, מיט אַ בויך וואַסער, געל ווי דער טי־בער־טייך, האָט געהויערט איבער די הייזער, ווי אַ מבול וואָלט זיך געקליבן אַרונטערצולאָזן אויף דער שטאָט רוים. די יידישע קעלער־קראָמען זיינען געווען אָפן. די קרעמער, די אַנטיקן־הענדלער, זיינען יעדע ווײַלע אַרויסגע־לאָפן פון די קעלערן, געכאַפּט אַ קוק צום טיבער, צי ער וועט טאַקע אַרויפ־שיקן זיינע כוואַליעס, און צום הימל, וואָס האָט אַזוי פרי טונקל געמאַכט די גאַס. היינט איז פרייטיק, און זיי קאָנען נאָך חלילה מחלל שבת זיין.

ביי די קעלער־קראָמען זיינען געלעגן אַלטע צעדריבלעוועטע קליידער. גאַנצע בערג אַלטוואַרג, שטיקלעך זייד, גאָלדענע פּראַנזן, פּרוכתן, מענטע־לעך, פאַרהאַנגען פון אַלערליי קאָלירן, בלויע, שוואַרצע און ווייסע. ביי די אַנטיקן־קעלערן זיינען געלעגן שטיקלעך מאַרמאָרנע סטאַטועז, פאַרצייטיקע שריפטן, מטבעות צעבראָכן געוואָר. גאַנצע פאַמיליעס זיינען געזעסן צווישן דעם ברוכוואַרג. פאַרברודיקטע און מיט זשעדנעקייט געזוכט, געגנישטערט

צווישן דעם אָפּפאַל, צונויפגעשטעלט גאַנצע זאַכן. די עלטסטע אַנטיקן האָבן זיך דאָ געפונען פון האַניבאַלס צייטן, קלעאָפּאַטרעס און טיטוסעס.

אינעווייניק אין די קעלער־קראָמען האָט מען נישט געטראַכט וועגן דער מגפה, וועגן דעם טיבער־טייך. יידישע מיידלעך, פרויען, אויסגעדאַרטע, מיט פאַרוועלקטע בלייכע פנימער, מיט רויטע טראַכאָמע אויגן, האָבן צונויפגעניי פון די שטיקלעך קליידער, געמאַכט פאַרהאַנגען. זיי האָבן זיך געיאָגט פאַרטיק צו מאַכן, נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרקעמען זייערע שוואַרצע צעפּאַטלטע האָר.

דורך די אַכט געטאָ־טויערן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען יידן פון שטאָט. יידן פעקל־טרעגער, שמאַטע־קלייבער, אויפקויפער פון אַלטע זוילן, שטיקלעך אַנטיקן, זיידענע אָפּפאַלן, און זיך געלאָזט צו די קעלער־קראָמען. די אָרעמע יידן האָבן זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם רופא עמנואל. אַנדערע האָבן זיך דערשראָקן, זיך דערמאָנט ביי ווען דאָס ווייב איז קראַנק, ביי ווען אַ קינד ליגט אין בעט.

—גאָט זאָל העלפן, מר. סאבאטי, פריד צו אייך!

טייל האָבן אים הויך געלויבט, און עמנואל האָט דערפון שעמעוודיק אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

—פריער גאָט, נאָכדעם איר. ביי אונדז דאָ איז מיט רחמים. ביי די ערלים, נעבעך, איז אַ גאָטס רחמנות . . . גאַנצע משפחות שטאַרבן אויס.

— מיט בלעקעצן צום יוזל קען מען גאַרנישט מאַכן, ווייזט אויס. איר זאָלט וויסן, יידן, אַז צום איינציקן לעבעדיקן יידישן גאָט דאַרף מען האָפן!— איז איינער פון זעקל־טרעגער אַריינגעפאַלן אין התלהבות.

—ש ש ש,—האָט אַ צווייטער אַ דערשראָקענער אים אָנגעכאַפּט ביי דער יאַקע, זיך אומגעקוקט צי אַ פרעמדער האָט נישט געהערט.

—שוטה! ווילסט אויף פאַרברענט ווערן, אומקומען אויף קידוש השם?

עמנואל האָט מיט פריינטלעכקייט זיך געזעגנט מיט זיי. דאָס האַרץ איז אים פול געוואָרן מיט ווייטיק צו די אַלע מענטשן. אויב, חלילה, דאָס וואַסער וועט אַרויפלויפן ביז דער אקטאוויע, וואָס וועלן טאָן די אַלע מענטשן? ער וואָלט געדאַרפט אַרויפגיין צום עושר רבי עזריאל טאַסקאַני און זיך מיט אים דורכרעדן. אין זיינע חזקה־הייזער איז גערוים. זאָל ער דערווייל אַהין אַריינלאָזן די אביונים. ער וועט אים זאָגן, אַז זיינע ברידער זיינען אין גרויס סכנה. אָדער טאַסקאַני זאָל שאַפן אַ סומע געלט און זיך משתדל זיין ביים פויפּסטלעכן קאַסירער, דער מאָנסעניאָר טשענטשי, וואָס וואוינט דאָ בשכנות דעם געטאָ אין דעם פאַלאַץ טשענטשי. אפשר וועלן זיי לאָזן אַרויסציען אַביסל יידן אויסער דעם געטאָ ביז דאָס וואַסער וועט פאַלן. טאָמער וועט ער זיך

אײַנשפּאַרן, עזריאל טאַסקאַני, וועט ער אים זאָגן: זייער ווייניק גוטס האָסטו געטאָן אויף דער וועלט. דײַן גורל איז היינט באַגלייך מיט אַלע יידן דאָ אין געטאָ.

עס איז גיך טונקל געוואָרן. די יידן האָבן אײַלנדיק גענומען שלעפּן זייער אַלטוואַרג, ברוכוואַרג אין די קעלערן. צווישן די געדיכטע שמאָלע געסלעך אויף דער אַקטאַוויע האָט זיך געטראָגן דאָס אויסגעצויגענע קלינגענ־דיקע קול פון בית־דין־שמש:

— קבלת שבת, יהודים, קבלת שבת!

אין די פענצטער האָבן זיך באַוויזן אָנגעצונדענע ליכט, טריבע צאַנ־קענדיקע ליכט. דאָ און דאָרטן האָט מען געזען פרומע יידן אײַלן צו דער סינאַגאָגע מיט זייערע קינדער. אין די געסלעך איז געוואָרן שטיל, עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שאַרגנדיקע רוישן פון די אומרואיקע כוואַליעס אין דעם טיבער. עמנואל סאַבאַטי האָט זיך אײַנגעהערט, הייסט עס—די פאַר־פלייצונג ווערט שטאַרקער.

ביי די פאָדער־הייזער זײַנען געשטאַנען מיידלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ אײַנגעהילט אין טיכלעך, מיט ריינע קליידלעך און מיט שרעק אַרונ־טערגעקוקט צו דער פיומאַרא־גאַס, צום טיבער. דער טייך האָט איצט אויס־געזען ברייט, צונויפגעגאָסן מיטן הימל, ברייט ווי אַ געלער ליימיקער ים.

עמנואל איז צוגעקומען צום הויז פון דעם עושר עזריאל טאַסקאַני. אַ גרויס הויז, מיט לאַנגע פענצטער, טייל באַלויכטן, פאַרן אַריינגאַנג איז געשטאַ־נען אַ הויכער קיילעכדיקער בעקן, פון אויבן אַ מאַרמאָרן מלאכל, פיין געשניצט, מיט שוועבנדיקע פליגעלעך. פון אויפגעבלאָזענעם פּיסקל האָט געשפּריצט אַ שטראָמל וואַסער. אין דעם הויז האָט געוואוינט די פאַמיליע טאַסקאַני. נאָכן פאַרבאָט פון פּאַבסט צו לייען געלט אויף פּראָצענט, האָבן זיי אַריינגעלייגט זייער פאַרמעגן אין הייזער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַ רוימישן דוכוס, זיי פאַרריכט און געהאַט חזקה אויף זיי.

ביים אַריינגאַנג האָט זיך עמנואל אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט ביי אים שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. בחור־וויַיז, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין שטודירן מעדיצין אין פּאַדואַר או־ניווערסיטעט, האָט ער זיך געשדכנט צו מרימען, עזריאלס איצטיקע פרוי. זי איז געווען זייער שיין. איר בלאַסלעך פאַרבענקט פּנים איז אים געווען זייער נאָענט. זי איז געווען צופרידן ווען ער איז געקומען צו זיי אין הויז. באַר איי־דער ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז זי פאַרקנסט געוואָרן צו איר קוזין עזריאל. ביז איצט איז אים נישט קלאָר, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען. מענטשן האָבן בסוד סודות געזאָגט, אַז איר פאָטער לווי טאַסקאַני האָט נישט

געוואָלט אַוועקגעבן איר נדן, עטלעכע טויזנט דוקאַטן, קיין פרעמדן מענטשן, דערצו נאָך אַ סיציליאַנער, פון וואַנען סאַבאַטי האָט געשטאַמט. איז זי און איר געלט געבליבן אין דער משפּחה . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט פאַרריכט זיין אויבערכאַלאַט, אָפּגעשאָקלט פון זיך די געדאַנקען. איצט איז ער שוין אַליין אַ טאַטע פון צוויי קינדער. מאַלע וואָס אַמאָל איז געווען. ער איז אַרויף אויף עטלעכע טרעפּ. אָנגעקלאַפּט מיטן אייזערנעם רינגל, אויסגעשניצט ווי אַ קעפּל פון אַ לייב, וואָס איז געהאַנגען אויף דער טיר. אַ מיטליאָריקע דינסט האָט געעפנט אַ טירל און אַרויסגעקוקט פונעם פענצטערל מיט קראַטעס.

— וואָס וויל דער פרעמדער מאַן? דער בעל הבית טאַסקאַני איז נאָך נישט געקומען פון קבלת־שבת.

— איך בין ניט קיין פרעמדער! אויב פרויען בלויז זיינען אין הויז, וועל איך צוואַרטן אין דרויסן.

עס האָט זיך באַוויזן מרים, דעם עושר עזריאלס פרוי. איר בלאַס פּנים, מיט די טיפע רינגען אונטער די אויגן, איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן.

— אָ! דאָקטאָר סאַבאַטי, קומט אַריין, עזריאל קומט גלייך. אַ זעלטענער גאַסט!

זי איז באַלד פאַרשוואונדן. די דינסט האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער. עס האָבן געברענט אַ סך ליכט. אויף דער קאָמאָד איז געשטאַנען אַ זיבן־רערנדיקע מנורה מיט וואָקסענע ליכט. אויפן טיש — מעשענע לייכטער מיט שבת־ליכט; ווייסע חלות, צוגעדעקט מיט אַן אויסגעשטריקט טישטעכל, עטלעכע זילבערנע בעכער אַרום אַ פלאַש ווייַן.

פון קיך האָט געשמעקט מיט גוטע מאכלים מיט אַלערליי געווירצן. אַלץ איז דאָ געווען ריין, זויבער—די קופּערנע קוואָרטן, די בעקנס אויפן קאָמאָד, די טאַצן מיט אָרנאַמענטן אויף די ווענט, די טעפּיכער. אינגאַנצן אַנדערש ווי ער איז צוגעוואוינט צו זען אין די הונדערטער געטאָ־היימען.

סאַבאַטי האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס מרים האָט אַזאַ פאַרטרויערט פּנים. האָט זי אַ שלעכט לעבן ביי עזריאלן, האָט זי אים פיינט? אָדער ווייל זייער ערשטלינג איז אַ בעל־מום? סיי ווי, אים האָט מען דאָ אין הויז נישט גערופן, און מיט זייער קראַנק קינד האָט מען זיך קיינמאָל אין גאַס נישט אַרויסגעלאָזט.

פון קיך איז אַריינגעקומען מרים, איר ווייס קאָפּ־טיכל מיט שפּיצלעך האָט פאַרדעקט איר האָניק־ברוינלעכע האָר. הינטער איר איז נאָכגעלאָפן אַ שיין יינגעלע, ענלעך אויף דער מוטער, און שטום געיאָמערט. עפּעס געוואָלט זאָגן.

—אום, אום, אום—האָט ער ווייטיקדיק געריעדט.
מרים האָט אים פאַרשטעלט, זיך אומגעקערט צו דער קיך און גערופן:
—צביה, נעם אים צו. איך בעט אײַך, צביה טײַערע.
סאבאטי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, נישט געוואָלט פאַרשטאַרקן איר בזיון. ער האָט באַטראַכט דעם אָרנאַמענט איבער דעם קאָמאָד. עס איז געווען אויסגעקלאַפּט דוד המלכס האַרפּע, און אין הינטערגרונט—דעם מלכס הויף . . . איר ערשטלינג איז אַ שטומער, ווי עס פּאַסירט—דאָס רעטעניש־דיקע טרעפונג ביי משפּחות, וואָס זיינען זיך צו נאָענט משדך.
עס האָבן זיך דערהערט טריט אין פאָדער־הויז. עזריאל איז אָנגעקומען מיט רעש—ווי צען מענטשן וואָלטן געקומען. ער איז געווען פלינק און ני־דעריק, באַוואָקסן מיט גרויסע ברעמען און אַ ברייטער באָרד.
—אָ, סאבאטי, דיך דאַרף איך דאָך! ווען איך טראַכט וועגן אַ גוטן מלאך, קומט ער. קענסט מיר אפשר זאָגן, וואָס טוט זיך דאָרטן ביי די שנאָרער?—האָט ער אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיק פּנים.
—זינט גאָט האָט אונדז געשטראָפט און איך מוז וואוינען אין געטאָ, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרלוירן דעם דרך ארץ צו מיר, טאַסקאַני . . .
ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גרויסער אויסגעבעטער שטול אויבנאָן ביים טיש.
—זיך, זיך, סאבאטי! עס בלייבט מיר בלויז צו דאַוונען ביחידות. איך קען נישט קומען אין סינאַגאָגע. דאָס ערב רב אין די פינף שולן,—די סיצי־ליאַנישע איבערהויפּט, רייסן פון מיר שטיקער. רק גיב און גיב!
—עס איז זיי שלעכט, עזריאל—האָט עמנואל געזאָגט.
—איך ווייס, אַ נייעס ער דערציילט דאָ. ווען איז אָרעמעלייט געווען גוט?
סאבאטי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול נישט ווייט פון עזריאל.
—דאָס וואַסער שטייגט. די מגפה הערט נישט אויף. די יידישע קהילה טאָר נישט אויסשטאַרבן, דו הערסט, זי טאָר נישט.
עזריאל איז פלינק אַראָפּ פון זיין הויכער שטול, גענומען לויפן הין און צוריק.
—איך האָב מיינע צרות. עס דרייט זיך אַרום אַ קינד, אַ גאָלדן קינד, שטום ווי די וואַנט. איך גיב נדבות, פּרוכתן. שרייב איך נישט יעדעס יאָר אַ ספר תורה? און דאָס קינד זאָל דאָס עפענען אַ מויל, אַן אפּיקורס וועל איך ווערן.
סאַבאַטי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף עזריאלס אַקסל.
—דאָס מאָל דאַרפסטו געבן פאַר זייערטוועגן, נישט פאַר דיר . . . אין דיינע חזקה הייזער איז נאָך געררים. אין מיטן מאַנסעניאָר טשענטשי דאַרף

מען רעדן. געלט דאַרף מען. אַרויסצונעמען אויף דער ווייל די אָרעמעלייט פון דער פיומאַרא.

עזריאל האָט באַדויערנדיק געשמייכלט.

—דו ביסט דאָך, סאַבאַטי, אַ געלערנטער מאַן, קומסט צווישן די אומות־העולם. ווי וועט זיין אַז די יידעלעך פון דער פיומאַרא וועלן זיך ראַטעווען, וועלן די קריסטן זאָגן: זעסט, זיי זיינען געזונט און דעם טייוול אַריבערגע־שיקט . . . אַ ייד וועט נאָכדעם נישט קאָנען אַרויסגיין פון געטאָ.

—דאָס לאָז איבער צו די מעדיקער צו היילן די פּלאָג.

סאַבאַטי האָט זיך אָפּגעשטעלט שאַרף לעבן עזריאלן. זיין פּנים איז גע־ווען אָפּשפּעטנדיק, זיגעריש.

—יאָ, צו אייך . . . מען דאַרף אַלץ איבערלאָזן צו גאָטס רצון. ווער ס׳דאַרף שטאַרבן, וועט סיי ווי שטאַרבן. מיר דאַרפן זיך נישט מער מיען פאַר די אָרעמעלייט ווי זיי, די האַרן, אויסער דעם געטאָ מיען זיך פאַר זייערע . . .

עמנואל האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט פאַרקריצט די ציין. ווי עס זעט אויס, איז שוין איבעריק זיינע רייד. ער האָט שוין מער דאָ נישט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון עזריאלן אַרויסצוגיין. ביי דער טיר האָט עמנואל שאַרף געזאָגט:

—זייט זיך מיישב, עזריאל. אויב איר וועט נישט עפּעס טאָן פאַר די אביונים, וועט מען מאָרגן נישט דאַוונען. די סינאַגאָגע וועט ווערן א הקדש.

עזריאל האָט זיך אָפּגעריסן פון שבתדיקן טיש זיין פּנים איז געוואָרן אויפגעצאָרנט.

—צום בית־דין וועל איך דיך רופן! ווילסט מאַכן פון אַ מקום קדוש אַ שטאַל, אַ האַרבעריק?

סאַבאַטי האָט זיך מער נישט אומגעקוקט, זיך געלאָזט צום פאָדער־הויז. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט מרים, עזריאלס פרוי. זי איז געשטאַנען ביים פאַרהאַנג פון דער קיך־טיר. איר פּנים איז געווען בלאַסער ווי פריער, די רייפן אַרום די אויגן טיפער. עס איז אים דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן לייב. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט. איר פּנים האָט זיך צעשמייכלט, מיט עפּעס אַ צעווייטיקטן שמייכל, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים צעוויינען.

סאַבאַטי איז אַרויס אין גאַס. עס איז שוין געווען פינצטער. בלויז פון טייל פאַרנטיקע פענצטער זיינען געפאַלן שאָטנס, אָפּשיין פון טריבע שבת־דיקע ליכט־פלעמלעך. ערגעץ ביי די ראָגן האָט אַ לאַמטערנע באַלויכטן אַ שטיינערנע וואַנט, אַ שטיקל גאַס. דאָס וואַסער ביים טיבער האָט נאָך שטאַר־קער גערוישט, ווי אַ שטורעמדיקער וואַסערפאַל, וואָס צעקלאַפּט זיך אויף שטיינערנע פעלזן.

פון דער נידעריקער פיומארא גאַס, פון דער קאַטאַלאַנע האָט זיך גע־טראָגן אַ מוראדיקער טומל. די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעצויגן. אַלטע מענטשן, קאַליקעס, לאַמע, הינקענדיקע, וואָס זעען קיינמאָל נישט די זון אין זייערע פינצטערע חדרים, האָבן זיך איצט געצויגן. בעטלער וואָס קריגן זייער שטיקל ברויט בשותפות, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַ הינקענדיקער ייִד האָט געפירט דעם בלינדן אַליקום. דער בלינדער האָט יעדע ווײַלע געטאַפּט מיטן שטעקן, געריסן דעם לאַמען פאַראויס, וואָס־גיכער אַוועק פון געפאַר. עס האָבן זיך אויך געצויגן גאַנצע משפחות. די מענער האָבן געשלעפּט פּעק־לעך, געטראָגן אויף די קעפּ זייערע חפצים. דאַרע ווײַבער האָבן געהאַלטן זייערע קראַנקע קינדער ביי די בריסטן צוגעבונדן. קליינוואַרג איז נאָכגע־לאָפן דערשראָקן, זיך אָנגעהאַלטן ביי די נאַסע יאַקעס און מוראדיק געוויינט. טייל זיינען פאַרשוואונדן אין די הייזער אויף דער אַקטאַוויע, אַנדערע האָבן געקוקט אויף די פינצטערע געסלעך, געטראַכט וואו צו גייען און זיך צום סוף פאַרקערעוועט צו דער סינאַגאָגע, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון געטאָ־טויער נאָענט פון קאַליסייאום. מיט די מענטשן זיינען מיטגעלאָפן די איינ־זאַמע קעץ, זיך געשאַרט צווישן די פיס און געוויינט, זיך געבעטן ווי קליינע דערשראָקענע קינדער.

***

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. אַלע אין הויז ביי עמנואל סאַ־באטי זיינען שוין געשלאָפן. בלויז דער רופא אַליין איז געזעסן ביים טיש לעבן אַ שטויס מיט ביכער און זיך געוויגט איבער אַ ספר מיט גרויס התמדה. די געשטאַלטן פון די גרויסע מעדיקער אין צייט פון דער שוואַרצער פּלאָג, זיינען געשטאַנען פאַר זיינע אויגן: דזשענטיל פון געננוא אוניווערסיטעט, וואָס איז אומגעקומען ביים ראַטעווען די חולאים. סאוואנאראלע דער לערער פון די פּאַדואר מעדיקער.

די וועקסענע ליכט אין די מעשענע לייכטער האָבן געצאַנקט, געפלעמלט מיט די לעצטע קרעפטן. דער צערונענער וואַקס האָט געטריפט אַרונטער אויפן ווייסן טישטעך. די צאַנקענדיקע ליכט האָבן געוואָרפן שאָטנס אויף די ווענט מיט שאַפעס ספרים. ווערק אין עטלעכע שפּראַכן—אַראַביש, לאַטיין און העַ־ברעאיש.

עמנואל האָט אויסגעגלייכט זיין רוקן. ער האָט געהערט ווי דער רעגן פאַרשטאַרקט זיך אין דרויסן, שמייסט די שויבן ווי מיט בייטשן, קלאַפּט אויף די ווענט. עמנואל האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, צוגעגאַנגען צום פענצטער, און געקוקט אומרואיק אין דער בלינדער נאַכט אַריין. דער רעגן האָט זיך

געטראָגן מיט אַ שטורעמווינט, געשליידערט די נישט־באַפּעסטיקטע לאָדנס, פלויטן, ערגעץ האָט געקלאַפּט אַן אָפּגעריסענער דאַך, אַן אָפענע טיר. פון צייט צו צייט האָט זיך פון ערגעץ פאַרבייגעטראָגן אַ געוויין.

פון דרויסנדיקן טומל האָט זיך אויפגעכאַפּט עמנואלס האַלביאָריקער זון, און געמאַכט געוואַלדן. עמנואל האָט געהערט ווי זיין ווייב מנוחה גייט אַרונטער פון בעט. ער איז שטיל צוגעגאַנגען צום שלאָף־חדר. די צאַנקענדיקע ליכט האָבן באַלויכטן זיין ווייבס געשטאַלט. זי איז געלעגן מיט אַן אויפגע־דעקטער ברוסט איבערן וויגל און געזויגן דאָס קינד. עמנואל איז צוגעגאַנגען נעענטער. דער זון האָט געהאַט אַ בייז ברוגזדיק פּנים, אינגאַנצן באַגאָסן מיט טרערן. ער האָט געזויגן גיך, האַסטיק מיט די ליפּעלעך. די מוטער האָט זיך געוויגט איבערן וויגל און שטיל צוגעברומט אַ ניגונדל. עמנואל האָט זיך איינ־געבויגן, אַ גלעט געטאָן אירע גלאַנציקע שוואַרצע האָר. מנוחה האָט אויסגע־דרייט איר קאָפּ. איר שטאַרק מענעריש פּנים איז אויפגעלויכטן געוואָרן מיט עפּעס אַ פאַרוואונדערונג פון דער פּלוצימדיקער צאַרטקייט צו איר. זי האָט לעצטנס דאָס זעלטן געזען.

—נו, גיי שלאָפן! דו ביזט לעצטנס אַזוי אויסגעצערט, עמנואל.

זי האָט מוטערלעך צוגעלייגט איר אויסגעאַרבעטע האַנט צו זיין פייכטן שטערן, אָפּגעווישט דעם קאַלטן שוויס.

—זע נאָר, עמנואל, דו זאָלסט אַליין נישט קראַנק ווערן.

—וועט זיין מיט אַ היברעא מעדיקער וויניקער !

מנוחה האָט אַרונטערגעלאָזט די הענט, אַרויסגעצויגן די ברוסט פון קינדערישן מויל, זיך פאַרדעקט דעם בוזעם. איר פּנים איז געוואָרן אויסגע־לאָשן, פאַרפינצטערט.

—דו שרעקסט מיך, עמנואל !

—פאַרגיב מיר, פאַרגיב מיר, מנוחה—האָט עמנואל שטיל געבעטן.

—אין געטאָ ווערט אַלץ ענגער און ענגער. טויזנטער נפשות אויף אַזאַ שטיקעלע שטח, גאָט מיינער! דער נייער פּאַפּסט וועט באַלד צונעמען דאָס לעצטע ביסעלע רעכט פון אונדזערע מעדיקער. קיין נייע לאָזט מען נישט לערנען. זיי ווילן אונדז פאַרניכטן !

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ טומל. ערגעץ נאָענט האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אַ גרויסע מאַסע, און זיך אַרונטערגעלאָזט מיט אַ קראַך ווי אַ הויז, אָדער אַ בריק וואָלט זיך אָפּגעריסן ביים טיבער טייך. עמנואל האָט געכאַפּט אויף זיך דעם כאַלאַט.

— זיי רואיק, מנוחה! אַהער וועט דאָס וואַסער ניט דערגיין!

ער איז אַרויס פון שטוב. פון אַלע פיר גאַרנס, פון אַלע ענגע שטיבער

זיינען די שכנים אַרונטערגעלאָפן אין גאַס. דורך די שמאָלע לאַנגע פענצטער פון פאָדער־הויז, וואָס זיינען אַרויס צום טיבער טייך, האָבן זיך געזען פלאַמען פון אָנגעצונדענע שטורקאַצן, האָבן ווייט אַריבער דעם געטאָ, אין גאַנצן געגנט פון טרעסטעווער אַרומגעבלאָנדזשעט.

פון אַלע הייזער, פון אַלע פענצטער האָבן די מענטשן אַרויסגעשטעקט די קעפּ.

—ווייזט אויס די גאַנצע געטאָ וועט פאַרפלייצט ווערן.

עמנואל האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט דער שמאָלער גאַס צום טיבער טייך. ער האָט ווייט נישט געקענט גיין. דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביז צו דער אַקטאַוויע. פון אַלע זייטן זיינען געלאָפן אַהער מענטשן. פון די הויכע אַלטע הייזער האַלב־פאַרזונקען אין וואַסער איז געקומען אַ יללהדיק געשריי:

—ראַטעוועט, יידן, ראַטעוועט!

יונגעלייט, שטאַרקע יידן, הענדלער פון אַלטן אייזן, טרעגער, זיינען אַרומגעלאָפן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די שטאַרקע הענט.

—ווען עס איז אַ שרפה, זע איך ווי איך בין אין דער וועלט, אָבער דאָ אַזאַ פינצטערניש,—האָט זיך איין ייד פאַרענטפערט פאַרן צווייטן.

—מען דאַרף אָנצינדן אַ פלאַקער. פּיקוח נפש דוחה שבת!

אָבער קיינער האָט נישט אָנגעצונדן קיין פייער. אייניקע זיינען געלאָפן צום וועכטער פון געטאָ־טויער, דער איינציקער קריסט אין געטאָ. באַלד האָט זיך דערזען אַ מאַן מיט אַ פּעכיקן פלאַקער אין האַנט, הינטער אים זיינען נאָכ־געלאָפן אַסך מענטשן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים וואַסער, זיך געצומען צלמען.

—סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ סיציליאַ!

דער פּעכיקער שטורקאַץ האָט געפלאַקערט, געזאָטן מיט אַן איבעלדיקן גערוך. דער פלאַקער האָט אויפגעדעקט די פאַרזונקענע הייזער. אויפן אויבערפלאַך פון טייך זיינען אַרומגעשוואומען אַלטע קליידער, צעבראָכענע מעבל, כלים. רעגנטראָפּנס האָבן געפינטלט אויפן וואַסער. דער ווינט האָט געטריבן דאָס וואַסער אַרויף, נידעריק, ביי דער פיומאַרא, האָט דאָס וואַסער אָפּגעשווענקט עטלעכע אַלטע הייזער. פון האַלב־פאַרזונקענעם שטיינערנעם שעכטהויז האָט זיך געטראָגן אַ מוראדיק מעקען פון פאַרשלאָסענע בהמות.

דער פיש־הענדלער, יונתן, אַ הויכער, פלינקער ייד, האָט געבראַכט צופירן אויף אַ צוויי רעדלדיק וועגעלע אַ שיפל. ער האָט דאָס שיפל גיך אָפּ־געבונדן. געלאָזט עס אויפן וואַסער. דאָס וואַסער האָט עס געשליידערט צוריק.

—פאַר נישט, יונתן, ביזט אַ טאַטע פון קליינע קינדער,—האָבן מענטשן גענומען זיך בעטן ביי אים.

—דער טיבער דאַרף אַ קרבן. ווי גאָט איז דיר ליב, גיי נישט!

יונתן האָט אַרויפגערוקט זיין געלבלעכן טורבאַן, געקראַצט זיינע פּע־כיקע שוואַרצע האָר. ער האָט זיך געקווענקלט.

דער רופא סאבאטי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די מענטשן, אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף יונתנס ברייטע אַקסלען.

—קום, יונתן! ראַטעווען אַ מענטשן איז ווי ראַטעווען די וועלט!

יונתן האָט אַ שפּיי געטאָן אויפן כוואַליקן וואַסער, דאָס פּנים האָט ביי אים אויפגעפלאַמט. ער איז אַריינגעשפּרונגען פלינק אין שיפל, נאָך אים דער רופא עמנואל סאבאטי.

די מענטשן ביים ברעג זיינען געבליבן מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם. דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג. יונתן האָט פאַרעקשנט געטריבן דאָס שיפל, צעשפּאָלטן די כוואַליעס מיט די וועסלעס, ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ מאַטראָס און געוואוינט אויף דעם אידנזל קאָרפו, איידער ער איז געקומען קיין רוים. יונתן האָט געהאַלטן דאָס שיפל נאָענט ביי די הייזער. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן, זיי אָפּגעצוואָגן. די מענטשן ביים ברעג, די איינוואוינער פון די פאַרזונקענע הייזער, האָבן יעדע ווייַלע אויסגעשריען מיט דערשראָ־קענע געוואַלדן. דאָס שיפל איז געפאָרן אַרום די אָפענע פענצטער. דאָס וואַ־סער האָט געפליעסקעט אין אָפענע חדרים. מענטשן זיינען געקראָכן אויף די דעכער, זיך געדראַפּעט און געשפּרונגען אַוועק פון זייערע פאַרפלייצטע שטיבער.

דאָס שיפל האָט זיך גערוקט ווייטער צו די הייזער, וואָס זיינען געזונקען אין וואַסער. בלויז די אויסגעקרימטע דעכער, די בוידעם־שטיבלעך מיט שמאָלע פענצטער האָבן אַרויסגעשטייגט.

עמנואל האָט זיך איינגעהערט ער האָט געוואוסט, אַז אין די הייזער האָט ער פאַרנאַכט איבערגעלאָזט קראַנקע מענטשן פון צוויי פענצטערלעך, שמאָלע און לאַנגע, מיט רונדיקע קעפּ ווי מצבות, אויפן סאַמע מיטן דאַך, איז געקומען אַ שוואַך אויסגעמאַטערט געוויין. עמנואל האָט פאַרהאַלטן דאָס שיפל ביים גזימס פון דאַך, ער האָט דערקענט דאָס געוויין, עס איז געווען די אלמנה לאה יהודית, וואָס איר מאַן האָט די מגפה ערשט פון איר אַוועקגענומען.

עמנואל האָט זיך אונטערגעהויבן אַרויסצוגיין. יונתן האָט נישט געלאָזט. יונתן האָט זיך פלינק אַ צי געטאָן צום דאַך. אַ שטויס געטאָן מיטן פויסט אין פענצטער.

—לאה יהודית, קום אַרויס, קום אַרויס, קלאָגערן, וועסט זיך בעסער ווייקן אין מקוה.

ער האָט גלייך אַריינגעוואָרפן די פיס אין אויפגעבראָכענעם פענצטער,

פֿאַרשוואונדן אינעווייניק, באַלד איז דאָס געוויין פֿון דער אַלמנה, געוואָרן שטאַרקער, רייסנדיקער. יונתן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. ער האָט געהאַלטן דער אַלמנהס איינציק געבליבן קינד. די אַלמנה האָט אים געריסן צוריק.

—רוצחים, דאָס איינציקע נפשל ווילסטו מיר צונעמען און שמדן, — האָט זי געשריען מיט אַ משוגענעם געשריי. יונתן איז געבליבן געפּלעפּט, זיך גענומען מיט איר קריגן.

—וואָס מיינסטו, איך בין דעם פּאַפּסט־משרת? איך בין דאָך יונתן דער פישער, בהמה בצורת אָדם, אָט איז דאָך דער רופא סאבאטי.

די פרוי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זיך שעמעוודיק פֿאַררוקט די צעפּאַטלטע האָר אַרונטער דער קופּקע. אירע משוגענע אַרויסגעבאַלעמטע אויגן, זיינען אָנגעפּילט געוואָרן מיט טרערן. זי האָט גענומען שלוכצן, געזופּט די שפּיצן פינגער צום מויל, ווי זיי וואָלטן געבריט. יונתן האָט גיך אַרויסגעטראָגן דאָס קינד. עמנואל האָט דאָס קינד אַרונטערגענומען אונטער זיין כאַלאַט, אַראָפּגעצויגן דאָס נאַסע לייבל, גענומען וואַרעמען דאָס קינד מיט זיין הייסן אָטעם, מיט זיין וואַרעמען לייב. נאָכדעם האָט יונתן אַרויסגעפירט די אַלמנה, זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. יונתן האָט אַ נעם געטאָן די וועסלעס, זיך אַ קערעווע געטאָן אויף צוריק צום שטראָם־וואַסער, וואָס האָט אָפּגעשיינט פון פלאַקערדיקן שטורקאַץביים ברעג.

# צווייטער קאַפּיטל

אַ טריבער גרויער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן געטאָ. דאָס טאָג־ליכט האָט זיך געשפּאַרט דורך דעם געדיכטן נעפּל. די גרויסע גלאָקן פון דער פּעטרוס קאַטעדראַלע האָבן אָנגעהייבן קלינגען. די שווערע קלאַנגען האָבן אַראָפּגענידערט פון דעם טורעמדיקן רונדיקן דאַך. אומעטיקע מעטאַלישע כוואַליעס האָבן געברומט אין דער לופט. באַלד האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע קלויסטערס קירכעס. קאַטעדראַלעס נאָענט פון דער געטאָ.

דער גרויער טאָג האָט אויפגעדעקט די חורבות פון דער שטאָט רוים. לעבן די איבערגעבליבענע מאַרמאָרנע זיילן פון די רוימישע בנינים ביים טיטוס־טויער האָבן זיך אויפגעכאַפּט די איינזאַמע בעטלער פון זייערע נאַכטגעלעגערס. זיי האָבן אָפּגעדעקט די אייטערדיקע וואונדן פון זייערע לייבער און געזוכט אַביסל זון אויפן פאַרוואָלקענטן הימל. פון אונטער די שטאָלן־דעכער, וואָס האָבן אַריבערגעהאַנגען איבער די צעבראָכענע קאָלומנעס, האָבן בהמות אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ. זיי האָבן תמעוואַטע געקוקט און טרויעריק געמעקעט צום הימל.

צווישן די חורבות אין טרעסטעווער זיינען געלעגן די איינוואוינער פון טיבער־ברעג. סיריער, גריכן, אַלערליי באַלמעלאָכעס, גאַרבער, שינדער, פעל־פּאַרבער. זיי זיינען איצט געלעגן מיט זייערע ווייבער, קינדער און געפּעק, ווי אויסגעשפּיגן פון דער פאַרפלייצונג.

די קלויסטער־קלאַנגען האָבן זיך געגומען אײנשטילן. בלויז די קירכעס די הייליקע מאַריע פון טרעסטעווער, די הייליקע סיציליע האָבן דורך זייערע גלאָקן שטיל־טרויעריק גערופן די דערשלאָגענע איינוואוינער. די ווייבער האָבן פאַרהילט זייערע קעפּ, גענומען וואַקסענע ליכט, זיי פאַרצלמט צווישן די פינגער, און זיך געלאָזט צו די קלויסטערס. נאָך זיי האָבן זיך גערירט די בייזע פאַרהאָרעוועטע מענער, נאָכגעגאַנגען די ווייבער מיט טרוי־

עריק אַרונטערגעלאָזטע קעפּ ווי אבלים.

דער וועכטער סטעפּאַנאָ האָט געעפנט דעם טויער פון געטאָ ביי דעם שול־פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען פול מיט די איינוואוינער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון די נידעריקע געסלעך. יעדע משפחה איז געלעגן באַזונדער אויף די בערגלעך מיט געפּעק, דאָ אַן אויסגעמאַטערטע מוטער, אַן אַלטער זיידע, אַ קראַנק קינד.

ביים אַריינגאַנג צום טויער פון דער סינאַגאָגע האָבן צוויי ריזיקע לייבן גבורהדיק אַראָפּגעקוקט פון זייערע מאַרמאָרנע געשטעלן. אויף דער פּאַרבּטיקער וואַנט. ביים אַריינגאַנג אין דער סינאַגאָגע, איז געווען אויפגעמאָלן אַ זיבנערערנדיקע מנורה און דוד המלכס האַרפע. ביים אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען יידן, שבתדיק אויסגעפּוצט. טייל פון זיי האָט די פאַרפּלייצונג נישט געשאַדט. אַלע האָבן געטראָגן היטלעך מיטן געלן געטאָ־קאָליר, ווי דער פּאַפּסט האָט בעשטימט. די מזרח־יידן, וואָס האָבן נישט לאַנג געוואוינט אין רוים, האָבן געטראָגן געלע טורבאַנען. די פאַרמעגלעכע האָבן געטראָגן היטלעך פון אַ פּורפּור־רויטן טוך, אַרומגעניייט מיט שוואַרץ.

מען האָט נישט געקענט דאַווענען בציבור. אין פּאָליש זיינען געלעגן די חולאים. די צוויי שמשים פון בית־דין, צוויי שטאַרקע יידן אין שוואַרצע יופּעס, זיינען געשטאַנען ביי דער אייזערנער טיר מיט אויסגעקאַרבטע אָרנאַמענטן. זיי האָבן נישט געלאָזט עפענען די סינאַגאָגע. אין פּאָליש איז געווען טונקל. דורך די קליינע קאָלירטע פענצטערלעך האָט אַריינגעקאַפּעט אַ ביסל שיין. וועקסענע ליכט אין דעם הענג־לייכטער האָבן טריב געפלעמלט, פאַרטונקלט דאָס טאָג־ליכט, דאָס אייל־לעמפּל ביים מעשענס האַנטפאַס האָט געקאַפּעטשעט. אויף דער ערד ,אויסגעבעט מיט צעריסענע שטרוי־זעק און שמאַטעס, זיינען געלעגן די פיבער־קראַנקע און גערעדט פון היץ משוגענע רייד. אַנדערע האָבן זיך געריסן פון די געלעגערס, געמאַכט "יעלות", געוואָלט שלאָגן מיט די דאַרע ביינערדיקע הענט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די קראַנקע, ביי וועמען ער האָט געצאַפּט בלוט, וועמען ער האָט געגעבן רפואות, פון זיין קעסטעלע מיט מעדיצין, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך.

די אָרעמעלייט זיינען געווען אויפגעצאַרנט אויף די צוויי שמשים, וואָס לאָזן נישט עפענען די סינאַגאָגע. יחזקאל סופר אַ נידעריקער געלבליכער ייד מיט אַ הויקערדיקע פּלייצע, איז געשטאַנען אין דער טיר פון פּאָליש און געטענהט צו די יידן:

— גאָט וויל ניט קיין טעפּיכער, קיין פּרוכתן, קיין כתרים, ישרנות, גוטסקייט וויל גאָט, — זאָגן אונדזערע נביאים.

פון דעם קרענצל יידן, פאַרמעגלעכע יידן, וואָס באַרגן בשתיקה געלט אויף פּראָצענט און נעמען משכנות, האָט עמעצער אויסגעשריגן:

— אָ, ער רעדט דאָך שוין ווי אַ משומד, ווי די דאָמיניקאַנער ריידן, מיט די נביאים רעדט ער.

יונתן דער פישער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּאַליש טיר. מיט די פויסטן צו קרענצל יידן, וואָס האָבן מבייש געווען דעם סופר יחזקאל. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעהאַלטן. ער איז געבליבן שטיין, מיט די אויגן געווענדט צום טויער. עס זיינען אָנגעקומען די פּרנסים, עזריאל טאַסקאַני און ר' הלל, עמנואל סאַבאַטיס שווער. עזריאל איז געלאָפן פאָראויס, נאָך אים דער גרייז־גרויער הלל, מיט דער זילבערנער לויטערער באָרד און איידעלן אויסגעצערטן פּנים.

— וואָס קריגט איר זיך, יידן? איך בין ערב פאַר יעדן פון אייך צום פּויפּסט. איר פאַרשטייט? שטיל זאָל זיין! שטיל!

— משומד רופן זיי אים. ווער נעמט „יידן־שפּיז"*) דער סופר יחזקאל צו זיי, די שיינע יידן.

טאַסקאַני איז צוגעלאָפן האַרט צו יונתן און מיט אַ פינגער אים געפאָכעט פאַר דער נאָז:

— מלקות וועל איך דיך הייסן שלאָגן בפרהסיה. דו ביזט אַן עזות־פּנים. דאָ אין רוים איז מען ניט אַזאַ תקיף!

רב הלל האָט אָנגענומען טאַסקאַני ביים אָרעם און אים געפירט צום פּאַליש. יונתן איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט נישט גע־קענט כאַפּן דעם אָטעם. זיי זיינען אַריין אין פּאַליש. זיי האָבן זיך שטיל באַ־גריסט מיט עמנואלן. ר' הלל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געגלעט די זיל־בערנע באָרד.

— אַ חורבן ירושלים! — האָט דער אַלטער געקלאָגט.

— זאָג זיי עפּעס, עמנואל. די קהלה וועט האָבן אַן אסיפה און שאַפן אַ חברה. דאָס הקדש־שטיבל איז צו קליין, וועלן די גבירים שאַפן אַ הויז. באַרואיק זיי, עמנואל, זיי גלויבן אין דיר.

עמנואל האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ, פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט עזריאל געבראַכט זיין שווער. ער האָט אָנגערעדט אויף אים פאַר דעם אַלטן רב הלל.

עמנואל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו עזריאל און שטרענג געזאָגט:

— איך בין ניט קיין מגיד. איך בין בלויז אַ רופא און איך טו מיין

---

*) פּראָצענט.

חלק ווי ווייט גאָט גיט מיר כוח.

אין דרויסן איז געוואָרן אַ גערודער. די יידן זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע ווינקלען, זיך באַהאַלטן. טייל האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין פּאַליש.

— זיי גייען די "סבירים"*) דעם פּויפּסט משרתים, די דאָמיניקאַנער הינט ימח שמם! — האָט עמיץ דערשראָקן אויסגעשריען.

טייל יידן האָבן גיך פאַרבונדן די קעפּ. זיך אָנגעלענט ביי די פּאַליש־ווענט. זיי האָבן געקראָגן בלאַסע חלשותדיקע פּנימער, ווי זיי וואָלטן שטאַרק קראַנק געווען.

איינער אַ דאַרער ייד מיט צעפּלוטעטע אויגן, איז צוגעלאָפן צו עמנו־אלן, זיך בעהאַלטן הינטער אים, און זיך גענומען בעטן:

— זיי האָבן אַן אויג אויף מיר, זיי ווילן מיך נעמען אין קאַטאַכיסטן־הויז, עס איז שוין פּאַר פּאַסכע און זיי האָבן נאָך ניט קיינעם צו שמדן. איך וויל ניט זיין קיין קרבן, איך וויל ניט.

אַנדערע האָבן זיך אָנגעטאָן די טליתים און זיך געשטעלט שאָקלען פרום מיט התלהבות. איינער פון די יידן איז אומגעפאַלן און פון שרעק גע־קראָגן די ניכפּע, ער האָט זיך גענומען וואַרפן אויף דעם שטיינערנעם דיל און פון זיין מויל האָט זיך געשוימט אַ ווייסע סלינע.

די צוויי ראשי־הקהל, עזריאל און רב הלל, זענען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַליש. לעבן טויער זיינען שוין געשטאַנען דעם פּאַפּסט מענטשן: הויכע שטאַרקע מענער אין געפּאַסטע טוניקעס, זיי האָבן געהאַלטן בייטשן אין די הענט און זיך געשפּילט מיט די רימענטן. נאָך זיי זיינען אָנגעקומען עטלעכע דאָמיניקאַנער מאָנאַכן אין לאַנגע שוואַרצע כאַלאַטן, מיט קאַפּטוכן אויף די גאָלע קעפּ, בייזע מאָנאַכן מיט רוימישע לאַנגנאָזיקע טרוקענע פּנימער. עזריאל און רב הלל האָבן זיך טיף פאַרנייגט.

— גנעדיקע און הייליגע שלוחים פון פּאַפּסט, — האָט ר' הלל דער עלטסטער תושב פון רוים, דער קענער פון די רוימישע געזעצן, שטיל גע־זאָגט.

— מיט וואָס זאָלן מיר אייך דינען?

—וואו זיינען די דריי הונדערט יידן, וואָס איר דאַרפט צושטעלן צו דער סענט אַנדזשעלאָ קירך? — האָט איינער פון דעם פּויפּסט ריטער אויס־געשריען. ער איז געווען פון אַ הויכן ראַנג, דאָס האָט מען געקענט זען פון זיין שיינער הלבשה. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן געפּאַלדעוועטן קאָלנער אויפן האַלדז און זיין טוניק איז געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע נעגעלעך און

*) שפּיאָנען.

פאַרשנורעוועט פון פאָרנט מיט זילבערנע שנירלעך.

—די עדה איז קראַנק. די מגפה האָט אַלעמען אָוועקגעלייגט.

— ניט אמת. זיי מאַכן זיך קראַנק. די כשופמאַכער, די שוואַרצמאַגיקער. טיִיוּלאַנים! גאָטס צאָרן איז אויף אייך און איר ווילט ניט הערן זיין וואָרט!

— האָט איינער פון די דאָמיניקאַנער צאָרנדיק אויסגעשריגן.

— היינט דאַרפן אַלע גיין אין קלויסטער, קראַנקע און געזונטע. אין נאָמען פון פאָטער און זון, און דער הייליקער גייסט, אמן! — האָט דער עלטס־טער פון די מאָנאַכען אויפגעהויבן די אויגען צום הימל און זיך איבערגעצלמט.

דעם פויפסט פאָליציי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאַליש מיט זייערע בייטשן. די יידן האָבן פאַרדעקט זייערע קעפּ. הילכיקע קלעפּ זענען געפלויגן איבער זייערע פּלייצעס. טייל זיינען ווי צעפּלאָטערטע פייגל אַרויס מיט די צעפלויגענע יופּעס. איינער פון די וועכטער האָט אָנגעכאַפּט אַ קראַנקן פון דער ערד:

— טיִיוּל דו, ריר זיך, איידער איך דערשלאָג דיך צום טויט. דיין כישוף וועט דיך ניט העלפן!

דער קראַנקער האָט געקוקט מיט גליענדיקע אויגן, פון זיין טונקל פאַרטרוקנט פּנים האָט געשלאָגן אַ פיבערדיקע היץ, קאָפּ און הענט האָבן זיך פאַרבראָכענע אַרונטערגעלאָזט.

עמנואל איז צוגעגאַנגען צום וועכטער און מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן געזאָגט:

— דער מאַן איז מיט אַ פעסט־פיבער. אָנצורירן אים איז אַ סכנה אַליין געשטרויכלט צו ווערן, סעניאָר.

דער וועכטער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, דער קראַנקער איז געפאַלן שלאָבערדיק אין אַ קנויל, דער מאַן האָט אַ פאַרציטערטער אָפּ־געשאָקלט די הענט, פאַרקרימט זיין צורה און איז אַרויסגעלאָפן פון פּאָליש.

דער רופא עמנואל האָט אָנגעטאָן זיין כאַלאַט, דעם הויכן הוט, גענומען דאָס קעסטעלע מיט רפואות און זיך אַרויסגעלאָזט פון פּאָליש.

אינדרויסן זענען שוין געווען צונויפגעזאַמלט אַ סך יידן, ווייבער, זקנים, יונגע מיידלעך און בחורים. פון ווייטנס האָבן די משרתים געשלעפּט אַן אַלטן יידן, אַ פאַרשלייערטע יונגפרוי מיט אַ געלן וואָאל איבערן פּנים.

עמנואל איז אַריין צווישן די יידן. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, סיי די מאָנאַכן סיי די יידן. ווארעם ער, עמנואל סאַבאַטי, האָט נאָך געהאַט רשות צו טאָן, וואָס ער וויל. ער איז ווי אַ רופא נאָך געווען אויסדערוויילט, אַ פריי־ערער מענטש מיט באַזונדערע רעכטן, וואָס דער פּאָפּסט האָט נאָך נישט געהאַט אָוועקגענומען.

די יידן האָבן זיך דערפילט ווי דערשטאַרקט. אַ פאַרביסענע עקשנות האָט פאַרגליווערט זייערע פּנימער. די פּאָליציי האָט אַוודאי נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. צי מעגן זיי שלאָגן דעם דאָקטאָר, דעם הויכן שטאָלצן ייד, ווע־מען זיי טרעפן פראַנק און פריי אויף די גאַסן אין רוים, אַריינגיין אין רייכע הייזער און אפילו צום בישאָפ פון רוים.

עמנואל האָט באַמערקט ווי דעם פּאַפּסטס וועכטער רעדן זיך דורך מיטן עלטסטן פון די מאַנאַכן. דעם אַלטן מאַנאַכס פּנים איז געוואָרן רויט פון צאָרן. ער האָט גענומען שיפּן מיט זיין אָנצייניק מויל, אַ מויל פון אַ בייזער אַלטער פרוי:

— דער געקרוינטער הייליקער פּויפּסט וועט זיך נוקם זיין אין דעם מכשף, דעם גאָט־לעסטערער, וואָס גייט צווישן קאַטאָליקן. היילט זיי מיט כישוף מיטן טייוועלס וואָרט.

עמנואל סאַבאַטי האָט געקוקט פאַראויס אויף דער גאַס. אַ פאַרנעפּלט־קייט איז געהאַנגען איבער זייערע אויגן. עס איז אים סיי־ווי אַלץ־איינס. דער נייער פּאַפּסט פּאַול פון דער דאָמיניקאַנער קאַראַפאַ משפּחה, גרייט זיך מיט נייע גזרות. ער טראָגט אַ שנאה צו יידישע מעדיקער. ער האָט געעפנט די אינקוויזיציע. ער, עמנואל, ווייסט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע.

עס האָט זיך דערהערט הינטער אים אַ קנאַק פון אַ בייטש. עמיץ הינ־טער אים האָט איינגעהאַלטן אַ קרעכץ געטאָן. די עדה האָט זיך גערירט פון אָרט. עמנואל איז געווען פאַרטיפט אין מחשבות. אַמאָל האָט ער געקענט זיך משתדל זיין פאַר יידן, זאָגן אַ גוט וואָרט אין די ריטערלעכע הייזער, פאַר אַ סענאַטאָר, ביי אַ בענעדיקטאַנער גייסטלעכן. היינט האָבן אַלע מורא. די דאָמיניקאַנער פאַנאַטיקער זיינען שטאַרק. יעדער ציטערט פאַרן פייער פון דער אינקוויזיציע. אַ באַהאַלטענער צאָרן וואַקסט אין שטאָט. אָבער דערווייל שווייגן אַלע, ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וועט אָנהאַלטן? צי עמעץ פון די אַלע מענטשן וועלן דאָס איבערלעבן. דערווייל דאַרף מען זיך שטאַרקן.

דעם פּויפּסט־פּאָליציי האָבן פאַרקערעוועט די יידן צו דער וויא רוא, די קאָרסע פון דער געטאָ. דאָ זיינען געשטאַנען אַלערליי פאַרמאַכטע בוידן. גרויע הייזער מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פאַרראָסטעטע אייזנס, אויף וועלכע עס האָבן געהאַנגען לאַמטערנעס. די טירן־פענצטער פון אַמאָליקע יידישע וואַרשטאַטן זיינען געווען פאַרהאַקט מיט שלעסער אויף די לאָדנס. דאָ און דאָרט איז געווען אַ פינצטערער אַריינגאַנג. פון ערגעץ האָט געשמעקט שבת־דיק איבערגעבראָטן פלייש פון אַ בעקערס אָן אויוון. דעם פּאַפּסטס פּאָליציי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביי די טונקעלע אַריינגאַנגען, אַרויפגעקוקט אויף די געקרימטע שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו אויבערשטע זייטיקע

חדרים. זיי האָבן ווי מורא געהאַט זיך אַרײַנצולאָזן אין די פֿינצטערע פּאָדערהײַזער, מחמת יעדעס הויז האָט געהאַט אַ באַהאַלטענעם אַרויסגאַנג צו אַ צווייט הויז, פֿאַרבאָרגענע שפּאַרעס און הײַלן, זוכן עמעצן וואָלט געווען אומזיסט.

פֿון דאָרט זײַנען זיי אַרײַן אין דעם פֿיש־מאַרק. אַ טוכלער געשטאַנק האָט זיך געטראָגן פֿון די בײַדלעך, ליידיקע קאַרבן, פֿעסער. אומעטום זײַנען געלעגן נבלה־אײַנגעווײדן, שטיקער פֿיש. קעץ האָבן אַרומגעראָיעט צווישן דעם אָפּפֿאַל שיפּן, עקלעך. פֿון אַריבער דעם געטאָ־מויער פֿון דער גויאישער "פּעשאַריאָ", איז דער געשטאַנק געקומען אַ פֿאַרעיפּושטער, פֿון פֿאַרפֿוילטע ים־באַשעפֿענישן.

עס האָט זיך שוין געזען דאָס אַלטע קלויסטערל, אַ זכר פֿון די ערשטע קריסטן אין רוים, "סענט אַנדזועלאָ". די אַלטע גרויע ווענט אָפּגעקראָכן. אויבן אויפֿן טורעם זײַנען געשטאַנען די אַפּאָסטאָלן פּעטער און פּאול אין לאַנגע באַגאַרטלטע כאַלאַטן.

די מאָנאַכן עפֿענען די ברייטע טויערדיקע טיר פֿון דער קירך. די ייִדן בלײַבן שטיין פֿאַרעקשנטע בײַ דער שוועל, ווידער צעפּאָכן זיך די בײַטשן. די קלעפּ פֿאַלן איבער קעפּ, פּלייצעס. די עדה ייִדן בויגן אַרונטער זייערע קעפּ, איינער נודיעט זיך אין צווייטן אַרײַן. און ווי אַ סטאַדע שאָף לאָזן זיי זיך אַרײַן אײַנווייניק.

דאָס קליינע אַלטע קלויסטערל ווערט גיך איבערגעפֿולט. אַ טוכלע טונקעלקייט שלאָגט פֿון די קעלערדיקע שימלדיקע ווענט. די שמאָלע פֿענצטערלעך וואַרפֿן פֿון אויבן אַרונטער ביסלעך גרויע ליכט.

אין דער רונדיקער טיפֿקייט פֿון קלויסטערל שטייט אַ הויכער אַלטאַר באַדעקט מיט אַ באַלדאַכין. די מאָנאַכן גייען אַרויף פֿינף טרעפּלאַך און זעצן זיך אַוועק. איינער צינדט אָן די צוויי וואַקסענע ליכט. דער באַגילדעטער צלם, וואָס שטייט צווישן די צוויי פֿאַרשימלטע לײַכטער, הייבט אָן צו פֿינקלען מיט גאָלדיקן שײַן. איינער פֿון די מאָנאַכן לייגט אַרײַן געווירצן אין אַ אויסגעראַווירט שיסעלע, וואָס הענגט אויף לאַנגע קייטעלעך. די געווירצן הייבן אָן צו רויכערן, די ייִדן פֿאַרמאַכן די אויגן. אַ צעפּייניקטער אומעט ליגט אויף זייערע פּנימער. דער געווירצטער ווייַרעך שלעפּערט אײַן די מידע, אויסגעמאַטערטע ביינער פֿון דער נישט־דערשלאָפֿענער נאַכט. און אָט אַ קנאַל פֿון די רימענטן, אַ פּלי איבער זייערע קעפּ. איין ייִד נעמט באַהאַלטענערהייט מונטערן דעם צווייטן. עמנואל בלאָנדזשעט אַרום מיט די אויגן. זײַן שווער רב הלל שטייט געבויגן, ער זעט איצט אויס זייער אַלט, צענדליקער יאָרן זײַנען אויף אים אַרויף. ער, דער עלטסטער תושב פֿון רוים, קען ניט פֿאַרטראָגן די בושה.

עזריאל טאָסקאַני איז בייז ער וואָלט וויפיל באַצאָלט, ער זאָל נישט דאַרפן זיין צווישן די אַלע יידן אַ גלייכער מיט זיי. לעבן אים שטייט די יונגפרוי מיטן געלען שלייער אויפן פנים. דער ווייַרעך דושעט זי. זי הויבט אויף דעם שלייער. עמנואלן לויפט דרוך אַ ציטער איבערן לייב. דאָס איז זי מרים, עזריאלס ווייב. אירע אויגן זיינען אָנגעפילט מיט טרערן. סאַבאַטיס געדאַנקען אַרבעטן גיך: וואָס האָט איר געטראָגן אין גאַס אַריין שבת אינדער־פרי צו דער סינאַגאָגע נישט ווי איר טבע. אפשר איז זי נאָכגעקומען איר מאַן, ער זאָל ניט האָבן קיין מחלוקה מיט אים? עמנואלן גייט דורך אַ פּי־בער איבערן לייב. דאָס בלוט שלאָגט אים צום קאָפּ, וואָס איז דאָס מיט אים? אפשר איז ער טאַקע קראַנק, — ווי זיין ווייב מנוחה האָט אים געזאָגט. מרים האָט, ווייזט אויס, באַמערקט זיין פאַרוואונדערטן בליק. אירע ברעמען הייבן אָן שעמעוודיק פאָכן, זיך ווי געוואָלט שטאַרקן. ענדלעך עפענט זי די אויגן. זי קוקט אויף אים מיט עפּעס אַזאַ מידער בענקשאַפט. אירע אויגן ווערן מיט אַמאָל דערשראָקן. זי קוקט זיך אַרום, צי קיינער האָט איר ניט באַמערקט. דערנאָך גיט זי אַ שמייכל, אַ יונג מיידלישן שמייכל, ווי אַמאָל, אַמאָל, ווען ער פלעגט אין זייער הויז אַריינקומען. זי דערשרעקט זיך גלייך פאַר איר אייגענעם שמייכל. זי כאַפּט אַ דערשראָקענעם בליק אויף איר מאַן טאָסקאַ־ני און לאָזט גיך אַרונטער דעם וואואַל.

דער מאָנאַך אויפן אַלטאַר האַלט זיין דרשה. די יידן שטייען מיט טרוי־עריק־אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי אבלים. דער מאָנאַך לייענט פסוקים פון דעם נביא ישעיה.

— "ווי, זינדיקע אומה, פאָלק מיט פאַרברעכן באַשווערט!"

דעם מאָנאַכס פנים איז פול מיט פאַרניכטנדיקן צאָרן. די סאַמע ערגסטע שטראָף־רייד פון די נביאים האָט ער צונויפגעקליבן און געשיפּעט מיט אָנ־ציינערדיק מויל. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן שטענדער און געפּאָ־כעט מיט דעם אויסגעשטרעקטן לאַנגן פינגער, געוואָרנט:

— "ווי נאָך ווילט איר געשלאָגן ווערן, וואָס איר קערט אייך נאָך מער אָפּ".

אַ פאַרטייעטע שטילקייט איז געווען אין קלויסטערל. דאָ און דאָרט האָט עמיץ אָפּגעזיפצט האָט עמיץ אַ קריץ געטאָן מיט די ציין פון דער־שטיקטן צאָרן.

איינער פון די יונגע מאָנאַכן האָט אָנגעפאַנגען די פרימאָרגן־מעסע. ער האָט מיט אַ שטאַרקע שטימע זיך צעקלונגען איבערן קלויסטערל. ער האָט אָנ־געגווידערט זיין קיילעכדיקע גאָמבע, געזאָגט גיך די לאַטייניש תפילות. דער מאָנאַך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני פערצלמט די הענט. אָנ־

דערע מאָנאַכן האָבען נאָכגעטאָן דאָס זעלבע. בלויז די פּאָליציי האָט גענומען זוכן צווישן די יידן. אפשר איז ווער פרום געוואָרן און זיך אַרונטערגעלאָזט קניען. פון גרויס פּערדרוס וואָס קיינער פון די יידן האָט זיך נישט אַרונטער־געלאָזט קניען, האָבן זיי ווידער גענומען שמייסן איבער די קעפּ. עס איז שוין נאָענט צו פּאַסכע און זיי האָבן נאָך נישט קיינעם צו שמדן ווי עס איז דער קריסטליכער מנהג אין רוים. אין וואַטיקאַן וועט מען זיי מאַכן אַ פאַרוואורף, אַז זיי גיבן ניט אַכטונג אויף די יידן. זיי קאָנען נאָך פאַרלירן זייערע שטעלעס און ווערן באַשטראָפט...

זיי ווילן בלויז אַרויסשלאָגן דאָס עקשנות פון דעם איינגעשפּאַרטן פאָלק. קיינער האָט זיך ניט גערירט. איין ייד האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן צווייטן, געוואָרן ווי איין לייב, דער שוואַכער באַשיצט פון שטאַרקן.

די מאָנאַכן האָבן זיך אויפגעשטעלט. איינער פון זיי, נאָך גאָר אַ יונ־גער, מיט אַ סך גוטסקייט אין זיין פּנים האָט זיך גענומען בעטן.

— מיטן חסד פון יעזוס קריסטוס וועלן מיר אייך מאַכן פריי. דאָס טויף וואַסער, וועט אייך היילקן און רייניקן פון אייערע זינד!

די יידן האָבן פרייער גענומען אָטעמען. זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז שוין באַלד דער סוף. דאָס גוטסקייט האָט זיי פונקט אַזוי וויי געטאָן ווי דאָס שמייסן. איינער פון די שפּאַנישע יידן האָט שטיל אַ מורמל געטאָן:

— מען וועט אונדז סיי ווי שלאָגן. אַזוי ווי מען האָט געשלאָגן מיינע ברידער אין שפּאַניע, אַפילו ווען זיי האָבן זיך געשמדט...

דער עלטסטער פון די מאָנאַכן האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, און דראָענדיק מיט זיין אויסגעשטרעקטן פינגער האָט ער געפרעגט:

— וואָס האָסטו דאָרטן געזאָגט?

קיינער האָט ניט געענטפערט. דעם פּויפּסטס זעלנער האָבן זיך אַריינ־געריסן צווישן די יידן, געזוכט אין די פנימער, געקוקט אויף די גרימאַסן. בלויז יונתן האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן.

— לאָזט אונדז אַרויס פון דאַנען. מיר ווערן דערטרונקען. ווי גאָט איז אייך ליב. אונדזערע קינדער שטאַרבן פאַר דער צייט. דער געטאָ איז פול מיט יתומים.

די מאָנאַכן האָבן זיך גענומען דורכרעדן אינדערשטיל. נאָכדעם האָט דער עלטסטער מיט געלאַסנקייט געזאָגט:

— איר קומט אָפּ פאַר אייערע זינד. — דערנאָך האָט דער מאָנאַך אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל.

— צוליב אייערע זינד. שטראָפט גאָט די קאַטאָליקן. מיר וועלן פאַר־מאַכן די טויערן פון דער געטאָ. קיין ייד וועט ניט אַרויס פון דאַנען ביז די

מגפה ווער אריבער!

די דערשראָקענע יידן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגן. נישט געוואוסט, צי די מאַנאַכן מיינען דאָס אויף אַן אמת אָדער זיי ווילן בלויז אָפּ־שרעקן:

—ווענס נשמה עס איז נאָך נישט פאַרלוירן, קען אַריבער אין אונד־זערע הייזער. דער קאַטעכיזם וועט אייך צוגרייטן געלייטערטע צו טויפן. מיטן חסד פון דער הייליקער מאַריאַ!

די יידן האָבן מיט פאַרביסענער עקשנות געשוויגן. דער מאַנאַך אין אַרייַן אין אַ ווילדער רציחה:

— טויב זייט איר, איר אומווירדיקע? פאַרשטאָפּטע אויערן האָט איר?

דעם פּאַפּסט שומרים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די יידן, באַטאַפּט זייערע אויערן, צי זיינען זיי נישט פאַרשטאָפּט מיט וואַטע. דער אַלטער מאַ־נאַך האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט זיך מיאש געווען אויף אַט די פאַרלוירענע מענטשן. דעם פּויבסט פּאָליציי האָבן געמאַכט אַ דורכ־גאַנג צושטופּענדיק די יידן צו די ווענט. די יידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. די וועכטער האָבן נאָך נישט געהאַט געזעטיקט זייער צאָרן. זיי האָבן גענומען שלאָגן די יידן מיט אַזאַ רציחה, אַז די מענטשן האָבן זיך אַרונ־טערגעלאָזן אויפן שטיינערנעם דיל, געקראָכן אויף די קני. דאָס מאָל האָבן זיי געשלאָגן נישט בלויז די אָרעמעלייט, די וואָס גיבן זיי קיינמאָל נישט קיין צורת מטבע, ווי דעם סופר רב יחזקאל, יונתן, די שפּאַנישע יידן, די מזרח־יידן, די אַלטוואַרג־הענדלער. זיי האָבן דאָס מאָל נישט פאַרזען עזריאל טאָס־קאַני, וואָס האָט מיט זיין ווייב מרים געפּלאָטערט און באַהאַלטן זיך קאָפּ הינטער אַ מאַרמאָרנעם זייל. זיי האָבן אויך נישט געשאַנעוועט דעם ראש־הקהל רב הלל. ער איז געגאַנגען פאַראויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. די שמיץ זיינען געפּאַלן אויף אים איבערן גאַנצן וועג ביז צום אַרויסגאַנג. בלויז אים, עמנואלן האָט דער עלטסטער פון די שומרים פאַרהאַלטן מיט זיין ברייטער פיגור און אים ווי אָפּגעזונדערט פון די יידן.

דאָס קלויסטערל איז געוואָרן אויסגעליידיקט. עמנואל איז אַרויסגע־גאַנגען דער לעצטער. ער האָט פון גרויס צער געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. עס האָט אים ווי געטאָן פאַר זיין שווער, וואָס האָט אויף דער עלטער דערלעבט אַזאַ בזיון, פאַר מרימען און אַלע אָרעמע יידן, וואָס ער קען מער נישט העלפן. ער איז געגאַנגען מיט געבראָכענע פאַמעלעכדיקע טריט. פאַר־וואָס האָבן זיי אים נישט געשלאָגן? אפשר ווייל זיי דאַרפן אים נאָך צוליב דער מגפה אין שטאָט. אָדער עמעץ אַ פריינט באַשיצט אים?

אויף דער פּעשאַריאַ, נאָענט צום געטאָ־טויער זיינען די יידן פאַמעלעך

נאָכגעגאַנגען די וועכטער. די וועכטער האָבן זיך ניט אומגעקוקט. זיי האָבן געאײַלט גיך אַרויס פון דער גאַס. באַלד האָט זיך דער טויער ביי דער פאָנטאַ קוואַטערי קאָפּי*) צוגעמאַכט. די ריגלען האָבן אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן.

די יידן זיינען האַסטיק צוגעלאָפן צו די אייזערנע קראַטעס. אַ תפיסה־דיקע ענגשאַפט האָט אַרומגענומען יעדן איינעם. פון איין זייט שפּאַרט אַרויף דאָס וואַסער פון דעם טיבער־טייך, און דאָ פאַרמאַכן זיי אינמיטן טאָג דעם טויער. עס האָט אויסגעבראָכן אַ יללה צווישן די יידן. די אַלטוואַרג הענדלער האָבן זיך גענומען שלאָגן די קעפּ, וואָס וועלן זיי איצט טאָן? ביי וועמען עס איז קראַנק דאָס ווייב, אַ קינד, און — דאָ וועט מען נישט קענען פאַרדינען אַ שטיקל ברויט אויף אַ רפואה. אַזוי האָבן זיי געקענט בסוד סודות פירן מסחר מיטן פאָלק אין רוים, אויפקויפן, פאַרקויפן, מאַכן מאַגישע קונצן, אויסטייטשן חלומות, אויסלייגן זייער מזל, שרייבן פאַר די דאָרפישע יונגעלייט, וואָס קאָנען ניט די לאַטיינישע שריפט שיינע מליצה־בריוולעך צו זייערע סיני־אָריטעס. איצט איז געקומען צו אַלץ אַ סוף, וואָס וועלן זיי מאָרגן טאָן, — כאָטש צי זיך אויס און שטאַרב.

זייער געוויין האָט קיינער נישט געהערט. די וועכטער האָבן זיך פאַרקע־רעוועט פאַזע דער קירך, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון טויער און פאַר־שוואונדען צווישן די אַלטע געביידעס.

---

*) די בריק מיט די פיר קעפּ.

# דריטער קאפיטל

די קירך ביי דער בריק מיט די פיר קעפּ אַנטקעגנאיבער דעם געטאָ־טויער, איז געשטאַנען אָפן. פון דער טונקלער קירכע־טיפעניש האָבן אַרויסגעפינקלט טריבע ליכט־פלעמלעך. די מתפללים האָבן גענומען אַרויסשפּאַרן זיך פון דער טויערדיקער טיר. די ווייבער, פאַרהילט אין שוואַרצן, האָבן זיך געוויישט די פאַרוויינטע פנימער. אין אָפענעם פּאָדער־הויז האָבן מאַנאַכן פאַרקויפט קמעות, רפואות צו היילן קראַנקע, אַלערליי וואַסער־לעך און זאַלבן. בעטלער, קאַליקעס, געליימטע האָבן נאָכגעיאָגט די מתפללים און געריסן ביי זיי נדבות. איינער אַ הויכער גלח מיט אַ שפּיציקן גאַרגל־קנאָפּ אין האַלדז האָט מיט אַ באַס־שטימע געלויבט זיינע קלעפּיקע קייקעלעך, געמאַכט פון צעריבענעם מאַרמאָר.

— אַ רפואה פאַר ווילדן פיבער פון אַן אַלטן קלויסטער פון דער באַס־ליקע דזשוּוניוס באַסוס.

די מענטשן האָבן געכאַפּט די קייקעלעך און אָנגעפילט זיין קופּערנע טאַץ מיט מטבעות.

די דורכגייער האָבן זיך ניט אומגעקוקט אויף די פאַרמאַכטע געטאָ־טויערן. בלויז געציילטע האָבן זיך פאַרקרימט פאַר די יידן וואָס זיינען געשטאַנען דערשלאָגענע ביים געטאָ־טויער. טייל האָבן אויסגעשפּיגן ווי זיי וואָלטן דערזען אַן אומריינע זאַך. אַנדערע האָבן מיט אויסגעשטרעקטע הענט געוויזן די יידן די פאָדערשטע וואַנט פון דער קירך. אויף דער קירכע־וואַנט איז געווען אויסגעמאָלן דאָס קרייציקן פון יעזוס, איבער דער אָפּגעריבענער מאַלעריי איז געווען אויסגעקריצט מיט גרויסע אותיות אין העברעאיש און אין לאַטיין, די רייד פון דעם נביא ישעיה:

— "אַ גאַנצן טאָג האָב איך אויסגעשפּרייט מיינע הענט צו אַ ווידער־

שפּעניק פֿאָלק, וואָס גייט אַ ניט גוטן וועג...

די יידן האָבן זיך אָפּגערוקט פון טויער. טייל זיינען צוגעקומען צום רופא עמנואל סאַבאַטי און מיט פאַרטערטע אויגן זיך גענומען פרעגן:

איז טאַקע שוין לית דין ולית דיין?*)

—גייט בעטן פאַר אונדז. זייט זיך משתדל. די באַבלייט גלויבן אין אייך, דער וועכטער פון געטאָ וועט אייך אַרויסלאָזן — האָבן זיך אַנדערע גענומען בעטןביים רופא.

איניקע האָבן זיך גענומען איינשטעלן פאַר עמנואלן.

— אפשר איז טאַקע בעסער אַזוי? זעט, וואָס פאַר אַ שנאה. בעסער אויסגיין צוזאַמען מיט גאָטס רצון, איידער פון די רוצחימס הענט!

דער סופר רב עזרא האָט ניט נאָכגעגעבן. ער האָט מיט גרויס בטחון פאַרזיכערט:

— ״עס איז ניטאָ קיין פּחד. אונזערע חכמים זאָגן: שלוחי מצוה אינן נזיקין.**)

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז געווען שטאַרק פאַרטראַכט, אפשר איז טאַקע רב עזרא גערעכט. ער וועט גיין צו די סאַנאַטאָרן, צו די פּרינצלעכע פאַמיליעס אין רוים, וועט זיך שוין ניט געפינען עמיצער פון די פיל געלערנטע תושבים אין רוים, וואָס וועלן זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר די יידן?

דער רופא עמנואל לאָזט זיך מיט די שטיינערנע טרעפּלעך אַרויפגיין צום וועכטערס קעמערל. ער קלאַפּט אין טיר מיט גרויס אומגעדולד. דעם וועכטערס טריט דערנענטערן זיך. ער שרייט אַרויס פון אינווייניק.

— איך האָב אַ באַפעל ניט צו עפענען דעם געטאָ. טראָגט אייך אָפּ פונדאַנען. איר זאָלט מיר געבן גאָלדענע פלאָרינען, וועט עס אייך ניט העלפן. איר הערט!

עמנואל האָט ניט אָפּגעטראָטן, ער האָט אַלץ ווייטער מיט דער זעלבער אומגעדולדיקייט געקלאַפּט אין טיר.

דער וועכטער סטעפאַנא האָט אויפגעריסן די טיר מיט א רציחה. ער האָט אויפגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן צו שלאָגן. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעכאַפּט און אַרונטערגעלאָזט די הענט.

— פאַרגיב סעניאָר סאַבאַטי, אויב איך האָב געקענט, האָב איך גענומען... זיי זיינען שטרענג געוואָרן צו מיר. נאָר אויב איר האָט מתים אַרויסצופירן, קאָן איך עפענען. אַזוי ווי דער באַפעל איז, סעניאָר סאַבאַטי.

---

*) ניטאָ קיין דין און ניטאָ קיין גערעכטער משפטער?
**) די וואָס טוען א מצוה וועלן ניט געשטרויכלט ווערן.

—פאַר מתים איז נאָך צו פרי, עס איז נאָך שבת, איך בעט צו עפענען פאַר מיר, סעניאָר סטעפאַנאָ. איך דאַרף וויזיטירן מיינע קראַנקע אויסער דעם געטאָ — האָט סאַבאַטי געזאָגט.

דער שומר האָט זיך גענומען קראַצן די גרויליקע צעפּאַטלטע האָר און זיך געקווינקלט.

— אין באַפעל זאָגט זיך גאַרנישט וועגן די העברעאָ מעדיקער — האָט ער געזאָגט און קלוגיטשקע געשמייכלט ווי ער וואָלט עפּעס יאָ געוואוסט. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און געזאָגט, ווי אַ וויכטיקער מענטש, וואָס ווייסט סודות פון הויכע ערטער.

— ווי לאַנג די פעסט וועט אָנהאַלטן, וועלן זיי דעם סעניאָר סאַבאַטי לאָזן צו רו . . .

ער האָט כסדר גוטמוטיק געשמייכלט מיט זיינע באַוואַקסענע נאָכגעגענדיקע באַקן. ער האָט אויפגעהויבן זיין יאַקע, אָפּגעדעקט דעם אַרויסשפּאַרנדיקן אָנגעשוואָלענעם בויך און אַרויסגעשלעפּט אַ בינטל שליסלען. ער האָט אָפּגעטריבן די יידן פון טויער. די יידן האָבן זיך געררוקט געהאַרכזאַמע הינטערוויילעכטץ ווי זיי וואָלטן מיט זייער נאָענט זיין עפּעס געשטערט. דער שומר האָט אויפגעשלאָסן די טיר און געזאָגט :

—גייט מיט גאָט, קיינער קאָן דיר ניט טשעפּען, סעניאָר, דיינע הענט האָבן געהיילט דעם לעצטן גאָטזעליקן פויפּסט.

דער רופא עמנואל האָט זיך האַסטיק אַוועקגעלאָזט פון געטאָ. ער איז געגאַנגען צום קליינעם סקווער פּיאַצאַ דעלאַ גיודיקאַ. רעכטס האָבן זיך געזען די רואינען פון דעם רוימישן טעאַטער באַלבוס. די אַלטע גראַניטענע קאָלומנעס האָבן אונטערגעהאַלטן שטיקער גזימסן פון געשניצטן מאַרמאָר. אינמיטן סקווער האָט געשפּריצט אַ פאָנטאַן אין אַ מאַרמאָרנעם בעקן אַריין. פאַראויס האָט זיך געזען דער פּאַלאַץ טשענטשי מיט זיינע שווערע מאַסיווע שטיינער. פון דער קליינער טשענטשי קירך קעגנאיבער דעם פּאַלאַץ האָט זיך געטראָגן אַ שטילער טרויעריקער געזאַנג באַגלייט פון האַרפּעס און אָרגלטענער. דורך דער אָפענער טיר האָט סאַבאַטי געזעהן די קניענדיקע מתפללים.

עמנואל האָט גענומען גיין פּאַמעלעך. ווען ער זאָל קאָנען זיך טרעפן מיט דעם סעניאָר טשענטשי דעם קאַסירער פון וואַטיקאַן. ווי ער זעט, האָט ער היינט אַ סך דאַוונער דער מאָנסיניאָר אין זיין קליינער קירך, פון די פּאַרמעגלעכסטע מענטשען אין די אַרומיקע פּאַלאַצן. ער וועט היינט אַריינקריגן אַ סך געלט פון די ווייבער, וואָס וועלן זיך אויסלייזן ביי גאָט פון דער מגפה. ער וועט הערן פון דעם מאָנסעניאָר, וואָס מען וויל אין וואַטיקאַן. קיין געלט איז מער ניטאָ אין געטאָ וועט ער אים זאָגן. ער וועט שוין אויך פרעגן ווי

עס האַלט מיט דער גזרה קעגן יידישע מעדיקער. עס איז וואַרשיינלעך פאַר דעם מאָנסעניאָר ניט אַזוי גוט, וואָס מען וועט צונעמען דאָס רעכט פון די יידישע מעדיקער. מחמת אין זיין פּאַלאַץ קען ער ניט רופן קיין קריסטלעכן רופא — ער וואוינט מיט אַ פרוי, וואָס ער האָט צוגענומען פון איר מאַן, און געהאַט מיט איר אַן אומגעזעצלעכן זון. פאַר אים, דעם רופא עמנואל שעמען זיי זיך ניט, ווי זיי שעמען זיך ניט פאַר דעם קאַרליקל, וואָס פאַרווילט זייער הויז. זיי ווייסן, אַז ער וועט זיי ניט באַרעדן. דערפאַר איז ער זייער רופא. ער האָט אָפּגענומען דאָס אומגעזעצלעכע קינד ביי דעם מאָנסעניאָרס באַלעבאָס־טע בעטריצאַ.

עס האָבן זיך געהערט טריט פון גאַלאָפּירנדיקע פערד. פאַראויס זיינען געלאָפן עטלעכע רייטער מיט לאַנגע דינע צלמים אין די הענט. נאָך זיי איז געפאָרן אַ קאַרעטע מיט זעקס פאַר פערד אין געשפּאַן. סאַבאַטי האָט גע־נומען גיין שנעלער. פון די אָפענע פיר־עקעדיקע פענצטער האָבן זיך געזען הויכע פריסטער אין זייערע וועג־קליידער. איינער פון די פריסטער מיט פור־פור־רויטע באַפּוצונגען אויף זיין הלבשה, האָט זיך אַרויסגעבויגן פון פענצ־טער צו זען ווער עס איז דער מאַן וואָס גייט פריי אין רוים און בוקט זיך ניט פאַר זיי.

זיי זענען שנעל דורכגעלאָפן. דאָס האַרץ ביי עמנואל האָט הילכיק גע־קלאַפּט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוהאַלטן מיט אַ האַנט ביי דער ברוסט. עס איז אים געווען אַ וואונדער, וואָס זיי האָבן ניט לענגער זיך אָפּגעשטעלט אויס־צוגעפינען ווער ער איז. נאָר באַלד האָט ער זיך משער געווען, אַז דאָס אַנט־לויפן זיי פון שטאָט פון גרויס שרעק ניט קראַנק צו ווערן פון דער מגפה.

די קאַרעטע איז געווען אַנגעלאָדן פון הינטן מיט אַ סך געפּעק. זי איז געלאָפן צו דער פּיאַצע מאָנטאַנאַרא און פון דאָרטן מיטן דאָרף־וועג צו די בערג.

באַלד האָט מען גענומען גיין פון דער קירך. עס זיינען אַרויסגעקומען די רייכסטע פאַמיליעס פון דער קירך. די אָרסיניס, די מאַטעיס. אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין סאַמעטענע און זיידענע קליידער, פון פאַרביקע, רוי־שיקע קאָלירן. זיי האָבן געטראָגן אויסגעשטריקטע גאַרטלען מיט גרויסע גאָלדענע און זילבערנע שלעסער. די פרויען האָבן געטראָגן ברייטע אויבער־מאַנטלען, געפּוצט מיט פוטערוואַרג, פראַנזן האָבן אַרונטערגעהאַנגען פון די געשטיקט הוטן. טייל יונגעלייט האָבן געטראָגן לאַנגע האָר, וואָס האָבן כוואַ־ליעסווייז אַריבערגעהאַנגען זייערע אַקסלען. סאַבאַטי האָט זיך פאַר־זיי פאַרנייגט. קיינער האָט גאָרניט געענטפערט און גלייכגילטיק דורכגע־שפּאַנט.

עס איז דאָ אויך געגאַנגען דער קאָפּ פון דער סאַוועלי פאַמיליע מיט זיין נידעריק פעטלעך ווייב, וואָס איז געווען פאַרהילט אין שוואַרצן מיט אַ טיוּל איבערן קאָפּ. דעם אַלטן סאַוועלי האָבן באַגלייט זיינע דינער. די באַגלייטונג פון זיינע בראַווע מענער איז גיכער געווען פון היימלעכקייט וועגן ווי אים צו באַשיצן, ווי דער שטייגער אין רוים. קיינער פון זיי האָט ניט געטראָגן קיין געווער.

דער רופא עמנואל האָט באַמערקט ווי דעם אַלטן סאַוועליס בליק האָט אַ ... אָפּגעמאָסטן. דער אַלטער האָט צוגענייגט זיין קאָפּ מיט די לענגלעכע גרוילעכע האָר צו איינעם פון זיינע מענער און עפּעס געזאָגט. דער מאַן האָט זיך פלינק פאַרבויגן און זיך געלאָזט צו עמנואלן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו עמנואלן מיט זיין רויען שטאַרק פּנים, וואָס איז געווען פול מיט העפטן אויף אַ סך ערטער פאַרוואַקסן, אַ צייכן פון פיל געשלעגן.

— די פאַמיליע סאַוועלי פאַרבעט אייך צו באַזוכן זייער הויז, זייער טאָכטער איז שטאַרק קראַנק. קיינער ווייס ניט וואָס איר איז. אפשר דער טייוול האַלט איר אין זיינע נעגל . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, ווייל מיט פאַרטרייבן דעם טייוול פאַרנעמט ער זיך ניט. וואָס מיינען זיי זיך, ער איז אַ שוואַרץ־מאַגיקער, אַ מכשף? נאָר דאָס פעלט אים צו זיינע אומגליקן, מען זאָל אויף אים זאָגן, אַז ער היילט מיט כּישוף, און די אינקוויזיטאָרן זאָלן האָבן אַן אויסרייד אים צו פאַרברענען. ער וועט אים גלייך אָפּזאָגן. נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. אפשר האָט ער איצט געקראָגן אַ געלעגנהייט דורך דער פאַמיליע וואָס האָט אַזאַ אָנזען אין שטאָט, עפּעס צו העלפן זיינע ברידער אין געטאָ.

— אַ גרויסן דאַנק! איך וועל מיט פאַרגעניגן קומען. איך וועל טאָן דאָס בעסטע, זאָג דיין האַר, — האָט עמנואל זיך פאַרנייגט.

דער מאַן האָט זיך אַ נויג געטאָן און איז אַוועק צו זיין באַלעבאָס סאַוועלי. דער אַלטער סאַוועלי האָט אַ שמייכל געטאָן צו סאַבאַטין פונדערווייטנס און זיך האַפּערדיק פאַרקערעוועט מיט זיינע מענטשן צו דער פּיאַצצע מאָנטאַנאַראַ, וואָס האָט געפירט צו דעם פּאַלאַץ סאַוועלי אויף די חורבות פון דעם טעאַטער מאַרצעלוס.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז זיי נאָכגעגאַנגען. צו מאָנסעניאָר טשענטשי וועט ער שוין גיין שפּעטער. פריער פון אַלץ איז ער אַ רופא. דער ריזיקער אומגעלומפּערטער געבוי פון דעם חרבותדיקן טעאַטער מאַרצעלוס, מיט דעם סאַוועלי פּאַלאַץ פון אויבן האָט פינצטער געמאַכט דאָס טונקעלע געסל. אין די טויערדיקע אַריינגאַנגען פון דעם האַלב־פאַרזונקענעם טעאַטער זיינען

געוועז איינגעריכטעט, פאַררויכערטע וואַרשטאַטן, שמידן, זאַטלמאַכער, בעד־נער און וועבערייען. אינמיטן דעם געסל זיינען געשטאַנען אָפּגעריסענע, פאַרברודיקטע מענטשן און זיך געוואָרעמט ביי די פייערן. די פייערן האָבן געפלאַקערט אינמיטן גאַס. דער ווינט האָט צעווייעט דעם פלאַם איבער דער גאַנצער גאַס. פון צייט צו צייט האָט אַ שלעפער געבראַכט אַ בינטל קרייטעכ־צער, צווייגן פון דער פיאַצע מאַנטאַרע. עס אַרויפגעוואָרפן אויפן פלאַקער, מחמת זיי האָבן געהאַלטן, אַז פייער און קרייטעכצער רייניקט די לופט פון דער פעסט. דער פלאַקער האָט זיך געלאַשן, געגומען זידן מיט אַ גערוך פון פרילינגדיקע בלומען, און שאַרפע באַרגיקע געוויקסן. די עיפּושדיקע לופט פון צואה און פגירות האָט גענומען שמעקן. פון די אומריינע געסלעך האָט גענומען ווייען מיט פעלד און וואַלד־ריחות.

די מענטשן האָבן געהאַט געלע צעפּיבערטע פּנימער. טייל האָבן זיך געשמירט די הענט, פּנימער מיט עסיק און שאַרפע געווירצן, ניט פאַרפעס־טעט צו ווערן. דאָ און דאָרט לעבן די חורבות איז געלעגן אַן איינציקער מענטש. אַ גאַנצע גרופּע צוגעדעקט מיט שמאַטעס און זיך ניט געקענט רירן פון אָרט.

לעבן איין פייער איז געשטאַנען אַ קאַפּוטשאַנער מאָנאַך אין אַ ברוי־נעם כאַלאַט, מיט סאַנדאַלן אויף די פיס. דער מאָנאַך האָט זיך געצופּט זיין צעקנייטשט בערדל און גערעדט צו די אָרעמע מענטשן.

— דער הייליקער בענעדיקטוס האָט געזאָגט, אַז רוים קען חרוב ווערן פון טיוול. דער טיוול האָט אַ שליטה איבער אונדז צוליב די זינדיקע יידן, וואָס גלויבן ניט אין סאַקראַמענט, דערפאַר האָט ער, דער הייליקער פּויפּסט זיי אַרומגערינגלט און פאַרשלאָסן.

—געלויבט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען, וואָס ער האָט געטאָן צו באַ־שיצן אונדז אָרעמע — האָט אַן אַלטיטשקער מיט אויסגעווייקטע גרויע קוד־לעס געזאָגט.

— אָט זעט! דאָ גייט איינער פון די יידן אַרום פראַנק און פריי, ער איז אַ מכשף זאָגט מען — האָט דער אַלטער אָנגעוויזן אויף דעם רופא עמ־נואל און זיך איבערגעצלמט .די אָרעמעלייט האָבן אויסגעדרייט די פּנימער און פאַרדעכטיקט אים נאָכגעקוקט.

דער רופא עמנואל האָט האַסטיק אָוועקגעשפּאַנט צו דער פּיאַצע מאָנ־טאַרא. ער איז געגאַנגען פאַזע די פאַרחושכטע נידעריקע הייזלעך, וואָס זיי־נען ווי געלעגן דערדריקט, קעגנאיבער דעם ריזיקן טעאַטער מאַרצעלוס. פון די קליינע פענצטערלעך האָבן אַרויסגעבלישטשעט איינציקע פלעמעלעך ביי די קאַסטנס פון געשטאָרבענע. ביים אַרויסגאַנג פון שמאָלן געסל זיינען גע־שטאַנען מענטשן אָנגעלענט אויף די ווענט פון די אַלטע הייזער און אַריבער־

געקוקט צו דעם תבואה שפייכלער פון דער פאמיליע ארסיני. דארטען זיינען געשטאנען וועגענער איינגעשפאנט מיט גרויסע שלעפ־פערד. פון דעם אפע־נעם טויער האבן פארמעליקטע טרעגער ארויסגעטראגן זעק און פארפאקט אין די וועגענער.

פון טויערביים שפייכלער איז יעדע ווײַלע ארויסגעקומען דער איי־גענטימער פון שפייכלער, דער סענאטאר פון רוים בערטאלד ארסיני, דער זעלבער שוואר־לייביקער מאן, וואס איז ערשט געקומען פון דער טשענטשי קירך. ער האט אריבערגעקוקט צו די מענטשן, וואס זיינען געשטאנען ביי די ווענט און עס איז געווען צו מערקן, אז אים פארדריסט, וואס דער געזעמל ווערט אלץ אמאל גרעסער. כדי ניט צו ווייזן זיין אומרו איז ארסיני איינגאנצן פארשוואונדן אין שפייכלער אריין. נאכדעם האבן די טרעגער פון שפייכלער גענומען גיך ארויסטראגן די זעק. די שמייסער האבן געקנאלט מיט די בייטשן און שטארק געשמיסן די שווערע שלעפ־פערד. די פערד האבן בייז געהירזשעט און זיך גערירט פון ארט צוצולאזן די ליידיקע וועגענער צום טויער. עס איז געווארן א מורמלעריי.

— פון דער "קאמפאניע"*) ווייזט זיך ניט קיין פויער, מען קען ניט קריגן קיין ביסל מעל, קיין פרוכט. זיי האבן מורא צו קומען אין שטאט אריין דאס פויערן פאלק... — האט אן אויסגעדארטער מאן געזאגט. זיינע אויגען זיינען געווען פיבערדיק צעפלאקערט מיט א ביטערן צארן.

—ווער ס'וועט ניט שטארבן פון דער פעסט, וועט שטארבן פון הונגער!

— דער יקרות איז ניט אויסצוהאלטן. א שטיקל בלאטיק ברויט, וואס א חזיר קאן עס ניט עסן, וויל מען ס'גאלדענע בלימעלע דערפאר... — האט זיך אנגערופן א יונגע פרוי מיט א מיד בלאס פנים.

עטלעכע עלטערע פרויען האבן אומרואיק פארקניפט און ווידער אויפ־געבונדן די טיכלעך אויף זייערע גרויע קעפ.

— מען דארף ניט לאזן ארויספירן ס'ברויט פון שטאט!

— מען דארף מאכן א געוואלט, וואס שווייגט מען! זעט, שטייען מע־נער פגרים, קעץ געפייגערטע!

איינער פון דעם געזעמל א באוואקסענער מאן מיט א פויל אויפגעיורן פנים האט זיך אפשפעטנדיק צעלאכט קעגן די ווייבער.

—נו ווייבערוואַרג, פרואווט לאזט ניט. אין פלארענץ צאלן מענטשן א גוטן פרייז פארן קארן מעל, אין לאמבארדיע אויך. און מיר זיינען שנאַ־רערס, מיט ציגענע באבקעלעך קען מען ניט קריגן קיין ווייצן מעל!

---

*) דארף.

איינע פון די עלטערע פרויען מיט אַ צעקנייטשט געל פּנים ווי אַ פערשרומפּענע זשאַבע, האָט זיך צוגעריסן נאָנט צו דעם אָפּשפּעטנדיקן מאַן און אים אַ שפּיי געטאָן אין ברייטן אויפגעשוואָלענעם פּנים אַריין. זי איז געשטאַנען גרייט מיט די דאַרע הענט מיט שוואַרצע לאַנגע נעגל אויסגעשטרעקט, גרייט אים אויסצודראַפּען ס׳פּנים. דער פוילבלעכער מאַן האָט זיך געווישט דאָס פּנים מיטן אַרבל און נעבעכדיק געשמייכלט.

— איך האָב ניט געמיינט צו שפּאַסן. עס איז ביי מיר אַזאַ טבע צו רעדן אַזוי. איך האָב דאָ ערשט געזאָגט. אַז אפילו קיין קאַצן־פלייש איז מער ניטאָ אין רוים. אַלע קעץ האָט מען שוין אויפגעפרעסן!

דאָ און דאָרט האָט עמעץ אַ שמייכל געטאָן, נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַ צעקרימטע־גרימאַסע, ווי ביי איינעם, וואָס אָט, אָט וועט ער זיך צעוויינען.

פון שפּייכלער זיינען אַרויסגעקומען עטלעכע שטאַרקע מענער מיט שטאָלענע שטעכער וואָס האָבן אַרונטערגעהאַנגען פון זייערע רימענטן אַרום די לענדן, זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן די וועגענער. יונגע שמייסער־ייִנגלעך האָבן אַרויסגעפירט אָנגעזאָטלטע פערד פאַר די מענער, דעם סענאַטאָר אַרסיניס שותף, דער סענאַטאָר סטעפאַנעלאָ דעלאַ קאָלאָנאַ, אַ פלינקער הויכער יונגערמאַן מיט אַן אָליוו לענגלעך פּנים, מיט אַ שפּיציק שאַרף בערדל האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די מענער און געוואָרפן מיט זיין שווערד הינטערן ברייטן כאַלאַט.

די מענטשן האָבן זיך דערפילט זייער געקרענקט, זיי האָבן גענומען שעלטן הויך מיט אַ גאַליקן ווייטיק.

— ווערעם זאָלן אויפפרעסן דאָס מעל!

— שדים זאָלן עס פאַרדאַרבן, אַ שלאַקס רעגן זאָל פון דעם מאַכן בלאָטע!

איינער פון די שטאַרקע מענער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום שפּיז און מיט גזלנישער קאַלטקייט זיך געלאָזט צום געזעמל. דער יונגער סענאַטאָר האָט אַ וואונק געטאָן צו אים און אים פאַרהאַלטן אינמיטן וועג.

דער דאַרער מאַן מיט די צעפּיבערטע אויגן האָט אים נאָכגעשריגן:

—בראַווי! וויפיל מענטשן האָסטו שוין דערמאָרדעט? באַצאָלטער שקלאַף. אויף דיין קאָפּ איז דאָ אַ פּרייז אין לאָמבאַרד. היינט־מאָרגן וועט מען דיך כאַפּן און מ׳וועט מאַכן איבער דיין העלדזעלע כיק, מיט אַ זיסן שטריק.

עס איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. פון דער שמאָלער גאַס זיינען אָנגעקומען די לויה־טרעגער. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע ברייטע כאַלאַטן, וואָס האָבן פאַרדעקט זייער גאַנצן קערפּער אַריבערן קאָפּ, מיט צוויי לעכער פון פאָרנט פאַר די אויגן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז. די טרעגער זיינען אַריין אינעווייניק. די וואָס זיינען געבליבן אין דרויסן

האָבן אָנגעצונדן וואַקסענע ליכט. די ליכט האָבן טויטלעך געצאַנקט אין דעם גרויען טאָג־ליכט אַריין, קליינע אָפּגעריסענע יינגלעך האָבן זיך אַרומגע־שטעלט די ליכט־טרעגער און מיט פּאַפּירענע בעכערלעך ווי הערנער אונ־טערגעכאַפּט דעם אָפּטריפנדיקן וואַקס. באַלד האָבן די טרעגער אַרונטערגע־בראַכט אַ רויען אומגעהובלעוועטן קאַסטן מיט אַ מת און גיך אָוועקגעאיילט פון דער גאַס, ווייל זיי האָבן אַ סך מתים אָפּצוראַמען פון דער מגפה.

אויף דער פּיאַצאַ מאַנטאַנאַרא איז ניט געווען צו באַמערקן דעם געוויינ־ליכן סוף־וואָכיקן טומל פון פויערן וואָס קומען דאָ אַרונטער פון די באַרגיקע דערפער. בלויז געציילטע פויערן זיינען דאָ געשטאַנען ווי עפּעס פאַר־בלאָנדזשעטע. עס איז זיי געווען צו דערקענען לויט זייער הלבשה. זיי האָבן געטראָגן בלוי־לייוונטענע קליידער מיט ברייטע בלויע מאַנטלען מיט אַ קאַפּטוך אויף די אַקסל אַרונטערגעהאַנגען. אויף די פיס — לאַנגע ווייסע זאָקן מיט רימענדלעך פאַרשנירלט, אַנדערע מיט האַריקע פעלכלעך פון וויי־סע ציגן. טייל האָבן געהאַלטן זייער געפּעק אויף די קעפּ ווי גרייט צו פאַר־לאָזן די שטאָט, אַנדערע זיינען געשטאַנען אָנגעלענט לעבן זייערע קליינע באַלאָדענע פערדלעך. מייסטנס זיינען זיי געווען ברייט־פּלייציקע, אָפּגעברענ־טע פון זון און ווינט. אָבער עס האָט זיך אויך געזען צווישן זיי מענער מיט גע־לע פּלעקן, געשלאָגענע פון דעם פּעסט־פּיבער, מענטשן מיט אַ צעטומלטן דער־שראָקענעם שמייכל אויף זייערע בלוטלאָזע ליפּן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך משער געווען אַז די מגפה איז וויט פאַרשפּרייט. אַז די פויערן וויכן פון שטאָט. אַ הונגער וועט באַלד קו־מען. די אַרימעלייט זיינען שוין אומרואיק דער סענאַטאָר אַרסיני פירט אַוועק דאָס ברויט פון שטאָט, ווייל ער קריגט מסתמא ערגעץ אַ בעסערן פּרייז. ווער ווייסט וואָס פון דעם אַלעס וועט ווערן. עס ווייזט זיך ניט קיין גוטס. ווער ווייסט אויף וועמען דער צאָרן וועט זיך אויסגיסן.

פון דעם דאָרפישן וועג, וואָס פירט צו די בערג איז אָנגעקומען אַ גרויסע מאַסע מענטשן, מיט פּעק אויף די קעפּ און מיט זייערע ווייבער און קינדער. לויט זייער הלבשה האָט עמנואל סאַבאַטי דערקענט, אַז דאָס זיינען שטאָטי־שע איינוואוינער פון רוים, מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען און געהאַט־פאַרלאָזן די שטאָט. עס זיינען געווען שווער־לייביקע טוטאָנישע בלאָנדע בעקערס, ברייטע מיט קלאָציקע פיס. שאָטינע און שוואַרצוואָנסלדיקע פראַנצויזן, גאַליער, פאַרפיום־מאַכער, אומרואיקע דאָ־רע מענער, באַלמעלאָכעס פון שפּיל־אינסטרומענטן, געיעג־און געצייג מאַ־כער. אויסגעאיידלטע שפּאַנישע ביכער־סוחרים, מזרחדיקע מאַטראָסן, שיף־בויער, נאָך זיי זיינען מיטגעפאָרן קליינע פורלעך, וועגעלעך שלעפּער מיט גע־

פּעק און קראַנקע. פיל פון זיי זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט פאַרבלוטיקטע טיכער אויף די קעפּ, מיט פאַרבונדענע הענט.

פון אַלע פענצטער פון די הייזער האָט מען גענומען אַרויסשטעקן קעפּ, פון אַלע געסלעך האָבן גענומען לויפן מענטשן. די פּיאַצע מאָנטאַנאַראַ איז מיט אַמאָל געוואָרן פול. עס איז געוואָרן אַ טומל .מען האָט אַרומגערינגלט די אָנגעקומענע מענטשן.

— וואָס אַזוי גיך צוריקגעקומען? מיט וועמען האָט איר מלחמה גע־האַלטן? — האָט מען געפרעגט פון אַלע זייטן.

— זיי האָבן אונדז פאַרטריבן. די פאַרשאָלטענע סאַבינער און סעמ־בינינער בערגלייט. מיר ברענגען די פּעסט, האָבן זיי געזאָגט.

— מיט פּיקעס, מיט שטעכערס, שפּיזן, מיט קאַטשעלקעס, האָבן זיי אונדז געשלאָגן און געשטאָכן, די מערדער.

— וואָס־זשע וועט איצט זיין?! — האָט זיך געהערט אַ קרעכצעניש צווישן דעם המון.

— אַז עס קומט אַ פייער אין שטאָט אַריין דאַרף מען אים צעטרענען דעם בויך,ממיתן, נקמה נעמען פון די הינטישע סאַבינער בערגלייט — האָט אַ בלאָנדער דייטשישער בעקער געשריגן און געדראָעט מיט די פויסטן צו די בערג.

—מיר צלמען זיך, ראַטעוועט אונדז, ברידער, און זיי ווי גאַרניט קיין קריסטן — האָבן די מענטשן געקלאָגט.

—מיר ברענגען מיט זיך דעם טייוול, האָבן זיי געזאָגט. רוים איז אַ זינ־דיקע שטאָט. די מענטשן זיינען זינדיק.

— יאָ, יאָ, דער הייליקער בענעדיקטוס האָט געזאָגט, אַז רוים וועט חרוב ווערן פון טייוול — האָט זיך דער אַלטער בעטלער אָפּגערופן.

קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. דער אַלטער האָט אָבער גע־וואָלט ווייזן, אַז ער זאָגט דעם אמת, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרצן צלם פון הינטערן ברודיקן העמד און זיך איבערגעצלמט.

— אַ מאָנאַך, אַן אָרימער קאַפּוטשינער בין איך ניט פון די פעטע פּריס־טער. זאָל מיך גאָט אַזוי העלפן, און דער טייוול, זאָג איך אייך, קומט פון די יידן, די זינדיקע!

אַלע האָבן זיך מיט אַמאָל אויסגעדרייט צום אַלטן בעטלער, מיט די גרויע אויסגעוויקטע קודלעס.

— די געטאָ איז פאַרשלאָסן, און מיטן טייוולס כח דרייט זיך דאָ אַרום אַ ייד. אַלע רוחות ברענגט ער מיט כישוף — האָט דער אַלטער אָנגע־וויזן, אויף דעם רופא עמנואל.

דער רופא עמנואל האט מיטאמאל דערפילט א שרעק ווי קיינמאל ניט פריהער אין זיין לעבן. ער האט זיך דערזען ארומגערינגלט מיט בלויז האס, ער האט זיך פארקערעוועט אויף צוריק נענטער צום שפייכלער פון דעם סע־נאטאר ארסיני. ער האט געהערט ווי מ'לויפט אים נאך. עס האט זיך הינטער אים אויפגעהויבן א געשריי:

—כאפט אים! ער טראגט מיט זיך כשוף, סם!

—ביים האלדז נעם אים! ער קאן נאך מיט א שפרוך אימעצן אומ־ברענגען.

— האט ניט מורא, נעמט די קרייצן אין די הענט — האט דער אלטער געשריגן.

דער רופא עמנואל סאבאטי האט זיך אויסגעדרייט און דערזען א צע־יושעטער המון שפארט זיך צו אים מיט איינגעהאלטענע טריט ווי זיי וואלטן אי מורא געהאט פאר אים ער זאל זיי ניט מיט עפעס שאדענען און אי ווי זיי וואלטן אים וועלן קונציק א כאפ טאן. ער האט זיך גערוקט לעבן די פאר־פאקטע וועגענער מיט מעל, זיך געשארט צום טויער פון שפייכלער. עס זיי־נען אים אנטקעגן געקומען עטלעכע מענער פון ארסיניס משרתים, און מיט געלע אויסגעשטשירעטע ציין ווילד געלאכט.

— שפיי אויס א פייער אויף זיי, באוויז וואס דו קענסט, משה!...

דער רופא עמנואל האט זיך אפגעשטעלט. ער האט שווער און טיף אפ־געדעכעט. דאס הארץ האט אין אים געפויקט מיט האסטיקע קלעפ.

— איך וויל זעען דעם סענאטאר ארסיני.

— וועמען? האט זיך איינער פון די משרתים מיט א שפאטיש פנים צו־געבויגן מיט א הארכנדיק אויער צו עמנואלן.

— דעם סענאטאר ארסיני סעניאר!

דער סענאטאר ארסיני האט זיך באוויזן ביים טויער פון שפייכלער. ער איז געווען בלאס. דער גוידער האט אים ברוגזלעך אריבערגעהאנגען איבער דעם ווייס־געפאלדעוועטן קראגן. ער האט אויפגעהויבן די לאנגע פאלעס, בא־פוצטע מיט פוטער פון זיין כאלאט, זיך אפגעריסן פון טויער און מיט א כארכלנדיקע שטימע געגומען שרייען צום המון.

— וואו קריכט איר דא, די הויט וועל איך הייסן שינדן פון אייך, די הענט אפהאקן, איר קרעציקע גנבים, רויבער!

דער המון איז געבליבן שטיין. עמנואל האט זיך דורכגערוקט צווישן די וועגענער און איז אריין אין שפייכלער.

עס האט אים א שלאג געטאן א קילע טוכלעקייט פון פארדומפענעם מעל. דער ריזיקער שפייכלער איז שוין געווען האלב־אויסגעליידיקט. דער

רופא עמנואל איז צו, צו אַ קאָלומנע, וואָס האָבן אַ גאַנצע ריי אונטערגעהאַלטן דעם הויכן סופּיט. ער האָט אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון שטערן און מיט שרעק זיך איינגעהערט צום געשריי, וואָס האָט דאָ אין ליידיקן שפּייכלער, אָפּ־געהילכט מיט אַ ווידער־קול.

— דער ייד האָט זיך באַהאַלטן, גיט אים אַהער און די פּעסט וועט מיטן ווינט אַוועק!...

— די הייליקע אינקוויזיציע, דער סענאַט וועט שוין אויסגעפינען ווער עס איז אַ מכשף — האָט דער סענאַטאָר אָרסיני געשריגן מיט זיין הייזעריקער שטימע.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי פון הונדערטער קולות.

דער סענאַטאָר אָרסיני האָט איבערגעלאָזט דעם המון און אַריינגעקור־מען אין שפּייכלער. ער איז צוגעקומען צום רופא און מיט צאָרן אויסגעשריגן.

— אין געטאָ איז דיין אָרט, אין געטאָ. דיין נס איז וואָס איך בין אַ רי־טער, אַ ריטער פון דור דורות, אַ ניט וואָלט מען דיך צעריסן — האָט זיך אָר־סיני אינמיטן געבייזער באַוויזן צו רימען. ער האָט זיך איינגעשטילט און מיט אַ פאָרשנדיקן טאָן געפרעגט.

— וואו ביסטו דאָ געגאַנגען דאָקטאָר סאַבאַטי?

— צום פּאַלאַץ סאַוועלי האָט מען מיך גערופן — האָט עמנואל שטיל גע־זאָגט.

— אַ, גערעכט, גערעכט. זייער טאָכטער איז קראַנק. מיין בראווי וועט אייך באַלד אַרויספירן.

עס איז צוגעקומען דער צווייטער שותף סטעפּאַנעלאָ קאָלאָנע אָנגעפּאַנ־צערט מיט געווער אַרום די לענדן.

— ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. איך האָב געבראַכט געווער אַוועקצולייגן אַ גאַנצע אַרמיי.

אָרסיני האָט זיך פאַרקרימט, ווי ער וואָלט איינגענומען אַ זייער בי־טערע רפואה, דער פעטער גוידער האָט נאָך שלאַבערדיקער זיך צעשפּרייט אַרום זיין אויפגעיורענעם האַלדז.

— געווער? אַ ריטער שלאָגט זיך ניט מיט קיין אומבאַוואָפנטע שלע־פּער. איך בין אַ סענאַטאָר, מיט חכמה דאַרף מען זיך אַרויסדרייען. מיין נאָ־מען דאַרף בלייבן ריין, אַלעמאָל ריין...

ער האָט זיך גענומען דרייען אומרואיק אַרויף און אַראָפּ אין שפּייכ־לער. ער האָט יעדע ווייל געכאַפּט אַ קוק צום זייטיקן האַלב־פאַרטונקלטן אַרויסגאַנג ווי ער וואָלט אויף עמעצן געוואַרט.

דורך דעם האַלב־פאַרטונקלטן אַריינגאַנג האָט זיך באַוויזן אַ נידע־

ריקער ברייטער מאַן מיט אַ קיילעכדיק בלאַס לבנה־פּנים, מיט לאַנגע פלאַ־כע האָר אַריבער דעם לייענעם כאַלאַט. אַרסיני איז אים אַנטקעגן גע־לאָפן מיט פרייד אויסגעשריגן.

— דמיטריאַס, דמיטריאַס! — ער האָט אים אַנגענומען ביים אָרעם און דעם אַריינגעקומענעם פאָרגעשטעלט פאַר זיין שותף סטעפּאַנעלאָ.

— דאָס איז דער גרויסער בעל־מופת דמיטריאַס פון ספּאַרטאַ.

אַלע דריי זיינען אַוועק אין אַ זייט. אַרסיני האָט אַרויסגענומען פון בוי־זעם אַ לעדערן זעקעלע מיט געלט. ער האָט אַרויסגענומען אַ הויפן מטבעות. דער בעל מופת דער גריך דמיטריאַס, האָט אונטערגעשטעלט אַ ברייטע דלאָ־ניע. אַרסיני האָט געציילט, און דער גריך האָט געדרייט מיט׳ן קאָפּ, אַז מען באַצאָלט אים ניט גענוג. ענדלעך זיינען זיי דורכגעקומען. דער גריך האָט דאָס געלט פאַרוויקלט אין אַ טיכל, עס פאַרשטופּט הינטערן גאַרטל.

— פיר זיי צום קאָליסייאום די אַרימעלייט. פאַרטרייב דעם טייוול, נאָר קיינער טאָר ניט וויסן, אַז איך האָב געהאַט מיט דיר צו טאָן. דו הערסט, מכשף, גנבישער גריך.

דער גריך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און ניט באַוועגט מיט זיינע פאַר־נעפּלט גלאָזיקע אויגן. ער איז אַרויס פון שפּייכלער מיטן הינטערשטן אַרויס־גאַנג.

די צוויי שותפים, דער יונגער און דער אַלטער סענאַטאָר, האָבן זיך גע־שטעלט ביי די זייטן פון דעם טויערדיקן אַריינגאַנג פון שפּייכלער און מיט אומגעדולד אַרונטערגעקוקט צום שמאָלן זייטיקן געסל.

פון דאָרטן האָט זיך פּלוצים געהערט אַ רעווען פון אַ ווילדן אָקס. ווי ער וואָלט עמעצן געמיתטט. די מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום שמאָלן געסל און זיך דערשראָקן אומגעקערט. פון געסל איז אַרויסגעקומען דער גריך דמיטריאַס, אָנגעטאָן דאַרפיש אין לייוונטענע בלויע קליידער מיט רעמענד־לעך פאַרשנורעוועט אַרום די ווייסע זאָקן. ער האָט געפירט אויף אַ זיידן שטריקל, אַ בלוט־רויט שטריקל, אַ רויטן אָקס. דער גרויסער קאָפּ, מיט רי־זיקע הערנער האָבן געשטויסן דעם חלל, ווי ער וואָלט עמעצן געשטאָכן מיט די הערנער. די רויטע מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן האָבן געזאָטן מיט צאָרן. די ברייטע צעשפּרייטע נאָז־לעכער האָבן געשנאָרכט מיט רוגזה די לופט. דאָס מויל האָט געשוימט מיט גאַווער, די ריזיקע ציין האָבן געשפּריצט דאָס שפּייעכץ און געביסן דעם חלל אַרום.

אַ פּחדימדיק שטילשווייגן האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן. דער גריך דמיטריאַס אַ קליינעקער לעבן דעם ריזיקן אָקס איז געגאַנגען געלאַסן. מיט די גלאָזיקע פאַרנעפּלטע אויגן צום הימל. ער האָט מיט אַ טרויעריקער שטי־

מע אויסגעזונגען.

— ווי איך צוים זיין צאָרן, אַזוי וועל איך צוימען דעם טייוול. אַלע צרות קומען פון טייוול צו אים וועל איך זיך ווענדן און געבן אַ קרבן. קטב*) קטב!

די מענער און די דערשראָקענע ווייבער האָבן צוגעלייגט די פינגער צו די ציטערדיקע ליפּן, ניט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי דאָס קליינע מענטשעלע האָט ניט קיין מורא צו גיין לעבן דעם מעכטיקן אָקס. פון גרויס שרעק האָבן די מענטשן זיך צערוקט און אים דורכגעלאָזט. הינטער דעם אָקס זיינען נאָכגעגאַנגען עטלעכע ווייבער, פאַרהילטע אין טיכער, באַרוועסע און מיט יאָמערלעכע קולות נאָכגעשריגן, געוואָלדעוועט, — מיסעריקאָרדיאַ(* דערבאַרם זיך.

די מענטשן זיינען מיטגעריסן געוואָרן. דער גריך האָט גענומען שלעפּן דעם אָקס אַוועק צו דער גאַס, וואָס פירט צום קאַליסייאום. צווישן די ווייבער האָט אויסגעבראָכן אַ יאָמערלעך געוויין. אַלע שלוזן פון זייערע צעפּייניקטע לעבנס האָבן אויפגעבראָכן. ענדלעך האָבן זיי געפונען אַ טרייסט אין זייער וויסט עלנטקייט. די דערשראָקענע מענטשן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ ווייטיקדיק געבעט:

— מיסעריקאָרדיאַ! דערבאַרם זיך!

טייל זיינען אַריין אין אַ פאַרגעסנקייט. דער אויפגעכוואַליעטער ווייטיק האָט פאַרגאָסן זייער גאַנץ לייב און לעבן, אויסגערעוועט פון זיי מיט אַ חיהש געהייל. זיי האָבן זיך געריסן ביז בלוט זייער הויט ווי פאַרוואונדיקטע. גע־לאָפן ווי ווילדע מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פאַרויס דעם ווילדן אָקס, וואָס מען גייט מקריב זיין ביים קאַליסייאום צום טייוול. ערשט איצט וועלן זיי באַ־פרייט ווערן פון דעם מעכטיקן טייוול, וואָס פּייניקט זיי מיט הונגער און מג־פות.

די גאַס איז מיט אַמאָל געוואָרן אויסגעליידיקט, דער טומל איז אַלץ ווייטער אַוועק. דעם סענאַטאָר אַרסיניס שמייסער זיינען אַרויף אויף די וועגענער. די שטאַרקע מענער זיינען אַרויף אויף די אָנגעזאָמלטע פערד. די בייטשן האָבן אַ קנאַל געטאָן אין דער לופט, די וועגענער מיט די זעק תבואה האָבן זיך גערירט פון אָרט.

דער רופא עמנואל האָט זיך אַרויסגערוקט פון שפּייכלער, זיך געשאַרט פאַזע די חורבות פון טעאַטער מאַרצעלוס. ער האָט געזען ווי דער סענאַטאָר אַרסיני מיט זיין שותף פאַרשליסן דעם שפּייכלער מיט אייזערנע פרענטן אויף

---

*) צעשטערער. אַ טייוול וואָס נעמט צו דאָס לעבן אין מיטן טאָג.
*) האָב רחמנות

דער טויערדיקער טיר. ער האָט נאָכגעקוקט דעם קאַראַוואַן וואָס האָט גיך אַוועקגעאײַלט, געוואָרן קלענער און קלענער אויף דעם גרויען וועג, און פאַר־שוואונדן מיטן ברויט פון דער הונגעריקער שטאָט רוים.

# פערטער קאַפּיטל

דער מאָנטאַנאַראַ פּלאַץ איז געווען אויסגעליידיקט, בלויז עטלעכע פאַרלאָזענע פערדלעך מיט פעקלעך אויף די רוקנס האָבן ווי פאַרבלאָנדזשעטע מיט דערשראָקענע אויגן געזוכט זייערע באַלעבאָטים. פון ערגעץ נאָענט אַרום קאָליסייאום האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ געברום פון רעוונדיקע העלדזער. דער געברום האָט מוראדיק אָפּגעהילכט מיט אַ ווידער־קול פון אַלע זייטן בערג.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך גיך געגומען הויבן איבער די צעקרומטע באַרגיקע טרעפּ צום סאַוועלי פּאַלאַץ. ווי לאַנג עס איז שטיל אויף דער פּיאַצאַ מאָנטאַנאַראַ און דער המון איז פאַרנומען ביים קאָליסייאום, וועט ער דערווייל באַזוכן די פאַמיליע סאַוועלי, זען דער קראַנקער און שנעל צוריקגיין אין געטאָ אַריין. ער זעט שוין סאַבאַטי, אַז ער וועט גאָרנישט קענען אויפטאָן. די שטאָט איז אויסגעהונגערט און צערודערט. די אָרעמעלייט זיינען אויפגעצאָרנט און זיי זוכן דעם שולדיקן אין זייער אומגליק, אויב די האַרן וועלן נישט קאָנען איינהאַלטן דעם המון זיך צו באַשיצן, וועלן זיי צוּוואַרפן דעם ביסל יידן פאַר אַ שעיר לעזאזל. קיין שום שתדלנות, קיין שום געבעט וועט דאָ נישט העלפן.

די דריי און זיבעציק טרעפּ צו דערגרייכן דעם אַריינגאַנג צום הויף פון פּאַלאַץ האָבן אים שנעל אויסגעמאַטערט. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך אָפּגעשטעלט, שווער און ווייטיקדיק אָפּגעדעכעט. ער האָט געגומען גלייכמאַכן זיינע מלבושים, ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף ער דערשיינען פאַר דער פאַמיליע סאַוועלי אַ רואיקער, אַ געלאַסענער.

גלייך מיטן אַרויפגאַנג זיינען געשטאַנען די קאַלומנעס מיט יאָנישע גזימסן, וואָס האָבן געפירט צום פּאַלאַץ־הויף. אויף די קאָלומנעס איז געשטאַנען דער געבוי פון דעם סאַוועלי פּאַלאַץ. אַרום אויף דעם משופּעדיקן באַרג

האָבן אַרויסגעשטייגט מאַרמאָרנע און גראַניטענע שטיקער ברוכוואַרג, פאַר־וואַקסן אין דער ערד ווי איינגעהויקערטע אַלטע צעבראָכענע מצבות.

דער אויבערשטער גאָרן און די צוגעבויטע פליגלען אויף די חורבות פון אַלטן מערצעלוס־טעאַטער, האָבן געהאַט אַ סך בלינדע פענצטער. אין די בלינדע פענצטער זיינען געשטאַנען אויסגעהאַקט אַלערליי פיגורן: אַ נאַ־קעטע פרוי מיט אַ האַרפע, אַ פרוי מיט אַ שלאַנג אַרומגעוויקלט איר קערפּער. די אַנדערע פענצטער זיינען געווען באַפּעסטיקט מיט קופּערנע אויסגעגראַ־ווירטע שטאַבעס אויסגערונדיקט אינדערהויך. איבער די פענצטער זיינען גע־ווען אויסגעמאָלן ריזיקע העלפאַנטן מיט קאָלירטע אויסגעשטיקטע איבער־דעקן אויף די רוקנס מיט נאָכהענגנדיקע טרעלזלעך. אויף די אויסגערונ־דיקטע גזימסן זיינען געווען אויסגעהאַקט זיצנדיקע אָדלערס מיט ווילדע שנאָבל־פּנימער און צעשפּרייטע פליגל אויף די טויערדיקע אַריינגאַנגען זיי־נען געלעגן אויסגעטאָקטע פרויען־נימפעס מיט אָפּגעדעקטע בייכער ביזן נאָפּל און פאַרענדיקט מיט עקן פון ים־פיש. לייבן קעפּ מיט רינגען אויף די נאָזלעכער, טייוולישע מענער קעפּ מיט קורצע צעווילדעוועטע בערד, וואַנ־סעס מיט אַרויסשטייגנדיקע הערנער פון די קורצע שטערנס.

אַרום דעם פּאַלאַץ האָט די לופט געשמעקט מיט פריען פרילינג. אין דעם קליינעם פּירעקיקן גאָרטן האָבן די ציפּריסן און פּאָמעראַנצןביימער זיך שוין באַדעקט מיט יונגע גרינע בלעטער, און געשפּראָצט מיט אַנגעשוואָלע־נע קנאָספּן. פּוכיקע גראָז מיט יאַשמין־בלומען אין שיין געהאָדעוועטע בייטן האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, די דריי מאַרמאָרנע פאָנטאַנען האָבן ווי מיט רעגנבויגנס באַשפּריצט דעם גאָרטן, די זיך וויקלענדיקע וואָרצלען מיט בלעטער אויף די ווענט.

אונטן איז געלעגן אויסגעשפּרייט די שטאָט. דער אויפגעכוואַלעטער געלער טיבער־טייך מיט די פאַרגאָסענע בריקן און געסלעך איז געלעגן שטיל, פאַמעלעך נאָכגעלאָזט די וויגנדיקע געדיכטע כוואַליעס, געלאָזט ביי די ברעגן שמוץ, ברוכוואַרג, געוויקסן און געלע בלאָטיקע בייטן.

די געטאָ־געסלעך זיינען געווען אויסגעליידיקט. די בערגלעך מיט די אָנגעוואַלגערטע זאַכן זיינען געלעגן פאַרלאָזן, ווי אַלע יידן פון דער געטאָ וואָלטן געווען אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט זייער האָב און גוטס. אַ פּוסטע אויסגעשטאָרבענע שטילקייט האָט געיאָגט פון די געסלעך, נאָר באַלד האָט זיך פון דער שווייגעניש דורכגעריסן די קלינגענדיקע שטימע פון רבי עזרא סופר. עס איז געווען אַ בעטנדיקע שטימע, ווי ער וואָלט געזאָגט נעילה. זיין טיף קול האָט זיך יעדע ווילע איבערגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין, מיט תהילימדיקע רייד.

— "הער צו גאָט, מיין געשריי, פאַרנעם מיין געבעט, פון עק פון דער וועלט רוף איך צו דיר, ווען מיין האַרץ פאַרגייט!"

נאָך אים האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ געיאָמער, אַ געשריי פון אַ גרויסער עדה, ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אַ טראָג געטאָן דורך אַ וואַלד. מען האָט ניט געהערט די תפלהדיקע רייד פון תהלים. עס האָט זיך געטראָגן אַ גרוי בעטנדיק געוויין פון אַ פאָלק, וואָס שרייט אַרויס דעם פיינלעכן ווייטיק וועלכן ער קאָן מער ניט אויסהאַלטן. דאָס געוויין האָט זיך געהויבן פון אַלע געסלעך מיט אַ מוראדיקן ווידער־קול ווי פון קברים וואָלטן זיך מענטשן געבעטן מען זאָל זיי ראַטעווען.

דאָס געבעט איז געקומען פון דער סינאַגאָגע. די גאַנצע געביידע איז געווען איבערפולט און אויך דער הויף איז געווען איבערגעפאַקט, מענער, ווייבער און קינדער, אַלע האָבן געקלאָגט, געהויבן די הענט צום הימל.

דער רופא עמנואל איז געשטאַנען ווי פאַרטייעט. עס האָט אים גע־קלעמט ביים האַרץ די עלנטקייט, די הילפלאָזיקייט פון זיינע ברידער. ווי אַזוי וועט ער צוריקגיין צו זיי מיט גאָרניט. עס וואָלט שוין אפשר בעסער געווען, ווען דער המון וואָלט אים געווען אומגעבראַכט . . .

פון די אויבערשטע באַלקאָנען מיט די ווייס־מאַרמאָרנע גזימסן האָט זיך פלוצים געהערט אַן אָפּשפּעטנדיק געלעכטער, וואָס האָט נאָכגעקרימט דעם געשריי פון די יידן אין געטאָ. עמנואל סאַבאַטי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ ער האָט אָבער קיינעם ניט געקאָנט זען. דער רופא עמנואל האָט זיך משער געווען, אַז ביי דער פאַמיליע סאַוועלי זיינען דאָ מענטשן, וואָס מער ווי שפּאָט צו זיך און צו זיינע ברידער, וועט ער ניט באַגעגענען. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט צו קיינער האָט אים ניט באַמערקט און גיך געגומען אַרונטערגיין פון די צעקרימטע טרעפּ. נאָר באַלד האָט ער געהערט הינטער זיך אויסרופן:

— דאָקטאָר סאַבאַטי! דאָקטאָר סאַבאַטי!

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט. ביים אַריינגאַנג טויער איז געשטאַנען דער אַלטער סאַוועלי, אַ הויכער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט לאַנגע גרוילעכע האָר, וואָס האָבן געגרייכט ביזן אַקסל. ער האָט גע־טראָגן אַ שאַרלעכן זיידענעם כאַלאַט, געפּוצט מיט אַ שמאָלן פאַס ברוינלעכן פוטער, פאַרגאַרטלט מיט אַ געפלאָכטענעם באַגילדעטן גאַרטל, צוגעשלאָסן מיט אַ גרויסן זילבערנעם שלאָס.

— וואָס אַנטלויפסטו, דאָקטאָר סאַבאַטי? מיר וואַרטן אויף דיר. מיר האָבן גרויסע געסט, דאָקטאָר גריגאָריאָ, דער פראַנצישקאַנער מאָנאַך, דאָקטאָר ווינסענזאָ.

דער רופא עמנואל איז בלאַס געוואָרן. ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ. ער

האָט זיי גוט געקענט די צוויי מעדיקער, דאָס זיינען געווען צוויי יעזואיטן פּרו־מאָקעס, וואָס האָבן שטאַרק געגלויבט אין זיך, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין מזל אין די נאָבעלע הייזער. איינער פון זיי, גריגאָריאָ האָט אַפילו דער־פונדן אַזאַ מין זאַלב צו היילן קראַנקע און זיי באַשיצן פון דער פּלאָג. ער האָט זיך אונטערגענומען צו היילן די נאָבעלע דאַמע פּאַולינאַ פּאַרשיאַ און ניט באַוויזן זי געזונט צו מאַכן. זי האָט אים דערפאַר געטריבן פון אַלע נאָ־בעלע הייזער.

דער אַלטער סאַוועלי האָט אָנגענומען סאַבאַטין ביים אָרעם און בטול־דיק געקנייטשט מיטן פּנים.

— זיי בלאָנדזשען דערווייל, איינער זאָגט, אַז דאָס האַרץ איז ביי איר שוואַך. דער צווייטער מיינט, אַז עמעץ האָט איר אָנגעטאָן אַ כישוף.

— מיין ליבער האַר סאַוועלי, איך קאָן אָבער ניט היילן מיט קיין כישוף — האָט זיך סאַבאַטי אָפּגעשטעלט. פון באַלקאָן איז ווידער געקומען דאָס אָפּ־שפּעטנדיקע געלעכטער. סאַבאַטי האָט ניט ווילנדיק צוגעלייגט זיינע הענט צו די אויערן. זיין פּנים האָט זיך איינגעקאָרטשעט פון יסורים. דער אַלטער סאַ־וועלי האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקאָן און שמייכלענדיק גענומען באַרואיקן דעם רופא.

— אַ קאָרליק האָבן זיי מיר געבראַכט די אָרסיניס, גראַדע אַ גרויסער ליץ. ער קרימט זיך און דרייט זיך, שפּאַסט פון דער גאַנצער וועלט, ער וויל זי פריילעך מאַכן.

סאַבאַטי האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— און זי? כ׳מיין, זי ווערט פריילעך דערפון.

— ניין, זי גלאָצט מיט די אויגן צו אים. עס איז צו זען, אַז זי געפינט זיך אין אַנדערע וועלטן, — האָט סאַוועלי אַ טרויעריקער געזאָגט.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין פאָדערהויז. אינעווייניק זיינען אויף צוויי קאָלומנעס געזעסן צוויי אָדלערס מיט פרויאישע פּנימער און אין די מיילער געהאַלטן פאַקל־הענגערס. ביי די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן גאָרן, איז געשטאַנען אַן אויסגעגראַווירטער קופּערנער לייכטער, אונטן ברייט ווי אַ וואַזע און אַביסל העכער זיך געעפנט ווי אַ בייכיקער קרוג, אויף וועלכן דער לייכטער האָט זיך געריסן אַרויף מיט אַלערליי שמאָלע און ברייטע רינ־גען, רייפן, לענגלעכע און רונדיקע.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער איבער די ברייטע טרעפּ פאַרטאָן אין זיך. ער האָט היינט אַ שלימזלדיקן טאָג, האָט דער רופא, געטראַכט. אויב ער ווער פונקט ווי זיי, די צוויי יעזואיטן דאָקטוירים ניט געפינען קיין מיטל צו היילן דעם אַלטן סאַוועליס טאָכטער, וועלן זיי אַלע פון אים שפּעטן און אים נאָך אפשר באַליידיקן. אויב ער וועט יאָ עפּעס גע־

פינען וועלן זיי פון גרויס קנאה, זייער שנאה ניט איבערטראָגן און אים שלעכטס טאָן. נאָר באַלד האָט ער פון זיך אָפּגעטרייסלט די שווערע מחשבות. זאָלן זיי טאָן וואָס זיי קענען, פריהער פון אַלץ איז ער אַ דאָקטאָר. ער וויל טרעפן, ער מוז טרעפן. זיי האָבן געגנוג שנאה צו אים שוין צוליב דער נאָבעלער דאַמע פאָר־לינאַ פאַרשיא. אויב זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט אים שלעכטס צו טאָן, וועלן זיי דאָס סיי ווי טאָן. קיין שום הכנעה וועט דאָ ניט העלפן.

אויבן אין דעם ברייטן פאָדערהויז איז געשטאַנען אַ געטשקע, וואָס האָט געהאַלטן אַ צווייג מיט טרויבן ביי מויל. אויף דער וואַנט איז געווען אויסגע־האַקט אַ פאַרוואונדעטער גלאַדיאַטאָר, פון זיין ברוסט האָט געשטראָמט בלוט, ער איז געלעגן אויף זיין שילד און מיט איין האַנט האָט ער מאַכטלאָז געהאַלטן זיין צעבויגענעם האָרן. לעבן דעם שטאַרבנדיקן גלאַדיאַטאָר איז געווען אויסגעהאַקט אַ פאַרצייטיקער האָפן, שיפלעך מיט רודערס. עכטע מאָזאַאישע בילדער פון דעם אַמאָליקן מערצעלוס־טעאַטער.

אַ יונגער דינער אין געפּאַסטע הויזן ביז די קני אין אַ טוניק מיט טרעלזעלעך ביי די אָרעמס, האָט געעפענט דעם אויפנאַם־צימער און מיט אַ לייכטן פאַרנויג אים געוויזן דעם אַריינגאַנג.

דער רופא סאַבאַטי און דער אַלטער סאַוועלי זיינען אַריין אין אויפנאַם זאַל. דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך גלייך פאַרקערעוועט צו אַ זייטיקן זאַל פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ פריילעכער טומל.

— זאָל זיך דער האַר סאַבאַטי אַביסל אָפּרוען. די טרעפ האָבן אים מיד געמאַכט — האָט ער געזאָגט צום דינער.

סאַבאַטי האָט געוואוסט אַז דאָס גייט ער אַליין דער אַלטער סאַוועלי אָנ־זאָגן, אַז ער איז שוין דאָ, דער ייד סאַבאַטי. דאָרט אינעווייניק, אין דעם באַנ־קעט־זאַל איז מיטאַמאָל זייער שטיל געוואָרן דערנאָך האָט מען זיך גענומען שעפּטשען, ווי מען וואָלט זיך סודות איינגערוימט אויפן אויער. עס האָט זיך בלויז געהערט דער געקלאַנג פון מעטאַלענע כלים.

די שטילקייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די געסט האָבן שוין געהאַט, ווייזט אויס, אַ סך אַריינגעגעסן, ווייל טייל פון זיי האָבן הויך געגרעבצט צו ווייזן דעם באַלעבאָס ווי פיין זיי פאַרדייען זיינע געשמאַקע מאכלים... עס האָט זיך דאָ אַהער געטראָגן אַ גערוך פון פעטע שפּייזן, געמישט מיט שאַרפע געווירצן, וואָס האָבן געצופּט די נאָזלעכער. דערנאָך איז געקומען אַ גערוך פון פּערפיומירטע ווייען. דער געטראַנק האָט אויפגעבונדן זייערע צונגען. עס האָט זיך געהערט דאָס הייזעריקע קול פון דעם פראַנציסקאַנער מאָנאַך דאָק־טאָר גריגאָריאַ:

— ער זאָל נאָר ניט הייסן אויסצאַפּן דאָס בלוט פון אונדזערע יינגלעך

אַריינצוגיסן עס אין דעם מיידלס אָדערן ווי עס האָט געטאָן דער היברעאָ מעדיקער ביים הייליקן פּויפּסט אינאָסענטי דער אַכטער.

באַלד האָט זיך געהערט דאָס שטעכיקע אָפּלאַכערישע קול פון דאָקטאָר ווינסענזאָ.

— ער האָט קינדער, דער דאָקטאָר סאַבאַטי? — האָט ער זיך דאָרטן ערנסט געפרעגט.

— ווייל איך האָב געהערט, אַז דעם פּויפּסט פּאַליציי האָבן דאַמאָלסט גע־נומען דעם זינדיקן דאָקטאָרס קינדער און ער האָט געמוזט אויסצאַפּן זייער בלוט. ער האָט געמוזט קוילען זיינע אייגענע קינדער צו ראַטעווען דעם פּויפּסט.

פון דער דאָזיקער מעשה האָט קיינער ניט געלאַכט. עס איז דאָרטן געוואָרן אַ שווערע לאַנגע שטילשווייגעניש. דער פראַנציסקאַנער מאָנאַך האָט עטלעכע מאָל געכאָרכלט מיטן האַלדז, ווייל אים איז שווער געווען אָפּצו־הוסטן, אַז מען ווייל שלעכט אויסטייטשן איז דאָס רכילות קעגן דעם הייליקן פּויפּסט אינאָסענטי. אין דער צייט ווען די אינקוויזיציע שאַנעוועט ניט קיי־נעם איז דאָס גאָרניט קיין אנגעגנעמע חכמה צו רעדן אַזוי אָפן צווישן מענטשן...

דער קופּערנער זייגער האָט גענומען קלינגען אין צימער, קלינגען מיט די מעטאַלענע גלעקלעך. עס האָבן זיך גענומען באַוועגן די הימלישע גע־שטאַלטן, די זון, לבנה און שטערן. עס איז געווען אַ זון־זייגער. די זון אינמיטן אַרומגערינגלט פון די הויפּט־פּלאַנעטן און קאָמעטן. ערשט איצט האָט דער רופא עמנואל רואיק באַטראַכט דאָס צימער. דער באַלקן איז געווען אַ קופּער־נער, אויסגעקלאַפּט מיט רונדיקע טאַצן, אַכטקאַנטיקע קופּערבלעכן, אַרומגע־זוימט מיט רונדיקע רעדעלעך ווי גרויסע מטבעות. צווישן זיי, אַריינגעפּאַסטע פּירקאַנטיקע רעמעלעך מיט קופּערנע בלימעלעך און קונציקע קופּערשטיכן. אויפן דיל איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּערסישער טעפּיך. ביי די פענצטער זיינען געשטאַנען נידעריקע טישלעך מיט שאַך ברעטלעך און פיגורן, ביי די ווענט אָרעמשטולן. די אָנלענען פון די שטולן און אין דער הויך זיינען געווען אויסגעשניצט מיט קעפּ פון משונהדיקע געשטאַלטן, טייל זיינען געווען באַ־דעקט מיט טונקעלן לעדער געפּרעסט און באַשלאָגן מיט מעש. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען טעפּיכער אויסגעשטיקט מיט מלחמות פון די קרייץ־צוגן. ריי־טער מיט ווייסע צלמים מיט פּורפּורנע מאַנטלען, אויף די אייזערנע לייבלעך. שילדן מיט אַלערליי הערבן: אָדלערס, לייבן, פאַלקאָנען, געפּאַנצערטע רי־טערס אויף פערד אין גלייכע רייען איינע קעגן די אַנדערע.

ביים מערב־ראַנד האָט זיך פלוצים דורכגעריסן אַ פלאַמיקע רויטקייט פון פריען זונפאַרגאַנג, זיך דורכגעהעלט דורך די שטאַבעס און קאָלירטע

שייבלעך, קליינינקע אַריינגעפּאַסט אין די פענצטער. פון ערגעץ נאָהענט האָט זיך ווידער אויפגעהויבן דאָס פריערדיקע געשריי פון דעם המון. עס האָט אויס־געזען ווי די מענטשן וואָלטן זיך צוריק דערנענטערט צו דער פּיאַצע מאָנטע־נאַראַ

די טיר האָט זיך געעפנט, עס איז אַריינגעקומען דער אַלטער סאַוועלי, דער רופא עמנואל האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול.

— איך האָף, אַז איצט קען איך זען די קראַנקע — האָט סאַבאַטי אומ־רואיק געזאָגט.

זיי זיינען אַרויס פון אויפנאַם־צימער. דורכגעשפּאַנט דעם באַנקעט־זאַל. דאָ זיינען געזעסן די דאָקטוירים גריגאַריאָ און ווינסענזאָ. ביידע אָנגעטאָן אין פּאַרוקן, וואָס האָבן מיט געדיכטע קאַרבן אַרומגעראַמט זייערע פּנימער און אַריבערגעהאַנגען זייערע אַקסלען. זיי האָבן געטראָגן לאַנגע כאַלאַטן, בלויז גריגאַריאָ האָט ווי שטענדיק געטראָגן זיין מאָנאַכישן צלם אין פּראָנט אויף דער ברוסט. סאַבאַטי האָט זיך טיף פאַרנייגט:

— פרידן צו אייך, דאָקטאָר גריגאַריאָ און דאָקטאָר ווינסענזאָ.

ביידע האָבן עפּעס ברוגזלעך אַ בורטשע געטאָן. דאָקטאָר ווינסענזאָ האָט פון גרויס צאָרן אַ נעם געטאָן פון טיש אַ גרויסן בעכער ווייִן און אַריינ־געגאָסן אין זיך. זיין שלאַבערדיק פּנים ווי ביי אַן אַלטע געגווידערטע פרוי האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ צאָרנדיקער רויטקייט. דאָקטאָר גריגאַריאָ מיט זיין מאָגער אַסקעטיש פּנים האָט שוין ניט אַרונטערגענומען די האַנט פון צלם ביי דער ברוסט. ער האָט עפּעס פרום געפּרעפּלט מיטן מויל. עס איז אויך דאָ געזעסן דער סוחר אַרסיני פון די תבואה שפּייכלער.

— אָ, דאָקטאָר סאַבאַטי — האָט ער פריילעך אויסגעשריגן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אַלטן סאַוועלי.

— איך האָב אים געראַטעוועט, דעם דאָקטאָר, פאַר דיר, פון די גאַסן־רויבער, — און ער האָט אים גענומען דערציילן ווי ער האָט זיך ריטעריש איינגעשטעלט פאַר דעם ייִד.

פון דעם באַנקעט זאַל האָבן זיי אַריינגעשפּאַנט אין צימער וואו די קראַנ־קע איז געלעגן. עס איז געווען אַ גרויס געערום צימער. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען אויסגעשניצטע קאָמאָדעס, טונקל געמאָלן. די שטולן זיינען געווען באַדעקט מיט בלאָען סאַמעט. אַזוי זיינען אויך געווען די פאָרהאַנגען. אויפן דיל איז געלעגן אַ מזרחדיקער טעפּיך, אַ לעמפּערט־פעל אינמיטן. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ נר תמיד, אַ ווייַנרויט אויל־לעמפּל, וואָס האָט באַ־לויכטן דאָס בילד פון דער מאַדאָנע. לעבן דעם טונקעלן ווינקל איז געשטאַנען דאָס בעט אויסגעשניצט פון האָלץ. דאָס בעט איז געשטאַנען אונטערגעהאַלטן

פון פיר אויסגעשניצטע דעמאַנען מיט ווילדע שדישע פנימער. דאָס בעט איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ זיידענע חופּה מיט פאַלדן און טרעלזועלעך אַרום די ברעגן.

אויפן בעט איז געלעגן די יונגע מיזינקע פון דער פאַמיליע סאַוועלי. איר רונדיק טונקל פּנים איז געווען אויסגעבלייכט. די לענגליכע נאָז, אויסגע־דאַרט. בלויז אירע ברוינע אויגן האָבן געפיבערט. און כאָטש אירע בלאַע ליפּן האָבן שוין געהאַט אַן אָפּגעשטאַרבענע מראה, האָט זיך די אויבערשטע שאַרף־געשניצטע ליפּ פאַרעקשנט באַוועגט. איר קאָפּ מיט שוואַרצע האָר אַן אַ לעבעדיקן גלאַנץ, איז געווען איינגעהילט אין אַ געבלומטן זיידענעם שאַל. דער שאַל האָט זיך געוויקלט ביז אַרונטער די אַקסל. די פאַרנטיקע האָר פון קאָפּ זיינען געווען פאַרקעמט מיט אַ גלייכן שרונט אינמיטן. איר האַלדז איז געווען לענגלעך, אויסגערונדיקט מיט אַ טיפן דעקאָלט. אַ שנור רויטע קרעלן פאַר אַ סגולה קעגן שדים, האָט פאַרדעקט איר האַלדז. די פולע יונג־מיידלשע ברוסטן האָבן זיך אומרואיק געצאַפּלט אונטער איר בלאָ־זיידן קלייד. דאָס קלייד איז געווען געפאַלדעוועט איבער דער גאַנצער ברוסט. איינגעצויגן מיט אַ ווייַן־רויטע טאַשמע מיט שלייפעלעך פאַרפלאָכטן ביי די אָרעמס.

אין צימער איז געווען אַ שטיקנדיקע לופט אַ געווירצטע לופט, פון שוואַרצן פעפער און קאַמפער, פון עסיק און פערפיומען. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט שוין געזען, אַז איר קראַנקהייט קומט ניט פון דער פיבער־מגפה און אַז די געווירצטע לופט איז פאַר איר שווער איבערצוטראָגן. דער־פאַר האָט ער זיך מיט אַ געבייזער אויסגעדרייט צו די מענטשן און געזאָגט גיך:

— דאָס פענצטער דאַרף מען עפענען, דאָס פענצטער!

די מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט. דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אַליין איבערגעשראָקן און ער האָט שוין שטאַרק אינזינען געהאַט, אַז ניט מעשה־ייִד האָט ער זיך געבייזערט אויף די נאָבללייט. אויף אַלעמענס פּנימער איז גע־לעגן אַ פראַגע, וואָס האָט עפענען דאָס פענצטער צו טאָן מיט דער קראַנקער, מיינט ניט דער ייִד איר צו היילן מיט כישוף... עמעץ האָט געעפנט דאָס פענצטער. אַ קילע פרילינגדיקע לופט האָט אַ ווייע געטאָן איבערן צימער, צעכוואַליעט די שווערע פאַרהאַנגען, די טרעלזועלעך פון דעם בעט איבער־דעק.

פון דרויסן האָט אַהער דערגרייכט דער דרויסנדיקער טומל פון דער פּיאַצאַ מאַנטאַנאַראַ. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צום פענצטער. די קראַנקע האָט זיך דאָרט אויפן בעט אויך אַ הויב געטאָן מיט אַזאַ רואיקייט ווי די בהלה אינדרויסן וואָלט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט איר. דער רופא האָט ניט אַרונ־

טערגענומען די אויגן פון דער קראַנקער. ער האָט געזוכט צו פאַרשטיין די סיבה פון איר אומרו. ער האָט נאָך אַלץ שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געהייסן עפענען דאָס פענצטער. ער האָט געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן פון דרויסנדיקן טומל דערצו זיינען נאָך אַריינגעקומען די צוויי דאָקטוירים וויג־סענזאָ און גריגאַריאָ ביידע האָבן זיך איינגעהערט צום טומל, דערנאָך האָבן זיי בטולדיק און דערשראָקן פאַרדעכטיק געקוקט אויף דעם רופא סאבאטי, ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן עפּעס אַ גרויסע עברה קעגן זייער אמונה און קעגן דער סאָוועלי פאַמיליע.

די הויז־מענטשן האָבן זיך געלאָזט צום באַלקאָן, אויך די קראַנקע האָט אויפגעהויבן דאָס איבערבעט און אַרונטערגעשטעלט די פיס אויף דער טי־גער־פעל, זי האָט זיך צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג אויפגעשטעלט און מיט די הענט זיך וואַקלדיק געשאַרט לעבן בעט. זי האָט מיט די אויגן געבעטן מען זאָל איר העלפן. דער אַלטער סאָוועלי האָט זיך מיט אַ פרעגנדיק פנים גע־ווענדעט צום רופא סאַבאַטי. און ער האָט באַגיטיקט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער אַלטער סאָוועלי איז אַן אויפגעלעבטער צוגעלאָפן צו זיין מיזינקע, זיין שיינע טאָכטער עמיליאַ און איר אָנגענומען ביי דער האַנט. עס איז אים צו הילף געקומען דער סענאַטאָר פון רוים, דער סוחר אַרסיני, און ביידע האָבן זי פאַמעלעך געפירט צום באַלקאָן.

אין דרויסן האָט זיך די פלאַמיקע רויטקייט פון מערב געלאָשן אין שאַרלעכע קאַלירן, אויפגעדעקט די באַרג־שפּיצן אַרום רוים. די נאָנטע און ווייטע רייכע ווילעס פון די רוימישע נאָבלייט. די קלויסטער טורעמס, די שיי־נע גערטנער מיט די ערשטע ווייסע בליטן, פאַרהילט אין יונגע, שיטערע, גרינע פרילינג־בלעטער. אַ קאַלירנדיקער רעגנבויגן האָט זיך אויפגעהויבן פון ערגעץ אַזוי ווייט ווי די אין בלאָקייט איינגעהילטע אַווענטינאַ־בערג, זיך אויפגעוויקלט אין גרין־בלויע, שאַרלעך־פייערדיקע שטרייפן. אַ ריזיקע רונ־דיקייט האָט באַלכסונדיק זיך פאַרענדיקט ערגעץ אַוועק אַריבער דעם טיבער־טייך. דער אויפגעהעלטער זון־פאַרגאַנג האָט אָנגעצונדן די שויבן מיט אַ פלאַ־מיקן פיבער. אַפילו די האַלב־פאַרטרונקענע געטאָ־הייזער האָבן געלויכטן אויפגעלעבטע. עס איז געווען צו זען ווי פון די חורבותדיקע געטאָ־הייזער האָבן אַרויסגעשפּאַרט מענטשן. די געסלעך זיינען געווען פול און אַלע האָבן גע־קוקט צום טיבער, וואָס האָט אַרונטערגעלאָזט זיינע כוואַליעס.

באַלד האָבן די מענטשן אויפן באַלקאָן געזען פון וואַנען דער געשריי איז געקומען: פון די געסלעך באַרג אַראָפּ פון קאַלאָסעאום, זיינען געלאָפן מענטשן אַרונטער. נאָך זיי און צווישן זיי האָבן געריטן דעם פויפּסט סאָל־דאַטן, זיי זיינען געווען געפּאַנצערט אין שטאָלענע טוניקעס, העלמען און שטאַ־

לענע הויזן מיט שולדן אין די הענט. זיי האָבן געשטאָכן מיט די אייזערנע שטעכערס און צעשניטן טיילן פון די אַנטלויפנדיקע מענטשן, זיי אַרומגע־רינגלט.

פון די אַנטלויפנדיקע האָט זיך אַרויסגעריסן דער בעל מופת, דער גריך דמיטריאַס מיט איינע פון זיינע וואַרזאָגערינס. ער איז געלאָפן איבער דער פּיאַצאַ מאַנטאַנאַרא, דאָ אַהער צום טעאַטער מערצעלוס. אונטן זיינען גע־שטאַנען סילא, דעם אַלטן סאַוועליס זון און זיין חבר רעימאָנדאָ אָרסיני. ביידע האָבן עפּעס גערעדט מיטן בעל מופת. ער איז געפאַלן אויף די קני, אָנגע־כאַפּט זייערע פיס, זיך געבעטן אים צו באַשיצן. די ביידע יונגעלייט האָבן לויטן מנהג פון זייערע אבות, צו געבן אַ מקום מקלט צו די, וואָס ווילן זיך פאַרקנעכטן צו זיי אין דינסט — אים דורכגעלאָזט.

דער בעל מופת מיט זיין וואַרזאָגערין זיינען אין איין אָטעם געלאָפן אַרויף די טרעפּ. זיי זיינען יעדע ווילדע אומגעפאַלן און מיט לייב און לעבן זיך אַרויפ־געדראַפּעט די דריי און זיבעציק טרעפּ.

דעם פּויפּסט סאָלדאַטן האָבן די געכאַפּטע מענטשן אַוועקגעפירט צו דער אינקוויזיציע־תפיסה, וואָס לעבן דעם סענט־אַנדזשעלאָ שלאָס און די טאָרע דע נאָנאַ הייזער. אַנדערע סאָלדאַטן האָבן געיאָגט די אַנטלויפנדיקע, וואָס זיינען פאַרשוואונדן צווישן די הייזער לעכער און חורבות, פון גרויס מורא ניט אַריינצופאַלן אין די אינקוויזיציע־קאַמערן. זייער עבודה איז געווען גרויס מחמת זיי האָבן אָפּגעקערט פון קריסטלעכן גאָט און פון זיינע ערדישע דינער, דער פּויפּסט מיט זיינע סאָלדאַטן, און געדינט צום טייוול, זיך באַ־האָפטן מיט כשוף־מאַכער און מכשפות און לויטן געזעץ טאָרן זיי מער ניט לעבן אויף דער זינדיקער וועלט . . .

די געפאַנגענע זיינען געגאַנגען איינגעקאָרטשעטע ווי שוין־פאַראור־טיילטע צום פייער. טייל האָבן זיך געפּרואווט בעטן ביי די רייטער, געפאַלן אונטער די פערדישע פיס, הכנעהדיק געוויינט, זיך געצלמט. די רייטער האָבן זיי געשטאָכן מיט די שטעכערס, געשלאָגן מיט לעדערנע רימענס. פיל פון די געפאַנגענע האָבן זיך מער ניט אויפגעהויבן, געבליבן מיט צעשטרעקטע הענט אויף דער ערד, מיט רינענדיקע ריטשקעלעך בלוט פון זייערע דערשטאָ־כענע לייבער.

עטלעכע רייטער זיינען צוגעקומען צו די טרעפּ און וואַרשיינלעך גע־פאָדערט מען זאָל זיי אַרויסגעבן דעם בעל מופת דמיטריאַס. דער יונגער סאַ־וועלי און זיין חבר אָרסיני האָבן געענטפערט מיט אַרויסכאַפּן די שווערדן פון די שיידן, זיך געשטעלט גרייט צו שלאָגן. די רייטער האָבן אָפּגעטראָטן, גלייך אַוועקגעגאַלאָפּירט אין דער ריכטונג צום סענט אַנדזשעלאָ שלאָס. די יונגעלייט

האָב פאַרשטאַנען, אַז דערמיט איז דער ענין נאָך ניט פאַרענדיקט ווייל דער יונגער אָרסיני איז געלאָפן נאָך זיינע בראַווע דינער, געניטע סאָלדאַטן. אויך דער יונגער סאַוועלי האָט צונויפגעזאַמלט זיינע דינער. די סאָלדאַטן פון די צוויי נאָבעלע משפחות האָבן זיך צונויפגעזאַמלט לעבן דער זייט וואו עס האָט זיך זיגזאַגיש געהויבן אַ וועג באַרג אַרויף צום שלאָס.

פון דערווייטנס זיינען אָנגעקומען דעם פויפסט סאָלדאַטן, גרייט אויף אַ שלאַכט. פאַראויס זיינען געלאָפן די טרומפייטלער מיט אַ שטורעם און נאָך זיי די צעהירזשעטע גאַלאָפּירנדיקע פערד. די דינער פון די צוויי משפחות זיינען געשטאַנען רואיק, קאַלטבלוטיק, שוין געניט אין זייערע אָפטע מלחמות מיט דער קירך. בלויז אויפן באַלקאָן האָט די קראַנקע עמיליא, די טאָכטער פון דעם אַלטן סאַוועלי, פאַרלוירן איר פריערדיקע שטאַרקייט. זי האָט זיך ווי פאַרחלשט אַרונטערגעלאָזט פון דעם פאָטערס און פון זיין פריינטס הענט, זיי האָבן איר גיך אַרונטערגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגן צוריק אין צימער אַריין.

די צוויי דאָקטוירים דער מאָנאַך גריגאָריאָ און ווינסענזאָ האָבן באַקומען פרייליכע פנימער, זיי האָבן געטראַכט, אַז דער ייד, וואָס האָט אַזוי בריהש אַרויסגענומען די קראַנקע פון בעט, האָט מיט זיינע כשופמאַכערישע שטיק לאַנג ניט אויפגעהאַלטן די קראַנקע. זיי האָבן מיט אַ גאוהדיקן שפּאָט זיך דורכגעשאַרט לעבן דעם רופא עמנואל, און אים אויסגעמיטן ווי עפּעס אַן אומוויכטיק באַשעפעניש, וואָס האָט געוואַגט צוקומען היילן אַ קראַנקע אין אַזאַ גרויס הויז. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך געפילט געקרענקט, און כדי ניט אַרויסצורופן קיין שפּאָט פון מער עזותדיקע מענטשן, האָט ער זיך געהאַלטן אין אַ ווינקל פון פאָדער־הויז. ווי עס זאָל ניט זיין, איז ער דאָ אומגליקלעך אַריינגעפאַלן, ווער ווייסט, ווי לאַנג דער געשלעג וועט אָנהאַלטן און דאָרט אין געטאָ וועט מען ניט וויסן וואָס מיט אים איז געשען.

די אַלטע פרוי סאַוועלי אין שוואַרצן אָנגעטאָן, מיט אַ ווייס קאָפּטיכל אויף די גרויליכע האָר, האָט שוין דערווייל אַריינגעבראַכט דעם בעל מופת דמיטריאָס מיט זיין העלפרן, אַ באַרוויסע פרוי מיט אַ פאַרטריקנט לענגלעך עקרה־פנים.ביידע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער קראַנקער און זי באַטראַכט. די צוויי דאָקטוירים, דער מאָנאַך גריגאָריאָ און ווינסענזאָ, האָבן זיך דערפילט זייער באַליידיקט, וואָס אַזאַ משפחה ווי די סאַוועליס זאָלן אָנקומען צו אַ פויער, אַ מכשף, וואָס זיין אָרט איז אין דער קאַמער פון דער אינקוויזיציע. זיי האָבן אַרויסגעאיילט פון הויז און זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט.

דער בעל מופת האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט אַרום צימער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואו עס איז געשטאַנען אַ סך וואַזאָנען. עס זיינען דאָ אויך געווען לאָרבער פלאַנצן, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַ סגולה,

קיין משחית זאָל ניט קענען דורכן פענצטער אַריינקומען. ער האָט אויפגעהויבן דעם לאָרבער פלאַנץ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּולפּינגערדיקע קליינע האַנט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער און געזאָגט פרום מיט די אויגן אַריינגעטאָן אין דעם פלאַנץ:

— געטין! אַ געטין! פון די פיר ווינטן. עס איז ניטאָ קיין גלייכן צו דיין שיינקייט. האָסט געמאַכט אַ כישופדיקע פלאַנץ וואַקסן די געשטרויכלטע צו היילן.

די קראַנקע האָט געקוקט אויף דעם בעל־מופת מיט אַזאַ קאַלטע גלייכגילטיקייט, אַז עס איז אים פאַרקילט געוואָרן די רייד אין מויל. דער בעל מופת האָט זיך גענומען שטילערהייט דורכשמועסן מיט זיין וואָרזאָגערין. די פרוי מיט דעם דאַר געלבלעכן עקרה־פּנים האָט מיט אַ זיסלעכער ווייגענדיקער שטימע איר גענומען דערציילן, ווער עס איז געווען די געטין פון די פיר ווינטען.

— איר מוטער איז געווען אַ שיין מיידל, אַ פּרינצעסין. זי האָט ליב געהאַט אַ שיינעם יונגנמאַן, אָבער זייער אַן אָרעמען. אירע עלטערן האָבן ניט געוואָלט הערן פון אים. עס האָט זיי ניט געפּאַסט דער שידוך.

די קראַנקע האָט גענומען קריגן קאָלירן אויפן פּנים. אירע באַקן, פּיי־בערדיק גליען. אַ שוויס האָט אַרויסגעזעצט אויף איר שטערן. זי האָט מיטן שאָל געפּרוווט פאַרשטעלן איר פּנים. די וואָרזאָגערין האָט ווייטער דערציילט ווי אַזוי מען האָט דעם יונגנמאַן ניט צוגעלאָזט צו איר, האָט ער אויסגעבראָכן אַ דורכגאַנג צו איר צימער. גאָר אינגיכן איז זי מעוברת געוואָרן. די מוטער האָט זי אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן. ווען די צייט איז געקומען אַ קינד צו געבערן, האָט די מוטער געמאַכט אַ פייער פון לאָרבער־צווייגן כדי דאָס קנאַקן פון די פלאַנצן אין פייער זאָלן פאַרטויבן דעם קינדס אויסגעשרייען, בעת די מוטער האָט געברענט די לאָרבער בלעטער, האָט זי געזאָגט:

— "טייערע טאָכטער אין טרויער, אַ גייסט האָב איך געמאַכט פון דיר. דו וועסט מיט לאָרבער־קלאַנג געבערן טייערע טאָכטער דו מיין, געוויקלט אין רויזן זאָלסטו זיין".

די קראַנקע האָט שוין מיט עפּעס אַ באַזונדערער בושה אינגאַנצן געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, פאַרדרייט דאָס פּנים טיפער אין שאָל. די נאָענטע פריינט ווי די אַרסיניס, אפילו די הויז־מענטשן האָבן זיך שטיל־שווייגנדיק אַרויסגערוקט פון דעם מיידלס צימער. באַלד איז אויך אַרויסגעקומען דער בעל־מופת מיט זיין וואָרזאָגערין. ביידע זיינען געווען פאַרטרויטלט ווי נאָך אַ שווער שטיקל אַרבעט. זיי זיינען געבליבן שטיין לעבן דעם בילד פון דעם פאַרוואונדעטן גלאַדיאַטאָר און זיך שטיל גענומען קריגן. דער בעל־מופת האָט

געהאַט טענות, וואָס זי האָט מיט אירע רייד אַרויסגערופן אַ גרויסן אומרו אין דעם מיוחסדיקן הויז.

פון דעם מיידלס צימער — אַ שטיל שלוכצנדיק געוויין, אַ געוויין, וואָס קומט געוויינלעך נאָך אַ סך שטראָף צו איינעם וואָס פילט זיך מיט גאָרניט שולדיק. דער בעל־מופת האָט געהויבן מיט די פּלייצעס, מיטן פּנים געווענדעט צום רופא עמנואל ווי ער וואָלט אים געפרעגט אַ באַשייד. דער רופא עמנואל האָט זיך גיך אָפּגעקערט און גענומען שפּאַנען הין און צוריק ווי אין אַ שטייג, געשטעלט עטלעכע טריט אַרונטערצוגיין פון די טרעפּ, זיך איינגעהערט צום טומלדיקן דרויסן און זיך ווידער גענומען דרייען איבערן פאָדער־הויז.

די טיר פון מיידלס צימער האָט זיך געעפנט. דער אַלטער סאַוועלי מיט זיין ווייב אַ פאַררויטלטע מיט אויסגעקניפּטע באַקן זיינען אַרויסגעקומען, ביי־דע מיט די זעלבע דערשטוינטע פּנימער ווי פריער. ביים אַלטן סאַוועלי האָבן איצט די באַקן מיט די ליפּן ברוגזלעך אַראָפּגעהאַנגען פון שלאַבעריקן פּנים. ער האָט עמעצן געזוכט. ווי נאָר ער האָט אָנגעטראָפן דעם רופא עמנואל האָט ער שעמעוודיק געזאָגט:

— זאָל דער דאָקטאָר סאַבאַטי אַריינגיין, זי וויל מיט אים רעדן!

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך ווי ניט געגלויבט, אפשר האָט ער שלעכט געהערט. ער האָט דאַכט זיך, געהייסן עמעצן רופן דער אַלטער סאַוועלי? ער האָט דערפאַר אַ צעטומלטער צוגעלייגט אַ האַנט צו דער ברוסט און מיט אַ פינגער אַ טייטל געטאָן אויף זיך.

— טאַקע אים מיינט מען דאָס.

— יאָ, — האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט. דער רופא סאַבאַטי איז פאַר־מעלעך אַריינגעגאַנגען, דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. אינעווייניק האָט ער געטראָפן די קראַנקע זיצנדיק אויפן בעט. זי איז געווען זייער רירעוודיק. איר גאַנצער קערפּער האָט זיך מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן.

— אָ, דאָקטאָר סאַבאַטי, איר מוזט מיר העלפן, איר מוזט מיר העלפן!

ער איז געבליבן שטיין דערשטוינט. אַלע ווילן, ער זאָל זיי העלפן און ער קען גאָרנישט טאָן, לחלוטין גאָרניט.

— מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען, סעניאָרינאַ. אויף דעם בין איך אַ דאָקטאָר, — האָט ער וואָרעם, פאָטערלעך געזאָגט.

— ניין, ניין, איך בין שוין געזונט. דאָס בין איך קראַנק געווען בלויז פון שרעק. איך האָב געזען אַזויפיל מענטשן ווערן פאַרשלעפּט פון דער אינק־וויזיציע, אַפילו דעם פרומען קאַרדינאַל מאַראָנאַ האָבן זיי ניט געשאַנעוועט.

די קראַנקע האָט אַ שטעל געטאָן אירע פיס אויף דעם דיל און זיך האַס־טיק דערנעענטערט צו אים און איינגערוימט דעם דאָקטאָר אַ סוד.

— איר האָט געהערט פון דעם סטודענט אַלדזשירי? דעם הערעטיקער פון פּאַדואַ-אוניווערזיטעט? איך האָב אים באַהאַלטן ביי אונדז אין הויז. זיי זוכן אים. אויב דער פּויפּסט וועט אים כאַפּן, וועלן זיי אים פאַרברענען און ברענגען אַ חורבן אויף אונזער הויז.

דעם רופא עמנואל האָט אַ שלאַג געטאָן אַ היץ צום קאָפּ, כדי צו לינדערן דעם ווייטיק האָט ער זיך גענומען רייבן דעם שטערן. ער האָט מיט־אַמאָל דערזען, אַז מען ציט אים אַריין אין אַן אומגליק. ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט און געלאָסן געזאָגט.

— פאַראָס ניט דערציילן דעם בעסטן פריינט, אַן אייגענעם טאָטן.

— איך קאָן ניט, זיי וועלן אים אַרויסגעבן אָדער דערמאָרדן, עס זאָל ניט בלייבן קיין שפּורן צו מיר. דו ביזט אַ ייד, דו וועסט קיינעם ניט אויסזאָגן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט מיט אַמאָל גענומען אומרואיק שפּאַנען איבערן צימער. מיט וואָס קען ער העלפן, אַז זיינען מעגלעכקייטן זיינען אַזוי באַגרענעצט. באַלד האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק ווי קאָן ער טראַכטן וועגן דעם. ער האָט געוואוסט, אַז יעדער פרעמדער ווערט אַרעסטירט אין רוים, ווייל זיי האַלטן, אַז די פרעמדע זיינען שלוחים פון די אָפּנייגער פון דער קירך. לויטן געזעץ דאַרף ער גלייך לאָזן וויסן דעם וואַטיקאַן. ער וועט עס אָבער ניט טאָן. זי ווייסט דאָס מיידל. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט און זי באַטראַכט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ וואַרם געפיל צו איר און צו איר פריינט, וואָס געפינט זיך דאָ אין הויז באַהאַלטן. עס האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ שטיקל בטחון. ערגעץ-וואו זיינען דאָ מענטשן, יונגע מענטשן וואָס זיינען זיך מוסר נפש עס זאָל ווערן אַן אַנדער לעבן, אפשר וועט אין דעם נייעם לעבן זיין אַן אָרט פאַר אים און זיינע ברידער, סאַבאַטי איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, איר גאַנצער קערפּער האָט שוין ווידער געציטערט פון שרעק און אומגעדולד.

— אַז זיי וועלן אים דערמאָרדן, וועל איך ניט קאָנען לעבן אָן אים. אָ, דאָקטאָר סאַבאַטי, העלפט מיר!

דער רופא האָט זי אָעקגעלייגט אויפן בעט און צערטלעך געזאָגט:

— זיי רואיק, מיין קינד! איך וועל אַריינשיקן דיין טאָטן. איך וועל שוין זען ער זאָל אים אָוועקשיקן מיט זיינע מענטשן אַרויס פון פּויפּסטליכן שטאָט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז האַסטיק אַרויס פון צימער. אינדרויסן האָט שוין געוואַרט דער אַלטער סאַוועלי. דער אַלטער האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. דער רופא עמנואל האָט אים שטיל איינגערוימט, אַז זיין טאָכטער וויל אים עפּעס בעטן. דער אַלטער האָט מיט ציטערדיקע הענט געעפנט די טיר און איז אַריין צו זיין טאָכטער אין צימער. באַלד האָט זיך אינעווייניק געהערט געשרייען פון אַלטן. עס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

ער האָט וויזט אויס רחמנות געקראָגן אויף זיין מיזינקע. עס איז געווען אַ לאַנגע ווײַלע זייער שטיל, דערנאָך איז ער האַסטיק אַרויסגעלאָפן פון זיין טאָכטערס צימער. ער האָט זיך אימפּעטיק אַרונטערגעלאָזט פון די טרעפּ. ער איז געלאָפן צום פליגל פון די דינער, פון דאָרט איז ער צוריקגעקומען מיט צוויי שטאַרקע מענער. די צוויי מענער האָבן אַ נעם געטאָן דעם בעל־מופת מיט זיין וואָרזאָגערין. זיי צוגעבונדן מיט שטריק איינער צום אַנדערן, און אַרויסגעפירט זיי פון פּאַלאַץ.

דער רופא סאַבאַטי איז געבליבן אויבן, אין פּאָדערהויז. אַז קיינער איז מער ניט געבליבן אַרום אים, איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך געשטעלט הינ־טער אַ קאָלומנע און אַרונטערגעקוקט. דעם פּויפּסט סאָלדאַטן מיט די עט־לעכע עלטסטע פון וואַטיקאַן האָבן נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ תשובה, אויס דרך ארץ צום מיוחסדיקן הויז פון דער פאַמיליע סאַוועלי. באַלד איז געוואָרן אַ גערודער צווישן די מחנות סאָלדאַטן. די דינער פון סאַוועלי־הויז און די אָנגעגורטע דינער פון די אָרסיניס האָבן געמאַכט אַ דורכגאַנג און דורכגעלאָזט דעם אַלטן סאַוועלי. דער בעל־מופת מיט זיין וואָרזאָגערין האָבן שוין געזען זייער אומגליק. זיי האָבן זיך געפּרוואווט רייסן אויף צוריק. די וואָרזאָגערין האָט אויפגעהויבן אַ מוראדיקן הויכן געשריי, זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני צום אַלטן סאַוועלי. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי. די מענער האָבן אַ הויב געטאָן דעם בעל־מופת מיט זיין העלפערין, זיי צוגעטראָגן צו די מחנות סאָלדאַטן.

דער אָנפירער פון די מחנות סאָלדאַטן, דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ, איז צוגעריטן נאָענט צום אַלטן סאַוועלי. לויטן רייטן אויף דעם פלינקן, גרוי־געשפּרינקלטן אַראַבישן פערד, האָט מען זיך דערמאָנט דעם אַמאָליקן סאָל־דאַט, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געוואָרן קאַרדינאַל דורך זיין פע־טער דער פּויפּסט פּאַול. אויף דעם באַגילדעטן טוניק האָט ער געטראָגן אַ קירכלעכע סוטאַנע מיט אַ צלם אויף דער ברוסט. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אויף דעם הענטל פון זיין נאָכהענגענדיקן פּיסטאָלעט, וואָס איז געווען געצירט מיט טייערע שטיינער און גראַווירונגען. זיין אָפּגעברענט האַרט זעל־נעריש פּנים האָט געקוקט שטרענג מיט דראָענדיקן צאָרן:

— מיר וועלן פאַרניכטן יעדן שלאָס, יעדן פּאַלאַץ, וואָס וועט געבן באַשיצונג פאַר די פאַרברעכער קעגן דער קירך. די אינקוויזיציע וועט משפטן פּרינצן און דינער באַגלייך . . .

נאָכדעם האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַוועק צו זיינע סאָל־דאַטן. די טרומייטן האָבן גענומען יובלדיק שאַלן. די מחנה האָט זיך מיט גע־לאַסענע טריט גענומען ציען צום סענט־אַנדזשעלאָ־שלאָס.

דער אַלטער סאַוועלי איז געבליבן שטיין אַ צעטומעלטער. דער יונגער סאַוועלי מיט זיין פריינט אָרסיני האָבן פּאַמעלעך דורכגעשפּאַנט באַליידיקטע מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, ווי אים צו ווייזן, אַז זיי פאַרדריסט דעם אַלטנס נאָכגיביקייט. דער אַלטער סאַוועלי האָט זיי נאָכגעקוקט און מיט אַמאָל זיך צאָרנדיק צעשריגן, אויף זיין אייגענער אָנמעכטיקייט, וואָס איז אַזוי אָפן אַנטפּלעקט געוואָרן.

— זיי האָבן פּולווער, פּיסטאָלעטן, אַ קאַנאָן, אונזער כלי־זיין איז אויסגעשפּילט. נעמט אייך דאָס איבזיגען יונגע הענער.

אָרסיני מיט זיינע דינער האָבן זיך אָן איין וואָרט אָפּגעטראָגן. דער אַלטער סאַוועלי האָט זיי נאָכגעקוקט ביז זיי זיינען פאַרשוואונדן אין אַ זייטיג געסל אַריין. דער אַלטער סאַוועלי איז פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צום פּאַלאַץ. ער האָט געהאַלטן טיף געבויגן דעם קאָפּ, זיינע מענטשן זיינען אים נאָכגעגאַנגען שטילע, פאַרטרויערטע ווי נאָך אַ לויה.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט אומגעשטערט אַהיימצוגיין אין געטאָ. די געסלעך אַרום זיינען געווען פאַרנאַכטלעך אויסגעליידיקט. אַרום די הייזער האָבן זיך ניט געזען קיין מענטשן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין גאַס. ער האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פון פּאַלאַץ, ניט צו טרעפן דעם אַלטן סאַוועלי און זיך מיט גרויס איילעניש אַרונטערגעלאָזט פון די דריי און זיבעציק טרעפּ.

# פינפטער קאַפּיטל

דאָס וואַסער פון טיבער־טייך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַלץ־נידעריקער און נידעריקער. די סאַמע נידעריקסטע פיומאַראַ גאַס, די קאַטאַלאַנא, איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין וואַסער ביז אַריבער די קעלערס. די איינוואוינער האָבן מיט טרויעריקע אויגן אַרייַנגעקוקט אין די חורבתדיקע הייזער און מיט שווערע געמיטער, גענומען אַרייַנטראָגן די אַלטע צעבראָכענע שטוב־חפצים. טייל יידן, מער פּרומערע, האָבן געדענקט, אַז היינט איז שבת און געוואַרט ביז די שטערן וועלן זיך באַווייזן, וועלן זיי קאָנען אויסשעפּן דאָס וואַסער פון די קעלערס און אַרייַנשטעלן זייער האָב און גוטס.

דער שכנותדיקער טיבער־אינדזל אינמיטן טייך, די אַלטע טעמפּלען, קלויסטערס און שלאָס־טורמעס זיינען ווי אַרויסגעוואַקסן פון טייך, געוואָרן גרעסער און העכער. עס האָט זיך שוין דייטלעך געזען דער צווייטער קעגנאיבערדיקער ברעג, די טרעסטעווער געגנט מיט אירע שמאָלע געסלעך, אַלט־רוימישע הייזער מיט גאָטישע פענצטער, מיט געבליבענע שטיקער פּיגורן. די איינוואוינער פון טרעסטעווער, די סאַמע עלטסטע פון רוים, זיינען שוין ווידער געווען פריילעך. גאַנצע גרופּעס מיט מענער זיינען געווען פאַרטאָן אין אַלערליי פילדערנדיקע שפּילערייען. לעבן די ווינקעלער און אכסניות זיינען געשטאַנען גאַסן־שפּילער מיט זייערע טרומייטן, פּייקלעך מיט שטעלן, אָנגעטאָן אין בלאָע מאַנטלען מיט קורצע פעלערינקעס אין היטלעך מיט רויטע טראָלדזן, זיי האָבן געשפּילט פאַר די קליינע קאַפּליצעס, פאַר די מאַדאָנעס, וואָס די בעלי בתים האָבן געהאַלטן ווי אַ סגולה צו פּרנסה.

אָבער אין געטאָ איז דערפון נישט געוואָרן פריילעך. די פרייד פונעם צווייטען טיבער־ברעג האָט זיי ווי יידן אין געטאָ. לעבן דעם הויז פון ראש הקהל רב הלל זיינען געשטאַנען רעדלעך יידן. געקלאָגט אויף דעם גרויסן אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפן. דער ראש הקהל רב הלל איז פון

די קלעפּ אין דער "סענט אַדזשעלאָ קירך" געלעגן קראַנק און צעבראָכן. נאָך טרויעריקער איז געווען ביי עזריאל טאָסקאַני אין הויז. צו אים איז אָבער קיי־נער ניט געקומען טאָסקאַני איז געלעגן אין שלאָף־חדר אויף דעם פאַר־צייטישן הימל־בעט מיט אַ זיידענער חופּה באַצויגן, און ביטער געקרעכצט. דער קאָפּ איז אים געווען אויפגעשוואָלן מיט ביילן, דאָס פּנים צעקאָרבט מיט בלויע צייכנס ווי אַרויסגעזעצטע אָדערן . . .

טאָסקאַני האָט נישט געקענט איינליגן אין בעט. פון גרויס אומרו האָט זיך ביי אים געהויבן דער פּיבער. אויב מען האָט שוין אים, עזריאל טאָסקאַני דעם גרעסטן עושר אין געטאָ, געקאָנט שלאָגן, איז שוין עק וועלט. דאָס הייסט, אַז זיין עשירות קאָן אים מער נישט באַשיצן. ער איז געבליבן הפקר, ווי אַלע אַרומיקע יידן דאָ אין שטאָט. איצט קומט שוין קיינער נישט צו אים געוואויר ווערן צי ער לעבט, ווייל זיי וויסן שוין, אַז טאָסקאַני איז אַ מת באַגלייך מיט זיי. איצט זעט ער שוין ווי אַלע מענטשן האָבן אים דאָ פיינט, ווי וועט ער דאָ קאָנען ווייטער לעבן אַזוי געדריקט. ער האָט קרעכצנדיק גענומען רופן:

— מרים! וואו ביסטו מרים!?

מרים, זיין ווייב, איז געשטאַנען לעבן פענצטער פון דעם עס־צימער, טאָסקאַני האָט דורך די אָפענע טירן געזען ווי איר קערפּער איז האַלב־פאַר־דעקט מיט דער סאַמעטענער פאָרהאַנג און זי קוקט אַן אויפהער אַרויס אין גאַס.

עזריאל טאָסקאַני האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ קנאהדיק געפיל צו דעם רופא עמנואל סאַבאַטי. די גאַנצע שטאָט יידן אין געטאָ האָבן איצט איין מענטש, וואָס אַלע וואַרטן אויף אים, ער זאָל פאַר זיי עפּעס טאָן. אים, דעם אַרצט סאַבאַטי, האָבן דעם פּויפּסט סאָלדאַטן נישט געשלאָגן, און ער האָט אַן פחד זיך אַרויסגעלאָזן פון געטאָ זיך משתדל זיין פאַר די יידן. אויך זיין ווייב מרים גלויבט אין דעם רופא עמנואלס כוח. און אפשר טאַקע, אפשר וועט ער פאַרט עפּעס אויפטאָן. ער האָט זיך נישט געדאַרפט מיט אים איינ־רייסן, מיט דעם רופא עמנואל, וואָלט ער אים געקענט פאַרבעטן אין הויז אַריין און פרעגן אַן עצה. טאָסקאַני גלויבט נאָך אַלץ אַז געלט האָט אַ כוח. ער וואָלט געדאַרפט שרייבן אַ בריוו צו קאַסירער פון וואַטיקאַן, דעם מאָנסעניאָר טשענטשי, ער וואָלט אים אָנגעפרעגט וויפיל דוקאַטן וואָלט מען ביי אים גע־נומען, ער זאָל קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוים. אַמאָל האָט מען אַלץ געקענט קריגן פאַר געלט ביי די פּויפּסטן. ער ווייסט אַפילו פון די משפחה כתבים, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט איינער פון די טאָסקאַניס געקראָגן אַפילו אַ דערלויבעניש חתונה צו האָבן מיט נאָך אַ ווייב, ווען דאָס ערשטע ווייב האָט נאָך געלעבט, און אַ שטראָף צו באַצאָלן טויזנט דוקאַטן פאַר דעם, וואָס

ווען אים שטערן צו וואוינען מיט צוויי ווייבער... און אפשר פאַר אַ סך געלט, וועט מען אים דערלויבן זיך אַרויסצולאָזן פון רוים. ער וואָלט זיך באַזעצט אין אַנקאָנאַ, דאָס האַפן־שטעטל ביים ים. אָדער אין ווענעציאַנער געטאָ, וואו דאָס לעבן איז אַ סך לייכטער און אַ גביר קען מאַכן אַ קאָנדאָטאַ, אַזאַ שטר מיט דער מאַכט און לעבן אַ בכבודיק לעבן פון לייען געלט אויף פּראָצענט.

טאָסקאַני האָט זיך אונטערגעהויבן פון געלעגער, דער קאָפּ איז אים געווען שווער, ווי ער וואָלט געטראָגן שטיינער אויף אים, ער האָט מיט בײדע הענט צוגעהאַלטן דעם קאָפּ.

— אוי, אוי — האָט עזריאל געקרעכצט מיט יסורים.

— ער איז שוין געקומען פון שטאָט, דער שתדלן, — האָט ער הויך געפרעגט, זיין ווייב מרים זאָל הערן.

מרים האָט אַ ציטער געטאָן, זי האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער פאָרהאַנג, זיך פאַרשטעלט אַ ווײלע דאָס פּנים, ווי זי וואָלט זיך אויסגעווישט די אויגן.

— וועלכער שתדלן, עזריאל? — האָט מרים גלייכגילטיק געפרעגט און צוגעגנענט צו זיין בעט.

טאָסקאַני האָט זיך צוריק אָוועקגעלייגט. ער האָט נישט געקענט באַנעמען, פאַרוואָס זיין ווייב מרים האָט אויפגעציטערט, ווען ער האָט דערמאָנט דעם רופא עמנואל. זאָל דאָס זיין, ווייל זי האָט זיך דערשראָקן, וואָס ער האָט איר דערמאָנט וועגן וועמען זי טראַכט, אָדער מחמת די מחלוקתן, וואָס ער האָט געהאַט מיט עמנואל צוליב קהלשע ענינים. טאָסקאַני האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, גאַרנישט ווי זיין געוואוינהייט, — מען רייסט פון מיר פון אַלע זייטן. גיב זיי כאָטש אָוועק די הייזער, די גאַנצע ירושה, וואָס אונזערע טאַטעס האָבן מיט שווערער מי געזאַמלט. גיב אָוועק די קבצנים, די לייכטע לונג און לעבער.

מרים האָט געשוויגן. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט. איר פּנים איז געווען בלאַס און אויסגעמאַטערט. טאָסקאַני האָט דערפילט אַ גרויס רחמנות צו איר ווי קיינמאָל נישט ביז איצט. ער האָט אַ נעם געטאָן איר האַנט און זי געצויגן צו זיך:

— מרים, איך וועל פון אַלץ מאַכן געלט און אַנטלויפן וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן!

מרים האָט פּאַמעלאַך אַרויסגעשלעפּט איר האַנט פון זיינער און מיט אַ קאַלט גלייכגילטיק קול אים געזאָגט.

— רעג זיך נישט אויף, דו האָסט פיבער, עזריאל.

עזריאל האָט מיט אַמאָל דערפילט די פרעמדקייט, וואָס מרים האָט צו

אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די פּרעמדקייט איז נישט פון איצט. זי איז אַלעמאָל אַזוי צו אים. עס האָט אים נישט געאַרט. ער איז געווען שטענדיק פאַרנומען — געשעפטן, געלט, הייזער. איצט זעט ער זיין אומגליק, דערצו האָט זיך נאָך מרים אויפגעשטעלט פון בעט און מיט ביטול געזאָגט, גלאַט אַזוי ווי צו דער וואַנט.

— הייזער! דו האָסט קוים חזקה אויף זיי, און אויב דו ווילסט אַוועק־פאָרן, ווייז מיר איין מענטש אין געטאָ, וואָס וועט קויפן דיינע הייזער?

דאָס האָט שוין טאָסקאַני מער נישט געקענט אויסהאַלטן. אַזוי אָפן זיך מישן אין זיינע געשעפטן און זיי מאַכן צו גאָרנישט, דערצו נאָך פון אַן אשה, אַן אייגן ווייב. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, אַזש דאָס הימל־בעט האָט אַ סקריפּע געטאָן. ער האָט געשריגן מיט ווילדער רציחה:

— גיי אַוועק פון מיינע אויגן, מרשעת! ווער פרעגט ביי דיר עצות?

ער האָט אָבער גלייך דערפילט דעם שווערן ווייטיק אין קאָפּ. עס האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער און געקרעכצט.

— בלעמס אייזל האָט געקראָגן לשון, דאַכט זיך שטיל ווי אַ לעמעלע, גאָט די נשמה שולדיק. אוי גאַטעניו, אשה רעה מר ממות.

מרים האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן פּנים ווי צו פאַרשטעלן איר בושה. זי איז אַרויס פון שלאָף־חדר, איבער די צימערן האָט זיך געטראָגן איר איינגעהאַלטן כליפּענדיק געוויין. זי האָט באַוויינט איר ביטערן מזל. זי האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון איר טאַטן חתונה צו האָבן מיט איר קוזין, וואָס זי פילט צו אים אַזאַ פּרעמדקייט, אַזאַ גלייכגילטיקייט. איצט האָט זי אים פיינט בתכ־לית השנאה. זי האָט זיך אָבער גלייך פאַרשעמט צו וויינען אַזוי הויך די דינסטן זאָלן נישט דערהערן און דערנאָך זי באַרעדן. מרים איז ווידער אַוועק צום פענצטער און זיך פאַרשטעלט מיט דער סאַמעטענער פאָרהאַנג. זי וואָלט שוין אַוועק פון הויז און אים איבערגעלאָזט. אָבער ווי זאָל זי גיין. זי האָט נישט מער קיין געלט. אַלץ האָט ער פאַרבראָקט אין די הייזער, דעם נדן, אפילו איר צירונג. זי האָט געגעבן דאָס צירונג, וואָרעם דאָס לעבן איז איר נישט געווען ליב, זי וואָלט געדאַרפט פרעגן דעם אַרצט עמנואל סאַבאַטי, אפשר וואָלט ער איר געוויזן אַ וועג. וואָס קען דאָס זיין, וואָס ער זוימט זיך אַזוי לאַנג אין שטאָט? דאָרט איז נישט רואיק אויסערן געטאָ. ווער ווייסט, וואָס מיט אים געשעט, מען האָט אים נישט געדאַרפט לאָזן גיין אין שטאָט אַריין. איר האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט, אַ נאָגעניש האָט אַרויפגעפּליצט פון איר האַרץ, זיך צעגאָסן איבער אַלע אירע גלידער. ערשט איצט פילט זי מיט איר לייב און לעבן, ווער עס האָט געדאַרפט זיין איר מאַן. עמנואל, דער שטאָל־

צער איידעלער עמנואל. זי האָט פאַרביסן אירע ליפּן ביז בלוט. זי וועט זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין איר מיידלשער נאַרישקייט וואָס האָט פאַרפינצטערט איר לעבן.

וואָס קען דאָס זיין, וואָס עמנואל קומט נישט צוריק פון שטאָט? מרים האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פון דעם פאַרשלאָסענעם געטאָ־טויער, דאָרט זיינען געשטאַנען עטלעכע יידן און געוואַרט פּונקט ווי זי דאָ ביים פענצ־טער וואַרט אויף דעם רופא עמנואל. עס זיינען דאָרט געשטאַנען ביים געטאָ־טויער ר' עזרא סופר, יונתן דער פישער ייד. די אָפּגעזאָגטע סופרים פון וואַ־טיקאַן, די איבערזעצער, קאָפּירער פון העברעאישע ספרים אין לאַטיין פאַר דער וואַטיקאַן ביבליאָטעק, משה בן אליה חלפן מיט זיין זון מרדכי, רב הללס טאָכטערס חתן, דער מוכר ספרים חיים פאַריסאָל, און נאָך אַנדערע יידן זקנים און יונגעלייט.

עס איז דאָרטן געוואָרן אַ גערודער צווישן די יידן, אַלע האָבן זיך גע־לאָזט טיפער צו די אייזערנע שטאַבעס. דאָס האַרץ האָט ביי מרימען גענומען קלאַפּן מיט אַזאַ האַסטיקער פרייד, אַז זי האָט שיער נישט אויסגעשריגן, אַז ער קומט דער אַרצט עמנואל. דער געטאָ טויער האָט גענומען סקריפּן, זיך גע־עפנט, און דער אַרצט עמנואל סאַבאַטי איז אַריין אין געטאָ. די יידן האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, דערלאַנגט שלום, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ וויי־טער נסיעה. די נאָענטסטע קרובים משה חלפן, אַ שוואַרצער ייד מיט אַ גראָ־ער באָרד, און זיין זון מרדכי זיינען געגאַנגען פון ביידע זייטן, דער רופא עמנואל האָט צו זיי געשמייכלט מיט אַ צעפּייניקטן שמייכל. ער האָט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען פול מיט בטחון. די קרובים האָבן צו אים גערעדט, און זיין פנים איז געוואָרן פאַרכמורעט, זיי האָבן אים וואַרשיינלעך דערציילט וועגן זיין שווער, ווייל ער האָט זיך פאַרקערעוועט צו זיין שווערס הויז, און דאָרט אַריין מיט די פריינט און קרובים.

די קרעכצן פון איר מאַן עזריאל האָט מרימען דערמאָנט, אַז איר לעבן איז געבונדן מיט אייזערנע קייטן. זי האָט זיך איינגעהערט אין זיינע קרעכצן. עס האָט זיך אויפגעוועקט אין איר דער משפחה געפיל ווי עס וועקט זיך אַ געפיל פון אַ שוועסטער צו איר שלעכטן ברודער. וואָס האָט זי צו אים? ער איז אַ פאַרגרעבטער נפש, ער פאַרשטייט נישט בעסער. זי אַליין איז שולדיק. זי האָט מיט אים נישט געדאַרפט חתונה האָבן.

מרים איז אַוועק פון פענצטער. זי וועט אַריינשיקן איינע פון אירע דינסטן, זיי זאָלן איר מאַן צולייגן אַ נאַסן טוך־וואַסער מיט עסיק צום קאָפּ, וועט ער דאָרטן אויפהערן צו קרעכצן. נאָענט ביי דער קיך־טיר האָט מרים געהערט אַ שטיל איינגעהאַלטן געוויין, מרים האָט גלייך זיך געכאַפּט, אַז דאָס

וויינט יוטע, איר דינסט־מיידל. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען איר חתן משולם נישט געפונען. ער איז געלאָפן ראַטעווען די בהמות אין שעכט־הויז, און דאָס וואַסער האָט אים פאַרשלעפּט. יוטע האָט זיך דאָרטן גאָרנישט געקענט איינ־שטילן. די עלטערע פרוי, די אָם צביה האָט זיך געבעטן ביי איר:

— אפשר וועט מען אים נאָך געפינען, דעם צדיק דיינעם, דער באַלע־באָס איז קראַנק. ער וועט נישט פאַרליידן וואָס דו קלאָגסט דאָ אין הויז. פאָלג מיך, גיי אַהיים.

מרים האָט פאַמעלעך געעפנט די טיר. זי וועט איר אַהיימשיקן ביז דאָס מיידל וועט קומען צו זיך. אין קיך איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. צביה די אָם איז געלעגן אויף איר שלאָפבאַנק, נאָך איר שבת־נאָכמיטאָגדיקן שלאָף. דאָס דינסט־מיידל יוטע האָט זיך צוגעדעקט מיט איר טיכל דאָס פּנים.

דאָס שטומע יינגעלע, מרימס זון איז אַרונטערגעלאָפן פון דער אָמס שלאָפבאַנק און אַרומגענומען דער מוטערס פיס מיט זיינע קליינע הענטעלעך.

— אום, אום, אום, — האָט ער עפּעס מיט אַ טרויעריקער בקשה, עפּעס זיך געוואָלט דערוויסן, מרים האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם קינד איז זייער אומע־טיק. זי גיט זיך מיט דעם קינד זייער וויניק אָפּ. זי האָט אים צאַרט אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל. דאָס יינגעלע האָט נאָך שטייפער מיט אַ הונגעריקער ליבשאַפט צונויפגעדריקט מיט זיינע שטאַרקע הענטלעך אירע פיס און בענקנדיק, אַרויפגעקוקט מיט זיין טרויעריק פּנימל צו איר.

— גיי אַריין צום טאַטן! — האָט מרים אים געזאָגט און געוויזן אויף דער טיר, וואָס פירט צום שלאָף־חדר. דאָס יינגעלע האָט זיך פאַרזיכטיק אַוועקגעלאָזט צום פאָטער, ווי ער וואָלט נישט געוואוסט, צי וועט מען אים דאָרטן גוט אויפנעמען. מרים האָט אים נאָכגעקוקט און שווער אָפּגעזיפצט...

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער דינסט־מיידל יוטע. עס האָט זי אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות צו איר. פריער האָט זי נישט געקענט חתונה האָבן, ווייל דער פויפסט האָט דערלויבט בלויז אַ קליינע צאָל חתונות אַ יאָר, די יידן זאָלן זיך נישט צופיל פאַרמערן. איצט האָט זי שוין איר חתן אויך פאַרלוירן.

— גיי אַהיים און שטאַרק זיך יוטע! זיי נישט אַזוי באַטריבט. אפשר וועט מען אים נאָך געפינען, און דו וועסט מיט מזל חתונה האָבן. איך וועל דיר העלפן ווי ווייט איך וועל קענען.

דאָס מיידל האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן. זי איז צוגעפאַלן צום אָנלען פון דער שלאָף־באַנק און שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון אי־רע שלוכצן. איר טונקל פּנים, געראטן אין איר טאַטן יונתן דעם פישער־ייד, איז געוואָרן גרין און געל. זי האָט זיך מיט איר טיכל גענומען צוהאַלטן איר

מויל נישט צו ברעכן. נאָכדעם האָט זי מיט אַן אָפן מויל געגומען זוכן לופט צו אָטעמען. דער בויך און די פולע אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן האָבן זיך קראַמפּנדיק געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

די אַם צביה איז אַרונטערגעשפּרונגען פון איר שלאָף־באַנק, זי פריער גוט באַטראַכט און דערנאָך מיט פרומע שטראָף רייד געגומען קלאָגן.

— וויין, וויין אויף דיין חורבן! אַ יידישע טאָכטער דאַרף קענען ביי־שטיין דעם נסיון, דעריבער האָט דיך דער בורא עולם געשטראָפט . . .

דאָס מיידל האָט פאַרדעקט איר פּנים, ווי מען וואָלט איר געפּאַקט ביי אַ גרויסער זינד. זי האָט זי האָט זיך ווי אַ פאַרשולדיקטע געגומען שאַרן צו דער טיר און מיט אַ שפּרונג אַרויסגעלאָפן פון הויז ווי מ׳וואָלט זי געיאָגט. צביה די אַם האָט זיך גאַרנישט געקענט באַרואיקן.

— מען הערט זיך נישט צו צו די תקנות, וואָס די פרומע־לייט האָבן געמאַכט, אַז אַ חתן טאָר נישט קומען צו דער כלה אין הויז אַריין, ווייל דער שטן, די נישט גוטע, טרייבן צו אַלדי זינד, רחמנא לצלן.

מרים האָט מער נישט געהערט וואָס צביה רעדט. עס האָט איר אַרומגע־כאַפּט אַ פּחד, וואָס די יוטע וועט איצט האָבן אויסצושטיין פון די פרומע ווייּ־בער אין געטאָ, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז זי איז מעוברת פון איר דער־טרונקענעם חתן. די אַם צביה איז איצט געווען איבערפילט מיט שטראָף־רייד. זי האָט געגומען דערציילן אַ מעשה, וואָס די סופרטע רב עזראס ווייב האָט איר אַרויסגעלייענט פון אַ הייליקן ספר, וועגן דעם געטליכן מאַן פון צפת, וואָס קיינער האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן קיין שום עבירה פון אים. אַ מעשה וועגן אַ ווילדן הונט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אַ רייך יידיש הויז און איז געלאָפן פון צימער צו צימער ביז ער האָט דערגרייכט צום שלאָף חדר.

— ער איז אַריין אין בעט דער כלב און צעביסן די אשה אויף שטיקער, צעבלוטיקט, צעריסן און איז אַנטלאָפן.

די שטאָט איז געוואָרן אין גרויס סכנה, האָט צביה דערציילט, איז מען געלאָפן צום געטלעכן מאַן פון צפת, האָט זיי דער צדיק באַרואיקט, אַז דער הונט, דער מזיק וועט קיינעם ניט טשעפּן. נאָר דאָ איז פאַראַן אַ באַהאַלטענער סוד. די אשה האָט געזינדיקט מיט אַ שכן, וואָס איז נאָכדעם געשטאָרבן, און זיין נשמה לאָזט מען נישט אַריין אין קיין שום מחיצה. ער איז מגולגל גע־וואָרן אין אַ הונט און געקומען זיך נוקם זיין, ווייל זי האָט אים צוגערעדט צו אַ גרויסער עבירה.

מרים האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז דאָס שטראָפט מען שוין איר. זי האָט זיך גלייכגילטיק אויסגעדרייט אַוועקצוגיין און שטרענג געזאָגט.

— הערט אויף צו דערציילן בבא־מעשיות. גייט, זייט מוחל אַריין צו עזריאל און לייגט אים צו אַ נאַס האַנטעך צום קאָפּ, ער האָט פיבער.

צביה האָט נאָך דעם שטרענגען טאָן פון איר באַלעבאָסטע, זיך דער־מאָנט, אַז זי איז דאָ בלויז אַ משרת, און דערשראָקן געזאָגט:

— איך לויף שוין, כהרף עין מרת טאָסקאַני.

ווען מרים איז געבליבן אַליין אין דעם גרויסן עס־צימער האָט זי פאַר־לייגט די הענט אויף דער ברוסט און שווער אָפּגעזיפצט. אין צימער איז שוין געווען טונקל, די שווערע קאָמאָדעס ביי די ווענט, האָבן מיט זייערע שוואַרצע שאָטנס ווי ענגער געמאַכט דאָס צימער, מרים האָט אָוועקגעשאַרט די סאַמע־טענע פאַרהאַנג, אַרויסגעקוקט אין גאַס. אַ טונקעלע זילבערנע ווייסקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די הייזער, געסלעך. אַ רעפטל פון אַ יונגער לבנה איז געלאָפן אויפן שטאָל־בלאָען הימל פאַרדעקט מיט שיטערע ווייסע וואָלקענדלעך, אַ ווײַלע פאַרדעקט די לבנה און באַלד געוויזן אַ שפּיץ ווי אַ פינקלדיקן קינדזשאַל־מעסער, און ווידער דאָס גאַנצע רעפטל לבנה.

עס האָבן זיך געוויזן די ערשטע שטערן. די איינוואוינער פון געטאָ האָבן גענומען אָנצינדן ליכט אין די הייזער. איינצעלנע הבדלות האָבן נעבעכדיק אַרויסגעטונקלט פון די פענצטער צום לבנהדיקן דרויסן, בלויז דאָרטן ביים ראש־הקהל רב הלל האָט מען אָנגעצונדן אַ סך ליכט אין אַלע חדרים כמעט, ווי דאָרטן וואָלט געווען פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן.

מרים האָט געהערט ווי די אָם צביה גייט הין און צוריק איבערן צימער, פון קיך צו איר מאַן אין שלאָף־צימער. מרים האָט שוין כסדר נאָכגעטראַכט וועגן צביהס מוסר־רייד. זי דאַרף זיך היטן פאַר איר אפילו מיטן געדאַנק. זי קומט פון איר מאַנס הויז און איז אים איבערגעגעבן ווי אַ געטרייער הונט, אפשר האָט זי באַמערקט אין איר באַנעמונג, אַז זי, מרים, בענקט נאָך דעם אַרצט סאַבאַטי. זי קאָן עס ניט לייקענען, זי וואָלט געוואָלט איצט זיין דאָרט אין יענעם היימלעכן הויז, וואו עמנואל סאַבאַטי געפינט זיך, און הערן זיינע וואַרעמע רייד. זי וואָלט אפשר געדאַרפט איצט דאָרט אַהין גיין, טאָקע מיט איר צביה פאַר אַ באַגלייטערין. זי וועט קודם לאָזן וויסן, אַז איר מאַן עזריאל איז קראַנק, און איינוועגס מבקר חולה זיין דעם אַלטן רב הלל און אויב זי וועט האָבן גענוג דרייסטקייט, וועט זי שוין בעטן דעם אַרצט עמנואל, ער זאָל קומען באַטראַכטן איר משוגענעם מאַן, ווייל לויט זיין רציחה צו איר, מוז ער האָבן אַ סך פיבער.

די אָם צביה האָט אָנגעצונדן אַן הבדלה אין קיך. די הבדלה האָט גע־צאַפּלט מיט איר פלאַם, געוואָרפן שפּרינגנדיקע שאָטנס, איבער די פינצטערע צימערן דאָס ליכט האָט זיך דערנענטערט צו איר, אויפגעהעלט, דאָס חושכ־

דיקע צימער מיט אַ טריבער שבת־צונאַכטיקער ליכטיקייט.

— גוט־וואָך, אַ מזלדיקע וואָך! גאָט פון אברהם, יצחק און פון יעקב, — האָט צביה מיט פּרעפלדיקע ליפּן, געזומען זאָגן אַ תּפילה.

מרים האָט איר נאָכגעקוקט און פאַרטראַכט געזאָגט:

— איך וויל, איר זאָלט מיר באַגלייטן איך דאַרף אין ערגעץ צוגיין!

צביה איז שוין ווידער געווען די שטילע גוטע אַם, זי האָט אַווילע מר־ימען אָנגעקוקט ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט וואו איר באַלעבאָסטע דאַרף דאָס גייך, זי האָט זיך פאַרנייגט און פרום געזאָגט.

— די מלאכים וועלן אונדז באַגלייטן, מרת מרים, פון דער רעכטער זייט מכאל. כ׳גיי זיך נעמען אויפן קאָפּ דעם טשיפיק, פאַר אייער כבוד וועגן.

מרים האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס, ווייל זי האָט מיט די פינגער אָנגערירט איר פנים און דערפילט לויזע בייטעלעך אונטער אירע אויגן. זי האָט אויסגעגלעט אירע דינע קאַרבן אויפן שטערן, געפאַלדעוועטע קנייטשן אַרום האַלדז. זי מוז שוין אויסזען זייער אַלט. אירע זאָרגן וועלן זי פאַר דער צייט אַלט מאַכן. זי איז צוגעגאַנגען צום קאַמאָד מיט די זילבערנע כלים און גלאָזוואַרג, די זילבערנע טאַץ, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אין וואָנט האָט געשפּיגלט פון דעם ליכט. וואָס איז געפאַלן פון דער הבדלה, איר פנים, איז געווען שיין, רונדיק, אונטער די אויגן בלויז זיינען די שאָטנס געוואָרן ברייטער, אירע אויגן טיפער. סיי־ווי וועט זי מוזן אַריינגיין צו חנהן די זאַלבן מאַכערין, זיך מיט איר דורכרעדן. חנהס זאַלבן און פודערן האָבן אַ שם ווייט איבערן לאַנד צווישן די נאָבעלסטע פרוי־ען אין די גרעסטע שלעסער, פּאַלאַצן. מרים ווייסט אַז די פרינצעלעכע דאַמע קאַטערינאַ ספאָרזאַ שיקט צו חנה יעדעס מאָל אַ ספּעציעלען שליח צו קריגן אירע זאַלבן, מיט חנהס זאַלבן האַלט זי זיך יונג. אָבער באַלד לויפט איר דורך אַ געדאַנק, צו וואָס דאַרף זי זיך פּוצן, אַז איר לעבן איז שוין סיי ווי פאַרזיגלט אין דעם הויז פון איר קוזין עזריאל טאָסקאַני. און אין געטאָ ווערט וואָס אַמאָל ענגער און פינצטערער.

צביה איז אַריינגעקומען אויסגעפּוצט גרייט צו גיין. זי איז געווען אָנ־געטאָן אין דעם שענסטן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, דעם סאַמעטענעם טשיפּיק, מיט אַלערליי פאַלשע ציטער־שפּילקעס, פּערל־קרעלן אויפן ברוסטל, ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז איצט גייט זי מיט איר האַרנטע אויף אַ וויכטיק אָרט.

מרים האָט איצט שוין געמוזט האַלטן וואָרט, זי האָט געעפנט די קליי־דער־שאַנק, אויסגעקליבן די איינפאַכסטע זאַכן.

צביה האָט געהאָלפן אָנטאָן מרימען, איר יום־טובדיקייט איז איבער־

געגאַנגען צו מרימען. די איינפּאַכע קליידער האָבן איר זייער געפּאַסט. דאָס שוואַרצע זייד האָט אַרומגענומען איר לייב, געשאָרשעט אויף אירע גלידער, דער זאַנפטיקער בלומען גערוך פון זאַלבן און פּערפיומען, וואָס איז פון לאַנג שוין געווען איינגעזאַפּט אין אירע קליידער, האָט ווידער אויפגעוועקט אין איר אַ פריידיקע גלוסטעניש צום לעבן. די צאַפּלדיקע פרייד אין איר איז געשטיגן, ווי עס איז געשטיגן אין איר מיידלווייז די פרייד ערב אַ חתונה, אָדער ווען געסט האָבן געדאַרפט קומען אין זייער הויז. מרים האָט מיט די הענט אויסגעגלעט.דאָס קלייד אויף איר לייב, דאָס מיידלשע קלייד איז אויף איר נישט ענג געוואָרן. זי האָט מיט אַ גליקלעכען שמייכל באַוואונדערט איר מיידלישן געשטעל, דאָס קלייד איז געווען טיף איינגעצויגן ביי דער טאַליע, מיט אַ טוניק אַריבערגעוואָרפן אויף די היפטן. זי האָט אַרויפגעזעצט אַ געפּאַלדעוועטן קאָלנער מיט אַ ווייסט־ברוסטל און דאָס קלייד צוגעהעקלט.ביידע פרויען האָבן אָנגעטאָן די פּאָמעראַנץ־געלע געטאָ־שלייערן און שטיל־שווייגנדיק אַרויס פון הויז.

# זעקסטער קאַפּיטל

אַ קילע פריליגנדיקע לופט, אויסגעמישט מיט פיש און וואַסער־פלאַנצן האָט אַ ווייע געטאָן אויף מרימען, זי האָט געאָטעמט גיך, גיך, אַזוי האַסטיק ווי עס האָט געקלאַפּט איר האַרץ. אויף דער גאַס איז געווען ליכטיק מיט אַ ווייסע דורכזיכטיקע ליכטיקייט, בלויז די רייען הייזער האָבן פאַרשטעלט מיט זייערע שאָטנס דעם וועג. דאָרט אַרונטער ביים טיבער טייך האָט דאָס שטילע וואַסער זיך געוויגט, געשפיגלט ווי דורכזיכטיקער זילבער אויף טייל ערטער האָט דאָס וואַסער זיך געכוואַליעט ווי גרויסע פיש מיט פערלמוטער־שיפן וואָלטן אַרומגעשוואומען. אויף די נידעריקע געסלעך, אין די שאָטן־זייטן האָבן געברענט קליינע פלאַקערן און די אָרעמעלייט האָבן זיך צוריק אַריינגעצויגן אין די הייזער. ווייט אַרום האָט זיך געהויבן די שטאָט מיט די זיבן בערג אָפן אַנטפּלעקט מיט אַזאַ בענקענדיקע ווייסע שטילקייט, איבער די אַלטע חורבות, טעמפּלען, און קלויסטערס פון דער שטאָט רוים.

אין דעם הויז פון דעם ראש הקהל רב הלל זיינען נאָך אַלע פענצטער ווי פריער געווען באַלויכטן. ביי מרימען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט האַסטיקער. וואָס נעענטער זי איז געקומען צום הויז, אַלץ פּאַמעלעכעדיקר זיינען געוואָרן אירע טריט. זי האָט פאַרלוירן איר פריערדיקע דרייסטקייט. אייגנטלעך האָט זי דאָך געקענט שיקן איר דינסט נאָך דעם אַרצט עמנואל. און וואָס עפּעס אַ פרוי אַליין אָן דעם מאַן גיין מבקר חולה זיין.

פון דעם ראש הקהלס הויז האָט זיך געהערט דאָס פּילפּולדיקע רעדן פון די פאַרזאַמעלטע מענטשן, און צווישן דעם רעדן האָט אָפּגעקלונגען דאָס שטילע געוויין פון רב הללס ווייב דבורה.

— ער מוז זיין זייער קראַנק דער זקן, אַ שאָד, וואָס עזריאל קען דאָ נישט זיין, ביי דער פּטירה פון אַזאַ חשובן פּרנס. — האָט צביה געזאָגט.

— מיר וועלן אריינגיין, אפשר דאַרפן זיי אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט, —

האָט מרים געזאָגט און זיך דרייסטער געלאָזט צום הויז.

אינעווייניק האָבן די מענער אַרום טיש איבערגעהאַקט זייער רעדן. אַלע האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צום פאָדערהויז. דער רופא עמנואל סאַבאַטי, וואָס איז געזעסן אויבנאָן לעבן שווערס לײדיקע שטול, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַן איינגעצאַמטן צאַפּל. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן שטערן ווי צו פאַרשטעלן זיין בלאַס געוואָרן פּנים.

מרים האָט אַוויילע זיך געפּלאָנטערט אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט געוואוסט וואו פריהער אַ פוס צו שטעלן. באַלד זיינען פון די אָפענע צימערן אַרויסגעקומען די הויז־פרויען, רב הלל'ס ווייב דבורה, די ייִנגסטע טאָכטער רחל און עמנואל'ס ווייב מנוחה. אַלע האָבן מרימען אַרומגערינגלט.

— אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט! מרת מרים. קומט אַריין!

די נידעריקע דבורה איז איצט נאָך קלענער געוואָרן. איר אַלט פאַרשרומפּן פּנים איז געווען רויט געפלעקט פון טרערן, זי האָט אָנגענומען מרימען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין פרויען־חדר. קעגנאיבער דער גרויסער אויפנעם־שטוב, וואו די מענער האָבן זיך שוין ווייטער גענומען פּלפּולן. מרים האָט אַרונטערגענומען דעם שלייער. די צוויי יונגע פרויען און נאָך מער מנוחה האָבן זיך פאַמעלעך פון איר אָפּגערוקט. זייערע פּנימער זיינען ווי פאַרטאָיעט געוואָרן מיט אַ באַהאַלטענער שנאה. זיי האָבן זייטיק באַטראַכט מרימס שיינעם אויסזען, איר אויסגעפּוצטע הלבשה. מרים האָט שוין אַליין באַגריפן, אַז זי איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט צו קומען אַהער. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט ווי אַ געטריבענע, וואָס עס ווערט איר ענג אין אַלע הייזער.

דאָס הויז פון רב הלל איז געווען פול מיט טרויער. די טריבע וואַקסענע ליכט האָבן אומעטיק געפלעמט, נאָך שאַטנדיקער געמאַכט די פאַרזאָרגטע פּנימער. דבורה איז פאַרשוואונדן אין פינסטערן שלאָף־חדר און אָנגעזאָגט דעם אַלטן רב הלל די גוטע בשורה.

— מרת מרים רב עזריאל טאָסקאַניס ווייב, איז דיך געקומען מבקר חולה זיין. דו הערסט מיך, הלל?

רב הלל'ס שטימע האָט זיך צעכאַרכלט מיט אַ קראַנקער אַנטציקונג. מרים האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אָפענעם שלאָף־חדר. דעם זקנס פּנים איז געווען פאַרדעקט מיט נאַסע טיכער. בלויז די פאַרברענטע ליפּן האָבן זיך ווי אַ טונקלער שניט אַרויסגעשוואַרצט פון דער פאַרוויאַנעטער ווייסער באָרד.

די יונגסטע טאָכטער רחל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר קעגנאיבער דעם ראש־הקהל'ס אויפנעם־שטוב. אירע שוואַרצע האָר זיינען געלעגן ווי אַ בייגל פאַרוויקלט אויף איר קאָפּ. איר צעפלאַמט לענגלעך פּנים, מיט עפּעס אַ פיבערדיקן הונגער האָט זיך געריסן דאָרט אַהין, וואו די מענער זיינען

געזעסן אַרום לאַנגן טיש. איר חתן מרדכי האָט איצט גערעדט. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין התלהבותדיקע שטימע. אַרום טיש זיינען געזעסן די פּני פון דעם געטאָ: דער אַרצט רב דוד ד'אַסקאָלין. אַן אויסגעמאָטערטער ייד מיט אַ שאַרף עקשנותדיק פּנים. ער איז געווען אויסגעפּייניקט פון די תּפיסות, וואו דער פּויפּסט האָט אים געהאַלטן פאַר פאַדערן רעכט פאַר יידישע מעדי־קער. עס איז דאָ געזעסן רב הלל מחותן משה חלפן, דער שפּאַנישער סופר, וואָס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַרבעט אין דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק. עס איז ביי אים צוגענומען געוואָרן זיין אַלטער יחוס־טיטל: דאָן. ער האָט איצט געהייסן פּראָסט, משה חלפן, דאָ זיינען געזעסן יידן, וואָס האָבן געשמט פאַר זייערע זיגרייכע וויכוחים מיט גרויסע גלחים. סופרים, איבערשרייבער פון קבלה־ספרים, פון העברעאיש און לאַטיין פאַרן וואַטיקאַן, אויפן גרויסן טיש זיינען געלעגן אַלטע ספרים, געשריבן מיט פאַרגעלטע האַנטשריפטן אין עטלעכע קאָליר־טינטן, ביכער איינגעהילט אין לעדער און אין פּאַרמעט. אויך נייע ספרים ערשט אַרויס פון דער מאַנטואַר דרוק, פון די ערשטע דרוק־ספרים, וואָס די מענטשן האָבן ווען געזען מיט יידישע אותיות. דער יונגער מרדכי האָט מיט גרויס פאַרביטערונג גערעדט שאָקלנדיק מיטן קאָפּ.

— ספרים פול מיט חכמה. זאָגט, וואָס איר ווילט. דער שכל האָט ניט אָפּגעהיט דעם מענטש פון טאָן שלעכטס, ווייל עס איז נישט גענוג צו פאַר־שטיין די וועלט. מען דאַרף ליב האָבן מיט אַ גרויסער ליבשאַפט. דער שכל איז נישט דער איינציקער מלך בכיפה.

ער האָט צוגעשאַרט צו זיך דאָס בוך "וויכוחים וועגן ליבשאַפט" פון דעם איינגעוואַנדערטן שפּאַנישן ייד, דער אַרצט יהודה אברבנאל און גע־נומען בלעטערן ווי צו וועלן באַשטעטיקן זיינע רייד.

דער מוכר ספרים חיים פּאַריסאל, האָט מיט אַ פּאַרקרימטער נאָז מבטל געמאַכט דאָס ספר.

— ער האָט זיך געשמדט, זאָגט מען. די גויים אַנטציקן זיך מיט אים. לעאָ העברעאָ מעדיגאָ, ווי זיי רופן אים. עס איז לויטער גלחות.

דער יונגער מרדכי איז בלאַס געוואָרן, ער האָט זיך גענומען ווישן דעם שטערן. אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן מאָגערן פּנים. אויך זיין פאָטער משה חלפן האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געקאָנט דעם סופר אברבנאל, זיינע שירים וועגן זיין אינגל, וואָס די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן האָבן מיט געוואַלט געשמדט, און יהודה אברבנאל וויינט מיט געבעט, זיין יינגל זאָל זיך אַהיימקערן. אויך זיין זון מרדכי האָבן זיי געשמדט נאָר ער משה חלפן האָט אים אַרויסגעראַטעוועט און דערצויגן אין זיין פרום הויז אין רוים. פּאַריסאַלס רייד האָבן אים ווי געטאָן. עס האָט אים דערמאָנט, אַז אויב

דער אַלטער רב הלל זאָל אָוועקגיין פון דער וועלט, וועט די קהלה נישט באַשטיין, ער חלפן זאָל ווערן ראש הקהל, צוליב דעם אומגליקלעכן שמד. אויך זיין זון דער שאַרפער קאָפּ, מיטן וואַרעמען האַרץ, וועט קיינמאָל נישט קענען פאַרנעמען דאָס אָרט פון רב הלל. עס איז אים איצט קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס רב הלל האַלט אָפּ די חתונה. אפשר וועט זיך זיין טאָכטער רחל באַדענקען און אָפּלאָזן דעם שידוך.

און דאָ אינעווייניק אין שלאָף־חדר איז געשטאַנען רב הללס ווייב און זיך געווישט מיט דער שירץ די פאַרווײנטע אויגן, די רינענדיקע נאָז.

— דיין אייגן קינד וועסטו נאָך חס ושלום ברענגען צו אַ זינד. אַלעמען האָסטו אויסגעטיילט כתובות אויף חתונות און דיין אייגן קינד געלאָזט אויף הפקר. קוק ווי דאָס רייסט זיך צום חתן . . .

דער אַלטער האָט געכאָרכלט מיט דער שטימע, געמאַכט אַנגעשטרענגטע באַוועגונגען מיטן פאַרברענטן מויל. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— איך קאָן נישט זיין ווי יענער כהן גדול, וואָס האָט מיטן גאָפּל געשלעפּט פון מזבח שטיקער פלייש פאַר זיך. קליין איז געווען די צאָל חתונות, וואָס דער טיאַטינו*, דער פויפסט האָט דערלויבט.

דבורה האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר ווייטער געגאָסן ביטערע טרערן אין דער שירץ אַריין, פאַרוואָס איר מאַן האָט גאָרנישט קיין איינזעהעניש מיט זיין אייגן קינד.

מרים האָט זיך דערמאָנט אין איר דינסט־מיידל יוטע דעם פישער יונהס טאָכטער. וואָס וועט דאָס אָרעמע קינד טאָן? זי וואָלט עמעצן געדאַרפט דערציילן, אפשר קען מען איר מיט עפּעס העלפן. אָבער ווי קאָן זי דאָס איצט טאָן, אַז דאָס גאַנצע הויז איז אַזוי אומגליקלעך. מנוחה דעם רופא עמנואלס ווייב, איז געזעסן לעבן מרימען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט האַרצווייטיק נאָכגעטראַכט, אפשר דערפאַר איז איר מאַן, דער אַרצט עמנואל, אַזוי פרעמד צו איר, וואָס זי, מנוחה איז אַזוי אָפּגעלאָזן. מנוחה האָט געוואוסט, אַז איר מאַן, דער אַרצט עמנואל, איז געווען אַן איינגייער אין מרימס הויז צוליב מרימען, נאָר איר פאָטער לוי טאָסקאַני האָט ניט צוגעלאָזט צום שידוך, ווייל עמנואל איז געווען אָרעם; מנוחה האָט זייער נישט געוואָלט, עמנואל זאָל באַמערקן מרימען. ער ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש ווען ער דערזעט זי. זי האָט אַזאַ גבורה, מרים, איר מיידלישן אויסזען אָנצוהאַלטן. עס איז גוט, וואָס עמנואל איז דאָרט אַזוי פאַרטאָן אין אַ שמועס צווישן די מענער, אַבי ער זאָל דאָ נישט אַרויסקומען. אָבער ווי אויף להכעיס האָט זיך דער רופא עמנואל

*טיאַטינו: אַ קאַבאַליסטישער באַטרעף פון וואָרט המן.

ראַפּטום אויפגעשטעלט, עפּעס אַזאַ אַנטשלאָסענער און דרייסטער.

— מיר וועלן זען, יידן, וואָס דער אַלטער מאַכט. — האָט ער געזאָגט, און זיך געלאָזט דאָ אַהער צום שלאָף־חדר, וואו מרים און מנוחה זיינען געזעסן. נאָך אים איז שוין מיטגעגאַנגען דער אַרצט דוד ד׳אַסקאַלין מיט זיין אויסגעמאַטערטער געהויקערטער פיגור. עס איז מיטגעקומען חיים פּאַריסאַל און ווי זיך פאַרענטפערט אויף דעם שטילשווייגעניש, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט מיט זיינע שאַרפע רייד צו מרדכין.

— איך האָב פיינט מליצה. כ׳בין נישט בתפעל אפילו פון אַלטן מייסטער ציצעראָ, כאָטש די וועלשן האַלטן פון אים עולם ומלואו. די גרעסטע מייסטער זיינען געווען די נביאים, ווייל דער אמתער מושלם צווישן די גרויסע רעדנער איז די מאָראַלישע פערזענלעכקייט, דער נביא!

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אַרויפגעלייגט אויף רב חיים פּאַריסאַלן די האַנט און צו אים וואַרעם געשמייכלט. ווי ער וואָלט מיט אים מסכים געווען. ער איז צוגעגאַנגען צו די צוויי פרויען, צו זיין ווייב און צו מרים, וואָס איז געזעסן אויף דער מיט לעדער אויסגעבעטער באַנק ביי דער וואַנט און מיט דרייסטער אויפגעהייטערטקייט געזאָגט:

— מיר ליבן אונדזער גאַסט, אַזאַ חשובער גאַסט, וואָס מאַכט עזריאל? איך האָף, ער איז אַרויס אומבאַשעדיקט פון די מלקות...

ביי מרימען האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין פּנים. זי האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— ער האָט פיבער, עזריאל. ער ליגט צושלאָגן אין בעט.

דער רופא עמנואל האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט. ער האָט האָט פאַרלוירן זיין דרייסטקייט און געזאָגט זייער דערשלאָגן:

— דאָס איז נישט גוט, זייער נישט גוט. איר וועט מיר דערלויבן אים זען, מבקר חולה זיין, מרת מרים טאָסקאַני?

מרים האָט אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף עמנואלן און ווי פאַרגעסן, וואָס אייגנטלעך זי דאַרף אים זאָגן. זיינע טרויעריקע ברוינע אויגן זיינען געווען פול מיט אַזאַ פייכטער וואַרעמקייט. די דאָזיקע גוטסקייט און וואַרעמקייט האָט אַריינגעדרונגען אין איר. זי האָט געזען ווי ער פאַרבייסט די ליפּן, קערט אָוועק דעם קאָפּ. מרים האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך דאַרף זי אים עפּעס זאָגן. איר שטערן האָט זיך גענומען רונצלען, זיך אויפכאַפּן.

— יאָ, מיט פאַרגעניגן. איך בין וועגן דעם אַהער געקומען.

דער רופא עמנואל האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן:

— ער האָט מיך גערופן, עזריאל? אַ גרויסער, גרויסער חידוש.

עמנואל האָט זיך פאַרנויגט און איז אָוועק צום שווער אין טונקעלן אָפּע־

נעם חדר. מנוחה זיין ווייב איז נאָכגעגאַנגען, זיך געשטעלט לעבן פּאַטערס בעט. דער רופא עמנואל האָט גענומען דעם אַלטנס האַנט, אָנגעטאַפּט זיין דופק און זיך איינגעהערט. דער אַלטער האָט געהאַלטן שלעכט, וואָרום עמנואל האָט שטיל אָפּגעזיפצט. מנוחה האָט זיך שטיל צעכליפּעט. זי האָט געוויינט נישט בלויז, וואָס איר פאָטער האַלט אַזוי שמאָל, נאָר אויך אויף איר אייגענעם אומ־גליק. זי האָט געפילט ווי צוויי נאָענטסטע מענטשן וואָלטן גענומען פון איר אַוועקגיין. איצט אַז איר פאָטער וועט שטאַרבן, בלייבט זי אַליין. קיין זאַך וועט עמנואלן מער נישט צובינדן צו איר. זי האָט זיך אַווילע איינגעשטילט, נאָכ־געטראַכט ווי די צוויי מענטשן, איר מאַן און מרים, האָבן זיך דאָס אַריינגעקוקט איינער אין אַנדערן ווי צוויי נאָענטע חיות. עס איז איר דערפון געוואָרן זייער נישט גוט. זי האָט ווייטער גענומען כליפּען, נישט געפילט אַפילו ווי איר גע־וויין ווערט העכער, ראַשיקער, איר גאַנץ באַליידיקט לעבן האָט פון איר אַרויס־געשלוכצעט. דער רופא עמנואל האָט זיך גענומען בעטן ביי איר. זי זאָל זיך איינשטילן. אַז עס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער מיט אַ געבייזער געזאָגט:

— שוויגער, פירט זי אַרויס, שוויגער!

די שוויגער דבורה האָט אָנגענומען איר טאָכטער מנוחה ביי דער האַנט און זי צאַרט געגלעט.

— קום טאָכטער מיינע, האַרצעדיקע מיינע, מיט דיין געוויין ווערט אים נאָך ערגער.

מנוחה איז אָבער געווען זייער פאַרביטערט. זי האָט אַרויסגעריסן איר האַנט פון דער מוטערס און זיך געבייזערט מיט אַ פאַרקרימט פּנים.

— לאָזט מיך אָפּ! איך וויל נישט אַוועק פון דאַנען. ער, עמנואל, קען גיין וואו מען רופט אים, ער קען גיין . . .

דער רופא עמנואל איז האַסטיק אַרויס פון שלאָף־חדר, אָנגעטאָן זיין לאַנגן כאַלאַט, מיט דעם הויכן הוט, גענומען זיין קעסטעלע מיט רפואות. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו מרימען מיט אַ צעפייניקט שמייכעלע, וואָס האָט ווי פאַרקרימט זיינע ליפּן:

— איך בין גרייט מרת מרים!

זיי האָבן זיך שטילשווייגנדיק אַרויסגערוקט פון צימער. צביה, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ ווינקל, איז גיך מיטגעגאַנגען. אויף דער גאַס איז איצט געווען טונקעלער ווי פריער. די לבנה איז האַסטיק געלאָפן הינטער שיטערע פאַרנעפּלטע וואָלקנס. אויפן הימל איז געווען אַ געיעג. די לבנה איז אַרויס, געכאַפּט אַ דורכזיכטיקן בליק אויפן געטאָ און ווידער פאַרשוואונדן מיט אַ פאַרכמורעטער רוגזה.

מרים איז געגאַנגען לעבן צביהן, געזען ווי דער רופא עמנואל גייט

פאַרטראַכט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן לויפן, ווי ער וואָלט מיטגעריסן געוואָרן פון זיינע געדאַנקען, און זיך באַלד דערמאָנט מיט וועמען ער גייט. מרים האָט נאָכגעטראַכט וועגן מנוחה, ווי זי האָט זיך דאָס צעכלי־פּעט. מרים האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט קיין שנאה צו קיין מענטשן ווי צו דער דאָזיקער מנוחה. אויב איר מאַן האָט נישט קיין האַרץ צו איר, ווערט מען נאָך נישט אַזוי ווילד. וואָס זאָל זי מרים, שוין זאָגן, אַז איר גאַנץ לעבן איז אַן אַביסעלע פריייד, קיינמאָל נישט געווען ביי עזריאל טאָסקאַני אין הויז.

דער געטאָ איז שוין געשלאָפן, מיד פון די שלאָפלאָזע נעכט. ערגעצוואו האָט אַ קינד זיך איבערגעוועקט, אַרויסגעלאָזט אַ הונגעריקן געוויין, זיך באַלד איינגעשטילט ביי אַ מוטערס ברוסט. די שטילקייט האָט זיך יעדע ווײַלע איבערגעריסן. ביי דער קאַטאַלאַנע גאַס האָט זיך אַ עלטערער ייד, משמעות אַ פאָטער, געיאָגט נאָך זיין טאָכטער. דאָס מיידל האָט זיך געשאַרט לעבן די ווענט מיט צעפּאַטלטע האָר און געזוכט אַ ליקל וואו צו פאַרשווינדן. דער עלטערער ייד האָט זי נישט באַמערקט. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זי געזוכט. ענדלעך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן. דאָס מיידל האָט אַרויסגע־לאָזט אַ קוויטש מיט אַ חיהשן שרעק, און ווידער האָט זיך געהערט דאָס לויפן צווישן די שמאָלע געסלעך, ווי ווילדע קעץ וואָלטן זיך אַרומגעיאָגט.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט זיך מרים געפרעגט צביהן.

— ווער ווייסט זיי? קאַרג שלעק זיינען דאָ אין געטאָ? אפשר האָט וועל־כער ריק* מאַנס געוועזן זיין טאָכטער און זי איז שוין געוואָרן אַ זינדיקע מויד...

זיי האָבן ניט געקענט זען ווער דאָס איז געווען, נאָר מרימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען איר דינסטמיידל יוטע, און איר פאָטער יונתן דער פישער.

זיי זיינען אַריין צו עזריאל טאָסקאַני אין הויז. צביה איז אוועק אין קיך ברענגען נאָך ליכט צו מאַכן ליכטיק אין אויפנאַם־צימער. מרים איז גע־שטאַנען זייער נאָענט לעבן דעם רופא עמנואל. דאָס האַרץ האָט ביי איר גע־קלאַפּט ווי קיינמאָל נישט אין איר לעבן. זי האָט אויך געפילט דעם אומרו־איקן אָטעם פון עמנואלן.

עס האָט זיך געהערט אַריינקומען די אַם צביה. מרים איז אוועק צו דער קליידער שאַנק, אַרונטערגענומען דעם שלייער פון זיך. צביה האָט אַריינגעבראַכט אַ קאַנדעלאַבּרע אָנגעצונדן מיט וואַקסענע ליכט, און אוועקגע־שטעלט אויפן דעמבענעם טיש. דאָס צימער איז געוואָרן ליכטיק אין אַלע

*ריק. לומפּ.

ווינקעלעך. עזריאל טאָסקאַני האָט געגומען קרעכצן, ווי עס וואָלט אים דאַר־טן געווען זייער נישט באַקוועם נאָכדעם האָט ער גענומען שרייען.

— וואָס פאַר אַ יום טוב איז דאָרט ביי דיר?

מרים האָט זיך אויסגעדרייט פון דעם קליידער־שאַנק און מיט אַ שמייכל געזאָגט צום רופא עמנואל.

— גייט זייט מוחל אַריין צו אים.

זי האָט גענומען די קאַנדעלאַברע און נאָכגעגאַנגען דעם רופא עמנואל אין שלאָף־חדר. עזריאל איז ווי פריהער געלעגן אַרומגעבונדן מיט פייכטע טיכער. ער האָט פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן, מחמת דאָס ליכט האָט אים געבלענדט.

— אַ גוט־וואָך. עס האָט זיך פאַרט עמעצער דערמאָנט אין מיר. זיך, — האָט עזריאל טאָסקאַני זיך אַ דערפרייטער אונטערגעהויבן.

דער רופא עמנואל האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן בעט און זיך איבערגע־קוקט מיט מרימען. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן. עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ענדלעך, ווייסט ער ווי שטאַרק זי באַגערט זיין נאָענטקייט, זיין פריינטשאַפט אין איר הויז.

אויפן בעט לעבן עזריאלס פיס איז געלעגן זייער יינגעלע, געשלאָפן אין אַנטועכץ. ער האָט געהאַלטן פאַרוואָרפן דאָס קעפל מיט אַ פויסטעלע אָנגע־לענט ביי דער באַק. מרים האָט אים גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן אים אין זיין קינדער־צימער. טאָסקאַני האָט זיי נאָכגעקוקט, און געזאָגט:

— דאָקטאָר עמנואל, עס איז מיר געבליבן איין אויסוועג — אַנטלויפן פון געטאָ ווי פון אַ שרפה.

דער רופא עמנואל האָט געשוויגן. ער האָט אָנגענומען טאָסקאַניס האַנט צו באַטראַכטן זיין פיבער.

— הא, וואָס זאָגסטו? כ'וועל זיך לאָזן קאָסטן געלט. ביסט דאָך געווען אין שטאָט. איז נאָך דאָ איין צדיק אין סדום, איז נאָך דאָ צו וועמען צו רעדן . . .

מיט טאָסקאַניס אויפגערעגטע רייד, איז געשטיגן זיין פיבער. עמנואל האָט אים אַוועקגעלייגט, באַרואיקט.

— וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט רב ישראל.

עזריאל טאָסקאַני האָט אָפּגעזיפצט, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוי, וואו נעם איך דיין בטחון, דאָקטאָר עמנואל, דו פאַרמאָגסט מער ווי געלט עמנואל, בטחון, אַ טייערער אוצר.

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ טומל, דעם זעלבן חיהשען געשריי, וואָס זיי האָבן פריהער געהערט אין גאַס, ווען דער עלטערער ייד האָט נאָכגע־

יאָגט זיין טאָכטער. מרים איז אַריינגעלאָפן אין שלאָף־חדר, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און זיך פון שרעק איינגעקאָרטשעט.

דער טומל איז פאַרשוואונדן הינטערן הויז און זיך אַריינגעריסן אין די חדרים. מרים און דער רופא עמנואל זיינען אַריין אין קיך. די טיר איז געשטאַנען אָפן, און יונתן דער פישער האָט געשלעפּט זיין טאָכטער יוטע ביי די האָר. דאָס מיידל האָט זיך פאַרשפּאַרט ביי דעם אַריינגאַנג און מיט די הענט זיך צוגעפעסטיקט צום ריגל.

— אַ מת וועל איך פון דיר מאַכן, וועל איך פאַרשפּאָרן צו טראָגן אַ שאַנד אויף מיין קאָפּ! — האָט יונתן געשריגן, און פון זיין מויל האָט געררונען אַ פאַרבלוטיקטע סלינע. דאָס מיידל האָט זיך געבעטן.

— העלפט מיר, העלפט מיר! וועסט מיך נישט אָפּלאָזן, וועל איך זיך שמדן. אַזוי זאָל מיך גאָט העלפן, שמדן!

צביה איז צוגעלאָפן צו איר, אַרויפגעלייגט דאָס פאַרטעך מיט דער האַנט אויף דעם מיידלס מויל.

— בייס דיר אָפּ די צונג. שוויג בעסער, חצופה! די מוסרים וועלן דערהערן און דו ביסט פאַרלוירן, אומגליקלעכע נשמה!

צביה האָט גענומען שפּייען לינקס און רעכטס, גענומען זאָגן אַ שפּרוך אינדערשטיל.

יונתן האָט דערזען דעם רופא עמנואל, און ער האָט מיט אַמאָל אָפּגעלאָזט די הענט. דאָס מיידל איז אַוועק פון דער טיר, זיך באַהאַלטן לעבן דער שלאָף־באַנק. יונתן איז געשטאַנען אַ ווייליע, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן טיף אַרונטערגעלאָזט. פון די אויגן האָבן אים גערונען טרערן. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט.

צביה די אַם האָט צוגעהאַקט די טיר מיט אַ געשריי:

— גיי פון דאַנען, ביסט נישט בעסער פון איר. דו ביסט נישט אויף דעם קאַרפּיו אינדזל. דאָ אין רוים פירט מען זיך אויף אַנדערש.

דער דרויסנדיקער טומל האָט זיך פאַרגרעסערט. דער געטאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם טיפן אומרואיקן שלאָף. מען איז געלאָפן פון די געסלעך אַהער. מרים האָט געוואָלט אַרויסגיין בעטן די מענטשן, זיי זאָלן האָבן איינזעהעניש. עזריאל איז קראַנק. נאָר דער טומל האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעהאַקט. פון דער שטילקייט האָט זיך מרים נאָך מער דערשראָקן. באַלד האָט מען גענומען קלאַפּן אין טיר. באַפעלעריש קלאַפּן. צביה האָט מורא געהאַט צו גיין עפענען. מרים איז צוגעגאַנגען און געעפנט.

צוויי דאָמיניקאַנער מאַנאַכן אין זייערע געלבלעכע מאַנטלען, פאַרגאַרטלט, מיט קליינע קאַפּעלעך אויף די שפּיץ קעפּ, זיינען אַריינגעקומען.

נאָך זיי — די צוויי מוסרים, משומדים, משה גאַלאַטי און מאַריאַן, זיי זיינען ביידע געווען גרויסע העצער, לעצטן יום כפור האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין דער סינאַגאָגע, אַוועקגעשטעלט אַ צלם אויפן באַלעמער און געמאַכט אַ גע־שלעג. אַ סך יידן האָט מען נאָכדעם געשלאָגן אויפן הויףן לייב אינמיטן גאַס ווי אַ שטראָף. הינטער זיי זיינען אַריין דעם פויפסט וועכטער, און צוויי נאָנעס פון דעם קאַטעכיסטן הויז. איינער פון די מאָנאַכן האָט געזאָגט.

— איר באַהאַלט אין אייער הויז אַ הייליקע, וואָס גאָטס רצון האָט אי־בערגעקערט איר האַרץ צו יעזוס קריסטוס.

די אַנדערע מאָנאַכן, די משרתים האָבן געהאַט זיגערישע שמייכלעך אויף זייערע פנימער. ענדלעך האָבן זיי געקראָגן עמעצן צו שמדן, אויף פּאַס־כע, ווי עס איז דער מנהג אין רוים, צו פאַרשטאַרקן די אמונהביים פאָלק, אין וואַטיקאַן וועט מען מער נישט האָבן קיין טענות, אַז זיי קריגן באַצאָלט אומזיסט.

משה גאַלאַטי איז צוגעגאַנגען צו דער שלאָף־באַנק און אָנגענומען יו־טען ביי דער האַנט.

— מיר זיינען דיך געקומען באַשיצן ווי דיין געטלעכער ווילן איז גע־ווען זיך צו שמדן.

דאָס מיידל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים, זיך געלאָזט צו מרימען, גע־זוכט אַ ווינקל צו פאַרשווינדן.

— איך ווייס נישט וואָס איך רייד, אַ גאָט, איך ווייס נישט!

די צוויי נאָנעס אין צעפלאַטערטע שוואַרצע קליידער האָבן איר אָנגע־כאַפּט ביי די הענט. דער מאָנאַך האָט זיך געווענדט צו מרימען און דעם רופא עמנואל.

— פאַר איבעררעדן דאָס מיידל און באַהאַלטן זי, וועט איר דאַרפן ענטפערן דער אינקוויזיציע.

די וועכטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די מענטשן פון הויז, זיי אַרויס־געשטופּט פון קיך און פאַרהאַקט די טיר. מרים האָט זיך מיט שרעק איינגע־הערט צו דעם צאַפּלדיקן געשריי וואָס איז אָפּגעשטאָרבן הינטער דער טיר.

# זיבעטער קאַפּיטל

דער געטאָ האָט זיך ווידער איינגעשטילט מיט מידן בייזאַכטיקן שלאָף. בלויז פון דעם ראש הקהלס הויז האָט זיך געהערט אַ שטיל געוויין, וואָס האָט אַרומגעבלאָנקעט צווישן די שמאָלע ענגע געסלעך.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז אַהיימגעגאַנגען פון דער פאַמיליע טאָסקאַני. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, ווי ער וואָלט זיך געיושובט וואו צו גיין. דאָס טרויעריקע געוויין פון זיין פרוי מנוחה און פון דער שוויגער דבורה האָט אָן אויפהער געקלאָגט אין זיינע אויערן און שווערער געמאַכט זיין געמיט. איז שוין טאַקע אַלץ הפקר? מעג זיך יעדער גאַסן־יונג, יעדער מוסר מיט דער ברכה פון דער קירך אַריינרייסן אין יענעמס הויז מיט ווילדע בלבולים? דאָס מאָל וועלן זיי שוין, די מוסרים, צו אים זיך אויך אַ נעם טאָן. פון די טאָסקאַנים וועלן זיי בלויז שלעפּן געלט. זיי ווייסן, אַז זיין בייטל איז נאָך נישט אויסגעליידיקט. אָבער אים אַליין האָט דער רופא עמנואל געטראַכט, איז צוגעקומען נאָך אַ חטא, וואָס ווערט אָן ספק געזאַמלט קעגן אים דורך דער אינקוויזיציע. ער איז זיכער, אַז מאָרגן, אפשר נאָך היינט, וועלן די מחבלים אָנקלאַפּן אין זיין טיר, אים פאַרשלעפּן אין תפיסה, אין זייערע מאַטער־קאַמערן. ער האָט אָבער נישט געפילט קיין שום שרעק. פאַרקערט, ער האָט געפילט ווי דער צאָרן, וואָס שטייגט אין אים, מאַכט שטאַרקער זיין קערפּער. זיי וועלן אים אַזוי לייכט נישט צעברעכן. אָבער דערווייל, ווי לאַנג ער איז אויף דער פריי, וועט ער נישט שווייגן. ער וועט לאָזן וויסן די רייכע יידישע קהלה פון דעם האַפן־שטעטל אין אַנקאָנאַ זאָלן זיי רופן צו זייערע ברידער אין מזרח, אין טערקיי. דורך דעם אָפענעם ים, וואו זיי פירן נאָך האַנדל. ער וועט וועט זען צו טאָן אַלץ, אַז זייער אומגליק זאָל דערגיין צו דער באַרימטער אַלמנה, צו דער רייכער גראַציע מענדעס אין קאָנסטאַנטינאָפּל, וואָס איז אַליין אַנטלאָפן פון פּויפּסטלעכן שטאַט און געראַטעוועט איר מאַנס פאַרמעגן. איצט

האָט זי אַ גרויסן איינפלוס ביים סולטאַן. ער, עמנואל, וועט דורך אירע האַנדלס־משרתים, וואָס געפינען זיך אין אַנקאַנאַ בעטן די איידעלע גראַציע מענדעס, זי זאָל מיטן כוח פון סולטאַן דערקלערן אַ חרם. זאָל זי מפרסם מאַכן זייער אומגליק און שטיקן דעם האַנדל פון פויפּסטלעכן שטאַט, אפשר וועט עס העלפן, מען זאָל לאָזן לעבן דאָס ביסל יידן אין רוים.

דאָס ליכט פון די לאַנגע פענצטער אין טאָסקאַניס הויז האָט זיך מיט־אַמאָל אויסגעלאָשן. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך אָפּגעשטעלט, לייכט אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מרימס פּנים האָט אויפגע־העלט אין פענצטער און איצט שטייט זי דאָרט פאַרשטעלט הינטער די שווערע טונקעלע גאַרדינען, בלויז דאָס ווייסע ברוסטל פון איר קלייד העלט אַרויס. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע ווי אַן אָטעם. ער האָט מיטאַמאָל ווידער דערפילט דעם הויך, די וואַרעמקייט פון מרימס מויל, מרימס דערשראָקענע רייד, און די אויגן, וואָס האָבן ווי געבעטן, ער זאָל לענגער פאַרבלייבן אין הויז. ער האָט אָבער מער נישט געקאָנט זיין. איר מאַן עזריאל, האָט אַן אויפ־הער מיט שנאה נאָכגעקוקט זייער יעדן באַוועג . . .

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט געגומען גיין פּאַמעלעך. דאָס האַרץ האָט ביי אים אַן אויפהער געקלאַפּט, ער האָט נאָכגעטראַכט, אַז עפּעס שרעק־לעכעס קומט פאָר צווישן מרימען און איר מאַן, טאָסקאַני. זיי וואוינען צוזאַמען ווי צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס פייניקן זיך מיט שרעקלעכער שנאה. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז אויך ער וואוינט ווי אַ פרעמדער ביי זיך אין הויז. דאָרט, אין טאָסקאַניס הויז לעבן מרימען, איז אים געווען זייער גוט, ער האָט נישט געדענקט די אָפּגעלעבטע יאָרן מיט זיין ווייב מנוחה. ער פילט ווי־דער ווי דאַמאָלסט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין איר פאָטערס הויז צו לוי טאָסקאַני, גאָרנישט האָט זיך געביטן, ער איז געגאַנגען און מיט שרעק גע־טראַכט אַז ווייטער אַזוי וועט ער נישט קענען לעבן. זיין ווייב מנוחה איז אים די לעצטע טעג געוואָרן נאָך פרעמדער. ער קאָן מיט איר נישט זיין אין איין הויז. ווי אַזוי וועט ער איצט אַהיים גיין? ער קען עס מער פאַר איר נישט באַ־האַלטן. זיין פרוי מנוחה באַמערקט זיין באַנעמונג, דערפאַר איז זי אַזוי אויפ־געצאַרנט געוואָרן ביים פאָטערס קראַנקן בעט . . .

די שמאָלע געסלעך זיינען געווען אויסגעליידיקט. די איינציקע ליכט אין רב הללס הויז האָבן ציטערדיק געפלעמלט הינטער די פאַרהאַנגענע פענצ־טער, אינעווייניק האָבן זיך די שאָטנס פון די פרויען געוויגט הין און צוריק אָן אויפהער, זיי האָבן מער נישט געוויינט, ווי זייערע טרערן וואָלטן שוין פאַר־טריקנט זייערע העלדזער. עס האָט זיך בלויז געהערט אַ פאַרשטיקט כריפּן.

דער רופא עמנואל איז געשטאַנען ביים פענצטער און נישט געקענט

אַריינגייך. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו דעם הויז, וואו ער האָט אַזויפיל חכמה געלערנט פון דעם אַלטן רב הלל. נאָכמער האָט ער געפילט דעם ווייטיק פון זיין פרוי. זי איז אַזוי אומגליקלעך. זי בלייבט אַליין, איר פאָטער שטאַרבט. זי האָט איר גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט פאַר אים און זיינע צוויי קינדער. ווי אַזוי וועט ער וויזן זיין פנים פאַר איר, ווען זיין געדאַנק איז אַזוי ווייט פון איר?

ער איז אַוועק פון פענצטער, דאָס ליכט וואָס האָט זיך דורכגעזיפּט דורך די שיטערע פאָרהאַנגען האָט מיט אַ טריבער ליכטיקייט באַלויכטן די גאַס. פון ערגעץ נאָענט האָט זיך געהערט דאָס כראָפּן פון שווער־שלאָפנדיקע מענטשן, וואָס האָבן ווי געגריזשעט די האַרטע שטילקייט פון דער נאַכט. דאָרט, ביים סוף גאַס, וואו די אַלטע הייזער באַהעפטן זיך מיט דער הויך־פאַרבויטער געטאָ־וואַנט, האָבן ראָיענדיקע קעץ געוויינט ווי קליינע פאַרוואָרלאָזטע קינדער. זיי האָבן זיך געשאַרט לעבן די פישער שטעלן, לעבן די פעסער, אַרויסגעבלישטשעט מיט זייערע גרינע שוועבלדיקע טיגער־אויגן. מיטאַמאָל האָבן זיך די קעץ אַ לאָז געטאָן מיט אַ חיהשער שרעק, אַוועק פון די פישער־שטעלן. זיי זיינען געלאָפן איבער דער גאַס, אַוועק צו די הייזער און פאַרקראָכן אין די לעכער, אין די שמאָלע ליקעלעך.

אויף דער הויכער געטאָ־וואַנט האָט זיך אַ שאָטן פון אַ מענטש געדראַפּעט און ניט געקאָנט דערגרייכן די הויך. ער איז צוריק אַרונטער, גענומען קלעטערן אויף די פישער־געשטעלן, צוגעשאַרט אַ פאַס צו דער וואַנט, אויסגעשטרעקט די הענט ווי אַ קאַץ פאַרשטאָכן מיט די נעגל אין די לעכער פון דער שטיינערנער וואַנט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט. עס האָט אויסגעזען ווי בלויז עמעצער, וואָס ווערט געטריבן פון משוגעת קאָן זיך דראַפּען אינמיטן נאַכט אַריבערצוקריכן די וואַנט. עס איז פאַרבונדן מיט לאַנגער תפיסה מיט איינשטעלן זיך דאָס לעבן.

דער מענטש איז שוין געשטאַנען הויך ביים סאַמע סוף פון דער וואַנט. ער האָט פלינק אָנגעכאַפּט דעם ברעג, אַ שאַר געטאָן די שטיקלעך צעבראָכענע גלאָז, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט. דאָס אַראָפּגעפאַלענע גלאָז האָט זיך צעשפּריצט מיט אַ בריאַזג אויף די שטיינער. דער מענטש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פונעם קלונג. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן און לאַנג געקוקט אַריבער דער געטאָ־וואַנט. דאָרטן, פון יענער זייט געטאָ, האָט געהערשט די זעלבע דריקנדיקע שטילקייט. דער רופא עמנואל איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער וואַנט. ער האָט דעם מענטש דערקענט. דאָס איז געווען יונתן דער פישער־ייד. ער האָט אים נישט געוואָלט איבערשרעקן

אפשר וועט זיך דער מענטש באַזינען. יונתן דער פישער האָט אָבער פאַר־וואָרפן אַ פוס, צוגעפעסטיקט זיין טורבאַן צום קאָפּ. דער רופא עמנואל האָט לענגער נישט געקאָנט וואַרטן. ער האָט שטיל אַרויפגערעדט:

— יונתן, דאָס בין איך, דער רופא סאַבאַטי. קום אַרונטער, ווי גאָט איז דיר ליב, קום אַרונטער !

יונתן האָט רייטנדיק אויף דער וואַנט אַ ציטער געטאָן, געזעסן אַ ווײַלע עפּעס נאָכגעטראַכט און געלאָזן געגומען זיך אַרונטערלאָזן פון דער וואַנט.

ער איז געבליבן שטיין אונטן. פון זיינע אַרונטערגעלאָזטע הענט, צע־שניטן פון די שערבלעך, האָט געטריפט בלוט. זיין לענגלעך שוואַרץ פּנים האָט געפלאַמט ווי געשייערטער קופער. זיינע ברוינע קאָכעדיקע אויגן האָבן געגליט מיט צאָרנדיקער רציחה.

— וואָס ווילט איר פון מיר? איך וועל זיי ממיתן, די מוסרים משומדים. איך וועל פאַרברענען דאָס קאַטאַכיסטן־הויז. זיי האָבן געזאָגט ליגן וועגן מיין קינד, ליגן . . . .

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אָנגענומען יונתן דעם פישערס הענט, דערפילט די נאַסקייט פון זיין רינענדיק בלוט.

— קום מיט מיר ! דיין בלוט רינט. באַזין זיך, יונתן, נישט דאָס איז דער וועג. דו וועסט ברענגען אַן אומגליק אויף זיך און אויף אונדזער קהלה !

יונתן האָט אַרויסגעצויגן זיינע הענט פון דעם רופא עמנואלס האַנט.

— קהלה! מאָרגן וועלן זיך אַלע שעמען צו רעדן מיט מיר. דער טאַטע פון אַ זינדיקער, צעלאָזענער מויד, אַ משומדת. מיר איז אַלצאיינס !

דער רופא עמנואל האָט אים וואַרעם אָנגענומען ביים אָרעם, זיך מיט אים געלאָזט איבער דער גאַס אַוועק פון געטאָ־מויער. ער האָט אים געפירט צו זיך אַהיים, צו פאַרבינדן זיינע וואונדן אויף די הענט.

— איך טראַכט די גאַנצע צייט ווי ענלעך דו ביסט צו מיר. אויך איך קען ניט שלום מאַכן מיט דעם ביטערן גורל. אָבער דיין דרך טויג נישט, יונתן.

יונתן דער פישער איז געגאַנגען לעבן אים, געהאָרכזאַם, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. טרערן האָבן געראָנען פון זיינע אויגן. ער האָט געביסן זיינע ליפּן ווי ער וואָלט איינגעהאַלטן דאָס שטיקנדיקע געוויין, וואָס האָט געשפּאַרט פון זיין האַלדז. ווען עס איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן, האָט ער זיך גע־נומען אַרונטעררעדן פון האַרץ.

— דאָס בעסטע קינד, ווי אַן אויג אין קאָפּ האָב איך זי געהאַט. וואָלט זי כאָטש געשטאָרבן, וואָלט איך געזאָגט: גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען.

זיי זײַנען צוגעקומען צום רופא עמנואלס הויז, די פּענצטער מיט די רונדיקע קעפּ, באַזוימט מיט שווערע געזימסן, זײַנען געווען אויסגעלאָשן. יונתן דער פישער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט מיט זײַן אומגליק ניט געוואָלט אויפוועקן דאָס שלאָפנדיקע הויז. דער רופא עמנואל האָט אים גע־צויגן מיט זיך.

— קום, יונתן. אַ רופאס הויז איז אַלעמאָל אָפן, בײַנאַכט ווי בײַטאָג.

זיי זײַנען אַרײַן אין הויז. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אָנגעצונדן ליכט. אַ בײַנערדיקער סקעלעט אין זײַן גאַנצער לענג האָט זיך ווי אויסגע־צויגן אין ווינקל לעבן די ספרים־שאַפעס. דאָס קנאָכיקע פּנים האָט געשטשי־רעט מיט דעם ברייטן שרעקלעכן מויל מיט די פינצטערע אויגנלעכער

יונתן איז געשטאַנען אײַנגעקאָרטשעט. די פּאָלעס פון זײַן כאַלאַט זײַ־נען געווען פאַרטריפט מיט בלוט, זײַן פּנים אויסגעצערט און צעפּײַניקט. די לעכער פון זײַנע טיפע אויגן זײַנען געווען פינצטער, ענלעך צום סקעלעט, פון אונטערן טורבאַן האָבן אַרויסגעהאַנגען זײַנע צעשויבערטע גראָע פאות. דאָס צעקנייטשטע גראָע בערדל איז שוין מער ניט געווען אַזוי פעך שוואַרץ ווי דער רופא עמנואל האָט אים געקאָנט, דעם פישער יונתן, גלײַך ער וואָלט ערשט גראָ געוואָרן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט צעריסן טיכער, און מיט די לאַנגע פּאַסן אים פאַרבונדן די האַריקע פאַרבלוטיקטע הענט. אין זײַן געדאַנק האָט דער רופא סאַבאַטי גענומען אויסשטעלן אַ בריוו, וואָס ער וועט נאָך הײַנט בײַנאַכט שרײַבן. ער וועט שרײַבן צו דעם מאַראַנען דאָקטער אַמאַטוס ליזיטאַ־נוס, וואָס די יידן רופן אים חביב, אין דער האַפן־שטאָט אנקאנא. ער וועט אים דערציילן וועגן דעם אומגליקלעכן יונתן מיט זײַן טאָכטער. דער צאָרן פון די מאַנאַכן און משומדים האָט זיך אויסגעגאָסן אויך אויף אַ פרעמדן, אַ טערקישער אונטערטאַנער, וואָס וואוינט נישט לאַנג אין רוים. און אויב די יידן פון מזרח, פון טערקיי וועלן שווייגן, וועט זיך דעם פויפּסט צאָרן אויס־שפּרייטן אויך צו דעם בליענדיקן מקום־מקלט, די האַפן שטאָט אַנקאָנאַ. פון דעם געדאַנק צו שרײַבן אַ בריוו דעם מאַראַנען־אַרצט ליזיטאַנוס, איז עמנואל געוואָרן זייער האַפערדיק. עס וועט דערגיין ביז צום סולטאַן. דער סולטאַן איז נישט קיין קריסטלעכער מושל. ער האָט זייער ווייניק מורא פאַר דעם פויפּסט.

— יונתן, גיי אַהיים. איך וועל אויפרודערן די וועלט צוליב דײַן קינד. מיר וועלן דיך נישט לאָזן הפקר. דו ביסט אַ טערקישער אונטערטאַן. זיי שפּילן זיך מיט פײַער . . .

יונתנס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט מיט די פאַרבונדענע הענט

אַרומגעכאַפּט דעם אַרצט עמנואל סאַבאַטי:

— אַ דאָקטאָר סאַבאַטי גאָט זאָל דיך שטאַרקן פאַר דיין חכמה, און פאַר דיין גוטסקייט!

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אים באַגלייט צו דער טיר. אַ פריידי־קער איז יונתן מיט פלינקע טריט אַרויס פון הויז.

דער רופא עמנואל איז געבליבן אַליין אין צימער. די האָפערדיקע טריט פונעם פישער יונתן זיינען פאַרשוואונדן ווייט אַוועק, אַוועק פון זיין הויז. די פריערדיקע דריקנדיקע שווערקייט האָט זיך ווידער געלייגט אויף זיין האַרץ. דער צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן, איז נישט אַזוי לייכט אויסצו־פירן. ווי אַזוי וועט ער שיקן אַ בריוו מיט אַ שליח, אַז די געטאָ איז פאַר־שלאָסן אויף אַלע זיבן טויערן, לאַנג וואַרטן קאָן מען נישט. אפשר וועלן די "פני" פון געטאָ גאַרנישט באַשטיין, אַז עמעצער פון דרויסן זאָל זיך מישן. אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן, אַ שווער שטיקל אַרבעט וועט ער האָבן דורכצופירן.

ער האָט זיך אומרואיק געדרייט איבערן צימער פון זיינע גיכע טריט, האָבן זיך געכאַפּט די קינדער וועקן אין שלאָף־חדר. אַרויסגעלאָזט אַ דער־שראָקן פּישטשנדיק געוויין, דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך איינגעהערט, ווי די קינדער וואָלטן געפילט, אַז נישט זייער מוטער איז ביים בעט. באַלד האָט זיך דאָרט אין שלאָף־חדר געהערט דאָס סקריפּען פון זיין פרויס בעט. ער האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן. זאָל שוין זיין פרוי מנוחה זיין אין דערהיים? ער האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט, ווייל מע האָט דאָרט אינעווייניק געוויגט זייער גיך מיט דער וויג, גאַרנישט ווי ער איז געוואוינט געווען צו הערן.

ער האָט גענומען אַ ליכט, זיך געלאָזט דורכן קאָרידאָר צום שלאָף־חדר. דאָס וויגען האָט זיך איינגעשטילט, מיטאַמאָל אויפגעהערט. ער האָט אויפגעהויבן די פאָרהאַנג צום שלאָף־אַלקער. דאָס וויגעלע מיט זיין יונגסטן קינד האָט זיך פון פריערדיקן שאָקלען נאָך אַלץ געוואַקלט.

אין זיין ווייבס בעט איז געלעגן זיין שוועגערין רחל. איין האַנט האָט ביי איר אַראָפּגעהאַנגען, אַרויס פון בעט, מיט וועלכע זי האָט אַפּנים געוויגט דאָס וויגל. דאָס קינד האָט זיפצנדיק געאָטעמט. פון מיילעכל האָט אים אַרויס־געשוימט נישט פאַרדייטע מילך. די וויעס אַרום די אייגעלעך האָבן גע־גלאַנצט מיט נישט־פאַרטריקנטע טרערן. רחל האָט שווער געדרימלט. איר קאָפּ שוואַרצע האָר איז געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן קישן, איר פולער יונג־מיידלישער קערפּער צעלייגט איבערן גאַנצן בעט, האָט טיף געאָטעמט.

פון דער ליכט וואָס האָט אויפגעהעלט אַרום איר, האָט זיך רחל גע־נומען וועקן, זי האָט זיך איבערגעקערט און דערשראָקן זיך אויפגעכאַפּט.

דער רופא עמנואל איז געשטאַנען איבערן קינד, אים געווישט דאָס מיילעכל. ער האָט באַמערקט ווי זיין שוועגערין רחל, דעקט זיך פאַרשעמט איבער מיטן בעטגעוואַנט ביז אַריבער דעם האַלדז. איר דערשראָקענער, צע־טומעלטער קוק אויף אים האָט זיך געביטן, געוואָרן רוי און שנאהדיק, ווי עס וואָלט זיך לעבן איר געפונען אַ פאַרדאַרבענער מענטש.

— מנוחה האָט געמיינט, אַז דו וועסט איבערנעכטיקן ביים טאַטן . . .— האָט זי געזאָגט און געקוקט אויף אים מיט אַ רויער שנאה.

— איך בין נישט געווען ביים שווער אין הויז,—האָט דער רופא עמנואל געזאָגט און זיך אַרויסגערוקט פון צימער. ער האָט שוין דערביי אײנזינען גע־האָט, אַז זיין ווייבס צאָרן איז איבערגעגאַנגען צו איר גאַנצער משפחה.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי, איז צוריקגעגאַנגען אין זיין אויפנאַם־צי־מער, זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין שרייב־טיש. ער האָט אַרויסגענומען פון שיפלאָד עטלעכע בייגעלעך פאַפּיר, אײנגעטונקט אַ גענדזענע פעדער אין טינט. ער האָט גענומען שרייבן דעם בריוו צו זיין פריינט דעם מאַראַנען־דאָקטאָר ליזיטאַנוס קיין אַנקאָנאַ, דאָס האַפן־שטעטל.

אַרום איז געווען שטיל, בלויז דאָס גיכע סקריפּען פון דער גענדזענער פעדער האָט ווי אײנגערוימט סודות דעם בלייכן פאַפּיר. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, עמעצער זאָל נישט אונ־טערהערן די סודות, וואָס ער שרייבט צו דעם פריינט, וואָס די יידן רופן אים חביב. ווי וועט זיין, אַז דער בריוו וועט אַריינפאַלן צו די מוסרים, אָדער ער וועט אַזוי גיך נישט קריגן קיין שליח אַוועקצושיקן דעם בריוו, און די אינ־קוויזיטאָרן וועלן נאָך היינט באַנאַכט אַריינפאַלן און אים אַוועקפירן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך גענומען אײנהערן צו דער שטיל־קייט פון דער נאַכט. קיינער קאָן נישט וויסן, ווען זיי וועלן קומען. פון ערגעץ וווייט האָט זיך טאַקע געהערט דאָס גאַלאָפּירן פון פערד. ער האָט געפּרוּווט אָפּשאַצן די ווייטקייט. עס האָט געמוזט זיין ערגעץ אַרום דער האַפן־גאַס, לעבן דער „סענט אַנדזשעלאָ בריק". דאָס גאַלאָפּירן איז געקומען נעענטער אַרום דער „קאַמפּאָ דע פיאָר", דאָס בלומען פעלד פון דער אינקוויזיציע.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. דאָס האַרץ האָט ביי אים האַסטיקער געקלאַפּט. פון בלויזן דערמאָנען זיך אָן יענעם בלו־מען־פעלד, איז אים ווי אַ נעפּלדיקער רויך דורכגעשוואומען פאַר זיינע אויגן. דער רויך שווימט איבער אַ רעוונדיקן המון. אינמיטן פאַרסאַזשעטן בלומען־פעלד פלאַקערן שייטער־הויפנס און פאַרשלינגען מיט די פלאַמען פאַרמשפּטע מענטשן.

דאָס גאַלאָפּירן איז געקומען נעענטער. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט

שוין דייטלעך געקאַנט הערן דאָס סקריפּנדיקע וויגן פון אַ קאַרעטע, וואָס איז געלאָפן שוין ערגעץ גאָר נאָענט, פאַזע דעם טיבער־ברעג, דורך די שמאָלע געסלעך צום געטאָ־טויער.

דער רופא עמנואל איז האַסטיק צוגעלאָפן צום שרייב־טיש. אויב זיי וועלן אים נאָך היינט באַנאַכט צונעמען, דאַרף ער טאַקע דערפאַר נאָך שנעלער פאַרענדיקן דעם בריוו. ער וועט אים איבערגעבן זיין שוועגערין רחל. זי זאָל דעם בריוו געבן איר חתן מרדכי, אָדער וועמען עס איז פון דער משפחה.

די קאַרעטע האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט ערגעץ נאָענט ביים געטאָ־טויער. דער רופא סאַבאַטי האָט זיך גענומען באַרואיקן. אפשר מאַכט ער גאָר אַ טעות. עס קאָן דאָך זיין, אַז דער מאָנסעניאָר טשענטשי פאָרט אַזוי שפּעט אַהיים פון וואַטיקאַן אין דעם בשכנותדיקן טשענטשי פּאַלאַץ. ער איז, הייסט עס, בלויז צערודערט די לעצטע טעג. ער האָט מער ניט די שטענדיקע גע־לאַסנקייט.

באַלד האָט זיך געהערט אַ שטיל קלאַפּן ביים געטאָ־טויער. אַ קלאַפּן ווי פון עפּעס אַ געהיימער חברה, וואָס דאַרפן אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט אין דער פינצטערער נאַכט און מאַרגן וועט מען וועגן דעם אָפילו מורא האָבן צו רעדן, צו ברענגען עס פאַרן מויל. דער וועכטער פון געטאָ־טויער איז געלאָפן מיט די שליסלען. דער טויער האָט אַ קרעכץ געטאָן און די קאַרעטע איז פאַ־מעלעך אַריינגעפאָרן אין געטאָ. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט שוין געהאַט פאַרטיק דעם בריוו .ער האָט צענויפגעוויקלט די בייגעלעך פּאַפּיר, גענומען דאָס ליכט און שנעל אַריין אין שלאָף־חדר.

זיין שוועגערין רחל איז ניט געשלאָפן. זי איז געלעגן אין אַ האַלב־זיצנדיקער פּאָזע. זי האָט האַסטיק אויסגעדרייט איר פּנים, אָנגעשטעלט אַ פּאָר דערשראָקענע פרעגנדיקע אויגן. איר פּנים איז געווען אויסגעבלייכט, די ליפּן האָבן ביי איר געציטערט.

— רחל, איך ווייס, אַז ביסט אַ מיידל, וואָס איז ווערט צו זיין רב הללס טאָכטער. איך וויל דיר איבערגעבן אַ וויכטיקע שליחות.

רחל האָט זיך אויפגעזעצט. איר פריערדיקע רויע שנאה צו אים איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, עמנואל ?

דער רופא עמנואל האָט מיט די פאַרשפּיצטע אויערן זיך אַיינגעהערט צום דרויסן. די קאַרעטע האָט דאָרט ווי אַרומגעבלאָנדזשעט נישט ווייט פון הויז און ענדלעך זיך דערקליבן דאָ אַהער און זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָס איז אַ בריוו צום חביב, צו די יידן פון אנקאנא. דער בריוו טאָר

נישט אַריינפּאַלן צו די מוסרים, צו די אינקוויזיטאָרן ! — האָט עמנואל איר געוויזן די פֿאַרוויקלטע בייגעלעך פּאַפּיר.

— דו ווילסט אים איבערגעבן מרדכין? אָדער איך זאָל אים צערייסן . . . באַרעכן זיך, מיידל, עס איז אַ גרויסע סכנה.

— איך וועל טאָן וואָס דו באַגערסט, עמנואל.

רחל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו. זי האָט אים גיך פֿאַרשטופּט אין בוזים, זיך אַרונטערגעלאָזט הינטערן איבער־בעט.

דער רופֿא עמנואל סאַבאַטי איז געלאָסן אַרויסגעגאַנגען פֿון שלאָף־חדר. ער האָט אַרויסגענומען פֿון ספֿרים־שאַנק דעם זוהר, זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיש, אַז זיי וועלן אַריינקומען זאָלן זיי זען, מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך אַזוי שפּעט ביינאַכט. קבלה איז ביי דעם פּויפּסטס משרתים נישט קיין פֿאַרדעכטיקטער לימוד.

עס האָט זיך געהערט אַ שטיל קלאַפּן. דער רופֿא עמנואל סאַבאַטי האָט גענומען דאָס וואַקסענע ליכט און פּאַמעלעך זיך אַרונטערגעלאָזט מיט די גע־דרייטע טרעפּ פֿון פֿעדערהויז.

ער האָט געעפֿנט די טיר מיט געלאַסענער רואיקייט פֿון איינעם, וואָס איז צוגעגרייט צו נעמען אויף זיך אַלע פּיינען, וואָס די אינקוויזיציע פֿירט דורך.

אינדרויסן ביי דער טיר זיינען געשטאַנען דריי מענער. צוויי זיינען גע־שטאַנען לעבן דער קאַטש און דער דריטער נאָענט ביי דער טיר. דער רופֿא עמנואל סאַבאַטי האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך מיט דער האַנט אָנגע־כאַפּט ביי דער טיר־ראַם אָנצוהאַלטן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט אויפגעצי־טערט נישט פֿון שרעק, נאָר פֿון איבערראַשונג, וואָרעם ביי דער קאַטש זיינען געשטאַנען צוויי מענטשן, וואָס גאַנץ רוים האָט פֿאַר זיי געציטערט, און מיט שרעק דערמאָנט זייערע נעמען. דאָ איז געשטאַנען דעם פּויפּסטס פּלימעניק, דער סעקרעטאַר פֿון קירכלעכן שטאַט דאָן קאַרלאָ און דער מאָנסעניאָר טשענ־טשי, דער קאַסירער פֿון וואַטיקאַן.

זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע קירכלעכער הלבשה. דער קאַר־דינאַל האָט געטראָגן די פּריסטלעכע שוואַרצע סוטאַנע מיט אַ קורצער פּאַ־לערינע איבער די אַקסלען, אַרומגעזוימט מיט שאַרלעך־רויטע טאַשמעס, אויך די לעכלעך און די קנעפּ, אַפֿילו די זאָקן און דער באַנד אַרום דעם טיזשעריק פֿון שאַרלעך־רויטן קאָליר. ער האָט אויך געטראָגן זיין פּריסטלעכן הוט גע־פּוצט מיט רויטע זיידענע טאַשמעס פֿון וועלכע עס האָבן אַרונטערגעהאַנגען אַרום פּופּצן גאָלדענע טראָלדזן.

דער מאַנסעניאָר איז שוין געגאַנגען אַנדערש אָנגעטאָן לויט זיין ראַנג. זיין כאַלאַט געפּוצט מיט פּורפּור רויט, פיאַלעטענע זאָקן און אַזאַ שאַל אַרום האַלדז.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען און זיך טיף פאַרנייגט.

— מיינע חשובע הארן! איך בין גרייט אייך צו דינען, הייליקע פּריסטער פון דער קירך. קאָן איך האָבן דעם כבוד אייך צו פאַרבעטן אין מיין הויז?

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען זעלנעריש אויסגעצויגן. זיין פּנים איז געווען רוגזהדיק בלאַס. זיין בליק איז גאָר געפאַלן אויף די שוואַרצע פייערדיקע אָגערס, וואָס האָבן מיט אויפגעריסענע שלאַנקע קעפּ זיך געריסן פון די באַגילדעטע ציימלעך, געבריקעט מיט די שלאַנקע פיס, וואָס זיינען געווען ווייסהאַריק הויך אַריבער די קנעכלעך, ווי זיי וואָלטן געטראָגן ווייסע זאָקן. בלויז דער מאַנסעניאָר טשענטשי, וואָס איז מיט דעם אַרצט סאַבאַטי געווען היימישער, מחמת דער רופא עמנואל איז געווען זיין הויז־דאָקטאָר, איז צוגעגאַנגען און גיך געזאָגט.

— דאָקטאָר סאַבאַטי! מיר נעמען אייך מיט מיט אונדז. אונדזער באַזוך דאַ דאַרף בלייבן אַ סוד.

— קאָן איך וויסן, וואו איך דאַרף גיין און אויף ווי לאַנג? מיין שוועראיז קראַנק, אייערע קנעכט האָבן אים געשלאָגן אין דער "סענט־אַנדזשעלאָ" קירך און איך מוז זיין ביי זיין בעט.

— שווייג, דו ייד פאַרשאָלטענער געביין. ווער האָט דיר געגעבן רעכט צו פרעגן? — האָט דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ צאָרנדיק אויסגעשריען און זיך אַ כאַפּ געטאָן צום גילדענעם הענטל פון דער שווערד, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון זיינע פּריסטלעכע בגדים.

דער מאַנסעניאָר טשענטשי האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי און געזאָגט:

— נעם דיין קעסטל רפואות און קום מיט אונדז. קאַוואַלער, גיי מיט אים מיט.

דער דינער פון קאַרדינאַל, וואָס זיין טיטל איז געווען קאַוואַלער און האָט אַליין געשטאַמט פון אַדל, איז צוגעגאַנגען צום רופא עמנואל. ער איז געווען פון אַ מעכטיקער גרויס, דער דינער. זיין שווערד האָט זיך אים נאָכגעבאַמבלט לעבן די סאַמעטענע קני־הויזן מיט די לאַנגע זיידענע זאָקן. דאָס געפאַלדעוועטע העמד האָט נאָך ברייטער געמאַכט זיין מעכטיקע פיגור.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז געשטאַנען, אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט. אויב ער וועט נישט גיין מיט גוטן, וועט ער מיט זיי גיין מיט געוואַלד און דורכמאַכן

גרויסע בזיונות. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויף די טרעפּ, דער קאַוואַלער איז מיט אים אַרויף אין דעם גרויסן צימער.

זיין שוועגערין רחל איז געשטאַנען הינטער דער פאָרהאַנג. בלויז דאָס דערשראָקענע פּנים האָט אַרויסגעשטייגט פון צווישן די פאָרהאַנגען.

— איך גיי מיט דעם האַר צו אַ קראַנקן און כ'וועל באַלד זיין צוריק.

דער קאַוואַלער האָט אַ וואָרף געטאָן די אויגן צו דעם מיידלס פּנים צווישן די פאָרהאַנגען. רחל האָט זיך האַסטיק צוריקגעצויגן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אָנגעטאָן זיין כאַלאַט, דעם הויכן הוט, גענומען דאָס קעסטל מיט רפואות און מיט געבראָכענע טריט זיך אַרונטערגעלאָזט די טרעפּ. די פּריסטער זיינען שוין געזעסן אין קאטש, דער קאַרדינאַל איז געזעסן מיט די הענט אָנגעלענט אין דעם הענטל פון דער שווערד. דער קאַוואַלער איז אַרויף אויף דעם פאָרנטיקן געזעס לעבן קוטשער, און פאַר דעם רופא עמנואל סאַבאַטי האָט דער מאָנסעניאָר טשענטשי געמאַכט אַן אָרט לעבן זיך קעגנאיבער דעם קאַרדינאַל.

די פלינקע פערד האָבן אַ צי געטאָן די לייצעס און אַ טראָג געטאָן די קאָטש דורך דעם שמאָלן געסל און מיט גאַלאָפּ זיך אַרויסגעטראָגן דורך דעם געעפנטן טויער פון געטאָ.

# אַכטער קאַפּיטל

דער געטאָ־טויער ביי דער "וויא דעל פּיאַנטאָ", די טרערן־גאַס, האָט זיך פאַרמאַכט. די קאַרעטע האָט גענומען פאָרן פאַמעלעכער. דער מענסעניאָר טשענטשי האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון פענצטערל. זיי זיינען דורכגע־פאָרן דעם פאַלאַץ טשענטשי. די לאַנגע פענצטער אין דער מאַסיווער שטיי־נערנער געביידע מיט די פאַררונדיקטע גראַטעס זיינען געווען אויסגעלאָשן, בלויז איין פענצטער אויפן צווייטן גאָרן, דער פליגל פון זיין באַלעבאָסטע באַטריצע, איז געווען באַלויכטן. דאָס ליכט איז געקומען ווייט פון פענצטער אַוועק, ערגעץ פון איר הימל־בעט.

די קאַרעטע איז שוין געווען ווייט פון זיין פאַלאַץ, און דער מאַנסעניאָר האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגעבויגן, געקוקט מיט אַ באַגערנדיקער בענקשאַפט צו זיין איצט ביי זיך אין הויז. ער האָט פויל גענומען גענעצן און כדי זיך אויפצומונטערן, האָט ער גענומען קוועטשן מיט זיינע שלעפעריקע אויגן.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ איז געזעסן אומבאַוועגלעך, זיין הויכע פיגור האָט זיך לייכט געוואַקלט מיטן באַוועג פון דער קאַרעטע. ער האָט געוואָרפן מיט זיינע אומרואיקע אויגן, אומהיימלעכע קאַלטע בליקן דאָ צום רופא סאַבאַ־טי, דאָ צו זיין פריינט, דעם מאָנסעניאָר טשענטשי.

דעם קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָס פנים איז געוואָרן אַלץ דערשלאָגענער. זיין קורצער געקאַרבטער שטערן האָט זיך אומרואיק גערונצלט, ווי זיין קאָפּ וואָלט שווער געאַרבעט מיט אַ פיינלעכער אַנגעשטרענגטקייט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זייטיק געכאַפּט אַ בליק אויף דעם קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ, דעם הערשער פון רוים, דער מערדער און פאַרגוואַל־טיקער. איז אמת, וואָס מע דערציילט וועגן אים, אַז קיין שום פרוי וואָס גע־פעלט אים, קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים, אפילו נישט אין קיין קלוי־סטער. ווייסט וועגן דעם דער פויפּסט און שווייגט ?

דער רופא עמנואל האָט נאָכגעטראַכט וואוהין מע פירט אים איצט אַזוי שפּעט ביינאַכט. מסתמא איז עמעצער קראַנק אין וואַטיקאַן, און אפשר טאַקע דער פּויפּסט אַליין, און זיין פּלימעניק דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט מורא צו רופן אַ קריסטלעכן דאָקטאָר, די שטאָט זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם פּויפּסט קראַנקייט. די שטאָט איז אומרואיק. די רייכע משפּחות מיט זייערע סאָלדאַטן וואַרטן דערויף. עס וואָלט גלייך געוואָרן אַ מהומה מיט געשלעגן. מענטשן וואָלטן אונטערגעצונדן הייזער, וואָס ער, דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ, האָט אָנגערויבט. אַזוי איז שוין אין רוים, אַזוי טוען די אויפגערעגטע איינוואוינער פון שטאָט צו די פאַרהאַסטע מושלים. היינט איז דאָן קאַרלאָ דער פּויפּסטלעכער שטאַט-סעקרעטאַר. מאָרגן אויב דער פּויפּסט, זיין פעטער, גייט אַוועק פון דער וועלט, וועלן אים זיינע בעסטע פריינט הרגענען, הענגען, עפּנטלעך, אָדער דערוואָרגן אים אין אַ ווינקל. אים, דעם גזלנישן סאָלדאַט, וועט רוים נישט שענקען, דערפאַר איז ער אַזוי דערשלאָגן, דער בראַוועך קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ.

אַ צאַפּלדיקע פרייד, אַ נקמהדיקע פרייד האָט זיך געשפּאַרט פון זיין אינגעווייד. אַזוי איז דאָס. ער פילט זיין סוף, דער קאַרדינאַל. און ער מוז אָנקומען צו אים, דעם רופא סאַבאַטי, וואָס מוז אַלץ אַרונטערשלינגען, נישט טרייבן קיין רכילות, פונקט אַזוי האָט ער, סאַבאַטי אָפּגענומען דעם מאָנסעניאָר טשענטשיס אומגעזעצלעכן זון פון זיין באַליבאַסטע בעטריצע.

דער פּויפּסט מוז וואַרשיינלעך זיין זייער קראַנק, און איז שוין נישט ביים קלאָרן שכל, ווייל אויב נישט, וועלן זיי נישט וואַגן צו ברענגען פאַר אים אַ יידישן מעדיקער. ער ווייסט דאָס, דער רופא סאַבאַטי, דעם פּויפּסט שנאה צו יידן איז גרויס. אויב זיי רופן אים צו זיין קראַנקן בעט מוז ער שוין האַלטן ווייט, דער פּויפּסט.

פון דערלייכטערונג האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ. סאַבאַטי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט. זיך גיך אויסגעהוסט ווי צו ווייזן, אַז ער האָט נישט געזיפצט פאַר זיי צו קריגן מיטלייד, נאָר ער האָט אומגעלומפּערט אַ הוסט געטאָן, ווייטער גאָרנישט.

נישט ווייט פון דער "קאַמפּאָ דע פיאָר" — דאָס בלומען פעלד פון דער אינקוויזיציע, וואו מען פאַרברענט די פאַרמשפּטע, האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט. דער רופא סאַבאַטי האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט באַמערקט, ווי זיינע באַגלייטער באַטראַכטן אים זייטיק און אַ שמייכלעכע קריכט אַרונטער פון די טיפע איינגעקאַרבטע מויל ווינקלען ביי דעם מאָנסיניאָר טשענטשי. דער מאָנסעניאָר האָט זיך אויסגעהוסט און אומשולדיק געפרעגט.

—דו זעסט דאָס בלומענפעלד, דאָקטאָר סאַבאַטי?

— יאָ, וואָס איז דען? אַלע אין רוים קאָנען דאָס פעלד ״קאַמפּאָ דע פיאָר״, — האָט סאַבאַטי רואיק געזאָגט און אַרויסגעקוקט פון דער קאַרעטע. דאָס גרויסע פעלד איז געווען אויסגעליידיקט, דאָ און דאָרט האָבן זיך געהויפנט בערגלעך פון פאַרברענטע שייטערס. איבער דעם פעלד האָט געהויערט דאָס חורבותדיקע אַלטע פּאַמפּעאָ־טעאַטער, וואָס איז געבליבן שטיין פון פאַרצייטנס. די שטיקער חורבותדיקע קרישלדיקע ווענט מיט די צעבראָכענע טויערדיקע אַריינפאָרן האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה ווי ביי די אַריינגאַנגען פון קברים־היילן. די רייען צעבראָכענע מאַרמאָרנע בענק, איינער העכער איבער דעם אַנדערן, זיינען געשטאַנען ליידיק, אַראָבגעקוקט ווי מצבות, געבוירענע פון אַלטקייט.

— מיר האָבן גענוג באַוויזן דיך אָנועקצושטעלן לעבעדיקערהייט אויפן שייטער, און גאַנץ רוים וואָלט געהאַט אַ לוסטיקן קאַרנאַוואַל.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אויסגעדרייט רואיק דעם קאָפּ און שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט טאָן מיט מיר, וואָס איר ווילט. אין גאָטס הענט וועל איך איבערגעבן מיין לעבן!

דער מאָנסעניאָר האָט זיך אויסגעדרייט צום קאַרדינאַל און שפּאָטיש געזאָגט:

— ווי מיר זעען, גיט ער טאַקע צו, אַז ער איז שולדיק, איז וואָס־זשע איז דיין זינד? דו היילסט טאַקע מיט כישוף ווי מען זאָגט וועגן דיר? אָדער האָסט געטאָן אַנדערע זינד, וואָס מיר ווייסן ניט?

דער רופא סאַבאַטי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ ציטערדיקער שטימע זיך געווענדעט צו זיינע באַגלייטער:

—איר האָט מיר אַרויסגענומען אינמיטן נאַכט פון הויז צו שפּאָסן פון מיר?

דער מאָנסיניאָר טשענטשי האָט אַ ווילע געשוויגן, נאָכדעם האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם רופא סאַבאַטיס אַקסל:

— וואָס פאַלט דיר איין, דאָקטאָר סאַבאַטי. איך בין שטענדיק געווען דיין פריינט. עס איז בלויז אַ שאָד וואָס דו ביסט אַ פאַרעקשנטער ייד און דו וועסט מוזן אָפּפינצטערן אין געטאָ.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ ווי אים וואָלט געווען אַן אָנשטרענגונג צו הערן די דאָזיקע זיסע רייד. דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט דאָס באַמערקט און ער האָט גיך געביטן זיין טאָן.

— איר האָט צופיל געזינדיקט אין רוים. די יידישע מעדיקער האָבן פאַראומרייניקט די שטאָט מיט כישוף. דער הייליקער פּויפּסט גייט אויסריי־

ניקן די שטאָט פון דעם איבלדיקן גייסט. מיט וואָס קענסטו באַווייזן, אַז דו טראָגסט מיט זיך נישט קיין כישוף?

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט באַטראַכט דעם מאָנסעניאָר טשענטשי ווי ווייט ערנסט זיינע רייד זיינען, דערנאָך האָט ער מיט אַן אומבאַהאָלפענער טרויעריקער שטימע געזאָגט:

— איך קאָן באַווייזן מיט דעם, וואָס איך גלויב „אינגאַנצן נישט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי כישוף, שדים, רוחות שוואַרצע אָדער ווייסע.

דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיין אָפּשפּעטנדיקן טאָן.

— הייסט עס, דו ביסט קליגער פון דעם פילאָזאָף באַדין, פון דעם קריסטלעכן פראַנקרייך, דער גרעסטער דענקער נאָך אונדזער מאַקיאַוועלי. אויב אַזוי, גלויבסטו דאָך נישט דיין אייגענע ביבל.

דעם מאָנסעניאָרס פּנים איז געוואָרן קלוגיטשקע ערנסט. ער האָט גע־נומען ציילן אויף די פינגער:

— די מעשה מיט לוטס ווייב, וואָס איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ, און נבוכדנצר? אָדער ווי בלעמס אייזל האָט גענומען רעדן, איז הייסט עס אויך נישט אמת? צי גאָר ווי יעקב האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך? הע? האַ! האַ!— האָט ער ווייטער גענומען קוועלן מיט זיין שפּאָטיש געלעכטערל.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט געפילט ווי עס זעצט אים אַרויס אַ קאַלטער שווייס אויפן שטערן. ער האָט געוואוסט, אַז די צייטן פון פירן אָפענע ויכוחים זיינען שוין אַוועק אין רוים. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין ציטערדיקע האַנט אויפן שטערן און געווישט דעם שווייס.

— איך בין צו מיד, און די צייט איז נישט אויף צו פירן וויכוחים, הייליקע פּריסטער פון דער קירך — האָט סאַבאַטי געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— איך רעד מיט דיר דערפאַר, ווייל מאָרגן וועט דאָ אין דעם "קאַמפּאָ דע פיאָר" געלייענט ווערן דעם פויפּסט פאַרבאָט צו נוצן יידישע מעדיקער.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אַרונטערגעלאָזט די האַנט פון שטערן. ער איז בלאַס געוואָרן. איצט וועט מיט דעם פאַרבאָט איבערגעריסן ווערן די לעצטע פאַרבינדונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט. זיי שטעלן אים אַוועק אין דערזעלבער מדרגה ווי אַלע דערנידעריקטע יידן פון געטאָ. ער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דאָס אַלץ איז אים געזאָגט געוואָרן, ער האָט אויפגעהויבן אַ פרעגנדיק פּנים צו דעם מאָנסעניאָר טשענטשי. דער רופא סאַבאַטי האָט נאָך געגלויבט, אַז ערגעצוואו איז ביים מאָנסעניאָר פאַראַן אַ פונק פריינטשאַפט צו אים.

— מיר זיינען געקומען דיר געבן אַ געלעגנהייט צו איבערצייגן דעם

פּויפּסט, אַז דיין אַרבעט איז ריין. דער היילי קער פּויפּסט איז שלאָף. ער טאָר אָבער נישט וויסן אַז דו ביסט אַ ייד, דאָס וועט אים גלייך אויפרעגן . . .

— איך קאָן אָבער נישט פאַרלייקענען אַז איך בין אַ ייד, — האָט סאַ־באַטי געלאָסן געזאָגט.

דער קאַרדינאַל דאַן קאַרלאָ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און צאָרנדיק אויסגעשריגן:

— דו וועסט דאָרט שווייגן, דו ייד. אויב דו וועסט עפּענען אַ מויל און בעטן טובות, וועט מען דיך אַרויסשליידערן, און מאַכן פון דיר אַ בערגל מיסט. דו וועסט שווייגנדיק טאָן דיין אַרבעט. דו קענסט עס מאַכן מיט כישוף, אויב דו קענסט אים געזונט מאַכן. דער רוח ווייסט אייך . . .

דער נייער פאַרנעזע פּאַלאַץ, וואָס קעגנאיבער דעם פּאַמפּעאָ טעאַטער, איז מיטאַמאָל באַלויכטן געוואָרן פון אַן אַנגעצונדענעם פּאַקל. עס האָבן אויפ־געהעלט די שיינע קאַרניזן אויף דעם אויבערשטן גאָרן, עס האָט זיך געזען דער ברייטער באַלקאָן, וואָס האָט אַרומגענומען מיט ווייסן מאַרמאָר די גע־ביידע, מיט די רחבותדיקע טעראַסעס צום טיבער־טייך. דער אַלטער קאַרדי־נאַל פאַרנעזע איז אַרונטער פון די ברייטע טרעפּ, באַגלייט פון זיינע דינער. ער איז האַסטיק אַריין אין דער קאַרעטע, וואָס איז געשטאַנען לעבן פּאַלאַץ און אָפּגעפאָרן צום וואַטיקאַן.

דער קאַרדינאַל דאַן קאַרלאָ און זיין באַגלייטער דער מאָנסעניאָר טשענ־טשי זיינען מיטאַמאָל געוואָרן אומרואיק. זיי האָבן ביידע אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געגלויבט, אַז דער קאַרדינאַל פאַר־נעזע האָט זיך אַזוי שנעל דערוואוסט וועגן דעם פּויפּסט קראַנקייט. אפשר האָלט עס שוין אַזוי שלעכט, אַז מע האָט געשיקט נאָך דעם אַלטן קאַרדינאַל. עס האָט אָבער אויך געקאָנט זיין אַ מיטנאַכטיקע שפּאַציר־רייזע, מחמת דעם אַלטנס קאַרעטע האָט זיך אַוועקגעלאָזט פּאַזע דעם טיבער־טייך מיט דער "וויא גאַליאַ"־גאַס אין דער ריכטונג פון דעם פּאַלקאַנען פּאַלאַץ.

דער קאַרדינאַל דאַן קאַרלאָ האָט געהייסן טרייבן די פערד וואָס שנעלער און פאָרן מיטן קירצסטן וועג צום וואַטיקאַן. דער קוטשער האָט אַ סוויסטשע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן. די פייערדיקע פערד האָבן גענומען פליען דורך דער מאָנסעראַטאָ גאַס. באַלד האָט זיך געזען דער מעכטיקער "סענט אַנדזשעלאָ" שלאָס. גרויסע ציפּרעס־ביימער, האָבן זיך פון וואַסער־ברעג געריסן הויך צום הימל, אויסגעשפּרייט לאַנגע סילועטן אויף דעם זיל־בערדיקן טייך. די מאַרמאָרנע פיגורן אויף דער בריק האָבן איצט אויסגעזען ווי לעבעדיקע געשטאַלטן פאַרנעפּלט פון דעם ווייסלעכן לבנה־ליכט. עס האָט זיך אויפגעדעקט פאַר די אויגן די גאַנצע געגנט פון וואַטיקאַן. נייע געביי־

דעס און חורבותדיקע, הויכע סטאַטוען, און איבער אַלץ האָט אַרויסגעשטייגט די ריזיקע "סענט פעטערס" קירך.

פון דער קרומלעכער האַפּן־גאַס האָט זיך באַוויזן דעם אַלטן קאַרדינאַלס קאַרעטע. זי איז אַרויף אויף דער "סענט־אַנדזשעלאָ" בריק און פאַרשוואונדן אין פעסטונג אַריין.

די צוויי פריסטער זיינען געבליבן זיצן אַפּהענטיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. דאַגעגן דער רופא עמנואל האָט גענומען פרייער אָטעמען. ער האָט גע־וואוסט, אַז דער קאַרדינאַל פאַרנעזע איז פריינטלעך צו יידן, ער געדענקט נאָך דעם אַלטער קאַרדינאַל, די רואיקע צייטן מיט יאָרן צוריק, ווען זיין קרוב דער פויפּסט פּאַול דער דריטער פון דער פאַרנעזע משפחה האָט געהערשט. ער האָט דערלויבט די וואָגלענדיקע יידן פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, אַריינצוואַנ־דערן אין פּויפּסטלעכן שטאָט. אַפילו מאַראַנען האָט ער געלאָזט פריי לעבן ווי יידן. דעם רופא עמנואל סאַבאַטי איז געווען גוט צו זען, גראָדע איצט, ווען מע פירט אים אינמיטן נאַכט אין וואַטיקאַן אַריין, זאָל זיך געפינען דער פריד־לעכער אַלטער קאַרדינאַל פאַרנעזע.

די קאַרעטע איז האַסטיק נאָכגעפאָרן. די פערדישע קאָפּיטעס, די רעדער. האָבן אָפּגעקלונגען הויל איבער דער בריק. זיי זיינען אַריין צווישן די הויכע מויערן פון דער פעסטונג. הויכע פיר־עקיקע טורמעס האָבן זיך גע־הויבן. אַרומגערינגלט ווי אַ גאַרטל מיט באַשיצונגען פון נאָך קלענערע מאַ־סיווע קוואַדראַטנע טורעמלעך. אַרום איז געווען שטיל, בלויז דאָס קלאַפּן פון די צוויי לויפנדיקע קאַרעטעס האָט אומהיימלעך אָפּגעהילכט מיט אַ ווידערקול און זיך געקייקלט איבער די אַלטע מויערן.

באַלד האָט זיך געעפנט דער ריזיקער פּאַלאַץ פאַר דער קירך. עס האָט אַ פלייץ געטאָן מיט אויסגעשפּרייטער צעהעלטער לבנה־ליכט. אין מיטן סקווער האָט זיך געהויבן אַ זילבערדיקער צעשפּריצעריי פון דעם ריזיקן פאָנ־טאַן קעגנאיבער די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די קירך־געביידעס פון "סענט פעטערס".

רעכטס פון דער קאַטעדראַלע, לעבן פּאַראַדנעם טויער פון וואַטיקאַן, האָט זיך די קאַרעטע פון דעם אַלטן קאַרדינאַל אָפּגעשטעלט. עטלעכע דינער מיט פאַקלען אין די הענט זיינען אַרויסגעקומען פון פּאַלאַץ־קאָרידאָר, געפענט דעם טויער. דאָס פלאַקערדיקע ליכט פון די שטורקאַצן האָט באַלויכטן די יונגע באַוואָנסלטע פּנימער פון די געקליבענע שווייצער. זיי זיינען געשטאַ־נען אויסגעצויגן מיט די באַרשטלדיקע קאַסקעטן אין שטאָלערנע וועסטן מיט אַרעמפּליטן ביי די אַריינגאַנגען. זיי האָבן געהאַלטן לאַנגע שטעכערס וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע העק, איין זייט ברייט און די צווייטע שפּיציק.

די צווייטע קאַרעטע איז געפאָרן פאַמעלעך ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס אַוועק פון פאַראַדנעם אַריינגאַנג. ערשט ביים אייזערנעם טויער צופוסנס דעם וואַטיקאַן־באַרג האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט. די צוויי פּריסטער זיינען אייליגדיק אַרויס פון דער קאַרעטע. דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט זיך אַריינגעבויגן אין דער קאַרעטע און שטיל געזאָגט: — דאָקטאָר סאַבאַטי, שפּאַן אונדז נאָך פונהינטן!

דעם רופא עמנואל סאַבאַטי איז באַפאַלן אַן אימה פון דער קברימדיקער שטילקייט. בלויז פון ערגעץ ווייט פון הינטער דעם וואַטיקאַן־באַרג, פון די זומפּן האָט זיך געהערט דאָס קוואַקן פון די פרילינגדיק יונגע זשאַבעס. זיי זיינען געגאַנגען שטיל לעבן די פאַרברויינטע קרישלדיקע ווענט.

אינווייניק האָבן זיך געהויבן אַלטע אָפּשרעקנדיקע שלעסער, אויך נייע געביידעס אויסגעבויט פון די לעצטע פּויפּסטן. שיין־פאַרמירטע גאַלעריעס, אויסגעאַרבעט פון די בעסטע מייסטער דער סיקסטינישער קלויסטער, די באַרגיאַס־הייזער. עס האָבן זיך געצויגן רחבותדיקע דורכגאַנגען הינטער די גאַלעריעס, אַרויסשטייגנדיקע טורעמדיקע באַפעסטונגען, מיט שווערע אַראָפּ־הענגנדיקע באַלקאַנען.

ביים סיקסטוס־פּאַלאַץ האָבן זיך די שווייצער אויסגעצויגן גלייך ווי שטאָלערנע סטאַטועז און דורכגעלאָזט די געסט, וואָס זיינען געגאַנגען מיט דעם וואַטיקאַן־איינוואוינער דעם קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ. זיי זיינען אַרויף מיט די מאַרמאָרנע טרעפּ צום צווייטן גאָרן וואו דער פּויפּסט האָט געוואוינט.

זיי איז אַנטקעגן געקומען אַ דינער. ער איז אַנגעקומען פון דער קיך. ער האָט אויף אַ טאַץ געטראָגן אַ גלעזערנעם קרוג מיט שוואַרצן, געדיכטן נאַ־אַפּאָלער וויין. דאָן קאַרלאָ איז צוגעגאַנגען האַרט צום דינער און שטיל גע־פרעגט מיט אַ פאַרוואונדערונג:

— פאַר וועמען דער וויין? ער האָט געבעטן אויסצושווענקען דאָס מויל? . . .

— ניין, גענעדיקער קאַרדינאַל. ער האָט געבעטן עסן, און זיין באַליבט מאכל איז נאָך אַלץ זיין היימישער נעאַפּאָלער וויין.

אויף דעם קאַרדינאַלס פאַרהאַרטעוועט פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גליקלעכער שמייכל. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום רופא עמנואל סאַבאַטי. זיין פּנים האָט זיך ביי אים פאַרקרימט, ווי ער וואָלט זעענדיק דעם רופא זיך דערמאָנט אָן אַ שלעכטער איבערלעבונג.

— אומזיסט דיך פאַרשלעפּט. דיין כישוף ווי דו זעסט, דאַרף מען מער נישט.

צום מאָנסעניאָר טשענטשי האָט ער חוזקדיק אויסגערופן: — קענסט

אים אַרויסוואַרפן, דיין ייד. רוים וועט מער נישט באַנוצן קיין כישופמאַכער. זייער אָרט איז אויפן פייער, — האָט ער זיך פריילעך צעפלאַפלט.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ איז נאָכדעם פלינק אַרויפגעלאָפן מיט די געדרייטע טרעפּ צו אַ העכערן גאָרן צו זיין דירה. די וואוינונג פון דעם פויפּסטלעכן שטאַט־סעקרעטאַר, וואָס איז געווען איבער דעם פויפּסט צימערן.

דער דינער אין שוואַרצן זייד, מיט סאַמעטענעם טוניק אָנגעטאָן, מיט אַ גאָלדענער קייט איבערן געפאַלדעוועטן ווייסן קאָלנער, איז געבליבן שטיין ביים טיר און מיט דרך ארץ געוואַרט ביז מע וועט אים רופן.

באַלד האָט דאָס גלעקל אויף אַ געשנורלטן גאַרטל ביי די פּאָרטיערן אַ קלונג געטאָן. דער דינער איז מיט ציטערדיקע הענט אַריין צום פויפּסט און פּאַמעלעך צוגעלענט די טיר.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך גערוקט צו דער וואַנט. ער האָט זיך געפילט איבעריק, הפקרדיק אויף דער וועלט. זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם מאָנסעניאָר טשענטשי, וואָס האָט זיך אויך גערוקט וואָס ווייטער אַוועק פון דעם פויפּסט צימערן, ווי ער וואָלט זיך אויך געפילט פאַרזינדיקט, וואָס ער האָט דאָ געבראַכט אַ ייד, און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער פויפּסט איז אַליין געקומען צו זיך אָן זיין הילף.

דעם מאָנסעניאָרס איינציקע אָנהאַלטעניש איז געווען זיין פריינט דאָן קאַרלאָ. ער האָט מיט באַגערנדיקע אויגן אַרויפגעקוקט צו די געדרייטע טרעפּ, ער זאָל שוין צוריקקומען פון זיינע צימערן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי ער וואָלט, ווי דער יעזוס קעגנאיבער דער וואַנט, צוגענאָגלט געוואָרן און אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן ביים וואַנט. ער האָט געטראַכט: וואָס וועלן זיי איצט דאָ טאָן מיט אים, וועט מען אים אַהיימשיקן? אויב עפּעס שלעכטס זאָל עס געשען וואָס שנעלער. ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגן אויף די טונקל־באַלויכטענע לאַנגע קאָרידאָרן מיט די מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן הינטער די יאָנישע קאָלומנעס, וואָס האָבן געפירט צו פאַרשיידענע זאַלן, צו די באַלקאָנען פון דעם "דאמאסאָ" הויף־גאָרטן, צו די פאַר־שיידענע קלויסטערס, צום פּאָולינישן, צום סיקסטינישן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך דערמאָנט אין דער צייט ווען ער איז דאָ אַמאָל געווען מיט זיין פריינט דער מאַראַנען־דאָקטאָר ליזיטאַנוס, וואָס וואוינט איצט אין אַנקאָנאַ, בעת עס האָט געהערשט יוליוס דער דריטער. דאַמאָלס איז אַלץ דאָ געווען פּרעכטיק שיין. עס איז שוין אויך נישט געווען קיין גוטע צייט פאַר יידן, אָבער די יידישע מעדיקער האָט מען דאָ קעניגלעך אויפגענומען. איצט איז אַלץ דאָ אָפּגעלאָזן. די פאַקלען פאַרקאַפּטשען מיט

סאַזשע די פֿאַררויכערטע ווענט, אַ קלויסטערישע חשכות פֿינצטערט אַרויס פֿון אַלע ווינקלען. דער רופֿא עמנואל סאַבאַטי האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס מע שמועסט אין שטאָט אַז דעם פּויפּסט איז נישט געפֿעלן די נאַקעטע פֿיגורן פֿון מיקל אַנדזשעלאָס "לעצטער משפּט", וואָס איז אויפֿגעמאָלן אויף דעם אַלטאַר־וואַנט פֿון סיקסטינישן קלויסטער. ער האָט דאָס בילד געהייסן פֿאַרשמירן. אָבער מע האָט אויסגעפּועלט, צו באַדעקן די נאַקעטע געשטאַלטן. אַלץ אַרום האָט דאָ אויסגעזען ווי דער פּויפּסט וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַר־דאַרבן אַלע שיינקייטן וואָס די בעסטע מייסטער האָבן געשאַפֿן.

פֿון די געדרייטע טרעפּ האָט זיך באַוויזן דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ. דאָס מאָל איז ער אַרונטערגעקומען אָנגעטאָן ווי אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך. דאָס רויע זעלנערישע פּנים האָט זיך נישט געפּאַסט אין דעם ווייסן דאָמיניקאַנישן כאַלאַט מיט דעם קליינעם רויטלעכן קאַפּל אויף די צעשויבערטע ווילדע האָר. ער האָט זיך גלייך געלאָזט צום פּויפּסט בעט־צימער. ער האָט פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן בויך. די ברייטע אַרבל האָבן זיך צניעותדיק נאָכגעבאָמבלט. ער האָט פֿאַרלייגט זיין קאָפּ אויף אַן אַקסל מיט אַן ערלעכער פֿרומקייט און זיך אַריינגעלאָזט צום פּויפּסט.

נאָך זיין אַריינגיין איז די טיר פֿון דעם צימער געבליבן אַ ביסל גע־עפֿנט. אַ געלע העלקייט האָט אַרויסגעבלענדט פֿון דאָרטן. אַלץ איז דאָרט געווען געל. דער פֿראַנצויזישער גאָבלין־טעפּיך. די געלבלעכע טאַפּעטן און די אָרנאַמענטירטע באַפּוצונגען אויף די ווענט.

אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ מנורה מיט וואַקסענע הויכע ליכט. אויף אַ הויכער קרוין־שטול איז געזעסן דער פּויפּסט ווי אַ וואַקסענע פֿיגור, מיט אַ געל פֿאַרפֿינצטערט, פֿאַרשרומפּן פּנים, מיט מרה־שחורהדיקע פֿאַרזונקענע אויגן־לעכער. איין אויג איז געווען ביי אים גרעסער און אָפֿענער פֿון דעם אַנדערן. דאָס גרויסע אויג האָט געפֿינטלט מיט אַ יוגנטלעכן פֿיבער, זיין גע־רונצלטער שטערן האָט יעדע ווײַלע געהויבן דאָס טיפֿע קאַפּל וואָס איז אים געפֿאַלן אַריבער די אויערן.

דער פּויפּסט פּאָול דער פֿערטער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו זיין פֿלימעניק דאָן קאַרלאָ און אים לאַנג באַטראַכט מיט דעם בייזן פֿיבערדיקן אויג, נאָכדעם האָט ער זיך גענומען גלעטן דאָס גראָע בערדל און זיין אויג איז געפֿאַלן אויף דעם וויין־קרוג. דער דינער האָט זיך אונטערטעניק דערנעב־טערט, אָנגעגאָסן דעם געדיכטן, שוואַרצן נעאַפּאָלער וויין אין אַ גאָלדענעם בע־כער אַריין, און דערלאַנגט דעם פּויפּסט. דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט זיינע גערונצלטע, ציטערנדיקע עטלעכע און אַכציק יאָריקע הענט, פֿאַנאַנדער־שאַרט די גראָע וואָנסעס. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און דערקוויקנדיק גע־

זופּט. געזופּט ביזן דנאָ פון בעכער. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם בעכער אויפן טאָץ, און נאָך אַלץ געקוקט גיריק אויף דעם ווײַן, סמאַטשקענדיק מיט די אויפגעלעבטע בלאָע ליפּן.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט צוגענענט צו זײַן פּעטער דער פּויפּסט, אַנידערגעקניט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו זײַנע פּיס, וואָס זײַנען געווען אָנגעטאָן מיט רויטע שיך. ער האָט צוגעבויגן זײַן מויל צום רעכטן שוך, וואָס איז געווען אויסגעשטיקט מיט אַ גאָלדענעם צלם, און מיט אַ ליבער אונטערטעניקייט אַ קוש געטאָן דעם פוס. ער האָט זיך געבויגענערהייט גערוקט הינטערווײַלעכץ און זיך גלײַך געשטעלט.

ביים טיש איז געזעסן דער אַלטער קאַרדינאַל פּאַרנעזע און טרויעריק געשמייכלט מיט זײַן ברייטלעך זיידיש פּנים, ארומבלאָנדזשענדיק מיט זײַנע פאַרזאָרגטע, גוטע אויגן. עס איז דאָ אויך געווען דער דאָקטאָר גריגאָריאָ, דער אַסקעטישער מאָנאַך מיטן צלם אויף דער ברוסט.

אַ פאַרכטיקע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם געלן צימער. קיינער האָט נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל. ער האָט זיך בלויז געהערט דאָס סיקן פון די קנויטן אין די ברענענדיקע ליכט, וואָס זײַנען געווען צעשטעלט בײַ די ווענט, אין די הענגנדיקע קאַנדעלאַברעס.

דער דאָקטאָר גריגאָריאָ האָט אויסגעדרייט זײַן פּנים צו דער טיר און זײַנע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט דעם רופא עמנואל. ער האָט אָן אויפגעציטערטער זיך אונטערגעהויבן פון שטול, און פון גרויסער צעדרודערטער אויפרעגונג, זיך גענומען קרעקן מיט אַ שטיקנדיקן האָלדז.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט דאָס באַמערקט און זיך דערנעענטערט צוצולענען די טיר. דער פּויפּסט האָט אָנגעשטעלט זײַן פיבערדיק אויג אויף זײַן פּלימעניק און מיט אַ האַרטער קאַלטער שטימע געפרעגט :

— וואו ביסטו געווען און וועמען האָסטו געבראַכט? דו ביסט דאָך אַרויסגעפאָרן מיט דער קאַטש פון וואַטיקאַן?

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרביסן די ליפּען און נישט גלײַך געענטפערט.

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַרויסגעפאָרן מיטן מאָנסעניאָר טשענטשי פון וואַטיקאַן.

דער פּלימעניק האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ: — פאַרגיב מיר, פאַרגיב! דײַן שלאָפלקייט האָט מיך צעדרודערט. איך בין אַרויס דיר ברענגען אַ רופא.

— האָסטו געבראַכט? האָסט פאַרגעסן, אַז דער גרעסטער רופא איז די פּסטלעכע קרוין, אונטער די פליגלען פון פּעטערס און פּאָול? זע יעזוס

קריסטוס קוקט מילד און באַשיצנדיק אויף מיר.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צום יעזוס, וואָס לעבן דער וואַנט מיט די ספרים־שאַפֿעס, דאָס יעזוס פּנים איז געווען באַלויכטן, מיט צערפֿולע אויגן מילד אַרונטערגעקוקט פֿון קרייץ, איינגעהילט מיט אַ דערנער קראַנץ זיין קאָפּ.

— ביסט נישט אַמאָל אַוועק זוכן אַ מעדיקער אין דעם זינדיקן פֿאַר־שאָלטענעם געטאָ? זאָג! גריגאָריאַ האָט מיר ערשט דערציילט וועגן די מעשים פֿון די יידישע מעדיקער.

דער קאַרדינאַל האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך וועל אָפּווישן די שאַנד פֿון רוים! איך וועל פֿאַרברענען דעם געטאָ מיט די ווערעם. די שפּאַניער זיינען נאָך אַלץ זינדיקע ברואים ווייל זיי האָבן צו לאַנג געהאַדעוועט יידן צווישן זיך. — האָט ער גענומען העכער אויפֿ־הויבן זיין קול.

— שוין די נאַכט זאָלסטו זיי פֿאַרברענען אַלס צייכן פֿון דעם גרויסן נס, וואָס גאָט האָט מיך געזונט געמאַכט אָן די כישופֿמאַכער, — האָט ער זיך גענומען שטיקן מיט זיין שווערן אָטעם.

ביים קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן מיט אַ שטי־פֿערישער ווילדקייט. ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט:

— הייליק איז דיין וואָרט ביי די דינער פֿון דער טרואומפֿדיקער און קריגערישער קירך!

ער איז אַרויס פֿון געלן צימער. אַ רוף געטאָן דעם דינער מיט אַ לוסטיקער פֿרייד.

— אין נאָמען פֿון הייליקן פּויפּסט, באַפֿעל די דינער פֿון שווערד און מאַנטל צו זיין גרייט.

ער איז אַרויסגעלאָפֿן צו זיך אין זיין וואוינונג. עס האָט ניט געדויערט לאַנג און ער איז גלייך אַרונטערגעקומען אין זיין זעלנערישן טראַכט מיט דער שווערד ביים זייט פֿון זיין געפּאַנצערטער וועסט.

פֿון פּויפּסט צימער איז דאָן אַרויסגעקומען דער קאַרדינאַל פֿאַרנעזע מיט אַ בלאַס פֿאַרעלטערט פּנים. דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ איז אים אַנטקעגן גע־קומען מיט זיין ווילד, טיוואָליש געלעכטערל.

— אַך, וואָס פֿאַראַ וואונדערלעכע נאַכט דאָס וועט זיין! די געטאָ וועט ברענען און באַלויכטן די פֿינצטערע שטאָט רוים. און מאָרגן, מאָרגן וועט רוים זיין ריין . . .

דער אַלטער קאַרדינאַל האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די שטאָלענע פֿליטן אויף זיינע הענט, און מיט אַ ציטערדיקער שטימע געזאָגט צום פּויפּסטס פֿלי־מעניק:

— דו מיינסט עס טאַקע ערנסט, ווילסט זיין ווי דער געצנדינערישער קעניג אימפּעראַטאָר נעראָ, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן באַלקאָן שפּילן, ווען רוים האָט געברענט.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט זיך אָפּגערוקט פון קאַרדינאַל פאַר־נעזע און מיט אַ געמאַכטער פאַרוואונדערונג געפרעגט אויסגלאַצנדיק די אויגן צו אים.

— דו שטעלסט זיך קעגן דעם הייליקן ווילן פון אונדזער אַלמעכטיקן, פון גאָט דערוויילטן האַר דעם פּויפּסט. ווייסט דער קאַרדינאַל וואָס דאָס מיינט . . .

— ניין, ניין, וואָס פאַלט דיר איין! — האָט זיך דער אַלטער גענומען רייבן דעם פאַרשוויצטן שטערן.

— איך בין אַלט און פאַרשטענדיק. זעסטו נישט, אַז ער איז קראַנק? גאָט האָט איבערגעלאָזט דאָס ווידערשפּעניק פאָלק ווי אַן עדות, וואָס עס קאָן ווערן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אָפּגעקערט פון לעבעדיקן גאָט, פון קריסטוסן. אינגאַנצן אומברייינגען זיי, איז אַ זינד. אַ זינד, זאָג איך דיר . . .

דער קאַרדינאַל האָט געקוקט אויף דעם אַלטן מיט אַן אָפּשפּעטנדיקן שמייכל, וואָס איז געקראָכן אויף זיינע געקאַרבטע מויל ווינקלען.

דער מאָנסעניאָר טשענטשי איז צוגעקומען נעענטער, גלייך פאַרשטאַ־נען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט אָנגענומען זיין פריינט דעם קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָביים אָרעם.

— דו ווייסט, קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ וואָס דו גייסט טאָן? די הייזער פון געטאָ באַלאַנגען דאָך צום רוימישן אַדל. מיר האָבן ווינציק שונאים? דו גייסט פאַרברענען די רייכסטע פאַמיליעס פון רוים, זייער אייגנטום, זייער דירה־געלט, אָט וואָס דו גייסט טאָן.

דער מאָנסעניאָר האָט געקוקט אויף אים מיט אַ זיגעריש שמייכעלע, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, צוואַונקענדיק מיט אַן אייגל.

דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט שווער גענומען טראַכטן מיט זיין קורצן געקאַרבטן שטערן. דערנאָך האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן דעם מאָנסעניאָר ביי דער ברוסט.

— ביי דיר איז אַלעמאָל — הייזער, פאַרמעגן און געלט. דער רוח ווייסט אייך מיט אייערע יידישע חשבונות.

ער האָט אָנגענומען דעם אַלטן קאַרדינאַל פאַרנעזע ביים אָרעם און מיט אַ פאַלש־געמאַכטער הכנעה ווייך געזאָגט :

— איר זענט גערעכט, קאַרדינאַל. מיר קאָנען דאָס ניט טאָן. אינגאַנצן פאַרניכטן, איז אַ גרויסע זינד. אמת, הייליקע ווערטער . . .

דאָס גלעקל ביים געלן צימער האָט אַ קלונג געטאָן. דער דינער איז ווידער אַריין. דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ האָט זיך איינגעהערט מיט אַן אויער צום צימער. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מאָנסעניאָר טשענטשי.

— נעם צו און באַהאַלט דיין ייד, — דער פּויפּסט קומט אָן. ער גייט אין דער קאַפּליצע אַריין תפילה טאָן.

דער מאָנסעניאָר האָט פלינק אַ שלעפּ געטאָן דעם רופא עמנואל סאַבאַטי ביים אָרעם און זיך מיט אים האַסטיק אַריינגעלאָזט אין דעם נאָענטסטן זאַל. אין גרינעם צימער. די ווענט זיינען דאָ געווען באַהאָנגען מיט פּורפּור־רויטן סאַמעט, עס האָט געמיניעט מיט בלאָע און גאָלדענע קאָלירן פון דעם באַמאָלטן באַלקן. דער דיל איז געווען ווייך מיט אַ ליכטיקן גרין־גראָזיקן טעפּיך.

דורך דעם קאָרידאָר האָט געשפּאַנט דער פּויפּסט הויך און דין, איבערן כאַלאַט אויף די אַקסל האָט ער געטראָגן אַ ברייטן שאַליק פון שאָפּענע וואָל אויסגעאַרבעט, וואָס האָט אים דערמיט באַצייכנט, אַז ער איז גאָטס־פּאַסטוך אויף דער וועלט. דער שאַליק איז געווען אויסגעשטיקט מיט צלמים.

ער איז אַריין אין דער קאַפּליצע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טראָן־צימער, עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט איבער דעם וויינרויטן טעפּיך. די קרוין־שטול איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל מיט פיר קאַנדעלאַברעס ביי די זייטן מיט הויכע אָנגעצונדענע ליכט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום גאָלדענעם מלאך, וואָס איז געווען אויפגעמאָלן אויף דער וואַנט קעגנאיבער דעם טראָן, דער מלאך האָט ווי געשוועבט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל איבער דעם גאָלדענעם קרוציפיקס. ער איז אַרויפגעגאַנגען מיט די ווייך געבעטעטע טרעפּ צום אַלטאַר, ער האָט צוגענענט צום היכל, אַנידערגעקניט און זיך אויף לאַנג פאַרטיפט אין תפילות מיט אַ פאַרכטיקער הכנעה.

# ניינטער קאַפּיטל

אין הויז ביים רופא עמנואל סאַבאַטי האָט געהערשט אַ פּאַרטייעטע שטילקייט. רחל, דעם רופא עמנואלס שוועגערין, איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער ליידיקער גאַס. ערגעץ ווייט אַריבער דעם געטאָ־מויער, אַריבער די הייזער, גערטנער און פּאַלאַצן, וואָס זיינען געווען פאַרנעפּלט מיט אַ לבנהדיקן אומעט, איז אָפּגעשטאָרבן דער לעצטער הילך פון דער פאַרשוואונדענער קאַרעטע.

רחל איז געשטאַנען אַיינגעקאָרטשעט פון שרעק. וואָס וועט זי דערציילן איר שוועסטער? איר פאַרטרויערטע היים, — וואו איר פאָטער רב הלל הויכט אויס זיינע לעצטע כוחות, — נאָך ווייניק אומגליק איז געקומען אויף זייער הויז?... רחל האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם בריוו, וואָס איר שוואָגער, דער רופא סאַבאַטי, האָט איר געגעבן מיט אַזאַ געהיימער פאַרטרויליכקייט. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביי דער ברוסט און דערשפּירט די שטייפקייט פון דעם בריוו הינטער איר קאַפּטל. איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט, און איר האָט זיך געדוכט, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע מאָנענדיקע זאַך, וואָלט געלעגן אין דעם פּאַפּיר.

רחל איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט און מיט צוגעמאַכטע אויגן זיך געוויגט. איר האָט שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן איר שוואָגער אַזאַ שנאה.. ווייזט אויס, אים איז געווען זייער נישט גוט. די גאַנצע משפּחה, איר שוועסטער וואָלטן זיך אפשר געדאַרפט באַציען צו אים מיט מער איינזעהעניש. ער וואָלט געוויס נישט געבראַכט איר שוועסטער צו שאַנד און צו שפּאָט .רחל, איז מער נישט קיין קינד, זי קען עס זען. איר שוועסטער פילט דאָס מער פון אַלעמען. דעריבער איז זי אַזוי צערייצט, אַזוי באַטריבט. אפשר איז ער אין דעם גאָרנישט שולדיק. ער באַציט זיך צו זייער הויז מיט ליבשאַפט און פאַרערונג, ער איז

שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיי אַלעמען. שולדיק איז אפשר אין דעם אַלעמען טאַסקאַניס פּרוי, מרים. פריער ווען אייגנטום, געלט, האָט געהאַט אַ ווערט, האָט זי זיך ניט געוואָלט אומקוקן אויף דעם אָרעמען יונגעמאַן, דעם רופא עמנואל סאַבאַטי, זיך בעסער געלאָזט פאַרקנסן צו איר רייכן קוזין טאַסקאַני. איצט וויל זי צוריקכאַפּן דעם טעות, ווען מען האָט אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין געטאָ.

די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביגקייט. זאָל זי אַהיים גיין און לאָזן וויסן, אַז מען האָט איר שוועסטערס מאַן צוגענומען? אפשר וועט די ידיעה נאָך שנעלער דערנענטערן איר פאָטערס טויט. עס האָט רחלען געשלאָגן אַ היץ צום קאָפּ. די רוצחים, די משומדים, די יעזואיטן טשעפּן זיך שוין לאַנג צום רופא סאַבאַטי. זיי ווילן אים אומברענגען און מאַכן איר שוועסטער פאַר אַן אלמנה. זייער הויז וועט ווערן ליידיק, בלויז ווייבער אין אַזאַ הפקרדיקע וועלט. איצט איז איר קלאָרער געוואָרן דער שטענדיקער חשד, אַז איר פאָטער האָט אָפּגעהאַלטן די חתונה מיט איר חתן, מרדכי, ווייל ער איז פאַררעכנט פאַר אַ מאַראַן, ווייל מען האָט אים מיט געוואַלד, ווען ער איז געווען אַ קינד, געשמדט אין פּאָרטוגאַל. אַלע מאַראַנען לעבן אין גרויס שרעק. אַז היינט מאָרגן וועט דער פּויפּסט צווינגען אָדער אַוועק פון די יידן, אָדער פאַרברענט צו ווערן. איר פאָטער, הייסט עס, וויל נישט זי זאָל ווערן אַ יונגע אלמנה . . .

עס האָבן זיך איר גענומען קייקלען טרערן פון די אויגן, טרערן אָן אַ געוויין, וואָס האָבן פול געמאַכט אירע אויגן. גאַנצע קוואַלן האָבן זיך געשטיקט אין איר האַלדז. זי וועט מיט אים חתונה האָבן און זאָל געשען וואָס עס וועט געשען. עס איז נישטאָ מער קיין באַוואָרעניש. אָט איז איר שוואָגער, דער רופא סאַבאַטי נישט קיין מאַראַן, פונדעסטוועגן האָבן זיי אים צוגענומען. דער־ווייל איז נאָך די גזרה קעגן די מאַראַנען נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, און ביז דאַמאָלט קען נאָך אַ סך פּאַסירן. און אפשר וועלן זיי, זי און מרדכי, זיך קענען אַרויסרייסן פון דעם פּויפּסטלעכן שטאָט . . .

איר יונג מיידליש האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן מיט אַ באַנייטער האָפענונג. אַלץ קען נאָך טרעפן. אָט האָט זי אַ בריוו מיט זיך צו די יידן, וואָס וואוינען אויסער דער שטאָט רוים. די וועלט וועט זיי נישט לאָזן פאַלן. זי וועט זען צו רעדן וועגן דעם מיט איר חתן מרדכי. פון בלויזן דערמאָנען זיך, אַז זי וועט צוליב דעם בריוו האָבן אַ געלעגנהייט אַריינצוציען איר חתן, מרדכי, אין אַ שמועס, איז איר דורכגעלאָפן אַ זיסער שטראָם איבערן לייב. זי האָט נאָך שטייפער צונויפגעדריקט אירע הענט אויף דער ברוסט און הנאה גע־האַט פון דעם תענוגדיקן צאַפּל, וואָס האָט געמאַכט קלאַפּן איר מיידליש האַרץ.

הינטער איר האָט זיך עפּעס אַ באַוועג געטאָן. מיט גרויס שרעק האָט זי זיך ראַפּטום אויסגעדרייט. די אַרויסגאַנג־טיר איז געשטאַנען אָפן און אַ ווינטל האָט באַוועגט די פּאַרהאַנגען. רחל האָט ווידער דערפילט די מוראַדיקע ליי־דיקייט פון דעם הויז, זי האָט געקוקט אויף דער אָפענער טיר. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַט ערשט האָט מען אַרויסגעפירט אַ מת, און געלאָזט הפקר־דיק אָפן דאָס אבלדיק הויז.

רחל האָט מורא געקראָגן דאָ לענגער צו פאַרבלייבן. זי איז מיט שרעק אַריינגעלאָפן אין שלאָף־צימער. די לבנה שטראַלן האָבן דורכגעשיינט דורך דער האַלב־קיילעכדיקער אויבערשטער ראַם, אַ פאַרנעפּלטע בלאַסקייט האָט איינגעהילט דאָס צימער. זיך געשאָטנט אויפן קינדער־בעטל.

אויפן בעטל איז געלעגן אָפּגעדעקט דאָס דריי־יאָריק יינגעלע דן, דעם רופא עמנואלס עלטסטער זון. ער איז געשלאָפן שטיל מיט אַ וואַרעמער קינ־דערשער זאַטקייט. אַ דראַבנער שווייס האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן, אויף זיין לענגלעכן נעזל. זיינע בעקעלעך זיינען געווען רויט. ער האָט גאווה־דיק געבלאָזן די ליפּעלעך. רחל האָט מיט אַ טיכל אים אָפּגעווישט דעם שווייס. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. רואיק געקוקט אויף איר מיט זיינע פייכטע ברוינע אויגן. איצט האָט ער אויסגעזען ענלעך צום פאָטער. רחל האָט זיך דערפאַר איינגעבויגן און מיט ליבשאַפט אים אַ קוש געטאָן אין דעם צעעפנטן מויל.

— טו זיך אָן, זונעלע, מיר וועלן גיין צום זיידן!

דאָס יינגעלע האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט אין דעם לאַנגן נאַכט־העמד און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. רחל האָט אים אַרונטערגענומען פון בעטל, אים געהאָלפן אָנטאָן. דערנאָך האָט זי איינגעוויקלט דאָס צוויי־טע שלאָפנדיקע קינד, און זיך אַרויסגערוקט פון הויז מיט אַזאַ שטילקייט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט וועט עמעץ פון דער פינצטערניש איר אַ כאַפּ טאָן ביי דער האַנט.

אין גאַס האָט זיך רחל אָפּגעשטעלט. קיינער איז אַרום איר נישט געווען. בלויז פון ערגעץ נאָענט פון אַ שכנותדיק הויז, קעגנאיבער דער שמאָ־לער גאַס, האָט זיך געהערט אַ שטיל בעטנדיק געוויין. רחל האָט זיך איינ־געהערט. עס איז געווען אַ תפילהדיק געוויין פון אַן אַלטן צעבראָכענעם מאַן, וואָס טענהט זיך אויס מיט גאָט אין מיטן נאַכט.

— „היינו לחרפה לשכנינו, לעג וקלס לסביבותינו" („מיר זיינען גע־וואָרן אַ חרפה ביי אונדזערע שכנים, אַ געלעכטער און אַ שפּאָט ביי די אַרו־מיקע").

עס האָט זיך רחלען דערמאָנט איר פאָטערס הויז. אויך איר פאָטער פלעגט אויפשטיין אין מיטן נאַכט צו זאָגן תיקון חצות. איר פאָטערס תפילה־

דיקע רייד האָבן זיך געטראָגן איבער די צימערן, געוועקט פון שלאָף ווי אַ טרויעריקער חלום. איצט האָט זי זיך איינגעהערט מיט אַ וואכנדיק האַרץ, גלייך זי אַליין האָט געזאָגט די ווערטער. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען, אַלץ דייטלעכער האָט זיך געהערט די רייד פון דעם אַלטן מאַן.

— "ביז וואַנען, גאָט, וועסטו צערענען נאָכאַנאַנד?

רחל האָט שוין דערקענט די שטימע פון דעם אַלטן. דאָס איז געווען רב עזרא סופר. פון דעם לאַנגן פענצטער ביי זיין דירה, וואָס האָט זיך געהויבן גלייך פון דער גאַס, ווי אַ טיר, באַשלאָגן מיט אייזערנע קראַטעס, זיינען געפאַלן טריבע שאָטנס פון דעם וואַקסענעם ליכט. רב עזרא סופר איינגעהילט אין אַ קיטל האָט זיך געוויגט, אַ געבויגענער אַן איינגעקאָרטשעטער. אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן די הענט, פאַרקוועטשט אין פויסטן. ער איז געוואָרן העכער. ער האָט גענומען ברומען מיט אַ גבורה־דיקן אימפעט:

— "פאַרגיס דיין גרימצאָרן אויף די פעלקער, וואָס קענען דיך נישט".

רחל איז געגאַנגען פאַמעלעך. דאָס יינגעלע דן, עמנו־אלס זון, לעבן איר. ער האָט זיך מיט פנימל כסדר אומגעקערט און מיט איינ־געהאַלטענעם ציטער שטיל אָפּגעזיפצט. רב עזרא סופר איז שוין דאָרטן ווי־דער געווען צעבראָכן. ער האָט געבעטן ,אַז גיך זאָל שוין קומען גאָטס דער־באַרעמונג, ווארעם מיר זיינען זייער געפאַלן . . .

ביים סוף גאַס האָט זיך רחל ווידער אָפּגעשטעלט און אַרויפגעקוקט אויף דעם צווייטן גאָרן פון דעם שיינעם אַלט־רוימישן הויז מיט די מעכטיקע פיגורן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די גזימסן, די שווערע באַלקאָנען. עס איז געווען איינע פון טאָסקאַניס חזקה הייזער. דאָ האָט געוואוינט איר חתן מרדכי, די פאַמיליע חלפן, וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען רייך און אַנגעזען אין דער רוימישער קהילה, געאַרבעט ווי איבערזעצער אין וואַטיקאַן. זייער יחוס האָט זיך געצויגן פון די בעסטע משפחות פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, וואָס די מערס־טע פון זיי זיינען אומגעקומען דורך דער אינקוויזיציע . . .

רחל האָט איצט פריי געקענט אַרויפקוקן און באַטראַכטן איר חתנס היים. ביי טאָג וואָלט זי דאָס נישט געטאָן, מענטשן וואָלטן זי באַרעדט און באַ־טראַכט עס ווי אַן אויסגעלאַסענע זאַך. אַנדערע וואָלטן פון איר אָפּגעשפּעט. אַלעמאָל ווען זי איז דאָ דורכגעגאַנגען איז זי בושהדיק דורכגעלאָפן, איר האָט זיך געדוכט אַלע קוקן איר נאָך.

אָט איז דער פענצטער מיט די ווייסע פאַרהאַנגען. דאָרט שלאָפט איר חתן, מרדכי. עס האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ צאַפּלדיקע בענקשאַפט נאָך אים. ווען זי קען אים שוין אַזוי אַ רוף טאָן, וואָלט זי אים גלייך איבערגעגעבן דעם

בריוו. זי וועט עס אים איבערגעבן, קיינער זאָל נישט זען. ווייל ס'איז אַ גרויסע געפאַר, און זי מוז עס טאָן גיך, ווייל אַזוי האָט געוואָלט איר שוואָגער דער רופא סאַבאַטי. אפשר וועט זי דורך דעם בריוו אים קענען ראַטעווען פון דעם פויפסט הענט.

זי האָט גענומען גיין פאַמעלעך, דערפילט די שווערקייט פון דעם קינד, וואָס זי האָט געטראָגן אויף די הענט. פון טיבער טייך האָט זיך געהויבן אַ קילער מיטנאַכטיקער ווינט. דער ווינט האָט געבלאָזן מיט אַ זאַמדיקן שטויב פון ברעג טייך.

אויבן, אויפן צווייטן גאָרן פון דער משפחה חלפן האָט עמעץ אָנגעצונדן אַ ליכט אין דעם מיטלסדיקן צימער, דאָס לערן שטיבל פון רב משה חלפן. רחל האָט גענומען איילן, אַבי זי האָט געמיינט, אַז רב משה חלפן איז נאָך ביי איר פאָטערס בעט, ווייל עס איז געווען אָפּגעשמועסט, ער זאָל נעכטיקן אין זייער הויז, מחמת דער אַלטער האָט געהאַלטן זייער שמאָל. אפשר האָבן זיי זיך געביטן — מרדכי איז געבליבן אין הויז, ביי איר פאָטער, און דער אַלטער חלפן איז אַהיים געגאַנגען, ווייל זיי ווילן נישט, אַז מרדכי זאָל זיך באַגעגענען בייטאָג מיט איר. רחל האָט זיך מיט אַ האַסטיקער פרייד אַוועקגעלאָזט אין זייער הויז, צו באַגעגענען מרדכין.

רחל האָט נישט געמאַכט קיין טעות. מרדכי איז טאַקע געווען ביי זיי. ער איז געזעסן ביים לאַנגן אויפנעם־טיש איינער אַליין און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. דאָס פלעמל פון דעם האַלב־פאַרטריפטן וואַקסענעם ליכט האָט באַלויכטן זיין לענגלעך טונקל פנים. ער האָט גלייך דערזען רחלען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט חידושדיק מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַ גלעטנדיקע ווייכקייט. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און ווי געוואָלט עפּעס פרעגן. ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרהאַלטן און מיט אַ פאַרעקשנטער האַנט שטאַרק צוגעדריקט צום טיש. פון קעגנאיבערדיקן צימער, נאָענט צום שלאָפּחדר וואו איר פאָטער ליגט קראַנק, איז אַרויסגעקומען איר מוטער און די שוועסטער מנוחה.

— איך האָב ערשט געוואָלט גיין נאָך עמנואל. ער איז געקומען צו זיך.. ער האַלט אין איין רופן עמנואלן. בעט איך זיך ביי איר, גיי נאָך דיין מאַן, ברוגזט זי זיך, דיין טייערע שוועסטער.

ביי די רייד האָט מנוחה אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. איר מויל איז געוואָרן ווייטיקטיק אויסגעקרימט. עס איז איר שווער געווען צו הערן די רייד. זי וואָלט שוין זייער שטאַרק געוואָלט גיין נאָך איר מאַן, נאָר זי פילט, אַז ער האָט זי טיף באַליידיקט, און אפשר איז ער גאָר נישט אינדערהיים. זי וויל זיך נישט מאַכן צום נאַר. אפשר זיצט ער נאָך ביי די טאָסקאַניס, וואוהין

די שיינע מרים, טאָסקאַניס וויב, האָט אים אַזוי קונציק אָוועקגענומען פון איר טאַטנס בעט . ער וואָלט זיך געמעגט שעמען פאַר גאָט און פאַר לייט. מנוחה האָט זיך געכאַפּט אַז איר שוועסטער איז געקומען מיט ביידע קינדער פון בעט אַרויסגענומען. מנוחה האָט אַ נעם געטאָן דאָס קליינע קינד פון איר שוועסטערס הענט און אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן.

— וואָס איז געשען, האָסט מורא געהאַט אַליין צו זיין אין הויז? ער איז נישט אַהיימגעקומען. עמנואל? — האָט זי מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטי־קייט געפרעגט.

— וואָס פעלט דיר אין, שוועסטער? דו ברוגזט זיך אומזיסט. ער איז אַהיימגעקומען, — האָט רחל געצויגן די ווערטער.

— וואָס ציסטו מיר אויס די נשמה? רעד שוין גיכער וואָס האָט געטראָפן.

— צוויי גרויסע קאַרדינאַלן מיט אַ קאָטש האָבן אים אָוועקגעפירט.

— די אינקוויזיציע! — האָט מנוחה ווילד אויסגעשריען און גיך אַרויפ־געלייגט די האַנט אויפן מויל, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז מען טאָר דאָס וואָרט נישט אַרויסזאָגן, מנוחה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זי אויפ־געפּראַלט און זיך געלאָזט מיט אַלע כוחות צו דער גאַס. רחל איז איר נאָכגע־לאָפן אַנגעכאַפּט איר שוועסטער ביי דער האַנט.

—בארואיק זיך, מנוחה! איך גלויב אַז נישט די אינקוויזיציע. ער האָט געזאָגט, צו אַ חולה. רוים ווייס אַז ער איז אַ גרויסער רופא. די גרויסע לייט דאַרפן אים האָבן . . .

מנוחה האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט שווער אָפּגעדעכעט, געשטאַנען אַ ווייל מיט אויסגעגלאָצטע צעפּייניקטע אויגן און געקוקט אַריבער די פאַר־שטעלטע הויכע געטאָ מויערן, וואָס האָבן זיי פאַרשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט. נאָכדעם האָט זי זיך ווי אַ קליין קינד, געלאָזט פירן צוריק אין הויז אַריין. געפירט האָט זי רחל אין דעם צימער, וואו מרדכי איז געווען. ער איז געשטאַנען לעבן לאַנגן טיש מיט ספרים און טרויעריק אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. זיין פּנים איז געווען בלאַס, ער איז געשטאַנען ווי אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער, ווי אַ מענטש וואָס ווייס שוין פון פריער, אַז ער קען גאָר נישט העלפן, און דערפאַר שעמט ער זיך אויפצוהויבן די אויגן. איר בידעריקע מאַמע דבורה האָט זיך געקניפּט אין די באַקן און גערעדט צום חתן:

— מרדכי! מרדכי! קינד מיינס, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? אפשר ווייסטו? דו האָסט געלערנט אַזויפיל חכמות.

מרדכי האָט געשוויגן, און טיף פאַרשעמט פון זיין הילפלאָזיקייט, גע־ביסן ביז בלוט זיינע ליפּן.

פון ווייטלעכן שלאָפצימער האָט זיך געהערט דאָס קרעכצנדיקע שווער־

אָטעמדיקע קול פון דעם קראַנקן רב הלל.

— עמנואל, עמנואל, ביזט שוין געקומען?

— אַלע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום שלאָפצימער. פאַראויס האָט געאײַלט דער חתן מרדכי. איצט איז ער דער אײנציקער מאַן אין הויז און ער דאַרף באַרואיקן דעם אַלטן. דער אַלטער האָט זיך מיט פרישע כּוחות געהויבן פון געלעגער און מיט ציטערנדיקע פינגער, געטאַפּט ווי אַ בלינדער אויפן בעטגעוואַנט.

— אַ שאָד, וואָס עמנואל איז נישטאָ, אַ גרויסער שאָד, — האָט דער אַלטער באַדויערנדיק גערעדט.

— באַרואיקט אײַך, רב הלל. ער איז אַוועק צו אַ וויכטיקן חולה. ער וועט נישט קענען אַזוי גיך צוריקקומען. עס איז פּיקוח נפש. — האָט מרדכי זיך אײנגעבויגן און אַרײַנגערעדט צו דעם אַלטנס פאַרבונדענעם קאָפּ.

מנוחה האָט נישט געקענט קומען צו זיך. זי האָט חלשותדיק געוואָרפן דעם קאָפּ הינטער זיך. די אַלטע האָט געבראַכט אַ קישן און אַוועקגעלייגט איר טאָכטער אויף דער שלאָפבאַנק, וואָס בײַ דער וואַנט. רחל האָט געבראַכט חלשות טראָפּנס און צוגעטראָגען צו דער נאָז פון איר שוועסטער. מנוחה האָט טיף און שווער אָפּגעאָטעמט.

דער אַלטער רב הלל האָט אַזוי לאַנג געטאַפּט בלינדלעך מיט די הענט, ביז ער האָט דערגרייכט מרדכיס הענט.

— דאָס ביסטו, מרדכי, מײַן תּלמיד, מײַן זון? איך פיל ווי מײַנע כּוחות גייען מיר אויס, מײַנע שעהן זײַנען געציילטע . . .

— רעדט נישט אַזוי, רב הלל, איר וועט געזונט ווערן. — האָט מרדכי שטיל גערעדט, און גרויסע טרערן האָבן אַרונטערגערונען פון זײַנע אויגן. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָ געווען אַ שטילע פרידלעכע היים; אַן אײַנגעפונדעוועט הויז פון אַזוי פיל יאָרהונדערטער, אפשר נאָך פון טיטוסעס צײַטן, ווען ער האָט געפאַנגענע ייִדן פאַרשלעפּט קיין רוים. איצט גייט דאָס הויז אונטער, און מיט רב הללן גייען אַוועק די בעסערע יאָרן פון רוים, ווען ער, מרדכי און זײַן פאָטער משה חלפן ,די וואַגלענדיקע ייִדן פון פאַרטוגאַל, שפּאַניע האָבן דאָ געפונען אַ ברידערלעכע האַנט. איצט בלײַבן זיי אײנזאַם. וואָס וועט ווערן פון די פרעמדע, אַז מען האָט געקענט אַזוי אַוועקהרגענען אַן אײַנגעזעסענעם ייִד?

— מרדכי, מײַן תּלמיד, מײַן קינד. איך האָב צו דיר אַ בקשה. איך וויל דיר איבערגעבן מײַנע לעצטע ווערטער פון דער צוואה. דו ביסט בײַ מיר אַזוי טײַער ווי עמנואל, — האָט דער אַלטער גערעדט.

בײַ דער טיר־ראָם האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די אַלטע דבורה, רחל און

יעדע ווײַלע זיך אומגעקערט צו איר שוועסטער, מנוחה, וועלכע איז באַרו־איקט געלעגן אויף דער שלאָפבאַנק.

— איך האָב אין הויז טײַערע ספרים, אַנטיקן. איך האָב זיי געוואָלט אַוועקשיקן קיין קרעמאָנע אין מילאַנער הערצאָגטום, וואו יונגעלײַט וואָלטן אין זיי געלערנט. איצט איז שוין שפּעט. קיינער ווייס ניט, צי אויך דאָרט וועט דעם המנס האַנט נישט גרייכן . . .

דער אַלטער האָט זיך אָפּגערוט, גענומען שטום באַוועגן מיטן מויל, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן דאָס לשון. נאָך אַ לענגערע ווײַלע האָט ער זיך ווידער מיט גרויס אָנשטרענגונג געשטאַרקט:

— געדענק, מרדכי, אַז די ספרים זיינען מיר פאַרלוירן. אַלע חכמות פון דער וועלט געפינען זיך אין אונזערע ספרים. די וואָס וועלן בלייבן לעבן זאָלן האָבן אַן אַנהאַלטעניש, נישט בלייבן פאַרגרעבט.

מרדכי האָט זיך אײַנגעבויגן און געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע, דער אַלטער זאָל דערהערן דורך זײַנע פאַרטויבטע אויערן:

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט באַגערן!

— נעם, פּאַק צונויף אַלע ספרים, באַהאַלט זיי אין קעלער־הייל. דאָס זאָל בלייבן אַ סוד ביז ס׳וועלן קומען בעסערע צײַטן.

די אַלטע דבורה איז צוגאַנגען צו אים, אָנגענומען זײַן האַנט. די ליפּן האָבן ביי איר געציטערט. טרערן האָבן אַראָפּגערונען פון אירע טריבע, פאַר־רויטלטע אויגן. אַלץ האָט ער דערמאָנט, נאָר נישט זײַן קינד, די טאָכטער רחל. דער אַלטער האָט דערפילט איר האַנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר.

— באַלד נאָך מײַן פּטירה שטעלט אַ חופּה און זע דבורה, גיב זיי אויס־שטייער דאָס גאַנצע צירונג. שיק זיי אַוועק קיין פעראַראַ, וואו דער גוטער דיוק דע עסטע הערשט און די מאַראַנען האָבן אַ היים . . .

דער אַלטער האָט אַרויסגעצויגן זײַן האַנט פון דבורהס האַנט. ער האָט זײַנס געהאַט אָפּגעטאָן. ער האָט זיך מאַכטלאָז איבערגעגעבן די פאַרצערנדיקע קראַנקהייט. ער האָט גענומען אָטעמען שווער און געזונקען אין אַ טיפער פאַר־געסנקייט. די אַלטע דבורה האָט דערפילט, אַז איר מאַן גייט אַוועק פון דער וועלט. זי האָט אים מער נישט איבערגעלאָזט אַליין. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן ביישטידל פון דער טיר צי עס הענגט די מזוזה. זי איז געווען זיכער, אַז די שטוב ווערט פול מיט מלאכים, גוטע און שלעכטע מלאכים, וואָס ראַנגלען זיך איבער איר מאַנס נשמה. זי האָט אַוועקגערופן מרדכין אַן אַ זייט און מיט אַ פחדימדיקע ציטערניש זיך געבעטן.

— גיי נישט איצט אין קעלער איינער אַליין, שדים קענען דיך באַפאַלן!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, געשנייצט אין פאַרטעך אַריין פון דער נאָז די רינענדיקע טרערן.

— ווען אַ מענטש שלאָפט, גייט זיין נשמה אַוועק, און ביידע זיינען אין גרויס געפאַר. דער גוף איז ווי אַ הויז. די נשמה — דער שכן. ווען דער שכן גייט אַוועק איז נישטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויפן גוף. דערפאַר זיינען מענטשן קראַנקער ביינאַכט, און די געפאַר איז גרויס . . .

מרדכי האָט זיך האַסטיק אַוועקגעלאָזט צום גרויסן אויפנעם־חדר און גענומען צונויפפאַקן די ספרים. אויב מען האָט געקענט אַרויסנעמען אינמיטן נאַכט דעם רופא עמנואל, וועלן זיי זיך מאָרגן אַ לאָז טאָן צו דעם הויז און אַלץ חרוב מאַכן, און אויב זיי וועלן געפינען די ספרים, וועלן זיי אַלץ אַרויספליגן אויף דעם אַלטן, וואָס ווערט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן. קיין צייט צו וואַרטן איז מער נישטאָ!

די אַלטע דבורה האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר מאַנס שטענדער, וואו ער פלעגט תפילה טאָן, און גענומען שטיל בעטן:

— גוטער מלאך, בעשיצער פון מיין מאַנס שטערן אין הימל, לויף צום בית דין של מעלה, שטעל זיך בעטן פאַר דעם כסא הכבוד . . .

רחל איז שוין ווידער געזעסן לעבן איר שוועסטער און אַריינגעקוקט אין דעם גרויסן אויפנעם־צימער, וואו מרדכי האָט אויסגעקליבן ספרים, זיי געלייגט אין שטויסן אויפן טיש. נאָכדעם האָט ער גענומען אַ ליכט, עס אָנגע־צונדן, גענומען אַ שווערן שטויס ספרים און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן פירהויז צום קעלער.

ביי רחלען האָט גענומען קלאַפן דאָס האַרץ. איצט איז ער אַליין. איצט וועט זי קענען אים איבערגעבן דעם בריוו. פון גרויס האַרצקלאַפעניש האָט זי זיך נישט געקענט ריִרן פון אָרט. עס האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געשאַרט צום פירהויז.

די שווערע קעלער־טיר איז געווען אַביסעלע געעפנט די אינערלעכע פרענטן אויפגעריגלט. רחל האָט פאַמעלעך געעפענט די טיר. עס האָט איר אַ שלאָג געטאָן אַ טוכלעקייט ווי פון אַ קאַלטער, פינצטערער הייל. פון דער קע־לערדיקער טיפקייט האָט דאָ אַרויסגעשײַנט אַ פאַרחלשטער צאַנקעדיקער ליכט שאָטן. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער קאַלטער שטיינערנער וואַנט און געקראָכן אַלץ נידעריקער מיט די צעגריבלטע טרעפּ.

די געוועלבטע שטיינערנע סקליעפּינעס זיינען געלעגן נידעריק איבער איר קאָפּ. די רונדיקע טויערדיקע עפענונגען פון דעם פאַרצייטישן אַלט־רוי־מישן הויז, וואו די מענטשן פלעגן זיך אויסבעהאַלטן אין צייט פון די שטענ־דיקע מלחמות האָבן זיך געקירעוועט ווי די שמאָלע באַרג־אַראָפּיקע געסלעך,

דאָס ליכט איז געוואָרן דייטלעכער, באַלויכטן די אַלטע קרישלדיקע ווענט. איצט האָט זי שוין דייטלעך געקענט זען מרדכין. ער איז געשטאַנען אַן אַ כאַלאַט. דאָס ליכט איז געווען אַנגעטריפט אויף אַ שטיין, און מרדכי האָט זיך געווישט דעם שטערן, זיך געישובט וואו אַוועקצולייגן די ביכער.

לעבן רחלען איז דורכגעלאָפן אַ קעלערדיק באַשפּעניש. זי האָט זיך דערמאָנט אַן איר מוטערס מעשות און מיט גרויס שרעק זיך אַ לאָז געטאָן צו מרדכין און זיך באַהאַלטן לעבן אים. מרדכי האָט שעמעוודיק איר אַנגענומען ביי די הענט, אויך ער איז געווען דערשראָקן פון איר פּלוצימדיקן אַנקומען

— איז עפּעס געשען אויבן ? . . .

אירע הענט, איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון אַן אויפגעפּיבערטן תענוג. זי האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געשאָקלט גיך מיטן קאָפּ ניין, גאָרנישט איז ניט געשען. בייביידן האָבן איצט געקלאַפּט די הערצער. רחל האָט דערשפּירט די וואַרעמקייט פון מרדכיס לייב. אירע ברוסטן האָבן ציטערדיק געפלאַטערט. זי איז אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס. זי וועט אינגיכן חתונה האָבן מיט אים און אַוועק קיין פּאַראַ, וואו מרדכיס לעבן איז ניט אין געפאַר. ענדלעך קומט אַ סוף צו אירע בענקשאַפטן .זי האָט זיך איינ־
ניט אין געפאַר. ענדלעך קומט אַ סוף צו אירע בענקשאַפטן. זי האָט זיך איינ־
געדריקט מיט זיינע שטאַרקע ביינערדיקע דאַרע הענט. זיי האָבן געפילט ווי זיי וואָלטן צונויפגעגאָסן געוואָרן אין אַן אייביקער באַהעפטונג. ניין, קיינער וועט אים נישט צונעמען פון איר. זיי וועלן אַוועק וואו דעם פּויפּסט הענט וועלן נישט דערגרייכן . . .

מרדכי האָט איר אויסגעקושט די טרערן פון די אויגן, דאָס פּנים מיט אַ האַסטיקער התלהבות.

אַ חלשות שוואַכקייט האָבן אונטערגעבראָכן זייערע פיס. זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטיין.

— ביסט מיר געקומען העלפן רחל? דו האָסט דאָס נישט געדאַרפט טאָן, ווייל טאָמער פאַרנעמט מען אונדז, וועסטו נישט בכוח זיין ביישטיין דעם נסיון און די פייניקער וועלן ביי דיר אַרויסקריגן וואו עס ליגן די ספרים.

רחל האָט זיך פיעטשענדיק אָנגעברוגזט:

— איך וועל יאָ קענען ביישטיין דעם נסיון. זעסט, אָט האָט מיר עמנואל געטרויט דעם בריוו צו דיר.

רחל האָט אַרויסגעשלעפּט דעם בריוו פון קליידער־טאַש און אים געגעבן מרדכין. מרדכי איז שנעל מיט דעם בריוו צוגעלאָפן צום ליכט. דער בריוו איז געווען באַצייכנט צום חביב, דעם מאַראַנען־דאָקטאָר אַמאַטוס ליזיטאַנוס פון

אַנקאָנאַ, דער וואָס וואַכט איבער זיינע ברידער ווי דער געטרייער פאָטער, מרדכיס פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט אַ פריידיקן גליק. וואָס פאַר אַ וואונדער־לעך מיידל זיין כלה איז, וואָס זי האָט סודותדיק אים איבערגעגעבן אַזאַ שליחות. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן רחלען, און ער האָט גענומען באַטראַכטן די פּלענער, אויב ער וועט נישט קריגן קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוים, וועט ער שוין זען אונטערצוקויפן דעם טויער־וועכטער. קיינער אין געטאָ וועט זיך נישט כאַפּן, אַז ער פעלט. ער וועט קויפן ביי זיין שניידער מנחם שראַגע אַן אַלטן מאָנאַכישן כאַלאַט און זיך אַרויסלאָזן פון רוים, ווי אַ וואַנדערנדיקער פּילגרים. עס איז אים נאָך געבליבן גענוג פּסוקים און מאָנאַכישע הנהגות, וואָס מען האָט אים קינדווייז אויסגעלערנט אין די קלויסטערס פון ליסאַבאָן. ער דערפילט די וואַרעמקייט פון רחלס קערפּער, וואָס האָט אים ערשט אַנטפּלעקט אַ ניי גרויס גליק, און עס לויפט אים דורך אַ שרעק איבערן לייב, טאָמער וועט מען אים כאַפּן און זיי ביידע זיינען פאַרלוירן.

פון אויבן האָט זיך געהערט אַ טומל. ביידע האָבן אויפגעשפּיצט דער־שראָקן די אויערן. באַלד האָט זיך דערהערט די שווערע קורצאָטעמדיקע שטימע פון דער אַלטער דבורה.

— מרדכי, קום גיכער, מרדכי!

מרדכי האָט אָנגענומען רחלען ביי דער האַנט. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרצווייפלונג. רחל איז געקומען צו זיך, און באַרואיקנדיק געזאָגט:

— דו גיי פריהער, איך וועל נאָכקומען!

מרדכי איז אַרויף מיטן ליכט אין האַנט. רחל האָט שטיל נאָכגעשלייכט ביי דער וואַנט.

— וואָס איז געשען, מרת דבורה? — האָט מרדכי געלאָסן געפרעגט.

— אוי, מרדכי, מרדכי! לויף ברייננג עמעצן. ער האָט אויפגעהערט אָטעמען, דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען און דאָ בין איך אַליין. מנוחה ליגט ווי אין הינער־פּלעט. רחל איז נישטאָ. איך זוך אין אַלע שטובן —נישטאָ.

דבורה האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ דערשראָקענעם חשד. מרדכי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אירע בליקן און אַרונטערגעלאָזט די אויגן:

— עס איז אַ גרויסע סכנה צו זיין אַליין ביינאַכט. יעדעס ווינקל איז פול מיט שדים. מיר האָט זיך געדוכט ווי דו וואָלסט מיט עמעצן אין קעלער גערעדט.... קום שוין גיכער אַרויף. די שדית לילית האָט שוין נישט איין יונגענמאַן אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג . . .

מרדכי איז גלייך אַריינגעלאָפן צום אַלטן אין חדר. אויף דבורהס בעט

איז געזעסן מנוחה און מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים געקוקט צו דער וואַנט. מרדכי האָט זיך איינגעבויגן .דער אַלטער איז געלעגן שטיל. זיין האַלב־פאַר־בונדן פּנים רואיק און אויסגעלאָשן מיט אַ בלאַסער טויטער מראה ווי אַ באַ־רואיקטער נאָך אַ שווערער שלאַכט.

אין פאָדערהויז האָט די אַלטע דבורה תּרעומותדיק איינגעטענהט מיט רחלען.

— אונזערע חכמים זיינען געווען קלוג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ תּקנה, אַז אַ חתן טאָר זיך נישט געפינען אין הויז פון זיין כּלה, דערצו נאָך ביינאַכט.

— איך האָב זיך אָבער געבעטן ביי אים, מאַך חתונה די קינדער באַ־ציַיטנס, וואָלט דער שטן מקטרג נישט געהאַט אַזאַ שליטה איבער דעם הויז.

אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן מרדכיס פאָטער, רב משה חלפן. ער איז געשטאַנען אַ הויכער, מיט אַן ערנסט למדניש פּנים. ער האָט באַלד באַ־נומען וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז אַריין צו רב הלל, זיך איינגעבויגן, גענו־מען דאָס בעטגעוואַנט און איבערגעדעקט רב הללס פּנים.

די פרויען זיינען צוגעפאַלן צום בעט, זיך צעקלאָגט הויך און פריי אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס זיי האָט געטראָפן. משה חלפן האָט די פרויען אָוועקגעשיקט פון בעט און ער האָט שטיל געזאָגט:

— ברוך דיין אמת.

## צענטער קאַפּיטל

פאַרטאָג האָבן זיך די שטיל־דערשראָקענע געסלעך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף. דאָס געוויין, וואָס איז געקומען פון דעם ראש הקהלס הויז, האָט ווי אָנגעקלאַפּט אין אַלע שטובן, קאַמערן פון די ענג־צונויפגעדריקטע טוכלע הייזער, דערמאָנט די מענטשן וועגן זייער שווער, ביטער לעבן.

פון די פינצטערע פּאָדער־הייזער אויף דער פּיומאַראַ, אויף דער נידעריקער קאַטאַלאַנאַ האָבן זיך באַוויזן די פאַרחושכטע איינוואוינער. די קאַרטנוואַרפער, טרעפּער, חלומות־באַשיידער, מאַגיקער, אָרעמע שמאַטע־קלייבער, קונצענמאַכער, אַלטוואַרג־הענדלער, מענטשן מיט איינגעוואַקסענעם טרויער אויף זייערע פאַרריסטע באַליידיקטע פּנימער. די שמאַטע־קלייבער זיינען דאָס מאָל געווען אָן זעק, אָן קוישן, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט צי די טויערן פון געטאָ וועלן זיך פאַר זיי עפענען, זיי זאָלן קאָנען אויפזוכן זייער אָרעם שטיקל ברויט אין דער גרויסער שטאָט רוים. שוין עטלעכע טעג ווי דער פּויפּסט האָט באַפוילן צו פאַרשליסן די טויערן און עס זעט זיך גאַרנישט, אַז עמעצער זאָל זיך אָן זיי דערמאָנען.

די געסלעך זיינען נאָך געווען טונקל. איבער די טיפע פּעדערהייזער ווי קעלערדיקע פינצטערע לעכער, האָבן נאָך געברענט די פאַרקאָפּטשעטע אייזערנע לאָמטערנעס אויף די פאַרראָסטעטע שטאַנגען. די רויטע פלעמלעך פון די אויל־לעמפּלעך האָבן זיך ווי געלאָשן מיט אַ מאַטער בלאַסקייט פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג־ליכט, דאָס טאָג־ליכט האָט זיך געשפּרייט מיט ראָזעווע פרימאָרגן וואָלקנדלעך איבער די שמאָלע פאַסן הימל און אַריינגעליכטיקט אין יעדן ווינקל פון די סומנע געטאָ־געסלעך.

די ליידיג־גייערישע יידן האָבן זיך מיט גרויס זאָרג אָנגעקלאַפּט אויף דעם שול־פּלאַץ לעבן דעם טרערן־טויער, וואו יידן האָבן זיך געזאַמלט ביים הויז פון ראש־הקהל, רבי הלל.

אַנדערע איינגעשפּאַרטע פּאַרמעגלעכע ברוכוואַרג־הענדלער האָבן גע־עפּנט זייערע קעלערס, אַרויסגעשלעפּט אין גאַס זייערע אָנגעזאַמלטע אַנטיקן. אין די קעלערס האָבן זיך געטריקנט זומפּן מיט איינגעוואַקסענעם גרינעם שימל, וואָס זיינען געבליבן פון דער פאַרפלייצונג. די הענדלער האָבן ביטער געזיפצט, זיך אָנגענומען מיט נייעם כוח און אויפסניי גענומען צונויפשטעלן זייערע טייערע סחורות. זיי האָבן מיט ליבשאַפט און פאַכמענישקייט אָפּגערייניקט אַלט מעבל, אויסגעשניצטע שאַפעס, שווערע בעט־שטיקער, וואָס פּרינצן, קעניגן זיינען אויף זיי געשלאָפן. פון יעדן שטיק מעבל וואָלטן זיי געקאָנט דערציילן גאַנצע געשיכטעס די אָרעמעלייט פון רוים, וואָס קויפן דאָס מעבל ביי זיי. זיי האָבן אויסגעשפּרייט צו טריקענען רייך־אויסגעשטיקטע צעדריוולטע זיידשטיקער, קאָלירטן סאַמעט. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט גאַנצע בערג מיט שמאַטעס, אויסגעווייקט אין בלאָטע, דאָס טאָג־ליכט זאָל דאָס אַלץ אויסטריקענען. אַנדערע האָבן אַרויסגעשלעפּט שטיקער מאַרמאָרנע פיגורן פון ווייסן אַלאַבאַסטער און טיף־שוואַרצער; געטשקעס פון רוימישע געצנדינערישע צייטן. פאַרשיידענע קמיעות, שווערדן, פּיסטוילן, געגראַווירטע שטאָלענע פּליטעס. די הענדלער האָבן דאָס אַלץ סאָרטירט, צונויפגעשטעלט גאַנצע געשטאַלטן פון אַמאָליקע שלאַכט־קליידער, ברוסט־שילדן, אָרעם־פּליטעס, געקייטלטע לייבלעך, שטעכערס באַצייכנט מיט אָפּגעריבענע קרייצן, הערבן.

דאָס געוויין, וואָס האָט אַהער דערגרייכט פון דעם ראש־הקהל רבי הלל'ס הויז צו די נידעריקע געסלעך, האָט אָפּגעשוואַכט זייערע הענט. זיי האָבן זיך דערמאָנט אַז דער ראש הקהל פון זייער קהלה איז געשטאָרבן; דעם רופא עמנואל, זיין איידעם, האָט מען ערגעץ פאַרשלעפּט. מען ווייסט דערווייל נישט וואוהין. די טויערן זיינען פאַרמאַכט, קיינער וועט סיי ווי נישט קויפן זייער סחורה. די געטאָ־מויערן פאַרשטעלן די וועלט פאַר זיי. אַפילו ווען די טויערן זיינען געשטאַנען אָפן, האָבן זיך די קריסטן, זינט מען האָט אויפגעבויט די מויערן, דאָ אַהער ווייניק זיך געוויזן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר דעם פּויפּסטס שפּיאָנען, מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין פריינטלעכקייט צו יידן, בלויז געציילטע קריסטן האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אין געטאָ אַריין, אַמאָל אַ מאָלער, וואַטיקאַן־מענטשן, אַנטיקן־זוכער פון פּאַדואַ, פלאָרענץ, און מיינסטנס צום סוחר משה מינזי פון דער וויאַ רואַ גאַס. פון אַזאַ לעבן וועט קיין פּרנסה נישט זיין און קיין חובות צו צאָלן דעם עושר עזריאל טאָסקאַני אַוודאי נישט.

פון גרויס פאַרדרוס האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער פאַרמעגן אין גאַס, און זיך אַוועקגעלאָזט ווי אַלע אָרעמע יידן צום הויז פון רבי הלל — אפשר

װעלן זיי דאָרטן עפּעס געװאױר װערן, װאָס יידן טראַכטן צו טאָן.

דער עושר עזריאל טאָסקאַני איז געשטאַנען ביים פענצטער אויפן צווייטן גאָרן פון זיין הויז. דאָס לאַנגע פענצטער האָט פאַר אים געעפנט די געטאָ־געסלעך, װאָס זיינען װי אויסגעליידיקט געװאָרן. ער איז געװען זייער פאַרזאָרגט. זיינע חזקה־הייזער זיינען פון דער פאַרפלייצונג חרוב געװאָרן. ער זאָל פאַרקויפן זיין חזקה־רעכט, װעט ער קריגן זייער װיניציק בעלנים. און מיט װאָס װעט ער אַװעק פון רוים, אַז ער איז אומעטום פאַרשטעקט מיט זיין געלט. ער האָט פולע קופערטן מיט משכנות פאַר די חובות, װאָס קיינער דאַרף זיי נישט, ער זאָל װעלן מאַכן אַן אויספאַרקויף אויף דעם יידן־פּלאַץ, די "פּיאַצ־צא דזשודעא", װעט ער גאָרנישט קריגן פאַר זיי.

נישט װייט פון עזריאל טאָסקאַניס הויז איז אויף דער פאַרמעגלעכער װיאַ רואַ גאַס האָט זיך געעפנט די קעלער־קראָם פון דעם הענדלער משה מינ־זי. ער האָט אָבער נישט, װי די געװיינלעכע הענדלער, אַרויסגעשטעלט אין דרויסן זיין סחורה. ביי אים איז אַלץ געװען באַהאַלטן אין די טיפע לעכער, אַלקערן, קאַמערן פון זיין הויז. משה מינזי האָט זיך אַװעקגעשטעלט לעבן די צעגריבלטע טרעפּלעך פון זיין קעלער אַ ברייטלעכער, מיט אַ הויכער איינ־געבויגענער פּלייצע, װי אַ מענטש װאָס איז געבויגן געװאָרן פון שװערער פּראַצע, אַ טרעגערישע פּלייצע, װאָס האָט אויף זיין לעבן געטראָגן אַ סך משאות. זיין ברוינלעכע געדיכטע באָרד מיט די שװערע קו־פּערנע באַהאָרטע ברעמען האָבן אינגאַנצן באַדעקט זיין פּנים. בלויז די נאָז, אַ פליישיקע, מיט שװאַרצע פינטעלעך, האָט אַרויסגעשטעקט. די נאָז האָט גע־שמעקט די לופט אַרום. די נאָז איז געװען אומצופרידן. ער האָט יעדע װייַ־לע געקוקט אַרונטער צו די נידעריקע געסלעך, אָבער זיינע פלינקע אויגן זיינען צוריקגעלאָפן אַרויף צו עזריאל טאָסקאַניס הויז, װי זיי װאָלטן דאָרט עמעצן געזוכט.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך געשטעלט הינטער זיינע סאַמעטענע פאַר־האַנגען און זיך װי באַהאַלטן פון משה מינזיס אויגן, װאָס האָבן אים געזוכט. טאָסקאַני האָט שװער אָפּגעזיפצט, װאָס זיין ביטערער צושטאַנד איז אַזוי גע־װאָרן, אַז יענער פּילט שוין, אַז ער, עזריאל טאָסקאַני, װעט דאַרפן אָנקומען צו אים. װי לאַנג איז גאָר װי דער אשכנזישער ייד פון פראַנקפורט איז געװען אַ שמאַטע־הענדלער? איצט שטייט ער צװישן די נידעריקע געסלעך און אים, עזריאל פון די אַלטע טאָסקאַנישע פאַמיליעס, װאָס האָבן דור־דרות געהאַט פאַרמעגנס, געליען געלט, געהאַט צוטריט צו די רייכסטע שלעסער פון לאַנד. איצט שטייט משה מינזי פעסט ביי זיין קראָם, ער טראַכט נישט װעגן פאַרן אין ערגעץ. ער האָט כוח אַריבערצוטראָגן די שװערע צייט, ער איז צוגעװאױנט

צו די געטאָס פון פּרייסן. רוים איז געווען אַ פּרייע שטאָט פאַר אים. ער איז אַהער־געקומען מיט דעם וואַנדער־זעקל, געקליבן ברעקלעך פון דעם אָפּ־פאַל, געאַרבעט, גערייניקט. איצט איז ער רייך, אין זיינע בעהאַלטענע לעכער האָט ער טייערע שטיינער, געקליבענע אַנטיקן, קליידער־וואַרג פון אַלערליי צייטן, ער האַנדלט בסוד מיט נייע וואָל שטאָפן, זיידנוואַרג, וואָס אויבן־אויף זעט מען זיי נישט, ווייל דער פּויפּסט האָט די יידן פאַרבאָטן צו האַנד־לען מיט נייע זאַכן.

אָבער ער עזריאל טאָסקאַני ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער איז דער ערשטער פון דער טאָסקאַני פאַמיליע וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ געטאָ, און זייער פאַרמעגן, זייערע גיטער זיינען איבערנאַכט אָפּגעווישט געוואָרן דורך די פּויפּסטלעכע געזעצן, איצט דאַרף ער ראַטעווען דאָס לעצטע, ער זאָל אַליין נישט דאַרפן ווערן אַ שמאַטע הענדלער, אָדער גאָר אַן אָרעמאַן אַן אַ היים, אין אַזאַ ביטערער צייט.

אפשר וויל דער משה מינזי קויפן זיינע חזקה־הייזער און די משכנות? ער דאַרף אָבער נישט אַרויסווייזן, אַז ער וויל זיי פאַרקויפן, ווייל יענער דער משה מינזי קוקט שוין דאָ אַרויף מיט זיינע פלינקע אויגן, ווי ער וואָלט דער־פילט זיין קרבן. ער וואָלט אים בלויז געדאַרפט געבן אַנצוהערן אַז אויב ער וויל זיך אַרויסהויבן און קריגן חשיבות ביי די ספרדישע יידן, דאַרף ער קויפן די חזקות איבער די הייזער. עפּעס אַ קלייניגקייט אויפצומאָנען דירה־געלט און יעדעס יאָר אָוועקגיין צו די נאָבעלע האַרן, די טשענטשי פאַמיליע, די באָקאָפּי־דוליס און זיי באַצאָלן אַ קליינעם יערלעכן געהאַלט. דאָס חזקה־רעכט גייט־איבער אויף דור־דורות און עס איז ווי יעדע סחורה.

טאָסקאַני האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פענצטער. ער וועט טאַקע איצט גלייך אַרונטערגיין צו משה מינזי און כאַפּן אַ שמועס, אָנטאַפּן דעם דופק, צי ער וועט קאָנען אַמאָל אַרויסקריכן פון זיין אומגליק.

אין הויז איז געווען שטיל, גלייך ווי קיינער אַ חוץ אים וואָלט מער אין הויז נישט געבליבן. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שווערער אומעט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ איינזאַמקייט, אַנדערע מענטשן האָבן כאָטש אַ הויז-געזינד, אַ פרוי מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און ביי אים—נאָר מען ברוגזט זיך, גלייך ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין גאַנצן אומ־גליק. עס איז אים טשיקאַווע צו זען, וואָס טוט זי, זיין פרוי מרים. ער וואָלט אפשר געדאַרפט גאָר אַליין אַריינגיין צו איר און זיך נאָענט דורכשמועסן, ווייל אויך איר געלט איז פאַרשטעקט אין די הייזער, משכנות, קאָנטראַקטן.

די טיר פון זיין פרויס צימער איז געווען אַ ביסל געעפנט און ער האָט געקענט זען ווי זיין פרוי אין ווייסן נאַכט־העמד, מיט צעשויבערטע האָר, איז

געזעסן לעבן פענצטער. איר פּנים אויסגעבליכט ווי נאָך אַ שווערער קרענק. אירע אויסגעצויגענע הענט זיינע שלאָבערדיק אַרונטערגעהאַנגען אַריבער־דעם שטול־אָנלען. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות צו איר, זי איז ווי אַ קראַנק פייגעלע אין אַ שטייג. אַמאָל האָבן זיי געוואוינט אין די שענסטע גאַסען אין רוים איצט מוז זי אָפּפינצטערן אין געטאָ און צוזען ווי אַלץ גייט צום גרונט.

עס האָט אים אַ צי געטאָן צו איר. אפשר איז ער זיך גראָב מיט איר באַגאַנגען און האָט איר ווי געטאָן, און דערפאַר האָט זי אים נישט צוגעלאָזט צו זיך. ער וועט איצט טאָן אַלץ איר איבערצובעטן. ער פאַרשטייט אָבער נישט, פאַרוואָס עס קומט אויף איר אַלץ אָפּטער אַזעלכע משוגעתן און זי לאָזט אים נישט צוטרעטן צו זיך, פּונקט ווי מיידלוויז, ווען זי איז בלויז געווען זיין קוזינע. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהוסט, געקלימפּערט מיט זיין בינטל שליסלען, אָבער זי האָט זיך דאָרט פון פענצטער ווי אַ פאַרטויבטע נישט אויסגעדרייט. ער האָט גענומען שטיל ברומען אַ ניגונדל. נו מילא, אַז זי וויל פירן ברוגז, זאָל זי.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַוועקגיין פון איר טיר. משה מינזי וועט אים נישט אַנטלויפן. פריער מוז זיין הויז ווערן מיט לייטן גלייך. ער האָט גע־טראַכט, ער וועט אַריינגיין אין איר צימער, אַזוי ווי ער האָט דאָרטן שטיין דעם קופערט מיט די טייערע אַקטן, צירונג און משכנות, וועט ער איבערקוקן וואָס ער קאָן פאַרקויפן, ווייל די גויאישע משכנות קאָן ער דערווייל נישט פאַרקויפן, מחמת דער געזעץ הייסט וואַרטן גאַנצע אכצן חדשים איידער מ'קאָן אַ משכון פאַרקויפן.

עזריאל איז שטיל אַריין אין איר צימער. זיין פרוי האָט אַ ציטער גע־טאָן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן. די קליידער־שאַנק איז געשטאַנען אָפן מיט ביידע טירן. אירע טייערע קליידער, סאַמעט און זייד, זיינען געווען צע־וואָרפן, אַרויסגעשליידערט אויף דעם בעט, וואָס האָט ווי אַ הימל־דעק באַ־צויגן די פיר שווערע זיילן מיט די טרעפּלעך.

זיין פרוי מרים האָט זיך אַלץ נישט אויסגעדרייט. ער האָט גענומען האַסטיקער קלימפּערן מיט די שליסלען. ער איז צוגעגאַנגען צום קופערט, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט קופּערנע רייפן און מיט שווערע שלעסער. איצט ערשט זעט ער שוין קלאָר, אַז אירע משוגעתן זיינען אַלץ צוליב אים דעם רופא עמנואל סאַבאַטי. ער האָט איר אָנגעטאָן אַזאַ כישוף. נישט אומ־זיסט זאָגן די קריסטן, אַז ער היילט מיט כישוף. עס איז גאָר געווען אַ גרויס געפאַר מיט אים אײנגאַנצן צו האָבן צו טאָן, און ער, דער שוטה, האָט אים נאָך אַריינגעלאָזט אין זיין הויז. ער ווינטשט אים נישט, חלילה, ער זאָל אומקו־

מען פון גויאישע הענט. ער וויל נאָר, אַז גאָט זאָל אים שטראָפן וואָס ער האָט געמאַכט פון זיין היים. אויף דער פרוי דאַרף ער אינגאַנצן נישט טראָגן קיין כעס. זי איז אומשולדיק. ער וואָלט נאָר געדאַרפט קויפן אַ קמיע ביי דעם קבלה־ייד אברהם בן אליקום הכהן צו פאַרטרייבן פון איר דעם שלאַק, וואָס מאַכט איר קראַנק און פאַרוויסט זיין לעבן.

פון די אַלע מחשבותן איז עזריאל ווידער איבערגעפילט געוואָרן מיט אַ זיסער וואַרעמקייט צו זיין פרוי מרים, וואָס האָט אַזאַ איידעלע קראַנקע נשמה. ער, איר מאַן, דאַרף זען זי אויסהיילן. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, זיך צו איר צוגעבויגן און מיט אַ געבראָכן קול געזאָגט:

— וואָס ביסטו אַזוי פרי אַרויס פון בעט, מרים? דו ביסט אַזוי בלאַס. אפשר ביסטו קראַנק?

מרים האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ, אירע שוואַרצע ראַמען אַרום די אויגן זיינען געווען גרעסער ווי געוויינלעך, די נאָז און גאָמבע פאַר־שפּיצט, די אויגן אויסגעלאָשן.

— וואָס פאַלט דיר איין עזריאל? איך בין געזונט. איך קלייב זיך אַנטאָן צו גיין צו רב הלל'ס לויה — האָט זי געזאָגט שטיל גלייכגילטיק.

— אַזוי פרי, מרים? וואָס ווילסטו זיך אַרומוואַלגערן צווישן ערב־רב, וואָס קלייבט זיך פאַר רב הלל'ס הויז? זיין הויז איז איצט אָפן ווי אַ פּאַליש. — האָט זיך עזריאל שוין מיט מער דרייסטקייט אַרונטערגעבויגן, אָנגע־טאַפּט מיט זיין האַנט איר שטערן, פּנים, מיט גיכע פינגער גענומען לויפן צי־טערדיק איבער איר לייב.

— קום, מרים! עס וועט זיין פיל געזינטער, דו זאָלסט נישט גיין צו דער לויה. מען דאַרף זיין אַ גבור צו זען, וואָס עס האָט געטראָפן יענעם הויז . . .

עזריאל טאָסקאַני איז געוואָרן זייער באַרעדעוודיק. ער האָט זי אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס, ווי מען נעמט אַ קינד, און זי אויפגעהויבן פון שטול. מרים האָט זיך שווער און שלאַבערדיק פאַרוואָרפן אויף זיין אַקסל און זיך געלאָזט צוטראָגן צום בעט.

— ביסט קראַנק, מיין קינד, זאָלסט זיך ניט רירן פון בעט!

עזריאל האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט און צוגעדעקט מיטן בעט־געוואַנט.

— איך וואָלט גערופן אַ רופא. אפשר נישט אַזאַ ווי דער רופא סאַבאַטי... וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז ער האָט זיך פאַרדרייט מיט טונקעלע גע־שעפטן . . .

מרים האָט צוגעמאַכט די אויגן און קראַנק, מיד פאַרוואָרפן אַן אַ זייט

דעם קאָפּ. עס האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער זיפץ. דער־נאָך האָבן פון אירע פאַרמאַכטע אויגן געגומען רינען טרערן. עזריאל האָט צו־געקלייגט זיין באַבערדיקט פנים און מיט די ליפּן אָפּגעווישט אירע טרערן.

— אַז מען וויינט, איז אַ סימן, אַז עס ווערט בעסער. ערגער איז, אַז מען וויינט נישט.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך זיגעריש אויפגעשטעלט. ער האָט זיך גע־פילט זייער געהויבן. ער איז געווען זיכער, אַז איר משוגעת איז אַוועק.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער, געכאַפּט אַ לעצטן בליק אויף דעם קליינעם באַחנטן, בלאַסן פנים, וואָס איז געלעגן אונטער אַ שויבער מיט טונקעלע האָניק־קאָלירטע האָר.

ער איז אַוועק צו דער פאַרמאַכטער קיך־טיר, צו דער איינציק־געבליבע־נער הויז־פרוי, און ווידער אַמאָל באַפעלעריש געזאָגט:

— וואָס שלאָפט מען אַזוי שפּעט? גייט, זייט מוחל, אַריין צו דער באַ־לעבאָסטע.

און אַליין האָט ער זיך מיט גיכע טריט אַוועקגעלאָזט מיט די טרעפּ צו דער פראָנט־טיר פון הויז. ווי ער זעט וועט ער שוין מיט זיין פרוי גאָרנישט קאָנען זיך דורכשמועסן וועגן זיין לאַגע, ער וועט עס שוין מוזן באַזאָרגן אַליין ווי אַלעמאָל.

ביי דער הינטערשטער אַריינגאַנג־טיר האָבן זיך געהערט טריט. עזריאל האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווער קאָן דאָס אַזוי פרי קומען צו אים? באַלד האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ. עזריאל האָט אויפגעעפנט אַ קליין טירעלע מיט אַ פאַרגראַטעוועטן פענצטערל. אין דרויסן איז געשטאַנען דער פישער יונתן מיט זיין צווייטער טאָכטער — די וואָס איז געווען אַ כלה צו משה מינזיס, דעם פאַרמעגלעכן שמאַטע־הענדלערס זון. ביי עזריאלן האָט פון גרויס שרעק האַסטיק גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די מוסרים און די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק פון זיין הויז אַרויסגעפירט דעם פישער יונתנס טאָכטער אין קאַטאַכיסטן־הויז אַריין צום שמד. און אים, עזריאל טאָסקאַניג, געוואָרנט צו באַשטראָפן פאַר אויסבאַ־האַלטן אין זיין הויז אַ קריסטלעכע נשמה. איז וואָס־זשע וויל ער נאָך פון אים דער פישער? יעדע פאַרבינדונג מיט אים איז דאָך אַ גרויס געפאַר. נאָר אַזוי ווי ער איז געקומען מיט דער הינטער־טיר, איז אפשר האָט אים קיינער נית באַמערקט: וועט ער הערן, וואָס דער פישער האָט צו זאָגן.

עזריאל האָט אויפגעריגלט די טיר. יונתן איז געבליבן שטיין הכנעהדיק אויף דער שוועל.

— איר וועט מיר פאַרגעבן, וואָס איך בין אייך מטריח אַזוי פרי.

— קומט אַריין, זייט מוחל, און זאָגט, וואָס איר ווילט! — האָט עזריאל גערעדט זייער גיך, ווי פּטור צו ווערן פון אים. דעם פישערס טאָכטער, אַ שלאַנק מיידל מיט אַ לענגליכן אַליוו־פּנים, מיט אַ שאַרפן שרונט פאַרקעמט אינמיטן פון איר קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר, האָט געפּאָכעט מיט די וויעס פון אירע מאָדנע גליענדיקע אויגן.

— אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן, אַ גרויס אומגליק!

—וואָס זשע קאָן איך אייך העלפן? איך האָב מיר מיינע אייגענע צרות, אַזאַ ייד ווי איר האָט געמעגט אָפּהיטן אַ קינד . . .

— יאָ, עס קומט מיר מלקות דערפאַר, ס׳גיהנום... אָבער געטנוג שטראָפט מיך גאָט, ווי ער האָט געשטראָפט איובן, דאַרפן מיך נאָך מענטשן אויך מבייש זיין. — האָט יונתן ווי אויסגעוויינט זיינע ווערטער.

— ווער איז אייך מבייש, ווער? און אַז מען זאָגט אייך אַ וואָרט? — האָט עזריאל אַ צערייצטער זיך געבייזערט, וואָס ער יונתן קומט מיט זיין אומגליק נאָר צו אים.

— אַ וואָרט איז גאָרנישט. גאָט זאָל אים נאָר נישט שטראָפן, דעם מיסט־קלייבער משה מינזי, מיין מחותן. ער האָט דאָך איר צוריקגעשיקט זיין זונס תנאים און מבייש געווען מיך, מיין קינד, דווקא איצט . . .

עזריאל טאָסקאַני איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין ווי געפּלעפט. ערשט איצט האָט ער זיך ריכטיק איינגעקוקט אין דעם שעמעוודיקן שלאַנקן מיידל. איר שיין־געפורעמטער קערפּער מיט די איינגעצויגענע היפטען איז געווען מיט יונג־מיידלשן חן. אַ הויכער, שטאָלצער האַלדז מיט אַ דראָבנע קעפּל. אירע פאַרשפּיצטע אומרואיקע אויגן זיינען אַרומגעלאָפן מיט אַן אומהיימלעכער גליאיקייט. זי האָט זיך נישט גערן צוגעהערט צום געשפּרעך וועגן איר.

— וואָס זשע קאָן איך טאָן? די אשכנזישע אידן זיינען זייער פרום. זיי נעמען נישט קיין קרובים פון געשמדטע אין זייער משפחה אַריין, — האָט עזריאל פאַרצווייפלט צענומען די הענט.

— פרומע... וואו עס איז דאָ אַ גנבהש שטיקל סחורה אין רוים, ברענגט מען דאָס צו אים.

עזריאל האָט זיך נישט געוואָלט צו הערן צום פישערס רייד און אָפּ־געקערט זיך פון אים.

— איר קאָנט מיר העלפן. זי וועט זיך נישט שמדן קיינמאָל נישט. דאָס קינד וועט דאָרט אומקומען אין זייערע הענט.

עזריאל האָט אָוועקגעשפּרייזט מיט האַסטיקע טריט:

— איך מיש זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן. זייט וויסן, ייד, די קהלה האָט פאַרבאָטן זיך צו מישן אין אַזעלכע זאַכן . . .

יונתן האָט געשמייכלט מיט אַ צערפולן שמייכל, וואָס האָט אויסגעקרימט זיינע ליפּן.

— איך וויל בלויז, איר זאָלט אַריינגעמען דאָס כלה־מיידל אויף יענערס אָרט. איך גיב זי אייך פאַר אַ משכון איר זאָלט מיר לייען געלט צו העלפן ראַטעווען מיין קינד, וואָס די מאַנאַכן האָבן פאַרכאַפּט.

עזריאל האָט שוין איצט לייכט געקאָנט שמייכלען. גיי דערצייל אים, אַז ער וויל אַנטלויפן פון געטאָ ווי פון אַ פייער... וועט ער נאָך לייען געלט פאַר זינלאָזע זאַכן, און נאָך נעמען לעבעדיקע משכנות, וואָס איז ער אַ שקלאַפן־הענדלער? ער וועט דעם משכון פאַרקויפן?

יונתן איז צו אים צוגעלאָפן ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז עזריאל טאַסקאַני וועט אים העלפן.

— איך וועל טאָן אַלץ. איך וועל גיין שבת פאַר אייך אין סענט אַנדזשעלאָ קירך צו די דרשות. איך וועל זיך פאַרדינגען ביי דער קהלה צו לויפן אויף דער קאַרסע אויף די קאַרניוואַלן געיעגן און אייך אָפּצאָלן.

עזריאל איז צו אים צוגעגאַנגען נאָענט, ווי ער וואָלט אים איינגערוימט אַ סוד.

— איך בין אַליין אַן אָרעמאַן, איך קאָן זיך באַגיין אָן דינסטן, איר הערט....

יונתן האָט אַ קרעכץ געטאָן און פאַרלוירן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט.

פון אויבן פון וויטלעכן שלאָף־חדר האָבן זיך געהערט טריט. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט. פון די טרעפּ האָט אַראָפּגענידערט מרים. טאַסקאַני האָט גלייך באַמערקט איר באַלעבט פּנים.

— דאָס האָט איר געבראַכט אייער טאָכטער, ביז אייער מיידל וועט זיין צוריק ביי אונדז. זייער שיין פון אייך. קום אַהער, קינד, פיל זיך היימיש.

איצט האָט זיך עזריאל מער נישט געוואָלט מישן, כדי נישט אויפצורייצן זיין קראַנקע פרוי. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם שיינעם שוואַרצן כאַלאַט איבער זיין איינגעצויגענעם סורדוט און זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס.

אַ פרימאַרגנדיקע שטילקייט איז געלעגן איבער דער פאַרמעגלעכער וויאַ רואַ גאַס. דאָ און דאָרט האָבן מיידלעך מיט רויטע ריימלעך אַרום די טריבע אויגן געאיילט צו דער אַרבעט, צו די קעלערדיקע וואַרשטאַטלעך: די שמאָלע קאַטאַלאַנאַ, דעלאַ טאַררא גאַסן האָבן דאָ אַרויסגעשיקט זייערע קינדער צו די וועבשטולן שפּינדלערייען, וואָס האָבן יונגערהייט טריב געמאַכט זייערע אויגן. אין די שניידער־וואַרשטאַטלעך ביי מנחם שראַגע, ישראל גאַנזאַגאַ זיינען די טירן געשטאַנען אָפן. אין דער טיפער טונקעלקייט פון די אויל־לעמפּ־

לעך. דאָס פּוצן, רייניקן אַלטע קליידער, איבערניצעווען, פּאַרציען גוואַלד־ריסן, מען זאָל מיטן אויג נישט דערקענען, האָט זיך ווי יעדן וואָכנטאָג ווידער אָנ־געהויבן. פון דער ווייטלעכער דעלאָ פּאַרנאָ גאָס האָט זיך אַהער געטראָגן אַ גערוך פון פרימאָרגנדיק געבאַקן ברויט, געצופּט עזריאלן אין דער נאָז.

דאָס וואָכעדיקע לעבן איז ווייטער אָנגעגאַנגען, כאָטש די טויערן זיינען געשטאַנען פאַרמאַכט. דערווייל איז נאָך געבליבן אַ ביסל מעל, באַקט מען ברויט. בלויז די וויאַ רואַ, אין די קליינע פּיאַצצאָס, וואו עס וואוינען די גבי־רים, קאָן מען זיך פאַרגינען צו קויפן אַ שטיקל ברויט. און ווי לאַנג וועט עס אַזוי אָנהאַלטן? איינער וועט אויפעסן דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט . . .

די דורכלויפנדיקע פרויען האָבן אים מאָדנע נאָכגעקוקט. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ קאַלטע שנאה. עס איז געוואָרן אומהיימלעך צו גיין אויף דער גאַס. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַרונטערגעקוקט צו דער שמאָלער פּיומאַראַ, פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ פינצטערער אומעט. די אָפּגעשיילטע פנימלאָזע הייזער מיט די שמאָלע פענצטערלעך האָבן אָבער געלעבט. ווייבער האָבן אַרויסגעהאַנגען וועש, זיך איבערגערעדט מיט די קעגנאיבערדיקע שכנות. טייל האָבן געשאָלטן מיט וויסטע קללות זייערע קינדער, וואָס האָבן געשלעפּט זייערע יאַקעס, געוואָלט עסן.

עזריאל טאַסקאַני איז שווער געווען לאַנג צו קוקן אויף די נידעריקע גאַסן. אויב ער וועט זיך נישט זען צו ראַטעווען, וועט ער אַרונטערפאַלן צו אַ וויסטער אָרעמקייט... ער האָט זיך גיך גענומען איילן צו דעם אַלטוואַרג־הענדלער משה מינזי.

דער אשכנזישער ייד משה מינזי איז געשטאַנען טיף אין זיין קעלער קראָם און צונויפגעלייגט זיין טלית. ער האָט נאָך געטראָגן זיין קאַפּל, אויף דעם צושויבערטן קאָפּ האָר. זיין ברייטע טאַליע איז געווען שטייף אַרומגע־גאַרטלט מיט אַ שוואַרצער זיידענער גאַרטל. ווי נאָר ער האָט דערזען עזריאלן, איז ער אים אַנקעגנגעלאָפן.

— קומט אַריין, ברוך הבא! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט מיר אָנטאָן אַזאַ כבוד און אַריינקומען צו מיר . . .

דער קעלער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט סחורה. אַלטע מיליטערישע אוניפאָרמען פון פאַרשיידענע סאָרטן, סאָלדאַטישע בגדים פאַר דייטשישע לאַנד־קנעכט, וואָס האָבן געדינט דער פויפּסטס מלוכה; קליידער פון פאַרשידענע פּרינצלעכע הייזער פון רוים און פון ווייטלעכע שלעסער. אויך אַלערליי פרויען קליידער, געפאַלדעוועטע פון קאָלירטן סאַמעט און זייד־שטאָפן; מענערישע וועסט־זשאַקעטן, גאָרסן, געפּראַנזעוועטע טוניקעס און קני־הויזן. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען באַפּוצונגען מיט אויסגעשטיקטע פיגורן פון

תנ״ך און פון נייעם טעסטאַמענט.

דער בערדיקער אַלטוואַרג־הענדלער משה מינזי האָט נישט געפונען קיין אָרט פאַר אים. ער האָט געזוכט אַ בענקל פאַר דעם חשובן גאַסט און פון גרויס צעטומלעניש גאַרנישט געזען אַרום זיך. ער האָט אַריינגעשריען אין דער געדיכטעניש פון קעלער:

— גימפּלין! גיב אַ גאַסט אַ בענקל, גימפּלין!

פון הינטער אַ באַרג מיט אַלטוואַרג איז פאַמעלעך און שליאַ־בעריק אַרויסגעקומען אַן אויסגעמאַגערטער יונג מיט אַ געהויקערטער פּלייצע, אַנגעטאָן אין אַן אויסגעריבענעם טוניק. ער האָט מיט די אַרבל גע־ווישט זיינע פאַרוויינטע אויגן. ער האָט מיט אַן אָפּגעקערט פּנים צוגעטראָגן אַ בענקל און עס געשטעלט לעבן דעם גאַסט. משה מינזי האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט זיין זון און ער האָט מיט אַ פאָטערלעכער שטרענגקייט געזאָגט:

— שטיי דאָ און באַווייז מיר נישט דעם קאָפּ. פון וואָס היינטיקע צייטן אַ יונג וויינט? איך האָב אָפּגעשיקט די תנאים, וויינט ער.

דער יונג איז ווי אַ אָפּגעבריטער פון גרויס בושה אָוועקגעלאָפן, זיך געשטעלט הינטער דעם באַרג מיט שמאַטעס און נייגעריק יעדע ווײַלע אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ.

— איר מוזט שוין זיין זייער רייך, אַז איר פאַרגינט זיך אַזאַ זאַך צו טאָן אָפּצושיקן אַ ספרדישן ייד די תנאים, — האָט עזריאל טאַסקאַני אַ גלייכגילטיקער געזאָגט.

—אַזוי, איר ווייסט שוין דערפון? וועל איך זאָגן, אַז ס׳האַרץ טוט מיר וויי. נאָר ווי זאָגט זיך דאָרט אין ספר קטן: ״פאַרמייד דיין פוס פון זייער שטעגן״ ער מיינט די רשעים, וואָס האָבן זיך ווי פּי אַריינגעלאָזט אין עולם־הזה, וואָס דאָס איז נאָר אַ חיי־שעה, וואָרים היינט ביסטו דאָ און מאָרגן אין גרוב.

עזריאל טאַסקאַני האָט אומרואיק געקלאַפּט מיט די פינגער אויף דער צאָל־באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים. עס האָט אים געהויבן פון בענקל. ער וואָלט שוין בעסער פאַרקויפט אַלץ אויף אַ ליציטאַציע אויף דעם יידן־פּלאַץ, די ״פּיאַצאַ דזשודעאַ״, איידער דאָ זיצן און אויסהערן דעם יידנס הויז־סכסו־כים. נאָר אויף אַן אויספאַרקויף קאָן ער אָפּשניידן גאָר שלעכט, ווייל סחורה איז דאָ אַ סך און קונים ווייניק.

— איך טענה צו מיין זון, ער זאָל זיך באַדענקען, וואָרום דו ביסט שטויב, און שטויב וועסטו צוריק ווערן אין אייטל נאַרישקייט, נייערט אַלע דיינע מחשבות זאָלן געווענדט זיין נאָכצוגיין דעם שכל.

עזריאל טאַסקאַני, האָט נישט געקאָנט הערן אַזעלכע טרויעריקע רייד.

עס האָט אים דערמאָנט דעם שווערן יום כיפּורדיקן טאָג און ער האָט דער־פאַר מיט אַ באַטריבט האַרץ געזאָגט:

— איר זענט גוט מדריך אייערע קינדער.

— איך בין אַ הייסער טאַטע. מיסט האָב איך געקליבן גאַנצע נעכט מיט אַ לאָמטערנע אין אַלע גריבער, חורבות, פאַר זייערטוועגן.

— און איצט קאָנט איר שוין קויפן חזקה־הייזער ווי די הונדערט רוי־מישע גבירים פון געטאָ.

דער אַלטוואַרג הענדלער משה מינזי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך משער געווען צוליב וואָס טאָסקאַני איז געקומען. ער האָט צו־נויפגעזשמורעט זײַנע גערדיכטע באַבהעמטע אויגן.

— אַלץ איז גוט, הייזער — אַזאַ יאָר אויף מיר, און מיט מיין אַלטוואַרג האָב איך זיך אויך נישט צו שעמען. די אָרעמע טרעסטעווער, רוים וועט דאָס אַמאָל פאַרצוקערן. דער פּויפּסט אַליין וועט נאָך אויפקויפן די באַנייטע מלבו־שים. ער גרייט זיך צו פירן מלחמות, און געלט האָט ער אַ פייג . . .

די האָפּערדיקייט פון דעם ייד האָט אים נאָך מער טרויעריק געמאַכט. אָט דאָס איז עס דאָך. דער פּויפּסט דאַרף געלט און וועט דאָס דורך פאַרשיי־דענע וועגן אַרויסציען פון די פאַרמעגלעכע יידן אין געטאָ. די אָרעמעלייט וועלן גיך אויסשטאַרבן און די פאַרמעגלעכע וועלן אַרונטערפאַלן אין דער פּיומאַרא גאַס אַריין.

— גלויבט מיר. איך אויף אייער אָרט וואָלט איצט ניט פאַרקויפט די חזקה־הייזער און ניט געוואָלט אַוועק פון רוים. רוים קאָן נישט לעבן אָן דעם ייד. הן אין לייען געלט, הן אין צוגרייטן מלבושים זײַנען מיר גרויסע מייסטער . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך שווער אונטערגעהויבן פון בענקל. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט אַזוי שנעל דערשפּירט וואָס אים טוט ווײ. איז ער געקומען נאָך טרייסט־ווערטער? ער האָט איינגע־האַלטן דעם כעס. ער האָט שטיל געזאָגט:

— מיר דאַרפן זיך גרייטן צו רב הלל'ס לוויה.

—יאָ, דער ייד איז געווען אַ קדוש... אָבער ס'פאָלק איז זינדיק. צוליב אונזערע זינד האָט מען אויפגעבויט מויערן. דער פּויפּסט איז בלויז אַ שליח פון שטן... עס וועט אָבער לאַנג ניט דויערן. כרחם אב על בנים, אַזוי וועט דער אויבערשטער אונדז נישט פאַרגעסן.

דער ייד מיט די מוסרדיקע און האָפּערדיקע רייד האָט טאָסקאַנין צו־געפּענטעט צום בענקל. עפּעס אַ מאָדנער פאַר אים פרעמדער כח איז געקו־מען פון דעם ברייטן איינגעהויקערטן ייד. אַז די שטאָט איז זינדיק, האָט ער

אַליין אויך געזעץ. סיי זיין פּרוי מרים, וואָס איז באַגוועלטיקט פון אַ כישופדי־קער קראַפט צום רופא עמנואל סאַבאַטי, פאַרגעסט אפילו איר אייגענעם מאַן; סיי זיין דינסט, דעם פישערס טאָכטער, וואָס איז מעוברת פון איר חתן, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן בעת דער פאַרפלייצונג. דאָס האָט טאַקע גע־פירט צום גאַנצן אומגליק. זי איז איצט אין קאַטאַכיסטן-הויז צום שמד און דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט אָפּגעשיקט די תנאים צו דעם פישערס צוויי־טער טאָכטער.

— חוץ דעם וועלן דעם פּויפּסט לייט גאַרנישט אַרויסלאָזן אַזאַ ייד פון רוים. דעררייבער, פאָלגט מיך, קריגט אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין אַנ־קאָנאַ, ברענגט דיוואַנען, טעפּיכער, זייד־שטאָפן פון די הייזער, וואָס די מזרח־יידן האָבן דאָרט. גאַנץ רוים וועט לויפן צו אייך.

עזריאל טאַסקאַני האָט שוין נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין פאַרלוירנקייט פאַר דעם אַלטוואַרג־הענדלער און ווי גענומען זיך בייזערן.

— וואָס ווילט איר, איך זאָל ווערן אַ פערד פאַר דעם פּויפּסטס קאַסע, און זיך איינרייסן מיט די רוימישע גילדעס? דערצו וועלן זיי איינגאַנצן נישט דערלויבן אַ ייד צו מסחרן מיט נייע שטאָפן.

דער ברייטער אַלטוואַרג הענדלער האָט אים שפּאָטיש נאָכגעקוקט. ער איז אָבער באַלד געוואָרן ערנסט. ער אַליין האָט געוואָלט האַנדלען מיט אַנ־קאָנאַ, און מקנא געווען עזריאל טאַסקאַני וואָס איז אַ ספרדישער ייד, און ער האָט אַ צוטריט צו די מזרח־יידן, וואָס האָבן הייזער מיט סחורה דאָרט. דערצו אַזאַ נאָמען, די פאַמיליע טאַסקאַני.

—איך בין גרייט מיט אייך מאַכן שותפות. וואָס איז שייך נייע שטאָפן, גיט מען זיך אַן עצה; מען מאַכט פלעקן, מען צערייסט אַ ביסל, כדי אין אַ נויט פאַל צו ווייזן אַז מען האַנדלט מיט אַלטוואַרג. איך מיט די יונגען וועלן דאָס מאַכן ניי, אַז קיין בן־אדם וועט נישט דערקענען . . .

עזריאל טאַסקאַני איז פון דעם אַלטוואַרג־הענדלערס רייד געוואָרן איינ־גאַנצן צעטומלט. ער האָט געפילט ווי אַ פּעטליע לייגט זיך אויף זיין האַלדז. דער ייד משה מינזי וויל אים אַרונטערשלעפּן אין זיין שמאַטע-קעלער. אים, טאַסקאַני פון דער גרויסער משפּחה געלט־לייער, טוישער פון פרעמדלענדי־שע מטבעות, מבינים אויף גאָלד און איידלשטיינער, וואָס האָבן געשמט איבער רוים און אויסער דער פּויפּסטלעכער מלוכה, כדי נישט אַרויסצואווייזן זיין געפּאַלענקייט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט מיט אַמאָל אַ צאַפּל געטאָן און זיך שטיף גענומען צוהאַלטן ביים טיש־קאַסטן. ער האָט געזען ווי זיין פרוי מרים איז אַרויסגעקומען פון זייער הויז, זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג קלייד פון שוואַרצן קרעפּ, מיט

דעם ניט־צוגעפּאַסטן געלבלעכן שאַנד־וואָאַל איבער איר פּנים. לעבן איר איז מיטגעקומען דאָס כּלה־מיידל פון דעם פּישער יונתן.

זיין פרוי מרים האָט זיך אָוועקגעלאָזט באַגלייט פון דער נייער מיידל צום שול־פּלאַץ, די פּיאַצצא דעללאַ־סקואָלאַ, וואו עס איז געשטאַנען די סינאַגאָגע און יידן האָבן זיך געזאַמלט לעבן דעם ראש־הקהלס הויז.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיי לאַנג נאָכגעקוקט. זיין פרוי און איר דינסט־מיידל האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין דער געדיכטעניש פון די פאַרזאַמלטע יידן, וואָס האָבן מיט דרך ארץ געעפנט פאַר זיי אַ דורכגאַנג ברייט ווי אַ געסל. טאָסקאַני איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיט אַרויסקוקן, אַז ער האָט פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך איצט אין קעלער פון משה מינזי. אָבי אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיין ווייב איז קראַנק. דאָס מאַכט זי זיך אַזוי ווען ער דערנעענטערט זיך צו איר. אָט גייט זי דאָרט אַזאַ הויכע גלייכע מיט רואיקע טריט, אַלע קוקן איר נאָך מיט אַ גלוסטיקייט אין זייערע זינדיקע אויגן. אָבער קיינער ווייסט נישט זיין אומגליק, אַז עפּעס אַ קרענקלעכקייט איז דאָ אין איר, און נאָך עט־לעכע יאָר חתונה האָט זי אים בסך־הכל געבוירן איין זון, דערצו אַ טויב־שטומען, וואָס מאַכט אַ סוף צו זיין גאַנץ ווייטערדיק לעבן . . .

דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט זיך צו אים צוגערוקט און מיט טיפער זאָרג געזאָגט:

—אפשר האָב איך נישט באַדאַרפט אַזוי גיך אָפּלאָזן דעם שידוך. וואָלט געווען אַן אָפענע וועלט, פרעג איך אַן פריער ביי די אשכנזישע רבנים, ביי די אייניקלעך פון מהר״ם מינץ, די קענער פון שאלות ותשובות.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקוקט אויפן אַלטוואַרג־הענדלער. משה מינזי האָט זיך ווי דערשראָקן, וואָס אפשר צוליב דעם קאָן ער נאָך פאַרלירן די געלעגנהייט צו ווערן אַ שותף צו דעם רייכן טאָסקאַני און ווערן אַ חשוב אין רוים, צוליב זיין אָפּלאָזן דעם שידוך מיט אַ ספרדישן ייד, וואָס טאָסקאַניס פרוי איז מקרב. ער האָט זיך דערפאַר ווייטער גענומען פאַרענטפערן.

— אַזוי ווי איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן, בין איך מיר אַליין מחמיר, ווי דער דין איז... און אָפּגעשיקט די תנאים.

אָבער עזריאל האָט אים נישט געהערט. אַ שוויס האָט אים אַרויסגע־זעצט אויפן שטערן. פאַרוואָס האָט זי אַן זיין וויסן זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער מיידל אין גאַס? די מוסרים וועלן שוין זיכער אָנווייזן, די משומדים, די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן, אַז ער באַשיצט אָון האַלט צוריק דעם פּישערס משפּחה. ווייל לויטן געזעץ איז אַזאַ פאַמיליע שוין אונטער זייער השפּעה, צוליב דעם איינציקן גליד, וואָס קאָן זיי מיטרופן, און קיינער טאָר זיך נישט אַריינמישן,

אויב ער וויל לעבן רואיק אויף דער וועלט.

דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט אים געוואָלט טרייסטן, און מיט איבערגעפלייצטער גוטסקייט געזאָגט צו אים:

— איר וועט זען, די וועלט וועט זיין אַ וועלט. מיר וועלן אַהערברענגען פון מערן אָדער בעמען אַ פרומען רב, ער וועט איינשטעלן אַ יידיש פירעכץ אַזוי ווי אין די דאָרטיקע געטאָס. גוט, שלעכט — יידן וועלן לעבן ביז גאָט וועט העלפן . . .

עזריאל האָט אַ שמייכל געטאָן צום אַלטוואַרג הענדלער. ער האָט זיך גלייכגעמאַכט דעם סורדוט, פאַרוואָרפן זיין כאַלאַט און פאַמעלעך אַרויס פון טונקעלן אָנגעפאַקטן קעלער. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט וואַקלענדיקע טריט צו דער גאַס, וואו זיין פרוי מרים איז געגאַנגען פריער פון אים צום ראש־הקהל רב הללס לוויה.

# עלפטער קאַפּיטל

דער קלײנער שול־פּלאַץ, די „פּיאַצצאַ דעללאַ סקואָלאַ", איז געװען איבערגעפּאַקט מיט ייִדן פון אַלע געטאָ־געסלעך. די סינאַגאָגע, די אײנציקע, װאָס ייִדן איז דערלויבט געװען אין געטאָ, איז געװען באַלויכטן מיט פּיל ליכט װי אין אַ יום־כּפּורדיקן טאָג. דאָס רונדיקע, טויערדיקע פענצטער פון צפון־װאַנט האָט געמיניעט צו דער גאַס, באַלויכטן מיט אַלערליי פאַרבן פון די צװעלף קאָלירטע שויבן, װאָס האָבן אָנגעדייט אויף די צװעלף שבטים.

איבער דעם פאַרשפּיצטן דאַך פון דער קלײנער סינאַגאָגע האָט זיך גע־הויבן אַ באַגילדעטער מגן־דוד. אויף דער געטינקװעטער װאַנט ביים אַרײנ־גאַנג, איז געװען אויסגעמאָלן אַ זיבנערענדיקע מנורה. אויף איין זייט — דוד המלך מיט האַרפע און אויף דער צװייטער — מרימס פּייקלען.

די שמשים אין די שװאַרצע אָפּגעריבענע טוניקעס, האָבן געעפנט די שװערע טירן פון דער סינאַגאָגע און די פאַרזאַמלטע ייִדן האָבן זיך גענומען שטופּן צװישן די פּילאַרן צו די אָפענע טירן און שנעל איבערגעפּאַקט די סי־נאַגאָגע. אַלע האָבן געװאָלט אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד דעם ראש־הקהל, רבי הלל, װאָס באַלד װעט מען דאָ אים אַהערברענגען פון זיין הויז, און די חשובע לייט פון געטאָ װעלן מאַכן אַ הספּד איבער אים.

די פינף שולן פון שטאָט, װאָס האָבן אין די גוטע צייטן װי צעטיילט די פאַרשיידענע סאָרטן ייִדן פון רוים. האָבן איצט זיך אויסגעמישט, צונויפגע־דריקט אין דער קלײנער סינאַגאָגע, װי איין עדה, פאַרבונדן מיט אַ בלוט־בונד, דורך זייער ביטערן גורל. דאָ אין דער שול איז זיי געװען גוט. די װענט זיינען געװען באַהאַנגען מיט די טייערסטע טאַפּעטן. הענג־טעפּיכער אויסגע־שטיקט מיט די רייכטימער פון שלמה המלכס צייטן, די געבייען פון בית־המקדש, די הייליקע־כּלים, די מזרח־װאַנט האָט נאָך מער דערמאָנט יענע שיי־נע צייטן פון שלמהס קעניגרייך. איבערן לאַנגן אָרון קודש איז געהאַנגען אַ

פּרוכת, אויסגעשטיקט מיט גינגאָלדענע פעדעם, בלימעלעך, קנעפּ און קווייטן, רייצנדיקע אַראַבעסקן, לויט די מאָלערייען פון בית המקדש. דערנעבן דער עמוד, אַן אויסגעקאָרבירטער צווישן געשניצטע קאַרניזן באַלויכטן פון שטיי־לייכטער.

אָבער אין דרויסן זיינען די פאַרשיידענע יידן געשטאַנען אָפּגעזונדערט. אַרום רבי הלל'ס הויז האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען די אַלטע תושבים פון רוים. טונקלפּנימדיקע, אויסגעאיידלטע מיט רוימישן פּוץ, וואָס איז נאָך איבערגע־בליבן אין זייערע פאַראָרעמטע אויסגעריבענע קליידער: ברייטע פרינצלעכע כאַלאַטן מיט אַ סך פאַלדן; געפּאַסטע טוניקעס מיט קאָלירטע טרעלזלדיקע זוימען. אַרום זיי האָבן זיך געהאַלטן, ווי אָרעמע קרובים, די נאָענטע ספרדי־שע יידן, פאַרטריבענע פון סיציליע, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, ווייטער אַוועק איז געשטאַנען דאָס ערב רב, יידן צונויפגעלאָפענע פון די אינדזלען אויפן מיטלענדישן ים, סאַרדיניע, קאָרפו, קאַנדיאַ, וואָס זייער נישט־באַשטימטער פאַרגעסענער אָפּשטאַם האָט זיי מיט קליינע פעדעם, צוליב זייער ברוינהוי־טיקן קאָליר, צוגעבונדן צו די ספרדישע יידן, גאָר אָפּגעזונדערט זיינען געווען די אשכנזישע יידן. פיל פון זיי — טונקל־בלאָנדע און רויטלעכע קופּערדיק־געדיכטע בערד. ווי פון אַן אַנדערן מין. בלויז די פעסטע שאַרף־געבויטע נע־זער ,און די צעטומעלטע דערשראָקענע אויגן, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלבן אומרו און וואַנדער־טרויער, ווי זייערע ווייטלעכע קרובים די ספרדישע יידן, דאָס האָט זיי משפּחהדיק נאָענט געמאַכט.

אינעווייניק אין גרויסן פאָדער־הויז, זיינען געשטאַנען די נאָענטסטע פון דעם ראש הקהל, רבי הלל, ר' משה חלפן מיט זיין זון. דער חתן מרדכי, אַ ביסל ווייטער פון דער פאַרמאַכטער שטוב, וואו ס'האָבן זיך מתעסק געווען די "חברה חסד של אמת", זיינען געשטאַנען די פרויען, דעם רופא עמנואלס ווייב מיט איר מוטער, דבורה. עס איז דאָ אויך געווען עזריאל טאָסקאַניס פרוי, מרים, וואָס איז דאָ געשטאַנען משפּחהדיק געאָרעמט מיט דער יינגסטער טאָכטער רחל.

די אַלטע דבורה האָט מער נישט געוויינט. איר קערפּער האָט זיך אַן אויפהער געשאָקלט, געוויגט זיך מיט דעם שווערן געמיט, וואָס האָט נאָך קלענער געמאַכט איר קליינעם קערפּער. זי האָט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף מרימן, וואָס ווייזט אַרויס אַזויפיל ליבשאַפט צו זייער הויז, און האַלט לעבן זיך איר טאָכטער רחל. מער פון אַלעמען דאַרף זי מרימס פריינט־שאַפט, ווייל קיינער איז איצט נישט אַזאַ חשוב ווי איר מאַן עזריאל אין דער קהלה. איצט טאַקע קומט פאַר אַן אַסיפה פון די פאַטערס פון דער קהלה אין דער גרויסער קהלה־שטוב, עפּעס צו טאָן פאַר דעם ביסל יידן אין דער געטאָ,

און ווי עס זעט אויס, וועט מען אַרויסשיקן אַ שתדלן, דעם עושר ר׳ עזריאל טאַסקאַני.

דבורה האָט דערפאַר, ווי די מאַנספערשוינען דאָ אין פאָדערהויז, זיך איינגעהערט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו דער פאַרמאַכטער קהלה־שטוב, וואו עס איז אַנגעגאַנגען אַ שטילע אַמפעריי צווישן די פאַטערס פון דער קהלה, צוליב דרך ארץ, וואָס אין דעם הויז געפינט זיך דער גוף פון רבי הלל. אויב, זיי וועלן אַרויסשיקן דעם עושר ר׳ עזריאל טאַסקאַני, וואָלט געווען זייער יושרדיק, אַז איר טאַכטער מנוחה זאָל רעדן מיט מרימען, זי זאָל פועלן ביי איר מאַן עזריאל טאַסקאַני עפעס צו טאָן פאַר זייער משפחה צו ראַטעווען דעם רופא עמנואל פון תפיסה, וואָס מען ווייסט אפילו נישט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט. ער זאָל אויך אויסגעפינען וויפיל עס דאַרף קאָסטן אַוועק־צושיקן דאָס פּאָר פאָלק מרדכי און רחל, וואָס זי דבורה וועט חתונה מאַכן גלייך נאָך שבעה, לויט דער צוואה פון איר מאַן רבי הלל. דבורה האָט אָנ־גענומען מנוחהס האַנט צערטלעך און געצויגן צו זיך איר טאָכטער.

מנוחה האָט זיך איינגעבויגן צו הערן איר מוטערס רייד.

— דו וואָלסט זיך געדאַרפט מער חברן מיט מרימען, קומען אין זייער הויז. זי האָט אונדז זייער גערן. אַ פריינט דערקענט מען אין נויט.

מנוחה האָט זיך אויסגעגלייכט. איר אויסגעבלייכטער פּנים האָט זיך אַביסל פאַרויטלט און זי האָט נאָך מער אַרונטערגעלאָזט איר שלייער פון פּנים.

— יאָ מאַמע, איך וואָלט אַזוי געדאַרפט טאָן, — האָט מנוחה שטיל געזאָגט. דורך דעם שלייער האָט מנוחה שוין אָן אויפהער געקאָנט באַטראַכטן מרימען, וואָס האָט געהאַט אַ קראַנק בלאַס פּנים, ווי עס וואָלט ביי איר געטראָפן אַ גרויס אומגליק. מנוחה האָט געוואוסט, וואָס דער אומגליק איז, און איר האָט שטאַרק וויי געטאָן, וואָס איר מאַן עמנואלס זיצן אין תפיסה איז אויך איר אומגליק. זי, מרים, נעמט אים אַוועק פון איר, ווען ער איז אפילו נישטאָ. פאַרוואָס איז זי נאָך געקומען דאָ אַהער צו דערמאַנען איר, אַז איר מאַן דער רופא עמנואל איז געווען קאַלט, פרעמד צו איר, כאָטש ער האָט געוואוינט מיט איר אין איין הויז. איר מוטער וויל זי זאָל בעטן פאַר אים. אַז ער וועט שוין באַפרייט ווערן, וועט זיך ווידער אָנהויבן איר פאַראומערט לעבן. מענטשן רעדן שוין דערפון און נאָך מער וועט מען רעדן שפּעטער. איר שאַנ־דע וועט זיין גרויס. זי האָט מיט אַ פיינלעכן ווייטיק פאַרביסן די ליפּן צווישן די ציין. מנוחה גיט זיך אָבער גלייך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ: ווי קומט צו איר אַזעל־כע געדאַנקען, ווען איר מאַן זיצט פאַרשפּאַרט. דערווייל האָט ער דאָך קיין שלעכטס ניט געטאָן. אַלעמאָל גערעדט צו איר גוטע רייד. ער איז בלויז קראַנק

געווען די גאַנצע צייט, און זיין פּרעמדקייט צום הויז, דאָס שטענדיקע זיין פאַרזאָרגט איז בלויז דער אומגליק פון געטאָ. ער האָט געוואָלט עפּעס טאָן און קיינעם נישט געקאָנט העלפן. גיכער איז שולדיק מרים. וואָס פּוצט זיך אין אַלערליי פעדערן, ווי אַ רוימישע קורטיזאַנקע, צו געפעלן די מענער.

מנוחה הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך שאַרף איין אין מרימס פּנים. מרים האַלט שעמעוודיק צניעותדיק אַרונטערגעלאָזט די וויעס איבער די אויגן. מנוחה טוט גלייך באַנג פאַר די שלעכטע מחשבות, וואָס זי האָט גע־טראַכט וועגן מרימען. אפשר האָט זי זיך באַזינען... אויך איר מאַן עמנואל, אַז גאָט וועט העלפן און ער וועט באַפרייט ווערן פון דעם פּויפּסטס הענט, וועט געוויס ווערן אַן אַנדער מענטש. איר לעבן וועט ווידער ווערן פריידלעך ווי אַמאָל. די קהלה וועט זיכער מאַכן איר מאַן פאַר דעם ראש הקהל אויף איר פאָטערס אָרט און זייער אַבלדיק הויז וועט נישט אונטערגיין.

מנוחה האָט אָנגענומען די האַנט פון איר מוטער זיך איינגעבויגן און שטיל געפרעגט:

— דו ווילסט, איך זאָל מיט אים אפשר רעדן, מיט טאָסקאַנין, ווי נאָר ער וועט אַרויס פון דער אַסיפה?

— ניין, נישט איצט, מיין קינד!

— פאַרוואָס נישט איצט, מאַמע? — האָט מנוחה מיט אַן איינגעהאַלטע־נער אויפרעגונג געפרעגט.

— ווי לאַנג דער מת ליגט אין הויז, איז נישט גלייך אַ פרוי זאָל גע־נענען צו אַ מאַן. מ'קאָן חס ושלום געשטרויכלט ווערן פון די משחיתים...

מנוחה האָט מיט שרעק זיך איינגעהערט צו איר מוטערס רייד.

— יאָ מיין קינד. דאָס הויז איז איצט פול מיט פינצטערע רוחות. זיי האָבן מער צוטריט, זאָגען אונדזערע הייליקע ספרים, צו פרויען, ווייל דער שטן און דער מלאך המות טאַנצן פאַר די פרויען . . .

פון די רייד האָט מנוחה מיט גרויס שרעק זיך איינגעקאָרטשעט, זיך צור־געדריקט צו איר מוטער ווי זי וואָלט געזוכט אַ באַשיצונג. זי האָט מיט אויפגעריי־סענע פחדימדיקע אויגן אַרויסגעקוקט פון פאָדער־הויז צו דער גאַס. דאָרט האָט אַ ברייטער פּאַס, ווי אַ שמאָל געסל, פונאַנדערגעטיילט די פרויען פון די מענער. אויף דעם אָפּגעליידיקטן פּאַס איז געווען פאַרגאָסן וואַסער, וואָס די שכנים און פון רבי הללס הויז האָט מען אויסגעגאָסן, ווייל מיט איר פאָטערס שטאַרבן, האָבן זיי געדענקט איז דאָס וואַסער געוואָרן אומריין, מחמת דער מלאך המות איז געקומען מיט אַ פאַרסמטער שווערד און אַראָפּגעטריפט טויט־לעכן סם אין וואַסער, וואו עס האָט זיך געטובלט די גוטע נשמה פון איר פאָ־

טער, איידער זי האָט פאַרלאָזט איר היים, רבי הללס גוף, אויף איר וויטן וועג . . .

דאָס אַלץ האָט די מוטער דבורה איר פריהער דערציילט. איצט האָבן די רייד אָנגענומען ביי איר אַ געשטאַלטיקייט, איר גאַנץ לייב און לעבן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ באַנגלעכן וויטיק און שרעק פאַר דעם מלאך המות, וואָס לויערט אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. פון גרויס מידקייט האָט זי אַרונטערגעלאָזט די אויגן און דורך די געדיכטע וויעס געזען דאָס טאַנצן און קייקלען זיך פון אַלערליי געשטאַלטן, שרעטעלעך אין ווייסע לצים־מיצעלעך מיט אַפּלאַכערישע גרויסע מיילער, וואָס גליטשן זיך, פּלאָנטערן זיך צווישן די שווינדלענדיקע חלפים־שווערדן, פון די משחיתים און זייער שדים־טאַנץ . . .

מנוחה האָט מיט גרויס שווערקייט, וואָס האָט געדריקט איר האַרץ, גע־וואָלט אָפּזיפצן, נאָר די אַנגלען האָבען באַשווערט איר צו אָטעמען. זי האָט מיט אָנשטרענגונג געעפנט די אויגן. אַלץ איז געווען ווי פריהער. די זעלבע דער־שראָקענע שטילקייט.

די טיר פון דער קהלה־שטוב האָט זיך געעפנט, און פון דאָ־ט זיינען אַרויסגעקומען די עלטסטע פון דער קהלה, די חשובסטע יידן פון רוים: רב אהרן קימכי, נתן אַסקאַראַלי, רב יוסף מנגן, דער רופא דוד ד׳אסקאלי, און נאָך זיי — ר׳ עזריאל טאַסקאַני. אַלע זיינען געווען שטאַרק פאַררויטלט פון די פיל היציקע רייד. נאָך מער איז עס געווען עזריאל טאַסקאַני.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין ברייטן פירהויז לעבן דער משפּחה. דער רופא דוד ד׳אסקאלי האָט געהאַלטן אין צונויפלייגן אַ פּאַק פּאַפּירן, אַ כתב־יד. די עלטסטע האָבן זיך געהאַלטן נאָענט אַרום אים, ווי זיי וואָלטן אים גע־וואָלט אַרויסווייזן גרויס דרך ארץ. דעם רופא ד׳אסקאליס פּנים, לענגלעך, אויסגעמאָגערט, איז וואָס אַמאָל געוואָרן בלייכער און באַעוולטער.

— אַ שתדלן, אַ שתדלן, דאָס אַלץ וואָס איר דאַרפט. חניפה וועט אָבער מער נישט העלפן. מתנות אויך נישט. אייער געלט האָבן זיי, ווי אין זייערע בייטלען. בלינד זייט איר! מען דאַרף אויפרודערן די וועלט... האָט דער רופא דוד ד׳אסקאלי געערעדט מיט אַ צעווייטיקטער, באַליידיקטער שטימע.

ער האָט צענומען די באַשריבענע פּאַפּירן, געמישט די בלעטער, ווי ער וואָלט וועלן אויפזוכן די שטאַרקסטע שטעלן. ער האָט אַריינגעגראָבן זיין קאָפּ נאָך טיפער, פאַרהויקערט זיין נישט הויכע פּלייצע, און מיט פיבערדיקע אויגן געגומען לייענען, ווי ער וואָלט זיי איינגערוימט אַ סוד. דער חתן, מרדכי, איז געשטאַנען אַרום אים. און ווי מיטגעפיבערט מיט די שטילע רייד פון דעם רופא. עס איז געווען אַ בריוו, פאַרפאַסט צו די געלערנטע פון רוים,

צו די וואַטיקאַן-מענטשן, צו די סענאַטאָרן, צו די מאַנאַכן־אָרדנס און צום פויפּסט; ער האָט געוואָלט זיי איבערצייגן מיט אַלע חכמות פון דער מעדיציני־שער קענטעניש, אַז דאָס פאַרמאַכן דעם געטאָ קאָן מיט גאָרנישט פאַרהיטן די שטאָט פון קראַנקהייטן, אַן אַז ווי קריסטן טאָרן זיי נישט פייניקן קיין יידן.

די קאַלטע מיושבדיקע עלטסטע האָבן זיך טויבלעך צוגעהערט צו זיי־נע רייד. דער גרוי־בערדיקער אהרן קימכי האָט מיט גרויסע פאַרזאָרגטע טרערנדיקע אויגן געקוקט אויף דעם רופא און שטיל געזאָגט:

— דיינע ווערטער זיינען צופיל צאַרנדיק. דו האָסט פאַרגעסן צו וועמען דו רעדסט. דו מיינסט, אַז דו קענסט לאַטיין, מעגסטו שוין רעדן ווי אַ גלייכער מיט גלייכע... ביי זיי זיינען מיר קנעכט, און זיי ווילן דו זאָלסט בעטן הכנעה־דיק ווי אַ קנעכט . . .

דער רופא ד׳אסקאלי האָט מיט גרימצאָרן פאַרשטעקט די פּאַפּירן אין בוזעם־טאַש. ער האָט אויפגעהויבן הויך און גלייך דעם קאָפּ:

— קיינמאָל נישט! — איך וועל פריהער שטאַרבן, איידער זיין אַ קנעכט. איך קאָן איבערצייגן, בעטן, אָבער נישט בעטלען ביי רשעים, וואָס פאַרגיסן אונדזער בלוט און ווילן אונדז אַפּווישן פון גאָטס ערד.

רב יוסף מנגן, אַ הויכער שוואַרצבערדיקער גבר, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם רופאס אַקסל און מיט אַ זינגענדיקער שטימע זיך ווי גע־בעטן.

— פאַר אַזאַ בריוו וועלן זיי דיך ברענען און בראָטן ווי אַן אַפּיקורס, און די קהלה וועט זיך גאָרנישט קאָנען אויסקויפן . . .

— יאָ גערעכט. אַפילו אייגענע מענטשן, קאַרדינאַלן, ווי די קאַרדינאַלן מאַראָנע און פאַלע, האָט ער דאָך פאַר כמעט גאָרנישט איינגעזעצט אין פעס־טונג. עס איז אַרויסגעוואָרפענע רייד! — האָט דער דאַרער שפּיצפּנימדיקער נתן אַסקאַראַלי געזאָגט.

דער רופא דוד ד׳אסקאלי האָט שוין געזען, אַז זיין כתב־יד, וואָס ער האָט מיט אַזאַ הייסקייט אויפגעשריבן פאַר דער קהלה, קעגן די עוולות, וואָס מען טוט אומזיסט קעגן די יידן פון רוים, איז פון די עלטסטע נישט אויפגע־נומען געוואָרן. ער האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן. ער האָט מיט אַ ביטער שמיי־כעלע, וואָס האָט ווי אויסגעקרומט זיין קראַנק בלייך פּנים, רואיק געזאָגט:

— נו מילא! איך וועל עס שוין מוזן אַרויסגעבן אויף מיינע הוצאות, און עס צושיקן וואו מען דאַרף, איך וועל אים נישט לאָזן רוען דעם אַפּיפיור, מיט זיינע פינצטערע כומרים (גלחים).

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון די קהלה־עלטסטע, און צוריק אַוועק אין דער ליידיקער קהלה־שטוב, זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און מיט

אַ טיכל זיך געגומען ווישן זיין פֿאַרשוויסט צעפּייניקט פּנים. ער איז שוין דאַרטן אַזוי געבליבן זיצן מיט מידע, פֿאַרמאַכטע אויגן, פֿאַרטיפֿט אין זיך.

די עלטסטע זיינען געבליבן שטיין ווי פֿאַרקלעמט, מיט צוגעשלאָסענע מיילער. יעדער האָט זיך דערמאָנט, ווי אינמיטן זומער, ווען דער פּויפּסט האָט אַרויסגעגעבן די גזרה אויפצושטעלן מויערן אַרום דעם יידישן קוואַר-טאַל און מאַכן אַ געטאָ, האָט זיך דער רופא ד׳אסקאַלי אויך געצאַרנט, און ער איז דערפֿאַר אָפּגעזעסן עטלעכע חדשים אין תפיסה. און אויב ער זאָל איצט אַרויסשיקן דעם בריוו, מיינט עס אייביקע פֿעסטונג, ווייל דער פּויפּסט האָט פֿיינט יידן געלערנטע, וואָס קאָנען רעדן אַזוי שכלדיק שאַרף, ווי עס רעדט דער רופא דוד ד׳אסקאַלי.

עזריאל טאָסקאַני איז דער ערשטער אַוועק און גענומען אַרויסשפּאַנען פֿון פֿאַדערהויז. ער איז געגאַנגען מיט פֿאַמעלעכדיקע פֿאַרעקשנטע טריט. ווי לאַנג ער איז נאָך אין רוים, וועט מען טאָן ווי ער פֿאַרשטייט מיט שכל, ניט פֿאַרלירן די קעפּ, ווי אַ שטייגער דער רופא עמנואל און זיין פֿריינט דוד ד׳אסקאַלי. ווי ער איז דאָס אַריינגעפֿאַלן אין אַ הייליקן גרימצאָרן דער רופא. נאַראָנים, איר זייט פֿאַרצויגן מיט אַ שטריק, וואָס וואַרגט דעם האַלדז. עס דאַכט זיך אויך אַז איר שלאָגט עמעצן, אָבער דאָס וואַרפֿט איר בלויז מיט די הענט.

מנוחה דעם רופא עמנואלס פֿרוי, איז האַסטיק אַוועק פֿון איר מוטער און זיך שנעל אַ לאָז געטאָן צו טאָסקאַנין. עזריאל האָט זיך אָפּגעשטעלט. מנוחה האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים אַ פּאָר טריט. זי האָט זיך דערמאָנט איר מוטערס רייד, אַז עס איז נישט גלייך צו שטיין נאָענט לעבן אַ מאַן, און מיט אַ בעטנדיקער שטימע געזאָגט:

— איך בעט אייך רבי עזריאל טאָסקאַני, אַז איר וועט גיין זיך משתדל זיין פֿאַר קהל. געדענקט מיין טאַטנס צוואה, זיין רצון איז געווען אַוועק־צושיקן דאָס פֿאַר־פֿאָלק גלייך נאָך דער חופּה פֿון רוים קיין פֿעראַראַ . . .

ביי עזריאל טאָסקאַני האָט מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. אָט דאָס אייגענטלעך וואָס ער האָט אַליין פֿאַר זיך געוואָלט. ער האָט זיך מיט־אַמאָל מיט שרעק דערמאָנט, אַז זיין זיג איבער דעם רופא ד׳אסקאַלי האָט אים נאָך טיפֿער איינגעשפּאַנט צו זאָרגען פֿאַר דעם געטאָ. ער וועט זיך שוין אַזוי גיך פֿון שטאָט נישט אַרויסרייסן. עס האָט אים מיטאַמאָל גענומען פֿאַר־דריסן, וואָס אַנדערע האָבן נאָר זיך אינזינען, און ער האָט אַזוי מיט איינגע־האַלטענעם צאָרן געזאָגט:

— אַזוי האָט ער געוואָלט, דער אַלטער... און וועד־זשע וועט באַזאָרגן דעם געטאָ, אַז מיר חשובע לייט, די פּאַטטאַרי וועלן אַוועק? דערצו דאַרף

מען האָבן אַן אוצר מיט געלט צו קריגן אַזאַ זאַך.

—דאָס איז נישט קיין מניעה, דאָס גאַנצע צירונג זיינען מיר גרייט אָפּצוגעבן! — האָט מנוחה ווי אויסגעוויינט מיט אַ געבראָכענער שטימע.

— דער רופא עמנואל, אייער מאַן, וואָלט געוואָלט קעגן אַזאַ איינפיר, צו ווייזן אַז יידן גיבן דאָס לעצטע שטיקל צירונג זיך אויסצולייזן פון רוים . . .

מנוחה האָט שעמעוודיק אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווען עזריאל האָט דערמאָנט איר מאַנס נאָמען. זי איז גיך צו זיך געקומען און שטיל, סודות־דיק געזאָגט:

— מען דאַרף די קינדער ראַטעווען. ביי זיי, אין דער אינקוויזיציע־ביוראָ, איז ער פאַררעכנט פאַר אַ מאַראַן, דער חתן מרדכי . . .

עזריאל טאַסקאַני האָט פאַרביסן אַ ליפּ צווישן די ציין, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער אַרום האָט נישט געהערט.

— איך וועל טאָן דאָס בעסטע וואָס איך קאָן! — האָט טאַסקאַני אַ מורמל געטאָן.

מנוחה האָט אַ שמייכל געטאָן מיט גרויס דאַנקבאַרקייט צו אים. זי איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען, זיך עטלעכע מאָל פאַרהאַלטן, ווי זי וואָלט אים נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. נאָר צום סוף גאָרנישט ניט געזאָגט און איז צו צו איר מוטער. טאַסקאַני האָט זיך שוין משער געווען, אַז דאָס האָט זי עפּעס געוואָלט זאָגן וועגן איר מאַן, נאָר האָט עס גובר געווען אין זיך, נישט דער־מאָנט זיין נאָמען.

איצט האָט שוין טאַסקאַני געהאַט פאַרלוירן זיינע שטייפע פאַרעקשנטע טריט. ער איז געגאַנגען אַ געבויגענער, מיט שלאַבערדיקע טריט אַרויס פון פּירהויז. ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם גרויסן בזיון און בשותפותדיקן אומגליק וואָס מנוחהס מאַן, עמנואל, האָט געטאָן צו אים, טאַסקאַנין, און אויך צו מנוחהן, וואָס זי דאַרף זיך שעמען צו דערמאָנען פאַר אים זיין נאָמען, כאָטש ער זיצט אין תפיסה.

די גאַס איז אַלץ געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן פון געטאָ. זיי האָבן איצט ניט געקוקט דאָ אַהער צום ראש הקהלס הויז. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען געווענדעט צום געטאָ טויער. דער טיף־טויערנדיקער דורכגאַנג איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן דורך די גראַטעס אַרויסגע־קוקט צו דער גאַס. מען האָט געגלאָצט מיט די אויגן אַריבער די הויכע מוי־ערן און מיט אַן אויפגעשפּיצטן געהער זיך איינגעהערט צום טומל, וואָס איז געקומען פון יענער זייט וואַנט.

פון ערגעץ אַרום דעם "קאַמפּאָ דע פיאָר", דאָס בלומען פעלד פון דער אינקוויזיציע, האָט זיך געהערט דאָס אָנקומען פון אַ שווערער מחנה רייטער,

וואָס האָבן מיט אַ קלינגענדיקן שטאָלענעם טאַקט געטופּעט אויפן ברוק. דאָס סקריפּן און קלאַפּן פון געפּאַנצערטן שטאָל האָט ווי געדראָעט, אַז אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטן דערנענטערט זיך צום געטאָ. דאָס אָפּשרעקנדיקע טרומייטערן פון די אויסגעשולטע גערמאַנישע לאַנדקנעכט, וואָס האָבן געדינט אין דעם פּויפּסט אַרמיי, האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד. טייל יידן האָבן פון גרויס שרעק זיך איינגעקאַרטשעט, געטראַכט ערגעץ אַנטרונען צו ווערן. מען האָט זיך דערמאָנט אַז פּונקט מיט אַזאַ טרומייטערן האָט מען דעם געטאָ אַרומגערינגלט אין מיטן זומער, געצוואונגען צו בויען די געטאָ־וואַנט, וואָס האָט זיי אַלעמען אַזוי אומגליקלעך געמאַכט.

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך אָנגעלענט ביי דער וואַנט מיט די שווערפאַרהאַנגענע פענצטער. דורך די פאַרהילטע פענצטער האָבן זיך דורכגעריסן פּיל ליכט־פלעמלעך, וואָס האָבן געלויכטן אין רבי הלל'ס שטוב, וואו די חברה "חסד של אמת" האָבן זיך מתעסק געווען אַרום זיין גוף. עזריאל טאַסקאַני האָט אָן אויפהער איצט געטראַכט וועגן זיין שווערער שליחות, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, צו משתדל זיין זיך פאַרן געטאָ. אָנגסטן־שווייס האָט אים באַגאָסן. ווער ווייס, וואָס אין דרויסן טוט זיך? ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום טשענטשי־פּאַלאַץ, וואָס האָט געהויערט מיט זיין מעכטיקער פעסטונג, מיט טורעמס קעגנאיבער דער סינאַגאָגע פאַזע דעם מויער. זיי האָבן געפילט, ווי מיט זיין אומגעהויערער גרויס ליגט ער ווי אַ דערדריקנדיקע מאַסע איבער דעם טרערן־פּלאַץ. געשטאַנען איז דער פּאַלאַץ אויף דעם באַרג פון דעם אַמאָליקן באַלבוס טעאַטער. פאַרבויט צווישן די חורבות, האָט דער פּאַלאַץ אויסגעזען גיכער ווי אַ תפיסה, אַ פעסטונג פאַר אַ גאַרניזאָן סאָלדאַטן. דאָ און דאָרט האָבן איבער די שמאָלע רונדיקע פענצטערלעך אַרויסגעשיינט אייזערנע פאַרפעסטיקטע באַלקאָנדלעך. אויף איינעם פון די באַלקאָנדלעך, ביים סאַמע אויבן, אין דער טיפקייט פון די געקעסטלטע שלאַכט־גזימסן, וואָס האָבן געקאָנט באַשיצן די קריגער פון אַ קויל, האָט עמעצער אַרונטערגעקוקט. עס איז וואַרשיינלעך געווען דער מאַנסעניאָר טשענטשי אַליין. ער איז געווען איינגעהילט אין זיין פּורפּורנעם כאַלאַט. פון צייט צו צייט האָט אַפילו אַ שפּיגל געטאַן דאָס פאַרגרעסער גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין אויג, און אַ רונדיק קליין זון־קיילעכל האָט זיך שוועבנדיק געוואָרפן איבער דעם טונקלפאַרשאָטנטן טרערן־פּלאַץ.

ביי עזריאל טאַסקאַני האָט גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ זיכערקייט, אַז דער מאַנסעניאָר וועט אים אויפנעמען. דער געטאָ איז נישט פאַרגעסן געוואָרן, מען האַלט אַן אויג אויף אים. די ערשטע זאַך, אַז ער וועט אויפגענומען ווערן, דאַרף ער נישט־אַרויסווייזן נאָך וואָס

ער איז געקומען ער מוז מיט זיך מיטנעמען אַ שיין שטיקל צירונג. ער איז, הייסט עס, פריער פון אַלץ געקומען ברענגען אַ מתנה פון אַ שכן צום מאַנסעניאָר טשענטשיס באַלעבאַסטע בעטריצע, וואָס גאַנץ רוים האָט פיינט, מחמת זי האָט קינדער מיטן מאַנסעניאָר כאָטש איר מאַן לעבט נאָך, נישט ווי דער שטייגער פון אַ קריסטלעכער פרוי. נאָר ער, דער מאַנסעניאָר, וואוינט מיט איר און האָט זי שטאַרק ליב. אַ מתנה פאַר איר וועט ביי אים זיין שטאַרק אָנ־געלייגט, נאָכדעם וועט ער זען וואָס מען קאָן אויפטאָן.

עזריאל טאַסקאַני האָט מיט אַמאָל זיך דערמאָנט אָן זיין פרוי מרים. אויסקלייבן אַ שטיקל צירונג, עס זאָל געפעלן ווערן בעטריצע, וואָלט נאָר זי מרים, געקאָנט. זי קען דאָס געשמאַק פון אַ רומישער פרוי. ער האָט מיט די אויגן גענומען זוכן מרימען צווישן די פרויען און אין ערגעץ נישט געזען. עס זיינען גראַד געווען פאַרזאַמלט די חשובסטע פרויען פון געטאָ, אָנגעטאָן אין זייערע בכבודיקע פיל־געפאַלדעוועטע שוואַרצע קליידער, וואָס בלויז דאָס שטיקל שלייער־טיכל פון געלן קאָליר אויף די וואָאַלן האָט דערמאָנט, אַז זיי זיינען יידישע פרויען. ביי טייל זיינען די שלייערן געווען אויפגעהויבן און ער האָט געקאָנט זען די אויסגעאיידלטע פנימער פון אָנ-געזעענסטע יידישע פרויען פון רוים. די פּאָעטעסע דבורה אַסקאַראַלי, וואָס אירע לידער ווערן געלייענט אין פיל רוימישע הייזער. זי איז געשטאַנען גע־אָרעמט מיט דער געלערנטער פרוי דאָנאַ קאַרסעס. לעבן זיי, וואָלט עזריאל געוואָלט, אַז זיין פרוי זאָל זיך געפינען. אָבער זי איז נישט געווען.

עזריאל טאַסקאַני האָט גענומען זוכן מיט די אויגן אַ ביסל ווייטער, וואו עס האָבן זיך שוין געזען די אָרעם־געקליידטע. ער האָט אַ ציטער גע־טאָן. זאָל, הייסט עס, מרים זיך געפינען אַזוי ווייט אַוועק פון די חשובע פרוי־ען? זאָל זי, הייסט עס, צוליב דעם פישערס מיידל זיך אַזש דאָרט אַוועק־שטעלן?...

אָפּגעזונדערט צווישן די אָרעמע און רייכע איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי, וואָס סיי מיט איר הויך און האַניק־קאָלירטע האָר, וואָס האָבן אַרויס־געשטייגט פון דעם אויפגעהויבענעם שלייער, זי געמאַכט ענלעך צו זיין פרוי מרים. איר פנים איז אויך געווען בלאַס, נאָר די אויגן האָבן זיך יעדע ווײַלע פאַרדעקט מיט אירע לאַנגע וויעס, עפּעס אי צניעותדיק און אי פאַרשייט.

עזריאל טאַסקאַני האָט אָפּגעזיפצט, סיי וואָס זיין פרוי איז דאָרט ניש־טאָ, סיי וואָס אין געטאָ זיינען נאָך אַלץ דאָ שיינע פרויען, אויסער זיין פרוי מרים. ער האָט נישט געקאָנט אַוועקנעמען די אויגן פון דער פרוי, וואָס איר ענלעכקייט צו מרימען האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ נאַגנדיקע בענקשאַפט. עס האָט אים בלויז געוואונדערט, פאַרוואָס אַזאַ רייך־געקליידטע פרוי שטייט

אָפּגעזונדערט צווישן די אָרעמע און פאַרמעגלעכע, ווי זי וואָלט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין ערגעץ, אָדער ווי די חשובע פרויען וואָלטן איר נישט געוואָלט צווישן זיך, מחמת אַלע זיינען געשטאַנען אויסגעדרייט פון איר מיטן רוקן. אויך לויט איר קליידונג האָט זי זיך נישט אַריינגעפּאַסט צווישן די אָרעמע פרויען פון געטאָ. פיל מיידלעך, יונגע און אַלטע, מיט דיקע פאַרפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ, און געלאַטעטע קליידלעך, האָבן געקוקט אויף איר קנאהדיק מיט גלוסטנדיקע אויפגעריסענע אויגן. נאָר די מאַמעס האָבן די אומרואיקע בוגרתן געהאַלטן פונדערווייטנס, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, זייערע טעכטער זאָלן צו איר צו־נאָענט ניט צוגיין.

עזריאל טאַסקאַנין איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן ווער עס איז די פרוי, וואָס אַלע האַלטן זיך פון איר פונדערווייטנס. אים איז קלאָר געוואָרן היפּטזאַכלעך צוליב דער אַלטער קליין־איינגעשרומפּענער פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער שיינער פרוי. טאַסקאַני האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט נעכטן איז די קליינע פרוי געווען ביי אים, געוואָלט פאַרזעצן אַ שנירל פּערל און אַ טייער גאָלדן רינגל מיט אַ זיגל שטיין פון געשליפענעם דימענט. דאָס איז אַלץ געבליבן, האָט זי געזאָגט, פון איר טאָכטער ציליאַ, די אומגליקלעכע ציליאַ, וואָס דער פריערדיקער פויפּסט אַלעקסאַנדער האָט זי פאַרברענט צוזאַמען מיט נאָך פערציק יידישע קורטעזאַנקעס אין רוים. זי דאַרף עס פאַרזעצן אויף צו קויפן ברויט פאַר דעם געבליבענעם מיידל, ציליאַס טאָכטער דאָננאַ. פאַרשטענדלעך, אַז ער, טאַסקאַני, האָט איר קיין געלט נישט געבאָרגט, דער אַלטער פרוי. אַז ער טוט נישט קיין מסחר; ברענג אים גאָלד מיט בריליאַנטן, אַז קיינער דאַרף עס נישט. איצט האָט אים מיט אַמאָל געגומען באַנג טאָן, וואָס ער האָט נישט געגעבן דער שיינער פרוי געלט צו קויפן אַ שטיקל ברויט.

דער קורטיזאַנקעס טאָכטער האָט דאָרט באַמערקט עזריאל טאַסקאַניס בליקן, זי איז אַ ווילדע צעטומלט געוואָרן, אָבער באַלד געגומען קוקן גלייך, מיט אירע ברוינלעכע לוסטיקע אויגן, וואָס אירע וויעס האָבן געציטערט אי צניעותדיק און אי פאַרשייט. דערצו האָט זי גראָד איצט געטראָגן אַ געווינלעך וואָכעדיק שטיקל צירונג, דינע שנירעלעך פּערל, ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעוואַקסן שטיף אויף איר ווייסן הויכן האַלדז.

עס איז געווען די זעלבע פּערל, וואָס איר באָבע האָט געוואָלט פאַרזעצן. וואו וועט זי נעמען געלט זיי אויסצולייזן? גייט זי נישט אַמאָל אין די זעלבע וועגן פון איר מוטער?... מער וואָלט איצט די געטאָ נישט געדאַרפט, די קהלה וועט מוזן שטרענגער אָפּהיטן די תקנות ווי נאָר מען וועט עפענען די טויערן פון געטאָ, וועט ער זען אַז יידישע מיידלעך זאָלן נישט אַרומגיין אַליין באַנאַכט, אפילו נישט אין צווייען. און אַ יידישע טאָכטער זאָל אַליין נישט אַריינ־

גייען אין אַ גויאיש הויז, ווען מען וועט עפּענען דעם געטאָ . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט ווידער זיך דערמאָנט אין די אינקוויזיטאָרן, וואָס אַמאָל האָבן זיי געברענט גרים, יידישע פּרויען וואָס האָבן זיך געלעבט מיט נישט־יידן, ניט חלילה פאַר זייער זינדיקייט, נאָר אָפּצוטיילן זיי פון ניט־יידן. איצט האָט מען זיי אַלעמען אָפּגעטיילט מיט אַ הויכער וואַנט, ניט צו האָבן קיין באַריר מיט די רוימער.

די אַלע געדאַנקען האָבן ווידער אויפגעוועקט אין אים אַ האָפערדיקייט. ער איז געוואָרן זיכער, אַז ער וועט אַ סך אויפטאָן מיט זיין שתדלנות. ער וואָלט בלויז געדאַרפט האָבן אַזאַ שניראַל מיט פּערל ווי עס טראָגט דער קורטעזאַנקעס טאָכטער, ווי עס טראָגן די גאַר־מיוחסדיקע יונג־פרויען, דאָס וועט זיכער געפעלן ווערן דעם קאַסירער פון וואַטיקאַן דעם מאָנסעניאָר טשענטשי און זיין באַלעבאָסטע בעטריצע . . .

איינער פון די שמשים האָט איבערגעריסן עזריאל טאָסקאַניס טראַכטן און שטיל צו אים געזאָגט.

— גייט, זייט מוחל אַריין אין הויז. מען וועט דעם הספד נישט קאָנען מאַכן אין דער סינאַגאָגע. עס שמעקט מיט סכנה . . .

טאָסקאַני איז פּאַמעלעך אַריין אין הויז. אינעווייניק, אין רבי הלל׳ס אויפנעם־שטוב, איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. צוקאָפּנס פון דער פאַר־דעקטער מיטה האָבן געברענט אַ סך ליכט, געטריפט מיט זייערע וועקסענע האַרבע טראָפּנס אויף די מעשענע לייכטער. עלטערע גרייז־גראָע יידן מיט טריבע פּנימער האָבן זיך ציטערדיק געשאָקלט און געזאָגט קאַפּיטלעך תהלים. פון געדרענגעניש האָבן זיך אַרויסגערוקט דער מחותן משה חלפן, דער חתן מרדכי און די עלטסטע פון דער קהלה און זיך גענומען דרייען אַרום דער מיטה, ווי דער דין איז, זיבן מאָל אַרום און אַרום צו פאַרטרייבן די מש־חיתים, וואָס געוועלטיקן אַרום דעם מת.

פון דרויסן האָט זיך מיט אַמאָל געהערט אַ פאַרשטאַרקטער טומל, ווי עפּעס גאָר נישט געוויינלעכעס וואָלט געשען, ביי אַלעמען זיינען די תפילות פאַר־גליווערט געוואָרן אין די מיילער. מען האָט דערשראָקענע אויפגעשפּיצט די אויערן צום דרויסן. עמעצער האָט פאַנאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון די פענצטער. ביים טרערן־טויער איז איצט געווען אַ שרעקלעכער געלויף. מען איז געלאָפן צו די שמאָלע געסלעך, אַנטרונען צו ווערן פון עפּעס אַ גרויס געפאַר.

עס האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון טויער, וואָס מען האָט אויפ־געעפנט. באַלד האָבן זיך באַוויזן דעם פּויפּסטס רייטער אויף פלינקע, הויכע פערד, אָנגעטאָן אין געפּאַנצערטע קליידער מיט נאָכהענגענדיקע שילדן.

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אויסגעשטרעקטע שטעכערס נאָך די אַנט־לויפנדיקע יידן. פיל זיינען געבליבן שטיין צוגעדריקט צו די ווענט מיט אָפּ־געשטאַרבענע ווייסע פּנימער, אַנדערע זיינען געפאַלן הינטער די פּערדישע קאָ־פּיטעס, טייל האָבן געקראָגן וואונדיקע שטעך פון די פּיקעס און האָבן פון גרויס ווייטיק זיך געקאַרטשעט אויף דער ערד.

די וואָס האָבן געקאָנט לויפן זיינען צוריקגעלאָפן צום טרערן־פּלאַץ. אַנדערע זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר, זיך אַריינגעשטופּט אין דער צוזאַמענ־געדריקטער מאַסע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרשוואונדן ווערן אין דער געדיכ־טעניש, יעדער וואָס טיפער, נישט אַרויסגעזעענער.

דורכן טויער האָבן אַריינגעשפּאַנט פוס־גייער מיט די שטאָלענע שטע־כערס אין די הענט. זיי האָבן זיך צעוואָרפן איבער די הייזער, קראָמען און אַרויסגעשלעפּט די פאַרבליבענע, פאַרבאַהאַלטענע און זיי געשלעפּט צום טרערן־פּלאַץ.

עס איז געווען צו זען אַז דאָס אַריינקומען פון אַזויפיל סאָלדאַטן אין גע־טאָ האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג, ווייל מיט די סאָלדאַטן איז אויך אַריינגעפאָרן אויף אַ געשפּרינקלט ווייס פערד דער בישאָף פון אישיאַ, דער גובערנאַטאָר פון רוים, באַגלייט פון זיינע קאַוואַלערן. די רייטער און פוס־גייער האָבן דורכגעשניטן אַ וועג צווישן דעם געדיכטן עולם און דער בישאָף איז צוגע־ריטן צום הויז פון רבי הלל. דער בישאָף האָט פאַרהאַלטן דאָס באַזילבערטע ציימל פון זיין פערד, זיך אויסגעצויגן הויך אויף זיין זאָטל, זיין ווייסער דאָ־מיניקאַנער כאַלאַט האָט זיך צעלייגט אויף דעם פערדס געבערגלטן הינטן, פון הינטער דעם מאַנאַכישן כאַלאַט האָט זיך אַרויסגעזען זיין צונויפגעשנו־רעוועטער, שטייף אויפגעפּאַסטער טוניק, באַדעקט מיט פיין געשליפענע, שטאָלענע אָרעם־פּליטעס.

דער בישאָף האָט צונויפגעזשמורעט זיינע טיף־איינגעזונקענע אויגן צעשפּרייט זיין געבערגלטע רוימישע נאָז, אַרויסגעשטופּט זיין לאַנגע אויסגע־קרימטע גאָמבע און געקריצט מיט די ציין, ווי ער וואָלט עפּעס געגריזשעט אַ האַרטע זאַך, וואָס ער קאָן ניט צעבייסן.

פון דעם ראש הקהלס הויז האָבן געגומען אַרויסאיילן די עלטסטע פון דער קהלה איז צוגעגענט צו זיין פערד מיט געבויגענע קעפּ צו דער ערד. איינער פון דעם בישאָפס קאַוואַלערן, אין אַ פּורפּור סאַמעטענעם טוניק מיט זילבער פראַנזן ביי די ברעגן, אַ יונגערמאַן ביי וועמען די וואָנסעלעך האָבן ערשט גענומען אומגעלומפּערט שפּראָצן אויף דער אויבערשטער ליפּ, האָט זיך געשטעלט דיבאָם מיט דעם פערדס פאָדערשטע פיס איבער די עלטסטעס קעפּ, און גענומען קוויטשענדיק שרייען:

—קניען זאָלט איר, פאַרשאָלטענע רוחות! עס שטייט פאַר אייך אַ פּרינץ פון דער קירך.

די עלטסטע האָבן ווי דערשראָקענע פייגל צעשפּרייט זייערע כאַלאַטן, זיך אַרונטערגעלאָזט נידריק האַרט צו דער ערד, און מיט אָנשטרענגונג אויסגעמיטן אָנצורירן מיט די קניען די ערד, ניט צו טאָן די גרויסע זינד צו קניען פאַר אַ לעבעדיקן נפש.

דער בישאָף האָט מיט גרימצאָרן געמאַכט מיט דער האַנט, אַז זיי קאָנען זיך אויפשטעלן.

איינער פון די קאַוואַלערן, אַ גרויליכער מיט טריבלעכע אויגן, האָט אַרויסגעצויגן פון זיין לעדערנעם טאַש אַ פּאַפּיר, גענומען לייענען:

— מיר באַפעלן אייך שטיל נאָכצוגיין די רייטער. פון היינט אָן וועט איר בויען אַ מויער צו באַפעסטיקן די שטאָט. ווער עס קאָן דאָס נישט טאָן, וועט אַרויסגעשיקט ווערן פון רוים... פאַרלירן די פּויפּסטלעכע באַשיצונג . . .

די עלטסטע פון דער קהלה האָבן זיך איבערגעקוקט מיט דערשראָקענע, פאַרצווייפלטע בליקן. עס האָט געמיינט, אַז אַלע יידן דאַרפן ווערן קנעכט ביים פּויפּסט. און וויפל יידן זיינען אַלט, קראַנק, קאָנען מער נישט אַרבעטן? זאָלן זיי הייסט עס ווערן הפקר, אַרויסגעטריבן צו ווערן פון שטאָט, יידן אָן געלט און אָן אַ רעכט עמעצער זאָל זיי וועלן אַריינגעמען.

— וואָס שוויגט איר? — האָט דער בישאָף מיט צאָרן אויסגעשריען.

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך אַרויסגערוקט און הכנעהדיק געזאָגט:

— מיר פאַרנעמען אייער פאַרלאַנג, גנעדיקער פּרינץ פון דער קירך און האַר פון רוים. מיר וועלן דאָס איבערגעבן צום פאָלק, גלייך נאָך דער לויה.

דער בישאָף האָט זיך אָפּגערוקט מיט זיין פערד פון די הכנעהדיק־געבויגענע יידן און מיט אַ געלאַסענער גיפטיקער שטימע געזאָגט צו זיינע קאַוואַלערן:

— דער שונא, וואָס לויערט אויף רוים, די פאַרשאָלטענע שפּאַניער, וואָס שטאַמען פון יידן און מורן, איילן זיך אונז צו באַרויבן און זיי מאַכן גאַר לויות . . .

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די יידן און זיי מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט געפרעגט:

— איר ווילט זיי אַרויסהעלפן, האַ? דעם אמת זאָלט איר זאָגן! אַז נישט וועט איר דאָס זאָגן פאַר דער אינקוויזיציע. איר, שונאים פון יעזוס קריסטוס!

— ניין, ניין! רוים איז אונדזער היים, מיר וועלן שיצן רוים פון יעדן שונא! מיט אַלץ וואָס מיר קאָנען! — האָבן די עלטסטע פון דער קהלה, מיט

ווייַנענדיקע שטימען זיך געבעטן.

— מיט די הענט, מיט אייער לייב, וועט איר בויען, איר פוילנדיקער אָפּ־פאַל! טרייבט זיי! דער טאָג איז נאָך לאַנג, — האָט דער בישאָף אויסגעשריִען צו זיינע סאָלדאַטן.

די סאָלדאַטן אויף די פערד, די פוס־גייער האָבן זיך ווי ביי אַ באַלאַגערונג אַ צעוואָרף געטאָן. די גערמאַנישע לאַנדקנעכט האָבן מיט גרויס מלחמה לוסט אויסגעשטרעקט די שטעכערס קעגן די יידן.

די יידן האָבן זיך עקשנותדיק פאַרהאַלטן, געקוקט אויף די שטעכערס, וואָס האָבן זיך אין געלאַסענע רייען דערנענטערט צו זיי. עס האָט געדויערט אַ קורצע ווײַלע, אָבער אַ שרעק האָט זיי באַהערשט. זיי האָבן זיך גענומען רוקן, שטופּן הינטערווײַלעכטע צום טרערן־טויער, אַרויס פון געטאָ, אין קנעכטשאַפט צו בויען אַ מויער פאַר דער שטאָט רוים.

## צוועלפטער קאַפּיטל

נישט ווייט פון געטאָ, ביי דעם מנורה־טויער, טיטוסעס טריאומף־טויער, האָט מען די צונויפגעטריבענע יידן אָפּגעשטעלט, ווי מען וואָלט זיי געוואָלט דורך דעם טויער דערמאָנען, אַז לאַנג שוין לאַנג ווי די רוימער האָבן זיי באַזיגט, און געבראַכט האָט מען זיי דאָ ווי דערנידעריקטע קנעכט, און אַזוי דאַרפן זיי דאָ פאַרבלייבן.

די יידן זיינען שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרקלעמטע הערצער. עס איז געווען דער טויער, וואָס די יידן פון רוים האָבן אויסגעמיטן דורך אים דורכצוגיין, נישט אויפצוּוועקן קיין אַלטע וואונדן. דער טריאומף־טויער איז בעוואַקסן געווען מיט פאַרוויאַנעטע בינטלעך גראָז, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צווישן די מאַכיקע שטיינער. איבער דעם טויער איז געלעגן אָנגעוואָלגערט די צושטערטע פעסטונג פון דער פראַנדזשיפּאַני פאַמיליע, וואָס האָט ווי אַרונטערגעדריקט דעם שטאָלצן טריאומף־טויער, ווי אַ זקן אַ הויקער האָט דער טויער געטראָגן די שטיינערנע מאַסע אויף זיך.

אויף דעם טויער זיינען נאָך פאַרבליבן פון טיטוסעס צייטן די שאַרף אויסגעהאַקטע געשטאַלטן, וואָס די יידן האָבן פיינט געהאַט צו זען. אויף דעם געפלאַצטן מאַרמאָר האָט זיך געזען די אַלטע שטאָט ירושלים, ווי זי ווערט איינגענומען פון די רוימער. די באַפעסטיקטע ווענט פון בית המקדש, וואָס ליגן צעשמעטערט פון שווערע קלעפּ, מוטערס, מיידלעך, קינדער און אַלטע מענער צונויפגעדריקט באַזיגטע אין גרופּעס. אין פאָדערגרונט ציט זיך אַ פּראָצעסיע פון די זיגער. זיי האַלטן אין זייערע הענט די מנורה מיט אירע פאַררונדיקטע זיבנערנדיקע לייכטער, דעם לחם־הפּנים, די הייליקע כּלים פון בית המקדש. קעגנאיבער שטייט טיטוס אין אַ רייט־וואָגן, איינגעשפּאַנט אין פיר פערד. טיטוס געקרוינט מיט לאָרבער־בלעטער, איז אַרומגערינגלט מיט זיין יובלדיקער אַרמיי, פּריסטער, שטאָט־שרייבער, פילאָסאָפן, וואָס שטייען

אונטער אַ צעפּלאַטערטן זיגערישן אָדלער.

בלויז איין ייד איז דאָ אַרומגעגאַנגען פריי. דאָס איז געווען דער משומד משה גאַלאַטי, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געוואוינט צווישן יידן. ער איז אָנגעקומען פון דער חורבותדיקער סאַקראַ־וויאַ גאַס, באַגלייט פון עטלעכע שטאַרקע מענער, וואַטיקאַן משרתים. גאַלאַטי האָט איצט ווי צו אַ פייערלעכער באַגעגעניש געטראָגן אַ שוואַרצע סוטאַנע, הויך פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז. אויף דער ברוסט האָט זיך געבאַמבלט אַ שוואַרצער צלם. אין זיין שווערן סוטלעט־וואַטן גאַנג, איז געווען די מידקייט פון אַן עלטערן פרומלעכן ייד, וואָס איז געהויקערט פון שטענדיקן זיצן איבער ספרים. אָבער אַז ער איז צוגעקומען נעענטער, האָט מען שוין געזען, אַז אויף זיין פּנים איז שוין נישטאָ קיין שום זעלישע גוטסקייט, אויף זיינע געקעכלטע באַקן האָבן זיך געצויגן רויטלעכע און בלויע אָדערלעך. זיין פעטלעכער נאַז איז געווען גלאַנציק און רויטלעך. די ברוינע טריבלעכע אויגן פאַרנעפּלט און גלאָזיק, ווי נאָכן טרינקן פיל וויין.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון די צונויפגעדריקטע יידן. זיך אָנגעלענט אויף זיין גלחשן פעפער־שטעקן און בעטראַכט די יידן. ער האָט זיי שוין לאַנג נישט געזען. זינט דעם געשלעג, וואָס איז פאָרגעקומען אין געטאָ, ווען ער מיט זיינע געהילפן האָבן יום־כפור לעצטן יאָר געוואָלט אוועקשטעלן אַ צלם אין דער סינאַגאָגע. פון דעמאָלט אָן האָט ער מורא אַריינצוגיין אין געטאָ. איצט שטייען די יידן ווידער פאַר אים אַרומגערינגלט מיט דער פויפסט־וואַך, אַלע בעקאַנטע פּנימער, וואָס צוליב זייער איינגעשפּאַרטקייט האָט ער אַזאַ שלעכט נאָמען אין וואַטיקאַן. די ברידערשאַפט פון הייליקן יאָזעף, דאָס קאַטאַכיסטן־הויז. וואָס ער משה גאַלאַטי, פירט אָן, האָט זייער ווינציק אויפגעטאָן. עס איז שוין באַלד פאַר פסח און ער האָט קוים איין מיידל צו דער שמד פיערונג — דעם פישער יונתנס מיידל, כאָטש מיט איר ווערט נאָך זיין אַ סך צו אַרבעטן. ווי די שוועסטער, די נאָנעס, האָבן אים איבערגעגעבן. און צוריק גערעדט, פאַר וואָס זאָלן זיי זיך ווען שמדן, אַז מען האָט צו קיין ייד נישט קיין צוטרוי. אָט, אַ שטייגער ער, ער האָט זיך אָפּגעריסן פון די אייגענע ברידער און פון זיינע נאָענטע פריינט, און פון די נייע פריינט האָט ער ווייניק ליבשאַפט. ווען נישט די געצוואונגענע שטייערן, וואָס דער געטאָ דאַרף געבן אַלע יאָר, וואָלט זיך דאָס שמד־הויז קוים געקענט אויסהאַלטן.

ביי די פריערדיקע פויפּסטן איז אים געווען נאָך ערגער. די וואַטיקאַן־ביבליאָטעק איז געווען באַזעצט מיט יידישע געלערנטע, איבערזעצער. לערער, וואָס האָבן געלערנט די קאַרדינאַלן העברעאיש. זיי האָבן געשאַפן פיל פריינט פאַר די יידן, און אים, משה גאַלאַטי, האָט מען פאַרשטופּט צו טאָן אַזאַ ביטערע אַרבעט, ווי שמדן די יידן. ער האָט געמיינט משה גאַלאַטי, אַז ער, אַ סו־

פּרס אַ זון, מיט אַ סך קענטעניש, ווי נאָר ער וועט אָנטאָן דעם צלם וועלן זיך עפענען פאַר אים אַלע טירן. ער וועט מיט זיין געלערנטקייט אויפטאָן אַ סך. אָבער די געטאָ־יידן זיינען רירעוודיקער פון אים. זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון זיין ווייסן, געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַזאַ גראָבער יונג אין די קליינע אותיותלעך ווי דער דייטשישער משומד פעפערקאָרן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ חיבור קעגן די יידן און דעם תלמוד, וואָס אַפילו קריסטלעכע געלערנטע ווי דער דייטש רויכלין, האָבן זיך אָנגענומען פאַר די יידן. רויכלין איז אַזש געקומען צו לויפן פון גערמאַניע קיין רוים, געשטורעמט דעם וואַטיקאַן, אַז מען זאָל נישט הערן די עם־האַרצישע משומדים.

אַפילו מאַראַנען האָבן זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי אין וואַטיקאַן, גערעדט אָפן און דרייסט וועגן זייער יידישקייט. איצט איז אָבער געקומען צו אַלץ אַ סוף. אַט שטייען זיי דאָרט, די אַלע געלערנטע יידן, צנויפגעדריקט מיט דערשראָקענע פּנימער. באַלד וועט ער זיי אָפּקלייבן און צווינגען צו טאָן שווערע שוואַרצע אַרבעט. איצט איז ער, משה גאַלאַטי, דער באַלעבאָס איבער די יידן פון רוים, מיט זיין וואָרט הויבט מען זיך אָן צו רעכענען. ער וועט אָפּצאָלן פאַר די אַלע עוולות וואָס זיי האָבן אים געטאָן.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט אַלעמען געקענט ביים נאָמען, געוואוסט יעדנס באַשעפטיקונג, וויפיל יעדער פאַרמאָגט. איצט וועט ער דאָס אַלץ אויסנוצן פאַר דער קירך.

די אויפזעער האָבן געבראַכט אַ טישל אַוועקגעשטעלט ביים טויער, און משה גאַלאַטי האָט זיי געדאַרפט אָנווייזן יעדן איינעמס נוצלעכקייט. נאָר איידער ער האָט זיי אויסגעטיילט, האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אויף דער באַנק וואָס לעבן טישל, זיך אַ וויג געטאָן, מיט אַ פרומער יידישלעכער באַוועגונג.

— יידן, ברידער! די ברידערשאַפט פון הייליקן יוסף האָט אויסגעבעטן רחמנות פאַר אייך, אַרויסצולאָזן אייך פון געטאָ. איר זייט איצט אַלע דינער פון דער קירך . . .

די יידן זיינען געוואָרן אומרואיק. זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע פּנימער, פול מיט צאָרן און פאַראַכטונג. זיינע רייד האָבן די יידן נאָך מער ווי געטאָן ווי די שפּיצן פון די שטעכערס, ווי די וואונדן, וואָס דעם פּויפּסט סאָלדאַטן האָבן זיי געמאַכט.

— אָן ערלעך שטיקל ברויט וועט אייך די קירך געבן. ווי זי גיט יעדן אָרעמאַן, יעדן בעטלער אין רוים... אויב עמעצער האָט זיך באַזינט און וויל היילן זיין נשמה וואָס איז קראַנק פון זינד, וועט ער געפינען אַ היילונג אין הויז פון דער ברידערשאַפט פונם הייליקן יוסף.

פון דער געדיכטעניש האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן אַריבער צו אים:
— מוחל די טובה, משומד! מסור!

ער האָט אָנגעשטעלט זיין טריבלעכע אויגן און גענומען זוכן מיט די בליקן איבער אַלעמענס פּנימער. די יידן זיינען ווי פריהער געשטאַנען שטיל. ער האָט געקאָנט זען אַלעמענס פּנימער: דער פישער יונתן וועמענס טאָכטער איז גענומען געוואָרן אין שמד־הויז, האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ האַס דורך זיינע צונויפגעזשמורעטע אויגן, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער אַ מטורפדיקער זיך אויף אים אַ וואָרף טאָן און אים צובייסן. אויך דער גביר עזריאל טאָסקאַני האָט אים געביסן מיט זיינע בייזע אויגן. דער משומד משה גאַלאַטי האָט צו זיך שטיל געשמייכלט. מער קענסטו זיך מיט דיין געלט פון גאַרנישט אויסקויפן. ווען ער וויל, קאָן ער זיי ביידע צע־קוועטשן. פאַר באַהאַלטן דאָס מיידל, דעם פישערס טאָכטער, וועט ער נאָך טייער באַצאָלן, דער געלט־לייער עזריאל טאָסקאַני. אויך די געלערנטע יידן משה חלפן מיט זיין זון מרדכי האָבן דרייסט מיט שפּאָטישער פאַראַכטונג גע־קוקט אויף אים, אַז ער האָט שנעל געדאַרפט אַוועקכאַפּן פון זיי די אויגן.

משה גאַלאַטי האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין לאַנגע ויכוחים מיט די יידן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ ווילדע הנאה צו פאַרברענגען, סיי צו קריגן זיך מיט זיי, אָדער רעדן מיט גוטן. דער באַפעל האָט אָבער געהייסן זייער גיך טרייבן די יידן צו דער אַרבעט, צו באַפעסטיקן די מויער פון דער שטאָט רוים. ער איז אַ נאַרישלעך־פאַרשעמטער אַרונטער פון באַנק, זיך דורכגערעדט מיט די אויפזעער. די מענער שטאַרק באַוואָפנטע, האָבן פאַרשטייפטע אויפגעהויבן די לעדערנע רימענטן און צוגעגאַנגען נאָענט צו די יידן. זיי האָבן אַרויסגע־ריסן די יידן איינציקוויז, און משה גאַלאַטי האָט אָנגעוויזן דעם יידנס פאַך. עס האָבן זיך געפונען צווישן די יידן מענטשן פון אַלערליי פאַכן — מויערער, שניצער, זאָטלמאַכער, גאָלדשמידן, שניידער, וואָס טייל פון די פאַכן האָבן די יידן צוליב דעם פויפסט געזעצן נישט געטאָרט באַנוצן. די אויפזעער האָבן זיי אויסגעשטעלט אין גרופּעס, צוזאַמען מיט די שטאַרקערע יידן, די שמאָטע־קלייבער, פישער, קצבים, טרעגער, און די איבעריקע האָבן זיי איבערגעלאָזט.

ביי די געבליבענע האָבן זיך אויפגעכאַפּט שוואַכע האָפענונגען: אפשר, אפשר וועט מען זיי שוין אַהיים שיקן. די שוואַכערע זיינען באַשטאַנען פון אַלטע יידן, דער מנין, וואָס האָט געזאָגט תהילים ביים ראש הקהלס קערפּער. דער סופר רב עזרא, די געלערנטע יידן, סופרים, די וואַטיקאַן־איבערזעצער און מלמדים. עס איז אויך געבליבן משה חלפן מיט זיין זון, דער אויסגעבלייכ־טער מרדכי, די אומרואיקע געלט־לייער, ווי עזריאל טאָסקאַני. זיי האָבן שוין געזען די גרויסע מחנה יידן ווערט אַוועקגעפירט ווייט אַוועק צו די שטאָ־

טישע מויערן, ערגעץ צום סאַן־סאַבאַסטיאַן טויער.

אָבער זייער האָפענונג איז געווען אומזיסט. באַלד האָבן אויך דאָ די אויפזעער צעפּאַכעט זייערע בייטשן, זיי אַדורכגעטריבן דעם טיטוס־טויער צו דער סאַקראַ־וויאַ גאַס. לעבן די אַכט־קוואַדראַטנע פּעדעסטאַלן, צווישן די צעבראָכענע מאָנומענט־קאָלומנעס, זיינען געלעגן שטיקער זיילן, צעשאָטענע טיילן מיט אָפּגעריבענע אותיות, וואָס האָבן באַצייכנט דעם זיג פון טיטוסן. אַלץ איז דאָ געלעגן צוואַלגערט, צעסמאַליעט פון שרפות, פאַרשטיינערטער שטויב פון הונדערטער יאָרן, באַוואַקסן מיט פאַרוויאַנעטן ווילד־גראָז, אָנגעוואָרפענע הויפנס פון צעבראָכענע חורבות — דער שלום־טעמפּל, דער פאָרום, ווי ערד־ציטערנישן וואָלטן דאָ צעשאָקלט די גרונטן און זיי באַדעקט מיט פייערדיקע לאַוועס, וואָס האָבן זיי אויף אייביק פאַרדעקט מיט אַ פאַרסאַזשעטן קאָליר.

איינער פון די אויפזעער, אַ נידריקער בייכלדיקער מאַן מיט גרויסע ברוינע אויגן ווי ביי אַן אָקס, האָט מיט אַ ביטולדיק חוזק־שמייכעלע, וואָס האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע שאַרפע ליפּן זיך געווענדעט צו זיי:

— אַזוי ווי איר זייט אַלע געלערנטע, האָבן מיר אייך געגעבן אויסצוגראָבן דעם מאַרמאָר פון דאַנען. אָבער איר מוזט דאָס מאַכן מיט די הענט.

די יידן האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, גענומען בלאָנדזשען מיט דערשראָקענע אויגן אויף דעם אַרום. ווייט אַוועק ביי די חורבותדיקע טעמפּלען זיינען אויך געווען פאַרזאַמלט אַלערליי שלעפּער, בעטלער, אַלטע לייט, געוועזענע מאַטראָסן, שינדער, די פאַרגעסנסטע אָרעמסטע מענטשן פון רוים. טייל פון זיי האָבן געקראָגן גראָב־אייזנס און שלעפּ־וועגעלעך.

— אויף זיי דאַרפט איר ניט קוקן. זיי טוען פּראָסטע אַרבעט, אָבער איר וועט גראָבן מאַרמאָר. מאַרמאָר איז מיט גאָלד גלייך... האָט דער אויפזעער ווייטער אָפּגעחוזקט. זיינע אָקסענע אויגן זיינען אָבער געווען פול מיט רציחה. ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט און געוואָרנט אַלעמען מיט זיין וויַיז־פינגער:

—אויב איר וועט צעברעכן אַ שטיקל מאַרמאָר, וועט מען אייך צעברעכן די הענט. האָט דאָס אַלץ איינזינען. נו צו דער אַרבעט!

די יידן האָבן זיך איינגעבויגן, גענומען אָפּרייניקן די שטיינער. משה חלפן מיט זיין זון מרדכי האָבן זיך מיט די הענט פאַרגראָבן אונטער אַ גרויסן פּלאַסט מאַרמאָר, וואָס איז געלעגן צעפּלאַצט, און גענומען אַרויסרייסן שטיקער.

דער אויפזעער האָט, ווייזט אויס, שטאַרק געוואָלט אויסנעמען ביי זיין פּריינט, דעם משומד משה גאַלאַטי. ער האָט ווייטער געשפּעט פון די יידן:

— דאָס איז אייך נישט קיין ביכער פון וואַטיקאַן! די כאַלאַטן טוט אויס, די קאַפּאָטעס, די טוניקעס.

משה חלפן מיט זיין זון האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געעצהט מיט די בליקן וואָס צו טאָן. די אַנדערע אויפזעער זיינען צוגעקומען נעענטער מיט ווילדער פרייד געגלעט זייערע לעדערנע רימענטן, וואָס באַלד וועלן זיי שמייסן אָט די שטאָלצע יידן, וואָס גייען אַנגעטאָן אין כאַלאַטן ברייטע, ווי די פּריסטער.

משה חלפן האָט דער ערשטער פּאַמעלעך אויסגעטאָן זיין כאַלאַט, געבליבן שטיין אין בלויזן העמד באַדעקט מיט זיין ברייטן, טערקישן טלית־קטן, מיט בלאָע פּאַסן אין דער ברייט. נאָך אים האָבן שוין אַלע אויסגעטאָן די קאַפּאָטעס, די טוניקעס. די יידן איצט אויסגעזען מאָדנע מיט זייערע אומגעלומפּערטע איינגעבויגענע רוקנס. די אויפזעער האָבן געלאַכט מיט זייערע הייזעריקע גראָבע קולות. פון צייט צו צייט האָט עמעצער פון די אַלטע לייט זיך אויסגעגלייכט. זיך אַנגעכאַפּט ביים קאָפּ פון דער שווינדלעניש, וואָס האָט צעמישט זיין מוח, און באַלד האָט אַ פּאַכע געטאָן די בייטש איבער זיין רוקן.

דער הויפּט אויפזעער מיט די אַנגעגאָסענע פּאַרבלוטיקטע אָקסענע אויגן, האָט געשפּאַנט לעבן זייערע געבויגענע רוקנס מיט דעם לעדערנעם רימען פאַרלייגט פון הינטען אויפן רוקן.

— שווער צו אַרבעטן, יידעלעך? האַ, שווער? איר קאָנט אָבער דאָ געפינען דאָס גאַנצע גאָלד, די מנורה, וואָס טיטוס האָט געבראַכט פון ירושלים. כע, כע, כע! — האָט דער אויפזעער געלאַכט און געקוקט אויפן משומד משה גאַלאַטי.

משה גאַלאַטי האָט זיך צוגערוקט, געגומען אַרויסווייזן אויך זיין געלערנטקייט, אַז ער ווייסט אויך וואָס עס טוט זיך הינטער דעם איבערפלאַך פון דער שטאָט רוים.

— יאָ, גערעכט, דאָ טאַקע אין דעם שלום טעמפּל איז געשטאַנען דער סעפּטוס לוקאַנאַרום.*) די הייליקע כלים, דאָס פאַרמעגן פון דער הייליקער שטאָט ירושלים.

— נו, איז געאַרבעט! גיכער, גיכער יידעלעך! — האָט דער אויפגעצאַרנטער אויפזעער געגומען רעווען מיט זיין הויכער, הייזעריקער שטימע.

ער האָט איבערגעלאָזט דעם משומד משה גאַלאַטי אַנגעלעגט אויף זיין פּעפּער־שטעקן, און ווייטער געגומען שפּאַנען. ער איז צוגעקומען נאָענט צו עזריאל טאַסקאַני. זיך איינגעקוקט אין אים מיט אַ שפּאָטישער שטימע אויס־

---

*) די מנורה

געשריען:

—אָט איז דאָך אונדזער געלט־לייער! — אפשר קאָנסטו מיר שוין לייען אַ ביסל דוקאַטן? איך וועל דיר איינלייגן אַ משכון דעם יידישן אוצר, וואָס איר וועט דאָ אויסגראָבן . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט שטום אָפּגעזיפצט אין דער באָרד אַריין. זיין מוח האָט געטומען אַרבעטן זייער גיך. עס איז געווען, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַן אָנצוהערעניש, אַז דער אויפזעער וויל געלט. איז אָבער אַ פראַגע, צי מעג ער עס טאָן, צי מעג ער אָנבאָטן אַזאַ זאַך, צי וועט ער זיך נישט ערגער מאַכן. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט האַסטיק. ווען דער משומד גייט נאָר אַוועק! אָבער ווי אויף להכעיס האָט יענער נאָכגעקוקט דעם אויפזעער, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דער אויפזעער וועט זיך לאָזן איבערקויפן. עזריאל טאָסקאַני האָט זיך גלייך איבערגעלייגט, אַז עס לוינט נישט זיך אָנפאַנגען מיט די קנעכטישע אויפזעער, אַז בעסער וואָלט געווען ווען ער וואָלט גרייכן דעם קאָפּ. פון דעם אויפזעערס נאָענטקייט האָט עזריאל טאָסקאַני מיטאַמאָל געקראָגן דרייסטקייט. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער איינגעבויגענער ריי. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם כאַלאַט, וואָס איז געלעגן אויף אַ בערגל שטיינער, און אים אָנגעטאָן. ער וועט נישט אַרבעטן מער ווי אַ שקלאַף און זאָל מיט אים געשעען וואָס עס וועט געשעען. די וועלט איז נאָך נישט הפקר.

די אויפזעער זיינען שנעל צוגעלאָפן, אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

— דער ייד איז נישט געוואוינט צו אַרבעטן, אָדער דער ייד וויל נישט אַרבעטן? — האָט דער אויפזעער געפרעגט שפּאָטיש.

— איך וויל, איר זאָלט מיך לאָזן גיין צום מאָנסעניאָר טשענטשי, דעם קאַסירער פון דער אַפּאָסטאָלישער קאַמער... — האָט טאָסקאַני געזאָגט מיט אַ שטילער פאַרעקשנטער שטימע.

ביים הויפּט־אויפזעער האָבן זיך אָנגעגאָסן די גרויסע אויגן מיט קאַכעדיק בלוט. ער האָט פאַמעלעך אָפּירגענומען דעם רימען, וואָס ער האָט געהאַלטן הינטער זיך, און אַ שמיץ געטאָן עזריאל טאָסקאַני איבערן קאָפּ.

— דער מאָנסעניאָר שטייט דאָרט אין פענצטער פון זיין פּאַלאַץ. ער הייסט שמייסן, שמייסן און אַרויסוואַרפן פון רוים. האַקט אים, יונגען, דעם טייוול, דעם לאָמבאַרדניק!...

דער גביר עזריאל טאָסקאַני איז געפאַלן פון די בייטשן. ער האָט ווי אַ באַשעפעניש, וואָס וויל זיך באַשיצן פון צעררייצטע חיות, געפרואווט באַהאַלטן זיין לייב. ער האָט זיך איינגעוויקלט ווי אַ פּעקל אין זיינע מלבושים. די אויפזעער האָבן אים געשמיסן מיט ווילדער רציחה, און געלאַכט מיט זייערע גראַ־

בע הייזעריקע העלדזער.

דער הויפּט־אויפזעער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז עזריאל טאַס־קאַני האָט עפּעס צו דרייסט געפאָדערט, אַז ער וויל גיין צו מאָנסעניאָר טשענ־טשי. עס איז אים באַפאַלן אַ שרעק. ווער ווייסט, וואָס דער ייד האָט דאָרטן צו טאָן מיט דעם מאָנסעניאָר אפשר האָט ער טאָקע געדאַרפט עפּעס איבער־געבן. ער קאָן נאָך טייער באַצאָלן דערפאַר, זיין פאַרטראַכטע אָפּהענטיקייט האָט מיט אַמאָל פאַרהאַלטן די אַנדערע. ער האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט צונויפגעזשמורעטע אויגן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער גמבע, ווי ביי אַ באַליי־דיקטן בייזן הונט. ער איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען און די אַנדערע נאָך אים.

ער איז אַוועק צו די אַנדערע יידן, וואָס האָבן אַווילע אויפגעהערט אַר־בעטן. ער האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשרייען זיין שרעק.

— די וואָס וועלן נישט אַרבעטן, וועט מען אַרויסשיקן פון שטאָט און צונעמען דעם פאַרמעגן. געדענקט דאָס!

דער משומד משה גאַלאַטי האָט שוין מער דאָ נישט געדאַרפט זיין. דער הויפּט אויפזעער האָט אים אינגאַנצן אויסגעמיטן, ווי ער וואָלט אים געגעבן אַן אַנצוהערעניש:

— "דו האָסט אָפּגעטאָן דיינס, איצט קאָנסטו גיין"!

דערצו האָט אים עזריאל טאַסקאַני דערמאָנט דעם מאָנסעניאָר טשענ־טשי, וואָס האָט אים באַפוילן, ער זאָל היינט קומען צו אים.

משה גאַלאַטי האָט פּאַמעלעך גענומען אַוועקגיין פון דער סאַקראַ־וויאַ גאַס. דורכגעשפּאַנט דעם טיטוס־טויער צום טשענטשי פּאַלאַץ. דאָס וואָס עזריאל טאַסקאַני האָט דערמאָנט דעם מאָנסעניאָר טשענטשי, איז אים נישט אַרויס פון זינען. ווער ווייסט, אפשר האָט יענער מיט אים פאַרבאָרגענע עסקים, און דאָס וואָס ער קאָן נישט אַרויסקריגן פון אים, קריגט ער פון דעם געלט־לייער עזריאל טאַסקאַני. דער מאָנסעניאָר וויל וויסן וויפל געלט די יידן פאַרמאָגן אין געטאָ. די אַפּאָסטאָלישע קאַמער דאַרף האָבן אַ סך געלט. וויפל מאַראַנען עס געפינען זיך אין דער פויפּסטלעכער מלוכה, וואָס דער וואַטיקאַן ווייסט פון זיי נישט. ווער עס העלפט די יידן, צי זיי קריגן הילף פון אַנדערע לענדער.. נישט אַלץ קאָן ער געוואויר ווערן, משה גאַלאַטי. ער האָט מורא צו קומען אין געטאָ אַריין, עמעץ זאָל אים נישט דערהרגענען. כאָטש די יידן האָבן נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געטאָן, פונדעסטוועגן קאָן עס פּונקט ביי אים טרעפן, און ער האָט מורא איינצושטעלן. ער האָט שוין נישט איינמאָל גע־פּרוווט אָפּשטעלן די שמאַטע־הענדלער אויף די רוימישע גאַסן, נאָר זיי אַנט־לויפן פון אים ווי פון אַ פייער. דער גביר עזריאל טאַסקאַני ווייסט טאָקע מער

פון אים. די שרעק אין אים איז געשטיגן וואָס־נענטער ער איז געקומען צום פּאַלאַץ. ער איז פאַרמשפּט צו בלייבן דער אָנפירער פון אַזאַ ביטערער אַרבעט, ביי דער ברידערשאַפט פון הייליקן יוסף, וואָס דאַרפן שמדן די יידן.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט גענומען נאָכטראַכטן וויפיל די יידן פאַרמאָגן, ער זאָל קאָנען צושטעלן אַ שטיקל באַריכט דעם קאַסירער פון דער אַפּאָסטאָלישער קאַמער. די יידן האָבן געהאַט אַ סך גיטער אין דער פּויפּסט־לעכער מלוכה וואָס זיי האָבן גיך געמוזט פאַרקויפן אין משך פון עטלעכע חדשים, ווי עס האָט גוזר געווען דער איצטיקער פּויפּסט. זיי האָבן אָנגענו־מען בלויז אַ פינפט־חלק פון דעם ריכטיקן ווערט. פונדעסטוועגן האָבן זיי נאָך אַריינגעקראָגן געגנוג געלט, פינף הונדערט טויזנט סקודיס. ווער עס האָט גע־האַט אַביסל געלט האָט אַריינגעקראָגן פאַר אַ שיבוש יידישע גיטער. די וואָ־טיקאַן־מענטשן זיינען רייך געוואָרן. איצט איז די פראַגע, וויפיל קאָנען נאָך די יידן פאַרמאָגן. ער וואָלט געדאַרפט אויסגעפינען וויפיל עס פאַרמאָגן די צוויי הונדערט גרעסערע און קלענערע געלט־לייער, וואָס האָבן זיך אײנגאָנצן ווי עפּעס איינגעשרומפּן און מען ווייסט פון זיי גאָרנישט.

ביי משה גאַלאַטי האָט געאַרבעט דער מוח, אָבער פון אַלע זיינע חש־בונות איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, מחמת די אַלע זאַכן ווייסט שוין דער קאַסירער. אויב ער זאָל ווייטער רעדן וועגן דעם, וועט אים דער קאַסירער אַרויסוואַרפן פון זיין פּאַלאַץ... ער דאַרף האָבן עפּעס אַ ריכטיקן פּלאַן. ער האָט גענומען גיין פּאַמעלעך, ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס.

דער ריזיקער פעסטונג־פּאַלאַץ מיט די שמאָלע פענצטערלעך, טיף אַריינגעזעצט אין די שווערע שטיינערנע ווענט, איז געשטאַנען באַוואַכט. צוויי וועכטער אין שטאָלענע פּאַנצערס מיט לאַנגע שפּיצן־העק זיינען געשטאַנען שטייף ביי די זייטן פון דעם שטיינערנעם טויער.

ביי משה גאַלאַטי האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. אַלעמאָל, ווען ער דאַרף אַריינגיין אין דעם אימהדיקן פּאַלאַץ, קלאַפּט אים דאָס האַרץ, כאָטש ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער דאַרף זיך שרעקן. נאָך אַלעס איז ער שוין נישט מער קיין ייד פון געטאָ, וואָס יעדער רוימער קאָן אים שלעכט באַהאַנדלען ווי עס גלוסט זיך זיי. פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן אַ שרעק, ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן געוואוינט צווישן פרעמדע. ער מוז היטן יעדן טריט, עמעצער זאָל אים נישט שלעכט טאָן, ווען ער זעט נישט, אָדער אים פאַרנאַרן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח. ער דאַרף נישט אַרויסווייזן יעדן וועכטער זיין פאַר־לוירנקייט. ער האָט הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דרייסט אַרויפגעשפּאַנט **צום טויער.**

די וועכטער האָבן שוין געקענט דעם משומד. זיי האָבן מיט אַן איבער־

געטריבענעם אַנשטעלערישן דרך־ארץ געמאַכט פאַר אים אַ דורכגאַנג צום פּאַלאַץ, אים נישט איבערגעפרעגט, ווי זיי וואָלטן שוין געוואוסט, אַז דער מאַנסעניאָר וואַרט אויף אים.

עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער פינצטערער דורכגאַנג, הויך און הויל, ווי אין די טיפענישן פון אַ באַרג־הייל. ערשט ביים סוף האָט ווידער אויפגעליכ־טיקט אַ שאָטנדיקער אָפשיין פון טאָג־ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן די שווערע אייזערנע גראַטעס פון דער בריק־טיר ביים הויף.

ער האָט שוין געהערט ווי די אייזערנע גראַטעס הויבן זיך אויף אויף זיי־ערע קייטנשטריק, אַנגסטלעכע קרעכצן פון סקריפּנדיקע קייטן האָבן זיך טיף אין דער הוילקייט פון די ווענט אַרויסגעטראָגן, די קייטן האָבן זיך דאָרט געביסן מיט זייערע שטאָלענע רינגען, די גראַטעס זיינען פאַרשוואונדן, אַ בריקל פון צונויפגעפּרעסטע באַלקעס האָט זיך אויסגעלייגט איבער אַ פינצטערן אָפּגרונט.

דער משומד משה גאַלאַטי איז מיט גרויס שרעק אַריין אין דעם הויף. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט חרטה געהאַט, וואָס ער דאַרף דאָ אַריינקומען, אין דעם תפיסה־הויז, וועמען ווייסט וויפל מענטשן זיינען דאָ אומ־געקומען, און זייערע ביינער ליגן פאַרטריקנט אין די אונטערערדישע הייל, וואָס קיינער ווייסט נישט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

פון די זייטיקע שטאַלן האָט זיך געהערט דאָס הירזשען פון פערד. דער געשטאַנק פון פערד־מיסט און טוכלעקייט פון האָבער האָבן אים אַ שלאָג גע־טאָן פאַרן נאָז. משה גאַלאַטי האָט אָפּגעדעכט. עס האָט אים דערמאַנט, אַז דאָ אין פּאַלאַץ איז דאָ אַ רירעוודיק לעבן. טיף אין הויף האָבן זיך שטיקלעך זון־שיין געשפּילט אויף די גראַניטענע קאָלומנעס, אַרום דעם הויפל האָבן זיך פון די אָפענע טויערדיקע קאָרידאָרן געהויבן באַלקאָנען אויף באַלקאָנען, אויף יעדן גאָרן.

משה גאַלאַטי האָט גענומען שפּאַנען מיט די שטיינערנע טרעפּלעך צום פּאַדער־זאַל. אין גרויסן פּאַדער־זאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע לייב־וועכטער, לייכט־באַוואָפנט, מיט שטעכערס אַנגעהאַנגען אויף די געפּאַסטע טוניקעס. די דינער האָבן זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים, ווי פאַר אַ געהויבענעם גאַסט, און אים אָנגעוויזן אַן אָרט זיך אַוועקצוזעצן, און איינער פון זיי איז געגאַנגען אָנזאָגן דעם מאַנסעניאָר וועגן זיין אָנקומען.

משה גאַלאַטי האָט זיך מיט אַן איינגעהאַלטענעם זיפץ אַוועקגעזעצט. ער האָט מיטאַמאָל ווי דערפילט, אַז דער היינטיקער באַזוך זועט אויף ווייטער באַשטימען זיין גורל. אָדער עס גייט אויף אים אַן אומגליק, דער מאַנסעניאָר וועט אים אויף שטענדיק צוריקוואַרפן צו זיין אומגליקלעכער דינסט אין דער

ברודערשאַפט פון הייליקן יוסף, אָדער ער וועט גיין גרויס. דער מאָנסעניאָר קאָן אים דערהויבן אויף אַ גוטן פּאָסטן אין וואַטיקאַן. דערפאַר דאַרף ער וויסן ווי אַזוי צו רעדן, גוט אויסטאַפּן דעם מאָנסעניאָרס געדאַנקען, ווייל דער מאָנסעניאָר איז כיטרע, קלוג. דער עיקר דאַרף ער אַרויסווייזן זיין אונ־טערטעניקייט, זיין גרויס גליק, וואָס ער קאָן דינען דער קירך, און דעם קירכ־לעכן פּרינץ, דעם מאָנסעניאָר טשענטשי.

די אומהיימלעכקייט פון זאַל האָט נישט דערלאָזט קיין ברעקעלע פריי־לעכקייט אין זיין האַרץ. אַ פאַרשטיינערטע קאַלטקייט האָט אַראָפּגעגליווערט פון די הויכע גראָע ווענט. דאָ און דאָרט זיינען געהאַנגען טעפּיכער, וואָס זיי־נען פון אַלטקייט פאַרבלאַסט געווען און געקראָגן אַ גראָקייט ווי די ווענט. פון די לאַנגע פענצטער, באַהאַנגען מיט שווערע פאָרהאַנגען, איז קוים, קוים אַריינגעפאַלן אַ ביסל ליכט. די הויכע אַלטמאָדישע בענק מיט גרינלעכע אויס־געבעטע אַנלען־ווענטלעך זיינען געשטאַנען צוגעפּרעסט צו די ווענט, בענק מיט אויסגעקריצטע הערבן אויף די געשניצטע גזימסן.

אינמיטן זאַל איז געשטאַנען אַ שטיינערנער טיש, ווי אין די עלטסטע רוי־מישע הייזער, פּונקט אַנטקעגן דעםברייטן קופּערנעם בעקן, וואו עס האָבן זיך געזשאַרעט גליענדיקע קוילן. משה גאַלאַטיס בליקן האָבן זיך ווי צוגע־גליווערט צו יענעם טיש, וואָס איז ווי אַרויסגעוואַקסן פון שטיינערנעם דיל. עס איז אים געוואָרן אומעטיק, ווייל עס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט דער מאָנסעניאָר זאָל אים הייסן אַזוי לאַנג וואַרטן. דאָס איז דער ערשטער סימן, אַז ער קאָן קיין סך גוטסקייט נישט דערוואַרטן. ער האָט זיך שוין גענומען שעמען פאַר דער דינערשאַפט, וואָס זעען זיין שפלות. ער האָט זיך איינגע־קאָרטשעט, ווי צו ווערן קלענער. די דינער זיינען געשטאַנען אויסגעדרייט פון אים מיט די רוקנס, ווי עפּעס אַן אומוויכטיקע באַשעפעניש וואָלט דאָ גע־וואָרט. קיינער, הייסט עס, שאַצט נישט אָפּ זיין געטריישאַפט. פון די יידן איז ער אַוועק און די פרעמדע דערנידעריקן אים. ווייזן אַרויס צו אים אַ פאַלשן דרך־ארץ, הינטער די אויגן, אפשר לאַכן זיי פון אים, האַלטן אים פאַר אַ פאַרקויפטן מסור, וואָס דערדריקט זיינע אייגענע ברידער. פון די אַלע געדאַנקען איז אים געוואָרן ענג אין ברוסט. אַ שווייס האָט אַרויסגע־זעצט אויף זיין שטערן. וואָס האָט ער דאָס געמאַכט פון זיין לעבן! ער האָט גע־וואָלט זיך אויפהויבן העכער פון זיינע ברידער אין געטאָ, איצט איז ער גע־וואָרן אַ געמיינער מסור. גערעכט זיינען די יידן, וואָס האָבן אים פיינט, זיינע ליפּן האָבן אים גענומען טריקענען. די קעל האָט אים געברענט. ווען ער האָט כאָטש מיט וואָס צו באַנעצן דעם האַלדז, מיט אַ ביסל וויין זיך צו שטאַרקן, וואָלט עס געווען פאַר אים אַ גרויסע הילף. ער זאָל נאָר נישט פאַלן פון די

פּיס, ווען דער מאַנסעניאַר וועט אים רופן.

עס האָבן זיך מיט אַמאָל געהערט טריט. דער דינער איז אַרויסגעקומען פון דעם דורכגאַנג זאַל און הויך אויסגערופן:

— זיין גנעדיקייט, דער מאַנסעניאַר טשענטשי, באַוויליקט אייך אויפצונעמען.

משה גאַלאַטי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אויסגעגלייכט און גענומען נאָכשפּאַנען דעם דינער. אויף זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט אַ באַליידיקטער שמייכל. דער מאַנסעניאַר האָט גאָר באַוויליקט! ער האָט נאָך אים געשיקט, טוט ער אים אַ טובה און ער לאָזט אים אַריין . . .

אין דעם דורכגאַנג זאַל האָט זיך געפונען אַ קאַלירטער באַלדיכאָן, וואָס איז גוט אָפּגעהיט געוואָרן, עס זאָל דערמאָנען די באַזוכער, אַז דאָס הויז איז פון די געציילטע פאַמיליעס אין רוים, וואָס אַמאָל פלעגט דער האַר דאָ זיצן הינטער דער זיידענער חופּה און משפּטן זיינע אונטערטאַנען.

דער דינער האָט אַ צי געטאָן דעם טראָלד פון די פּאַרטיערן ביים טיר און זי געעפנט. משה גאַלאַטי איז אַריין און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרגליווערט דערשראָקן מויל. דער מאַנסעניאַר איז אַרומגעלאָפן איבערן זאַל מיט אַ בייז פאַרפינצטערט פּנים. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט ביי זיין אַריינקומען, נאָר געלאָפן ווי אַ צערייצטער לייב אין אַ שטייג.

משה גאַלאַטי האָט זיך צורעקגערוקט צו דער טיר, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אפשר האָט דער דינער אים אַריינגעשטעלט און דער מאַנסעניאַר ווייסט דערפון גאָרנישט? אפשר זאָל ער אַרויסגיין ביז זיין צאָרן וועט איבערגיין.

דאָ אין דעם צימער האָט אים נאָך אויסגעוויזן צו זיין נאָך קעלטער, אומהיימלעכער ווי אין דעם וואַרט־זאַל. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון קעלט, כאָטש פּונקט קעגנאיבער האָט געפלאַקערט דער קאַמין, געוואָרפן ציטערדיקע שאָטנס אויף די ווענט, וואָס אויף זיי זיינען געהאַנגען גרויסע בילדער אין באַגילדעטע אויסגעשניצטע ראַמען, וואו גרויסע שלאַכט־העלדן אין אַמאָליקע מלחמה־קליידער זיינען געשטאַנען ווי צעשטעלטע ווענטלעך מיט שפּיזן אויסגעשטרעקט קעגן חיילות, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון אָפענע שטאָט מויערן.

מיט אַמאָל האָט זיך דער מאַנסעניאַר אָפּגעשטעלט פון צעטראָגענעם ווילדן געלויף. דער מאַנסעניאַר האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַן ערנסט פרעמד פּנים, ווי ער וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל געזען.

משה גאַלאַטי האָט צוגעדריקט די הענט ווי אַ קרומען צלם אויף דער

ברוסט און זיך טיף פאַרנייגט.

— איך בין געקומען אייך דינען, הויכער פּרינץ פון דער קירך, מאָנ־סעניאָר.

דער מאָנסעניאָר איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש, וואָס איז געווען פיר־עקעדיק, מיט געבעטע שטולן פון דריי זייטן און אָפן פון פאָרנט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסצוהערן דעם משומד גאַלאַטי. ער האָט אַרונטערגע־לאָזט די אויגן צום טיש, אָבער זיין קורץ געשוירן בערדל איז געווען צע־שפּיזט ווי ביי אַ יאָזשעק אַרום זיין געמבע מיט אַ שטעכיקער רציחה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבן אָן. ער האָט אָנגעלענט זיינע הענט אויפן טיש, באַטראַכט דעם משומד און גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ. אויף זיין פּנים איז געווען אַ זויערע פאַרקרימטע גרימאַסע, ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם אורטייל.

— זאָלסט וויסן, סעניאָר גאַלאַטי, אַז אין וואַטיקאַן איז מען זייער אומ־צופרידן מיט דיר, זייער אומצופרידן!

ביי משה גאַלאַטין האָבן זיך אַזש אונטערגעבראָכן די קני. ער איז גע־וואָרן נאָך קלענער ווי געוויינלעך.

—גרויסער דערבאַרעמדיקער קריסטוס, אַלמעכטיקער! וואָס האָב איך דאָס געטאָן אַזעלכעס, נישט גוט? — האָט ער גענומען שטאַמלען מיט אַ פאַר־שטיקטן האַלדז.

— דער אומגליק איז, וואָס דו טוסט בלויז שלעכטע זאַכן, אָדער דו טוסט גאָרנישט, סעניאָר מאָזע גאַלאַטי, — האָט ער געזאָגט, קוועטשענדיק זיין טאָן אויף דעם יידישן נאָמען, מאָזע.

משה גאַלאַטי האָט פאַרצווייפלט צענומען די הענט ווי אָפּגעבראָכענע פליגל. ער האָט שוין געזען, אַז אַ גרויס אומגליק גייט אויף אים, און דער אומגליק איז מסתמא געקומען ווי אַ מסירה פון די יידן, אָדער פון די מאַראַ־נען, וואָס זייער איינפלוס גרייכט ווייט. עס האָט זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. וואָס וועט ער איצט טאָן? דער מאָנסעניאָר זאָל אים אַראָפּזעצן ני־דעריק ווי דעם אָרעמסטן אין דער ברודערשאַפט פון הייליקן יוסף. אים וועט אויסקומען זיך צו וואַרפן אין טיבער־טייך. ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז אים איז די גאַנצע צייט ערגער ווי די יידן פון געטאָ, וואָס ווערן אָפן גע־שלאָגן מיט בייטשן. זיי האַלטן זיך צוזאַמען, די וועלט נעמט זיך אָן פאַר זיי, ווי דער טערקישער סולטאַן סולימאַן. אָבער ער איז אַריינגעפאַלן צו דינען אַזאַ קאַלטן רוצח וואָס צאַפּט זיין בלוט. וואָס ער זאָל ניט טאָן, וויפיל ער זאָל נישט העלפן אים צו דערטרינקען זיינע אייגענע ברידער, איז ער אומצופרידן און גלויבט אים נישט ווי ער וואָלט אים געהאַלטן פאַר אַ מאַראַן.

— טאָג און נאַכט טראַכט איך נאָר ווי צו דינען אייך, צו דינען דער קירך, גנעדיקער מאָנסעניאָר.

דער מאָנסעניאָר האָט זיך בייז אויפגעשטעלט, אָנגעכאַפּט מיט זיינע שטאַרק ציטערנדיקע הענט דעם זילבערנעם ווייַן־בעכער ביי די צוויי הענטלעך, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. ער האָט דעם בעכער אַ זעץ געטאָן אין טיש.

— יאָ פון אַ גאַנץ יאָר אַרבעט האָסטו אָוועקגעשלעפּט אַ טראַגנדיקע מויד אין קאַטאַכיסטן הויז.

— עס איז זיי שווער צו שמדן. זיי זיינען איינגעשפּאַרט. עמעץ שטיצט זיי פון ערגעץ... קוים די איינע געקראָגן פאַר דער פּסח־צערעמאָניע, אָנצוהאַלטן דעם שיינעם מנהג אין רוים, צו שטאַרקן די אמונה ביים זינדיקן פאָלק.

דער מאָנסעניאָר האָט זיך ווידער אָוועקגעזעצט.

— עמעץ שטיצט זיי פון ערגעץ. דער סולטאַן סולײמאַן האָט שוין געשיקט שטאַפעטן, מען זאָל צורו לאָזן זיינע אונטערטאַנער . . .

דער משומד משה גאַלאַטי האָט געזען, אַז דער צאָרן איז פון מאָנסעניאָר שוין אָוועק. איצט קאָן ער מיט אים רעדן, און ווייזן זיינע ידיעות.

— דאָס איז נישט בלויז דער סולטאַן, דאָס איז די רייכע גראַציע מענדעזע, די קירך האָט פאַרזען, זי אַרויסגעלאָזט מיט אַ פאַרמעגן קיין טערקיי, דער סולטאַן סולײמאַן ווערט רייך פון איר . . .

— אַ נייס דערציילט ער דאָ, סעניאָר מאָזע: מען ווייסט שוין וועגן דעם, — האָט דער מאָנסעניאָר אָוועקגעמאַכט דעם משומדס רייד, ווי ער וואָלט געערדט די גרעסטע נאַרישקייטן.

—אָבער גענדיקער מאָנסעניאָר, גראַציע מענדעזע, די רייכע אַלמנה אין טערקיי, האָט נאָך אירע מענטשן אין דער פּויפּסטלעכער מלוכה. די געשעפטס־הייזער אין אַנקאָנאַ. פאַרוואָס שווייגט דער פּויפּסט, אונדזער הייליקער פאָטער ? . . .

דער מאָנסעניאָר האָט אָפּגעזיפצט, גענומען רעדן ערנסט, ווי מיט זיינס גלייכן, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל פאַרגעסן, אַז דאָ שטייט פאַר אים זיין שלימזלדיקער משרת.

— ווידער די זעלבע זאַך. דער סולטאַן סולײמאַן, ער שטייט שטאָל און אייזן פאַר זיי, פאַר די יידעלעך, ער האָט ליב יידעלעך, דער טערק . . .

משה גאַלאַטי האָט זיך פאַררויטלט פון די לעצטע אָפּשפּעטנדיקע רייד. ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם מאָנסעניאָרס אָפּלאַכערישע אויגן, וואָס כאָטש זיי זיינען שוין איצט געווען גוטמוטיקער. גאַלאַטי האָט אַ פאַרשעמטער

אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער מאָנסעניאָר האָט זיך אָנגעלענט מיט זיין רוקן אויף דעם פּורפּור־רויטן אויסגעבעטן ווענטל פון זיין קאַנאַפּע, מיט די אויסגעפּוצטע זילבערנע פיסלעך. ער האָט גענומען רעדן זיינע געדאַנקען הויך, ווי צו זיך אַליין.

— דעם סולטאַן, דעם כיטרען טערק, דאַרף מען געבן וואָס ער וויל. איאָ, מען דאַרף? — האָט ער פלוצים זיך געפרעגט ביים משומד.

משה גאַלאַטי האָט זיך פריער ווי דערשראָקן פאַר דער פראַגע, וואָס גראַדע אים פרעגט ער וועגן אַזעלכע גרויסע זאַכן. אפשר וויל ער אים ווייטער אָפּטאָן אַ שפּיצל? אָבער דעם מאָנסעניאָרס ערנסטע, אין ערגעץ פאַרבלאָנדזשע־טע טרויעריקע אויגן האָבן אים געגעבן דרייסטקייט. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט ביי דער לינקער זייט, אויף דער ווייכער, געבעטער שטול, און שטיל געפרעגט:

—וואָס וויל דער שונא פון קריסטוסן, דער סולטאַן?

— ער וויל דער פויפּסט זאָל אים פאַרגעבן זיינע אָנפאַלן אויף דעם קריסטלעכן אונגאַרן. ער וויל דאָס אינדזעל סיציליע, וואָס די שפּאַניער האָבן צוגערויבט פון אונדזער לאַנד. אַז נישט, וועט ער ליב האָבן די יידעלעך, און לאָזן די שפּאַניער אונדז אויפעסן . . .

דער מאָנסעניאָר האָט זיך ווידער צאָרנדיק אויפגעשטעלט.

— זאָלן מיר הייסן דעם הייליקן פאָטער דאָס טאָן? מעגן מיר? אויב מיר גיבן דאָס נישט דעם סולטאַן, קאָנען מיר די יידן גאָרנישט טאָן, גאָר נישט.

דער מאָנסעניאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בייז פרעגנדיק פּנים, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— איך ווייס ביט גנעדיקער מאָנסעניאָר, — האָט משה גאַלאַטי גענומען שטאַמלען.

— דו ווייסט נישט! וואָס דען ווייסטו? ווילסט שוין אויך באַשיצן דיינע יידעלעך . . .

דער מאָנסעניאָר האָט גענומען לויפן איבערן זאַל.

— איך ווייס, אַז מענדעזעס געשעפטס־פירער יוסף מאַראָ האָט דעם סולטאַן איבערגעקויפט. ער פירט זיך דאָ אין לאַנד ווי אַ פּרינץ, — האָט ער אים נאָכגעיאָגט מיט זיינע רייד איבערן זאַל.

— נישט בלויז מענדעזעס הענדלער האָט אים איבערגעקויפט. די יידן פון דער פויפּסטלעכער מלוכה שיקן אים געלט. דו האָסט געדאַרפט וויסן ווער זיי זיינען. דאָס געלט דאַרפן מיר צו מאַכן די פויפּסטלעכע מלוכה גרויס, גרע־סער ווי אַלע מאַכטן אויף ים און ערד.

משה גאַלאַטי האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געזען, אַז ער קאָן מיט גאָרנישט באַגיטיקן דעם צאָרנדיקן מאַנסעניאָר, וואָס וויל פון אים זאַכן, וואָס ער קאָן נישט אויסגעפינען, צי ווייל די יידן היטן זיך פאַר אים, צי די אַלע זאַכן, וואָס ער זאָגט דער מאַנסעניאָר, זיינען אויסגעקלערט פון קאָפּ. ער האָט מיט אַמאָל זיך דערמאָנט אַז דער גביר עזריאל טאַסקאַני, האָט געבעטן, אַז ער וויל זען דעם מאַנסעניאָר. איז אפשר דאַרף ער אים עפּעס גאָר וויכטיקס איבערצוגעבן, וואָס דער מאַנסעניאָר וועט אָפּשאַצן, און דערמיט אַביסל פאַרלינדערן דעם מאַנסעניאָרס צאָרן צו זיך. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעבויגן צום אָרומשפּאַנענדיקן מאַנסעניאָר און געזאָגט.

— אפשר ווייסט עמעצער פון געטאָ. דער געלט־לייער טאַסקאַני האָט ביי דער וויאַ אַפּיאַ זיך געריסן, ער וויל זען דעם מאַנסעניאָר.

דער מאַנסעניאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, נאָכדעם האָבן ביי אים די אויגן אויפגעלויכטן, ווי אַ טייערער געדאַנק וואָלט דורכגעלאָפן זיין שמאָלן גערונצלטן שטערן.

ער איז גיך צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַ שלעפּ געטאָן אַ טראָלד ביי די פאָרטיערן. אַ גלעקל האָט זיך צעקלונגען. אַ דינער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער האָט עפּעס שטיל געזאָגט צום דינער. דער דינער איז גלייך פאַרשוואונדן.

דער מאַנסעניאָר איז אומרואיק צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָוועקגערוקט די שווערע גאַרדינען, פון די ווייטלעכע שטאַלן האָבן אַרויסגעריטן עטלעכע רייטער, אָנגעטאָן אין שלאַכט־קליידער מיט די שטאַלענע פאַנצערס. דער שטאַל־מייסטער האָט זיי באַגלייט ביז צום אַרויסגאַנג, געגלעט די אויסגעבאַרשטע ברוינע שאַרלעכע פעל פון די פלינקע פערד.

אויפן הויף איז ווידער געוואָרן שטיל. די שטילקייט האָט ווי צוזאַמענגעפּרעסט די שווערע ווענט פון זאַל. דער מאַנסעניאָר האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין געדאַנקען, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז נאָך עמעצער געפינט זיך אַרום אים.

משה גאַלאַטי האָט זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט אויף זיין שטול. דאָס הויכע ווענטל האָט אים ווי פאַרשטעלט. ער האָט געוואָלט דער מאַנסעניאָר זאָל אים נישט באַמערקן, ער זאָל אים איצט נישט הייסן אַרויסגיין. ער האָט געוואָלט זיין, ווען מען וועט ברענגען דעם געלט־לייער עזריאל טאַסקאַני, און הערן, וואָס ער וועט זאָגן.

דער מאַנסעניאָר האָט זיך דערמאָנט אין דעם משומד. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן אים און אים ביטולדיק באַטראַכט. גאַלאַטי האָט גענומען גלעטן דעם צלם, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין ברוסט, ווי דאָס וואָלט גע־

ווען זיין איינציקע באַשיצונג אין דעם קאַלטן, גרויזאַמען הויז.

די שווערע שטילקייט האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעהאַקט. עס האָט זיך געהערט אַ לאַנגזאַמע טופּעריי פון פערדישע טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט פון דעם לאַנגען דורכפאַר־הויז צום הויף.

דער מאַנסעניאָר האָט זיך גיך געלאָזט צום פענצטער, און כמעט מיט פרייד אויסגעשריען:

— זיי פירן אים דעם ייד!

משה גאַלאַטי האָט מיט דערלייכטערונג אָפּגעזיפצט. ער האָט געזען, אַז דער מאַנסעניאָר האָט גאַרנישט קעגן דעם, וואָס ער בלייבט מיט אים. גאַלאַטי האָט זיך שוין דערפילט אַזוי פריי, אַז ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער און אַרויסגעקוקט.

די רייטער זיינען אַריינגעריטן אין הויף. צווישן די רייטער האָט זיך נאָכגעשלעפּט, ווי אַ פּעקל פאַרקנוילט אין אַ נאָכהענגנדיקן פאַרשמירטן כאַלאַט, דער גביר עזריאל טאָסקאַני. די רייטער זיינען אַרונטערגעשפּרונגען פון די הויכע פערד, אָפּגעבונדן די שטריק און זיי לויז געמאַכט פון דעם קערפּער, וואָס האָט אַרומגעפּרעסט דעם גביר עזריאל טאָסקאַני.

עזריאל טאָסקאַני איז געבליבן ליגן אויף די שטיינער און שווער געדעכעט. איינער פון די דינער איז גיך צוגעלאָפן צום פאַנטאַן, וואו אַ לייב האָט אַרויסגעשפּריצט וואַסער פון זיינע ציין. ער האָט אָנגעשעפּט אַ קענדל וואַסער און אַ גאָס געטאָן אויף טאָסקאַנין. עזריאל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פינצטערן שלאָף. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אָפּגעזיפצט און גענומען ווישן די אויגן.

דער מאַנסעניאָר האָט אַריינגערופן אַ דינער און צו אים שטרענג געזאָגט:

— שטאַרק אים מיט וויין, באַהאַנדל אים גוט, און ברענג אים גלייך אַהער!

דער דינער האָט זיך פאַרנייגט און זיך געלאָזט גלייך לויפן. ער איז געלאָפן צו דער וויטלעכער קיך. פון דאָרט איז ער צוריק אַרויסגעקומען מיט אַ סאַרווער, וועלכער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קרוג מיט וויין, און פּאַמעלעך אַרומגעווישט דאָס געשוואָלענע פּנים פון עזריאל טאָסקאַני. דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן אַ בעכער מיט וויין, און האַלטנדיק דעם בעכער ביי די צוויי הענטלעך אים צוגעשטופּט צו עזריאל טאָסקאַניס מויל. עזריאל טאָסקאַני האָט גענומען שמעקן מיט די נאָזלעכער, פאַרפּרעסט די ליפּן, אָפּגעשטופּט דעם בעכער פון מויל, און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

דער דינער האָט שוין געזען, אַז דער ייד איז גענוג שטאַרק, אַז ער זאָל אים קאָנען ברענגען פאַר זיין באַלעבאָס דעם מאַנסעניאָר. די דינער האָבן

אים אַ נעם געטאָן הינטער די אָרעמס און אים געטראָגן אינדערלופטן צום מאַנסעניאָר אין אויפנעם־זאַל אַריין.

דער מאַנסעניאָר האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער, זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן אויף דער ווייך־געבעטער שטול מיט דעם ווײַנרויטן ווענטל. באַלד האָבן די דינער אַריינגעבראַכט דעם גביר עזריאל טאָסקאַני, אים אַוועקגע־זעצט ווייט פון טיש, ביי דער וואַנט, קעגנאיבער דעם מאַנסעניאָר.

ערשט איצט האָט דער מאַנסעניאָר געקאָנט זען ווי שטאַרק די אויפ־זעער האָבן צעשלאָגן דעם שטאָלצן, רייכן עזריאל טאָסקאַני. זיינע נאַסע אויסגעצוואָגענע קליידער זיינען געווען צוגעקלעפּט צו זיין לייב. זיין קיילעכ־דיק צושלאָגן פּנים מיט דעם שוואַרצן בערדל האָט געהאַט אַ זקנהשע אַלט־קייט. שוואַרצע צייכנס האָבן ווי אַנגעשוואָלענע אָדערן מיט פאַרגליווערט שוואַרץ בלוט זיך געקרייצט אויף עטלעכע ערטער איבערן פּנים.

דער מאַנסעניאָר האָט אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט, אַז די דינער קאָנען אַרויסגיין. די דינער האָבן צוגעדריקט עזריאל טאָסקאַנין צום אַנלען פון דער גרינלעכער באַנק, ער זאָל פון שוואַכקייט נישט אומפאַלן.

דער מאַנסעניאָר האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און פאַמעלעך מיט אַ געמאַכטער ביי‌גערי‌קייט זיך געפרעגט:

— צוליב וואָס ווילסטו מיך זען, ייִד?

עזריאל טאָסקאַני האָט זיפצנדיק אַ צי געטאָן דעם אָטעם, ווי אים וואָלט אויסגעפעלט לופט. ער האָט דערזען דעם משומד משה גאַלאַטי זיצן ווי צו־געפרוירן צו דער שטול. ער האָט דערפאַר פאַרשטאַנען, אַז קיין סך וועט ער שין דאָ נישט קאָנען אויפטאָן. זיין גורל און דער גורל פון זיינע ברידער איז פאַרחתמעט. טאָסקאַני האָט אַ לאַנגע ווילע אַנגעקוקט די צוויי מענטשן, וואָס זיינען געזעסן קעגן אים מיט אַ געוועלטנדיקן כוח, קעגן וועלכע ער האָט נישט מער קיין שום מיטלען זיי גובר צו זיין. ער האָט מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו רעדן. אַלע זיינע פּלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן די לעצטע טעג, זיך דורכצורעדן מיטן מאַנסעניאָר, זיינען צערונען געוואָרן. ער האָט זיך פונדעסטוועגן אַנגענומען מיט אַ ביסל כוחות און מיט אַ גע־בראָכענער שטימע געפרעגט:

— איך האָב געוואָלט זען דעם גנעדיקן מאַנסעניאָר צו וויסן, וואָס מען וויל פון אונדז? וואָס האָט מען צו מיר?

— צוליב דעם האָסטו זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן, ווען דער שונא לויי־ערט אויף אונדז? ווייסטו, וואָס עס קומט דערפאַר?? מיר קאָנען דיר צונעמען דעם פאַרמעגן און אַרויסטרייבן פון רוים, באַגלייך מיט אַלע שלעפּער, וואָס פוילן זיך צו אַרבעטן, — האָט דער מאַנסעניאָר געזעדט געלאַסן און אים ווי

געדראָט מיט דעם ווייז־פינגער.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך מיט אַן אויפגעוואַכטן אומרו אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ נייע קראַפט אין זיינע פיס.

—גנעדיקער מאָנסעניאָר, איר וועט דאָס נישט טאָן. די רוימישע געזעצן פאַרבאָטן אייך צו טאָן אַזאַ זאַך. איר ווילט דאָך נישט מאַכן די וועלט הפקר.

— האַ? אַזוי... די רוימישע געזעצן און זיין אַ שונא שטיצן דעם סולטאַן, הייסן אויך די רוימישע געזעצן? און באַהאַלטן אַ קריסטלעכע נשמה אין הויז, האַ? זאָג דו ייִד! — האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אין טיש.

עזריאל טאָסקאַני האָט געשוויגן.

— וואָס שוויגסטו? ענטפער, יודאָש ! . . .

דער מאָנסעניאָר האָט זיך גלייך צוריק באַרואיקט, ווי אַלע זיינע צאָרנ־דיקע רייד וואָלטן געווען בלויז אַן אָנשטעל. ער האָט זיך געווענדעט צום משומד משה גאַלאַטי, וואָס איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט אויפן שטול.

— איז אמת, אַז דאָס מיידל האָט זיך מודה געווען, אַז ער, דער ייִד טאָס־קאַני, האָט זי נישט געלאָזט ווערן קיין קריסטין, צו וועלכן איר האַרץ שטרעבט שוין פון לאַנג ? . . .

משה גאַלאַטי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט דערשראָקן גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ.

— אמת, אַלץ איז אמת וואָס דער מאָנסעניאָר זאָגט.

דער מאָנסעניאָר האָט זיך צעשמייכלט, אַוועקגעשאָרט די וואָנסעלעך פון זיינע פליישיקע תאוודיקע ליפּן.

— ווייסטו, וואָס עס קומט דערפאַר? איך קאָן דיך איבערגעבן דער אינקוויזיציע... — האָט ער אים שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט דערציילט טאָס־קאַנין אַ סוד, קיינער זאָל נישט דערהערן.

עזריאל טאָסקאַני האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט מיד אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך אויפן וואַסער און האָט מער נישט קיין כח, און לאָזט זיך אַרונטער דערטרונקען צו ווערן.

— אַהאַ? דו שוויגסט. ביזט אַן ערלעכער ייִד. ביזט זיך מודה !

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן. מען האָט דערטראָגן פינצטערע שקרים, בלבולים. איין גאָט איז אונזער עדות! — האָט טאָסקאַני אויפגעהויבן די הענט צום הימל ווי צו אַ תפילה.

— זעסטו, ייִד, איך וועל דיר געבן נאָך אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז דו ביסט אונדזער פריינט. דו דאַרפסט פאַר מיר אָבער עפּעס טאָן, — האָט דער

מאַנסעניאַר געזאָגט זייער אינטים, פריינטלעך.

— אויב עס איז נישט קעגן מיין אמונה, איז מיט וואָס איך וועל קאָנען, וועל איך אייך דינען. — האָט עזריאל טאָסקאַני געקוקט אויף אים מיט אַ באַנייטן שרעק.

דער מאַנסעניאַר האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, פאַמעלעך צוגעשפּאַנט צו עזריאל טאָסקאַני, און נאָך פריינטלעכער געזאָגט:

— דו מיין נישט אַז איך בין דיר אַ שונא. אויב דו ווילסט פאָרן טאָן געשעפטן אין אַנקאָנאַ, וועל איך פאַר דיר קריגן אַ דערלויבעניש . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט נאָך אַלץ געקוקט מיט אומצוטרוי אויף דעם מאַנסעניאַר. אפשר מאַכט ער גאָר חוזק פון אים. אָבער די ערנסטקייט אויף דעם מאַנסעניאָרס פּנים האָט אים אַ ביסל באַרואיקט. עס האָט זיך אויפגעוועקט אין אים אַ שטיקל האָפענונג. אפשר וועט אַלץ אויסגיין צו אַ ביסל געלט, אַלע זיינע צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן די לעצטע צייט. עס איז שוין טאָקע צייט, ער זאָל אַוועק פון רוים. אפשר וועט ער זיך קאָנען אַרויסכאַפּן אין אַ פרייערער מדינה, אָדער אפשר וויל דער מאַנסעניאַר אַ חלק פון זיינע מסחרים, וואָס ער וועט פירן אין אַנקאָנאַ. אַמאָל האָבן אַזעלכע זאַכן פּאַסירט, מיט דער באַשיצונג פון די רייכע רוימישע פאַמיליעס האָבן יידן פיל געקאָנט אויפטאָן. זיינע בליקן האָבן זיך מיט אַמאָל באַגעגנט מיט די טריבלעכע אויגן פון דעם משומד משה גאַלאַטי, און עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אויפסניי דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס דער משומד געפינט זיך ביי דעם געשפּרעך, מוז דאָס אַלץ האָבן אַ טרויעריקע באַדייטונג.

— דער גנעדיקער מאַנסעניאַר מיינט, איך זאָל אַוועק מיט מיין משפּחה, מיט אַלץ... קיין אַנקאָנאַ? — האָט טאָסקאַני אויסגערעדט זיינע ווערטער פאַמעלעך און געזוכט מיט די אויגן צו פאַרשטיין יעדן באַוועג פון דעם מאַנסעניאָרס פּנים, צו דערגיין, וואָס ער וויל פון אים.

דער מאַנסעניאַר האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטאָן. זיינע ווייסלעכע קאַלטע אויגן הינטער די געדיכטע מאַט־שוואַרצלעכע ברעמען, וואָס האָבן אַפילו פאַרדעקט די אויבערשטע טייל נאָז, האָבן זיך קלוגעטשקע צעפינקלט.

— דאָס גענצע דערלויבט נישט, ווי דו ווייסט, אַרויסצופירן אַ פאַרמעגלעכן יידס האָב און גוטס און די משפּחה. דעם יידס פאַרמעגן באַלאַנגט צו דער הייליקער קירך, — האָט ער געזאָגט זייער געשעפטלעך.

— אַזוי, איך אַליין קאָן פאָרן... — האָט עזריאל געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— מיר וועלן דיר געבן אַ גרויסע אויפגאַבע צו ראַטעווען דיינע ברידער די מאַראַנען.

עזריאל טאָסקאַני האָט אַ ציטער געטאָן פון בלויז דערמאָנען די מאַראַנען. ער האָט אויסגעזיפּצט זיין צונויפגעפּרעסטן אָטעם ביסלעכווייז, כדי ער זאָל נישט אָן אָכץ טאָן צו הויך.

— מיר גייען פאַרשפאַרן אין תפיסה אַלע מאַראַנען פון אַנקאָנאַ, גראַציע מענדעזעס מענטשן, אַפילו דער טערקישער סולטאַן סוליימאַן וועט זיי נישט העלפן.

דער מאָנסעניאָר האָט נצחונדיק געהאַלטן די אויגן אָנגעשטעלט אויף אים.

— די קירך וויל זיי נישט דווקא פאַרברענען. זיי קאָנען זיך אויסלייזן. דער פּרייז איז פופציק טויזנט דוקאַטן.

עזריאל טאָסקאַני האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן זיין שרעקעוודיקע צעררודערטקייט, אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך צעלייגט איבער זיין צעוואונדיקט פּנים.

— וואָס שמייכלסטו, ייד? איר ווילט אונדז פאַרשעמען פאַר דער וועלט, נישט געבן דאָס געלט, נאָר בעסער לאָזן פאַרברענען אייערע ברידער. מיר וועלן זיי פאַרברענען, מיר וועלן... דער סולטאַן וועט אייך נישט העלפן. נייִן! נייִן! — האָט דער מאָנסעניאָר זיך ווילד צעשריען. ער האָט זיך באַלד באַרואיקט, צוגעגאַנגען נאָענט צו עזריאל טאָסקאַני. עזריאל האָט זיך משער געווען, אַז דער מאָנסעניאָר, דער קאַסירער פון דער אַפּאָסטאָלישער קאַמער, דאַרף נויטיק האָבן געלט און ער איז גרייט דאָס צו קריגן מיט גוטן אָדער מיט בייזן.

— איך וויל דו זאָלסט פאָרן זאָגן דיינע ברידער, זיי זאָלן פאַרגעסן, אַז דער סולטאַן וועט זיי העלפן. מיר ווילן זיי באַשטראָפן מיט געלט. אויב זיי וועלן נישט געבן, וועלן מיר זיי, ווי זינדיקע קעגן גאָט און קעגן דער הייליקער קירך, מוזן פאַרברענען . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט איינגעהאַלטן זיין צעשראָקענעם אומרו. ער האָט שוין געזען, ווי עס גייט אַ גרויס אומגליק אויף זיינע ברידער, אַ גרויס אומגליק אויף אים, וואָס ער הייסט אים טאָן אַזאַ פינצטערע שליחות. פיל יידן וועלן אים גלייך אָננעמען ווי דעם פּויפּסט אַ משרת, וואָס העלפט אַרויספּרעסן געלט פון די פאַראָרעמטע יידן. דערצו איז זייער מצב אין אַנקאָנאַ שלעכט. דער ים־האַנדל געדריקט, די מסחרים נישט איבעריק געהויבן. אין דער לופטן שמעקט מיט מלחמה און שיפן לאָזן זיך ווינציק אויף ווייטע נסיעות.. ער האָט זיך מיט אַמאָל נידעריק אַרונטערגעלאָזט פון באַנק, ווי ער וואָלט געפאַלן מיט אַ גרויס געבעט צו דעם מאָנסעניאָרס פיס.

— גנעדיקער מאָנסעניאָר, ווי קאָן איך טאָן אַזאַ זאַך, אַז איך ווייס, אַז

די יידן קאָנען נישט געבן קיין פּופּציק טויזנט דוקאַטן? גאָט איז אונדזער עדות . . .

דער מאַנסעניאָר האָט צאָרנדיק אים אָפּגעשטופּט מיט אַ פוס:

— דו זאָגסט ליגן! איר זייט אַלע בוגדים, אַלע דאַרף מען אייך פאַר־ברענען אויפן אטאָדאַפע!

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל, זיך אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל ווידער דערפילט זיין אַמאָליקע שטאָלצע ווירדיקייט.

— איר וועט טאָן אַזאַ זאַך, צו ברעכן דאָס געשריבענע רעכט, וואָס די גרויסע פויפסטן, די הייליקע פאָטערס האָבן געגעבן די יידן, די מאַראַנען אין דער פויפסטלעכער מלוכה?

דער מאַנסעניאָר האָט זיך צוגערוקט צו אים און מיט גריזשנדיקע ציין צעקייעט זיין צאָרן.

— נעמסט זיך, הייסט עס אָן פאַר די מאַראַנען, דו ייד! מיר וועלן נישט וואַגן, זאָגסטו?

ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר, אַ שלעפּ געטאָן דעם טראָלד ביים פאַר־האַנג. די דינער האָבן זיך באַוויזן.

— וואַרפט אים אַרונטער אין קעלער! צום טויט וועל איך אים שלאָגן, ביז ער וועט פאָלגן מיין ווילן.

די דינער האָבן אַ נעם געטאָן עזריאל טאַסקאַנין ביים קאָפּ און פיס. זיך געלאָזט לויפן מיט אים איבער די פינצטערלעכע זאַלן אַרויס אין אַ נאָך פינצ־טערן קאָרידאָר, געעפנט אַ אייזערנע טיר און אים אַ שליידער געטאָן, ווי אין אַ פינצטערן טיפן ברונעם אַריין.

•
•
•

# דרייצנטער קאַפּיטל

אין דעם רחבותדיקן סאַוועלי פּאַלאַץ מיט די פּאַרטונקלטע קאַלטע זאַלן האָט געהערשט אַ טרויעריקע שטילקייט. דער אַלטער סאַוועלי האָט אַרומגעשפּאַנט אַן אַנגעבויגענער אין דעם ברייטן קאָרידאָר. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיין רייכסטן אויבער־כאַלאַט פון דיקן, ווייכן זייד, באַפּוצט מיט פּאַסן סויבל־פוטער פון פאָרנט, וואָס האָבן ווי פאַרדעקט זיינע ברוסטן ביז צו די אַקסלען, דאָס פוטער האָט זיך מיט אַ שמאָלן פּאַס ווי אַ לעבעדיקע חיה געטוליעט, מיט צעשפּיצטע גלאַנציקע האָר אַרום זיין האַלדז. ער אַליין האָט געהאַלטן די הענט נאַכלעסיק, אָנמעכטיק אַרונטערגעלאָזט. זיי האָבן זיך ווי געבאָמבלט אין זיינע ברייטע מיט סויבל־פוטער באַפּוצטע אַרבל.

אונטן אויפן הויף, האָבן זיינע פערד איינגעשפּאַנטע אין דער קאָטש, פון צו לאַנג וואַרטן, גענומען הירזשן, דריגן מיט די פיס. דער אַלטער סאַוועלי האָט געהייסן די דינער שפּאַנען די קאַטש, און ער האָט זיך אויסגעפּוצט צו פאָרן אין וואַטיקאַן אַריין. אָבער דאָס, וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן האָט אויפסניי אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שרעק. ער ווייסט, אַז ער האָט נישט גענוג דרייסטקייט דאָרט אַהין צו קומען. אים דוכט זיך, אַז אַלע, וועלן דאָרט גלייך דערקענען, דעם פאַרבאָרגענעם פּחד, וואָס ער קען נישט באַהאַלטן. אָדער אפשר ווייסן שוין אַלע דאָרט, אַז זיין טאָכטער עמיליא האָט אויסבעהאַלטן אין זיין הויז דעם פּאַדואר סטודענט אַלזשירי, וואָס דער וואַטיקאַן זוכט אַרום. נאָר זיי שווייגן דערווייל, זיי ווילן אים אַריינקריגן אין אַ נעץ, צוצונעמען זיין גאַנץ פאַרמעגן און אים לייגן אין חרם, פאַרמשפּטן ווי אַ שונא פון דער קירך, פּונקט ווי זיי האָבן צוגענומען דאָס פאַרמעגן פון דעם דוכס פון פּאַליאַנא ביי דער אַלטער, מיוחסדיקער, רוימישער קאַלאַנאַ פאַמיליע.

דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך אָבער גלייך גענומען באַרואיקן. קיינער אויסער דער אַרצט עמנואל סאַבאַטי, דער יידישער רופא פון געטאָ, ווייסט

נישט פון זיין אומגליק. דער דאָקטאָר סאַבאַטי, ווען אים זיכער נישט אַרויס־געבן, ער, סאַוועלי קען אים. סאַבאַטי וועט זיך גיכער לאָזן פאַרפייניקן צום טויט און גאָרנישט דערציילן. די שרעק איז אָבער נישט אַוועק פון זיין האַרץ. פאַרוואָס האַלטן זיי אים אַזוי לאַנג אין תפיסה. עס זעט זיך אַפילו נישט מען זאָל אים שטעלן צו אַ משפּט. אויב עס זאָל זיין, אַז זיי האַלטן דעם רופא, ווייל ער האָט געזאָלט האָבן געהיילט זיין טאָכטער מיט כישוף, ווי עס טענהט דער מאָנאָך־דאָקטאָר גריגאָרי, וואָלט מען דאָך אים סאַוועלי געדאַרפט אָנפרעגן, אויב מען זאָל גלויבן די נאַרישע מסירה פון דעם מאָנאָך גריגאָרי, וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו זיין טאָכטער עמיליאַ אויך, צי זי איז נישט אַ מאָל באַ־הערשט געוואָרן פון די טייוולאָנישע כוחות... ער האָט טאַקע געוואָלט גיין אין וואַטיקאַן אַריין און צו נישט מאַכן דעם מאָנאָך דאָקטאָר גריגאָריס מסירה. עס מוז זיך נאָך אַלץ געפינען אין וואַטיקאַן, אַ געלערנטער מענטש, וואָס וועט נישט גלויבן אַזאַ ווילדע נאַרישקייט. דער אַרצט סאַבאַטי, וואָס האָט געדינט פאַר אַזויפיל רוימישע מיוחסדיקע הייזער, מיט אַ גרויסן דערפאָלג האָט נישט גע־דאַרפט ווערן מיט אַמאָל אַ כישופמאַכער. ער איז אַ גרויסער מייסטער, אַלע אין רוים ווייסן וועגן דעם. דער מאָנאָך גריגאָרי מיט זיין טעמפּן קאָפּ, פאַר־גינט אים איינפאַך נישט, זיין ערלעך שטיקל ברויט.

דער אַלטער סאַוועלי האָט ווידער געקראָגן מוט. ער וויקלט זיך אין זיין טייערן אויבער־כאַלאַט, פאַרלייגט זיין סאַמעטענעם ווייכן בערעט אויפן קאָפּ, די לאַנגע גראָע האָר פאַרוואָרפן אויף די אַקסל. ער לאָזט זיך מיט שנע־לע טריט, צו די טרעפּ, וואָס פירן צום אַרויסגאַנג. .

ביי די טרעפּ האָט זיך דער אַלטער ווידער אָפּגעשטעלט, וואָס האָט ער זיך צעבריקערט ווי אַ צעטראָגן פערד. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען געלייענט אַ בולע פון פויפּסט אויף דעם "קאַמפּאָ־דע־פיאָר", אַ שטרענגען פאַרבאָט צו בענוצן זיך מיט יידישע מעדיקער. מער דאַרף ער נישט, אַז אין וואַטיקאַן זאָל מען האַלטן, אַז ער סאַוועלי לייגט איין וועלטן, פאַר די יידישע מעדיקער, אַז ער וויל באַפרייען אַ יידישן רופא פון תפיסה. זיי וועלן שוין נאָכדעם גלייך נעמען נאָכפאָרשן, די אויפפירונג פון זיינע הויז־מענטשן, קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען . . .

אונטן ביי די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום הויף, איז געשטאַ־נען איינער פון זיינע לייב־דינער, אַ בראַוונער פלינקער יונגערמאַן, פאַראַדנע אָנגעטאָן אין אַ ריינעם סאַמעטענעם טוניק, אין אַ ווייסן געפאַלדעוועטן קאָל־נער, וואָס האָט זיך געוויגט אַרום זיין האַלדז ווי אַ רונדיקער פעכער. דער יונגערמאַן האָט זיך טיף פאַרנייגט.

— די קאַטש איז געשפּאַנט, אַלץ איז גרייט, מיין האַר.

דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעגלייכט און האַסטיק געזאָגט.

— דו ווערסט הייסן אויסשפּאַנען, מיר וועלן שוין היינט נישט פאָרן.

דער דינער האָט זיך ווידער פאַרנייגט און מיט אויפגעהויבענע ווי פרעגנדיקע אַקסלען זיך אַרויסגעלאָזט צום הויף, הייסן די קוטשער אויס־שפּאַנען די פערד.

דער אַלטער סאַוועלי האָט איצט דערפילט אַ דערלייכטערונג. ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם ברייטן אויבער-כאַלאַט און גענומען צוריקגיין טיפער אין קאָרידאָר, צו די פאַמיליע־צימערן.

ביי דער פאַרמאַכטער טיר פון זיין טאָכטער עמיליאַ, איז געשטאַנען איינע פון זיינע דינסטן, די אַלטע סטעפאַנאַ, וואָס איז אויסגעוואַקסן, און דאָ אַלט געוואָרן אין דעם סאַוועלי־הויז, זי האָט נישט געהאַט קיין אייגענע קינ־דער, און די קינדער, וואָס זי האָט אויסגעהאָדעוועט אין דעם סאַוועלי־הויז, זענען דורך איר געוואָרען אַפּגעהיט ווי אירע אייגענע קינדער. זי האָט גע־האַלטן אַ טאַץ מיט עסנוואַרג, צוגעדעקט מיט אַ טיכל. דאָס עסן, איז נאָך געווען וואַרעם אַ פּאַרע האָט זיך געהויבן דורך דעם טיכל. זי האָט לייכט געקלאַפּט אין טיר, זיך מאַמעדיק געבעטן:

— עמיליאַ, קינד מיינס, ענטפער מיר. איך האָב דיר געבראַכט קאַפּהון, וואָס דו האָסט ליב, אַלע האָבן געגעסן נאָר דו איינע. נאַריש קינד מיט קיין עסן ווערט מען נישט ברוגז . . .

דער אַלטער סאַוועלי האָט צאָרנדיק זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער ער האָט אָבער גלייך פאַרצוימט די גיכע טריט. לויט די פּירונגען פון הויז טאָר קיין שום קינד נישט עסן ביי זיך אין צימער. סיידען מען איז קראַנק. אַלע דאַרפן עסן אין גרויסן עס־זאַל. ווערן באַדינט פון די הויז־סאַרוועד. און זי איז נישט קראַנק, וואו איז אַהינגעקומען די שטרענגקייט פון דעם הויז, וואָס די פאַמיליע האָט אָפּגעהיט פון דור דורות. שולדיק איז זיין גוטסקייט, זיין נאָכגיביקייט, וואָס מען זעט עס נישט אין קיין שום הויז אין רוים. ווי האָט זי גע־וואָגט אָן זיין וויסן צו באַהאַלטן ביי אים אין הויז, איינעם, וואָס דער וואַטי־קאַן זוכט אַרום. שולדיק איז זיין וואַקלדיקייט. לויט אַלע באַדערפענישן וואָלט ער געדאַרפט הייסן זיינע מענטשן דעם יונגענמאַן אומברענגען אין קעלער. באַהאַלטן אין די קעלער היילען, אַז מען זאָל נישט וויסן וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ער קען דאָך אים נישט אַרויסלאָזן אין שטאָט, די וואַטיקאַן־וועכטער זאָלן אים כאַפּן און אויסגעפינען אַז ער איז געווען אויסבעהאַלטן ביי אים אין הויז.

אין אַנדערע רוימישע הייזער וואָלט שוין אַזאַ יונגערמאַן געפוילט טיף,

טיף אין די הײלן פֿון זײנע הײזער, דער צאָרן האָט זיך אין אים געצונדן, ער האָט מיט כעס געגריזשעט די צײן. ער האָט געפֿילט, אַז איצט האָט ער גענוג כּוח אַרײַנצוגײן אין זײן טאָכטערס צימער און אויסלאָדענען זײן גאַנצן צאָרן קעגן איר, זײן טאָכטער עמיליא.

די אַלטע סטעפּאַנאַ האָט דערזען איר באַלעבאָס זי האָט זיך דערשראָקן אײַנגעקאָרטשעט. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז באַגאַנגען אַ זינד, צו טאָן זאַכן וואָס דער האַר פֿון הויז, דער אַלטער סאַוועלי האָט נישט באַפֿוילן צו טאָן. זי האָט זיך גענומען רוקן הינטערווײַלעכץ אויף צוריק. זי האָט אַרויפֿגעלײגט אַ האַנט אויף איר דאַרע פֿאַרטריקנטע ברוסט, איר פֿאַרשרומפּן אַלט פּנים האָט זיך בעטנדיק פֿאַרקרימט. טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן.

—פֿאַרגיב מיר! פֿאַרגיב מיר! גנעדיקער האַר, איך האָב נישט גע־מײנט קײן שלעכטס. טאָג נאָך טאָג ווי דאָס קינד פֿאַסט, נאָך אַזאַ קראַנקהײט.

פֿאַר דעם אַלטן סאַוועלי האָט נישט געפּאַסט זיך אויסטענהן מיט זײן אַל־טער דינסט, ער האָט בלויז אַ ברום געטאָן.

— גײט פֿון דאַנען! גײט! אַז מען וועט אײך רופֿן וועט איר אַהערקומען.

— שויך! שויך! איך לויף! מײן פֿוס וועט דאָ נישט קומען.

די אַלטיטשקע האָט זיך געלאָזט לויפֿן איבערן קאָרידאָר מיט אירע רירעוודיקע, זשוואַווע, אַלטע טריט.

דער אַלטער סאַוועלי איז געשטאַנען און אַ ווײַלע נאָכגעקוקט דער אַל־טער דינסט. זי האָט מסתּמא געמײנט, אַז ער איז שוין אַוועקגעפֿאָרן. נאָך גוט וואָס ער האָלט בײ זיך דעם שליסל פֿון קעלער וואו דער יונגערמאַן דער סטו־דענט פֿון פּאַדואַ זיצט פֿאַרשפּאַרט. אַז ער וואָלט אַוועקגעגאַנגען וואָלטן זײ נאָך, די הויז־מענטשן, זײ צוזאַמענגעפֿירט צו פֿאַרברענגען. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן מיט גרויס שרעק בײ דער בײטל, וואָס האָט אַרונטערגעהאַנגען בײ זײן זײט הינטער דעם געפּאַלדעוועטן טוניק. לעבן דעם בינטל שליסלען, האָט נאָכגע־האַנגען אַ גרויסער שטאָלענער שליסל גרויס ווי אַ שטעכער מיט טיפֿע בײס־צײן.

לאַנג קען אָבער אַזוי נישט אָנגײן, עס מוז נעמען אַ סוף, ער פֿאַרלירט דעם קאָפּ. ער האָט שוין צוליב דעם אומגליק אויפֿגעגעבן זײנע געשעפֿטן. זיך צוקריגט מיט זײן הויז־געזינט.... זײ ווילן ער זאָל דעם יונגענמאַן, וואָס זײן טאָכטער האָט בעהאַלטן אין הויז אַרויסשיקן פֿון שטאָט. זײ פֿאַרגעסן אָבער, אַז דעם פּויפּסט שפּיאָנען שלאָפֿן נישט. דערצו זענען אַלע שטאָט־טויערן די לעצטע צײט שטרענגער באַוואַכט. ווי קען ער אײנשטעלן זײנע מענטשן, זײן גאַנץ לײב און לעבן?

עס וואָלט אים געווען פֿיל לײכטער אים צו לאָזן אומברענגען פֿון די

דינער. ער וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור געוואָרן פון אים. זיין טאָכטער איז צופיל פאַרקאָכט אין דעם יונגענמאַן. זי האָט פאַרגעסן ווער זי איז, אַז זי שטאַמט פון דעם אַלטן סאַוועלי־הויז. ער וואָלט איר קיינמאָל נישט דערלויבט זיך צו פאַרבינדן מיט אַן אָרעמען יונגענמאַן, וואָס קיינער ווייסט נישט ווער זיין פאַמיליע איז, וואָס שטאַמט פון פּראָסטן פאָלק. מעג ער זיין דער גרעסטער קענער פון פּאַדואַר אוניווערזיטעט. ווער דאַרף זיין קענטעניש, אַז ער איז אָרעם ווי די נאַכט, געיאָגט ווי אַ הונט פון דעם פּויפּסט־יעגער.

דער אַלטער סאַוועלי האָט אויפגעהויבן די האַנט האַסטיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. ער האָט געהערט ווי דאָס בעט האַט אַ שטאַרקן סקריפּע געטאָן ווי זי וואָלט, פון זיין אומגעריכטן קלאַפּ זיך פאַרצאַפּלט אויפגעכאַפּט. באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן, ווי זי וואָלט דערשראָקן געוואַרט. דער אַלטער סאַוועלי האָט ווידער אַרונטערגעלאָזט אָנמעכטיק זיינע הענט. אַ לייכטער ציטער איז אים דורכגעלאָפן איבער אַלע אברים. דער שטילער שארך פון זיין טאָכטער האָט ווי פאַרטריבן זיין צאָרן. אַ רחמנותדיקע, נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט.

— עפן מיר טאָכטער. עמיליאַ! קינד מיינס, דאָס בין איך דיין פאָטער.

אין זיין טאָכטערס צימער איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ער האָט מער נישט געהערט קיין שום שאָרך, ווי זי וואָלט זיך מיט אומצוטרויען, געוואָלט איינהערן, צי איר פאָטערס פלוצימדיקע גוטע רייד זענען נישט מיט קיין געמאַכטן אָנשטעל.

— וואָס ביסטו אַזוי שטיל געוואָרן? עפען מיר. — האָט דער אַלטער סאַוועלי בעטנדיק גערעדט.

עס האָט זיך גלייך געהערט אַ פלינק לויפן איבערן צימער צו דער טיר, אַ פלאַטערדיק לויפן. זי האָט פאַמעלעך געעפנט די טיר. אין דער טונקעלער ראַם איז געשטאַנען זיין טאָכטער. אַ ווייסע אין אַ ברייט געפאַלדעוועט זיידן העמד, איינגעשנורעוועט אַרום די דינע היפטן, אירע שוואַרצע, גלאַטע האָר גלייך אַרונטערגעלאָזט איבער די אַקסלען, איר פּנים לענגלעך אויסגעדאַרט, אויף דעם שיין־געבויטן, רונדיק־הויכן האַלדז, האָט אַ שנירל דינע קרעלן אַרויסגעשיינט מיט אַ בלוטיקער רויטקייט. איר יונגע מיידלישע ברוסטן האָבן ציטערדיק געצאַפּלט.

טיף אין טונקעלן צימער האָט געברענט דאָס אויל־לעמפּל פון נר־תמיד, אַ ווײַנרויט לעמפּל איבער דעם בילד פון דער מאַדאָנאַ. אַ קלויסטערדיקער טרויער האָט אַרויסגעווייעט פון דעם טונקעלן צימער. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. ער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז אויב ער וועט דורכפירן מיט געוואַלט אַלץ, וואָס ער וויל, וועט זי נאָך אין אַ שיינעם טאָג אַוועקגיין

אין אַ קלויסטער לעבן צווישן באַנעס, אין אַ פאַרוואָרפּענעם ווינקל ערגעץ.

דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך פאַמעלעך צעשמייכלט. ער האָט אויסגע־שטרעקט די הענט צו איר. דאָס מיידל איז צוגעפאַלן צו אים, זיך איינגעקלאַ־מערט אין איר פאָטערס אָרעמס, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן פון עפּעס אַ גרויס אומגליק. איר גאַנץ לייב האָט געציטערט. זי האָט שטיל געשלוכצעט מיט אַ ביטער אומגליקלעך געוויין.

— נו הער אויף, הער אויף! איך פיל שוין אויך באַלד ווי צו וויינען, נאָר איך ווייס נישט צוליב וואָס.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ שמייכל האָט געציטערט אויף אירע בלאַסע ליפּן. די אויגן האָבן זיך אויסגעלייטערט פון די טרערן מיט אַ זיגעריש פייערל. באַלד האָט אַ ראַזאַווע פאַרביקייט זיך צופיבערט אויף אירע אויסגע־דאַרטע באַקן.

—דו וועסט אים נישט לאָזן אומברענגען... איך האָב געבעטן פאַר אים. פאַר זיין נשמה ביי דער מאַדאָנע, איר אָנגעטאָן מיינע פּערל. גאַנצע טעג האָב איך געוויינט פאַר איר . . .

— וואָס פאַלט דיר איין צו טראַכטן אַזוי, געוויס וועל איך אים נישט לאָזן אומברענגען. מיר זענען אַ נאָבל, איידלמוטיק הויז. איך וועל טאָן דאָס בעסטע מיין קינד.

דער אַלטער סאַוועלי האָט שטיפעריש אויפגעהויבן זיין טאָכטער פון דיל, זי אַרויפגעלייגט אויף אַן אַקסל און צוגעטראָגן צום בעט. זי האָט גענומען קינדיש פריילעך דריגן מיט די פיס.

— איך וועל מער נישט ליגן אין בעט. איך גיי זיך אָנטאָן.

זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין אַקסל, צוגעלאָפן צום פענצטער, אַ שלעפּ געטאָן די שווערע סאַמעטענע גאַרדינען, אַ גרויע מיטאָגדיקע ליכ־טיקייט האָט אויפגעהעלט דאָס מרה־שחורהדיקע צימער ווי אויסגעלאָשן דעם וויינרויטן נר־תמיד, וואָס איז פאַרבלאַסט געוואָרן פון טאָג־ליכט. זי איז אַ פלאַטערדיקע מיט פלינקע פיס צוגעלאָפן צו דער הויכער, טויערדיקער שאַנק, מיט דעם אויסגעשניצטן גזימס. זי האָט געעפנט די שווערע טירן. פון אינעווי־ניק האָט אַ ווייע געטאָן אַ בשמימדיקער, בלומענדיקער גערוך פון די פיל קאָלירנדיקע קליידער. זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער קרעפּ־זייד, סאַמעט, כוואַליענדיק דעליקאַט, אויף פיל קליידער האָבן ווי געבליט, גלייך ווי לעבעדיקע בלומען וואָלטן געוועזן אויסגעשטיקט. קליידער, באַזוימט און באַפּוצט מיט גאָלדענע שטעך. עס האָט אַרויסגעגרינט, פריילינגדיקע גריי־נער סאַמעט פון די אויבער־מאַנטלען.

— דו גייסט זיך אָנטאָן? שוין טאַקע צייט. — האָט דער אַלטער סאַווע־

לי געזאָגט מיט אַ באַנייטן שרעק, פון איר פלוצימדיקער פריילעכקייט.

— איך וועל זיך אָנטאָן, און דו וועסט מיר ווייזן ווי גוט ער ווערט באַדינט אין אונדזער הויז דער סטודענט אַלדזשירי. — האָט זי געזאָגט מיט אַ שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— פאַרוואָס נישט, איך וועל עס טאָן. אָבער דו דאַרפסט וויסן, אַז אפילו פאַר דער דינערשאַפט, איז אויך נישט גוט ער זאָל זיך וואַרפן צופיל אין די אויגן. — האָט דער אַלטער סאַוועלי געזאָגט אַ בייז־אַנגעכמורעטער.

דאָס מיידל, אַ טרויעריק פאַרטראַכטע, האָט פאַמעלעך אַרויסגענומען אַ שוואַרץ קלייד, עס צוגעדריקט צו דער ברוסט מיט די הענט ווי אַ צלם זיך גענומען רוקן צום הימל־בעט, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט קאַלירטן זייד ווי אַ חופּה, מיט פראַנזן. זי האָט זיך געדרוקט אין אַ ווינקל ווי זי וואָלט זיך פלוצים דערמאָנט, אַז זי איז שוין אַ דערוואַקסענע און זי קען זיך נישט איבערטאָן, ווייזן איר נאַקעטקייט אין איר פאָטערס געגנוואַרט. דער אַלטער סאַוועלי האָט דערפילט זיין טאָכטערס שעמעוודיקייט און ער איז פאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער.

דער אַלטער סאַוועלי האָט אַוועקגעשפּאַנט פון זיין טאָכטערס צימער מיט שלאַבעריקע טריט. ער האָט זיך געפילט געקרענקט, וואָס זיין טאָכטער האָט אים באַזיגט. ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער וועט פון דעם יונגענמאַן אַזוי גיך נישט פּטור ווערן. ער וועט מוזן איבערוואַרטן עטלעכע טעג און אים אַרויספירן פון שטאָט. ער וועט מוזן איבערקלייגלען דעם פּויפּסטס וועכטער, אַזוי ווי זיין טאָכטער איז געווען קראַנק, אַלע אין שטאָט ווייסן וועגן דעם, וועט ער הייגטיקן סעזאָן אַרויספאָרן זייער פרי מיט זיין פאַמיליע, אין דער דאָרפישער ווילע, וואָס ער האָט אין די סאַבינאַ־בערג, און צווישן די דינער, לייבוועכטער, וואָס וועלן באַגלייטן זיין פאַמיליע, וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט דעם יונגענמאַן אויך אַריינצושטופּן.

פון דעם דאָזיקן פּלאַן איז דער אַלטער סאַוועלי געוואָרן אַ ביסל אויפגעהייטערט. אויב הייסט עס, ער גייט דעם יונגענמאַן אַרויסלאָזן פריי, מוז ער זיך פריהער מיט אים גוט באַקענען, זען, וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס איז. צי מען קען אים, אינגאַנצן, אָפּלאָזן, ער זאָל שפּעטער נישט שאַדענען זייער הויז.

דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו די טרעפּ, צום לעצטן גאָרן פון הויז, וואו עס האָבן געוואוינט די דינערשאַפט פון הויז. נישט די קיך דינערשאַפט, נאָר די העכערע באַדינער. די אויפזעער פון זיינע גיטער, דער סעקרעטאַר פון דעם סאַוועלי־הויז, זיין געהילף בוכהאַלטער, דער הויז־לערער, וואָס האָט אויך געהאַט דעם טיטל "לעטעראַטי", וואָס האָט אויך געקענט

די פיר הויפּט־שפּראַכן פון דער וועלט: העברעאיש, גריכיש, לאַטיין און אי־טאַליעניש.

דער אַלטער סאַוועלי, האָט זיך שווער געהויבען איבער די קרומלעכע טרעפּ פון שווערע ברוק־שטיינער. די טרעפּ האָבן זיך אין דער פאָרעם פון אַ שרויפנציער, אַרויפגעדרייט צום העכסטן גאָרן, דורך די קליינע פאַרוגדיקטע פענצטערלעך, שיף אַריינגעפאַסט אין די דיקע ווענט, פאַרקאָוועט מיט גראָ־בע אייזערנע שטאַנגען, האָט אַריינגעפּלייצט אַ סך ליכט פון דרויסן.

אויבן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט טירן, וואָס האָבן גע־פירט צו די קליינע צימערלעך וואו די דינערשאַפט, מיינסטנס איינזאַמע אַל־טע בחורים האָבן געוואוינט. דער אַלטער סאַוועלי האָט אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זיין הויז־לערער. דער אַלטער פראַנציסקאָ האָט צוליב זיין טויבלעכ־קייט גלייך נישט דערהערט. סאַוועלי האָט דערפאַר אַליין געעפנט די טיר. ער איז געבליבן שטיין אין דער ראַם פון טיר. דער אַלטער פראַנציסקאָ האָט זיך אַ צעטומלטער אויפגעכאַפּט פון שטול, ווי פון אַ לייכטן דרימל. אויפן טיש ליגן אים זיינען געלעגן שטויסן ביכער מיט לעדערנע איינבונדן מיט גאָלדענע אותיות אויף די רוקנס, טייל מיט לעדערנע וויקל־שנורן.

דער אַלטער פראַנציסקאָ איז גיך געקומען צו זיך, ער האָט זיך טיף פאַר־נייגט מיט זיין נידריקע ברייטלעכע פיגור. זיין גרויסער קאָפּ מיט דעם נאַקעטן שאַרבן האָט שטייף, ביינערדיק געגלאַנצט, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעפּוצט. די בינטלעך גראָע האָר אַרום די שלייפן, האַלדז, קאַרק, האָט זיין קאָפּ, געמאַכט נאָך ברייטער.

— איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, וואָס פאַראַ כבוד דער האָר האָט מיר צוגעטיילט, איך האָב זיך דאָס גאָרנישט פאַרדינט מיין האָר.

דער אַלטער פראַנציסקאָ האָט זיך אַוועקגעלאָזט ברענגען אַ בענקל וואָס איז געשטאַנען לעבן דער האַלב־אויסגעליידיקטער ספרים שאַנק. ער האָט דאָס בענקל אָפּגעווישט פון שטויב, מיט דער פּאָלע פון זיין כאַלאַט.

— זעץ זיך מיין האָר. די טרעפּ, זענען שוין נישט פאַר אונדזערע כחות. ביי מיר איז אַלץ אַזוי צעוואָרפן. איך רוים אויס די פאַרבאַטענע ספרים ווי דער האָר האָט באַפוילן.

דער אַלטער סאַוועלי האָט אים רואיק באַטראַכט. פראַנציסקאָ איז גע־בליבן שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט זיך גלייכגעמאַכט זיין פון אַלטקייט גרין־געוואָרענער כאַלאַט, כדי אויסצוזען בכבודיקער אין זיין האַרס אויגן.

ביי דעם פענצטער, וואָס איז געווען אַריינגערוקט אין דעם שטאַרק־משופּעדיקן באַלקן האָט זיך געוואָרעמט אַ געלבלעכע, גלאַנציק־האַריקע פּער־סישע קאַץ, מיט אַ דיקן לאַנגן וויידל. די קאַץ האָט זיך פויל אויפגעטורעמט,

אויסגעגענעצט אין זיך אַרונטערגעלאָזט אָנצוקוקן דעם נייעם גאַסט, מחמת זעלטן האָט געטראָפן עמעץ זאָל דאָ אַריינקומען.

די גרויסע ספרים־שאַנק זיינען געשטאַנען כמעט אויסגעליידיקט, אַלץ איז געלעגן אויפן דיל, צעוואָרפן. דער אַלטער פראַנציסקאָ האָט זיך גענומען צו די ביכער, זיך איינגעבויגען, גענומען אויפהויבן גאַנצע שטויסן פון דיל, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר זיין האַר, וואָס ער לאָזט די אַלטע הייליקטי־מער פאַרשוועכן. ער האָט די ביכער צוגעטראָגן צום גרויסן טיש. זיינע גרויסע פאַרוויטלטע, טרערנדיקע אויגן פאַרזונקען אין די טיפע אויגן־לעכער האָבן זיך ווי בעטנדיק געווענדעט צום אַלטן סאַוועלי.

— איך לייען דעם צעטל פון פאַרבאָטענע ביכער איך וויל פאַרשטיין, אויף וואָס וועט זיך האַלטן אונדזער אמונה, אַז די אַלטע הייליקע ביכער, אַפילו די הייליקסטע ביבל אין אונדזער פראָסטע שפּראַך ווערט אויסגעראָטן . . .

דער אַלטער סאַוועלי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שטרענגע אויגן. ער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז אַ גרויסע שולד אין זיין אומגליק האָט דער אַלטער הויז־לערער, וואָס האָט אָנגעשטאָפּט זיין טאָכטער מיט די אַלע נייע געדאַנקען, מחלוקתן, וואָס טראָגן זיך ווי אַ שטורעם איבער דער וועלט. לו־טער, קאַלווין, איבער דייטשלאַנד, שווייצאַריע, געדאַנקען, וואָס פירן צו מלחמות, אינקוויזיציעס. אומגליקן וואָס פאַרניכטן יונגע לעבענס, און רואינירן די פיינסטע הייזער.

— ווער דאַרף זיי האָבן די ביכער, חקירות, האַר־שפּאַלטעריי, וואָס פּאַסן זיך פאַר בטלנים. אַזאַ געלערנטער מאַן האָט שוין געמעגט זיין פריי פון דעם. פאַר אַ רוימער איז גענוג די קלאַסישע ווערק פון די אַמאָליגע גריכן און רוימער.

ביים אַלטן האָבן געציטערט די הענט, די ליפּן. — איך בין שוין טאַקע אַלט. איך דאַרף האָבן אַ שטיקעלע אמונה. וואַרעמקייט, ליבשאַפט, און גע־רעכטיקייט. אַלע דאַרפן דאָס. אין די קלאַסישע ווערק, איז דאָס נישטאָ. בלויז שיינע רייד... עס איז נישטאָ דער גאָט פון גערעכטיגקייט . . .

דער אַלטער סאַוועלי האָט אָפּגעזיפצט. עס איז אים שווער געווען צו רעדן. ער האָט פיינט געהאַט די אַלע חקירות, וועגן גלויבן. דערצו איז ער דאָך נישט אַרויפגעקומען זיך אויסטענהן מיט דעם בטלן, וואָס לעבט נאָר צווישן ביכער.

— איך בין אַרויפגעקומען אייך זאָגן, אַז איך וויל באַזעצן אַ גאַסט אין אייער צימער, דאָ איז דער שליסל ברענגט אים אַרויף פון קעלער.

דער אַלטער סאַוועלי האָט צענומען דעם רינג מיט די שליסלען, אַרויס־

גענומען, דעם לאַנגען, פּעסטונג־שליסל און אים געגעבן דעם אַלטן הויז־לע־רער.

ביים אַלטן פראַנציסקאָ האָבן די אויגן אויפגעלויכטן. ער האָט גע־פרואווט באַהאַלטן די פרייד, און אַרויפגעלייגט די האַנט צו פאַרשטעלן זיין שמייכלענדיק מויל. דער אַלטער סאַוועלי האָט דאָס באַמערקט. ער האָט דער־פאַר שטרענג געזאָגט.

— ער איז אייער אַרעסטאַנט. איר דאַרפט אים היטן. קיינער פון הויז טאָר צו אים נישט אַריינקומען. גייט ברענגט אים אַרויף, איך וויל רעדן מיט דעם פאַרשוין.

דער אַלטער הויז־לערער האָט זיך מיט באַלעבטע יונגע טריט אַרונ־טערגעלאָזט פון די טרעפּ. פאַרשוואונדן פון דעם ברייטלעכן קאָרידאָר צו אַ ריי אַנדערע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום קעלער.

דער אַלטער האָט אַרויסגעשפּאַנט פון דעם פאַרשטויבטן צימער, מיט פאַמעלעכדיקע טריט זיך אַוועקגעלאָזט צום באַלקאָן. דורך די שמאָלע דורכ־גאַנגען, וואָס האָבן געפירט צו דעם טורעם פון הויז האָט זיך געעפנט אַ ברייטער דאַך־באַלקאָן. אַרומגערינגלט מיט קליינע שלאַכט־טורעמלעך. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט די שטאָט צווישן וועלכע עס האָט זיך גע־שלענגלט דער געל־פליסנדיקער טיבער־טייך. איבער די גלייך, געקעסטלטע און טורמדיקע הייזער, האָט זיך געזען דער וואַטיקאַן באַרג, די פּעטרוס קאַ־טעדראַלע, די זיבן בערג אַרום דער שטאָט, זיי האָבן זיך געהויבן צום הימל ווי איינגעהילט אין בלאָלעכע געדיכטע וואָלקנס.

נישט ווייט האָט זיך געזען דער צעוואָלגערטער קאָלאָסעאום, דער קאַ־פּיטאָל־באַרג מיט אירע חורבות אַרום. דער פאָרום, די פּאַלאַטינע. אין שטאָט איז געווען שטיל. די גערטנער האָבן זיך שוין געהאַט באַדעקט מיט אַ פרי־פרי־לינגדיקע גרינקייט. אויף די צעוואָלגערטע חורבות האָבן די יידן פון געטאָ געאַרבעט. בלויז אויף קאַפּיטאָל־באַרג אַרום דעם סענאַטאָרן־הויז, זענען גע־ווען פאַרזאַמלט גרופּעס מענטשן, מער ווי אין אַ געוויינלעכן נאָכמיטאָג. אויף דעם מאַרק־פּלאַץ צו פוסנס דעם באַרג, זענען די שטיינערנע און מאַרמאָרנע טישן געשטאַנען ליידיקע, ווי מען וואָלט דאָרטן מער נישט פאַרקויפט קיין שפּייזוואַרג.

ביים אַלטן סאַוועלי האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט אַ נישט אַנגענעמער געפיל. אַ מוראַדיקע שרעק האָט דורכגעשטראָמט איבער זיין לייב. ער האָט געוואוסט, אַז די שטאָט נאָך דער מגפה איז אויסגעהונגערט, און שפּייז, ווי עס זעט אויס איז טאָקע מער נישטאָ. די לעצטע תבואה האָט זיין שותף דער סאַ־נאַטאָר אָרסיני אַרויסגעפירט פון שטאָט. ער וואָלט נישט דערלאָזט אַרויס־

פירן דאָס מעל פון שטאָט, ווען ער וואָלט נישט געווען זיין פערנומען, צערו־דערט פון זיין טאָכטערס קראַנקהייט... זיין שותף אַרסיני האָט די תבואה אַרויסגעשיקט קיין נעאַפּאָלס וואו ער האָט געקראָגן אַ טייערן פּרייז. וואָס טויג אים דער טייערער פּרייז, אַז די שטאָט מענטשן זענען אויפגעצאַרנט קעגן זיי. אים איז נישט ניחא, וואָס ער האָט געמאַכט אַ סך געלט, וואָרעם, קיין גוטס קען פון דעם נישט אַרויסקומען.

ער האָט גענומען אומרואיק שפּאַנען אויפן באַלקאָן, אַ קאַלט ווינטל האָט געצוויקט זיין פּנים, ער האָט זיך אויסגעדרייט פון ווינט מיטן פּנים צום וואַ־טיקאַן באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן מיט אירע אַלטע און נייע פּאַלאַצן, די טורעמדיקע באַרגיאַס־הייזער, מיט אַ געוועלטנדיקע מעכטיקייט. דער אַל־טער סאַוועלי האָט שווער אָפּגעזיפצט. אפשר איז אַרסיני געווען גערעכט. זיין שותף ווייסט פון פיל געהיימע פּלענער וואָס ווערן דאָרט געמאַכט. ער ווייסט אַז דער וואַטיקאַן קלייבט זיך צוצונעמען די תבואה פאַר שפּאָט־ביליק ביי די סוחרים, ביי די פּויערים. מחמת זיי גרייטן זיך צו פירן מלחמות. די סוחרים האָבן דערפאַר געמוזט באַהאַלטן זייער שפּייז. איז דאָך שוין טאַקע בעסער וואָס זיין שותף האָט די תבואה פאַרקויפט.

עס האָבן זיך געהערט טריט אויף די שטיינערנע טרעפּ. טריט פון צוויי מענער. דער אַלטער סאַוועלי האָט לייכט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָבער נישט אויסגעדרייט זיי צו באַגעגענען, ער האָט זיך ווי געשעמט צו ווייזן זיין פאַרלוירנקייט, צו די מענטשן, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן, אונטער אים. ער האָט זיך איינגעהערט צו זייערע טריט. דער אַלטער פראַנציסקאָ איז גע־גאַנגען שווער, געדעכעט אַן אויפהער דאַגעגען דער יונגערמאַן, דער סטודענט פון פּאַדואַ, האָט זיך פלינק געהויבן, ער האָט קוים אַנגערירט די טרעפּ. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. ער האָט געפּילט, דער אַלטער סאַוועלי, אַז זיי באַטראַכטן אים פון הינטן, דער אַלטער פראַנצעסקאָ האָט שטיל געשעפּ־טשעט מיט עפּעס אַ ייִדישע ליבשאַפט צו דעם יונגענמאַן.

נאָכדעם ווי דער אַלטער האָט דערפילט די ליידיקייט פון קאָרידאָר, האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיט געלאַסענע טריט אַריינגעשפּאַנט אין פראַנ־ציסקאָס צימער.

ביידע האָבן ווי געוואַרט אויף אים מיט אַ ערנסטע געשפּאַנטקייט. דער יונגערמאַן, דער סטודענט אַלדזשירי איז געשטאַנען מיט איין האַנט אָנגעלענט ביים טיש. ער האָט זיך לייכט מיט ווירדע פאַרנייגט. זיינע לאַנגע טונקעלע האָר, זענען זיך צעפּאַלן, פאַרדעקט זיין פּנים. ער האָט פלינק מיט זיינע לאַנ־גע ווייסע הענט פאַרשאַרט די האָר אַרונטער די אויערן. זיין בלאַס אויסגע־מאַטערט פּנים, איז געווען גרויס און רונדיק. זיין הויכער שטערן מיט שאַר־

פע קאָרבן האָט זיך עקשנותדיק גערונצלט, זיינע געדיכטע מענערשע ברעמען האָבן ווי געשפּיזט מיט אַ פאַרדריסלעכן צאָרן. בלויז די ברוין־פּיבערדיקע גרויסע אויגן, האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ צעפּלוטעטע, קינדערשע צע־שראָקנקייט. דער אַלטער סאַוועלי, האָט דערשפּירט אַ רחמנות צו דעם יונגען־מאַן, כדי נישט אַרויסצואווייזן זיין געפיל האָט ער געזאָגט קאַלט, גע־שעפטסמעסיק.

— איר קענט זיך זעצן יונגערמאַן.

דער אַלטער פראַנציסקאַ האָט אַוועקגעשטעלט בענקלעך און אַלע האָבן זיך געזעצט. ערשט איצט, האָט דער אַלטער סאַוועלי, געקענט גוט באַטראַכטן דעם יונגענמאַן, מיט די פעסט געבויטע מאַסיווע אַקסלען. דער סטודענט אַל־זשירי האָט איצט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט, ווי ער וואָלט נאָכגע־טראַכט, וואָס מען וויל פון אים. זיינע טונקעלע אויגן־לעפּלעך, האָבן נאָכמער געוויזן די מידקייט, פאַרזאָרגטקייט פון זיין אויסגעפּייניקט פנים. דער אַל־טער סאַוועלי האָט אים פאָטערלעך גענומען שטראָפן.

— איך טראַכט יונגערמאַן, אַז פיל פון אייך מאַכן אַ טעות, אַ גרויסן אומגליקלעכן טעות, וואָס איר רייסט זיך מיט דער הייליקער קירך.

דער סטודענט אַלדזשירי האָט אויפגעהויבן זיינע וויעס. די ברוין־פּי־בערדיקע אויגן, האָבן זיך חכמהדיק, קלוג צעשמייכלט ווי איינער, וואָס האָט שוין פיל מאָל געהערט די זעלבע טענה.

— וואָס זשע ווילט איר. מיר זאָלן פאַרשוויגן אַלע עוולות, אַלע געצנ־דינערישע גוואַלטאַטן, וואָס מען טוט אין נאָמען פון דעם געפּייניקטן קריס־טוס . . .

דער אַלטער סאַוועלי האָט גוטמוטיק געשמייכלט. — איך פאַרשטיי אָבער נישט, ווי אַזוי קען אַ מענטש פון קענטעניש, אַ בוך־געלערנטער אויך זיין אַ מענטש פון טואונג. אַ געלערנטער מענטש דאַרף אויפנעמען דאָס לעבן געלאַסן.

דער סטודענט אַלדזשירי האָט זיך אונטערגעהויבן פון בענקל.

— געלאַסן?

— די וויסנשאַפטן, די זיבן קונסטן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די עוולות, גוואַלטאַטן, וואָס איר האָט אינזינען . . .

דער סטודענט אַלדזשירי האָט זיך גענומען באַוועגן איבערן צימער.

— נאָר די חיות, זעען נישט, פאַרשטייען נישט, וואָס הייסט רעכט און אומרעכט, דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן לעבן דער פיר־פיסיקער חיה ווייל ער קען נישט פאַרטראָגן קיין אומרעכט, און ער גלויבט, אַז אומרעכט וועט פאַרשווינדן.

— גלויבן... אַלע הרגעט איר איינער דעם אַנדערן צוליב דעם גלויבן. אַט האָט קאַלווין, שוין נישט דער וואַטיקאַן, פאַרברענט דעם אומגליקלעכן סערוועטוס.

דער סטודענט אַלדזשירי האָט טיף אָפּגעזיפצט — וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז די פּרומאַקעס באַטראַכטן די אינטימסטע איבערלעבונגען פאַר אַ פאַר־ברעכן, מען לאָזט דיך נישט לעבן אין קיין אַנדערע וועלט חוץ, וואָס זיי, האָבן צוגעגרייט פאַר דיר.

דער סטודענט אַלדזשירי האָט געקוקט אויף אים מיט טרויעריק בעטנ־דיקע אויגן, ער האָט פאַרצווייפלט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט אין דעם ענגען, צוקנייטשטן לייווענטענעם קאָלנער, סאַוועלי האָט אָוועקגעדרייט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט נישט געקענט צוזעען דעם צער פון דעם יונגענמאַן. ער האָט שוין געזען אַז דער סטודענט איז אַן אומגליק־לעכער מענטש. אָדער ער וועט אומקומען אַ פאַרטריבענער אין אַ פרעמד לאַנד ווי פיל פון זיינס גלייכן, וואָס וואַלגערן זיך אַרום איבער דער וועלט. אָדער די פּויפּסטלעכע מלוכה, וועט אים כאַפּן און אים פאַרברענען אויפן שייטער־הויפן, דער אַלטער סאַוועלי האָט זיך אויפגעשטעלט און גיך גע־זאָגט.

— יונגערמאַן, ביז איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט אייך אַרויסצושיקן פון שטאָט. קענט איר וואוינען אין דעם צימער. איך האָף, אַז מיין גאַסט־פריינדלעכקייט וועט מיר נישט ברענגען קיין שאָדן. איך בין אַ פרידלעכער מענטש. איך האָב ליב צו לעבן רואיק . . .

ביים יונגענמאַן האָבן אויפגעלויכטן די אויגן, מיט אַן אומגלויבלע־כער פרייד. סאַוועלי האָט אַ שמייכל געטאָן און פאַרלאָזט דאָס צימער. ער האָט פאַמעלעך זיך אַרונטערגעלאָזט מיט די ברוק־שטיינערנע טרעפּ. די שווערקייט אויף זיין געמיט איז נישט פאַרשוואונדען. ער איז געווען זיכער, אַז דער יונגערמאַן וועט אים ניט אַרויסגעבן, אויב מען וועט אים כאַפּן. ער וואָלט אים אַפילו געקאָנט אַרויסשטעלן באַנאַכט, און הייסן אים גיין אין אַ וועלכן איינפאַר־הויז. ער פילט, אַז ער קען דאָס אָבער נישט טאָן, עס וואָלט געמיינט ווי ער אַליין וואָלט מיט זיינע הענט איבערגעגעבן דעם יונגענמאַן צו דער אינ־קוויזיציע. די פּויפּסטלעכע וועכטער שפּירן נאָך יעדן פרעמדן אין שטאָט, און אַרויסלאָזן אים אויפן גאַס, וואָלט געווען אַ גרויסע געפאַר.

אונטן אויפן הויף האָבן די פערד נאָכאַלץ אומרואיק געהירזשעט. ער איז געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. ער האָט דאָך געהייסן די פערד אויס־שפּאַנען, ווייל ער פאָרט נישט אין ערגעץ. ער האָט אָוועקגעשאַרט די פאַר־האַנג פון פענצטער און אַרויסגעקוקט, אויפן הויף איז געשטאַנען זיין טאָכ־

טער עמיליא לעבן דער איינגעשפּאַנטער קאַרעטע, באַפּוצט און באַזוימט מיט גאָלדענע צייכענונגען. זי אַליין, זיין טאָכטער עמיליא, איז געווען אויס־געפּוצט ווי קיינמאָל נישט פריער. איר שוואַרץ סאַמעטענער מאַנטל איז גע־ווען צעעפנט, דער רויטער אונטערשלאַק האָט ווי בעלויכטן איר שוואַרץ זיידן קלייד, מיט דעם טייערן, געשטיקטן גאַרטל פון בלאַס־בלויען זייד, אויסגע־האַפטן מיט דינע פּערל. אירע האָר זיינען געווען גלייך, גלאַט-אויסגעקאַמט. געפאַלען קנייטשנדיק אויף דעם פוטער פון מאַנטל. אויבן אַרום דעם שטערן האָט זי געטראָגן אַ שמאָל גאָלדן שנירל. אין סאַמע מיט פון שטערן האָט נאָכגעהאַנגען אַ שטערן רינגל אויסגעזעצט מיט אַלערליי קאָלירדיקע איידל־שטיינער, הינטער זיי האָט נאָכגעהאַנגען אַ פלאַמענדיק רובין־צינגל.

זי איז געווען זייער אויפגעהייטערט זיין טאָכטער עמיליאַ, און געגלעט די מיילער פון די אויסגעפּוצטע אומרואיקע פערד. דער אַלטער סאַוועלי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם פאַרהאַנג. ער האָט גענומען איילן מיט האַסטיקע טריט. ער האָט זיך ווי דערשראָקן פון איר פלוצימדיקער פריילעכקייט. גייט זי נישט אַמאָל אָנזאָגן אירע פריינט, וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס זיי האָט געטראָפן, אַז איר פאָטער איז געוואָרן דער באַשיצער פון דעם סטודענט אַלדזשירי, וואָס דעם פויפסט מענער זוכן אַרום. דאָס וואָלט געמיינט אַן אומגליק. עמעצער קען זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, און די שפּיאָנען האָבן אומעטום זייערע אויערן אָפן.

ער איז אַרויס אויפן הויף. די טאָכטער עמיליא איז אַנטקעגן געלאָפן, פאַרוויקלט אירע הענט אַדום זיין האַלדז און אים אַ קוש געטאָן מיט אירע פייכ־טע ליפּן.

— וואָס אַזוי אויסגעפּוצט? דו גייסט פאָרן אויף אַ חתונה. און פאַר־וואָס האָט מען מיך נישט פאַרבעטן?

עמיליאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און גענומען אַריינציען מיט די אָפענע נאָזלעכער די לופט.

— דו שפּירסט ווי עס שמעקט? דער פרילינג קומט. איך פאָר שפּאַצירן. אויף דער קאַמפּאַגניאַ*) די ערד שמעקט מיט בלומען.

דער אַלטער סאַוועלי האָט געפּרואווט שמעקן מיט דער נאָז. עס איז גאָרניט געווען קיין אויסגעוועלעכע לופט, געוועגלעך ווי יעדן אָנהויב פרילינג, די לופט איז געווען רוי, גערייצט, און געביסן דעם האַלדז. ער האָט לייכט אָפּגעהוסט און מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט געזאָגט.

— וואָס דאַרפסטו לויפן אויף דער פייכטער קאַמפּאַגניאַ. היי־יאָר וועלן

*) לייענט זיך קאַמפּאַניאַ: די פעלדער אַרום רוים.

מיר אַלע פרי אַרויספאָרן אין דער סאַביניע־בערג ווילע. איצט איז די לופט נאָך רוי. פאַרגעס נישט קינד, דו ביסט נאָך אַ קראַנקייט.

עמיליא האָט זיך ברוגזדיק אָפּגערוקט, אים אָנגעקוקט מיט צונויפגעזשמורעטע אויגן, ווי זי וואָלט נאָכגעפאָרשט איר פאָטער, צום סוף האָט זי בייזלעך געזאָגט.

— דו ווילסט מיך אויך פאַרשפאַרן הינטער אַ שלאָס?

דער אַלטער סאַוועלי האָט אָפּגעזיפצט, זיך צוגערוקט נעענטער. איר אַ נעם געטאָן ביי דער גאָמבע, אויפהויבנדיק איר פנים צו זיך.

— די שדים טרייבן דיך. דו קענסט פאָרן אויב דו דאַרפסט אַזוי נויטיק. איך וועל דיר מיטשיקן עטלעכע פון מיינע רייטער־בראַוויס. אין שטאָט הערשט אַן אומרואיקייט.

עמיליאַ האָט זיך ברוגזלעך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע. דער אַלטער סאַוועלי איז צוגעגאַנגען צו דער גרויסער שטאַל, אַרויסגערופן עטלעכע מענער, שטאַרקע מענער מיט שראַמען, פאַרהיילטע שניט־העפטן אויף די פנימער, פאַרהאַרטעוועטע פון פיל געשלעגן. די מענער האָבן אָנגעזאָטלט זייערע פערד, פאַרבונדן די שטעכערס און שווערדן אונטער די לאַנגע ברוינע אויבערמאַנטלען.

די קאַרעטע האָט גערירט פון אָרט. זיך געדרייט זיגזאַגיש אַרונטער פון משופּעדיקן באַרג. דער אַלטער סאַוועלי האָט לאַנג נאָכגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן, ביז די קאַרעטע מיט די באַגלייטער זענען פאַרשוואונדן אויף די "פּיאַצאַ מאָנטאַנאַראַ" צופוסנס דעם באַרג.

# פערצנטער קאַפּיטל

אויף דער „פּיאַצאַ מאָנטענאַראַ" איז געווען שטיל אויסגעליידיקט ווי אַ פאַרלאָזענער פערד־מאַרק, וואו דאָס בהמה־מיסט, איז געלעגן אָנגעהורבעט, פאַרטריקנט צווישן די צעקרימטע ברוקירטע שטיינער. אויף אַלע געסלעך אַרום דעם אַמאָליקן מאַרצעלוס־טעאַטער איז געווען די זעלבע אויסגעליידיקטע אומגעוויינלעכע שטילקייט. הינטער די נידריקע האַלב־פאַרזונקענע פּילאַרן פון דעם חרבותדיקן טעאַטער, זיינען די יאַטקעס געשטאַנען פּוסט. די פאַרבלוטיקטע יאַטקע־קלעצער אָפּגעלעקט, אַרומגעגריזשעט און פאַרטריקנט, ביים אָקטאַוויע־טויער זיינען די שטיינערנע שטעלן, איינגעריכטעט מיט שטיקער אַלטע מאַרמאָרנע פּלאַסטן פון די פיש־הענדלער, געווען אָפּגעליידיקט. בלויז פאַרטריקנטע שופּן, ים־שיסעלעך האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד, געגלאַנצט ווי פאַרשימלטע פּערלמוטער. צווישן די איבערגעקערטע פעסער, קענדלעך האָט אַן איינזאַמע קאַץ זיך געשאַרט מיט דערשראָקענע טריט און מיט הונגעריקע אויגן געזוכט צווישן דעם פאַרטריקנטן אָפּפאַל. אַ דאַרער, הונגעריקער מענטש אין אַ צעריסענעם לייוונטענעם כאַלאַט,האָט זיך געדרוקט לעבן דער וואַנט צו כאַפּן די קאַץ צו שטילן מיט איר דעם הונגער . . .

די קאַרעטע פון דעם סאַוועלי־הויז איז געפאָרן פאַמעלעך. דאָס מיידל עמיליאַ האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דאָס לעצטע ביסל פרייד האָט גענומען אויסוועפּן פון איר האַרץ. דאָ און דאָרט זענען הונגעריקע מענטשן, אָפּגעריסענע אין שמאַטעס אָנגעטאָן, געשטאַנען ביי די שוועלן פון זייערע הייזער מיט שנאהדיקע אויגן נאָכגעקוקט איר קאַרעטע. דאָס מיידל עמיליאַ האָט אָפּגעזיפצט, זי האָט תפילהדיק פאַרלייגט די הענט ווי אַ צלם אויף דער ברוסט. שטיל גענומען בעטן, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, און געבן די אָרעמע מענטשן זייער שטיקל ברויט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב דער

מגפה און צוליב די אומרואיקייט אין שטאָט, האָבן די פויערים, די בערג־לייט אויפגעהערט ברענגען שפּייז אין שטאָט אַריין. אָבער פאַרוואָס האָט איר פאָטערס שותף אָרסיני אַרויסגעפירט דאָס לעצטע ביסל תבואה פון די שפּייכלער, ווי אַזוי האָט איר פאָטער דאָס געקענט דערלאָזן. עס האָט איר אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, אַ פּחד, פאַר דער גרויסער זינד, וואָס איר פאָטער איז באַגאַנגען קעגן די מענטשן פון זיין שטאָט. צוליב דעם הייסט עס זאָל איר פאָטער האָבן מיטגעשיקט זיינע רייטער איר צו בעשיצן פון דער גרויסער שנאה, וואָס דאָס פאָלק פון רוים האָט צו זיי. עמיליא האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און שווער אָפּגעזיפצט.

דאָס ביסל ליבשאַפט, וואָס האָט צוריק אויפגעוואַכט צו איר פאָטער נאָכן אַרויסלאָזן דעם סטודענט אַלדזשירי פון קעלער־געפענגעניש און אים געמאַכט צו וואוינען מיטן אַלטן הויז־לערער פראַנצעסקאָ, האָט זיך ווידער אויסגעוועפּט. זי האָט אויפסניי דערפילט אַ פּוסטע אומעטיקע ליידיקייט אין איר האַרץ. עס האָט איר געגומען פאַרדריסן, וואָס זי האָט זיך אָנגעטאָן, זיך נאָך אויסגעפּוצט און אַרויס פון הויז. זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַרעטע געוועזן גרייט שוין צו הייסן זיך אומקערן אַ היים. זי וועט זיך ווידער פאַרשפּאַרן אין איר צימער און קיינעם נישט צו לאָזן צו זיך, ביז איר פאָטער וועט אַרויסשיקן דעם סטודענט פון שטאָט.

אָבער באַלד דערמאָנט זי זיך נאָך וואָס זי איז אַרויסגעפאָרן, זי מוז אַליין עמעצן געפינען וואָס זאָל איר העלפן, אָדער כאָטש אָנזאָגן אירע פריינט, וועגן דער גרויסער געפאַר וואָס ליגט אויף זיי אַלעמען זיי זאָלן זען אַרויסצונעמען דעם אַרצט סאַבאַטי פון תפיסה. עמנואל סאַבאַטי, דער אידישער דאָקטאָר פון געטאָ איז דער איינציקער וואָס ווייסט וועגן אַלדזשיריס אויסבעהאַלטן זיך אין זייער הויז; אויב זיי וועלן דעם דאָקטאָר סאַבאַטי צו לאַנג האַלטן אין תפיסה, וועט ער צופיל אָפּגעשוואַכט ווערן און נישט האָבן קיין כח אויסצובאַהאַלטן דעם סוד וואָס ער ווייסט פון זייער הויז. זי פילט, אַז דער וואַטיקאַן מיט אירע שפּיצלען שפּרייטן אויס אַ נעץ אַרום איר. מען דאַרף אים וואָס גיכער אַרויסקריגן פון געפענגעניש, דערצו איז ער אַן אומשולדיקער מענטש און איר טוט זייער ווי די אומזיסטע יסורים, וואָס ער גייט דורך צוליב איר. דערווייל פּייניקן זיי אים ער זאָל אויסזאָגן מיט וואָס פאַראַ כישוף ער האָט איר אויסגעהיילט פון דער קראַנקהייט, וואָס קיין שום דאָקטאָר האָט נישט געקענט היילן . . .

אַ ווילדע אומרוהיקייט האָט איר געהויבן פון אָרט, וואָס הויבט זי אָן צו טאָן? אויף וואָס וואַרט איר פאָטער? ער זאָל אויסגעראָטן ווערן פון דעם פויפּסט פּלימעניק דאָן קאַרלאָ, ווי ער טוט דאָס מיט אַנדערע פאַר דער

קלענסטער זינד. עס נעמט איר מיט אַמאָל אַרום אַ גרויסער .מיטלייד צו איר פאָטער וואָס קען זי האָבן טענות צו אים. ער איז אַן עלטערער מענטש. זי אַליין האָט דאָך געבראַכט דעם אומגליק אויף זייער הויז פון וועלכע זיי קע־נען נישט אַרויס. ווי קען זי גאָר טראַכטן שלעכטס וועגן אים, מיט וואָס פאַרא גוטסקייט און שטילקייט ער האָט אויפגענומען דעם אומגליק. ער וועט דעם סטודענט אַלדזשירי זיכער אַרויספירן פון שטאָט, אויב ער וועט האָבן אַ מעג־ליכקייט. אָבער ביז דאַמאָלס וואָס קען זי טאָן אַרויסצונעמען דעם געטאָ־דאָק־טאָר סאַבאַטי פון תפיסה, איידער עס ווערט שפּעט.

נישט ווייט הינטער איר האָט זיך געהערט דאָס האַסטיקע לויפן פון אַן אָנקומענדיקע קאַרעטע. עמיליאַ האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטערל. באַרג אַראָפּ פון טשענטשי פּאַלאַץ, איז געלאָפן אַ שוואַרץ בעגילדעטע קאַרעטע, מיט צוויי פּאָר גראָע פערד איינגעשפּאַנט. די פערד האָבן לוסטיקע געהאָפּסלט מיט זייערע דינע פלינקע פיס. דער פאַרביקער געשפּאַן מיט באַגילדעטע גלעקלעך האָבן רעשיק געקלונגען מיט אַלערליי שפּילעוודיקע, ליאַרעמדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך ווי צעשאָטן איבער דעם וועג. די קאַרעטע איז צו־געקומען נאָנט צום פענצטערל אַ שוועב געטאָן פאַרביי מיט אַ שרייענדיקע גאוה. פונדערווייטנס האָט עמיליאַ נאָך באַוויזן צו דערזען דאָס שמייכלענדיקע באַגריסנדיקע פּנים פון דעם מאָנסעניאָר טשענטשיס באַלעבאָסטע בעטריצע. נאָכדעם ווי די קאַרעטע איז שוין געווען ווייט אַוועק, האָט בעטריצע נאָך אַלץ אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ מיט די גאָלדיקע געפאַרבטע האָר, ווי דער שטייגער פון די רוימישע הויף־דאַמען, און די קורטיזאַנקעס.

ביי עמיליאַ האָט געבומען האַסטיק קלאַפּן דאָס האַרץ. אַ געדאַנק האָט גיך, גיך זיך גענומען שפּינען אין מוח. זי, בעטריצע האָט אַ גרויסע דעה ביי דעם מאָנסעניאָר, וואָס איז איינער פון די שטאַרקסטע מענטשן אין וואַטיקאַן. זי עמיליאַ דאַרף מיט איר ווערן באַפריינדעט און אַפילו אָנהויבן קומען אין זייער הויז, בעטריצע וועט גערן אויפנעמען איר פריינדשאַפט. די רייכע, אַלט־רוימישע מיוחסדיקע פאַמיליעס, ווילן נישט האָבן צו טאָן מיט איר, די באַלע־באָסטע בעטריצע וואָלט אַוועקגעגעבן די טייערסטע זאַכן, זיך איינצוקויפן פריינטשאַפט ביי די אָנגעזעענע פאַמיליעס פון רוים.

עמיליאַ האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטערל און אַרויסגעשריגן צום אָנ־טרייבער.

— צו דער "מאָנטאַ קאַפּרינאַ" נאָך יענער קאַרעטע.

עמיליאַ האָט גלייך דערפילט ווי איר קאַרעטע האָט זיך אַ טראַג געטאָן מיט אַן אימפּעט. זי איז געלאָפן צו דער אַלט־שטאָט דורך פאַרטונקלטע געס־לעך, און זיך גלייך אַרויסגעריסן צו ברייטע אָפענע פּלעצער, וואו אַלץ איז גע־

געלעגן אין חורבות. דער בלאַסער פרי־פרילינגדיקער טאָג האָט רחבותדיק אָפּ־געדעקט די פאַרשוואונדענע אַלט־שטאָט. צעבראָכענע דענקמעלער זענען גע־לעגן ווי אומגעפאַלענע געצן. שטאָלצע אָפּגעהאַקטע קאָלומנעס זענען געשטאַ־נען אויף צעשאָטענע בערג מיט מיסט, שטיינער, באַוואַקסן מיט פאַרוויאַנעטע בינטלעך גראָז. דאָס גראָז בלויז האָט זיך שוין געריסן צו אַ באַנייט פרילינגדיק לעבן. הינטער די חורבות האָבן זיך אין שאָטן, געהויבן די אייביקע ברוינלעכע און בלאָלעכע בערג, איינגעהילט אין לויזע נעפּלען ווי לייכטע וואָלקנס. גאָר נאָענט האָט זיך געהויבן דער ציגן־באַרג, די "מאָנטע קאַפּרינא". אויפן באַרג האָט זיך געזען די קאַפּיטאָל געביידע מיט דעם פּירעקיגן טורעם וואו עס האָט רואיק געהאַנגען דער מעכטיקער קאַפּיטאָל גלאָק.

אויף דעם העכסטן אָרט פון דעם ציגן־באַרג לעבן דעם טעמפּל פון יופּי־טער, האָבן זיך צווישן די צעוואָלגערטע פּילאַרן אַרומגעדרייט בערדיקע ציגן מיט גרויסע געדרייטע הערנער, געצופּט די פריש שפּראָצנדיקע גראָזן, און פון גרויס נחת, וואָס עס קומען אָן זאַטע פרילינגדיקע טעג מיט זיסע גראָזן, האָבן זיי מיט שטאָלצע אויפגעהויבענע קעפּ געמעקעט אין דער הוילער וועלט אַריין, אַ בענקנדיק מעקערײ. זיי זיינען אַרומגעקראָכן צווישן די פּערוואָקסענע פּלאַסטן פון גריכישן מאַרמאָר, געקראָכן ווילד אויף די צעהאַקטע קאַרניזן, פּעדעסטאַלן פון טעמפּל. אַ ביסל ווייטער איז געווען אַ פּאַרבערײ, רייען מיט קליידער אָנגעפּאַרבטע טיכער מיט אַלערליי שרייענדיקע קאָלירן, האָבן זיך געטריקנט. דער ווינט האָט זיי לייכט געהויבן, געוויגט אויף די הענגנדיקע שטריק.

אַ ביסל ווייטער אויפן באַרג איז נישט געווען די געווענלעכע שטילקייט און פאַרלאָזנקייט פון אַלע טעג. ביי די תבואה־ברונעמער, וואו דער סוחר דאָמיניקא האָט געהאַלטן זיינע אָנגעזאַמלטע תבואה־שפּייכלער, איז געווען אַ שטיקל טומל, מענטשן, אָרעמעלייט פון געגנט, זענען געשטאַנען מיט זעקלעך הינטער די אָרעמס, געוואַרט אויף דעם סוחר, ער זאָל עפענען די שפּייכלער און פאַרקויפן די תבואה. דער געזעמל איז געוואָרן, וואָס אַמאָל גרעסער, ווייל פון אַלע זייטן האָבן הונגעריקע מענטשן אַהערגעשפּאַנט צו קריגן שפּייז, אַפילו פון שפּייז־מאַרק, וואָס איז געלעגן צופוסנס דעם באַרג, זענען מענטשן געקומען. עס איז משמעות שוין נישט געווען קיין שפּייז אויפן מאַרק.

די סאָוועלי קאַרעטע איז אַרויסגעפאָרן אויף דעם קאַפּיטאָל־סקווער, זיך אָוועקגעשטעלט לעבן די בראָנזענע און באַגילדעטע סטאַטועס. אויפן סקווער זענען געשטאַנען אַ סך קאַרעטעס פון סאַנאַטאָרן. די קוטשערס זענען געזעסן שטאָלצע אויף די הויכע פאַרנטיקע געזעסן, פייערלעך אָנגעטאָן אין זייערע קאָלירטע סאַמעטענע ליוורעס.

צו די מאַסיווע געבייען, צום קאַפּיטאָל, צו דער סענאַטאָרן־הויז, האָבן זיך געצויגן לאַנגע און ברייטע טרעפּ. ביי די טרעפּ פון קאַפּיטאָל זענען געשטאַנען עגיפּטישע לייבן, און איבער די טרעפּ, דער "פערד־צוימער", אַ שטיינערנער לייב מיט צעשטרעקטע ווילדע לאַפּעס, זיינע נעגל איינגעשטאָכן אין פערדישן בויך. זיין ווילדער קאָפּ, מיט צעקרייזלטע קודלעס האָט גע־דריקט מיט אַ חיהשער רציחה, דעם פערדישן ברייטן הינטן. די סטאַטוע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די מאַכט פון קאַפּיטאָל, וואָס באַשטראָפט און צעקוועטשט די פאַרזינדיקטע פון רוים, ווי דער לייב דערדריקט אָן רחמנות דאָס געפאַלענע פערד.

דאָס מיידל עמיליאַ איז אַרויס פון דער קאַרעטע, נאָך איר איז אַרויסגע־גאַנגען איר באַגלייטערן די אַלטע סטעפאַניאַ. עמיליא האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט, ווי גלייך קיינער וואָלט מיט איר נישט געווען. דאָס מיידל האָט געזוכט אין אַלע זייטן מיט די אויגן, דעם מאָנסעניאָרס באַלעבאָסטע בעט־ריצע. ווייט אַוועק פון סאַנאַטאָרן פּאַלאַץ נענטער צום וועג וואָס פירט באַרג אַראָפּ צום מאַרק־פּלאַץ, איז געשטאַנען אַן אויסגעליידיקטע בעטריצעס אויס־געפּוצטע רוישיקע קאַרעטע.

עמיליאַ האָט זיך האַסטיק אַוועקגעלאָזט באַרג אַראָפּ צום מאַרק־פּלאַץ, איר קאַרעטע איז פאַמעלעך מיטגעפאָרן לעבן אירע טריט. הינטער איר, האָבן די רייטער, אירע באַגלייטער ווי צעטומלטע זיך געלאָזט פאָראויס. איינער פון זיי, דער עלטסטער האָט אויסגעדרייט זיין קאַרע־פערד און ווי פאַרשטעלט איר דעם וועג, ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן פון פערד און מיט אַ הייזעריקלעכע האַר־טע שטימע זיך ווי ביי איר געבעטן.

— אויפן מאַרק איז גאָרנישטאָ צו קויפן סעניאָריבאַ, דאָס אָרימע פעבל איז אויפגערעגט האָט נישט וואָס צו פרעסן. פאָלג אַ געטרייען דינער, פאָר בעסער אַהיים . . .

דאָס רויע פנים פון דעם רייטער פול מיט פאַרוואַקסענע העפטן, שראַ־מען ,האָט געקוקט אויף איר מיט אַזאַ נעבעכדיק געבעט, ווי איר גיין צום מאַרק וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויס אומגליק, זי האָט געוואוסט אַז אויב מיט איר זאָל עפּעס געשען וועט איר פאָטער אים, דעם רייטער שטאַרק באַשטראָפן. עמיליאַ האָט שוין אַליין אויך געזען, אַז דאָרט אַרונטער איז איבריק צו גיין. די מאַרמאָרנע טישלעך, די יאַטקע־ביידלעך זענען געשטאַנען ליידיק. די אייזערנע הוקעס האָבן פאַרזשאַווערטע אַרויסגעשטייגט פון די ווענט, די בענק־טישלעך פון די געלט־בייטער, די צירונג־הענדלער זענען אויך געשטאַנען ליידיק. די אָפּגעריבענע דעקן אויף זייערע ביידלעך, האַלב אָפּגעריסן.

אינמיטן שפּייז־מאַרק האָט אַ גרויסער עולם מיט מענטשן זיך גע־

שטופּט צו אַ פּאָר אָפענע ביידלעך. אָרעמע פרויען מיט ליידיקע קוישלעך, מענער מיט זעקלעך מיט לייוונטענע פלאַכטעס אויף זייערע אַקסלען, האָבן זיך געריסן, געטראָטן איינע אויפן אַנדערן. די געשרייען האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייערע צאָרנדיקע העלדזער, ווי איינער וואָלט באַפאַלן דעם אַנדערן. בלויז די שטאַרקע מענער, די איינקויפער פון רייכע הייזער מיט גענוג געלט אין די לעדערנע בייטלען האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער ענגשאַפט מיט פריש געשאָכטענע פאַזאַנען. די לעבעדיקע ברילייאַנטענע פעדערן, באַשפּריצט מיט בלוט זיינען נאָך געווען ווי פריש פון יאגד. די קלענסטע און אָרעמסטע פייגעלעך האָט מען געקויפט. שטיקלעך פון ווילדע גענז, פון טערקישע היגער, דרויב, קישקעלעך, גאָר אָרעמע האָבן געקויפט רויטע און שוואַרץ פאַרגליווערטע שטיקער בלוט וואָס איז פון לאַנג שוין געלעגן אין די שמוציקע באַפּעדערטע קאַסטנס. דער געשטאַנק דערפון, האָט זיך געהויבן ווי פון אַן אומריינעם שלאַכט־הויז.

עמיליאַ האָט אָפּגעזיפצט און זיך אומגעקערט צום קאַפּיטאָל סקווער. זי איז געגאַנגען פאַמעלעך זיך איינגעהערט צו די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַריבער פון מאַרק, וואָס האָבן איר ווי נאָכגעיאָגט מיט פאַרשטאַרקטע אָפּהילכנדיקע קולות. זי איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון סאַנאַטאָרן־הויז. אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע אַרום דעם פּאָנטאַן מיט די צוויי טייך־געטער, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם טיבער און דעם נילוס טייך, זענען געשטאַנען עטלעכע סאַנאַטאָרן אין זייערע פייערלעכע סאַנאַטאָרן מאַנטלען. זיי האָבן זיך מיט נייגער איינגעהערט צום טומל, וואָס איז געקומען פון מאַרק־פּלאַץ, צופוסנס דעם באַרג.

איינער פון די מענער האָט זיך אָפּגעריסן פון פּאָנטאַן און גיך גענומען אַרונטערגיין פון די טרעפּ. עמיליאַ האָט אים דערקענט, דאָס איז געווען איר פאָטערס שותף, דער סענאַטאָר אָרסיני. דער שווער־לייביקער סאַנאַטאָר האָט געסאָפּעט, עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער זיך איבערקערן און ווי אַ בייכיק פעקל זיך אַראָפּקייקלען פון די טרעפּ. עמיליא האָט אַ שמייכל געטאָן, זי האָט גענומען לויפן אים אַנטקעגן כדי איינצוהאַמעווען דעם אַלטנס איילעניש. צופוסנס ביי די טרעפּ האָבן זיי זיך באַגעגנט. דער אַלטער האָט געווישט דעם שוויס פון שטערן. ער האָט מיט אַ שווערן אָטעם גיך און בייזלעך אויסגעשריגן.

—עמיליאַ קינד מיינס, וואָס טוסטו גאָר דאָ, דו ביסט דאָך ווי מען האָט געזאָגט אַזוי קראַנק.

עמיליאַ האָט כסדר געשמייכלט, און דעם סענאַטאָרס פאַרזאָרגטער פּנים. מיט אַ ברוגזדיקן נאָכהענגנדיקן גוידער ,האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט.

זיינע פיבערדיקע פאַרגאַסענע אייגעלעך האָבן אויף איר געקוקט מיט אַ פּאַ־טערלעכער גוטסקייט. ער האָט אָבער שטרענג געזאָגט.

—עמיליאַ זאָלסט שוין אַ היימפאָרן. ביי דיין טאַטן איז אַלץ אַ ביסל צו לויז, נאָכגיביק, נישט ווי דער שטייגער פון די רוימישע הייזער.

עמיליאַ האָט רואיק געשמייכלט מיט דער געלאַסנקייט פון אַ דערוואַק־סענער פרוי, וואָס איז זיכער אין דעם וואָס זי טוט. דער אַלטער איז געבליבן געפּלעפּט.

— איז וואָס־זשע טוסטו פּאַרט דאָ אַרום אויפן ציגן־באַרג?

— איך בין געקומען זיך דורכריידן מיט אייך סענאַטאָר אַרסיני — האָט עמיליאַ רואיק געזאָגט.

דער אַלטער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט חוזק און נייגעריקייט.

— מיט מיר דאָ אויפן סקווער. דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַ פאַרנומענער מענטש.

— איך ווייס סענאַטאָר, איר זענט פאַרנומען געווען מיט פאַרקויפן די תבואה. . . .

דער סענאַטאָר האָט אַ ציטער געטאָן, צונויפגעזשמורעט די אויגן, זיך איינגעקוקט אין איר צי זי מיינט נישט אים אויך ווי פיל אַנדערע טוען אים פאַרצוואוואַרפן... זיי זענען געבליבןביידע שטיל זיך ווי דערמאָנט אין דעם געשריי פון שפּייז־מאַרק.

— איך בין געקומען אייך בעטן איר זאָלט זען צו באַפרייען דעם אַרצט סאַבאַטי, דעם יידישן דאָקטאָר פון געטאָ. אומזיסט האָט מען אים פאַרשפאַרט, צוליב מיר . . .

דער אַלטער האָט אַ כאָרכל געטאָן מיטן גוידער, אַ געלעכטער האָט זיך הייזעריק געגאָרגלט ביי אים אין האַלדז. דער גוידער האָט זיך הייזעריק גע־וואָרפן ווי עפּעס אַ לעבעדיקע באַשעפעניש וואָלט אַרויף און אַראָפּ געשפּרונ־גען ביי אים אין האַלדז. ער האָט זיך גלייך גענומען באַרואיקן. ער האָט שווער געדעכעט אַרויסגעשטופּט זיין אויפגעבלאָזענעם בויך. פון די צוזאַמענ־געקוועטשטע אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן די טרערן.

— איז הייסט עס ביסטו געקומען צו מיר? דו זעסט שוין אויס ווי אַ דער־וואַקסענער מענטש, וועל איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז מיר די סענאַטאָרן, קו־מען זיך דאָ צונויף ניט איבערצושפּאָרן דעם וואַטיקאַנס מעשים נאָר בלויז זיי גוט צו הייסן. פאַרשטייסט . . .

— אָבער ער האָט דאָך גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס דער דאָקטאָר, ער האָט מיך נישט געהיילט, מיר אַפילו נישט געגעבן קיין מעדיצין . . .

דער אַלטער סאַנאַטאָר האָט גענומען פאַרשנדיק און דורכדרינגלעך זיך גענומען איינקוקן אין איר. — זאָג מיר באַר, וואָס גייט דיך אָן דער ייד? אַ קינד מיינס. דו זעסט מיר אויס ווי ער וואָלט דיך טאַקע פאַרכישופט. זיי קענען די שוואַרצע קונצן. היט זיך! היט זיך! זאָלסט שוין אַהיימגיין און תפילה טאָן פאַר דער הייליקער מאַריאַ, זי זאָל דיך באַפרייען פון זייער שליטה . . .

עמיליאַ האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, מיט אַזאַ צאָרן אַז דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן פאַר איר בליק.

— אויב איר ווילט מיך נישט הערן, וועל איך פרעגן די אַנדערע סאַנאַטאָרן, ווילד פרעמדע וואָס שטייען ביים פּאָנטאָן.

עמיליאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, גענומען איילן אַרויף די טרעפּ, דער אַלטער האָט גענומען נאָכלויפן.

— עמיליא וואַרט אַ ווײַלע! דו וועסט זיך אומגליקלעך מאַכן. איך וועל שוין זען עפּעס צו טאָן. דו קענסט נאָך קאַליע מאַכן די זאַך.

עמיליאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט נישט אויסדרייענדיק צו אים, איר פּנים.

—איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז סגייט דיר אַזוי אין לעבן. דיין טאַטע האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. — איז דער אַלטער אָרסיני צוגעגאַנגען צו איר. — איך וועל שוין זען עפּעס צו טאָן צי עס וועט העלפן קען איך דיר נישט צוזאָגן . . .

די דאָזיקע נעבעכדיקע גוטסקייט האָט ווי מיט שטייפע צוואַנגען אַ דריק געטאָן אַרום איר האַרץ, אַ שלוכצנדיק געוויין האָט זיך געריסן פון איר. איר גאַנצער קערפּער האָט זיך ווי גענומען טרייסלען.

— איך אַרט שוין גאָרנישט, נישט בלויז פאַר דעם ייד, נאָר אַפילו פאַר אַן אייגענעם האָט איר שוין נישט קיין איינזעעניש . . .

— ששש שאַ, פיר נישט מיט מיר קיין וויכוחים. קיין גוטס קומט פון דעם נישט אַרויס, מענטשן האָבן גרויסע אויערן און לאַנגע צונגען נו, נו, באַרואיק זיך שוין, און פאָר אַ היים.

דער אַלטער אָרסיני האָט אָנגענומען דאָס מיידל ביים אָרעם און זי גענומען אַראָפּפירן פון די טרעפּ. זיי זיינען אָבער באַלד געבליבן שטיין. פון שפּייז־מאַרק, באַרג ארויף האָט זיך געטראָגן דער געשריי פון דער גרויסער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט צום קאַפּיטאָל־סקווער מיט אַזאַ אימפּעט ווי זי וואָלט געגאַנגען פאַרניכטן אַלץ, וואָס וועט איר שטיין אין וועג. די פערד אין די איינגעשפּאַנטע קאַרעטעס האָבן זיך דערשראָקן, גענומען ווילד הירזשן, זיך געריסן פון די געשפּאַנען, געהויבן די קאַרעטעס פון אָרט. טייל קאַרעטעס האָבן גענומען אַרויספאָרן פון סקווער, און זיך אַרונטערגע־

לאָזט מיט גאַלאָפּ דורך די זייטיקע געסלעך פון קאַפּיטאַל באַרג.

דער המון האָט זיך געשפּאַרט צום סקווער, אין עטלעכע מינוט איז דער סקווער פול געוואָרן מיט מענטשן, מיט געשרייען, וואָס האָבן זיך צאַרנדיק געריסן פון זייערע העלדזער, געשרייען פון מענער, פרויען און קינדער.

ביי די טרעפּ פון סאַנאַטאָרן־הויז האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. עס איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר זייער אייגענעם געשריי קעגן אַזאַ וויכטיק הויז. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע, דער סאַנאַטאָר אַרסיני איז געשטאַנען דערשראָקן אַקעגן דעם שווייגנדיקן המון, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט טויזנטער גליענדיקע אויגן. ער האָט אָנגענומען עמיליאַ ביים האַנט און פאַמעלעך זיך גענומען רוקן הינטערווײַלעכץ. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט דער וועג פון אַ סאַנאַטאָר צו ווייזן, אַז ער שרעקט זיך פאַר וועמען, האָט ער זיך טראַציק אויסגעדרייט און גענומען אַרויפשטייגן די טרעפּ צום סאַנאַטאָרן־הויז. אויבן, ביים פאַנטאַן, איז שוין קיינער נישט געווען פון די סאַנאַטאָרן, ווי זיי וואָלטן פון שרעק אַנטרונען געוואָרן. אונטן ביי די טרעפּ האָט דער איינגעשטילטער צאָרן ווידער אַרויסגעפּראַלט פון זייערע העלדזער.

— אַט גייט ער זיך אַוועק דער סאַנאַטאָר אַרסיני. — זאָל ער זאָגן, וואו עס איז אַהינגעקומען דאָס ברויט, די תבואה פון די שפּייכלער.

טייל האָבן נאָכגעטייטלט אים מיט די פינגער. — אַט אַנטלויפט ער דער טכויר.

— זעט, זעט, ער קען ניט הויבן דעם פריידיק, דעם בויך מיט די פעטע קישקעס.

— באַוויַיז דיין שמאַלציקן גוידער וועלן מיר אָפּצאַפּן אַביסל פעטס, פאַר די הונגעריקע ראַצן — האָבן פיל נאָכגעשריגן.

דער סאַנאַטאָר אַרסיני האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען זיכער, אַז באַלד וועלן אָנקומען די סאָלדאַטן פון וואַטיקאַן אים צו באַשיצן, ווי אַ געטרייען דינער פון דער קירך, ווי זי טוט עס אַלעמאָל, ווען עס איז אומרואיק אין שטאָט. ער דאַרף זיי בלויז איינהאַלטן אַ שטיקל צייט, איינצאַמעווען דעם צאָרן, ביז די סאָלדאַטן וועלן אָנקומען. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי, זיך אויסגעהוסט אין זיין דלאָניע אַריין, אַרומגענומען אַלעמען מיט זיינע פּיבערדיקע אויגן.

— פאָלגט מיך ווי אַ גוטן פריינט און גייט אַהיים. פאַרשעמט נישט אייער גוטען נאָמען. מיר זיצן דאָ אַלע סאַנאַטאָרן און וועלן שוין עפּעס אויסאַרבעטן אַ פּלאַן צו ברענגען ברויט אין שטאָט אַריין.

צווישן דעם המון איז געוואָרן אַ געמורמל. איינער האָט זיך אויסגע־

דרייט צום אַנדערן, זיך געוומען שפּאַרן צווישן זיך, ווי איינער וואָלט זיך גע־דונגען מיטן צווייטן ווי ווייט אמת עס איז דעם סאַנאַטאָרס צוזאָג. נאָך אַ לאַנ־גע דינגעניש האָט עמעצער פון המון הויך אויסגעשריגן.

— מיר וועלן נישט אָפּטרעטן ביז עס וועט זיין ברויט פאַר די קינדער.

— מיר וועלן נישט אַוועקגיין פון דאַנען.

— פאַררעד אונדז נישט די ציין, — האָבן פיל געוומען שרייען.

דער אַלטער אַרסיני איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט אויף די טרעפּ. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט, אַז די אַלע מענטשן קענען זיך אַ לאָז טאָן אויף אים, און אים צו־טרעטן ווי אַ נישטיק ווערעמל. אַרויסקוועטשן דאָס חיות פון אים. ער האָט מער נישט געהאַט קיין ווערטער זיי וואָס צו זאָגן. ער האָט געוואוסט אַז ער טאָר זיך נישט רירן פון אָרט. זיי זאָלן נישט דערפילן, אַז ער שרעקט זיך, און מיינען, אַז ער וויל אַנטלויפן. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז לעבן אים שטייט זיין שותף סאַוועליס טאָכטער. זי איז געשטאַנען לעבן אים רו־איק ווי גאָרנישט וואָלט דאָ פאָרגעקומען. כדי צו ווייזן די מענטשן, אַז ער שטייט דאָ נישט פון שרעק, נאָר ער איז פערנומען אין אַ געשפּרעך, האָט ער, מיט נעבעכדיק שמייכעלע אויפן גרויסן אויפגעווירענעם פּנים, צו איר געזאָגט.

— נו האָסטו געדאַרפט דאָ אַהערקומען, ווי אַזוי וועסטו שוין אַרויס־קריכן פון דאַנען. עך, ווען איך בין אַזוי פלינק ווי דו און בין ניט קיין סאַנאַ־טאָר וואָלט איך געפלויגן . . .

— איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן, זיי האָבן גאָרנישט צו מיר. — האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט דער זעלבער געלאַסענער רואיקייט, וואָס האָט אים אַזש ווי געטאָן פון קנאה צו איר.

— יאָ זיי האָבן גאָרנישט צו דיר, זיי ווייסן אַ סך. לאָז זיי דעם גראָבן המון וועלן זיי מאָרדן יעדן, וואָס קומט זיי הינטער די הענט.

עמיליאַ האָט חוזקדיק אַ שמייכל געטאָן, וואָס האָט ווי אָפּגעלאָכט פון זיינע רייד, דער אַלטער האָט שווער קרעכצנדיק אָפּגעזיפצט.

דער המון אויפן סקווער האָט זיך מיטאַמאָל פלוצים איינגעשטילט. אַלע האָבן געוומען קוקן הינטערווייַלעכץ. פון דעם פאָרום, לעבן דעם סאַטורן טעמפּל האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ יאָמערלעך געוויין, פון הינטער די צעבראָ־כענע טעמפּל־זיילן האָבן עטלעכע וועכטער אַרויסגעפירט אַ צענויפגעדריקטע גרופּע מיט עלטערע יידן. טייל פון זיי גרייז־גראָע געבויגענע זקנים. די יידן האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט ווי זיי וואָלטן געוואָרן איין גוף, און דער גוף האָט אַרומגערינגלט און זיך צוגעפּעסטיקט צו אַ מאַרמאָרנעם זייל, נישט

געוואָלט ווייטער גיין. די בייטשן פון די וועכטער זענען געפאַלן איבער זיי. דער געסווישטש פון די בייטשן האָט געשניטן די לופט, אָפּגעהילכט ווייט אַרום, אויסגעמישט מיט דעם געשריי פון די יידן.

פון דער קאַפּיטאַל געביידע זענען אַרויסגעקומען עטלעכע ריכטער אָנגעטאָן אין שוואַרצע געפאַלדעוועטע כאַלאַטן מיט ברייטע נאָכהענגנדיקע אַרבל. זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים לייב דעם "פערד צוימער", וואָס האָט מיט ווילדע חיהשע לאַפּעס געהאַלטן אַריינגעשטאָכן זיינע טיפע נעגל אין פערדישן בויך. איינער פון די קאַפּיטאַל רעדנער האָט זיך אַרויסגערוקט פאָראויס און מיט אַ שטאַרקער שטימע גערופן די מענטשן זאָלן זיך פאַנאַנ־דערגיין.

צווישן המון איז געוואָרן אַ געמורמל, אַ פחדימדיקער ציטער איז דורכ־געלאָפן איבער אַלעמען. זיי האָבן זיך גענומען אַרומקוקן צי עס קומט נישט אָן קיין סאָלדאַטן פון "סענט־אַנדזשעלאָ" פעסטונג, וואָס וועלן אַלעמען רציחה־דיק צעטרייבן. נאָכדעם ווען זיי האָבן געזען, אַז קיין סאָלדאַטן זענען נישטאָ אַרום און פון ערגעץ איז קיינער נישט אָנגעקומען, האָבן זיי זיך צוגעפעסטיקט צו די ערטער, געוואָרן תקיפותדיקער.

— מיר וועלן נישט גיין פון דאַנען, זעט בעסער צו באַשטראָפן די וואָס האָבן אַרויסגעפירט דאָס ברויט פון שטאָט.

דער רעדנער איז געוואָרן אין כעס, ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום באַרג קעגן דעם פאָרום.

— איר זעט די תליה? מיר וועלן אייך הענגען אָן רחמנות.

דער המון האָט זיך אַ באַוועג געטאָן.

זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צום באַרג. אויף אַ צעוואַלגערטער שטיי־נערנער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען די אַלטע שטאָטישע תליה, אויף די סלו־פּעס האָבן נאָכגעהאַנגען שטריק מיט אָפענע מיילער, זיך געוויגט אויף די פאַרזשאַווערטע רינגען.

אייניקע האָבן צאַרנדיק גענומען שרייען — זיי קענען אונדז גאָרנישט טאָן.

— אפילו דער פּויפּסט האָט איינגעזען, אַז מיר זענען גערעכט.

— הייליקער פאָטער, — האָבן זיך די פרומע גענומען צלמען.

— איר זעט דאָך, אַז ער שיקט נישט זיינע מענטשן אונדז אָוועקצו־יאָגן פון דאַנעט — האָבן אַנדערע גענומען שרייען.

די ריכטער האָבן זיך איבערגעקוקט אַרונטערגעלאָזט די קעפּ בושה־דיק און דערשראָקן. נאָר דער רעדנער האָט זיך פרום צוזאַמענגעטוליעט, פאַרלייגט די הענט מיט אַ קרייץ אויף דעם ברוסט.

— דער הייליקער פּאָטער האָט אונדז איבערגעגעבן אַ גרויסע פּליכט דורכצופירן. מיר דאַרפן משפטן די יידן, וואָס האָבן נישט אויסגעפירט זיינע געבאָטן. מיר גייען זיי פאַרטרייבן פון שטאָט.

דער המון האָט זיך פרום איינגעהערט מיט אויפגעעפנטע מיילער.

— לאָזט אונדז אויסרייניקן די זינדיקע צווישן אונדז. די יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון גאָט, געשענדעטע קריסטוסן, אַריינגעבראַכט דעם טייוול מיט זיך . . .

די מענטשן האָבן שווער און פיינלעך, געגומען זיפצן.

— אָט ווער עס איז שולדיק. אַז מיר וועלן זיי באַשטראָפן וועט גאָט איינשטילן זיין צאָרן. די מגפה וועט אויפהערן. ברויט וועט זיין ווי אַלעמאָל. לאָמיר אַלע גיין פרום בעטן גאָט אין די קלויסטערס, ער זאָל זיך דערבאַרע־מען איבער אונדז, און געבן אונדזער טעגלעך ברויט.

די מענטשן זיינען געוואָרן אַזוי גערירט, אַז פיל האָבן גלייך אַנידער־געקניט. זיך פרום געצלמט. ביי טייל זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. די פרויען האָבן זיך געווישט די פּנימער, געשנייצט די נעזער מיט די שפּיצן פון זייערע קאָפּ־טיכלעך.

אַלע האָבן גלייך געזען, אַז דער געלערנטער מאַן פון דעם קאַפּיטאָל איז גערעכט, ווייל באַרג אַרויף פון פאָרום האָט מען טאַקע געפירט די יידן צו אַ משפט. די יידן האָבן זיך שווער געהויבן באַרג אַרויף. טייל זענען גע־פאַלן, געקראָכן אויף אַלע פיר. די מער שטאַרקערע האָבן זיך איינגעבויגן, גע־האַלטן טראָגן זייערע אומגעפאַלענע ברידער. זיי באַשיצט מיט זייערע רוקנס פון די שווערע קלעפּ, וואָס זענען געפאַלן איבער זייערע לייבער.

דער המון האָט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן אין אייגענעם הונגער, פאַרגעסן נאָך וואָס זיי זענען אַהער געקומען צום קאַפּיטאָל סקווער. די אומגליקלעכע יידן האָבן מיט זייער דערשלאָגענעם פאַרחושכטן אויסזען, אַרויסגערופן אַ שפּאָטישן געלעכטער, דאָס געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ קייכנדיקן הירזשן, ווי זיי וואָלטן פּלוצים משוגע ווילד געוואָרן. דער גאַנצער אָנגע־זאַמלטער האָס האָט איצט אַרויסגעפּראַלט פון זייערע מיילער מיט רויע הייזע־ריקע קולות. די פרויען האָבן געקראַקעט ווי די ראָבן, געפּאַטשט מיט די הענט, זיך געשטופּט צום טאָל צו זען, וואָס בעסער ווי מען שלאָגט די זינדי־קע יידן.

— זע, זע דער אַלטיטשקער מיטן ציגן־בערדל, האָט אַ פול מויל מיט בלאָטע.

— הע דו מכשף! גיט אים אַהער וועלן מיר אים אַראָפּדרייען דאָס טייוו־לישע קעפּל ווי אַ הייפטל קרויט.

פון דעם יידנס פאַרשמירטן פּנים האָט געשפּאַרט מיט בלוט. דאָס לייוונטענע העמד, איז געווען פאַרפּלייצט, צוגעקלעפּט צום בלוטנדיקן לייב.

צוליב די געשרייען זיינען די יידן געבליבן שטיין דערשראָקן. זייערע גלידער זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. טייל האָבן זיך געריסן אויף צוריק, אַ גרויל איז אַ דורך איבער זייערע לייבער. אַנדערע האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד, זיך אויסגעצויגן ווי זיי וואָלטן דאָ אויפן אָרט, געוואָלט אויסגיין, איידער געשלאָגן צו ווערן פון דעם צערייצטן אויפגערעגטן המון.

דער המון איז שטיל געבליבן, ווי זייער אָטעם וואָלט פאַרטייעט געוואָרן. זיי האָבן אַרונטערגעקוקט פון באַרג, געוואַרט, וואָס דאָ וועט ווערן מיט די איינגעשפּאַרטע אידן.

— זיבן הויטן האָט דאָס, שלאָג און שלאָג און דאָס לעבט.

— ווער ווייס, אפשר גיט זיי גאָט כח צו לעבן, אפשר זינדיקן מיר, אפשר טאָר מען נישט אַזוי... — האָבן אייניקע שטיל צווישן זיך גערעדט.

אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט זיך פּלוצים געהערט דאָס קלאַפּן פון שטיל אַנטלויפנדיקע קאַרעטעס. ווי מען וואָלט זיך בשתיקה אַרויסגעגנבעט. די מענטשן האָבן זיך ראַפּטום אויסגעדרייט צום סקווער.

— אַט לויפן זיי אַוועק די סאַנאַטאָרן. מיר שפּילן זיך דאָ מיט די יידן און זיי אַנטלויפן ווי די מייז.

צו אַלע זייטיקע גאַסן און געסלעך, זענען די קאַרעטעס געלאָפן, אַוועק וואָס גיכער פון סקווער. בלויז דער שווער־לייביקער אַרסיני, איז נאָך דאָ געווען. ער איז שוין געשטאַנען ביי די לעצטע טרעפּ, געפירט עמיליאַ ביי דער האַנט, זיין קאַרעטע איז צוגעפאָרן צו די טרעפּ, אים אויפצונעמען.

דער המון האָט זיך אומגעקערט פון טאָל זיך רציחהדיק געשפּאַרט פון אַלע זייטן צו אים. ער האָט שוין געזען, אַז ער וועט נישט קענען אַרויספאָרן פון סקווער. ער האָט גענומען לויפן צוריק. אין איילעניש אַרויסגעלאָזט עמיליאַ פון דער האַנט. ער האָט איצט גלייך פאַרלוירן זיין גאַנצן אַנשטעל. ער האָט שווער געסאָפּעט, אומגעפּאַלן, און גענומען קריכן אויף אַלע פיר, אַרויף וואָס גיכער צום סאַנאַטאָרן־הויז, וואו ער וועט זיך קאָנען באַהאַלטן.

עמיליאַ האָט זיך מיטאַמאָל אויך דערשראָקן פאַר דעם צאָרנדיקן אימפּעט, וואָס האָט זיך געטראָגן צו די טרעפּ. פיל האָבן זיך איינגעבויגן, געריסן שטיינער פון סקווער און געשליידערט אַרויף. די שטיינער זענען געפלויגן אַרום איר, געפּאַלן מיט דער שווערער מאַסע אויף די טרעפּ, דער געדיכטער המון האָט מיט אַ געשריי זיך דערנענטערט, איר אַ טראָג געטאָן אַרויף העכער די טרעפּ צום סאַנאַטאָרן־הויז. צווישן די אַלע ליאַרעמדיקע קולות האָט זי דאָך באַוויזן צו דערהערן דאָס שווערע קרעכצנדיקע קול פון דעם סאַנאַטאָר

אָרסיני. די מאַסע האָט זיך ווי אַ באַרג אַרויפגעוואָלגערט אויף אים. ווי איי־נער וואָלט צוגעדישעט דעם אַנדערן. זי האָט מער נישט געזען זיין קאָפּ, בלויז עטלעכע פרויען מיט דאַרע, אַדערדיקע הענט ווי פּאַרטריקנטע דרענג־לעך האָבן אים געצויגן ביי די פיס, געריסן אים אין בײדע זייטן ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט צערייסן אויף צווייען.

אַרום איר איז געוואָרן ענג, אַזוי ענג, אַז די שווערע לייבער האָבן גע־דריקט און געפּרעסט אירע ריפּן, בלויז די אויפגעהויבענע הענט, און די ליאַ־רעמרעמדיקע מיילער, וואָס האָבן הייס געאָטעמט אַרום איר האָבן זיך מיט איר געוויגט, ווי איין צונויפגעוואַקסענער קערפּער. זי האָט געפילט אַז די מאַ־סע טרעט אויף לעבעדיקע, זיך שטיקנדיקע אומגעפאַלענע מענטשן, וואָס ווילן זיך אויפהויבן, אַרויסשטעקן זייערע הענט און קעפּ פון געדראַנג. עמיליאַ האָט מער נישט געהאַט קיין כח זיך צו ראַנגלען, איר האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט זי ווי פיל אַנדערע, שוואַכע זיך אַראָפּלאָזן און צעטראָטן ווערן.

מיט אַמאָל איז אַרום איר לויזער געוואָרן. אַ הויכער מאַן האָט איר גע־האַלטן אַרום די אָרעמס פון הינטן און זי געטראָגן. מיט זיינע שטאַרקע עלנ־בויגנס, האָט ער אָפּגעשטויסן די מענטשן. ער האָט דאָס מיידל צוגעטראָגן צום פאָנטאַן מיט די צוויי טייך־געטער, און מיט זיין גרויסן קערפּער אָפּגעשטויסן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געדריקט אַרום אים, ווי זיי אַליין וואָלטן געזוכט אַן עפענונג זיך אַרויסצורייסן פון אומקום.

עמיליאַ האָט אין אָנהויב געמיינט, אַז עס איז איינער פון איר פאָטערס רייטער, וואָס ער האָט איר מיטגעשיקט. דער הויכער מאַן איז אָבער געווען אַ פרעמדער, ער האָט געטראָגן אַ בלאָ־סאַמעטענעם קוטשער-מאַנטל מיט גרוי־סע באַגילדעטע קנעפּ מיט דעם עמבלעם פון דער טשענטשי־הויז. עמיליאַ האָט טיף מיט אַ שמייכל אָפּגעזיפצט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז געפאָרן דאָ אַהער צום קאַפּיטאָל באַרג, איז זי נאָר צוליב דעם מאָנסעניאָר טשענטשיס באַלעבאָסטע, בעטריצע.

עמיליאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אומזיכער געפרעגט.

— האָט זי, די נאָבעלע בעטריצע אייך געשיקט צו מיר.

דער קוטשער האָט פאָטערלעך אַ שמייכל געטאָן מיט זיינע ווייסלעכע פריילעכע אויגן.

— זי האָט באַוויליקט מיך צו שיקן דעם מאָנסעניאָרס באַלעבאָסטע, דיר אַרויסצוהעלפן סיניאָרינאַ, זי האָט מיר באַפוילן, אַז אויב איך וועל דיך נישט ברענגען צו איר, זאָל איך מער נישט צוריקקומען, אָט אַזאַ איז זי — האָט דער קוטשער אַ פריילעך באַריידעוודיקער צו איר גערעדט.

אַרום זיי איז אַ ביסל לויזער געוואָרן. ער האָט זי אַ נעם געטאָן ביי דער

האַנט און ווי אַ קינד געפירט צו דער געביידע. ער איז אַ דורכגעלאָפן מיט איר, דורך דעם אויסגעליידיקטן, געוועלבטן קאָרידאָר צום הינטערשטן אַריינ־גאַנג.

דאָ אַרום, איז קיינער נישט געווען אַפילו די וועכטער פון טאַבולאַריום, וואו עס האָבן אַמאָל געהאַנגען די טאָוולען פון די אַלט־רוימישע אַרכיוון, זע־נען אַנטרינען געוואָרן. אַלע טירן און דורכגאַנגען זענען געווען צעעפנט וואָס האָבן ווי דערמאָנט, אַז נישט לאַנג צוריק זענען די מענטשן פון דאַנעט אין גרויס געאייל אַנטלאָפן. די זאַלן סקלאַדן, וואָס די שטאָט האָט אַזוי טייער געהאַלטן ווי אַן אוצר אין טאַבולאַריום, זענען געשטאַנען הפקר. די ווענט פון שטיינערנע און מאַרמאָרנע פּלאַסטן, זענען געווען דורכגעלעכערט, צע־פרעסן פון פאַרלעגערטן זאַלץ, וואָס האָט האַרביק געמאַכט די לופט.

די צעעפנטע טירן האָבן אַרויסגעפירט צו אַן אָפענעם געביי מיט האַל־בע קאָלומנעס. דאָ אַרום איז געווען אַ חורבותדיקע שטילקייט. עס האָט זיך בלויז אַריבערגעטראָגן דער שרייעדיקער געבריל פון המון, אונטן אין טאָל. זענען געווען אויסגעשפּרייט, די צעבראָכענע וויסט־געוואָרענע טעמפּלען פון געצנדינערישן אַלטן רוים.

עמיליאַ האָט שווער אָפּגעזיפצט, זי האָט ווי מורא געהאַט צו קוקן הינ־טער זיך, זי זאָל נישט דערזען די צעקוועטשטע פיגור פון איר פאָטערס שותף דעם סענאַטאָר אַרסיני... זי האָט זיך ווי אַ קינד געלאָזט פירן פון דעם פרעמדן מאַן, וואָס בלויז דער הערב אויף די קנעפּ פון זיין ליוורע האָט אָנגעוויזן, אַז ער באַלאַנגט צום טשענטשי־הויז. דער קוטשער האָט זי געפירט ווי אַ גע־ניטער פון דעם געגנט, אַרונטער מיט די שוין פון זייער לאַנג נישט באַנוצטע חרובע אַלטע מאַרמאָר־טרעפּ. וואָס זיינען געלעגן איבערגעקערט, צע־ברעקלט מיט טיפע גריבלעך ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש.

נישט ווייט פון דאַנען אויף דער וויאַ קאַמפּידאָגליאַ, די באַרגיקע גאַס איז געשטאַנען די אויסגעפוצטע קאַרעטע. דעם מאַנסעניאָרס באַלעבאָסטע בעטריצע האָט געהאַלטן איר קאָפּ, אַרויסגעשטרעקט פון דעם פענצטערל. אירע גאָלדיק געפאַרבטע בלאָנדער קאָפּ־האָר, זענען געווען אויסגעצויגן ביים שטערן מיט אַ פורפור רויטער טאַשמע, וואָס איז געווען אויסגעצירט מיט קליינע פערעלעך און פינקלדיקע ציטער־שפּילקעס. זי האָט מאַמעדיק אויס־געשטרעקט, אירע פוכקע ווייסע הענט.

— קינד מיינס ווי דערשראָקן דו ביזט. קום גלייך דאָ אַריין.

דעם קוטשער האָט זי מיט אַ פינגער געדראָעט, שמייכלענדיק מיט אירע פעטלעכע ליפּן. — גוט האָסטו געטאָן, וואָס דו האָסט איר אַזוי גיך געבראַכט. אַז נישט וואָלסטו מיט דעם קאָפּ באַצאָלט.

דער קוטשער האָט אַ צעפּרידענער איר געהאָלפן אַריינזעצן אין דער קאַ־רעטע און צוגעמאַכט די טיר.

עמיליאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און גע־שמייכלט צו איר מיט גרויס דאַנקבאַרקייט. זי האָט אָבער גלייך אויפגעהערט שמייכלען, קעגנאיבער איר. טיף פאַרוקט אין ווינקל איז געזעסן, דער באַלע־באָסטע בעטריצעס יינגל, פראַנציסקאָ, וואָס זי האָט געהאַט מיט איר באַלע־באָס דעם מאָנסעניאָר טשענטשי אומגעזעצלעך. דאָס יינגל האָט זיך יעדע ווײַ־לע אומרואיק אויסגעדרייט צו איר און זי אָפּגעמאָסטן מיט זיינע שפּאָטישע פיבערדיקע ברוינע אויגן. זיין איבערגעוואַקסן פּנים האָט געהאַט אין זיך אַ פרי־רייף געוואָרענע מענערישקייט. זיינע פעטע תאוהדיגע ליפּן האָבן זיך צעעפנט נאָך ברייטער, לייכט געציטערט. אַ סלינע האָט זיך אַריבערגעגאָסן פון מויל איבער די ליפּן. די גרויסע ווילדע ברעמען האָבן נאָך קורצער גע־מאַכט זיין קליינעם, פאַרעקשנטן, טעמפּן שטערן.

עמיליאַ האָט אָפּגעזיפצט, אַראָפּגעלאָזט די וויעס אַריבער די אויגן. די אויפירונגען פון דעם יינגל איז שוין געווען באַקאַנט אין גאַנצן געגנט. עס איז נישט געווען דער טאָג, ער זאָל נישט עמיצן ממתן... אַ פישער פרוי האָט אים שוין אַפילו אָנגעקלאָגט פאַר האָבן איר פאַרגוואַלטיקט. פון וועמען זי האָט אַ קינד.

די באַלעבאָסטע בעטריצע האָט ווי דערפילט וועגן וואָס זי טראַכט האָט זי זיך צוגעבויגן צו איר און מיט אַ זיפץ געזאָגט ווי אַ באַליידיקטע מוטער.

— אַלעמענס אויגן זיינען אויף אַ קינד פון אַ נאָבל־הויז, וואו עס איז דאָ אַ שלאַק, אַ פאַרריקטער, וואָס וויל מען זאָל הערן פון אים, טשעפּעט זיך צו אונדזערס אַ קינד.

עמיליאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט. עמיליאַ האָט אָבער ניט געהערט, וואָס זי רעדט. זי האָט גע־געטראַכט, אַז ענדלעך וועט זי האָבן אַ געלעגנהייט, צו רעדן מיט איר וועגן דעם רופא סאַבאַטי. וואָס איז געווען אויך איר הויז־דאָקטאָר, וועגן דער גרויסער עוולה וואָס מען האָט געטאָן צו אים. אומזיסט אים פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

די באַלעבאָסטע בעטריצע האָט איר איבערגעהאַקט דאָס טראַכטן און ווי שטראָפנדיק געזאָגט.

—אין אַזעלכע טעג דאַרף אַ נאָבל קינד זיצן אין הויז. דאָס פאָלק ווי עס זעט אויס איז פאַרדאָרבן געוואָרן פון די זינדיקע יידן, עפּעס אַ טייוול געוועלטיקט צווישן זיי.

עמיליאַ האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— די יידן? זיי ליגן דאָך פאַרשפּאַרט אין געטאָ.

— דעם טיוול קענסטו אָבער נישט פֿאַרשפּאַרן. ער קריכט אַריבער די ווענט. די יידן האָבן דעם כּח איבער דעם טיוול. זיי האָבן אַזעלכע שפּריכ־ווערטער, וואָס זיי גיבן איבער פֿון דור צו דור . . .

עמיליאַ האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפֿן איר מי צו רעדן מיט איר וועגן דעם יידישן געטאָ־דאָקטאָר סאַבאַטי, ווייל זי רעדט וועגן די יידן מיט אַזאַ פֿינצטערער, בלינדער שנאה, מיט דער זעלבער שנאה פֿייניקט ער די יידן, איר אומגעזעצלעכער מאַן דער מאַנסעניאָר טשענטשי.

בעטריצע האָט זיך צוגעבויגן צו עמיליאַ און ווי פֿאַרשנדיק איר גע־פֿרעגט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט.

— ווי קומסטו קינד מיינס טאַקע דאָ אַרויף אויף דעם קאַפּיטאָל באַרג. ווען נישט וואָס איך האָב געדאַרפֿט אַרויסנעמען מיין יינגל פֿון קרימינאַל, וואָס עפּעס אַ משוגענער לץ האָט אים פֿאַרשפּאַרט, וואָלסטו שיין אויסגעזען לעבן דיין פֿאָטערס שותּף, דעם סאַנאַטאָר אַרסיני.

— איך בין אייך נאָכגעפֿאָרן, — האָט עמיליאַ מיט אַמאָל שטיל גע־זאָגט.

— אַזוי נאָך מיר? זייער שיין פֿון דיר, דו ביזט אַ קלוג מיידל, דו דאַרפֿסט טאַקע שוין האָבן די פֿריינדשאַפֿט פֿון אַ הויף־דאַמע. אַנצואווייזן דיר ווי אַזוי אַ לעב צו טאָן. ווי איך זע ביזטו שוין אַ רייפֿע מיידל... — האָט די באַלעבאָס־טע בעטריצע איר בעטראַכט, מיט אַ ברייט צעשמייכלט פּנים, צוואווינקנדיק מיט אַן אייגל.

עמיליאַ האָט שעמעוודיק אַרונטערגעלאָזט די וויעס איבער די אויגן.

— איך האָב בלויז געוואָלט, איר זאָלט בעטן דעם מאַנסעניאָר, ער זאָל אַרויסלאָזן דעם אַרצט סאַבאַטי. איך קען נישט רוען, צוליב מיר זיצט ער. אָבער ער איז אומשולדיק, אינגאַנצן אומשולדיק . . .

די באַלעבאָסטע בעטריצע האָט איר אָנגעקוקט מיט אַ שפּאַטיש שמייכע־לע, דערנאָך האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק, פֿאַרשייט געלעכטערל, וואָס האָט זיך מיט אַ קוויטשיקל געקייקלט אין איר ווייסן, פֿעטן האַלדז. זי האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז מיט איר געלעכטער האָט זי שטאַרק באַליידיקט דאָס מיידל, וועמענס פֿריינדשאַפֿט זי וויל האָבן, זי האָט זיך איינגעשטילט, פֿון אירע אויגן האָבן אַזש טרערן איבערגערונען. זי האָט שווער געדעכעט. די הויכע, פֿולע ברוסטן האָבן זיך אויפֿגעבלאָזן און איינגעפֿאַלן.

— דו ביזט נאָך טאַקע אַ קינד. צי מיינסטו, אַז צוליב דיר זיצט ער. די זאַך איז פֿיל טיפֿער. עס האָט צו טאָן מיט אַלע יידן. נו, אַז דו וועסט זיין גרע־סער וועסטו מער פֿאַרשטיין . . .

עמיליאַ האָט זיך נישט געלאָזט איבערבעטן. זי האָט געהאַלטן, איר קאָפּ

טיף געזונקען, איר אונטערשטע ליפּ האָט אַרונטערגעהאַנגען אַ ברוגזע, אַ טיף באַליידיגטע.

— נו אַז עס גייט דיר אַזוי אין לעבן וועל איך איבעררעדן מיטן מאָנ־סעניאָר און דיר אים אַרויסגעבן דעם ייד . . .

עמיליאַ האָט אָפּגעזיפצט, אויפגעהויבן די אויגן און באַגיטיקדיק אַ שמייכל געטאָן.

פון באַרג אַראָפּ האָט זיך געהערט אַ גאַלאָפּ פון אָנקומענדיקע רייטער. עמיליאַ האָט אַ ציטער געטאָן, דאָס מוזן זיין אירע באַגלייטער. ווי אַזוי וועט זי איצט אַהיימפאָרן און קענען קוקן איר פאָטער אין פּנים אַריין אַז צו־ליב איר האָט מיט דעם סאַנאַטאָר אַרסיני געטראָפן אַזאַ אומגליק . . .

זי האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטערל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אירע באַגלייטער האָבן זיך דערנענטערט צו דער קאַרעטע. דער עלטסטער רייטער איז צוגעשפּרונגען מיט זיין צעיאָכמערטן פערד. אַ ווייסער שוים האָט אַרויס־געזעצט פון פערדס מויל, געדיכט אַריבערגעפלייצט איבער דעם שטאָלענעם ציימל. דאָס פערד האָט פון גרויס פרייד אַ הירזשע געטאָן, אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ, מיטן אויפגעריסענעם שלאַנקען האַלדז. דער רייטער האָט זיך פרום איבערגעצלמט פון גרויס גליק, צו געפינען איר אַזאַ פרידלעך רואיקע אין אַזאַ געהויבענער קאַרעטע . . .

— יעזוס מאַריאַ, הייליקע מוטער, הייליקע סיציליאַ, מיר זענען שיער נישט אַרונטער פון זינען צוליב דיר.

עמיליאַ האָט ליבלעך אַ שמייכל געטאָן, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ גלעט געטאָן דאָס שיינע גראָע פערד ביי דעם הויכן, שטאַרקן האַלדז.

— איצט קענט איר שוין אַהיימפאָרן, באַרואיקן דעם אַלטן, מיר איז גאָרנישט געשען. איך פאָר אויף אַ שפּאַציר אין דער קאַרעטע פון דעם טשענ־טשי־הויז.

דער עלטערער גרוי־האָריקער רייטער האָט זיך פאַרנייגנדיק איינגע־בויגן און פאַרעקשנט געזאָגט מיט זיין הייזעריקער שטימע.

— מיר וועל דיך שוין באַגלייטן.

די באַלעבאָסטע בעטריצע האָט איר אָנגענומען ביים אָרעם און איר לאַשטשענדיק געגלעט.

— מיר וועלן טאַקע פאָרן אויף אַ שפּאַציר. אויף דער קאַמפּאַגנאַ שמעקט שוין דער פרילינג. דאָ אין שטאָט איז שרעקלעך. דאָס פעבל איז ווי די חיות פאַר די פרעס וואָלט עס געהרגעט מענטשן . . .

עמיליאַ האָט אַ ציטער געטאָן און ווידער דערזען פאַר אירע פאַרנעפּלטע אויגן דעם צעטראָטענעם קערפּער פון איר פאָטערס שותף, דעם סאַנאַטאָר אַר־

סיני. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף די אויגן ווי צו פאַרשטעלן די זעאונג וואָס איז אַזוי בולט געשטאַנען פאַר אירע אויגן.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, מיט אַ גיכן גאַלאָפּ, זיך אַרונטערגעלאָזט פון דער באַרגיקער גאַס, אַוועק וואָס גיכער פון דער חרובדיקער אַלט־שטאָט, וואָס יעדער שטיין דערמאָנט טרויעריקע און בלוטיקע מעשיות פון אַ טונקעלער אַלטער וועלט וואָס האָט זיך היינט ווידער באַנייט פאַר אירע אויגן . . .

# פופצנטער קאַפּיטל

דער קאַפּיטאָל באַרג איז פון פרימאָרגן אָן געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. פון אַלע זייטיקע גאַסן און געסלעך האָבן די איינוואוינער פון שטאָט אָן אויפהער געשפּאַנט צום באַרג. די לאַנגע טרעפּ פון דעם סאַנאַטאָרן־הויז זיינען שוין געווען באַזעצט מיט גאַנצע משפּחות. אָפּגעריסענע הענדלער מיט שרייערישע הייזעריקע קולות האָבן זיך געשטופּט צווישן די מענטשן פאַרקויפן הייליקע קמיעות, באַגילדעטע צלמלעך, שוואַרצע קרעלן, פּאַטשערקעס.

בלויז די הונדערט און פיר און צוואַנציק מאַרמאָרנע טרעפּ פון דער אַלטער גראָער אַרא־קאָעלי קירך זענען געווען ליידיק. די פּאַלאַטינע־גוואַרדיע, די וואָס באַוואַכן דעם פּויפּסט ביי פייערלעכע געלעגנהייטן, זיינען געשטאַנען אונטן ביי די טרעפּ. זיי האָבן געטראָגן זייערע רייכע קליידער, שוואַרצע מאַנטלען מיט פּורפּור־רויטע באַפּוצונגען, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען מיט קורצע קאַפּאָטעס. אויך באַזוימט מיט פּורפּור־רויט.

דער קאַפּיטאָל־באַרג האָט זיך געגרייט, צו האָבן אַ פייערלעכן טאָג. אויבן, ביי דעם טויערדיקן אַריינגאַנג צו דער אַלטער קירכע, וואָס האָט געשמט, ווי אַ הייליק אָרט פון גרויסע נסים, איז געווען באַדעקט מיט אַ רויטן באַלדאַכין, וואָס איז געווען באַזוימט מיט גאָלדענע פראַנזן. איבער די הונדערט פיר און צוואַנציק טרעפּ זענען געלעגן שמאָלע, גרינע טעפּיכער באַוואָרפן מיט לאַנגע שווערד־גראָזן.

אַלע האָבן אַרויפגעקוקט אויף דער ליידיקער טראָן־שטול, איבער וועלכע דאָס געשטאַלט פון יעזוס, אויף אַ גאָלדענעם געשטעל האָט זיך געהויבן צווישן די שטראַלנדיקע זיילן פון מיניענדיקן גינגאָלד.

צווישן די מענטשן איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער פּאָרכטיקער געמורמל. מען האָט זיך שטיל דערציילט מעשות, וועגן די גרויסע נסים, וואָס דאָס הייליקע אָרט, די "אַראַ־קאָעלי" קירך האָט געטאָן צו מענטשן. ווי אַזוי זיי זע־

נען באַהיט געוואָרן פון אומגליקן, שווערע קראַנקהייטן, מיחושן, חולאתן, וואָס קיין שום רופא, אָדער להבדיל קיין שום כשופמאַכער האָט נישט געקענט אויסהיילן, אַנדערע האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי מענטשן וואָס האָבן אַרויפגעפירט בלינדע און די בלינדע זענען אַליין אַרונטער זעעוו־דיקע אָן קיינעמס הילף; קאַליקעס מיט קוליעס זיינען אַרונטער מיט שטאַר־קע פלינקע פיס ווי קיינמאָל וואָלט זיי גאָרנישט געווען.

מיטאָמאָל האָט זיך דער געמורמל איבערגעריסן. אַ פּאַרכטיקע שטיל־קייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דעם באַרג. אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ אַרונטער צו דער לאַנגער קאַרסע, וואָס האָט ווי אַ ווייטער שמאָלער קאָרידאָר זיך געצויגן צווישן די פּאַרבויטע נייע און אַלטע פּאַלאַצן, קלויס־טערס און מאָנאַסטירן. אויף דער קאַרסע זענען געפאָרן פורן און וועגענער באַגלייט מיט זעקלעך מעל. אַ ווייסער שטויב האָט זיך געשפּאַרט פון די ביי־כיקע גרויסע זעק, די וועגענער, בערך דריי הונדערט אין צאָל, זענען געפאָרן דאָ אַרויף צום קאַפּיטאָל־באַרג.

די מענטשן האָבן מיטאָמאָל שווער און פיינלעך אָפּגעזיפצט. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז שוין זער לאַנג ווי זיי האָבן נישט געזען קיין ביסל מעל פאַר די אויגן. זינט די מגפה האָט אויסגעבראָכן אין שטאָט, באַלד איז געוואָרן אַ געמורמל צווישן די מענטשן, אַז דאָס האָט דער פּויפּסט אַליין זיך מרחם גע־ווען אויף די הונגעריקע מענטשן און זיי געשיקט אַ מתנה. די מענטשן האָבן גרינג אָפּגעדעכעט מיט אויפגעצאַפּלטער פרייד. דאָ און דאָרט האָט זיך עמע־צער איבערגעצלמט, הויך אויפן קול געבענטשט דעם פאָטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיי באַוויליקט דאָס גרויסע חסד, צו לעבן אין זיין צייט . . .

דער שטילער געמורמל איז איבערגעגאַנגען אין פריידיקע אויסגעשרייען. די מענטשן האָבן גענומען אַראָפּלאָזן זיך פון די טרעפּ. די שטאַרקערע האָבן זיך גענומען שטופּן באַרג־אַראָפּ, צו זיין וואָס נענטער צו די וועגענער. צו־פוסנס דעם באַרג האָבן זיך די וועגענער אָפּגעשטעלט. די מענטשן האָבן זיך הכנעהדיק מיט גרויס פּאַרכט צוגערוקט. אַ שפּייכלערישע טוכלעקייט האָט אַראָפּגעוויעט פון די שפּעדיקע מעליקע זעק. אַ הונגעריקע סלינע האָט פול געמאַכט זייערע מיילער. די פרויען האָבן אַראָפּגענומען די קאָפּטיכלעך, די פּאַרטיכער און פּאַרקניפּט זעקלעך. די מענער האָבן אַראָפּגענומען די דער־קעס פון די אָקסלען. די זעקלדיקע שפּיציקע קעפּקעס. זיי האָבן זיך געגרייט צו קריגן די מתנה פון פּויפּסט. — אַ מעסטל מעל.

די וועכטער האָבן אָבער נישט צוגעלאָזט נאָענט. זיי זיינען געשטאַנען אַנגעלענט ביי די וועגענער שטאַרק באַוואָפנט מיט שטעכערס הינטער די ברייי־טע כאַלאַטן, איינער פון די עלטסטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ וואָגן,

פאַרלייגט די הענט אויף די לענדן און שטרענג געזאָגט:

— זאָל קיינער זיך נישט שטופּן, נישט מאַכן קיין טומל, גלייך נאָך דער מעסע וועט יעדער קריגן זיין חלק.

אייניקע וואָס זענען געשטאַנען נאָענט האָבן זיך חניפהדיק געוואָרטלט.

— ריכטיק, ריכטיק סעניאָר, גיסטו זיי פּריער דאָס מעל, וועלן זיי שוין נישט האָבן קיין האַרץ צו די תפילות.

— אַ זאַטער מענטש האָט ליב צו כראָפּן, און מען קען נאָך איינשלאָפן פון ווייַרויך.

די וועכטער האָבן זיך ווי געמאַכט נישט הערנדיק. זיי האָבן געלאָזן גע־שפּאַנט לעבן די וועגענער.

די מענטשן זענען געדולדיקע, גאָטספאַרכטיקע צוריקגעטראָטן, געקוקט אויף די הילצערנע מעסטלעך, וואָס זענען געלעגן אויף די וועגענער. זיי האָבן מיט זשעדנעקייט געגומען אויסרעכענען וויפיל עס וועט אויספאַלן אויף זייער חלק. מען האָט שטאַרק מקנא געווען, די וואָס זענען געווען גליקלעך אַהערצוקומען מיט גאַנצע פאַמיליעס. נישט אַלע האָבן געקענט קומען מיט זייערע געזינדלעך, וואָס די רוימישע אָרעמעלייט האָבן געהאַט, ווארעם פיל פון זיי זענען געלעגן קראַנק, אָדער נאָך אָפּגעשוואַכט פון דער מגפה־פיבער. די וואָס האָבן געוואוינט נאָענט האָבן זיך אָוועקגעלאָזט לויפן, כאָטש צו ברענ־גען די קראַנקע קינדער אויף די הענט, צו קענען אויפמאַנען זייער חלק פון דעם פּויפּסט מתנה.

אַלע האָבן געהאַלטן אויפגעשפּיצט די אויערן אַרונטער צו דער קאַרסע, זיך איינגעהערט צו דער פּויפּסט קומט שוין אָן. מיטאָמאָל איז דורכגעלאָזן אַ ציטער איבער אַלעמענס לייבער. די מענטשן זענען געבליבן אַזוי שטיל ווי זיי וואָלטן זיך איינגעהאַלטן אַפילו צו אָטעמען. פון דער שמאָלע קאַרסע, האָט אַהער דערגרייכט דאָס געמאָסטענע פאַמעלעכדיקע טופּן פון די רייטער, דעם פּויפּסט נאָבעלע לייב־וואַך. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום קאַ־פּיטאָל באַרג.

די ערשטע זענען אַרויפגעריטן, דעם פּויפּסט גוואַרדיע, אויף פלינקע שאַרלעכע פערד, וואָס האָבן ווי געטאַנצט מיט זייערע דינע פיס. די רייטער האָבן געטראָגן שוואַרצע פייערלעכע מאַנטלען מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, טונקל־בלאָע הויזן. זיי האָבן אויסגעזען מעכטיק הויך, מיט דייערע שטאָלענע העל־מען. מיט גאָלדענע אַרויסשטאַרצנדיקע קאַמען. עס האָבן געפינקלט מיט קע־ניגלעכע רייכקייט די גאָלדענע בענדער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די גע־שליפענע ברוסט פּליטעס.

די מענטשן האָבן זיך מיט גרויס דרך ארץ אָפּגערוקט, געמאַכט פאַר

זיי אַ ברייטן וועג, די רייטער האָבן זיך אויסגעשפּרייט, געעפנט דעם סקווער, אָפּשטופּנדיק די מענטשן מיט זייערע פערדישע הינטנס, וואָס נידריקער פון סקווער אַראָפּ.

נאָך זיי האָבן אַריינגעריטן די שווייצער גוואַרדיע, פון פאַרנט האָט גע־שפּאַנט זייער אָנפירער דעם פויפּסטס פלימעניק קאַרלאָ קאַראַפאַ, אויף זיין אַשיק־גראָען אָגער, וואָס ער האָט מיט סאָלדאַטישע גבורה געהאַלטן אין צוים. דער אָגער האָט טראָציק געהויבן זיין שטאַרקן האַלדז מיט אַ גאַווהדי־קער פאַריסנקייט. דער סאָלדאַט קאַרדינאַל קאַרלאָ מיט זיינע געקליבענע שווייצער האָבן געטראָגן רוישיק פאַרביקע קליידער, געשטרייפטע קני־הויזן פון געל־רויט און שוואַרץ. זייערע שפּיציקע נידריקע שטעק־שיך האָבן שטייף, צוגעדריקט די פעסטע גראָע בייכער פון די פערד, זייערע קורצע לייב־לעך אויסגעבעטע ביי די אַקסלען, פאַרצויגן מיט אַ פּאַס ביי די לענדן איז אויך געווען פון די דריי קאָלירטע שטרייפן, געל רויט און שוואַרץ.

זיי האָבן פונקט ווי זייערע פערד, געהאַלטן הויך זייערע גאַוותדיקע קעפּ. די שוואַרצע העלמען מיט די בערשטלעך האָט זיי צוגעגעבן אַ בע־זונדערע טראָציקע שטאָלצקייט.

זיי זיינען געריטן אין קליינע גרופּעס אָפּגעטיילט מיט אַ צלם־טרעגער מיט רייך־פאַרפּוצטע אָפיצירן אין געשטרייפטע סאַמעטענע קליידער פון רויט, שוואַרץ און פּורפּור רויט.

ערשט הינטער זיי איז געקומען דעם פּויפּסט נאָבעלע לייב־וויך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּויפּסט קאַרעטע, זייערע פאַרביקע קליידער האָבן געמיניעט מיט רוישיק געלע, און רויטע קאָלירן, אויף זייערע אַקסלען האָבן אַרונטערגעהאַנגען שאַרלעכע מאַנטלען באַזוימט מיט גאָלד. אויף זייערע ווייסע הויזן האָבן זיי געטראָגן שוואַרצע גלאַנציקע שטיוול. צווישן זיי איז גע־פאָרן דעם פּויפּסט קאַרעטע, באַדעקט מיט רויטן דאַמאַסק ,באַזוימט מיט גאָל־דענע פראַנזן, באַמאָלט מיט אַלערליי פליענדיקע מלאכים.

לעבן די טרעפּ פון דער אַלטער אַראַקאַעלי קירך האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט. די וועכטער האָבן געעפנט די קאַרעטע. פון ערגעץ האָט זיך פּלוצים געהערט דאָס קלינגען פון קליינע גלעקעלעך, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אי־בער די קעפּ מיט ציטערדיקע פאַרכטיקע קלאַנגען. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס אימה אַ נידערגעקניט. דער פּויפּסט הויך און דין מיט אַ פינצטער טרויעריק פּנים, איז אַרויס פון דער קאַרעטע. די וועכטער האָבן אַרויסגענומען אַ קרוין־שטול, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רויטן סאַמעט און צוועלף מענער האָבן אים אויפגעהויבן אויף דער קרוין שטול. פון ביידע זייטן האָבן צוויי באַדינער געטראָגן ווייסע פעכערס פון טייערע פעדערן, זיי האָבן אויסגעשטרעקט די

פּעכערס מיט לאַנגע שטאַנגען באַדעקט מיט פּורפּור רויטן סאַמעט און לייכט געפּאַכעט אַרום דער קרוין־שטול.

דאָס פאָלק אויף דעם סקווער, אויף די טרעפּ פון די אַרומיקע געביידן, האָבן מיט די קעפּ געבויגענע צו דער ערד, זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני מיט אַ פרומער, פאַרכטיקער הכנעה.

די באַדינער האָבן געטראָגן דעם פּויפּסט אַרויף אויף די הונדערט און פיראונצוואָנציק ,טרעפּ צו דער "אַראַ־קאָעלי" קירך. פּאַמעלעך האָבן זיי זיך גע־הויבן אויף דעם גרינעם מיט גראָז באַשאָטענעם טעפּיך. פון הינטן זענען נאָכגעגאַנגען די קאַרדינאַלן, בישאָפן, פּרעלאַטן אין זייערע פאַרביקע הייל־ליקע קליידער.

דער סקווער איז געווען פול מיט הויך געשטעלטע לייט, פון רוימישן נאָבל, פון די רייכסטע פאַמיליעס. אַמבאַסאַדאָרן, הויכע פירשטן, דוכסן, פיל פון זיי אונטערגעוואָרפן אונטער דעם פּויפּסט ממשלה. עס האָבן זיך אויך גע־פונען שפּאַנישע נאָבלייט, נאַפּאָליטאַנישע, וואָס זענען פון ווייטע ערטער גע־קומען צוליב מורא, אָדער באַהאַלטענעם אנשטעל אַרויסצואווייזן דרך ארץ און אָפּגעבן כבוד דעם פּויפּסט.

אויפן סקווער האָט זיך אויך געפונען דער מאַנסעניאָר טשענטשי. נישט ווייט פון אים אָפּגערוקט איז געשטאַנען זיין באַלעבאָסטע בעטריצע, מחמת זי איז ניט געווען געזעצלעך זיין ווייב, זי איז געשטאַנען מיט איר נייע פריינדין דעם אַלטן סאַוועליס טאָכטער, עמיליאַ.

דער מאַנסעניאָר טשענטשי, דער קאַסירער פון דער פּויפּסטלעכער אַפּאָסטאָלישער קאַמער, איז געווען זייער אומרואיק. עס איז אים נישט אַנגע־גאַנגען די גאַנצע פייערלעכע פּראַצעסיע. די פייערונג האָט אים אויסגעליידיקט די קאַסע, די אויסגאַבן שטייגן ווייט אַריבער די איינקונפטן, און איצט האָט ער נאָך בעת אַזאַ יקרות, נאָך געדאַרפט צושטעלן דריי הונדערט וועגענער מיט מעל אומזיסט צוצוטיילן דאָס ערב־רב פון רוים, איינצושטילן זייער צאָרן און צו געווינען זייער פריינטשאַפט פאַרן וואַטיקאַן. עס קען זיין, אַז זיי וועלן אפשר געווינען, די פריינטשאַפט פון די שטאָטלייט, דער פּרייז איז אָבער אַ צו טייערער. פון וואַנען וועט ער דעקן די אַלע פאַרשווענדערייען. פון די רייכע לייט צו רייסן נאָך מער צינזן, איז דאָ אַ גרויס געפאַר. די אונטערטעניקע פירשטן, די רייכע הויפן בונטעווען זיך אינדערשטיל, איבערהויפּט די שפּאַ־נישע, פון נעאַפּאָלס, פון אַלע דרומדיקע גרויסע הייזער, וואָס זיינען אינטרי־גירט פון שפּאַנישן קעניגרייך. זיי קענען אויפהויבן די ערשטע מרידה. אויך די שטאָטלייט, די באַלמעלאָכעס, די גאָלדשמידן, די קינסטלער, די הענד־לער, אויך זיי קען מען נישט צופיל באַרייסן. טאָמער קומט פאָר אַ מרידה,

אָדער אַ מלחמה מיט דעם שפּאַנישן קעניגרייך, זאָלן כאָטש די רוימישע איינוואוינער נישט ווידערשפּעניגן. אויב מען וויל נישט פאַרלירן דאַרף, מען דאָס גוט באַרעכענען פאָראויס, אַזוי וועט ער, דער מאָנסיניאָר טשענטשי דערקלערן דעם פּויפּסטס פּלימעניק דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַ, וואָס טוט אַלץ אומבאַרעכנט ווי אַ צעיושעטער סאָלדאַט.

פון די אַלע געדאַנקען ווערט ער, וואָס אַמאָל טרויעריקער. עס בלייבט אים ווידער בלויז די יידן. ער ווייסט אָבער נישט ווי ער האַלט מיט זיי, צי האָבן זיי נאָך געגנוג געלט? צו וועט זיך עמעצער אָננעמען פאַר זיי. דער משומד משה גאַלאַטי האָט אים נאָך אַלץ גאָר נישט אויסגעפונען. גאָרנישט קען ער אַרויסקריגן פון די יידן. איינער ליגט ביי אים אין קעלער־תּפיסה, דער רייכער ייד טאָסקאַני, און ווי עס ווייזט אויס וויל ער בעסער דאָרטן שטאַרבן, איידער אים מיט עפּעס צו העלפן. דעם צווייטן, דעם רופא סאַבאַטי האַלט ער אין "סענט־אַנדזשעלאָ" שלאָס און פון יענעם קען ער זיך אויך פון גאָרנישט דערוויסן. איצט וויל זי נאָך, זיין באַלעבאָסטע בעטריצע, ער זאָל דעם רופא אינגאַנצן אַרויסלאָזן אויף דער פריי, ווייל איר נייע פריינדין עמיליאַ דעם אַלטן סאַוועליס טאָכטער האָט זיך איינגערעדט, אַז צוליב איר האָט מען דעם דאָקטאָר איינגעזעצט אין פעסטונג. זי דערגייט אים די יאָרן. און אפשר איז זי טאַקע גערעכט, זיין באַלעבאָסטע, זי וויל האָבן די פריינדשאַפט פון די גרויסע הייזער אין דער שטאָט, אפשר דאַרף ער אים באַפרייען.

דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט שווער און ווייטיקדיק אָפּגעזיפצט, ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אים אַרויסלאָזן דעם רופא סאבאטי, וואָס וועט ער האָבן אויפגעטאָן, וואָס פאַראַ פּנים וועט ער האָבן ביים וואַטיקאַן סעקרעטאָר דעם פּויפּסטס פּלימעניק קאַרלאָ קאַראַפאַ. ער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען אַרויסצוקריגן דאָס גאַנצע געלט פון די יידן, איבערהויפּט פון די אַנקאָנאַ יידן, וואָס זיינען רייך געוואָרן פון גרויסן ים־האַנדל, וואָס די פריערדיקע פּויפּסטן האָבן זיי באַוויליקט . . .

פון צווישן די געדיכטעניש אויפן קאַפּיטאָל־באַרג, האָט זיך אַרויסגעשאַרט איינער פון זיינע מענטשן, אַן איינפאַך געקליידעטער מאַן, וואָס האָט געדאַרפט צולייגן אַן אויער צו די רייד, וואָס מענטשן רעדן, כדי ער זאָל וויסן, ווער עס איז אַ שונא, וואָס מען וועט דאַרפן אָפּרוימען און אויך ווי עס האַלט מיט זייער ממשלה, ווער עס שטיצט זיי.

דער מאַן האָט זיך פאַמעלעך, גערוקט לעבן די שפּאַנישע רייך־געקליידטע באַוואָפנטע נאָבללייט. דער מאָנסעניאָר טשענטשי איז גלייך געוואָרן אומרואיג. ער האָט שוין געוואָלט הערן, וואָס דער מאַן האָט צו דערציילן. ער האָט מיט אַ וואונק אים צוגערופן. דער מאַן האָט זיך קונציק צוגערוקט צו אים.

— וואָס זאָגן זיי דאָרטן — האָט ער האַסטיק געפֿרעגט אַרויספֿלייגנדיק די האַנט אויפֿן מויל, מען זאָל נישט באַמערקן ווי ער באַוועגט מיט די ליפּן.

— זיי שפּעטן פֿון אונדז. זיי זאָגן, אַז דעם פּויפּסטס פּלימעניקס מוטער וויל אַ קעניגלעכע קרוין פֿאַרן קאַרדינאַל קאַרלאָ קאַראַפֿאַ.

דער מאַן האָט געקוקט פֿאַראויס מיטן פּנים ווי ער וואָלט געשעפּטשעט צו זיך אַליין.

— זיי זאָגן אַז דער פּויפּסט וויל פֿאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט, באַהערשן די שפּאַניער און אויסהרגענען אַלע קעגנער . . .

— דאָס אַלץ! וואָס זיי קען איינפֿאַלן די גאָטס לעסטערער! דאָס יידישע און מורישע בלוט רעדט אַרויס פֿון זיי. ריכטיק האָט זיי אָפּגעשאַצט דער הייליקער פֿאָטער . . .

— זיי זאָגן, אַז דער פּויפּסט מיט זיין פּלימעניק, דער גראָבער סאָלדאַט און דער קאַרדינאַל טאַגע, גרייטן צו אַ בלוט־באָד, אַריינצוכאַפּן די וועלט . . .

דער מאָנסעניאָר האָט מער נישט געפֿרעגט. דער שפּיאָן האָט זיך ווידער אַוועקגעשאַרט, זיך אויסגעמישט צווישן געדיכטן עולם.

נישט וויט פֿון מאָנסעניאָר טשענטשי איז געשטאַנען די קאַראַפֿאַ משפּחה, אויסגעצירט אין די טייערסטע קליידער, וואָס האָבן געמיניעט מיט די פֿאַרביקסטע קאָלירן. די קליידער האָבן פֿאַרשיינט דעם אָרום מיט בשמים און בלומען דופֿטנדיקע פּערפֿיומען. עס זענען געשטאַנען דעם פּויפּסטס פּלימעניקעס, וועמען ער האָט געמאַכט גרויס, זיי געגעבן הויכע טיטלען, זיי געמאַכט פֿאַר מאַרקיזן, דוכסן. זיי אַוועקגעגעבן רייכע גיטער, וואָס ער האָט צוגענומען פֿון די ווידערשפּעניקע, אַלט־רוימישע קאָלאָנאַ פֿאַמיליע. צווישן די פּלימעניקעס האָט זיך אויך געפֿונען די אַלטע מוטער פֿון דעם סאָלדאַט־קאַרדינאַל קאַראַפֿאַ. זי איז געווען געצערעמט מיט אירע אייניקלעך, יונגע כּלה־מיידלעך. זיי אויך, האָבן געטראָגן רייכע קליידער מיט ברייטע אַרבל, לויט דעם פֿראַנצויזיש־פֿרינצלעכן סטיל, אויסגעאַרבעט פֿון גאָלדענע געוועבן באַפּוצט מיט פּאַסן שוואַרצן סאַטין. די אַלטע, דעם קאַרדינאַלס מוטער אַ מענעריש הויכע פֿרוי האָט זיך געקליידעט מיט אַזאַ פֿאַרשווענדערישע רייכקייט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו ווערן די מוטער פֿון אַ קעניגלעך הויז. איר שוואַרץ סאַמעטענער אויבערמאַנטל איז געווען צעעפֿנט, איר שפּאַציר־קלייד פֿון שוואַרצן סאַטין איז געווען געפּוצט מיט פּאַסן פֿלאַמענדיקן פּורפּור־רויט, איר בוזים מיט איינגעפּאַלענע מענערשע ברוסטן, איז געווען פֿאַרקנעפּלט ביז אַרונטער מיט רובינענע קנעפּ. פֿון גרויס אויפֿרעגונג איז איצט איר אַלט־רירעווודיק פּנים געווען צעפֿלאַמט מיט אַ געלבלעכע רויטקייט, ווי סרוב ביי זקנות. ביז גאָר שאַרף האָט זיך ביי איר געזען דער טונקעלער אַנוואוקס פֿון אומגעלומפּערטע

הערעלעך ווי סמן־זכר וואָנסעלעך. אירע ליפּן ברייט צעעפנט ווי אַנגעשוואָלן, פאַרוואסערט ווי דער שטייגער נאָך אַ סך רעדן. איצט האָט זי געשוויגן. איר פּנים, די פיבערדיקע אויגן, זיינען געווען געווענדעט צו די טרעפּ וואו דער פּויפּסט מיט זיינע קאַרדינאַלן האָבן זיך געצויגן אַרויף אויף די אויסגעלייגטע דיוואַנען צו דער "אַראַ־קאָעלי" קירך.

אויסלענדישע הויך־געשטעלטע געסט זענען געשטאַנען אַרום זיי ווי אַרום דעם הויפּט־פּונקט פון דעם צונויפקום, מחמת גאַר גרויסע הייזער האָבן זיך געשדכנט צו די מיידלעך פון דעם פּויפּסטס משפּחה. אָבער די אַל־טע האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשאַכערען, צוגעלאָזט נאָענט בלויז די פראַנ־צויזישע געסט פון קעניגלעכן הויז, פאַרשטעהער פון קליינע קעניגרייכן, מיט אַן אויג אויסגערעכנט צו פאַרשטאַרקן איר זונס, קאַרלאָס הערשאַפט, און נישט צוגעלאָזט די שפּאַניער וועמען די גאַנצע קאַראַפאַ משפּחה האָט טויט־לעך פיינט געהאַט . . .

דער מאַנסעניאָר טשענטשי האָט שווער אָפּגעזיפצט, ווייל דעם גאַנצן שפּיל, וואָס מען פּלאַנעוועט אין וואַטיקאַן דורך אים און קאַרלאָ קאַראַפאַ, צו ווערן שטאַרקער ווי די שפּאַנישע מאַכט, שפּילט זי ווייבעריש אָפּן, ווי דער זיג איבער די מעכטיקע שפּאַניער וואָלט שוין געווען זייערער. דערצו איז זי נישט אָפּגעהיט מיט קיין וואָרט, באַרימט זיך שוין, אַז זי וויל אַ קעניגלעכע קרוין פאַר איר זון. קיין גוטס קען דערפון נישט אַרויסקומען. די שפּאַניער וועלן זיך צוגרייטן און וועלן נישט לאָזן דעם וואַטיקאַן אויפהויבן דעם קאָפּ. ער, דער מאַנסעניאָר טשענטשי האָט אָבער נישט קיין מעגלעכקייט דאָס אַלץ אָפּצושטעלן. ער וואָלט געדאַרפט וואָרענען דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַ וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס קען אַרויסקומען צוליב זיין מוטער. זי זאָל זיך באַ־צייטנס נישט באַרימען מיט קיין טראָגן פאַר אירע קינדער. ער ווייסט אָבער, דער מאַנסעניאָר טשענטשי אַז ער האָט נישט גענוג מוט דאָס צו זאָגן דעם קאַרדינאַל. ער האָט מורא ער זאָל דערמיט נישט פאַרלירן זיין פריינט, דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַ, וועלכער האָט פיינט די יעניקע וואָס פאַרטראָגן נישט זיין מוטער, די וואָס זעען נאָר אומגעלומפּערטקייטן אין אירע רייד, אין אירע פירונגען. אַפילו די שפּיאָנען האָבן מורא צו רעדן מיטן קאַרדינאַל וועגן זיין מוטער . . .

די לאַנגע שטילקייט האָט אים אויפגעוועקט פון שווערע אומרואיקע רעיונות. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער קירך, אויבן ביי דעם אַריינ־גאַנג, צו דער קירך לעבן דעם באַלדאַכין האָט זיך די הייליקע פּראָצעסיע אָפּ־געשטעלט, דער פּויפּסט איז אַרונטער פון דער טראַגיקער טראָג־שטול. ער איז געגאַנגען האַסטיק גיך אין זיינע רויטע שיך. ער האָט נאָך געטראָגן אַ וואַ־

רעמע ווינטער־הלבשה, אַ ווייסן דאָמיניקאַנישן כאַלאַט, אַ קורצע קאַפּע מיט פוטער באַזוימט, אויף די אַקסל האָט ער געטראָגן אַ רויטע מאַנטע, וואָס איז געפאַלן אַריבער די פיס. פון די אַקסלען האָט אַרונטערגעהאָנגען די פויפּסט־לעכע "פאַלדאַ" אַ ווייסע שלעפּע פון טאַפטע וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט לאַנג הינטער זיינע פיס־טריט.

די קאַרדינאַלן אין שאַרלעך רויטע כאַלאַטן האָבן נאָכגעשפּאַנט הינ־טער די שלעפּע צום באַלדאַכין. דער באַלדאַכין איז געווען באַלויכטן מיט אַ בלענדנדיקע העלקייט, פון די פיל ליכט וואָס האָבן געפלאַמט, ביים אַריינ־גאַנג און אין דער טיפקייט פון דער טונקעלער קירך. דער פויפּסט איז אַרויף, אויף זיין טראָן־שטול, וואָס איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ באַלקאָן. דער באַל־קאָן איז געווען באַהאָנגען מיט טיכער פון טייערע שטיקערייען געפעדעמט מיט גאָלדענע געוועבן.

אַ יונגער גלח אין אַ ווייס העמדל איבער דער סוטאַנע, מיט אַ באַצלמטן שאַל מיט פראַנזן אויף די אַקסלען, האָט צוגעטראָגן דאָס קעסטל מיט די הייַ־ליקע כלים. עס אַוועקגעשטעלט לעבן היכל וואו אַ גאָלדענער צלם האָט גע־בלענט צווישן די לייכטער.

דער פויפּסט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף זיינע קני. דאָס גאַנצע פאָלק אויפן סקווער און אין טאָל האָט אַנידערגעקניט מיט געבויגענע קעפּ, דאָס מיליטער מיטן געווער, די שטאָלענע גארסעטן, די פּליטעס האָבן אָפּגע־הילכט מיט אַ מעטאַלענעם קרעכץ; אויך זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט פון די פערד, מיטן פנים צו דער ערד.

אין די לופט האָט אַ שוועב געטאָן, אַ געווירצטער רויך. איבערן גאָלדע־נעם קרוציפיקס האָט דער פויפּסט אויפגעהויבן דאָס וויי־ברויט, די "אָסטיאַ" וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס געהייליקטע לייב פון קריסטוסן.

אַ פאַרכטיקע הייליקע שטילקייט האָט געהויערט איבער אַלעמענס גע־בויגענע קעפּ. אַ שטילע זקנהשע שטימע פול מיט אימהדיקן תפלהדיקן טרויַ־ער האָט זיך געטראָגן פון דעם טראָן־זאַל.

— "אַ *סאַלוטאַריס האָסטיאַ".

דאָס פאָלק האָט פיינלעך אָפּגעזיפצט, זיך איינגעהערט מיט אנגסטלעכן פחד אין דעם מרה־שחורהדיקן קול, וואָס איז יעדע ווילע געזונקען אין דעם זקנהשן מויל, און זיך ווידער אויפגעהויבן מיט יונגער גבורה, ווי עס וואָלט אַרויסגעשלאָגן פון אים אַ קוואַל פון באַהאַלטענע קרעפטיקע כוחות. דאָס געלע ווי וואקסענע פנים מיט די מידע, פינצטערע, אַרונטערגעלאָזטע לאַנגע אויגן־לעפלעך האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן צום הימל, ווי ער וואָלט מיט

*) זייט געבענטשט.

פֿאַרמאַכטע אויגן זיך געווענדט צו די הימלען. זיינע מורמלנדיקע ליפּן זענען געווען אויסגעקרומט פֿול מיט בעטנדיקן צער. דער לאַנגער גערונצלטער האַלדז האָט געציטערט ביי אים, ווי ער וואָלט אַרונטערגעשלונגען די טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט מיט אַ געוויין.

אויף זיינע אַקסלען איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ וואָאַל, וואָס איז גע־ווען אויסגעשטיקט פֿון די דינסטע געוועבן, דער פּויפּסט האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט, מיט דריי אויסגעשטרעקטע פֿינגער. ער האָט גענומען שאָק־לען הין און צוריק געמאַכט אַ שתי־וערב אין דער לופֿטן און געבענטשט דאָס פֿאָלק.

אַ ציטערנדיקע אומרואיקע באַוועגונג איז דורכגעלאָפֿן איבער אַלעמען. אַלע האָבן פֿרום זיך געבוקט און געצלמט.

אויף דעם טורעם איבער דער מאַסיווער קירך, האָט זיך אַ וויג געטאָן דער קלויסטער גלאָק. אַ מעטאַלישער ציטער האָט כוואַליענדיק אַ ברום געטאָן אין דער לופֿטן. באַלד האָבן אונטערגעכאַפּט די קלויסטערס פֿון אַרום. עס האָבן אויך אָפּגעענטפֿערט די ווייטלעכע קירכעס פֿון דער שטאָט. פֿון אַלע פֿערצן שטאָט־טיילן. די גלאָקן האָבן געקלונגען שטיל, פֿאַמעלעכדיק און פֿיי־ערלעך. מיט טענער עפּעס פֿאַרהוילענע ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון נישט באַ־גרייפֿלעכע ספֿערן, תּפֿלהדיק און טרויעריק האָבן די טענער געקלונגען מיט גרויס אונטערטעניקייט צו גאָט און צום פֿאָטער דעם פּויפּסט, וואָס אַלע האָבן געהאַלטן, אַז ער איז פֿון גאָט אַליין אויסדערווילט געוואָרן צו זיין דער מושל איבער אַלע זינדיקע באַשעפֿענישן אויף דער ערד.

דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿרום מיט גרויס געבעט געבויגן כורעמדיק צו דער ערד מיט אַ פֿולן בטחון, אַז דעם פּויפּסט ברכה וועט פֿאַלן אויף זייערע קעפּ, און זיי באַפֿרייען פֿון זייער אומגליקלעך מיזערנעם לעבן.

נאָכדעם ווי אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן, האָט זיך איבער זייערע קעפּ נאָך געטראָגן די קלויסטערישע קלאַנגען. נאָר איצט האָבן זיי שוין געברומט העכער, האַסטיקער מיט אַ פֿייערלעכער פֿריילעכקייט ווי אַט, אַט קומט זי, די ישועה אויף דער וועלט און אַלעמען באַגליקן . . .

דער מאַנסעניאָר טשענטשי האָט זיך מיט גרויס נייגעריקייט אַרומגע־קוקט אין אַלע זייטן. אַלעמענס פּנימער זענען געווען ווי אויסגעלייטערט מיט אַן אויפגעהייטערטער פֿרומער התלהבות. אַ גליאיק פֿייערל האָט געברענט אין זייערע אויגן. אַ פֿייערל פֿון גלויביקער גרייטקייט. זיי האָבן זיך אַוועק־געטראָגן מיט לייב און לעבן, ווייט אַוועק מיט די ברומנדיקע קלאַנגען צו אַנ־דערע וועלטן, וואָס בלויז זייערע דמיונות האָבן געקענט אויפכאַפּן. טייל האָבן אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, ווי עפּעס געזוכט אויף די ווייס־נעפּלדיקע

וואַלקנס, וואָס האָבן זיך געקנוילט ווי לויזע שניי־בערגלעך אויף דעם בלאָען, פרילינגדיקן הימל. אַנדערע האָבן מיט גרויס פאַרכטיקער איבערגעבנקייט אַרויפגעקוקט צום טראָן־שטול וואו דער פויפסט האָט געקניט דבקותדיק פאַר־טיפט אין תפילות, וואָס קיינער פונדערווייטנס האָט נישט געקענט הערן. זיי האָבן בלויז ווי מיטגעוויגט זיך, געשעפטשעט מיט אויסגעשפיצטן געהער צום פויפסטס מורמלנדיקע ליפן, וואָס זענען געווען אויסגעקרימט מיט עפּעס אַ פיינלעכן זקנהשן צער.

דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט מיט אַ דערלייכטערונג אָפּגעזיפצט. ער האָט מיטאַמאָל ווי פאַרלוירן זיין טרויעריק געמיט. עס איז אים געווען גוט צו זען ווי דאָס פאָלק איז אַזוי גלויביק איבערגעגעבן צו זייער פאָטער, דעם פויפסט פון רוים.

ער האָט מיט גרויס האָפערדיקייט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אַריבערגעקוקט די רייען מיט הויכגעשטעלטע לייט, אַהין צו די רייען מיט די שווייצער־גוואַר־דיע. אויף דער קאַרדינאַל דאָן קאַרלאָ אויף זיין פערד, אין שפּיץ פון זיין מושטירטער גוואַרדיע, האָט זיך געפילט דערהויבן. ער איז געזעסן הויך מיט זיין ריזיק זעלנערישע פיגור אויף זיין אַשיק־גראָען פערד מיט אַ טראָצי־קער שטאָלצקייט. ווי ער וואָלט צוריקגעקומען פון אַ שלאַכט — אַ גרויסער זיגער. ער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ לייכטן שמייכל מיט זיין רויען סאָלדאַטישן פנים, צו די מקורבים, די סוויטע פריינט. וואָס האָבן זיך אונ־טערטעניק חניפהדיק תמיד געהאַלטן אַרום אים. ער האָט אויך אַ שמייכל געטאָן צום מאָנסעניאָר טשענטשי; אַ שמייכל מיט אַ לייכטן וואונק מיטן אויג, וואָס האָט ווי געזאָגט צו אים, אַז עס האָט געלוינט די דריי הונדערט וועגענער מיט מעל, וואָס ער דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט אַזוי גוט און גיך צוגעשטעלט, וואָס באַלד וועלן זיי צופוסנס דעם באַרג צעטיילט ווערן אומזיסט.

אַ קלוג שמייכעלע האָט שוין נישט אָפּגעטראָטן פון זיין פנים, געקראָכן אויף די טיפע פאַלדן אַרום זיין מויל. ער האָט געוואוסט, דער מאָנסעניאָר, אַז דאַמאָלס, ווען ער באַפאַלט אים אַזאַ שמייכלעניש קען ער דאָס נישט באַהאַלטן פון זיין פנים. זיין באַלעבאָסטע בעטריצע האָט אים שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז מענטשן קענען נאָך מיינען, אַז ער מאַכט חוזק פון יענעם, אַז ער איז יענעם מבטל, ווי אַלע וואָלטן געווען די גרעסטע נאַראָנים, נאָר ער האָט אַלעמען אי־בערגעקליגט, אַזאַ שמייכל האָט שפּאָטיש אויפגעהויבן אין איין ווינקל זיין אויי־בערשטע באַוואָנסלטע ליפּ. די נאָז־פליגלען האָבן מפונקדיק זיך צעשפרייט. ער האָט דערפאַר פאַרדעקט דאָס פנים מיט דער האַנט נישט צו ווייזן זיין מויל ביי אַזאַ פייערלעכן מאָמענט.

ער האָט זיך אומגעקוקט צי קיינער האָט נישט באַמערקט זיין פנים, צי

זיין באַלעבאָסטע האָט נישט באַמערקט זיין מויל, ווייל אינדערהיים, וועט זי אים גלייך פאַרוואַרפן, אַז מענטשן וועלן נאָך זאָגן, אַז ער איז נישט קיין פּרומער. און מענטשן וועלן נאָך מער פאַרשפּרייטן רכילותן וועגן זיי, אַז אַ מענטש פון וואַטיקאַן, דער מאָנסעניאָר, קאַסירער פון דער אַפּאָסטאָלישער קאַמער פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן מיט אַ אשת איש. זי וועט שוין נאָכדעם אַפּוויינען אַ גאַנצע נאַכט און אים דערגייַן די יאָרן. זי וועט אים נישט צולאָזן צו זיך, נאָר אַן אויפהער קניען אין זייער טונקעלער קאַפּליצע לעבן דער הייליקער מוטער, און בעטן פאַר זייערע זינדיקע נשמות . . .

די באַלעבאָסטע בעטריצע האָט אינגאַנצען נישט געקוקט אויף אים. זי איז ווי אַלע מענטשן אויפן באַרג געווען פאַרכאַפּט פון דער גרויסער פאַרכטיקער פייערלעכקייט, איר פּנים איז געווען שיין צעפלאַמט מיט אַ פּרומער התפּעלות, אירע אויגן זענען געווען געווענדעט אַרויף צו דער "אַראַ־קאַעלי" קירך. דער מאָנסעניאָר האָט אָבער באַוויזן אויפצוכאַפּן אַ בליק, וואָס איז זייטיק געפאַלן אויף אים. אַ בליק פון עמעצן, וואָס ער האָט זיך גאַרנישט גערעכט. ער איז געקומען פון זיין באַלעבאָסטעס נייע פריינדין. דעם אַלטן סאַוועליס יונגסטע טאָכטער עמיליאַ. זי איז גראַדע געשטאַנען געאַרעמט מיט זיין באַלעבאָסטע און זיך ווי באַהאַלטן מיט איר דינעם יונג־מיידלשן קערפּער, לעבן דער דיקלעכער בעטריצע, נאָר איר פּנים האָט אים זייטיק באַטראַכט לאַנג און דורכדרינגלעך, ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט ביי אים דערפאָרשן.

דער מאָנסעניאָר האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. זיין פּנים איז דערפון געוואָרן קאַלט פאַרגליווערט ווי פריהער. אים האָט ביז גאָר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס צוליב אַזאַ קינד גאָר האָט ער געדאַרפט אויפציטערן. ער האָט זיך דערפאַר אָן שום שטער אויסגעבויגן און אויפגעכאַפּט איר נאָכפאָרשערישן בליק. פון זיין אומגעריכטן בייג געווענדט צו איר, איז דאָס מיידל צעטומלט געוואָרן, זיך קינדיש פאַרויטלט און אַרונטערגעלאָזט די אויגן, ווי מען וואָלט איר געכאַפּט ביים אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך. ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע. זי האָט ווידער אויפגעהויבן אומזיכער די אויגען. זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע. זי האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן, היימישלעך אַ שמייכל געטאָן, ווי זי וואָלט געווען אַ דערוואַקסענע פרוי און אים שוין לאַנג געקענט.

נאָכדעם האָט זיך דער מאָנסעניאָר טשענטשי שטאַרק פאַרטראַכט, וועגן דער דאָזיקער מיידל, וואָס איז געוואָרן אַזאַ נאָענטער פריינט מיט זיין באַלעבאָסטע בעטריצע. ער איז געווען זיכער, אַז די גאַנצע פריינטשאַפט איז בלויז ווייל זי וויל אַרויסראַטעווען דעם יידישן אַרצט סאַבאַטי און דאָך האָט דאָס נישט אַרויסגערופן איצט קיין צאָרן קעגן איר. ער האָט זיך דערפון דערפילט ווידער דער מעכטיקער מאַן פון דער שטאָט, וואָרעם אויך

זי, מיט איר גאַנצער משפחה ליגן איצט אין זיינען הענט, אויב ער זאָל וועלן משפטן דעם רופא סאַבאַטי, דאַרף ער אומבאַדינגט אַריינציען די סאַוועלי־מש־פּחה אויף געריכטלעכע פאַרהערן ביי דער אינקוויזיציע. ער דאַרף בלויז באַ־וויזן מיט דעם עדות זאָגן פון דעם דאָמיניקאַנישן מאָנאַך דאָקטאָר גריגאָרי און דאָס גאַנצע סאַוועלי־הויז איז רואינירט. דער דאָקטאָר גריגאָרי איז זי־כער אַז דאָס מיידל איז געהיילט געוואָרן מיט כישוף, דורך דעם שוואַרץ־קינצ־לער סאַבאַטי, און דאָס קען פירן דאָס מיידל צום שייטער־הויפן ווי איינע וואָס איז שוין באַהאַפטן מיט כישוף.

דער מאָנסעניאָר האָט שוין ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון דעם מיידל. איר פּנים איז געווען מאַט אויסגעבליכט, קרענקלעך פאַרזאָרגט. עס האָט אים מיטאַמאָל שטאַרק הנאה געטאָן וואָס איר פּנים זאָגט אויס, אַז דאָס סאַוועלי־הויז לעבט אין גרויס שרעק, אַזוי דאַרף טאַקע זיין, אַלע דאַרפן פילן די מעכטיקייט פון וואַטיקאַן, וואָס איז בכח אונטערטעניק צו מאַכן אָרים און רייך. זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט דער באַלעבאָסטע בעטריצע, ווע־מענס פּנים עס האָט געשיינט פון גרויס גליק. ער האָט צו איר פריילעך אַ שמייכל געטאָן, אַ שמייכל פול מיט צוזאָג, אַז ענלעך האָט ער טאַקע איינגע־זען אַז ער קען דערווייל באַפרייען דעם יידישן אַרצט סאַבאַטי און נישט באַ־לעסטיקן אירע פריינט. ער האָט טאַקע איינגעזען, אַז איצט נאָך דער פייערונג דאַרף ער אים דערווייל נישט האָבן. פריער האָט ער געדענקט צו מאַכן אַ גרויסן משפט, דאָס פאָלק אין רוים זאָל זען ווער עס איז שולדיק אין די אַלע מגפות, דער הונגער, וואָס האָט אַזויפיל מענטשן צוגענומען, גאַנץ רוים, וואָלט זיך דערוואוסט וואָס פאַראַ טייוולישע אַרבעט דער כישופמאַכער פון געטאָ האָט געטאָן. דערנאָך וואָלט זיין קערפער פאַרברענט געוואָרן אויפן ״קאַמפּאָ דע־פיאָר״, און די שטאָט רוים וואָלט זיך אפשר באַרואיקט... איצט איז דערווייל די גאַנצע זאַך איבעריק. די דריי הונדערט וועגענער מיט מעל, וואָס וועלן באַלד צוטיילט ווערן, און די תפילות פון פויפסט, האָבן באַרואיקט די שטאָט מיט אַ יומטובדיקע גליקזעליקייט, וואָס וועט לאַנג אָנהאַלטן ביים גלויביקן פאָלק.

די פייערלעכקייט איז געווען אין סאמע מיטן ברען. אַרויף צום קאַפּיטאָל סקווער האָבן זיך געצויגן די מענטשן אין אַ גרויסער הייליקער פּראָ־צעסיע. עס זיינען געגאַנגען מחנות מיט מאָנאַכן, די אָרעמע בזירישע קאַפּוטשאַנער מיט די לאַנגע, ברייטע, צעשויבערטע, צעקנייטש־טע בערד, ברוינע כאַלאַטן מיט קאַפּטוכן, באָרוויסע אין שטעק־שיך, די פראַנציסקאַנער מיט די פרומע גוטמוטיקע פּנימער, די געלערנטע בענע־דיקטאַנער, ערנסטע, בייזלעכע אין שוואַרצע כאַלאַטן, די ווייסע קאַרמעליטן,

די קאַלטע ווי פאַרעקשנטע צאַרנדיקע דאָמיניקאַנער. די מאַנאַכן האָבן גע־טראָגן אין זייערע הענט אָנגעצונדענע וועקסענע ליכט, און שטיל הייזעריקלעך געזונגען.

אַלע סאָרטן דינער, הויכגעשטעלטע לייט פון דער פּויפּסטלעכער מאַכט האָבן איצט געשפּאַנט צום סקווער, די פּרעלאַטן אין זייערע רייכע פּיאַ־לעטענע קליידער, מאַנטלען מיט ווייסן פוטער באַפּוצט, די קאַרדינאַלן, די מאָנסעניאָרן אין רויט און אין פּורפּור, וואָס מיט זייערע רווישיקע קאָלירן האָט עס פאַרבלענדט דעם סקווער.

אויפן מיטן סקווער האָבן די שטיינשניצער אָפּגעדעקט אַ הויכן שטיין פון ווייסן מאַרמאָר אויף דעם געשטעל איז געשטאַנען דער קאָפּ פון דעם פּויפּסט אויסגעהאַקט כמעט ענלעך צום פּויפּסט, דער אויסגעשניצטער קאָפּ פון ווייסן ווי דורכזיכטיקער מאַרמאָר האָט אַראָפּגעקוקט פון געשטעל. די טי־פע אויגן זענען געלעגן פאַרזונקען הינטער די אַרונטערגעלאָזטע ברעמען ווי די אויגן וואָלטן געטראָגן דעם גאַנצן צער פון דער וועלט. בלויז דאָס רעכטע אויג איז געווען אויפגעהויבן אַ ביסעלע העכער געקוקט צאַרנדיק און וואַכזאַם. ווי עס וואָלט געזען אַלע זינדיקייטן וואָס די מענטשן טוען אַרום אים, פאַר וועלכע ער, ווערט אַן רחמנות באַשטראָפן.

איבער דעם מאַרמאָרנעם געשטעל האָבן די שטיינקריצער פאַרצויגן אַ סאַמעטענע חופּה אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע מלאכימלעך און צלמים. די מאַנאַכן מיט די אָנגעצונדענע ליכט האָבן זיך צוגערוקט נענטער, זייערע בלאַ־סע פלעמעלעך האָבן באַלעבט דאָס פּנים פון דעם געשטעל מיט אַ לעבעדיקע פאַרביקייט ווי דער פּויפּסט אַליין וואָלט פאַר זיי געשטאַנען.

אויפן סקווער איז געוואָרן זייער שטיל, אַלע האָבן מיט גרויס פאַרכטי־קייט געקוקט אויף דעם צאַרנדיקן וואַכזאַמען אויג, וואָס זיי וועלן שוין שפּע־טער אין זייערע מאַנאַכישע צעלן זען, און ציטערן פאַר זיין צאָרן. זיין וואַכזאַם אויג זאָל זיי נישט כאַפּן ביי קיין שום זינד, ביי קיין שום זינדיקע מחשבה.

פון דער "אַראַ־קאַעלי" קירך איז פּאַמעלעך צוגעפאָרן דער פּויפּסט אין זיין קאַרעטע, דאָס פאָלק, אַלע דינער האָבן זיך צערוקט, געעפנט פאַר אים אַ דורכגאַנג ברייט ווי אַ גאַס. לעבן דעם געשטעל מיט דעם מאַרמאָרנעם קאָפּ, האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט. די טיר האָט זיך געעפנט, דער פּויפּסט איז אַרויסגעגאַנגען עטלעכע טריט און אַרונטער אַהינטער דער חופּה.

דאָס פאָלק, די מאַנאַכן אַלע דינער האָבן מיט גרויס פאַרכטיקייט זיך ווידער אַרונטערגעלאָזט אויף די קני.

אונטער דער חופּה האָט דער פּויפּסט לאַנג באַטראַכט דאָס בילד מיט זיין מרה־שחורהדיקן פּנים ביז ענדלעך האָט זיך באַוויזן אויף זיינע דינע ליפּן

אַ קוים, קוים באַמערקבאַר שמייכעלע, דאָס צאָרנדיקע אויג איז געוואָרן אַבי־סעלע ווייכער. די שטיינשניצער, די פאַרזאַמלטע אַרום, האָבן אײַנגעהאַלטן אָפּ־געזיפצט. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דער פּויפּסט איז צופרידן, וואָס זיין גע־שטאַלט וועט דאָ בלייבן אויפן סקווער פאַר אַלע אייביקייטן.

דער פּויפּסט האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן פון אָרט זיך אומגעקערט אין זיין קאַרעטע. פּאַמעלעך אַרויסגעפאָרן פון סקווער.

דאָס פאָלק, די דינער, די מאַנאַכן האָבן נאָך לאַנג געבויגענע געקניט אַרום דעם געשטעל ווי דאָס געשטאַלט פון דעם פּויפּסט וואָלט ווי געהאַלטן לעבעדיק אַ וואַכזאַם צאָרנדיק אויג איבער זיי. און פון גרויס פאַרכטיקייט, זיינען זיי ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין לאַנגע תפילות, זיין וואַכזאַם צאָרנדיק אויג זאָל מילדער ווערן צו זייערע זינד און צו זייערע זינדיקע מחשבות, וואָס באַגוועלטיקן זיי מיט טייוולישע כוחות, וואָס זיי זענען נישט בכח גובר צו זיין.

# זעכצנטער קאַפּיטל

לעבן די באָרגיאַ-הייזער אין וואַטיקאַן-הויף, זיינען געווען אויסגע־שטעלט אַ ריי מיט קאַרעטעס, איינגעשפּאַנטע מיט פלינקע שטאַרקע פערד. פון דעם קאַרדינאַל קאַרלאָ קאַראַפאַס וואוינונג, האָבן זיינע דינער געטראָגן שווערע קאַסטנס, מיט מלבושים, צירונג און געלט. די קאַסטנס זענען געווען פון טייערן רויט־האָלץ, אויסגעשניצט, גראַווירט מיט די קאַראַפאַ עמבלעמען, באַשלאָגן מיט בראָנזענע רייפן, מיט אַרויסגעשטאַרצנדיקע ניטן־קעפּ באַ־האַנגען מיט שווערע שלעסער.

אַ קליינע צאָל מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט אַרום דער סוויטע, וואָס האָט געדאַרפט באַגלייטן דעם סעקרעטאַר פון דער פּויפּסטלעכער מלו־כה, דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַ. עס איז דאָ געווען דער נאָענטער פריינט דער מאָנסעניאָר טשענטשי, עטלעכע הויכע אָפיצירן פון דער פּויפּסטלעכער גוואַר־דיע, דער בישאָף פון דער שטאָט רוים. דער זקנהשער קאַרדינאַל פאַרנעזע דער מאַנאַכישער אַרצט גריגאָרי און עטלעכע הויכע אָנפירער פון דער מלוכהשער ביוראָ, גאָר אין אַ זייט פון די אַלע געהויבענע געסט איז געשטאַ־נען דער משומד משה גאַלאַטי, וועמען דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט מיט־געבראַכט מיט זיך.

אויף דעם רחבותדיקן רייכן הויף איז געווען שטיל. די אָפענע רייען מיט באַלקאָנען-גאַלעריעס, איבער אַלע גאַרנס, רייך אָרנאַמענטירט האָבן שווער געהויערט אויף די מאַרמאָרנע פילאַרן. קיינער איז איצט נישט געווען אויף די טיפע באַלקאָנען, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי הענגען דאָ בלויז, אויף צו באַפּוצן די קעניגלעכע רייכע הייזער.

די פאַרזאַמלטע זענען געווען אַ ביסל באַטרונקן מיט וויין, די פּנימער רויטלעך, די אויגן פאַרגאָסן רויט־פּיבערדיק און פאַרנעפּלט, די ליפּן וואַסער־דיק און פאַרשוואָלן, דער מאָנאַך גריגאָריאַ האָט פון גרויס צעפאַרעטקייט, צע־

עפנט זיין סוטאַנע, זיך געגלעט דעם בויך, דעם גרויסן צלם, וואָס האָט געהאַנגען אויף אים.

דער משומד משה גאלאטי האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוגיין צו די געהויבענע געסט. דערצו האָט אים קיינער פון די פאַרזאַמלטע נישט צוגערופן, נישט דערמוטיקט אַפילו מיט קיין באַוועג פון זייערע דערשוויצטע אויפגעהייטערטע פנימער. מען קען נישט זאָגן, אַז זיי האָבן אים נישט באַמערקט. ווען זייערע אויגן האָבן אים באַגעגנט האָבן זיי פאַרלוירן די פיבערדיקע פאַרנעפלטקייט, אַ שנאהדיקע קאַלטע ניכטערקייט האָט זייערע שיכורלעכע אויגן אויסגעקילט. זיי האָבן זיך גיך אָפגעקערט פון אים מיט אַן איינגעהאַלטענער פאַראַכטונג, ווי זיי וואָלט פאַרדראָסן, וואָס ער געפינט זיך דאָ.

משה גאלאטי האָט דערפאַר זיך אָפגערוקט, געשפאַנט פאַמעלעך מיט זיין מידלעכן אַביסל הינקדיקן גאַנג. זיין געהויקערטע פלייצע מיט דעם אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ האָט נאָך מער דערמאָנט אין אַ פאַרעלטערטן אָרעמלעכן טרויעריקן ייד, וואָס איז גאָרנישט צוגעפאַסט צו די אַלע אויפגעהייטערטע רירעוודיקע מענער, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט.

דער משומד משה גאַלאַטי איז אָבער נישט אַוועק צו ווייט פון די קאַרעטעס, פון דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַס וואוינונג, ווי ער וואָלט דווקא אַלעמען אויף להכעיס דערמאָנט, אַז ער איז דאָ אַזאַ מיוחס ווי אַלע אַנדערע. ער האָט מיט אַ באַזונדערע שאַרפקייט אויפגעשפיצט זיינע אויערן צו הערן, וואָס עס ווערט גערעדט צווישן די פאַרזאַמלטע גרופקעס. מיינסטענס זענען די מענטשן געווען שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך געהיט נישט אַרויסצורעדן קיין הויך וואָרט, ווען אין קאָפּ מישן זיך די געדאַנקען פון טרינקען צופיל וויין. הויפטזעכלעך, וואָס דאָ נישט ווייט אויפן צווייטן גאָרן, וואוינט דער פויפסט אין זיינע דריי אָרעמלעכע נזירישע צימערן.

בלויז דאָרט, נאָענט פון דעם טויערדיקן פאָדערהויז פון דעם קאַרדינאַל קאַראַפאַס וואוינונג, האָט דער מאָנאַך דאָקטאָר גריגאָרי, זער שטיל אַריינגעטענהט צום ברייט צעוואַקסענעם בישאָף פון רוים, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע אָן שום באַוועג אין זיין שאַרלעכן כאַלאַט. ער, גאַלאַטי, האָט נישט געהערט קיין ווערטער, אָבער די דינע בייסנדיקע ליפּן פון דעם מאָנאַך האָבן געהאַט טענות.

— ווען דער קאַרדינאַל פאָרט אויף אַזאַ געהיימע שליחות אַזש קיין פּאַריז צום פראַנצויזישן קעניג האָט מען זיך געמעגט היטן פאַר דעם ייד . . .

דער שווערער גוף פון דעם בישאָף האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, ער האָט זיך פלינק אַרומגעקוקט זיך געכאַפּט, אַז מען מיינט בסך הכל דעם משו־

מד משה גאַלאַטי. אַ צופרידן זאַט שמייכעלע האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פעט בערדיק פּנים. זיינע פאַרגאָסענע אויגן האָבן געקוקט ביטולדיק מיט אָפּשפּעטנדיקע גרינע פייערלעך.

— דער מאָנסעניאָר האָט אים געבראַכט. ער איז אפשר געקומען מיט געלט, אויסבעטלען עפּעס פאַר די יידעלעך. זיי זאָלן אין זכות פון קריסטוסן בלייבן לעבן . . .

דער מאַנאַך דאָקטאָר גריגאָרי איז אים געווען זייער דאַנקבאַר.

— ריכטיק האָט איר דאָס געזאָגט הייליקער בישאָף. אַ העמדל קען מען טוישן נישט די אייגענע הויט. דאָס טויף־וואַסער קען נישט רייניקן קיין פרעמדע זעל . . .

דער בישאָף האָט מער נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. ער האָט זיך פאַמעלעך אָפּגערוקט פון דעם מאַנאַך, זיך אוועקגעלאָזט צו אַנדערע גרופּקעס, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן אויף דעם רחבותדיקן מיט ברוקשטיינער גע־פלאַסטערטן הויף.

פון דעם נאָענטן "סענט־אנדזשעלאָ" שלאָס האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ ליאַרעמדיק טרומייטערן, דאָס טרובן האָט הויל מיט אַ ווידער־קול זיך צע־טראָגן ווייט אַרום, באַלד האָט זיך דערהערט דאָס רעגעלמעסיקע האַסטיקע טופּן פון פערדישע פיס. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן מיט די אויגן זיך אויסגעדרייט צום רייזיקן שכנהשן הויף פון הייליקן פּעטער. אין דעם ליידיקן פּעטרוס־הויף איז אַריינגעריטן אַ מחנה מיט רייטער. פאַראויס האָט געריטן דער גראַף פּיטי־גליאַנאַ, דער קאָמאַנדיר פון דער פּויפּסטלעכער גוואַרדיע. הינטער אים האָבן זיך געצויגן געדיכטע רייען מיט באַוואָפנטע רייטער, זיי זיינען געווען אָנגע־טאָן אין פּראָסטע שלאַכט־קליידער. אויף זייערע שטאָלענע, געקייטלטע העמד־לעך, האָבן זיי געטראָגן לאַנגע ברוינע כאַלאַטן הינטער די כאַלאַטן האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט לאַנגע שווערדן, וואָס האָבן מעטאַליש געקלונגען זיך אָנ־קלאַפּנדיק ביי זייערע הויזן, געמאַכט פון שטאָלענע געקייטלטע רייפן וואָס די רייטער האָבן געטראָגן ווי אָנגעקאָוועט אויף די פיס.

די פאָנענטרעגער האָבן אויף זייערע לאַנגע שטאָלענע פּיקעס, געטראָגן קליינע פענדלעך פון דעם פּויפּסט־עמבלעם. די מעשענע נעז פון זייערע שטאָלענע שפּיציקע הוטן זענען געווען אויפגעהויבן. זייערע אָבגעברוינטע אַליווע פּנימער האָבן שטרענג אַרויסגעקוקט מיט זייערע קאַלטע, בלאָלעכע און ברוינלעכע אויגן.

דער גראַף ניקאָלאָ פּיטיגליאַנאַ מיט זיין נידריק פעסטע פיגור איז גע־זעסן אויף זיין פאַרביקן זאָטל. דער גאַנצער פערדישער הינטן איז געווען באַ־דעקט מיט אַן אויסגעשטיקטער דעקע באַזוימט מיט גאָלדענע טראָלדזן. דער

גראַף פּיטיגליאַנאָ האָט געהאַלטן זיין ברייטע ברוסט פאַראויס איינגעקרעמפּע־וועט אין זיין פאַנצער, פאַרשנורעוועט מיט אַ גאָלדיק געפּעדעמטן טוניק. ער האָט איבערגעלאָזט זיין מחנה רייטער אין דעם ריזיקן פּעטערס הויף, און אַליין איז ער מיט אַ געלאַסענעם טראָט אַריינגעריטן אין וואַטיקאַן־הויף צו די באַר־גיא הייזער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַלעמען באַטראַכט. די אויפגעהייטער־טע גרופּעס האָבן אים מיט אַן איינגעהאַלטענער פריינטלעכקייט געענטפערט. אָבער קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען. די מענטשן זענען פּלוצים גע־וואָרן אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. ביי אַלעמען איז מיט אַמאָל געקומען אויפן געדאַנק, דאָס וואָס מען רעדט וועגן דעם גראַף פּיטיגליאַנאָ בסוד סודות. מען רעדט, אַז ערגעצוואו אין אַ טאָסקאַנישן הויף האָט ער באַגעגנט אַ יידיש מיידל אַ טענצערן, ער איז אין דעם מיידל אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט פאַרגעסן זיין קריסטלעכן מיוחסדיקן אָפּשטאַם, פון דער באַרימטער אָרסיני פאַמיליע. דאָס מיידל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט, זי האָט מורא געהאַט פאַר דער אינקוויזיציע. איצט געפינט זי זיך ערגעץ אין אַ יידישן געטאָ. נישט געקוקט אויף דער גרויסער זינד, איז דער קאַרדינאַל קאַראַפאַ באַשטאַנען דער גראַף זאָל זיין דער קאָמאַנדיר פון דער פּויפּסטלע־כער גוואַרדיע, און איצט פאַרט פּיטיגליאַנא אים באַגלייטן, דעם קאַרדינאַל צום ״סאוויטא וועקיא״ פאַרט ווי ער פאָרט צום פראַנצויזישן קעניג.

דער גראַף פּיטיגליאַנא האָט פאַמעלעך געריטן אויף זיין גרויסן שלאַנקען אָגער. פאַרבייגעריטן די קאַרעטעס, וואָס זענען שוין געווען באַלאָדנט, פאַר־פּאַקט מיט די פיל טייערע קאַסטנס און געפּעק.

פונדערווייטנס ביים סאַמע סוף פון די קאַרעטעס האָט דער משומד משה גאַלאַטי, געשפּאַנט מיט זיין אָפּגעזונדערטן מידלעכן גאַנג. דאָס אַריינ־רייטן פון דעם גראַף פּיטיגליאַנא האָט האָט פאַר אים גאַרנישט געמיינט. ער איז שוין געוויינט, אַז אַלע גרויסע לייט פון שטאָט, פון וואַטיקאַן, זאָלן אים נישט שענקען קיין פריינדלעכן בליק, אָבער וואָס איז דאָ פּלוצים געשען. דער גראַף פּיטיגליאַנא האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט אַ שמייכלענדיק פריינט־לעך פּנים. דער משומד משה גאַלאַטי האָט אַזש פון איבעראַשונג שווערלעך אַ זיפץ געטאָן. ער האָט זיך דערשראָקן אָפּגעשטעלט ווי ער וואָלט נאָך נישט געווען זיכער צו מען מיינט דאָס אים. פּיטיגליאַנא איז צוגעריטן האַרט צו אים, זיך אַפילו איינגעבויגן צו אים פון זיין הויכן געזעס, אויף דעם באַצירטן זאַטל.

— סעניאָר גאַלאַטי, וועמען איך זע דאָ, איך האָב פיל מאָל געטראַכט וועגן אייך. זענט איר נאָך אַלץ פערנומען מיט ראַטעווען די פאַרלוירענע ברי־דער, צוריקצוברענגען זיי אין גאָטס הויז אַריין . . .

דער משומד משה גאַלאַטי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן צו דעם לע־

בעדיק באַריידעוודיקן פּיטיגליאַנא.

— יאַ מיין ליבער גרויסער האַר, מיינע ברידער זענען נאָך אַלץ איינגע־עקשנט, ווי געשטראָפט פון גאָט. איך בין שוין גראָ און אַלט געוואָרן און זיי, אַלץ די זעלבע...

דער גראַף פּיטיגליאַנא האָט זיך נאָך נענטער צוגערוקט.

— קומט איר נאָך צו זיי אין געטאָ אַריין? כ׳מיין קאָנען זיי דאָס אויס־האַלטן צו לעבן אין אַזאַ ענגשאַפט ווי די מויל־ווערעם אין לעכער. די טויערן זיינען נאָך אַלץ פאַרצאַמט? — האָט דער גראַף פּיטיגליאַנאַ געפרעגט מיט אַ נייגעריקער גלייכגילטיקייט, ווי ער וואָלט אינגאַנצן ביז איצט זיך נישט אינ־טערעסירט, נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַן אומוויכטיקן שטאָט־קוואַרטל אין רוים; נאָר צוליב פריינטלעכקייט צו משה גאַלאַטי פרעגט ער דאָס אַלץ.

— יאַ זיי לעבן דאָרט אַלע מיט עפּעס אַ טייוולישן כח ווי אונדזערע היי־ליקע זאָגן: גאָט האָט זיי איבערגעלאָזט ווי אַ לעבעדיקער עדות צו ווייזן וואָס עס איז געוואָרן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אָפּגעקערט פון לעבעדיקן גאָט און זיין משיח קריסטוס . . .

ביים פאַדער־הויז פון קאַרדינאַל קאַראַפאַס וואוינונג איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. די דינער זענען אימפּעטיקע אַרויסגעלאָפן, נאָך זיי איז אַרויס־געקומען דער קאַרדינאַל אין רייכע שאַרלעך רויטע קליידער, אין זיין גאַנצן גלחשן טראַכט. זיין סוויטע האָט אים אַרומגערינגלט, אַנדערע האָבן זיך מיט אים געזעגנט, נאָר נאָנט איז געשטאַנען דער מאָנסעניאָר טשענטשי, דער מאַנאַכישער דאָקטאָר גריגאָרי. דער קאַרדינאַל איז גיך אַריין אין זיין קאַרע־טע. די אַנגעלאָדנטע קאַרעטעס האָבן זיך אָפּגעריסן פן אָרט און מיט זייער שווערער משא אַרויסגעפאָרן פון וואַטיקאַן־הויף.

דער גראַף פּיטיגליאַנאַ האָט זיך אויסגעגלייכט אויף זיין פערד, און גיך געזאָגט.

— סעניאָר גאַלאַטי קומט צו מיר אין הויז. איר וועט זיין אַן אַנגעלייג־טער גאַסט. איך האַלט זיך אויף אין דער האָסטעריא (גאַסט הויז) ״די מאָנטע בריאַנזאַ״, לעבן דער קירך ״סאַנטאַ לוציא״.

ער האָט זיך פאַרקערעוועט מיטן פערד און מיט גאַלאָפּ, פאַזע די קאַ־רעטעס אַרויס פון הויף צו זיינע רייטער מחנות, וואָס האָבן אויף אים גע־וואַרט אין דעם ריזיקן סענט־פעטרוס הויף. דער צוג איז אַרויס פון דעם באָר־גאָ־קוואַרטל, צו די אָפענע קאַמפּאַגניאַ פעלדער. הינטער דעם צוג האָבן זיך געצויגן די באַגלייטנדיקע רייטער מחנות, וואָס האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ הויכן וואָלקן שטויב, וואָס האָט פאַרטונקלט דעם ווייטן וועג.

אויפן וואַטיקאַן־הויף איז געוואָרן שטיל. דער רחבותדיקער שיינער

הויף האָט בלויז אויפגענומען צווישן אירע טורעמדיקע מויערן אַ ווייטן אָפּהילך פון די אָפּפאָרנדיקע קאַרעטעס, און דאָס אייַנטאָניקע גאַלאָפּירן פון די פערד. די הויכע געסט האָבן זיך געזעגנט, טייל זענען אַוועק אין זייערע שכנותדיקע וואוינונגען. בלויז דער מאָנסעניאָר טשענטשי און דער משומד משה גאַלאַטי, זיינען דאָ געבליבן. דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט פאַמעלעך אַ שטאַרק־פאַרטראַכטער צוגענענט צו משה גאַלאַטי. ביידע האָבן שווייַגנדיק זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון "סענט־אַנדזשעלאָ" שלאָס.

ביידע האָבן זיי איצט געטראַכט וועגן דעם גראַף פּיטיגליאַנאַ. דער משומד, משה גאַלאַטי איז נאָך אַלץ געווען געפּלעפּט פון דער פּלוצימדיקער פריינטלעכקייט צו אים, ווען אַלע אַרום האָבן אים אויסגעמיטן. צוליב וואָס האָט ער זיך אויסגעפרעגט וועגן געטאָ, וועמען האָט ער דאָרטן אין געטאָ? ער משה גאַלאַטי דאַרף דאָס וויסן. אויב ער האָט מיט אַזאַ אָנשטעלעריישע, כאָטש גלייכגילטיקע נייַגעריקייט זיך נאָכגעפרעגט וועגן די יידן אין געטאָ, די פאַרגעסענע מענטשן פון רוים, מוזן טאָקע זיין אמת די מעשות, וואָס מען דערציילט וועגן אים, און זיין באַגעגעניש מיט אַ יידישע טענצערן אין אַ טאָסקאַנישן הויף, וועמען ער איז אומעטום נאָכגעפאָרן, און איצט הייסט עס געפינט זי זיך פאַרשפּאַרט אין רוימישן געטאָ. דער משומד משה גאַלאַטי האָט מיט אַלע חושים דערשפּירט, אַז ער האָט אַ וויכטיקע זאַך אין זיינע הענט, וואָס ער דאַרף דערפאָרשן מיט אַלע פּרטים. ער האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען וועגן די עטלעכע יונגע מיידלעך, וואָס פלעגן זיך פון צייט צו צייט אַרויסכאַפּן באַנאַכט פון געטאָ. איבערקויפן די וואַך, טראָגן זייער געלן שלייער ווי די קורטיזאַנקעס פון דעם שכנותדיקן "באָרדאָלעטאָ" קוואַרטאַל. טייל האָט מען געכאַפּט. זיי האָבן געקראָגן שמיץ אויפן הוילן לייב אויף דער "פּיאַצאַ דזשודעאַ" אויך די וועכטער האָבן באַצאָלט אַ גרויסן געלטשטראָף. די לעצטע צייטן הערט מען אָבער נישט וועגן אַזעלכע זאַכן.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך סיי ווי גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען, דער געטאָ איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַן אומבאַקאַנטע וועלט, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט קיינמאָל נישט געלעבט, ווי ווייניק ער ווייסט, וואָס דאָרט אין די יידישע הייזער טוט זיך. ווען דער מאָנסעניאָר טשענטשי, זאָל דאָס וויסן, וואָלט ער מיט אים נישט געגאַנגען קיין צוויי טריט. וואָס זאָל ער אָבער טאָן, גאַלאַטי, אַז די יידן היטן זיך פאַר אים, און אַריינצוגיין אַליין אין געטאָ האָט ער מורא, ער באַמיט זיך גענוג צו געווינען זייער צוטרוי, ער האָט אָבער נישט קיין מזל. וואָס ער זאָל נישט טאָן, וואָס פאַראַ גוטע זאַכן, לאָזט זיך עס אויס שלעכט. די יידן קריגן אים מער פיינט, אפשר היינט וועט אים געלינגען צו קריגן די פריינטשאַפט פון די יידן. דער מאָנסעניאָר טשענטשי

האָט נאָך אַלץ גלויבן אין אים. דער מאָנסעניאָר האָט אים אויסגעקליבן, ער זאָל אַרויסנעמען און באַפרייען דעם יידישן אַרצט עמנואל סאַבאַטי. איצט טאַקע גייען זיי אים אַרויסנעמען. פון גרויס חשק דאָס צו טאָן שנעלער, האָט דער משומד גענומען איילן מיט גיכע טריט שלעפנדיק זיין הינקנדיקן פוס, ווי ער וואָלט פאַרגעסן, אַז דער מאָנסעניאָר טשענטשי גייט מיט אים מיט.

אינמיטן פון זיינע האַסטיקע טריט האָט דער מאָנסעניאָר אים אויפגע־וועקט פון זיינע רעיונות.

— וואָס לויפט איר אַזוי סעניאָר מאָזע, וואָס האָט ער דאָס אייך אַזעל־כעס געזאָגט פּיטיגליאַנא, וואָס איר זענט אַזוי צערודערט.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך דערשראָקן אָפּגעשטעלט, זיך פאַר־נייגט מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע, זיך דערפילט אזוי קליין, פאַרלוירן, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ זינד מיט זיין נישט בכבודיק לויפן פאַראויס זיין האַר. אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן.

— איך לויף טאַקע צו גיך מאָנסעניאָר. עס איז היינט אַ גרויסער גליקלע־כער טאָג פאַר מיר. איך ווייס גאָרנישט מיט וואָס אייך אָפּצודאַנקען.

דער משומד האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער, מיטשלעפנדיק זיינע שוואַ־כע פיס.

— יאָ, דער גראַף פּיטיגליאַנא האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין זיין גאַסט־הויז. ער מוז עפּעס וועלן פון מיר, מאָנסעניאָר, — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַ־שיידענעם שטאָלץ.

— גייט טאַקע צו אים, און וואָס גיכער. ער וויל זיך אפשר אָראָפּרעדן פון האַרץ. ער האָט ליב, יידן, דער פּיטיגליאַנא... — האָט ער געזאָגט מיט אַ חוזק שמייכעלע אויפן פּנים.

דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון דעם משומד, ווי ער וואָלט נישט געווען זיכער צי ער האָט אים אַלץ אויסגע־זאָגט, וואָס דער גראַף פּיטיגליאַנא האָט מיט אים גערעדט. משה גאַלאַטי האָט זיך דערפאַר זייער שטאַרק פאַרלוירן און ער האָט מיט אונטערטעניקייט געזאָגט.

— ווי עס ווייזט אויס האָט ער טאַק ליב יידן ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן געטאָ . . . .

דער מאָנסעניאָר האָט אַ מרוקע געטאָן, די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנ־געצונדן מיט צאָרן.

— און דער וואַטיקאַן האָט אים איבערגעגעבן די קאָמאַנדע פון איר קאַוואַלעריע. איך וואָלט אים בעסער געשיקט אין אַן אינקוויזיציע־קאַמער... איך וועל עס נאָך טאָן! — האָט ער מיט כעס אויסגעשריגן אַ קלאַפּ טוענדיק

מיט דער פויסט אין דער אָפענער דלאָניע פון זיין צוויטער האַנט.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך דערפילט אַזוי היימיש, אַז ער האָט שוין אויך גענומען זיך באַקלאָגן אויף דער לויזקייט פון וואַטיקאַן אין שיכות צו זיין מיליטער.

— און די גערמאַנישע לאַנדקנעכט, וואָס מען האָט געבראַכט? זיי פאַרשמירן דאָס בילד פון יעזוסן אויף די וועגן. באַשמוצן די קאַפליצעס פון מאַגדאַלענאַ, אַ זענען זיי דאָס אַ זינדיק פאָלק... זייער לוטער איז בלויז אַ תירוץ. זיי האָבן פיינט קריסטוסן . . .

דער מאָנסעניאָר האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר צאָרנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט אין כעס געווען וואָס דער משומד שטופּט אַריין זיין מויל וואו מען דאַרף נישט. — זיי זענען גוטע זעלנער, און דאָס וואָס מיר דאַרפן... האָט ער בייז אויסגעשריען צו זיך אַליין.

ער האָט גענומען איילן שנעלער ווי אים וואָלט שוין נמאס געוואָרן צו גיין און זיך אויסשמועסן מיט דעם משומד, ער האָט זיך אָבער אינמיטן געלויף אָפּגעשטעלט, געמרוקעט מיט אַ פאַרקרימט פּנים

— אָבער וואָס אין געטאָ טוט זיך ווייסט איר נישט? אַז פּיטיגליאַנאַ האָט דאָרט זיין יידישע קורטיזאַנקע ווייסט איר אויך נישט?

אויף דעם האָט שוין דער משומד גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ער ווייסט טאַקע גאָרנישט. ער האָט שוין נישט אויפגעהויבן די אויגן, זיך שלאָבערדיק נאָכגעשלעפּט דעם מאָנסעניאָר איבער די טונקעלע געסלעך לעבן דער פעסטונג. ער האָט שוין ווידער פון גערדאַנק נישט אַרויסגעלאָזט די געטאָ, ווער קען זי זיין די קורטיזאַנקע? פאַר זיינע אויגן זענען דורכגעלאָפן פיל געשטאַלטן פון שיינע פרויען, רייכע און אָרעמע. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין דער קורטיזאַנקע ציליאַ פעסאַראָ, וואָס דער פויפסט סיקסטוס האָט מיט יאָרן צוריק פאַרברענט; געכאַפּט האָט מען איר מיט דעם דוכס פון פאַרמאַ. פון איר איז איבערגליבן אַ יונג מיידל, נאָכדעם ווי איר מוטער איז אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן. דאָס מיידל איז דאַמאָלסט אַוועקגעפאָרן פון רוים צו אירן אַ קרוב קיין לאָמבאַרדיאַ, צום טאַנץ־מייסטער און שפּילמאַן פעסאַראָ. מענטשן האָבן נאָכדעם דערציילט אין געטאָ, אַז דאָס מיידל גייט אין דער מוטערס דרכים. זי פאָרט אַרום איבער די לאָמבאַרדישע, טאָסקאַנישע פּרינצלעכע הויפן, מיט איר קרוב דעם שפּילמאַן פעסאַראָ און מיט דעם מייסטער פון טענץ, גוגליעלמאָ עבּרעאָ.

ביי דעם משומד משה גאַלאַטי האָט דאָס האַרץ פון דער דערמאָנונג גענומען קלאַפּן האַסטיקער. דאָס יונגע מיידל, די קורטיזאַנקעס טאָכטער, מוז שוין איצט זיין אַ רייפע פרוי. ער וועט זען צו טאָן אַלץ, וואָס גיכער אַריינצו־

קומען אין געטאָ. ערגעץ וואו, איז נאָך דאָרט איבערגעבליבן אירס אַ באָבע אין געטאָ. אויב זי איז אַריינגעפאַלן אין געטאָ מוז זי זיך אויפהאַלטן ביי דער אַלטער באָבען.

אַלץ איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי קלאָר, וואו איז געווען זיין קאָפּ, אַז ער האָט דאָס פריער נישט דערזען, נאָר זיך געלאָזט דערנידעריקן פון דעם מאָנ־סעניאָר, איצט קען ער אים ווייזן, אַז ער ווייסט יאָ, וואָס עס טוט זיך צווישן די יידן. עס איז אים אָבער גלייך דורכגעלאָפן אַ קעלט איבערן לייב אפשר טויג גאָר נישט ער זאָל זיך אַריינמישן אין דער זאַך, אַפילו דאָס מיידל, זאָל זיך גע־פינען אין געטאָ; ווארעם עס וואָלט געמיינט, ער זאָל העלפן באַשולדיקן, פּי־טיגליאַנא, וואָס שטאַמט פון דער גרויסער אַרסיני פאַמיליע. זיי וואָלטן אים דאָס נישט געשענקט. דערפאַר איז טאָקע בעסער ער זאָל דערווייל זיין טויב און שטום, נישט אַרויסווייזן מיט קיין זאַך אַז ער ווייסט עפּעס, צום מאָנסענ־יאָר. דער מאָנסעניאָר האָט ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים, אָבער ער, משה גאַלאַטי, יעדער קען אים צעטרעטן. ער האָט ווידער ווי פריער זיך געשלעפּט וואַקלענדיק, מיט זיינע מידע טריט הינטער דעם גיך אײַלנדיקן מאָנסעניאָר.

זיי זענען אַריין אין דער פעסטונג. די טורעמדיקע מויערן האָבן פאַר־טונקלט דעם זוניקן טאָג. דער רונדיקער מעכטיקער שלאָס האָט זיך געהויבן, מיט אַ מאַסיווער דערדריקנדיקער שווערקייט. אויף דעם שלאָס, מיט די באַ־פעסטיקטע שלאַכט־גזימסן, האָבן זיך נאָך העכער געהויבן, שווערע טעראַסן־געביידעס פול מיט שמאָל־פענצטערדיקע תּפיסה־צעלן, דער תּפיסהדיקער הויף איז געווען איינגעהילט מיט אַ בין־השמשותדיקע טונקלקייט. אין שאָטן פון דעם מעכטיקן שלאָס האָבן זיך געצויגן אומגעלומפּערטע ריזיקע הייזער פון רוי־געטעסעטע פּירעקיגע שטיינער. דאָס זענען געווען לאַנגע קאַזאַרמע־הייזער מיט שמאָלע פענצטער פאַרגראַטעוועט מיט אייזערנע שטאַבעס, פאַר דעם פויפסטלעכן מיליטער.

ביים אַריינגאַנג צום פעסטונג שלאָס, איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ באַ־וואָפנטער וועכטער, וואָס האָט זיך טיף פאַרנייגט.

— מאָנסעניאָר, מיר האָבן דורכגעפירט, וואָס איר האָט אונדז געהייסן טאָן.

דער מאָנסעניאָר האָט אָנגעוויזן אויף דעם משומד משה גאַלאַטי, און מיט אַן אָנשטעלערישע זיסע פריינדלעכקייט געזאָגט צום וועכטער.

— איך גיב אייך איבער אונדזער ברודער, סעניאָר גאַלאַטי, פון סענט יאָזעף־הויז, מיר האָבן באַוויליקט אים איבערצוגעבן דעם ייד, דעם אַרצט סאַבאַטי. ער וועט אים אַרויסנעמען פון צעל.

דער וועכטער האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט, מיט נייגעריקייט גוט באַ־

טראַכט משה גאַלאַטין. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט מיט זיין ברייטער ניד־ריקער פיגור צום אַריינגאַנג פון שלאָס.

דער משומד משה גאַלאַטי, האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ געהויבע־נער שליחות, וואָס איז אים איצט איבערגעגעבן געוואָרן אַליין דורכצופירן, ער איז דערפאַר געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט. אָבער דער מאַנסעניאָר האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרלוירנקייט. — גייט מיט דעם וועכטער. איך וועל וואַרטן אויף אייך ביידן, נאָענט פון דער ״סענט אַנדזשעלאָ״ בריק, ביי די ציפּרעס ביימער.

די פריינטלעכקייט פון דעם מאַנסעניאָר האָט אים דערמוטיקט און ער האָט זיך געלאָזט נאָכגיין דעם וועכטער.

די באַוואָפנטע וועכטער, מיט די לאַנגע שפּיזן־העק האָבן זיך אָפּגע־רוקט. דער טויער־וועכטער האָט אויפגעריגלט דעם טויער מיט די באַפעסטיק־טע אייזערנע שטאַנגען. זיי זענען אַריין אין אַ פינצטערן קאָרידאָר. דאָס פינצ־טערניש איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז משה גאַלאַטי האָט נישט גע־זען וואו צו שטעלן אַ פוס. ער האָט מיט אַ שווער געמיט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דער ריגל ביים טויער האָט אַ קלונג געטאָן, זיך פאַרהאַקט. אַ שוואַכע שיין פון טונקעלן דרויסן האָט אָפּגעדעקט דעם אַריינגאַנג. יעדער ווײַלע האָבן אַ בליץ געטאָן די העק מיט זייער חלפימדיקע שאַרפקייט פון בלענדנדיקן שטאָל.

דער וועכטער, וואָס האָט געפירט משה גאַלאַטין, האָט אָנגעצונדן אַ שטורקאַץ. דער שמאָלער און הויכער קאָרידאָר האָט זיך געעפנט מיט זיין קעלערדיקער תפיסהדיקער טיפקייט, אומגעהויערע דיקע פונדאַמענטן האָבן אויסגעפורעמט דעם דורכגאַנג מיט שטיינערנע שווערע געוועלבן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען אויסגעהוילטע נישעס, טיפע איינמויערונגען ווי פינצטע־רע אויסגעלאָשענע אויוונס. טייל לויטן אויסזען פון די אַלט־רוימישע קאַטאַ־קאָמבן. די געוועלבטע ווענט, זענען געווען פאַררויכערט מיט שוואַרצלעכע סאַזשע פון שטורקאַצן וואָס האָבן מיט זייערע פלאַמנדיקע צונגען איבערגע־לאָזט אָפּשרעקנדיקע שאָטנס. דער דורכגאַנג האָט זיך געדרייט אַרונטער מיט אַ שרויפנאַרטיקע רונדיקייט.

אַלערליי משונהדיקע קלאַנגען האָבן דאָ אין הוילן געדרייטן חלל אַרומ־געבלאָנקעט. די קלאַנגען האָבן דאָ אַהערדערגרייכט, אַזש פון דרויסן, דורך די אומגעזעענע דורכגאַנגען, וואָס האָבן זיך געצויגן אַזש צום טורעם אַרויף פון דער פעסטונג. זיי זענען דאָ פאַרגרעסערט געוואָרן, מיט וויסטע שרעקנדי־קע קולות, וואָס האָבן זיך דאָ ווי שדים אַרומגעטראָגן צווישן די אומגעזעענע היילן.

גאַר אונטן,ביים סאַמע דעק פון פעסטונג, האָבן זיך געצויגן פאַרמאַכטע תפיסה־צעלן, דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען ווינקלדיקע שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך דרייענדיק געצויגן ערגעץ וואו און פאַרלוירן געוואָרן אין דער פינצטערניש.

טיף אין דער לינקער זייט פון דורכגאַנג, איז איין צימער געשטאַנען אָפן. פון דאָרט האָבן זיך געטראָגן אימהדיקע קרעכצן. משה גאַלאַטי האָט זיך דערשראָקן אָפּגעשטעלט. דער וועכטער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט אַ בטולדיקן שמייכל געזאָגט.

— נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן. דאָס גרייט מען צו די פאַרברעכער צום משפט. עס קומט נישט אָן לייכט, זיי זאָלן זיך מודה זיין . . .

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן די טויערדיקע אָפענע טירן. טיף אין דעם קעלערדיקן צימער האָבן געפלאַקערט עטלעכע שטורקאַצן. נאָנט ביים געוועלבטן, פאַרקאָפּטשעטן סופיט, האָבן געהאַנגען עטלעכע מענער אויף די הענט. אויף זייערע נאַקעטע, צעוואונדעטע לייבער, האָבן בלויז נאָכגעהאַנגען די הויזן. ביי איין מאַן, אַ באַוואַקסענעם, מיט לאַנגע האָר, וואָס האָבן אים באַדעקט דאָס פּנים, האָבן אויף זיינע פיס נאָכגעהאַנגען שווערע געוויכטן. ביי אַלע האָבן די קעפּ פאַרחלשטע אַראָפּגעהאַנגען אויף זייערע קוים־דעכנדיקע ברוסטן. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ שטעך־בעטל, מיט שאַרף־שפּיציקע נעגל ווי שפּיזן. אַביסל אָפּגערוקט איז געשטאַנען אויף אַ געשטעל, אַ גרויסער רונדיקער דריי־פּוס ווי אַ ראָד מיט אַ קאַרבע צו דרייען, אינעווייניק אויסגעקאַוועט מיט שאַרפע שפּיציקע ציין. עס איז דאָ אויך געשטאַנען אַ מומיע־קאַסטן אין דער פאָרעם פון אַ מענטשלעכן גוף, אויסגעזעצט מיט שאַרפע גליטיקעס, וואָס האָבן געקענט זיך אַריינגליטשן אין לייב, די מומיע האָט געהאַט אַן אָפן פּנים, דער קרבן זאָל קענען אינמיטן פון די יסורים זיך מודה זיין . . .

אין סאַמע מיטן צימער אויבנאָן, לעבן אַ טיש אויף אַ הויכער שטול, איז געזעסן אַן אויספאַרשער אַ מאָנאַך אין אַ געלבלעכן, דאָמיניקאַנישן כאַלאַט, מיט אַ צלם אויף דער ברוסט. דאָס טרוקענע אויסגעדאַרטע פּנים פון מאָנאַך, איז געווען אַרומגעקרייזט מיט אַ שוואַרצע בערדל. אַ קליין קאַפּעלע, איז אים געלעגן אויפן שפּיץ־קאָפּ, אויף זיינע אומגעלומפּערטע צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן אַרומגענומען זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ קאַלפּיק. קעגנאיבער אים, איז געזעסן דער רופא סאַבאַטי מיטן פּראָפיל פון זיין לענגלעך שאַרף פּנים צום טיר, מיט די אויגן געווענדעט צו די האַלב־פאַרחלשטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אויף די אָנגעצויגענע שטריק, וואָס די וועכטער האָבן מיט גרויס גענױטקייט, געהאַלטן אין זייערע הענט. יעדע ווײלע

האָט דער וועכטער נאָכגעלאָזט דעם שטריק און דער מאַן, וואָס איז געווען אויסגעצויגן מיט די נאָכהענגענדיקע געוויכטן, איז ראַפּטום, געפאַלן צום שטיינערנעם דיל. די געוויכטן האָבן אַ שטויס געטאָן, דעם האַרטן שטיין, אַזש פונקן האָבן זיך צעשפּריצט. דער מענטש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חלשות, אַ מוראַדיקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז. דער געשריי איז גלייך איבערגעריסן געוואָרן. אַלע הענגענדיקע האָבן זיך פאַרצאַפּלטע אויפגעכאַפּט. בלויז באַוויזן צו זען, ווי די וועכטער ציען אויפסניי אַרויף דעם אומגליקלעכן צום סופיט.

דער רופא סאַבאַטי איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט, די אויגן אַרונטערגעלאָזט צום דיל. דער מאַנאַך־אויספאַרשער האָט אים רואיק באַטראַכט. נאָכדעם האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו די הענגענדיקע.

— זעסט די מענטשן יידן? היינט איז דיין לעצטער טאָג דו זאָלסט זיך אַליין מודה זיין. מאָרגן וועסטו הייגגען, מיט די געוויכטן אויף דיינע פיס...

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט רואיק, אויפגעהויבן די אויגן צום מאַנאַך.

— איך האָב זיך אין גאָרנישט וואָס מודה צו זיין. איך האָב נישט געזינדיקט, נישט במחשבה און נישט מיט מיינע הענט...

דער רופא סאַבאַטי האָט אָבער ווי דערפילט אַז עמעצער שטייט ביים אַריינגאַנג פון דעם צימער. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ זיך אַ צערודערטער איינגעקוקט, דאָס ביסל בלוט פון זיין מאָגערן קערפּער האָט האַסטיק אַ פלייץ געטאָן צום אויסגעבלייכטן פנים. ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן.

— איר זעט סעניאָר גאַלאַטי? שוין דריי טעג ווי מען פירט אים דאָ אַריין אָפּצושרעקן. קיין זאַך אַרט אים נישט, בלויז איר האָט אים צערודערט... האָט דער וועכטער געזאָגט מיט אַנטציקונג צום משומד.

— ער ווייסט נאָך נישט, אַז איר זענט אים געקומען אַרויסנעמען פון דאַנען. ער וועט אייך דאָס גאַנצע לעבן באַדאַנקען דערפאַר.

זיי זענען צוגעקומען צו אַן אָפענער קאַמער. דער באַגלייטער האָט אים אַריינגעפירט אין דער אָפענער צעל.

—איר וועט דאָ צוואָרטן, איך וועל גלייך קומען מיט דעם ייד.

דער וועכטער איז אַוועק מיט דעם ברענענדיקן שטורקאַץ. אַרום אים איז ווידער געוואָרן שטאָק־פינצטער, ער איז געבליבן שטיין אין הוילער שרעק. ער האָט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט צו די קרעכצנדיקע ווייען, די אנגסט געשרייען, וואָס זיינען געקומען פון דעם אינקוויזיציע־צימער. די ווייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַלערליי קלאַנגען, וואָס האָבן פון נאָ־

ענט און ווייט אַרומגעבלאָנדזשעט אָפּגעהילכט מיט אַ ווייטלעך ווידער־קול, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן צווישן די געוועלבטע ווענט.

די חשכות האָט געגומען פאַרשוואונדן ווערן. הויך ביים סופיט פון דער קאַמער האָבן זיך געזען קליינע עפענונגען צום דרויסן אַרויס, קליינע אויסגע־הוילטע פּירעקיגע לעכלעך אין די טיפע דיקע ווענט, וואָס האָבן געגעבן בלויז אַן אָנונג, אַז ערגעצוואו, איז פאַראַן ליכט. און דאָס טאָג־ליכט וואָס שיינט דאָ אַריין, איז בלויז אַ ווייטלעכער אָפּשיין אַ שפּראַץ פון דעם טייַ־ערן גאָט־געבענטשטן טאָג־ליכט. ער האָט דערזען די קליינע שמוציקע צעל, מיט אָפּגעריבענע, אָפּגעקראַצטע ווענט פאַרפלעקטע מיט פאַרטריקנטן בלוט, לייכעך פון קראַנקע העלדזער.

אויף דעם שטיינערנעם דיל, איז געלעגן אַ ביסל צעריבן שטרוי, צו־קאָפּנס, איז געלעגן דער שיינער ברייטער כאַלאַט פון דעם רופא עמנואל סאַבאַטי.

עס האָבן זיך דערהערט טריט, עס איז אויך אָנגעקומען דאָס ליכט פון שטורקאַץ, וואָס האָט אָנגעפילט די פינצטערע קאַמער מיט שפּרינגנדיקע שאָטנס.

אין דער קאַמער איז אַריינגעקומען דער רופא עמנואל סאבאטי, הויך און דאַר, מיט אַן אויסגעצויגן לאַנג פּנים, בלייך, אַן אַ טראָפּן בלוט. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט, פאַרזונקען אין טיפע מחשבות. ער האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז עמעצער איז דאָ ביי אים אין תּפיסה־קאַמער. ער האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געבליבן שטיין ווי דערשטוינט, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן דעם משומד משה גאַלאַטי.

דאָס שיינע שוואַרצע בערדל איז ביים רופא עמנואל סאַבאַטי געווען אויסגעקראַכן און צעקנייטשט. די אויגן טיף איינגעזונקען, מיט שוואַרצע הייטלעך, האָבן זיך מיטאַמאָל צאַרנדיק אָנגעצונדן. ער האָט זיך גלייכגעשטעלט מיט דער אַמאָליקער שטאָלצקייט, ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר די שאַר־פע לענגלעכע נאָז האָט אים, דעם משומד ווי דורכגעשטאָכן.

— איך בין געקומען טאָן די הייליקע מצווה פון פּדיון שבויים, אייך אַרויסנעמען פון דער תּפיסה — האָט דער משומד מיט אַ ציטערדיקע שטימע געזאָגט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ שמייכל, וואָס האָט פיינלעך פאַרקרימט זיינע בלאַע ליפּן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם צעריבענעם שטרוי, וואָס איז געווען זיין געלעגער. ער האָט זיך אָנגעלענט מיט זיין קערפּער אויף דער וואַנט, אַרויפלייגנדיק זיי־נע בלייכע, דאַרע הענט אויף די אַרויסשטאַרצנדיקע קני.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט אַ ווינק געטאָן צום וועכטער. דער באַגלייטער האָט זיך אַרויסגערוקט אין קאָרידאָר אַריין. אין קאַמער איז געוואָרן טונקעלער. בלויז די בליצנדיקע ברוין־פיבעריקע אויגן פון דעם רופא סאַבאַטי האָבן ווי פריהער געקוקט אויף אים מיט צאָרן.

— איר ענטפערט מיר נישט, און איך האָב געמיינט, אַז מיין הילף וועט אייך זיין שטאַרק אָנגעלייגט.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אַזש דער משומד גאַלאַטי האָט זיך דערשראָקן אָפּגערוקט.

— איך וויל נישט איר זאָלט זיין מיין גואל, איר הערט! איך וויל נישט, אַלע אייערע גענג זענען טריף, פאַלש. איר האָט פאַרקויפט אייער זעל, לאָזט מיך דאָ אַליין איך בעט אייך.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך ווי אַן כחות אַראָפּגעלאָזט, זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי, פאַרמאַכט די אויגן, די שוואַרצלעכע אויגן לעכלעך, זענען מיט די רואיקייט פון אַ מת, געלעגן ווי טויטלעך אויף זיין אויסגעלאָשן געלבלעך פנים. דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ער האָט גוט געקענט דעם רופא סאַבאַטי מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט, אַן עקשנות, וואָס אפילו די אינקוויזיציע קאַמער וואָלט נישט געקענט ברעכן. דער משומד האָט ווי דערפילט, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט קענען אויפטאָן, אַלע זיינע מיאונגען וועלן מיטאַמאָל, צו גאָרנישט, וואָס פאַראַ פנים וועט ער האָבן אין די אויגן פון מאָנסעניאָר. עס וואָלט פאַר אים געווען אַ טויט קלאַפּ ער זאָל דאַרפן אַרויסגיין פון דאַנען אַליין

— עס איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אייך, איך בין געלאָפן, געקלאַפּט אין אַלע טירן, אייך צו העלפן.

דער רופא סאַבאַטי האָט געעפנט זיינע אויגן, אים לאַנג און פאַרשנדיק אָנגעקוקט.

— האָט אייך עמעצער... איך מיין פון מיין משפחה דאָס צו טאָן געהייסן?

— ניין קיינער נישט, פון מיין גוטן ווילן האָב איך געבעטןביים מאָנסעניאָר טשענטשי — האָט דער משומד צוגענענט נענטער צו אים, ווי ער וואָלט דערשפירט אַז ער איז אַרויף אויף אַ גלייכן וועג.

— אַ דער מאָנסעניאָר... איך וועל אָבער נישט גיין פונדאַנען, ביז עס וועט נישט דערקלערט ווערן איבער רוים, אַז איך האָב קיינעם נישט געהיילט מיט כישוף. זאָגט זיי אין אונדזער תורה שטייט געשריבן. "עס זאָל זיך נישט געפינען ביי דיר אַ מכשף, אַ כישופשפרעכער, איינער וואָס פרעגט ביי אַ גייסט, אַ רוח, ווארום עס איז אַ אומווירדיקייט ביי גאָט".

דער משומד משה גאלאטי האט פרום א שמייכל געטאן, זיך איינגע־בויגן צום רופא.

— זיי וועלן אייך נישט צוליב טאן. דא אין דער פעסטונג זיצט דער קארדינאל מאראנע*) דער פויפסט איז שוין ווייליק אים צו באפרייען. אבער ער וויל אויך, מען זאל דערקלערן, אז ער איז נישט קיין בוגד פון דער קירך, און מען לאזט אים זיצן . . .

דער רופא עמנואל סאבאטי האט אפגעזיפצט — דער קארדינאל טוט דאס מסתם פאר זיין כבוד־וועגן, אבער איך טו דאס פאר אונדזער תורה, פארן כלל ישראל, זאל מיר גאט געבן כח בייצושטיין דעם נסיון, נישט צו פאר־שוועכן דעם יידישן נאמען.

דער רופא עמנואל סאבאטי האט ווידער צוגעמאכט די אויגן, ווי ער וואלט געלאזט וויסן דעם משומד, אז זייער שמועס איז געענדיקט.

דער משומד משה גאלאטי האט אבער נישט געקענט אוועקגיין. דער־מיט וואלט זיך אויף אייביק פארענדיקט זיין געהויבענער דינסט פארן וואַ־טיקאן. ער האט געזען פאר זיך א אפגרונט ווי נאר ער וועט ארויסגיין פון דא־נען מיט גארנישט, פאלט ער ארונטער, צווישן די אייביק פארגעסענע משו־מדים, וואס לעבן אן ארעם פארשטויסן לעבן, אויסגעלאכט הינטער די אויגן אין א פרעמדער וועלט.

ער האט זיך געגלייכט, איינגעהאלטן א זיפץ, וואס האט זיך געשפארט פון הארץ ארויס. אין מוח איז אים מיטאמאל דורכגעלאפן פיל געדאנקען, גע־שפרעכן וואס ער האט געהאט מיטן מאנסעניאר טשענטשי. געשפרעכן וועגן די יידן פון אנקאנא, וועגן די מאראנען. ער וועט אים עפעס מוזן זאגן כדי צו געווינען צוטרוי צו זיך. ער מוז דעם רופא סאבאטי געבן אנצוהערן, אז ער איז געטריי זיין אפשטאם, נישט פארגעסן זיין צוגעבונדנקייט צו יידן, כאטש ער לעבט נישט צווישן זיי.

— איך האב געטאן אלץ אייך צו מאכן פריי, ווארעם א גרויס אומ־גליק קומט אויף אונדזערע ברידער.

דער רופא עמנואל סאבאטי האט געעפנט די אויגן, געקוקט אויף אים מיט פארדאכט און אומצוטרוי. דער משומד האט זיך אומגעקוקט צו דער וועכטער הערט אים נישט. ער האט שטיל כמעט סודותדיק אים ווי איינגע־רוימט זיך צובויגנדיק נאענט צום רופא סאבאטי.

— דער וואטיקאן גייט משפטן אלע מאראנען, אפילו פרעמדע אונטער־

---

*) א באַרימטער קארדינאל פון יענער צייט וואס איז אומזיסט געזעסן אין תפיסה.

טאַנצן, די יידן פון אַנקאָנאַ, אויפן צעטל געפינט זיך אייער שוועגערנס חתן מרדכי חלפן . . .

— זיי וועלן דאָס נישט טאָן, זיי וועלן נישט וואַגן צו ברעכן דאָס רעכט וואָס דער פויפסט פאול דער דריטער האָט זיי געגעבן. געשריבענע רעכט־אַקטן האָט ער זיי געגעבן — האָט דער רופא עמנואל סאַבאַטי מיט גרויס האַרץ־ווייטיק אויסגעשריען.

— ששש, מען האָט שוין געבראָכן, — האָט דער משומד געזאָגט זייער שטיל מיט אַ טרויעריקער שטימע, וואָס האָט איבערצייגט אַז ער זאָגט אמת.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך מער נישט אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער. ער האָט זיך זיצנדיק געוויגט, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די קניען, ער האָט זיך געוויגט אַלץ שטאַרקער מיט דעם אומרו, וואָס איז אין אים כסדר געשטיגן. ער האָט שוין נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון דעם משומד, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים מיט אַ פרומע, הכנעהדיקע ערנסטקייט, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיינע איבערגעגעבענע פריינט.

— פאַרוואָס האָט מיר גאָט געשטראָפט, אַ משומד זאָל זיין מיין גואל... אפשר זאָגט ער מיר ליגן, אפשר האָט ער זיינע סיבות דערפאַר. — האָט דער רופא סאַבאַטי געביטערט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין אינדערשטיל.

— גאָט איז מיין עדות, אַז איך זאָג דעם אמת. די בחירה צו איר זאָלט מיט מיר אַרויסגיין פון דאַנען איז אין אייערע הענט — האָט דער משומד גאָ־לאַטי, גליייכגילטיק געזאָגט, ווי ער וואָלט שוין געוואוסט אַז ער האָט דעם רופא באַזיגט

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אויפגעהויבן זיין כאַלאַט, וואָס איז גע־לעגן ביי אים צוקאָפנס, ער האָט זיך גליייכגעמאַכט זיינע מלבושים, זיך רואיק אָנגעטאָן נאָכאַמאָל נאָכגעטראַכט, אַז אויב עס איז אמת, וואָס דער משומד זאָגט, גייט אַ גרויס אומגליק אויף די יידן וואָס האָבן פון זייער שפּאַנישן וואַנדער־וואָגל, געקראָגן אַ שטיקל היים אין דער פויפסטלעכער מלוכה; אויך זייער הויז וועט חרוב ווערן, דער אַלטער רב הלל איז געשטאָרבן, און דעם יונגן מרדכי, רחלס חתן ווילן זיי צונעמען. ער מוז טאָקע וואָס שנעלער, זיין אינדערהיים, אפשר וועלן זיי עפּעס קענען אָנווענדן, באַצייטנס עפּעס טאָן, אפשר וועט ער קאָנען דעם חתן מרדכי אַרויסשיקן פון געטאָ.

— נו איך גיי מיט אייך, אפשר איז אין אייך פאַרט איבערגעבליבן אַ ניצוץ פון אַ ייד... — האָט דער רופא סאַבאַטי געזאָגט אַ פריילעך אויפגעלעב־טער און זיך האַסטיק אַרויסגעלאָזט פון זיין צעל, צום טונקל באַלויכטענעם קאָרידאָר וואו דער וועכטער האָט געוואַרט.

— די יידן פון געטאָ פאַרשטייען מיך נישט. זיי זידלען און שעלטן מיך, אָבער איך בלייב זייער פריינט . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם מושמדס זיסע רייד. ער האָט געדענקט וויפל שלעכטס, יסורים, האַרצווייטיק, ער האָט אָנגעטאָן די יידן אין געטאָ, וואָס האָט דאָס פּאַסירט, וואָס ער איז אַזוי ווייכהאַרציק געוואָרן אפשר איז דאָס אַ נייער וועג, אַ נייע נעץ אַריינצוקריגן זיינע קרבנות.

דער רופא עמנואל סאבאטי, האָט זיך אויסגעדרייט.

— וואָס פאַרענטפערט איר זיך פאַר מיר? איר וועט זיך פאַרענטפערן, ווען עס וועט קומען דער טאָג פון אייער יום הדין... איר זענט שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק.

דער וועכטער מיטן שטורקאַץ פאַראויס האָט ווי געעפנט, ברייטער געמאַכט דעם שמאָלן געדרייטן אַרויפגאַנג. די דרויסנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן דאָ אַרומגעבלאָנקעט אין דעם הויך־געוועלבטן דורכגאַנג — זיינען געוואָרן, העכער, אָפּהילכנדיקער. עס האָט זיך איצט אַריבערגעטראָגן קלאַנגען פון דעם טורעם־גלאָק, וואָס האָט אויסגעקלונגען די מיטאָג־שעה, דאָס מעטאַלישע וועלגערן פון דעם טורעם־גלאָק, האָט זיך דאָ אַראָפּגעקאָלערט, צו די טויבע, געוועלבטע ווענט, ווי דער אָפּקלאַנג פון ערגעץ ווייטע, פאַרהוילענע דונערן וואָס זיינען געפאַלן שווער, אָפּשרעקנדיק צו דער ערד.

# זיבצנטער קאַפּיטל

אין דעם גאָרטן צווישן די צוויי משומדים־הייזער אויפֿן נאָמען פֿון הייליקן יאָזעף, זיינען די מאַנדל־בוימער שוין געווען אין פֿולער בליאונג, ווייסער און פּיאָלעטער צוויט האָט אַרומגעהילט די אָנגעשוואָלענע צווייגען. אַ מילדער פֿרילינג־ווינט האָט שטיל און פּאַמעלעך אַראָפּגעוויִעט פֿון די בוימער דאָס איבערגעלאָדענע רייפֿע בליעכץ, באַשאָטן דעם אויפֿגעאַקערטן גאָרטן. אַ בשמימדיקער ריח האָט פֿאַרשמעקט די רויִע לופֿט, וואָס האָט פֿרילינגדיק גערייצט, גענאָגט און געוועקט צום לעבן. טשאַטעס פֿייגל זיינען געפֿלויגן צווישן די ביימער, געטשוויטשעט מיט אַ שטיפֿערישע לוסטיקייט. העכער פֿון זיי האָט געזונגען דער נאַכטיגאַל, ערגעץ פֿאַרבאָרגן אין דער געדיכטעניש פֿון די בליענדיקע ביימער.

דער משומד משה גאַלאַטי איז געשטאַנען לעבן דעם פֿרויען־הויז און אומרואיק געקוקט אויף דעם גאָרטן. זיינע אויפֿגעשפּיצטע אויערן זיינען געווען געווענדעט אַרויף צום צווייטן גאָרן פֿון דעם קלויסטערדיקן הויז. די טיפֿע פֿאַרגראַטעטע פֿענצטער, מיט די קליינע קאָלירטע שייבלעך, זיינען געווען פֿאַרזונקען אין די אַלטע שטיינערנע ווענט, וואָס זיינען געווען באַוואַקסן מיט אַ גרינלעכן מאָך.

אין דעם ברייטן פֿעדער־הויז איז קיינער ניט געווען. אַלע זיינען געווען אויפֿן צווייטן גאָרן וואו עס איז געלעגן מסוכן קראַנק דעם פֿישער יונתנס טאָכטער, יוטע. דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך גאָר נישט געריכט, אַז דאָס פּשוטע דינסט־מיידל זאָל זיין אַזוי עקשנותדיק. געבראַכט האָט מען זי פֿון געטאָ צום שמדן. די פֿערציק טעג, די צייט צו ברעכן איר איינגעשפּאַרטקייט, זיינען שוין באַלד דורך, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן. איצט האָט זי מיט אַמאָל געפֿילט און איר פֿיבער האָלט כסדר אין איין שטייגן.

די שטילקייט פֿון צווייטן גאָרן האָט אים שטאַרק געשראָקן. ער האָט גע־

וואוסט, אַז דער פיבער פאַרצערט דאָס מיידל, אָבער דאָס ערשטע מאָל איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס מיידל קאָן אָוועקשטאַרבן, נאָך איידער ער וועט באַוויזן זי צו שמדן, דאָס וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויסער קלאַפּ, גראָד איצט ווען ער האָט געהאַלטן ביי געווינען פאַר זיך בעסערן אָנזען אין וואַטי־קאַן. די יידן אין געטאָ וואָלטן געהאַט איבער אים אַ גרויסן זיג. אויב דאָס מיידל זאָל איצט שטאַרבן, וואָלט ער זי געמוזט אָפּגעבן צו איר פאָטער. דאָס וואָלט נאָך מער געשטאַרקט די עקשנות פון די יידן צו האַלטן זיך ביי זייער אמונה, ווי דאָס אָרימע מיידל, וואָס איז בעסער געשטאָרבן און זיך נישט גע־לאָזט שמדן . . .

דער משומד גאַלאַטי האָט געפילט, ווי אַ קעלט איז אים דורכגעלאָפן אי־בערן לייב. ער טאָר דאָס מיידל נישט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט. ער מוז זי געזונט מאַכן. עס איז שוין נאָענט פון דער פאַסכאַ־וואָך. עס קומט אָן דער גרויסער שבת, צו וועלכן ער משה גאַלאַטי, דער פירער פון די הייזער אויפן נאָמען פון הייליקן יאָזעף, דאַרף צושטעלן אַ יידן פאַר דער שמד־צערעמאָניע, וואָס קומט פאַר אַלע יאָר אין דער קירך סאַן דזשיאָוואַני. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס היינטיקע יאָר וועט ער האָבן דעם פישערס מיידל. עס איז שוין צו־געגרייט געוואָרן אַ טייער וויס־זיידן־קלייד, אַ וואואַל, ווי פאַר אַ כלה־מיידל צו איר חופה.

ער האָט גענומען פאַמעלעך שפּאַנען איבער דער ברייטער סטעשקע פון גאָרטן צום צווייטן הויז, דאָס הויז פון די מענער־משומדים, וואָס איז אויך געווען באַוואַקסן מיט אַ גרינלעכן מאָך. די שמאָלע האַלב־רונדיקע טיפע פענצטער זענען געווען איינגעאַנצן אָן שויבן. בלויז פאַרהאַנגען פון דיקן לייוונט האָבן פאַרשטעלט די עפענונגען, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט שטאַרקע אייזערנע שטאַבעס, אַז די געבראַכטע צום שמד זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפן.

ביים אַריינגאַנג צום מענער־הויז זיינען אויף אַ באַנק געזעסן צוויי אַל־טע משומדים, איסאַק וואָלטעראַ און גאַנזאַקאַ. איסאַק, אַ זקן מיט אַן אַרומגע־שוירן אויסגעקראַכן גרוי בערדל, האָט געהאַלטן זיינע טרייסלדיקע הענט אָנ־געלענט אויף אַ שטעקן. דער צווייטער גאַנזאַקאַ, איז געווען אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציקן גאָרגל־קנאָפּ, וואָס איז ביי אים געלאָפן אַרויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס געשלונגען.

גאַלאַטי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט פיינט געהאַט דאָס הויז צוליב די צוויי זקנים. זיי האָבן כסדר אים דערמאָנט אין זיין אייגענער עלטקייט; אויך ער וועט אינגיכן אַזוי זיצן מיט פאַרגולמטע אויגן, נאָך איידער ער וועט עפּעס האָבן דערגרייכט פאַר זיך אַ שטיקל חשובן נאָמען. נאָך ערגער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס זיינען די צוויי

פֿאַרשוינען, וואָס יעדער יאָר בייט מען זיי צו שמדן אויפֿסניי ביי דער שמד־פּייערונג, איין יאָר איסאַקן דאָס צווייטע — גאַנזאַקן. וואָרעם נייע יידן צו שמדן איז שווער צו קריגן. אַ סך מענטשן פֿון רוים ווייסן שוין וועגן דעם. די צוויי משומדים איז אויך לייכט צו דערקענען, וויפֿל מען זאָל זיי נישט פֿאַרשטעלן, איבערטאָן. די שמד־צערעמאָניע רופֿט מער נישט אַרויס קיין פֿייערלעכקייט, נאָר חוזק. עס איז שוין אַ וויסטע חרפּה פֿאַר דעם הויז. האַי־יאָר האָט גאַלאַטי געוואָלט ברענגען אַ יונגע כּלה, די איינוואוינער פֿון רוים וואָלטן פֿון חידוש און פֿייערלעכקייט אויפֿגעציטערט.

צום הויז פֿון די משומדים איז צוגעפֿאָרן אַ קאַרעטע. פֿון דער קאַרעטע איז אַרויס אין זיין מאָנאַכישן כאַלאַט דער מאָנאַך דאָקטאָר גריגאָרי און צוויי קאַרמעליטן נאָנעס, מיט ווייסע שירצן און שטייפֿע ווייסע איבערדעקן, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט זייערע דראָבנע ווייסע פּנימער. זיי זיינען אַריין אין דעם פּרויען־הויז צו דער קראַנקער מיידל.

גאַלאַטי האָט זיי נאָכגעקוקט. ער איז זיי אָבער נישט אַנטקעגן געלאָפֿן, ווייל ער האָט פֿיינט געהאַט דעם מאָנאַך־דאָקטאָר פֿאַר זיין גרויסהאַלטעריי און זיין שנאה צו יידן, אַפֿילו משומדים.

פֿון זייער אָנקומען איז דעם משומד משה גאַלאַטי געוואָרן נאָך ערגער. ער איז כּמעט זיכער, אַז דער דאָקטאָר גריגאָרי, וואָס האָט מער גאווה ווי קענטעניש, וועט דאָס מיידל גאָרנישט נישט העלפֿן. ער וועט אָנוואַרפֿן אויף דעם מיידל אַ שרעק מיט זיין מאָנאַכישער פֿרומקייט. ווען ער, משה גאַלאַטי, קאָן אָהערברענגען דעם רופֿא עמנואל סאַבאַטי פֿון געטאָ, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. פֿון בלויז דערזען אים וואָלט דאָס מיידל אויפֿגעלעבט. אַ גוואַלדיקן כּח האָט דאָס דער יידישער רופֿא איבער מענטשן, נישט בלויז מיט זיינע רפֿואות, וואָס האָבן תּמיד אַ גרויסע ווירקונג, נאָר אויך מיט זיין ערנסטן אויסזען, מיט זיין אויפֿריכטיקייט און זיכערקייט.

גאַלאַטי איז אַריין אין דעם הויז פֿון די מענער. דאָס לאַנגע פֿאָדערהויז איז געווען טונקל. די קאָלירטע פֿענצטערלעך אין די האַלב־רונדיקע ראַמען זענען געווען באַצירט מיט בילדער פֿון דער הייליקער מוטער מיט אַ קינד, מיט שטראַלנדיקע קרוינען אַרום זייערע קעפּ, מיט בילדער פֿון די נביאים. ירמיה מיט אַ גרויסער באָרד, מיט אַ גאָלן קאָפּ קוקט אַראָפּ פֿון די פֿענצטער. לעבן אים שטייען אַנדערע הייליקע, וואַנדערנדיקע נזירים מיט שטעקנס אין די הענט. פֿון באַלקן הענגט אַרונטער אויף אַ לאַנגער קייט אַ מעשענער הענגלייכטער. אין איין זייט שטייען אָפֿן ברייטע טירן פֿון געבעט־הויז. אינעווייניק שטייען אויסגעשטעלט שטולן, שטענדערס ווי אין אַ סינאַגאָגע, להבדיל, מיט אַ באַלעמער. איבערן באַלעמער הענגט אַ שוואַרצער צלם מיט אַ געקרייציקטן

יעזוס, פול מיט דערנער אויף דעם קראַנץ, וואָס אַרום זיין מיד־געזונקענעם קאָפּ. אויף זיינע געקרייציקטע הענט און פיס ליגן רויט־פאַרגליווערטע בלוט־שטראָמען. טיף אין דעם טונקעלן געבעט־הויז, שטייט די הייליקע מוטער אין אַ בלויען מאַנטל פאַרהילט מיט צניעותדיקער פרומקייט. זי האַלט דאָס יעזוס־קינד אויף די הענט. אַ וויין־רויטער נר־תמיד וואַרפט צאַנקנדיקע שאָטנס אין דעם ליידיקן טונקעלן חלל.

אין דער צווייטער זייט איז אַ קלענערער צימער, וואָס זעט אויס ווי אַ שטוב פאַר לומדים. הויכע שענק אַרום די ווענט ביז צום באַלקן פול מיט ספרים, איינגעבונדענע אין לייוונטענע לעדערנע איינבונדן. טייל מיט וויקל־שנורן, אַנדערע מיט מעשענע און זילבערנע קלאַמערן. עס האָבן זיך דאָ געפונען פיל העברייאישע ספרים, דער תלמוד, דער רמב״ם און פיל אַנדערע גלות מפרשים, ספרים וואָס זענען שוין לאַנג געווען פאַרבאָטן אין געטאָ, ספרים, וואָס מען האָט געברענט אויפן שייטער־הויפן.

אין דעם צימער האָט זיך אין ערשטן אויגנבליק געדוכט, אַז קיינער איז דאָרטן נישטאָ אָבער גאַלאַטי ווייסט, אַז דער משומד לעאָנאַרדאָ מאַסאַראַנאָ געפינט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל, און מיט אים, דעם לערנער, וויל ער זיך דאָס דורכריידן. מאַסעראַנאָ איז שטענדיק פאַרטאָן אין לערנען. ער שרייבט שוין אַ צייט־לאַנג אַ ספר. דאָס ספר איז פול מיט אַנקלאַגעס קעגן יידן און יידישקייט. מאַסעראַנאָ האַלט, אַז דער וואַטיקאַן וועט אים דערפאַר אָפּגעבן פיל כבוד, הויך האַלטן זיין נאָמען. ער האָט שוין געוויזן פילע שטעלן צו די וואַטיקאַן געלערנטע. זיי האַלטן אַז די יידן דאַרפן אַזאַ בוך. משה גאַלאַטי האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען מען זאָל אַרויפלייגן אויף די יידן אַ שטייער, זיי זאָלן דאָס בוך אַרויסגעבן און אים צאָלן אַ יערלעכן געהאַלט, ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן מיט לערנען לטובת הכלל.

גאַלאַטי איז אַריין אינווייניק. דער משומד מאַסעראַנאָ איז געשטאַנען פאַרמוחט, מיט צוגעמאַכטע אויגן, זיך געשאָקלט איבער אַ ספר, ווי ער וואָלט געוואָלט מיטן רעיון עפּעס באַנעמען. דאָס דיקלעכע פּנים מיט דער געדיכטער באָרד, מיט דעם קליינעם קאָפּעלע אויפן קאָפּ האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ מיטל־יאָריקער באַלייבטער מאַנאַך. דער משומד מאַסעראַנאָ האָט ווי דערפילט, אַז עמיצער איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט ווי פון אַן אַנדער וועלט.

— אַ קומט טאַקע אַריין אַ ביסל, זעצט זיך אַוועק. די לופט פון ספרים מאַכט אַ מענטשן קלוג.

דער משומד, משה גאַלאַטי, האָט זיך אַוועקגעזעצט, שווער אָפּגעזיפצט:

— יאָ, דיר איז גוט. דו ביזט פאַרטאָן אין אַנדערע עולמות דו פירסט זיך

דיין מחלוקה מיט שטומע ספרים. מיט לעבעדיקע מענטשן איז די מחלוקה שווערער . . .

דער משומד מאַסעראַנאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע צע־פּלוטעטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ נישט אָנגענעמער בשורה.

— דו געדענקסט דאָס מיידל, וואָס מיר האָבן געקראָגן צום שמד. עס האָלט שלעכט מיט איר. זי איז מסוכן קראַנק. זי קאָן אויסגיין פאַרן שמד... דו ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס וואָלט געווען?

דער משומד מאַסעראַנאַ האָט זיך געריבן דעם שטערן. עס איז געווען צו זען, אַז אַ שווייס זעצט זיך אַרויס אויף זיין פּנים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צו וואָס טויגן זיינע ספרים. וואָס ער שרייבט, אַז אַ פּראָסט דינסט־מיידל האָבן זיי ניט געקאָנט איבערקערן צו שמד. ער האָט געוואָלט העלפן זיין פריינט וואָס וויל אַרויסגעבן זיין ספר, ער האָט אָבער נישט געקאָנט כאַפּן אַ געדאַנק, מיט וואָס ער קאָן אים העלפן.

— איך טראַכט צו ברענגען דעם רופא סאַבאַטי פון געטאָ. ער וועט אַריינגעבן חיות דעם מיידל, ביז מיר וועלן צייט האָבן זי צו שמדן.

ביים משומד מאַסעראַנאַ האָבן זיך די אויגן געעפנט מיט שרעק. ער האָט דערפילט, אַז גאַלאַטי וויל אים בשותפות אַריינציען אין אַן אומגליק. ער האָט געגומען הייזעריק שטאַמלען:

— אויב ער זאָל נישט קאַליע מאַכן אונדזער אַרבעט וואָלט עס געווען זייער גוט.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך אויפגעהויבן. קיין סך רייד האָט ער ניט געוואָלט פאַרלירן. עס איז נאָכאַמאָל געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס ער, גאַלאַ־טי, איז דאָ דער באַלעבאָס, נישט מאַסעראַנאַ, כאָטש מאַסעראַנאַ איז מער געלערנט, ער, קאָן נאָר שטעלן זיך געגן שטומע ספרים אָבער ווען עס קומט צו האַנדלען מיט לעבעדיקע מענטשן, איז ער פאַרלוירן. עס פעלט אים דרייסט־קייט צו האַנדלען פלינק, עס נעמט אים יאָרן ביז ער קוועטשט אויס אַ גע־דאַנק פון זיין צעטומלטן מוח. אָט אַ שטייגער ער, משה גאַלאַטי, גייט גלייך פון דאַנען מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן. אויב די נאָנעס וועלן אים זאָגן, אַז עס האָלט שלעכט, אַז דאָס מיידל שטאַרבט, שיקט ער סיי־ווי־סיי נאָך דעם יידישן רופא סאַבאַטי. ער וועט זי אַ ביסל אויפמונטערן. נאָכדעם, ווען דאָס מיידל וועט זיין אין הויכן פיבער, וועט זי לייכטער נאָכגעבן, אַלע אין הויז וועלן שוין זען, אַז דאָס מיידל האָט מונטערדיק אויפגענומען דאָס שמדן. אויב זי וועט בלייבן לעבן, וועט ער שטערן נאָכאַמאָל דורכצומאַכן אַ שמד־פייערונג אין דער סאַן־דזשיאָוואַני קירך? אויב ווידער זי וועט חלילה שטאַרבן, וועט ער אנשטאָט אַ שמד־פייערונג איר מאַכן אַזאַ לויה, וואָס די שטאָט רוים האָט נאָך אַזעלכעס

נישט געזען. אַלע פּאַראַפּיעס פון די דרייצן שטאָט־טיילן, אַלע קלויסטערס וועלן איר באַגלייטן. די באַלמעלאַכע־צעכן, די גילדעס — עס וועט זיין אַ לויה פון אַ ניי־געבוירענער נשמה, וואָס האָט באַוויזן פאַרן טויט זיך צו ראַטעווען. נאָך דעם טויף־וואַסער האָט זי איר נשמה נישט באַפלעקט מיט קיין שום זינד. הייליק און ריין וועט איר נשמה אַרויפגיין צום הימל פון דער זינדיקער ערד, וואָס האָט איר מיט גנעדיקייט באַפרייט.

פון גרויס פרייד האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט, גיך אַרויס פון דעם נזירס צימער, אַרויס אין גאָרטן אַריין. קעגנאיבער אין דעם פרויען־הויז איז געווען אַ שטיקל גערודער. דער משמד משה גאַלאַטי האָט זיך משער געווען אַז דאָרט איז שוין עפּעס פאָרגעקומען. ווארעם אַלע זיינען דאָרטן אַראָפּגעקומען פון דעם צווייטן גאָרן, וואו עס איז געלעגן קראַנק דעם פישערס מיידל יוטע. ער האָט זיך געלאָזט שנעל לויפן איבער דער גאָרטן סטעזשקע. אינמיטן לויפן מיט זיינע שווערע אומגעלומפּערטע פיס, האָט ער זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט, מחמת פון דעם פרויען־הויז איז אַרויסגעקומען דער מאָנאַך דאָקטאָר גריגאָרי. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דעם משומד משה גאַלאַטי. הינטער אים האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט די צוויי קאַרמעליטן־נאָנעס מיט די ווייסע האַרץ־שירצלעך, זייערע ברייטע קליידער האָבן איבערגעדעקט זייערע פיס, זיך פאַלדנדיק געלייגט אויף די טרעפּ, וואָס זיי האָבן אונטערגעהויבן, ווי מען הויבט אונטער אַ שלעפּע. זיי האָבן דערביי געהאַלטן אין זייערע הענט שוואַרצע קרעלן מיט נאָכהענגנדיקע צלמים.

דער מאָנאַך דר. גריגאָרי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן צו אים, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען צו ריידן מיט גאַלאַטין.

— סעניאָר גאַלאַטי, דאָס מיידל האָט געציילטע שעהן. זי האָט געהאַט אַ שווער מפּיל . . .

— אַ יעזוס הייליקער! איך גיי גלייך אָנצינדן אַ ליכט פאַר איר נשמה. זי איז שוין געווען גרייט זיך צו באַהעפטן מיט אונדזער קריסטלעכער אמונה, און איצט אַזאַ אומגליק... — האָט דער משומד גאַלאַטי צלמנדיק פאַרפלאָכטן זיינע פינגער און זיי צוגעלייגט צו דער ברוסט.

— זי רופט פון היץ איר פאָטער, ער זאָל ברענגען זייער כשוף־מאַכער, דעם ייד סאבאטי ,פון געטאָ, — האָט דער מאָנאַך אויפגעהויבן זיינע ברעמען מיט די פרומע אויגן־לעפלעך און געקוקט מיט אַ פּאָר אָפּחוזקנדיקע גרינלעכע אויגן. דאָס אָפּשפּאָטנדיקע שמייכלען האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין דאַרן, גלאַט־ראַזירטן גלחשן פּנים, עס האָט האָט ווי אויסגעצויגן זיינע דינע, פאַרביסענע ליפּן.

— איך מוז שוין ברענגען אַ פּריסטער, זי דאַרף זיך מתודה זיין פאַרן טויט. איך גיי איר שוין צוגרייטן געהייליקט צו ווערן מיטן טויף־וואַסער. איר וואונטש איז געווען אָנצונעמען אונדזער הייליקער אמונה, — האָט דער משומד גאַלאַטי געזאָגט מיט אַ פרומען געבויגענעם קאָפּ.

ער האָט דערביי מיט אויפגעהויבענע אויגן זיך איינגעקוקט, ווי עס געפעלט דעם מאָנאַך דאָקטאָר.

— דאָס דאַרף גלייך געטאָן ווערן, — האָט דער מאָנאַך דאָקטאָר פאַמעלעך געזאָגט.

— איך האָב איר געוואָלט צוגרייטן צו דער שמד־פייערונג פאַרן הייליקן שבת... מיר האָבן אָבער נישט קיין מזל. קאָן מען שוין גאָרנישט טאָן? אפשר טאַקע ברענגען דעם ייד סאַבאַטי פון געטאָ?

דער מאָנאַך, דאָקטאָר גריגאָרי, איז געוואָרן רויט אויפגעצאָרנט. ער האָט זיך שנעל געלאָזט מיט דער סטעזשקע צום שטיינערנעם פאַרק־טויער, וואו אינדרויסן איז געשטאַנען זיין קאַרעטע.

דער משומד משה גאַלאַטי איז אים נאָכגעלאָפן און גענומען דערשראָקן שטאַמלען.

— איך וויל ער זאָל זען, די יידן פון געטאָ זאָלן וויסן, אַז מיר האָבן דאָס מיידל נישט געצוואונגען. אויב ער וועט שטערן, זי אָפּריידן, נישט לאָזן ראַטעווען איר נשמה, וועלן מיר האָבן אַ גרונט אים איבערצוגעבן דער אינקוויזיציע . . .

דער מאָנאַך דאָקטאָר גריגאָרי האָט גענומען גיין פאַמעלעכער, ווי ער וואָלט נאָכגעטראַכט, וואָס אים איז דאָ געזאָגט געוואָרן. ער האָט זיך אָן איבערגעבעטענער אויסגעדרייט. אַ פריידיק נקמה־פייערל האָט געברענט אין זיינע אויגן. דאָס ערשטע מאָל זינט דער משומד משה גאַלאַטי קען אים, האָט ער אויסגעשטרעקט צו אים זיין האַנט, דער מאָנאַך־דאָקטאָר, און זי שטאַרק געדריקט.

— דאָס איז אָן איינפאַל, — סעניאָר גאַלאַטי, אַ טייערער איינפאַל. מען האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט ביי עפּעס פאַקן. פון אַלץ דרייט ער זיך אַרויס...

דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך שוין דערפילט פון זיין טרעפלעכן ענטפער אַזוי גוט, אַז ער האָט גוט־ברודעריש גענומען דעם מאָנאַך ביים אָרעם און אים אַרויסגעפירט פון גאָרטן.

— אויף יעדן פון אונדזערע שונאים קומט זיין צייט, ער וועט זיך שוין לאַנג נישט אַרומדרייען פריי.

דער מאָנאַך דאָקטאָר האָט אים נאָכאַמאָל געדריקט די האַנט, זיך געלאָזט צו זיין קאַרעטע, אַ שוואַרצע קאַרעטע, אויסגעצירט מיט באַגילדעטע צלמים.

דער משומד גאַלאַטי האָט נאָכגעקוקט, ווי דער מאַנאַך־דאָקטאָר זעצט זיך אַריין אין דער קאַרעטע. ער האָט מיט גרויס פאַרערונג געקוקט אויף אים ביז די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ צו דער קאַרסע.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט טיף און באַפרייענדיק אָפּגעזיפצט. אַ שווערער עול איז אים אַראָפּ פון קאָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך געשאַפן נאָך אַ פריינט, דעם מאַנאַך־דאָקטאָר גריגאָרי, וואָס איז אַן אַריינגייער אין די גרעסטע הייזער פון שטאָט און אַ חשוב אין וואַטיקאַן. ער איז געגאַנגען צוריק אין גאָרטן אַריין, צו זיך ביטער געשמייכלט, ווי איידל, דעליקאַט, ער דאַרף דאָס קערעווען מיט זיין מויל. ער דאַרף אַלעמאָל האָבן נייע המצאות נישט אַריינצופאַלן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט פאַזע דעם טויער פון גאָרטן. פאַרקרימטע געפלאָכטענע צווייגן פון די וויינטרויבן קוסטעס האָבן זיך געוויקלט אויף די מאָכיקע שטיינער פון דעם גאָרטן־טויער. טיף צווישן די קוסטעס איז געשטאַנען דער משומד מאַריאַן דער גערטנער, און מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן די פאַרדאַרטע צווייגן. ער האָט דערביי שטיל געזונגען מיט זיין הייזעריקער שטימע. ער האָט פלינק אַריינגעזעצט אַרומגעשניצטע דרענגלעך, אַז די אויפגעלעבטע בלאָס־גרינלעכע צווייגן זאָלן זיך פאַרוויקלען און האָבן וואו צו האַלטן די פרוכפּערדיקע וויינטרויבן־שטענגלעך.

דער משומד מאַריאַן, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ רוימישער גערטנער, ברייט־פּלייצעדיק, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דעם משומד משה גאַלאַטי. זיינע ברוינע אויגן האָבן זיך צעשמייכלט. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם צעשוויצטן שטערן, אַוועקשאַרנדיק זיינע פאַסמעס שוואַרצע האָר. ער האָט מיט די פינגער צעשאַרט די וואָנסעס איבער זיינע פליישיקע ליפּן.

— עס וועט זיין אַ גערעטעניש האי־יאָר. די פאַרפלייצונג האָט פעט געמאַכט די ערד. באַלד וועל איך זיך נעמען צו די אַליוו־בוימלעך, — האָט מאַריאַן אָנגעפאַנגען אַ שמועס.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן פון דער גוטער בשורה. אָבער זיין פאַרזאָרגט פּנים איז געוואָרן אויסגעקרימט, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערוויינען.

— מאַריאַן, דו מוזט שוין לויפן אין געטאָ אַריין ברענגען דעם רופא סאַבאַטי. דעם פישערס מיידל האַלט ביים שטאַרבן.

דער משומד מאַריאַן האָט אַרויסגעלאָזט דאָס מעסער פון האַנט. ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— איך לויף שוין, הייליקע מוטער!

ער האָט זיך גלייך געמאַכט זיין ליוונטן העמד, אַריינגעוואָרפן זיין

בלוילעכן מאַנטל אויף די אַקסלען. דער משומד גאַלאַטי האָט אים פאַרהאַלטן:

— געדענק מאַריאַן, דו זאָלסט זיך מיט קיינעם נישט פאַרטשעפּען, מיט קיינעם נישט שלאָגן. מיט גוטע רייד זאָלסטו ריידן צו אים.

דער משמד משה גאַלאַטי האָט מיט גרויס זאָרג נאָכגעקוקט, ווי מאַריאַן פאַרלאָזט דעם גאָרטן. ער האָט געוואוסט אַז יעדעס מאָל, ווען אים קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיט זיי, מוז שוין קומען צו אַ געשלעג. און ער גאַלאַטי, וואָלט זייער נישט געוואָלט, אַזעלכעס זאָל פאַרקומען, מחמת ער אַליין וויל גאָר אינגיכן אַריינקומען אין געטאָ, זיי וויזן, אַז ער איז זייער פריינט אַפילו אין די ערגסטע צייטן.

דער משומד גאַלאַטי האָט פּאַמעלעך צוריקגעשפּאַנט צום הויז פון די פרויען. ביים אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען עטלעכע פרויען פון הויז מיט בריי־טע שוואַרצע קליידער, אין ווייסע געפאַלדעוועטע קופּקעס, וואָס האָבן אַרומ־געריגגלט זייערע קעפּ אַז קיין סימן פון זייערע האָר האָבן זיך נישט אַרויסגע־זען. בלויז זייערע בלאַסע, פרומע פּנימער, האָבן טרויעריק אַרויסגעקוקט פון אונטער די קופּקעס, די ווייבער זיינען געשטאַנען נאָענט צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און זיך שטיל געסודעט.

דער משומד משה גאַלאַטי איז פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען די עטלעכע טרעפּ צום פרויען־הויז. די ווייבער האָבן זיך אָפּגערוקט, פריי געמאַכט פאַר אים דעם דורכגאַנג. ער איז אַריין אין פאָדערהויז, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, שטאַרק פאַרטאָן אין זיך. ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זיך אומ־געקערט, ווי ער וואָלט וועמען געזוכט.

— זיינען די שוועסטער אַסקאַרעלי נאָך אַלץ אויבן ביי דער קראַנקער?

— האָט גאַלאַטי שטיל געפרעגט.

— יאָ, ברודער גאַלאַטי.

— זיי טרעטן נישט אָפּ פון איר.

— הייליקע מיידלעך זיינען זיי. זיי האָבן געשיקט נאָך דעם פּריסטער. מיט דעם מיידל האַלט שלעכט... — האָבן אַלע פרויען זיך אַ לאָז געטאָן דורכן אַריינגאַנג צו אים.

דער משומד משה גאַלאַטי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף אַן אויער, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן ווי טומלדיק די ווייבער האָבן זיך דאָס אַ לאָז געטאָן צו אים.

עס איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. די ווייבער האָבן זיך דרך־ארצדיק אָפּ־געררוקט. גאַלאַטי האָט פּאַמעלעך אַריינגעשפּאַנט אין פאָדער־זאַל. עס איז דאָ געווען אַ ווייסע זויבערע שטילקייט ווי אין אַ שפּיטאָל, אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען אַ שוואַרצער יעזוס, ענלעך צו דעם וואָס אין מענער־הויז. אין דער

רעכטער האַנט, איז אין דער האַנט געווען אויסגעהוילט אַ רונדע, טיפע קאפּלי־צע. אינעווייניג איז געשטאַנען די מאַדאָנאַ, אַ הויכע שלאַנקע יונגפרוי, מיט אַ טרויעריק־פאַרטראַכטן פּנים, ווי איינגעהילט אין אַ טיולענעם שאַל. אויף איר אַקסל איז געווען פאַרוואָרפן אַ בלויער מאַנטל. אין די הענט האָט זי געהאַלטן מיט אַ צאַרטער ליבשאַפט איר קינד, וואָס האָט געהאַלטן איין הענטעלע אויפ־געהויבן צום הימל. אין הינטערגרונט זיינען געווען אויסגעמאָלן מלאכים מיט ליכטיקע פּנימער מיט לירעס אין די הענט. קליינע מלאכימלעך מיט פליגלען הינטער די אָרעמס זיינען ווי אַרויס פון אַ הימלישער בלויקייט. זיי האָבן גע־האַלטן פאַרפלאָכטן די הענט אויבן איבער דער יונגפרויס קאָפּ, וואָס איז געווען באַשטראַלט הינטער אַ באַשיצנדיקער חופּה. עס האָט אויסגעזען, אַז אָט ווועלן די מלאכים איר נעמען פליענדיק מיט זיך אין דער הימלישער בלויקייט.

דער משומד משה גאַלאַטי איז געגאַנגען פּאַמעלעך מיט די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געדרייט ארויף צום צווייטן גאָרן, אויבן האָט זיך גע־צויגן אַ לאַנגער קאָרידאָר, פול מיט טירן, וואָס האָבן געפירט צו פאַרשידענע צימערן ווי אין אַ גאַסט־הויז. ביים צימער, וואו עס איז געלעגן קראַנק דעם פּי־שער יונתנס מיידל יוטע איז די טיר געשטאַנען האַלב געעפנט.

די שוועסטער אסקאַרעלי זיינען דאָרט געווען אינעווייניק, זיי האָבן ביי־דע געאַרבעט אויף איר, דעם פּישערס מיידל, מיט דער גאַנצער פרומקייט וואָס דאָס משומדים־הויז האָט אין זיי איינגעוואָרצלט. דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך אונטערגעהערט, וואָס די שוועסטער אסקארעלי האָבן דאָרט איינגע־טענהט מיט דעם מיידל.

— געדענק זשע, קינד מיינס, אַז דער פּריסטער וועט קומען, זאָלסטו זיך נישט שרעקן ווארעם ער איז אַ שליח פון גאָט געשיקט צו דיר, — דו דאַרפסט זיך מתוודה זיין אים דערציילן אַלע דיינע זינד, ווער עס האָט דיך צוגערעדט צו זינדיקן, דיין חתן דיך, צי דו האָסט אים צוגערעדט, — האָט די עלטערע שוועסטער ווי שוין געמאַנט מיט אַ פרומער שטרענגקייט.

— זאָלסט אים אויך זאָגן וויפיל מאָל דו האָסט געזינדיגט. דו האָסט זיך קיינמאָל נישט מתוודה געווען. דאַרפסטו אַ סך פאַרגעבונג. דער פּריסטער וועט תפילה טאָן פאַר דיר קינד מיינס, זינדיק באַשעפעניש וואָס דו ביזט.

דעם פּישערס טאָכטער יוטע האָט פון גרויס פּחד דאָרט געקרעכצט אויף איר קראַנקן בעט. דער משומד משה גאַלאַטי איז געווען צופרידן פון די צוויי שוועסטער אסקארעלי, וואָס האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זייער קענטעניש, זייער פרומקייט, איבערגעבנקייט צו זייער אמונה וואָס זיי האָבן אַליין אָנגענומען קליינערהייט. דער משומד גאַלאַטי געדענקט דאָס. געווען איז דאָס מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק

עמעץ האָט געמסרט, אַז דער רוימישער רב אַסקאַרעלי מיט זיין גאַנצער מש־פּחה ווילן זיך שמדן. ער, גאַלאַטי איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן דעמאָלט. ער געדענקט, ווי פון וואַטיקאַן האָט מען געשיקט אַ שיינע קאַרעטע. די גאַנצע אַסקאַרעלי משפּחה איז מיט גוואַלד אַרויסגענומען געוואָרן פון געטאָ, זיי גע־בראַכט דאָ אַהער. נאָך פערציק טעג האָט מען די אַלטע לייט אַהיימגעשיקט. די צוויי מיידלעך, פּיצלעך קינדער, האָבן זיי באַוויזן צו שמדן. אין דער רוימישער געטאָ האָט זיך לאַנג געטומלט, ביז דער עלטערער רב מיט זיין ווייב זיינען געשטאָרבן. די מיידלעך זיינען שוין אויף שטענדיק געבליבן אין דעם שמד־הויז. זיי זיינען דאָרט יאָרנלאַנג געהאַלטן געוואָרן, זיי האָבן זיך נישט באַגעגענען מיט זייערע עלטערן, מיט דער דרויסנדיקער וועלט, ביז זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן די באַדערפעניש זיך צו זען מיט מענטשן מחוץ דאָס שמד־הויז.

אינווייניק, אין דעם צימער פון דער קראַנקער מיידל, איז מיטאַמאָל אויף לאַנג שטיל געוואָרן. דער משומד משה גאַלאַטי האָט זיך אויפסניי שטאַרק דערשראָקן פאַר דער שטילקייט, דאָס מיידל זאָל נאָר נישט שטאַרבן, איידער דער פּריסטער וועט קומען. ער האָט געעפנט די טיר פון צימער, עס האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן אַ שטאַרקער גערוך פון אַלערליי בלומען, וואָס זיינען געלעגן אויסגעלייגט לעבן איר בעט. דאָס צימער איז שוין געווען פאַרפּוצט ווי מען וואָלט זיך געגרייט דאָ אַהערצובריינגען געהויבענע געסט פון דער שטאָט. עס זיינען דאָ געלעגן שנייאיק־ווייסע מאַרגאַרעטקעס, פרישע פון דער צעבליטער קאַמפּאַניע, בלומען, פאַרוויקלט אין שטערנדיקע ווינטער־גרין־בלעטער, שיין געפּאַלדעוועטע רויזן וואָס האָבן ווי אָט ערשט צעעפנט זייערע דופטנדיקע בעכערלעך.

ביים בעט זיינען פוןביידע זייטן געזעסן די צוויי שוועסטער, זיך גע־שאָקלט ווי יונגע אומגליקלעכע אַלמנות. די שטייפע נאַנישע ווייסע קאַפּטי־כער האָבן זיך מיטגעשאָקלט. ביי דעם אַריינקומען פון משה גאַלאַטי האָבן די צוויי שוועסטער אויסגעדרייט די קעפּ, זייערע טונקעלע לאַנג־פּנימדיקע פרומע יידישע פּנימער זיינען געווען פול מיט צער. זייערע נזירישע שפּיציקע נעזער און גאָמבעס זיינען געווען נאָך מער שפּיציק ווי אַלעמאָל.

משה גאַלאַטי האָט אָנגעשטעלט אויף זיי אַ פּאָר דערשראָקענע פרעגנ־דיקע אויגן. זיי האָבן שטומערהייט געענטפערט, אַז מען וועט קאָנען דורכ־פירן אַלץ, וואָס זיי ווילן. דאָס מיידל ווערט זיך נישט קעגן זיי. ער איז צוגעג־גאַנגען נאָענט צום בעט, דאָס מיידל יוטע איז געלעגן הויך אונטערגעהויבן אויף די קישנס, ווי זי וואָלט האַלב געזעסן. אַ טויטלעכע געלע מראה איז שוין געלעגן אויף איר פּנים. זי האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט. דאָס פּעטלעכע פּנים, וואָס זי האָט געהאַט איידער מען האָט איר דאָ אַהער געבראַכט, איז

שוין מער נישט געווען. אירע באַקן, איינגעפאַלן מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינביינער, די שפּיצן פון די באַקנביינער האָבן געגליט מיט אַ וואונדיקער רויטקייט. אירע ליפּן זיינען געווען אויסגעקרימט, צעפּלאַצט מיט אַזאַ טרוקנ־קייט, ווי זיי וואָלטן זיך געשיילט. די הייטלעך פון די אויגן־לעפּלעך זיינען געווען שוואַרץ, דאָס קרומלעך־געעפנטע מויל האָט שווער געאָטעמט, בלויז דער שטערן האָט זיך נאָך געראָנצלט, זיך געראַנגלט עקשנותדיק מיט די טיפע ווייטיקן, וואָס האָבן גרימענדיק געשניטן איר אינגעווייד. די ווייטיקן האָבן פאַר־טונקלט צעמישט אירע געדאַנקען. פון צייט צו צייט האָט זי אויסגעשטרעקט אירע הענט, עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי טרינקט זיך אין דער פאַרפלייצ־טער געטאָ, עס איז אַ קאַכעדיקער, פלאַמענדיקער טייך, וואָס ברענט איר לייב. אָט נישט ווייט פון איר איז אַ קילער וואַסער, פון דאָרט שווימט צו איר איר חתן אריה. זי שטרעקט אויס אירע הענט וויל אים גרייכן, אָבער אַ שרעק־לעכע חיה, אַ שאַרק האָט זיך איינגעביסן אין איר בויך און ציט איר אַרונ־טער צו זיך. זי האָט געשריגן, אָבער איר געשריי איז געבליבן דערוואָרגן אין איר קול.

די אינגערע משומדת רחל אסקארעלי האָט געווישט איר שטערן. די על־טערע שוועסטער האָט זיך אויפגעשטעלט צוגעגאַנגען צום משומד גאַלאַטי און שטיל געזאָגט:

— זי וועט שוין לאַנג נישט אויסהאַלטן, זי מוטשעט זיך אין גרויסע יסורים. מיר דוכט, אַז זי הערט שוין אינגאַנצן נישט, וואָס מען רעדט צו איר...

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך ווי נישט געמאַכט הערנדיק די לעצטע ווערטער. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער קראַנקערס הלבשה, וואָס די פרוי־ען האָבן אַזוי לייטיש צוגעגרייט. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ כלה, אין אַ ווייס זיידן קלייד, געפאַלדעוועט און מיט פאַסיקלעך פאַרשטייפט אַרום דער טאַליע און אַרום דעם האַלדז.

די יונגע משומדת אַסקאַרעלי האָט איר צוגעקעמט די האָר, וואָס דאָס קראַנקע מיידל האָט יעדעס מאָל אומרואיק צעוואָרפן. אירע אויסגעקראַכענע האָר האָבן פול געמאַכט דעם הילצערנעם קאָם, דאָס קישן, די יונגע אסקארע־לי האָט איר דערפאַר אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טיולענעם שאַל, פאַר־שלייפט ביי די זייטן, זי האָט צוגעטשעפּעט רויטע רויזן אַרום דעם שטערן, וואָס האָבן אַביסל באַלעבט איר פּנים.

— באַלד וועט קומען דער רופא סאַבאַטי פון געטאָ, וועט איר זען, ווי זי וועט קומען צו זיך, — האָט דער משומד גאַלאַטי געזאָגט צו דער עלטערער אסקארעלי. די משומדת האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט, וואָס ער האָט אַזאַ

דרייסטקייט איצט צו ברענגען דעם יידישן רופא פון געטאָ, ווען ער גייט שמדן דאָס מיידל, ווען זי הערט שוין נישט, וואָס מען רעדט צו איר. אונטן ביים הויז האָט זיך געהערט אַ שטילער טומל, וואָס האָט דאָ אַרויפדערגרייכט צום צווייטן גאָרן. דער משומד גאַלאַטי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— אָט גייט ער טאַקע דער רופא סאַבאַטי.

עס האָבן זיך געהערט טריט, מען האָט געעפנט די טיר. אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין דער רופא עמנואל סאַבאַטי. ער האָט געטראָגן זיין לאַנגן שוואַרצן כאַלאַט, מיט דעם הויכן הוט, וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט ווי ביי אַלע יידן מיט אַ געלן טוך פון פּאַמעראַנץ־קאָליר, וואָס האָט באַצייכנט דעם שאַנד־צייכן פון אַ געטאָ ייד.

— קומט אַריין, — האָט דער משומד פריינטלעך געזאָגט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז אַריינגעקומען אין שטוב הינטער אים איז נאָכגעקומען דער משומד מאַריאַן מיטן היטל אונטערן אָרעם. דער רופא סאַבאַטי האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ בענקל זיין קעסטעלע מיט מעדיצין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער קראַנקער און לאַנג טרויעריק געקוקט אויף איר. אַלע אַרום האָבן נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון סאַבאַטיס פּנים מיטן לענגלעכן שוואַרצן בערדל, וואָס דאָ און דאָרט האָט זיך שוין געזילבערט אַ גרויע האָר. ער איז געזעסן פאַרגליווערט, ווי אַ סטאַטוע.

די פאַרגליווערטקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע. ענדלעך האָט זיך דער רופא ווי דערמאָנט נאָך וואָס מען האָט אים גערופן. זיין פּנים איז געוואָרן מילדער, די אויגן פיבערדיק. ער האָט אָנגענומען דער מיידלס בלייכע קאַלטע האַנט. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ פלעשעלע, אַרונטערגענומען דאָס קאָריקל, צוגעטאָן דאָס פלעשעלע צו דער מיידלס נאָז. דאָס מיידל יוטע האָט שווער אָפּגעזיפצט, פאַרקרימענדיק דאָס פּנים מיט גרויס ווייטיק.

— יונתנס מיידל, דו דערקענסט מיך נישט? איך קום צו דיר פון דיין טאַטן. ער האָט דיר אַלץ מוחל געווען. ער קען צו דיר איצט נישט קומען . . .

דער שטערן ביי יוטען האָט זיך שאַרף עקשנותדיק געדרונצלט, ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט צו דערכאַפּן דאָס וואָס צו איר איז געזאָגט געוואָרן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט איר ווייטער געוועקט פון אירע צעטומלטע דמיונות:

— קינד מיינס, דיין טאַטע יונתן איז אויס מענטש צוליב דיר. ער וועט עס נישט אויסהאַלטן, אַז דו וועסט אים פאַרלאָזן. שטאַרק זיך און גאָט וועט דיר שיקן אַ רפואה שלימה.

דאָס מיידל האָט זיך פּלוצים אַ צאַפּל געטאָן ווי זי וואָלט זיך אויפגע־

כאַפּט פון אַ טיפן שלאָף פון אַ ווייטער וועלט מיט פאַרפּלאָנטערטע שלעכטע חלומות. זי האָט אויפגעריסן די אויגן, זיך דערשראָקן אומגעקוקט מיט אַרויס־געזעצטע רויט־צעפּיבערטע אַפּלען. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט מיט אַלע כחות, זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים רופא סאַבאַטיס כאַלאַט.

דער רופא האָט זי לייכט אָנגענומען ביי די אַרעמס און זי פּאַמעלעך מיט גרויס אָנשטרענגונג צוריק אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

— זיי רואיק קינד, און דיר וועט בעסער ווערן, איך וועל טאָן אַלץ דיך צו העלפן . . .

דאָס מיידל איז געבליבן ליגן רואיק. אַ ראָזלעכע מראה האָט באַלעבט איר אויסגעלאָשן פּנים. פון די צוגעמאַכטע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, וואָס האָבן שטיל, פּאַמעלעך אַרויסגעפּלייצט פון אונטער די וויעס.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך געלאָזן אויפגעהויבן, ער האָט זיך אַרום־געקוקט איבערן צימער. די שוועסטער אסקאַרעלי זיינען געשטאַנען געגנאַי־בער אים, און מיט אַ פאַרגליווערטע קאַלטקייט נאָכגעקוקט דעם רופא סאַ־באַטיס יעדע באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן, ער זאָל דאָ מיט עפּעס נישט קאַליע מאַכן. ביים טיר איז געשטאַנען מאַריאַן און מיט אַ טעמפּער שנ־אה געקוקט אויף אים. בלויז דער משומד גאַלאַטי האָט זיך פאַרטראַכט אַרומ־געדרייט איבערן צימער, יעדע ווילע אַרויסגעקוקט מיט אַ מאָדנער דער־שראָקנקייט פון פענצטער, ווי ער וואָלט עמעצן דערוואַרט.

דער רופא סאַבאַטי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום משומד גאַלאַטי, אים אַוועקגערופן אין אַ ווינקל. ביידע האָבן שווייגנדיק אַ לאַנגע ווילע זיך אָנגע־קוקט. דער משומד האָט זיך שוין משער געווען, אַז עס האַלט זייער שלעכט. דעם רופא איז געווען שווער צו רעדן. ער האָט געפילט, אַז ער טאָר זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט, ווארעם ער וואָלט גורם געווען אַ ביי אומ־גליק פאַר זיך, און — אפשר האָט ער אים גערופן דער משומד גאַלאַטי, אים אַריינצופאַנגען אין אַ נייער נעץ, צו האָבן אַ בעסערע מעגלעכקייט אים צו שיקן צו דער אינקוויזיציע, מיט עדות, אַז ער האָט געשטערט צו שמדן דאָס מיידל יוטע, דעם פישער יונתנס טאָכטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל איז נאָך נישט געשמדט, ווען יאָ וואָלטן זיי שוין נאָך אים נישט געקענט שיקן צוליב דעם פויפּסטלעכן פאַרבאָט צו היילן קריסטן מיט אידישע דאָקטוירים. סאַבאַטי האָט דערפאַר שטיל געזאָגט ווי ער וואָלט געציילט זיינע ווערטער.

— סעניאָר גאַלאַטי, דאָס מיידל האַלט ביי יציאת נשמה, איר פאָטער איז אַן אומגליקלעכער מענטש. אפשר וואָלט מען זי געקענט אַהיימשיקן, זי זאָל שטאַרבן אין איר בעט. עס וואָלט געווען אַ גרויסע טרייסט פאַר אים.

דער משומד משה גאַלאַטי איז געוואָרן שטאַרק אויפגעצאַרנט:

— איר ווייסט וואָס איר רעדט? זי באַלאַנגט נישט מער צו איר פאָטער. זי באַלאַנגט צו אַ גרויסער אמונה, וואָס וועט עפענען די טויערן פון גן עדן פאַר איר . . .

— איז זי שוין געשמדט? ווי אַזוי האָט איר מיר געמעגט רופן? — האָט דער רופא סאַבאַטי אַ שטאַרק בלייך געוואָרענער זיך געפרעגט.

— באַלד וועט זי געהייליקט ווערן מיטן טויף־וואַסער צו וועלכן זי האָט זיך געגרייט פערציק טעג. זעט, זי קען נישט שטאַרבן ביז מיר וועלן דאָס טאָן.

די פרומע שוועסטער אסקארעלי האָבן פאַרצלמט די הענט און אויסגע־שריגן מיט גרויס פרייד:

— וואָריל איז צו איר, וואָס זי וועט קומען אויף יענער וועלט אָן שום זינד... ווי אַ ניי געבוירן קינד, וועט איר גוף און נשמה ווערן ריין, ווי עס שטייט אין די הייליקע שריפטן: "ווי שניי וועלן די זינד ווערן ווייס" . . .

— נו, קומט אַלע אַרויס פון דאַנען, — האָט דער משומד גאַלאַטי באַ־פעלעריש געזאָגט. דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז געשטאַנען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. ער האָט שטייף צונויפגע־פרעסט זיינע הענט, אַזש די נעגל האָבן זיך איינגעשטאָכן אין זיינע דלאָניעס, ווי ער וואָלט געוואָלט איינצוימען זיין צאָרן וואָס האָט זיך געריסן פון אים. ער האָט צונויפגעדריקט זיינע ציין, אַזש די קינבאַקן האָבן ביי אים געציטערט.

דער משומד מאַריאַן איז צו אים צוגעקומען, אים אָנגענומען ביים אָרעם, און מיט גיכע טריט אים אַרויסגעפירט פון הויז.

מיט די טרעפּ זייבען דאַמאָלסט אַרויפגעקומען דער גלח מיט זיינע משר־תים. דער משומד מאַריאַן האָט דעם רופא אַ שטופּ געטאָן הינטערוויילעכץ טיפער אין קאָרידאָר אַריין, אַלע האָבן אַנידערגעקניט מיטן פּנים צו דער ערד, בלויז דער רופא סאַבאַטי איז געבליבן שטיין גלייך אָנגעלענט אין דער וואַנט.

פאָראויס איז געגאַנגען אַ קליין יינגל אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמדל און געקלונגען מיט קליינע גלעקלעך, נאָך אים אַ גרעסערער יינגל, אויך מיט אַ ווייס העמדל, אַרומגעזוימט מיט פראַנזן. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן צלם. די פרומע שוועסטער אסקארעלי זענען אָנקעגנגעלאָפן. דער יונגערמאַן האָט אַראָפּגעבויגן דעם צלם און די מיידלעך האָבן פרום געקושט דעם יעזוס, וואָס איז געווען צוגענאָגלט צום קרייץ.

הינטער זיי איז געגאַנגען דער גלח. אַ יונגער פּריסט פון דער סאַן דזשי־אָוואַני קירך. די קירך, וואָס האָט חזקה צו שמדן עמעצן אין די פּסחה־טעג.

דער גלח איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ מילך ווייס פּנים, אָן שום סימן פון אַ באָרד. אפילו די ברעמען זענען ביי אים געווען העל, נישט אָנזע־

עוודיק. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן איבער־קיטל מיט פראַנזן אַרום די ברייי־
טע אַרבל און ביי דער אונטערשטער זוים, אויף די אַקסל, אַ ברייטער אויסגע־
שטיקטער שאַל מיט גאָלדענע און זילבערנע שטיקערייען.

הינטער דעם גלח האָבן די נושאי־כלים געטראָגן אַ פּורפּערנע וואַזע
מיטן טויף וואַסער, אַ בראָנזענעם אויסגעגראַווירטן טאָפּ מיט ווייַרויך אָנגע־
האָנגען אויף לאַנגע קייטעלעך.

אַלע זענען קניענדיק געבליבן אינדרויסן אין פּאָדער־זאַל אויף די טרעפּ
און אין קאָרידאָר. בלויז דער גלח איז אַריין, צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.
עס האָט זיך געהערט אַ שטיל גיך מורמלען פון דעם פּריסט, אַ ווייך שטיל
מורמלען, וואָס זיינע ווערטער האָבן נישט אַרויסדערגרייכט פון דעם צימער.

דער רופא סאַבאַטי האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ער איז
געשטאַנען אין אַ ווינקל ווי אַ פאַרגעסענער לעבן די קניענדיקע ציילעמדיקע
מענטשן. זיי האָבן שטיל און טרויעריק פאַרצויגן אַ געזאַנג, אַ קלויסטעריש
געזאַנג, וואָס דער רופא עמנואל סאַבאַטי הערט אַמאָל ווען עס ציען זיך פאַר־
ביי דער געטאָ קאַטוילישע לוויות. אָדער ווען ער גייט דורך אַן אָפענעם
קלויסטער. דאָס טרויעריקע געזאַנג האָט נאָך הכנעהדיקער אויסגעבויגן מיט
מער שפלות זייערע קעפּ אין אַ גרויס רחמימדיק געבעט, פון פאַרלוירענע
מענטשן, וואָס גאָט שטראָפט זיי אויף דער ערד פאַר זייערע זינד. זיי זיינען
די דאָזיקע שטראָפן מקבל מיט גרויס ליבשאַפט. דערפאַר וועט ער זיי אויס־
לייזן, געריינניקטע צו דער אייביקער וועלט, וואָס וועט קומען נאָך זייער טויט.

דאָס געזאַנג האָט צונויפגעבראַכט אַלעמען פון די צוויי שמד־הייזער. זיי
האָבן פולגעמאַכט דעם אונטערשטן זאַל, די טרעפּ. די טיר פון דעם מיידלס צי־
מער האָט זיך געעפנט. די נושאי כלים, דער משומד גאַלאַטי זיינען אַריינגעגאַנ־
גען, נאָך זיי, די פרומע אַסקאַרעלי שוועסטער, דער משומד מאַריאַן, און פיל
אַנדערע, איינער פון די נושאי כלים האָט אָנגעצונדן דעם ווייַרויך, גענומען
שאָקלען דעם בראָנזענעם טאָפּ אויף די קייטעלעך הין און צוריק. דאָס צימער
איז פול געוואָרן מיט אַ געדעמפטן ווייַרויך.

דער גלח האָט איינגעטונקען אַ בעזעמל אין דער וואַזע, געשפּריצט אויף
דעם מיידל עטלעכע מאָל. ער האָט געזאַלבט איר קאָפּ און האַלדז. נאָכדעם
האָט ער אָנגעצונדן אַ וועקסן ליכט. עס אַריינגעשטעקט צווישן דעם מיידלס
פאַרציילמטע הענט. די וואַקסענע געלקייט פון איר פּנים איז באַלויכטן גע־
וואָרן. די שוועסטער אַסקאַרעלי האָבן אַראָפּגעצויגן איר וואואַל איבער אירע
אויגן, כמעט פאַרשטעלט איר פּנים ווי ביי אַ שעמעוודיקע כלה, בעת איר חופה.
דער גלח האָט געשעפּטשעט תפילות אין לאַטיין. ווען דער גלח איז שטיל גע־
וואָרן האָבן זיך די צוויי פרומע אַסקאַרעלי שוועסטער געקושט איינע די

אַנדערע פון גרויס גליק. אַנדערע האָבן נאָכגעטאָן דאָס זעלבע. פיל האָבן זיך געשטופּט, געשפּאַרט אין צימער אַריין. אַנצוקוקן דאָס מיידל צו זען דעם גליק־לעכסטן מאָמענט פון איר לעבן ווען זי איז ריין ווי אַ ניי געבוירן קינד...

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך דורכגעריסן דעם עולם, ער איז אַראָפּ פון די טרעפּ, אַרויס אין גאָרטן. דער בליענדער פרילינג מיט דעם שמעקעדיקן צוויט אויף די ביימער האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים מיט דערפרישונג. ער האָט שווער ווייטאָקדיק אָפּגעדעכעט. דאָס טאָג־ליכט האָט אים אַזש געבלענ־דעט אין די אויגן. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גיך אַרויסגעשפּאַנט פון גאָרטן.

ער איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ צום געטאָ טויער. די גאַס איז געווען פרי־לינגדיק און ערב־פּסחדיק. די לופט איז געווען פול מיטן גערוך פון שמעקנדי־קע מאַנדל־ביימער, אויסגעמישט מיטן שאַרפן רויך, וואָס האָט אַהער דער־גרייכט פון די נישט־ווייטע פעלדער, וואו די רוימער האָבן געברענט פרילינג־דיקע פרייד־פייערן. אומעטום זיינען געווען צעשטעלט קוישלעך בלומען, פאַר־מע־פיאָלעטן, מאַרגאַרעטקעס, קאַמיליאַס צו פאַרקויפן בחצי־חנם. די גערט־נער מיט זייערע בלומענוואָרג צעשפּרייט איבער אַלע געסלעך אַרום דער "פּיאַ־צאַ מאַנטענאַרא". אפילו קליינע אינגלעך זיינען אַרומגעלאָפן מיט בלומען בו־קעטן, געזוכט קונים. דאָ און דאָרט האָבן זיך אויך באַוויזן יינגלעך אין קירכ־לעכע ווייסע העמדלעך מיט שוואַרצע צלמים, קרוציפיקסן, זיי זיינען געלאָפן מיט־קלינגנדיקע גלעקלעך, גערופן דאָס יונגוואַרג צו גיין לערנען דעם קאַטע־כיזם אין דער פּאַראַפיע קירך, דערמאָנט אַז עס איז פּסח־טעג, און מען דאַרף זיך מתוודה זיין פאַרן פּריסט, די גאַס איז געווען פול מיט פריידיקן פרילינג און קירכלעכן טרויער...

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז צוגעקומען צום טויער פון געטאָ. די וועכטער האָבן אים נייגעריק אָנגעקוקט, געעפנט און אַריינגעלאָזט. אויף דער פעשאַריאָ גאַס, די פיש־גאַס, איז געווען שטיל. דאָ און דאָרט איז געשטאַ־נען אַ פישער לעבן זיין צעבראָכענעם מאַרמאָרנעם שטיין, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ טישל, און פאַרקויפט פיש, וואָס ער האָט אַליין מיט איינשטע־לעניש געכאַפּט אין טיבער־טייך. דער רופא סאַבאַטי האָט געזוכט דעם פישער יונתן, אים ערגעץ ניט געזען. דער רופא האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דעם פי־שער יונתנס היים, וואָס ביים סוף פעשאַריאָ גאַס.

נישט ווייט פון דעם פישערס היים האָט זיך דער רופא אָפּגעשטעלט. פון נאָענט אַרום אים און פון ווייט, האָבן די קירכעס געבומען שטיל, טרויעריק קלינגען, פונקט ווי עס קלינגען די קירכעס, ווען עס שטאַרבט אַ חשובער מענטש אין דער שטאָט רוים. דער רופא עמנואל סאבאטי האָט אַ ציטער גע־

טאָן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געשטאָרבן דאָס מיידל יוטע דעם פישער יונתנס טאָכטער, דאָס קלינגען איז שוין אַ טייל פון די צערעמאָניעס וואָס זיי קלייבן זיך מאַכן פאַר איר . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט פּאַמעלעך אַריינגעשפּאַנט אין אַ לאַנגען, פינצ־טערן פאָדער־הויז. טיף אין פאָדער־הויז האָט זיך שוין געזען דאָס ליכט פון דער צווייטער זייט היגטערן הויז. דאָרט איז געשטאַנען דער פישער יונתן און פאַרצויגן אויף אַ פּלויט זיין נעץ און פאַרריכט די לעכער.

דער פישער יונתן האָט אויסגעזען מאָגערער ווי אַלע מאָל. דאָס שוואַר־צע בערדל שיטער, ווי אויסגעקראָכן, אָן קאָליר. יונתן איז מיט גרויס פרייד אים אַנטקעגנגעלאָפן.

— גאָט־העלף, אַ גאַסט, אַזאַ חשובער גאַסט צו מיר, שלום עליכם.

— עליכם שלום, יונתן — האָט דער רופא סאַבאַטי שטיל געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען אין שטוב, וואָס איז געווען גלייך אַנ־הויב פאָדער־הויז. דער פישער יונתן איז געוואָרן בלייכער ווי פריער. די הענט האָבן ביי אים געציטערט. ער האָט געוואוסט אַז דער רופא סאַבאַטי קומט פון דרויסן אויסערן געטאָ און ער ברענגט אים אפשר נייעס פון זיין אומגליקלעך קינד.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן יונתן אויף אַ באַנק און ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דער רופא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויפּ־געלייגט די האַנט אויף יונתנס אַקסל און שטיל געזאָגט.

— יונתן, דיין טאָכטער איז געווען אַן אמתע צדקת. איך האָב דערמאָנט דיין נאָמען, זייַנען טרערן גערונען פון אירע אויגן. זיי האָבן איר געשמדט פאַר יציאת נשמה אָן איר ווילן, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן.

דער פישער יונתן איז אַ ווײַלע געזעסן ווי צעדולט . נאָכדעם האָט ער אַ מטורפדיקער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ, און גענומען ווייַנען הויך אויפן קול. ער האָט הויך אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און געשריען מיט הייזעריקע קולות. ער האָט אויפגעריסן דאָס העמד, אַרויסגעשטרעקט אַ נאַקעטע ברוסט.

— נעם מיך צו דיר, אַ גאָט, איך קען מער נישט לעבן. שיק דעם מלאך המות צו מיר . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט אים אַרומגענומען פעסט, געדריקט צו זיך.

— יונתן, אַ איד טאָר אַזוי נישט רעדן. מיט געוואַלד לעבסטו און מיט געוואַלד שטאַרבסטו זאָגן אונדזערע חכמים.

דער פישער יונתן האָט אַן כחות זיך אַרונטערגעלאָזט צום שטיינערנעם

דיל. ער האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ צווישן די הענט און זיך צעקלאָגט מיט אַ ביטער געוויין. זיין גאַנצער קערפּער האָט געוויינט. אַלע עוולות, זיין ביטערע אָרעמקייט, זיין נע־ונד זיין איבער דער וועלט האָט אַרויסגעשלוּכצט פון אים. דער רופא סאבאטי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און שטיל געזאָגט.

— יונתן, טו אויס דיינע שיך. דו דאַרפסט זיצן נאָך דיין קינד שבעה.

יונתן האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און פּאַמעלעך אַרונטערגענומען די שיך פון זיינע פיס.

# אַכצנטער קאַפּיטל

דער טונקעלער אָפּשיין פֿון דער זון האָט זיך געלאָשן אין דער קעלערדיקע הייל. די שמאָלע משופּעדיקע עפֿענונג, וואָס האָט ווי אַ טיפֿער לאָך זיך געצויגן אַרויס צום טשענטשי־הויף, איז געוואָרן גרעסער. די געלבלעכע שאָטנס אַרום די גראַטעס, זענען געוואָרן שמאָלער. די געוועלבטע דיקע ווענט, מיט די קבֿרימדיקע היילן, ווענט מיט אויסגעהוילטע נישעס ווי פֿון פּאַרצייטישע קאַטאַקאָמבן, האָבן שוין גענומען לויערן מיט באַנאַכטיקן שרעק.

עזריאל טאָסקאַני, איז געלעגן איינגעקנוילט אין דער אויסגעהוילטער וואַנט און מיט אָפֿענע דערשראָקענע אויגן מיטגעבלאָנדזשעט מיט דעם לעצטן אָפּשיין פֿון טאָג, וואָס האָט זיך דאָ פֿרי געלאָשן, אַלץ טונקעלער און טונקעלער.

עזריאל טאָסקאַני האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פֿון דעם צאַנקענדיקן ליכט. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דער פֿינצטערניש, פֿאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט. טיף אין דער פֿינצטערער קעלער־הייל, האָבן זיך משונהדיק גרויסע ראַצן, געשאַרט לעבן די ווענט, לויערנדיק געשפּיזט מיט זייערע פֿינקלדיקע גליענדיקע אייגעלעך, שטיל געגריזשעט אין די פֿאַרבאָרגענע לעכער צווישן די שטיינערנע ווענט. פֿון צייט צו צייט האָט פֿון דער טיפֿער פֿינצטערניש עפּעס אַ ווייע געטאָן, ווי עס וואָלט אַ באַשעפֿעניש מיט שוואַרצע פֿליגל דורכגעשניטן די פֿאַרגליווערטע, שווער דריקנדיקע קעלער סופּיטן, וואָס זײַנען געווען אויסגערונדיקט ווי טויערן.

עזריאל טאָסקאַני האָט שווער אָפּגעזיפֿצט. ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן זײַן אומגליקלעך לעבן. עס איז שוין אַוועק נאָך אַ טאָג און קיינער דערמאָנט זיך נישט אין אים ווי ער וואָלט פֿאַרגעסן געוואָרן פֿון דער גאַנצער וועלט. ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מען האָט אים דאָ אַרײַנגעוואָרפֿן, ער זאָל דאָ פּאַמעלעך אויסגיין. מענטשן האָבן טאַקע אַלעמאָל דערציילט אין רוים וועגן

די היילן אין טשענטשי פּאַלאַץ, אַז נישט איין מענטש איז דאָ אויסגעגאַנגען. זייערע געבליבענע ביינער און סקעלעטן וואַלגערן זיך דאָ אַרום.

קיינער קומט אים נישט באַפרייען אַפילו נישט זיין ווייב מרים. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויס פאַרדראָס צו איר. זיין פרוי מרים, איז אים קיינמאָל נישט געווען געטריי, ווי אַ ווייב, אַפילו נישט ווי פון איין משפחה. ער איז דאָך פון זעלבן בלוט און פלייש... ביי אַנדערע משפחות ליגט מען איין וועלטן. ער געדענקט גוט ווי דעם רופא עמנואל סאַבאַטיס שוויגער, דעם רופאס ווייב מנוחה, האָבן נישט גערוט, צו באַפרייען דעם רופא סאַבאַטי. אָבער פאַר אים וועט זיך קיינער נישט איינשטעלן. ער זעט ערשט איצט איין, אַז קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט, דער גאַנצער דרך ארץ צו אים, איז נאָר געווען, מחמת מען האָט מורא געהאַט פאַר אים . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט פון גרויס קלעמעניש צוגעמאַכט זיינע מידע אויגן. ער האָט מיט גרויס פאַרדראָס איבערגעטראַכט, אַז אפשר האָט ער נישט ריכטיק געלעבט, אַז גאָט וועט אים העלפן ער וועט אַרויס פונדאַנען וועט עס זיין אַנדערש. זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ טעות. ער האָט נישט געדאַרפט חתונה האָבן מיט זיין קוזינע מרים. ער געדענקט גוט, אַז זי האָט אים נישט געוואָלט. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער בעל־גאווה אין אַלץ זיכער. זיין פעטער לוי טאָסקאַני, מרימס פאָטער האָט זיי פאַרקנסט. דער פעטער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז זייער פאַרמעגן זאָל נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. אַז ער וועט דערלעבן אַרויסצוגיין פון דאַנען, וועט ער זיך מיט איר גטן, פאַר די עוולות, וואָס זי האָט אים געטאָן, וועט ער איר נאָך אָנטאָן בזיונות. ער וועט זיך לאָזן שדכנען צו דעם פאַרשטויסענעם מיידל, דער קורטיזאַנקעס טאָכטער. זי איז טאַקע איגאַנצן ענלעך צו זיין ווייב מרים. ער וועט מיט איר אָוועק פון רוים. אַזוי זאָל אים גאָט העלפן. דאָס וועט זי האָבן אַ שטראָף פאַר דעם, וואָס איר ליגט פרעמדע מענער אינזינען, ווי אַ שטייגער דער רופא עמנואל סאַבאַטי, אים טאָסקאַני קען מען נישט נאַרן מער . . .

אָבער באַלד לויפט אים דורך אַ ציטער איבערן לייב. ער מוז שוין נישט זיין ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, אַז ער קען אַזוי טראַכטן. עס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ גרויס רחמנות צו זיין פרוי מרים. וואָס פאַראַ גליק האָט זי דאָס געהאַט ביי אים. ווי נאָר ער האָט חתונה געהאַט, זיינען די צייטן געוואָרן שווערע. איין גזרה נאָך דער אַנדערער פון וואַטיקאַן קעגן די יידן. טאָג און נאַכט איז ער געווען אויפגערעגט, פאַרדאגהט, אַרויסצוראַטעווען וויפל געלט ער קען. אַן געלט איז דאָך דער ייד אין רוים אינגאַנצן ווי אַ טויטער. און צו קיין קינדער האָבן זיי אויך נישט קיין מזל. איין שטיקל קינד האָט זי געהאַט און דערצו נאָך אַ בעל מום... ווי אַזוי קען ער טראַכטן אַזוי שלעכטס וועגן איר. זי איז

נאָך ווייניק געשטראָפט געוואָרן.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון זיין נאַרע, ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין פּנים. ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט זיצן. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. אַ ווייטיק אין קאָפּ האָט אָן אויפהער געהאַמערט, אים ווי צומישט די געדאַנקען. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט. עס האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. ער זעט שוין, אַז ער וועט מער נישט קענען אַרונטערגיין צו דער טיר מיט די אייזערנע גראַטעס, וואו דער וועכטער שטעלט אַוועק פאַר אים אַ שטיקל האַרט ברויט מיט וואַסער יעדן טאָג. אינדערפרי האָט ער געמיינט, אַז נאָכמיטאָג, וועט ער פון דער ליכטיקייט באַקומען אַ ביסל כחות. ערשט איצט זעט ער, אַז עס האַלט מיט אים שלעכט. עס ווערט אים ערגער, ביים האַרץ־גריבל האָט אים גענומען נאָגן, אַ גרימענדיקע הונגער־נאַגעניש, ער האָט געפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער ווערט ביי אים לויז. ער האָט מיט זיינע הענט אָנגעטאַפּט זיין שוואַך שלאַבערדיק לייב, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין זיינע גרויס־געוואָרענע קליידער.

עס האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות צו זיך אַליין. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אים, דעם רייכסטן ייד פון געטאָ, דעם גביר עזריאל טאָסקאַני זאָל מען אָן אַ פאַרוואָס, אָן שום משפּט אַריינוואַרפן לעבעדיקערהייט אין אַ קבר. דער מאָנסעניאָר טשענטשי איז אים באַפאַלן ווי אַ רויבער; פאָלג אים, אַז נישט וועט ער טאָסקאַני מער נישט זען די לעבעדיקע וועלט. דער מאָנסעניאָר האָט אַפילו נישט די דרייסטקייט אים איבערצוגעבן צו דער אינקוויזיציע ווי ער האָט געסטראַשעט, ווייל ער ווייסט, אַז ער האָט נישט קיין שום באַווייזן קעגן אים, אַז ער, אָדער עמעצער פון זיין הויז־געזינט האָט אָפּגערעדט דעם פישערס טאָכטער, זי זאָל זיך נישט שמדן. דאָס זענען אַלץ אַזעלכע פוילע תרוצים, אים אָפּצושרעקן. ער וויל אים צווינגען דער מאָנסעניאָר, אַז ער טאָסקאַני, זאָל ווערן זיין שליח, אויסצופּרעסן פון די מאַראַנען אין דער פאַרט־שטאָט אַנקאָנאַ פופציק טויזנט דוקאַטן, וואָס ער דאַרף פאַר דער אַפּאָסטאָלישער קאַסע. יעדעס יאָר פּרעסן זיי אַרויס געלט מיט פאַרשידענע קונצן . . .

ער עזריאל טאָסקאַני קען אַזאַ שליח בשום אופן נישט זיין, ער וועט מיט ראַטעווען זיך גורם זיין אַ גרויס אומגליק אויף די יידישע קהלות פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה. די יידן האָבן שוין נישט אַזויפל געלט. ביז מען וועט אַזויפיל געלט קענען שאַפן פון פרעמדע ישובים קען שוין זיין צו שפּעט. זיי וועלן שוין האָבן אויפגעהעצט דעם גאַנצן המון קעגן די מאַראַנען און דער סוף וועט זיין אַ ביטערער . . .

און אפשר מיינט ער גאָרנישט אים צו שיקן אַרויסקריגן געלט צו ראַ־

טעווען די מאַראַנען. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אַ פריערדיקער פויפּסט האָט געגעבן געשריבענע פּאַפּירן צו די מאַראַנען־יידן, זיי זאָלן מעגן פריי וואוינען אין דער פויפּסטלעכער פּאָרט שטאָט אַנקאָנאַ. אפשר מיינט ער בלויז אים, דער מאָנסעניאָר איז אפשר אַ שליח פון זיינע בעלי־חובות, די רוימישע נאָבלייט, וואָס האָבן ביי אים ליגן טייערע משכנות. זיינע בעלי חובות האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צייט נישט געוויזן. זיי רעכענען דאָס מסתמא צו קריגן צוריק אומזיסט. אַ גאַנץ קעסטל צירונג איז אים געבליבן פון זיין פאַרמעגן, וואָס ער קען דערווייל נישט פאַרקויפן, ווייל לויטן נייעם געזעץ דאַרף ער וואַרטן גאַנצע זעקס און צוואַנציק חדשים נאָכן טערמין. נישט אַנדערש, אַז דער מאָנסעניאָר איז אַ שליח פון די בעלי חובות, אָדער ער וויל אים אַליין באַרויבן. ער וואַרט מסתם, אַז ער טאָסקאַני זאָל פאַר אים וויינען און קלאָגן, אים אַוועקגעבן דאָס לעצטע אַבי אַרויס פון דאַנען; וועט ער אים ווייזן אַז ווי לאַנג ער איז ביים קלאָרן זינען וועט ער זיך ביי אים נישט בעטן, גאָרנישט נאָכגעבן. נישט ווייל ער האָט אַזוי ליב זיין געלט. אים טאָסקאַנין איז שוין אַלצאיינס סיי ווי האָט זיין טויטער פאַרמעגן, דאָס קעסטל צירונג גאָרנישט די ווערט. ווען ער זאָל אַפילו קענען פאַרקויפן די משכנות, וועט ער אַרויסקריגן אַ קלייניקייט; ער וועט אים ווייזן, דעם מאָנסעניאָר, אַז ער קען נישט מאַכן מיט דעם ייד וואָס אים פאַרגלוסט זיך . . .

פון גרויס אויפרעגונג האָט ער מיטאַמאָל דערפילט אין זיך נייע כוחות. ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן. זיך גרינג אַראָפּגעלאָזט פון זיין געלעגער, זיך געשאַרט מיט די הענט, טאַפּנדיק די קאַלטע שטיינערנע ווענט. דאָס ליכט פון דער שמאָלער עפענונג האָט נאָך אַלץ געצאַנקט בין־השמשותדיק, זיך געשאַטנט אויף די גראָע שטיינערנע ווענט. לעבן דעם נידריקן טויערדיקן דורכגאַנג, האָט זיך עזריאל טאָסקאַני אָפּגעשטעלט. דער דורכגאַנג איז געווען פאַרצוימט מיט אייזערנע שטאַבעס, פיערעקנדיקע קראַטעס מיט אַרויסשטאַרצנדיקע שאַרפע שטעכערס, ווי זיי וואָלטן מיט מער באַוואָרעניש פאַרצוימט די אָפּגעטיילטע שטאַנגען

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער טוכלער קאַלטער ערד. ער האָט אַ דורכגערוקט זיינע הענט צווישן די אייזנס, געזוכט זיין טעגלעכע שפּייז. דאָס ברויט איז מער נישט געווען, בלויז האַרטע קרישקעס זענען געלעגן אין דעם ליידיקן בעקן, משמעות אַז די ראַצן האָבן עס שוין געהאַט אַוועקגעשלעפּט. בלויז דאָס קריגל וואַסער האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די הענט. עס איז געווען אַ הויך קופּערן קריגל, מיט אַ שמאָל אויסגעבויגן העלדזל. עזריאל טאָסקאַני האָט מיט ציטערדיקע הענט אויפגעהויבן דאָס קריגל זיך צוגעבויגן צו די קאַלטע אייזערנע קראַטעס מיטן פּנים. פון קריגל

האָט אַ שלאָג געטאָן אַ שאַרפער, שמעקנדיקער געדוך פון ווייַן. טאָסקאַני האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן טיף אַ צי געטאָן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט אַריינ־זופּט דעם גערוך. דער ווייַן האָט אַ צופּ געטאָן זיינע נאָזלעכער. פון גרויס איבעראַשונג וואָס מען האָט אָוועקגעשטעלט ווייַן, האָבן זיך זיינע הענט צי־טערנדיק געוואָרפן. ער האָט פאַרגאָסן זיינע הענט. דער שאַרפער ווייַן האָט לאַשטשנדיק געקילט זיין הויט.

עזריאל טאָסקאַני האָט דעם ווייַן אָוועקגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט האַסטיק ווי אַ פויק, איצט איז ער שוין געווען זיכער אַז מען האָט אים נישט פאַרגעסן, עפּעס וועט דאָ אינגיכן פּאַרקומען. ער האָט זיך דער־מאָנט אין אים, דער מאַנסעניאָר. דאָס שיקט ער אים ווייַן ער זאָל זיך שטאַרקן, ער וועט אים אינגיכן רופן צו זיך.

עזריאל טאָסקאַני האָט דעם ווייַן ניט געטרונקען, ער האָט זיך געוואַשן די הענט, דאָס פּנים, ער האָט זיך דערפילט געניג קרעפטיק צוריק צו שאַרן זיך צו זיין געלעגער, צו וואַרטן ביז מען וועט אים רופן. ער האָט אויפגע־שפּיצט זיינע אויערן, זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג, וואָס האָט אַהער דער־גרייכט פון דער שמאָלער עפענונג. אויפן טשענטשי־הויף איז געווען שטיל. פון די וויַטלעכע שטאַלן האָט זיך געהערט דאָס פריילעכע רואיקע הירזשען פון די פערד. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דאָס קלינגענדיקע סקריפּן פון די קייטן ביי דעם אַריינגאַנג צום טשענטשי־הויף.

עס איז אָבער נישט געווען די געוויינלעכע פאַרנאַכטיקע שטילקייט. פון ערגעץ גאָר נאָענט איז געקומען אַ שטילער גערויש פון אַ סך פאַרזאַמלטע מענטשן. אַזאַ גערויש הערט מען דאָ אין דער הייל פיל מאָל בייטאָג ווען עס פאַרזאַמלען זיך פּויערים פון דער קאַמפּאַניע מיט זייערע געפעק שפּייז, גרינ־וואַרג, עופות, אויף דער שכונהדיקער "פּיאַצצאַ מאַנטאַנאַראַ". דער גערויש איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, ווי עפּעס אַ גרויסע מאַסע מענטשן וואָלט זיך צונויפגענומען צו אַ פאַרנאַכטיקע פּראָצעסיע. אפשר אַ קלויסטערישע פיי־ערונג, עפּעס אומגעווענלעכעס. אים טאָסקאַנין איז געווען אַלצאיינס, נאָר דער טומל האָט אים אַ ביסל היימלעכער געמאַכט, ווי ער וואָלט באַשיצט געוואָרן פון די אימהדיקע אָונטיקע שאָטנס, וואָס האָבן ווי מיט לויערנדיקע סקעלע־טישע אויגן אַרויסגעקוקט פון דער קעלערדיקער פינצטערניש.

באַלד האָט עזריאל טאָסקאַני געהערט טריט אויפן הויף, עזריאל האָט דערקענט די טריט פון דעם וועכטער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום קע־לער. ביי עזריאל טאָסקאַני האָט דאָס האַרץ אויפסניי גענומען האַסטיקער קלאַפּן. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז נאָך היינט זאָל מען צו אים קומען. די שווערע טיר פון קעלער האָט זיך געעפנט מיט אַ זשאַווערדיקן סקריפּ, עס האָט

מיטאַמאָל אויפגעהעלט דער אַריינגאַנג, די געדרייטע שטיינערנע טרעפּ, וואָס זענען שוין פון עלטקייט געווען צעפלאַצט. אַ מידע פאַרנאַכטיקע ליכטיקייט האָט זיך אַריינגעשפּאַרט פון דרויסן. עזריאל טאַסקאַני האָט זיך מיט אַלע כחות אויפגעהויבן, זיך געוואָלט אָוועקשאַרן פון די גראַטעס ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו ווייזן זיין געפאַלנקייט פאַר דעם וועכטער. פון גרויס אויפרעג־גונג איז ער ווי געבליבן הענגען מאַכטלאָז מיט די פינגער פאַרקלעמט אַרום די גראַטעס.

דער ברייט־פּלייציקער , נידריקער וועכטער מיט דעם באַוואַקסענעם טעמפּן פּנים האָט געקלונגען מיט די שליסלען, זיך אָוועקגעלאָזט שווער מיט זיינע ברייטע קלאָציקע פיס. נישט ווייט פון די גראַטעס, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, צעשפּרייט דאָס מויל מיט אַ שפּאָטיש שנאהדיק געלעכטערל. ער האָט ווילד אַ שפּיי געטאָן פון ביידע מויל־ווינקלען מיט איין מאָל, דורך די פאַרפוילי־טע געלע ציין, וואָס האָבן אַרויסגעשטייגט ביי אים ווי פאַרזשאַווערטע נאָסע טשוועקעס.

דער וועכטער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אים באַטראַכט. נאָכדעם האָט ער אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין דער פאַרגראַטעוועטער טיר. עזריאל טאַס־קאַני האָט נישט געהאַט די כוחות זיך אָפּצורוקן .ער איז געפאַלן לעבן דער געעפנטער טיר.

— נו ייִד, אַ גאַסט איז דיך געקומען זען, הויב זיך אויף. איך בין או אַלט דיך צו שלעפּן.

עזריאל טאַסקאַני האָט אויפגעציטערט.. ווער קען דאָס זיין דער גאַסט וואָס איז אים געקומען זען? איז עס ניט אַמאָל זיין ווייב מרים? ווי קומט עס, וואָס מען האָט איר אַרויסגעלאָזט פון געטאָ פאַרנאַכט נאָך די אָונט־תפילות, נאָך "אַווע מאַריאַ", ווען קיין יידן האָבן אַפילו אין די בעסערע צייטן נישט געטאָרט מער זיין אין שטאָט. עס קען אָבער מעגלעך זיין, אַז זי האָט פאַרט גע־קראָגן די הילף פון אַ רוימישן נאָבלמאַן, וואָס וויל אים ראַטעווען. ווי אַזוי וועט ער זיך ווייזן אין אַזאַ הולך, זי וועט דאָך אים אַפילו נישט דערקענען.

— נו ריר זיך דו ייִד! דו ווילסט גאָר נישט גיין? עפּעס ביסטו מיר ייִד צו גוט געוואָרן. דאָס ברויט לאָזטו די מייז אויפעסן.

דער וועכטער, האָט זיך שווער איינגעבויגן איבער אים מיט זיין ברייטן קערפּער, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם גאַנצן דורכגאַנג.

— ווי איך זע, האָסטו זיך ייִד, גוט אָנגעזאָפּן מיט דעם וויין, אַז דו קענסט זיך נישט רירן. איך האָב זיי אָבער געזאָגט, אַז וויין טויג נישט אויפן ניכטערן מאָגן.

דער וועכטער האָט איינגעבויגענערהייט שווער אָפּגעגרעבצט, ער האָט אַ

וואָרף געטאָן מיטן בויך, פון זיין מויל האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ זויערער גערוך פון וויין, וואָס האָט אַרויסגעגאָווערט פון זיין מויל מיט שוימיקע בלעזעלעך.

— איך האָב דיר געזאָגט ייד, איך בין צו אַלט דיך צו שלעפּן. איך אַ קריסטלעכער מענש זאָל דאַרפן באַדינען אַ ייד . . .

דער וועכטער האָט אים אַ הויב געטאָן פון אָרט אַזש די דאַרע ביינער ביי עזריאל טאָסקאַני האָבן אַ קנאַק געטאָן. ער האָט פאַרשטשעמעט די ציין נישט אַרויסצושרייען פון ווייטיק.

— אָ דו ביזט נאָך גענוג שטאַרק. נו האַלט זיך ביי דער וואַנט און קריך מיר נאָך. אויב דו קענסט נישט וועל איך דיך איבערלאָזן. איך וועל זאָגן, אַז דו ביזט שוין אַ פּגרה.

דער וועכטער האָט אים אַוועקגעשטעלט ביים וואַנט, טאָסקאַני האָט זיך מיט אַלע כוחות צוגעדריקט צו די קאַלטע שטיינער. דער וועכטער האָט זיך פּאַמעלעך געהויבן. ער האָט צו זיך גערעדט שפּייענדיק אויףביידע זייטן מיט איין מאָל.

— אויף מיין עלטער, וואָלט איך שוין געדאַרפט האָבן אַ גרינגערע פּרנסה אַ שטייגער זיך אַוועקזעצן לעבן אַ קלויסטער און קלייבן נדבהלעך. זע איך אָבער אויס צו געזונט פאַר אַזאַ פּרנסה . . .

דער וועכטער האָט זיך געהויבן אַרויף העכער אויף טונקעלע געדרייטע טרעפּ, וואָס זענען געווען שוואַך באַלויכטן פון דער אָפענער טיר.

פון גרויס בענקשאַפט צו זעען דעם גאַסט וואָס איז צו אים געקומען, האָבן זיך אין אים געשטאַרקט די כוחות. דאָס האַרץ האָט ביי אים געצאַפּלט, וואָס גיכער צו זעען אַ היימישן מענטש אפשר טאַקע זיין וויב מרים. זי וועט אַרויפפאַלן אים אויפן האַלדז, זי וועט זיך זיכער צעווייגען ווען זי וועט דערזען, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט. און אפשר האָט זי נישט איינגעשטעלט. אַ פרוי אַליין צו מאַכן אַזאַ געפערלעכן וויזיט אין דעם שרעקלעכן טשענטשי פּאַלאַץ. אפשר האָט זי געשיקט עמעצן פון זיינע הויז־מענטשן צו גאָר אַ שליח פון דער קהלה. ער האָט געקלעטערט אַרויף די טרעפּ, וואָס אַמאָל מיט אַ פאַרגרעסערטן אימפּעט. ער האָט זיך אַליין איינגעצאַמט נישט איבערצויאָגן דעם וועכטער, וואָס האָט שווער געדעכעט, געשפּיגען און געשטויסן שווער מיט די קלאָציקע פיס. די טרעפּ האָבן זיך געדרייט אַרויף דעם שלאָס ווי אין אַ קיילעכדיקן טורעם. דורך די לאַנגע טורעם פענצטער מיט אַ האַלב רונדיקע קעפּ אויסגעהוילט אין די דיקע רונדיקע ווענט, האָט זיך שוין געזען דער ליכטיקער אָפּשיין פון דער פאַרנאַכטיקער זון. עס איז געווען אַ טריבער אָפּשיין וואָס האָט גאָלדיק באַפאַרבט די גרויסע טורעם־ווענט. דער אָפּשיין

האָט ווי אַ גאָלדענער נעפּל געהאָנגען אין דעם גרויסן טיפן הוילן חלל, זיך פּאַמעלעך געטונקלט, מיט רויטלעכע מידע זיך אויסלעשנדיקע קאָלירן.

דער וועכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט געעפנט אַ שווערע טיר, וואָס האָט געפירט צו אַן אָפענעם קאָרידאָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טעראַסע, פון איין זייט שווערע טירן, וואָס האָבן געפירט צו די צימערן און קעגנאיבער אַ נידריקע צוים, אַ וואַנט מיט שלאַכט־גזימסן פיער־עקיקע טורעמלעך.

עזריאל טאָסקאַני איז געשטאַנען צעטומלט. ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז שוין אויף דעם העכסטן גאַרן פון דעם פּאַלאַץ. דער קילער ווינט, אויסגע־מישט מיט דעם ים־געראָך, און פון דעם טיבער טייך, האָט געגלעט דערפרישנ־דיק זיין פּנים. ער האָט מיט גרויס תענוג געאָטעמט די לופט. פונדערווייטנס האָט דער פאַרנאַכטיקער הימל, איינגעהילט די בלאָ־פאַרנעפּלטע בערג. אויפן מערב איז דער הימל געווען באַגאָסן מיט אַ צעכוואַליעטע פאַרבלוטיקטע רויט־קייט.

עזריאל טאָסקאַני האָט געהאַלטן אויפגעריסן די אויגן, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ פאַרנאַכטיקן זון־אונטערגאַנג. דער וועכטער האָט גע־עפנט אַ טיר. ער האָט שטייף אָנגענומען עזריאל טאָסקאַני ביים האַנט און אים אַריינגעשטופּט אין דער אָפענער טיר, און זי גלייך פאַרמאַכט הינטער אים.

עזריאל איז געבליבן שטיין, אַ דערשראָקענער. טיף אין דעם שמאָלן לענגלעכן צימער, ביים סאַמע פענצטער, וואָס איז געווען פאַרקאָוועט מיט ברייטע שטאַבעס, איז געשטאַנען אַ מיטלוואוקסיקער באַיאָרטער מענטש אין אַ לאַנגע גלחישע שוואַרצע סוטאַנע. טאָסקאַני האָט מיט אַ מאָל ווידער דער־פילט אַ מידע שלאַבערדיקייט אין זיין קערפּער. ער האָט זיך געמוזט אָנלע־נען אין דער טיר נישט אומצופאַלן. ער האָט שוין געזען, אַז קיינער פון זיי־נע נאָענטע איז נישט געקומען. ווער קען דאָס זיין? איז דאָס נישט אַמאָל עמעצער פון די אינקוויזיציע־לייט וואָס איז געקומען אים ווידער פייניקן פאַרוואָס דרייט ער זיך נישט אויס? איז דאָס אַזאַ שפּיל זיך צו רייצן מיט אים, אָנצואוואַרפן אויף אים אַ שרעק אַז ער זאָל פאַרלירן זיין לעצט ביסל שטאַנדהאַפטיקייט. טראָפּנס שוויס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אויף זיין שטערן. ער האָט שווער מיט גרויסע אַנגסטן אָפּגעזיפצט, פאַרשטשעמענדיק די ציין דער גלח ביים פענצטער זאָל אים נישט דערהערן.

עזריאל טאָסקאַני האָט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון דעם מענטש, געזוכט אין דער פּלייצע, קאַרק, פּיס, עפּעס אַ סימן צו דערגיין, וואָס פאַראַ מענטש דאָס איז. עזריאל טאָסקאַני האָט מיטאַמאָל, אַ ציטער געטאָן נישט פון

שרעק, נאָר פון פּאַרדרוס. דער מענטש ביים פענצטער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, זיך איבערגערוקט און אַ שלעפּ געטאָן זיין ביסל הינקנדיקן פוס. עזריאל טאָסקאַני האָט אים דערקענט. דאָס איז געווען דער משומד גאַלאַטי. עזריאל האָט זיך מיט אַן אימפּעט אויסגעדרייט, אַ ריס געטאָן ביי דער קלאַמקע פון טיר. זאָל ער אים שוין צוריקפירן אין קעלער אריין דער וועכטער. אַ גאַסט איז אים געקומען זעען... ער, טאָסקאַני וויל אים נישט אָנקוקן דעם מוסר, ווער האָט נאָך אים געשיקט. אָט דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע זיינע האָפענונגען . . .

די טיר איז געווען פאַרמאַכט. עזריאל האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך מיטן גאַנצן קערפּער אָנגעלענט אין דער טיר. פונקט דאַמאָלס האָט זיך דער משומד גאַלאַטי אויסגעדרייט פון פענצטער און פריילעך געזאָגט מיט גרויס פייערלעכקייט.

—איר זאָלט מיר שטאַרק פאַרגעבן רב עזריאל טאָסקאַני. איך האָב גאָרנישט געהערט איך אַריינקומען.

דער משומד האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער, זיך וואַקלדיק צוגעגאַנגען צו דער טיר, אים אָנגענומען ביים אָרעם. עזריאל טאָסקאַני האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים. ער האָט געפּרוּווט אַרויסרייסן זיין אָרעם. ער האָט אָבער נישט געהאַט גענוג כח זיך צו ווערן.

דאָס פרומע פּאָלק אונטן, האָט אַזוי פאַרכאַפּט מיינע געדאַנקען, מיינע אויגן. קומט וועט איר טאַקע זעען ווי גרויס עס איז אונדזער אמונה. אַ הייליקע פּראָצעסיע וועט עס זיין. קינדס־קינדער וועלן זיך וועגן דעם דערציילן . . .

ערשט איצט האָט עזריאל טאָסקאַני אויפסניי דערהערט אַן ענלעכן גערויש פון אַ סך מענטשן ווי ער האָט עס פריהער געהערט אין קעלער־הייל. דער רוישיקער טומל, איז געקומען פון אונטן אַרויף. די גאַנצע לופט איז געווען פול מיט אַ זשומעריי פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך ווי איינגעהאַלטן נישט אויסצושרייען הויך, ווי עפּעס אַ הייליקע פאַרכטיקייט וואָלט איינגעהאַלטן זייער רייד.

דער משומד גאלאטי האָט אים צוגעפירט צום פענצטער. אונטן אויף דער נאָענטער "פּיאַצצא מאַנטענארא", און אויף אַלע אַרומיקע שמאָלע און ברייטע געסלעך, זענען געשטאַנען פאַרזאַמלט גרויסע מאַסן מענטשן. נישט בלויז די שטאָטישע איינוואוינער זענען דאָ געווען, נאָר אויך די פּויערים פון די נאָענטע באַרג־שטעטלעך. בערג־לייט וואָס האָבן מיט זייער הויכקייט, מיט זייערע ברייט־פּלייציקע מאַסיווע פיגורן זיך אַרויסגעזען העכער ווי די געוועגלעכע שטאָט־לייט. זייערע היימיש געמאַכטע בלאָע קליידער זענען געווען

ריין אויסגעפּוצט, נישט ווי מען זעט זיי באַלאַדנט מיט פּעק אין די וואָכנדיקע מאַרק־טעג. אויך זייערע פרויען זענען געווען פאַרפּוצט אין קאָלירטע קליידער מיט פורפורנע קאָרסעטן פאַרשנירלט, וואָס האָבן אַרומגעפּאַנצערט זייערע הויכע בוזימס. עס זיינען אויך געווען פאַרזאַמלט פיל איינוואוינער פון די טאַליקע געגענטן ביי די ברעגן פון דעם לאַנגן טיבער־טייך.

דאָ און דאָרט אויף די זייטיקע געסלעך האָבן אין דער אָפענער גאַס געאַרבעט די באַרבירער, געשוירן די יונגע פויערים, געלאָפן מיט די שערלעך איבער זייערע קעפּ, אָדער גאָר געהאַלטן אַ בעקענדל, וואָס איז געווען אויסגערונדיקט אַריינגעפּאַסט צום האַלדז און דער שערער האָט אָפּגעגאָלט דעם זייפיקן שוים פון זייערע פּנימער. נישט ווייט איז געשטאַנען אַ וואַקלדיק טישל מיט אַ פּאָר שטיקלעך ווייס־פּאַפּיר. טינט און פעדער. לעבן טישל איז געזעסן אַ בערדיקער עלטערער מענטש, אַ בריוו־שרייבער. דער שרייבער האָט אָפּגעגעקוקט פון אונטער אָנגעזאַטלטע ברילן, וואָס זענען געלעגן ביי דער שפּיץ נאָז.

לעבן דעם בריוו שרייבער האָבן געוואַרט שעמעוודיקע יונגעלייט און מיידלעך. אַן אומגעלומפּערטער יונגערמאַן האָט איינגערוימט דעם ליבע־בריוו שרייבער עפּעס אין אויער אַריין, זיך פאַרדעכטיק יעדע ווײַלע אומגעקוקט צי אַ זייטיקער האָט נישט אויפגעכאַפּט דעם ליבע סוד, וואָס ער האָט דאָ איבערגעגעבן צו זיין סיניאָרינאַ.

הענדלער באַהאַנגענע מיט צלמים, פּאַטשערקעס, שוואַרצע קרעלן, אַלערליי קמיעות האָבן זיך געשטופּט צווישן עולם. פרויען מיט קעסטלעך וואַקסענע ליכט, האָבן מיט פרומע טרויעריקע שטימען ווי קלאָג־מוטערס צוגערעדט די מענטשן זיי זאָלן אָנצינדן ליכט פאַר זייערע נשמות.

אַ פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די שמאָלע, פאַרחושכטע געסלעך. בלויז אויף די שפּיץ־דעכער, אויף טייל שויבן האָט די מידע זיך לעשנדיקע זון איבערגעלאָזט דעם לעצטן גלאַנץ פון דעם פאַרגייענדיקן טאָג. נענטער, באַרג אַרויף צו די משומדים־הייזער אויפן נאָמען פון הייליקן יאָזעף, זענען געווען פאַרזאַמלט די שלוחים פון די פיל־צאָליקע קירכן, קלויסטערס און מאָנאַסטירן, מיט זייערע קאָלירטע פענער, באַמאָלט מיט אַלערליי הייליקע נזירים און מאַדאָנעס. פיל האָבן געהאַלטן צלמים מיט יעזוסן צוגענאָגלט צו זיי. עס זענען אויך געווען פאַרזאַמלט די שטאָטישע צעכן, מיט זייערע פאָך פאָנען, מיט הייליקע גאָלדענע אויפשריפטן. עס זענען אויך געווען רייען מיט מאָנאַכן, נאָנעס און די פאַרשידענערליי גראָע ברוינע און שוואַרצע קליידער. אַ גרויסער טייל פון די פאַרזאַמלטע מענער און פרויען אין שוואַרצע קליידער האָבן געהאַלטן וואַקסענע ליכט אין זייערע הענט

צלמדיק פֿאַרפֿלאָכטן. ביי דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן האַרט ביים טויער זיינען געשטאַנען די לוויה־טרעגער, די "פּראַטיס" אין זייערע שלאַבערדיקע שוואַרצע כאַלאַטן, וואָס האָבן פֿאַרדעקט דעם גאַנצן קערפּער, אַריבער דעם קאָפּ, בלויז מיט צוויי לעכער אָפּן ביי די אויגן. זיי זענען געווען אַרומגעגאַרטלט אַרום די לענדן. אויך זיי האָבן געהאַלטן לאַנגע ליכט פֿון וואַקס. זיי האָבן מיט זייער טרויעריקן, אימהדיקן אויסזען פֿאַרשפּרייט אַ טויט־שרעק, ווי זיי וואָלטן געווען שלוחים פֿון יענער וועלט פֿון וואַנען עס קומט דער מלאך המות און נעמט צו די נשמות פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו דעם משומד גאַלאַטי, ווי ער וואָלט אים שטום געפֿרעגט צוליב וואָס ווייזט ער אים דאָס אַלץ. ער זעט, אַז מען גרייט זיך עפּעס צו אַ גרויסע חשובע לוויה פֿון עפּעס אַ הייליקן, ווי עס איז דער מנהג צו באַגלייטן ווי נאָר עס ווערט נאַכט.

דער משומד גאַלאַטי האָט ערנסט אָפּגעזיפֿצט און שטיל געזאָגט:

— הייליק און ריין האָט זי איבערגעגעבן איר לויטערע נשמה צו גאָט, דיין דינסט־מיידל. דאָס גאַנצע פֿאָלק איז איר געקומען באַגלייטן . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אָבער באַלד איינגעהאַלטן, דער משומד זאָל נישט באַמערקן זיין אויפֿרעגונג. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיי האָבן איר הייסט עס געשמדט, דאָס אומגליקלעכע קינד, איידער זי איז געשטאָרבן. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות צו איר פֿאָטער דעם פּישער יונתן, ער וועט עס נישט אויסהאַלטן דער ייד. אָבער צוליב וואָס ווייזט ער אים דאָס אַלץ?

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער באַנק, וואָס לעבן פֿענצטער און שטרענג ווי באַפֿעלעריש געזאָגט:

—זעץ זיך טאָסקאַני. עס איז דאָ אַ שווערע קלאָגע קעגן דיר. און איך צום באַדויערן בין דער עדות פֿון דער קלאָגע.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אַ נידערגעזעצט אויף דער ברייטער נידריקער באַנק לעבן וואַנט און אָנגעקוקט דעם משומד גאַלאַטי מיט אַ דערשראָקענע נייגעריקייט.

— דער משומד גאַלאַטי האָט געלאָסן אָנגעהויבן:

— דאָס מיידל האָט זיך פֿאַר מיר מודה געווען, אַז דו האָסט זי נישט געלאָזט שמדן. דו האָסט איר אָפּגערעדט פֿון איר גרויסן באַגער... מיין הייליקע פֿליכט פֿאָדערט דיך איבערצוגעבן דער אינקוויזיציע.

עזריאל טאָסקאַני האָט מער נישט געקענט איינהאַלטן זיין אויפֿרעגונג. ער האָט מיט אַלע כחות זיך אַריס געטאָן פֿון אָרט.

— עס איז אַ ליגן, דו טראַכסט אויס אַ בלבול אויף מיר. דאָס אָרעמע

אומגליקלעכע קינד, וואָלט קיינמאָל אַעלכעס אויף מיר נישט געזאָגט. איך האָב רעכט מיט איר אין הויז נישט גערעדט . . .

דער משומד גאַלאַטי האָט גוטמוטיק געשמייכלט. — דו דאַרפסט זיך נישט אויפרעגן טאָסקאַני. דעם אמת, קען בלויז די הייליקע אינקוויזיציע פון דיר אַרויסקריגן... ניט איך. איך בין בלויז אַן אומשולדיקער עדות.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך מיט די הענט אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ — וואָס זענט איר מיר געקומען פייניקן, וואָס ווילט איר פון מיר. גייט פאַרמסרט מיך. צו זיין אַ מסור, דאָס קומט אייך אָן גרינג. אָבער קיין אָרנטלעכער מענטש וועט אייך נישט גלויבן — האָט טאָסקאַני מיט גרויס האַרצווייטיק אויסגעשריגן. ער האָט מיטאַמאָל זיך איינגעשטילט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ שרעק, ער האָט דערפילט אין דעם משומדס רייד, אַז מען וועט אים גלויבן. זיי זוכן שוין לאַנג אַ קרבן צו פאַרמיאוסן נאָך מער די יידן ביים פּאָלק. ער האָט מיט די הענט זיך פאַרדעקט דאָס פנים און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נידריק צו די קני.

— אָט צוליב דעם בין איך געקומען. איך וויל דיר ווייזן טאָסקאַני, אַז איך בין נישט קיין מסור, איך בין דיר געקומען העלפן. דאָס איז מיין עובדה כאָטש דו האָסט עס נישט די ווערט.

עזריאל טאָסקאַני האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט בלויז אויפגעשפּיצט די אויערן, ווארעם ער האָט זיך מער געשראָקן פאַר דעם גוטן טאָן ווי פאַר זיינע שלעכטע רייד.

— איך בין נאָך אַלץ אַ ייד, כאָטש מיין אמונה איז קאַטויליש. איך וועל טאָן אַלץ, אַז מיינע איינגעשפּאַרטע שלעכטע ברידער זאָלן נישט פאַרברענט ווערן אויפן שייטער, אַפילו די פאַלשע מאַראַנען וויל איך העלפן.

עזריאל טאָסקאַני האָט אַרויסגענומען זיין פנים פון די הענט ווי ער וואָלט געוואָלט זען דאָס פּרצוף פון דעם משומד גאַלאַטי, וואָס קען מיט אַזאַ אָרנטלעכקייט רעדן אַזעלכע ליגנערישע רייד.

— איך קען דיך אינגאַנצן באַפרייען, אַז דו וועסט מיך פאָלגן. דו וועסט דאַרפן פאָרן קיין אַנקאָנאַ צו די מאַראַנען. זיי זענען אַלע אויפן צעטל גלייך אַרעסטירט צו ווערן.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איך האָב עס שוין געהערט פון מאָנסעניאָר טשענטשי.

— איצט וועט דאָס געשען. דו מוזט שוין פאָרן זיי אויסלייזן. דו דאַרפסט איבערצייגן די יידן אַז געלט קען זיי ראַטעווען. אויב נישט וועלן זיי פאַרברענט ווערן און די שולד וועט פאַלן אויף דיין קאָפּ.

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַמעלעך געלאָזט צו

דער טיר מיט אַ פֿאַרזאָרגטן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ שטילע טרויעריקע שטימע געזאָגט.

— באַרעכן זיך טאָסקאַני. דו קענסט אויך דיין לעבן ראַטעווען . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט ווידער פֿאַרדעקט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט נישט געקענט זען אַ מענטש וואָס רעדט אַזעלכע רייד.. ער האָט געהערט ווי דער משומד האָט געעפֿנט די טיר, אַרויסגעגאַנגען און זי שטיל צוגעמאַכט. דער וועכטער איז מער נישט אַריינגעקומען נאָך אים, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז דערווייל בלייבט ער אין דעם צימער.

אַ פּיינלעכע אומרואיקייט האָט אים געהויבן פֿון אָרט. אַ ווילדע שרעק האָט אויפֿגעוועקט אין אים נייע כחות. ער האָט איצט מער ווי פֿריער דערפֿילט, אַז ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים אַריינגעכאַפּט אין אַ שטייג צו פֿאַרניכטן זיין לעבן. זיי ווילן, אַז ער, עזריאל טאָסקאַני זאָל אַרויס־פּרעסן פֿאַר זיי געלט פֿון די אָרעמע יידן. ער ווייסט, אַז די יידן פֿון דער גאַנצער פּויפּסטלעכער מלוכה קאָנען מער נישט באַצאָלן אַזויפֿיל אויסלייז־געלט. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי געשיקט זייערס אַ מענטש, ער האָט אַרויסגעצאַפּט פֿון די יידן אַ מטמון מיט געלט. זייער פֿאַרטרויטער מענטש איז נאָכדעם מיטן געלט נעלם געוואָרן האָט מען שפּעטער דערציילט. עס קען זיין אמת, אַז דער פֿאַרשוין, איז מיטן אויסלייז־געלט אַנטלאָפֿן, און עס קען אויך זיין פֿיין צוגעטראַכט, מיט אַ תירוץ צו קענען אויפֿסניי קריגן געלט. איצט הייסט עס וויל דער ביטרער מאָנסעניאָר מיט דער הילף פֿון דעם משומד גאַ־לאַטי צווינגען אים טאָסקאַנין, אַז ער זאָל פֿאַר אים אַרויספּרעסן פֿריש געלט. קען ער זיך אונטערנעמען צו טאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט, אַז ער זאָל אויף אייביק צו שאַנד מאַכן זיין נאָמען, זיין משפּחה צווישן די יידן. ער איז אַרומגעלאָפֿן איבערן צימער. ווען זיי לאָזן אים כאָטש אַרויס פֿריי, וואָלט ער זיך באַראָטן מיט די אַנדערע קהלה־פּאַטערס, ווי קען ער אַליין נעמען אויף זיך אַזאַ אחריות.

פֿון דרויסן האָט זיך מיטאָמאָל געהערט אַ שטיל פֿאַמעלעכדיק קלינגען פֿון די אַרומיקע קלויסטער גלאָקן. די פֿאַרנאַכטיקע שטילקייט האָט ווי אויפֿגע־ציטערט פֿון די שטיל ברומענדיקע קלאַנגען. עזריאל טאָסקאַני האָט אויפֿגע־הויבן די אויגן צום פֿענצטער. אַ שווערע אומעטיקע טונקלקייט האָט זיך אויס־געשפּרייט אַרום. דער בלאָער פֿריילינגדיקער בין־השמשות הימל איז געוואָרן געדיכטער, די וועלט אַרום איינגעשרומפּענער, די טורעמס פֿון די שלעסער, די שפּיצן פֿון די קירכן האָבן ווי שוואַרצע שאָטנס זיך אַריינגעשטאָכן אין דער בלאָער טונקלקייט.

אונטן, פֿון די שמאָלע באַרגיקע און טאָליקע געסלעך, וואָס אַרום דער

"מאַנטאַנאַרא" האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיל טרויעריק געזאַנג, אַ וויינענדיק לויה־געזאַנג, וואָס איז געקומען פון אַ סך ברוסטיקע, הייזעריקלעכע מענער־שטימען. פון אָט דעם געדיכטן איינגעהאַלטענעם געזאַנג, האָבן זיך אַרויסגע־ריסן דינע מעלאָדישע, ציטערנדיקע שטימען פון פרויען.

עזריאל טאַסקאַני האָט שווער אָפּגעזיפצט, ווי דאָס געזאַנג וואָלט אים דערמאָנט אין זיין אומגליק. אַלעמאָל ווען אין געטאָ האָט מען געהערט אַזאַ געזאַנג האָט עס אַרויסגערופן אַ פחדימדיקע ציטערניש ביי אים אין הארץ, עס האָט דערמאָנט, אַז די יידן זענען אָפּגעזונדערט געוואָרן פון דער וועלט און זיי זענען אין גרויס געפאַר. אויך איצט האָט זיך אים מער ווי אַלעמאָל גע־דוכט אַז דאָס איז עפּעס אַ דראָענדיק טרויעריק געזאַנג, וואָס וועט ברענגען בלויז אומגליק אויף אים און זיינע ברידער אין געטאָ. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, גלייך נאָך דער "פּיאַצצאַ מאָנטאַנאַרא" האָט זיך געצויגן די לויה־פּראָצעסיע פון דעם יידישן מיידל, דעם פישער יונתנס טאָכטער. עס איז געווען אַ געדיכטע לאַנגע לויה. דער המון האָט זיך ווי אין גרויס ענגשאַפט געשפּאַרט צווישן די שווערע צוזאַמענגעפּרעסטע הייזער, פּאַלאַצן און קלויסטערס. זייער פיל האָבן געהאַלטן אין די הענט אָנגעצונדענע וואַקסענע ליכט. די ליכט האָבן געפלעמלט, ציטערנדיק געבליצט מיט געלע פייערלעך. די פלעמלעך האָבן באַ־לויכטן די אָפּגעדעקטע פאַרדמיונטע פנימער. די לוויה האָט זיך געצויגן אויף אַ וויטן מהלך, זיך געשלענגערט, געדרייט צווישן די שמאָלע געסלעך.

יונגע מיידלעך אין ווייסע חופה־קליידער מיט שלעפּעס צעשפּריט הינ־טער זיך, מיט ווייסע בלומנדיקע קראַנצן אויף די קעפּ ווי ביי יונגע כלות, האָבן אויף אַ ברייטן ליידיקן שטח אַרומגערינגלט דעם קאַסטן, וואָס איז גע־ווען איינגעהילט אין אַ שוואַרץ סאַמעטענעם טוך מיט גאָלדענע צלמים באַ־פוצט, געטראָגן פון די שוואַרצע לויה־טרעגער. דער ארון איז געווען אָפן, דעם פישערס מיידל איז געלעגן אין אַ ווייס חופה־קלייד ווי זי וואָלט געשלאָפן. אַ קראַנץ מיט ווייסע בלומען איז געלעגן אַרום איר קאָפּ. פון דעם קאַסטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע ווייסע סטענגעס, וואָס די מיידלעך ווי ווייסע מלאכים, האָבן אויסגעצויגן אויף דעם ליידיקן שטח ווייט פון ארון אַוועק.

עזריאל טאַסקאַני איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. די לוויה האָט זיך נאָך לאַנג געצויגן פאַר אים. נאַכטיקע שאָטנס, האָבן זיך וואָס אַמאָל געדיכטער אַרונטערגעלאָזט אויף די פינצטערע שמאָלע געסלעך, מען האָט שוין מער נישט געזען קיין איינצעלנע מענטשן בלויז אַ געדיכטער באַוועגלעכער המון, וואָס האָט זיך געוויגט, גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. עס האָבן בלויז גע־ציטערט גלימצערנדיקע געלע פייער־פלעמעלעך.

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך אָפּגערוקט פון פענצטער, זיך אַרונטערגע־

לאָזט אויף דער באַנק. דאָס טרויעריקע, דראָענדיקע געזאַנג האָט זיך נאָך לאַנג געטראָגן אין דער לופט.אים ווי כּסדר דערמאָנט, אַז מיט דעם מיידלס טויט האָט דער משומד גאַלאַטי אים באַזיגט, ער וועט אים איבערגעבן צו דער אינקוויזיציע.

עס האָבן זיך מיטאַמאָל געהערט טריט פון דעם וועכטער, וואָס האָבן אים אַ דערשראָקענעם אויפגעוועקט, אים דערמאָנט, אַז באַלד וועט מען אים ווידער אַרונטערוואַרפן אין דער קעלערדיקער הייל.

דער וועכטער האָט געעפנט די טיר, ער האָט געהאַלטן אַ ברענענדיקן פלאַקער אין האַנט. ער האָט זיך אַריינגעבויגן מיט זיין שווערן קערפּער אין צימער און הייזעריק אויסגעשריגן:

— ייד, וועסט נאָך צייט האָבן צו שלאָפן, דער מאַנסעניאָר וויל דיך זען.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון באַנק און מיט געבראָכענע שלאָבערדיקע פיס נאָכגעגאַנגען דעם וועכטער.

# נײַנצנטער קאַפּיטל

עס איז שוין געווען שפּעט פֿרילינג. פֿאַרמיטאָג האָט די זון אָנגעהויבן בראָטן די לופֿט מיט אַ זומערדיקע חמימה. דער גביר עזריאל טאָסקאַני איז נאָך אַלץ געווען אין זײַן תּפֿיסה־קאַמער בײַם טורעם פֿון טשענטשי פּאַלאַץ. דער אויבערשטער טייל פֿון פֿענצטער איז געווען באַהעלט פֿון דער בריענדיקער זון, וואָס האָט מיט אַ געדיכטן שטראַלנדיקן שטויב־זײַל באַלויכטן אַ האַלבן צימער, דעם בוידעמדיקן סופֿית. אַ פֿויגל מיט ברוינלעכע פֿליגל האָט געפֿלאַטערט אויפֿן פֿענצטער ביישטידל, פֿרילינגדיק געסוויטשערט, ווי ער וואָלט ערגעץ וואו געזוכט אַ נעסט צו פֿאַרלייגן. דאָס פֿלאַטערן פֿון דעם פֿויגל האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער פֿויגל האָט זיך ווי דערשראָקן פֿאַר דעם שטיינערדיקן טורעם און מיט אימפּעט זיך אַ טראַג געטאָן צו דער הימלישער בלאָקייט.

עזריאל טאָסקאַני איז געלעגן אויף דער האַרטער באַנק מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ. עס האָט אים וויי געטאָן, וואָס ער האָט זיך געלאָזט באַזיגן פֿון דעם מאָנסעניאָר טשענטשי און פֿון דעם משומד גאַלאַטי. ער האָט געוואוסט אַז נאָך הײַנט וועט מען אים אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ, אָבער וואָס פֿאַראַ פּנים וועט ער האָבן בײַ די ייִדן אין געטאָ, וועלן זיי קענען תּופֿס זײַן די יסורים, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען? האָט ער געמעגט זיך אונטערגעבן, צו ווערן דעם מאָנסעניאָרס און דעם משומד גאַלאַטיס אַ משרת, כּדי זיך צו ראַטעווען? און אפֿשר האָט ער געטאָן אַ גוטע זאַך, אפֿשר וועט ער קאָנען צו וויסן געבן, די ייִדן פֿון אַנקאָנאַ, נאָך איידער זיי וועלן אַרעסטירט ווערן און זיי וועלן מעגלעך קענען אַנטלויפֿן. די עלטסטע פֿון דער קהלה וועלן אים זיכער פֿאַרשטיין, אַז ער האָט עס געטאָן נישט בלויז צו ראַטעווען זיך. ער וועט זיי אויך ווײַזן וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר דעם פֿאַרשטאָרבענעם רבי הלל׳ס משפּחה. ער האָט געפּועלט בײַם מאָנסעניאָר, אַז ווי נאָר, ער וועט אַרויספֿאָרן קיין

אַנקאָנאַ מוז ער האָבן אַ באַגלייטער, מחמת ער איז צו שוואַך אַליין צו פאָרן, און דער באַגלייטער זאָל זיין, דער יונגער מרדכי חלפן, רבי הללס טאָכטערס חתן. ער האָט באַוויזן דעם מאָנסעניאָר, אַז דער יונגער חלפן איז אַ גרויסער חשוב ביי די אַנקאָנאַר יידן, און ער וועט אים זיין בייהילפיק . . .

צזריאל טאָסקאַני האָט מיט אַ דערלייטערונג אָפּגעזיפצט. ער וועט דעם יונגענמאַן אַרויספירן פון רוים, און פון אַנקאָנאַ וועט יענער זיך שוין אַרויס־רייסן פון דער פויפּסטלעכער מלוכה. זיינע געדאַנקען זענען מיטאָמאָל איבער־געריסן געוואָרן. פון דרויסן האָבן זיך געהערט טריט. מען האָט אויפגעשלאָסן די טיר. דער וועכטער איז געבליבן שטיין אינדרויסן, ער האָט אַריינגעלאָזט דעם משומד גאַלאַטי. דעם משומדס פנים איז געווען ברייט צעשמייכלט. ער האָט צוגעהונקען גיך מיט זיין הינקנדיקן גאַנג. ער האָט פריילעך געזאָגט.

— נו מאַך זיך גרייט טאָסקאַני. איך בין געקומען דיך אַרויסנעמען פון דאַנען.

טאָסקאַני האָט זיך פאַמעלעך אויפגעשטעלט, געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף זיין אויסלייזער. ביי די מויל־ווינקלען פון דעם משומדס פעטלעכע ליפּן, אַרום די קנייטשן לעבן די אויגן, איז דאָס שמייכלען ביי אים געווען אי פריינט־לעך, און אי אָפּשפּעטנדיק. עזריאל טאָסקאַני האָט פון גרויס בושה אַרונטער־געלאָזט די אויגן. ער האָט זיך גענומען איילן כדי וואָס שנעלער זיך צו באַ־פרייען פון אים, ניט צו זען דאָס אָפּשפּעטנדיקע פריינטלעכע פנים, וואָס האָלט אים אין איין דערמאָנען, אַז ער איז באַזיגט געוואָרן. ער האָט גיך געכאַפּט זיין כאַלאַט און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער משומד גאלאטי איז אים נאָכגע־לאָפן, אים זוי געוואָלט אַריינציען אין אַ שמועס.

— איר האַלט מיך נאָך אַלץ פאַר אַ שונא. אָבער איך מאַך זיך גאָרנישט דערפון. איך וויז אייך אַרויס מיין קריסטלעך האַרץ. איך האָב אויך באַפרייט אייער רופא סאבאטי.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך מיט אַ ציטער אָפּגעשטעלט, שאַרף אָנגע־קוקט זיין באַגלייטער.

— דו מעגסט מיר גלויבן. שוין עטלעכע וואָכן ווי ער איז פריי.

זיי האָבן זיך שווייגנדיק אַרונטערגעלאָזט מיט די שטיינערנע טרעפּ, וואָס נידעריקער זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען, אַלץ טונקעלער איז געוואָרן אין דעם טורעמדיקן חלל. דער משומד גאַלאַטי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם.

— איך וועל דיך אַרויספירן מיט אַ זייטיקן אַרויסגאַנג. דו זאָלסט זיך נישט צופיל וואָרפן אין די אויגן. דער מאָנסעניאָר און זיינע מענטשן טראָגן אויף דיר אַ גרויסע שנאה.

ער האָט אים געפירט דורך טונקעלע לאַבירינטן, וואָס בלויז אַ ווייטלע־

כע ליכט, ווי דער אָפּשיין פון אַ לבנהדיקע נאַכט האָט געהאַנגען אויף די טונ־קעלע ווענט. ער האָט אים צוגעפירט צו דעם זייטיקן אַרויסגאַנג, וואָס האָט גיכער אויסגעזען, ווי אַ לאַנגער טונקעלער לאָך. זיי זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, זיך נישט אַ קלאַפּ צו טאָן ביי די אויסגעוועלבטע נידריקע סופיטן. ביים סוף פון דעם אַרויסגאַנג, האָט די זון זיך אַריינגעשפּאַרט ווי זי וואָלט זיך געריסן, וואָס טיפער אַריינצודרינגען אין דעם לאָך און כאַ־לוּיכטן די ענגע פינצטערניש.

עזריאל טאַסקאַני האָט אַרויסגעריסן זיין אָרעם פון דעם משומד גאַלאַ־טיס האַנט, און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט צום אַרויסגאַנג. די זון האָט אים אַ פלייץ געטאָן אין פּנים אַריין מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט זיך אים געגומען מישן אין קאָפּ. הארט ביים שמאָלן טויער־וואַנט, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן, האָט זיך טאַסקאַני אָפּגעשטעלט. צוויי וועכטער מיט שטאָלענע פּליטעס אויף די ברוסטן זענען געשטאַנען אָנגעלענט אויף הוי־כע שפּיזן־העק. עזריאל טאַסקאַני האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצויגן. דער משומד גאַלאַטי איז אָנגעקומען מיט פּאַמעלעכדיקע טריט און מיט דעם אָפּלאַ־כערישן פריינטלעכן שמייכעלע רואיק געזאָגט:

— קיינער קען דיך נישט פאַרהאַלטן. אַז דו גייסט מיט מיר ביסטו פריי. ווי איך זע ביסטו צו שוואַך אַליין אַהיימצוגיין, וועל איך דיך שוין מוזן אויך אַהיימפירן.

עזריאל טאַסקאַני האָט אַ פּאַרציטערטער אויסגעשריגן:

— ניין! ניין! אַ דאַנק. איך בין גענוג שטאַרק. איך וועל שוין גיין אַליין.

ער האָט זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ פון דעם שלאָס צו דער אָפענער "פּיאַצצאַ די פּיאַנטאַ", דער טרערן־פּלאַץ לעבן געטאָ. איבער דער געטאָ־מויער האָבן זיך געזען, די ענגע שמאָלע געטאָ געסלעך, די הויכע פאַרחושכטע היי־זער, גאָר נאָענט האָט זיך געהויבן די סינאַגאָגע מיט דעם מגן־דוד איבער דעם הויכן דאַך. נישט ווייט פון דער סינאַגאָגע, האָבן זיך געצויגן זיינע חזקה־הייזער, אויף דער "פּיאַצצאַ דזשודעאַ", "פּיאַצצאַ־דעל־טעמפּיאַ", און די וויאַ רואַ גאַס". צווישן די הויכע אַלטע הייזער, האָט זיך אויך געפונען זיין שייך אָפּגעזונדערט הויז נישט ווייט פון דעם אָפּגעלאָזטן, אַלט־רוימישן באַראַנטשי־ פּאַלאַץ. ערשט איצט זעט ער, ווי נאָענט ער איז געווען פון זיין היים כמעט ווי אַ שפּאַן פון טשענטשי פּאַלאַץ און דאָך איז ער ווי געווען אַזוי ווייט, און קיי־נער האָט נישט געוואוסט אין געטאָ ווי אומגליקלעך באַגראָבן ער איז געלעגן אין קעלער־הייל.

דער געטאָ מויער איז נאָך ווי פריער אַלץ געשטאַנען פאַרמאַכט, אָבער אינווייניק לעבן די גראַטעס. זענען ווי אין די ערשטע טעג, ווען מען האָט צוגע־

שלאָסן די טויערן געשטאַנען יידן אָנגעלענט אויף די טויערדיקע ווענט. אַנדערע זענען מיט די פּנימער געלעגן ווי צוגעפּרעסט צו די גראַטעס און אַרויסגעקוקט, ווי געוואַרט אויף עמעצן, אויף אַ גוטער בשורה, אויף אַ דערלייזער, וואָס וועט זיי קומען אַרויסנעמען פון דער ענגער תפיסה, פון געטאָ. ער האָט די יידן קוים דערקענט אַזוי אָרעם פאַרענדערט איז געוואָרן זייער אויסזען. מיינסטנס זענען דאָ געשטאַנען די אָרעמסטע יידן, די אַלטוואַרג הענדלער, שמאַטע קלייבער, אַנטיקן־זוכער, קונצן־מאַכער, מאַגיקער, יידן, וואָס האָבן נישט געקענט לעבן אָן דער שטאָט רוים. אויך שניידער מיינסטנס גלחישע, וואָס זענען פריער אַלעמאָל געווען באַרימט אין רוים, אויך מיליטערישע שניידער, וואָס האָבן תמיד געמאַכט הלבשה פאַר דער פויפסטלעכער אַרמיי. איצט זענען זיי אַלע דאָ געשטאַנען ווי אַרויסגעוואָרפענע און געוואַרט ביים געטאָטויער אויף אַ נס.

עזריאל טאַסקאַני איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיקע טריט. ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן צו באַגעגענען די יידן, צו וועלכע ער אַליין קומט צוריק אַ פאַרשעמטער, אַ געשלאָגענער און נאָך דערצו אַ משרת ביים משומד גאַלאַטי. ער האָט אויך מורא געהאָט צו קוקן הינטער זיך, מחמת ער האָט געהערט ווי דער משומד שפּאַנט נאָך הינטער אים. ער האָט געוואוסט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אויסדרייען, וועט דער משומד ווידער האָבן אַן אויסרייד צוצוקומען צו אים. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן זען אים נאָענט צוגיין צום געטאָ מיט דעם משומד, וואָס איז שטאַרק פאַרהאַסט ביי אַלעמען. און ווי אויף להכעיס האָט זיך גאַלאַטי דערנענטערט צו אים. טאַסקאַני האָט מיט אַלע כחות זיך גענומען איילן צום טויער. דער קאָפּ האָט אים גענומען שווינדלען. אַ קאַלטער שוויס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, שווער זקנותדיק געדעכעט. דער משומד גאַלאַטי איז צוגעלאָפן אים גענומען אונטערן אָרעם.

— איך זע טאַקע, אַז דיר איז שווער צוגיין. דערצו דאַרף איך אויך זיין אין געטאָ, וועל איך דיך שוין באַגלייטן.

— לאָזט מיך איך בעט אייך, איך בין שוין אינדערהיים, איר וועט נאָך האָבן גענוג צייט מיר אַרומצופירן. לאָזט מיך אָפּ — האָט טאַסקאַני זיך אַרויסגעריסן פון אים.

דער משומד גאַלאַטי איז געבליבן שטיין קעגן אים מיט אַ באַליידיקט שמייכעלע.

— אָט אַזוי, דאַנקט איר מיר פאַר אַרויסנעמען אייך פון תפיסה? נו מילא זאָל מיינס איבערגיין. ווי שטייט אין די הייליקע שריפטן: "זאָלסט זען מוחל צו זיין אויך די זינדיקע".

זיי זיינען ביידע צוגעקומען צום געטאָ־טויער. עס האָט אויסגעזען אַז ווי זיי גייען צוזאַמען און אַז ווי זיי זענען שטאַרק אָפּגעזונדערט, מחמת ביי דעם גביר עזריאל טאַסקאַני, איז דאָס פּנים געווען בלייך אַן אַ ביסל בלוט און ברוגזלעך קאַלט. דאָס פּנים ביי טאַסקאַני האָט ווי אַנגעזאָגט: אַז מיט אַט דעם מענטש וואָס גייט אַזוי נאָענט לעבן אים, האָט ער גאָר נישט וואָס צו טאָן. דער משומד גאַלאַטי האָט געשמייכלט מיט אַ ליגנעריש פריינטלעך שמייכע־לע, וואָס האָט ווי אָפּן אַלעמען געוויזן, אַז ער איז שוין אַזוי זיגעריש שטאַרק, אַז ער קען זיך אַפילו פאַרגינען צו זיין פריינטלעך, ווארעם קיין שלעכטס קען אים שוין קיינער נישט טאָן. ציוואָס דאַרף מען זיך נאָך אויפרעגן.

ביי די יידן אין טויער איז אין אַנהויב געוואָרן אַ שטיקל טומל. אַלע האָבן זיך געשטופּט צום טויער ווי זיי וואָלטן זיך אויף זיכער געוואָלט איבער־צייגן, אַז דאָס זענען די צוויי באַקאַנטע מענטשן, וואָס זענען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן און דאָך קומען זיי צוזאַמען אין געטאָ אַריין. ביי אַלעמען איז גע־בליבן הענגען אויפן מויל אַ פראַגע, וואָס זאָל עס באַטייטן? סיי ווי האָבן זיי געפילט, אַז גוט איז עס נישט, מחמת צו טרויעריק בלאַס איז געווען טאַסקאַ־ניס פּנים. ניין, די ישועה איז נאָך ניט געקומען. אויב דער משומד גאַלאַטי גייט אַריין אין געטאָ, איז בעסער זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן, איבערהויפּט נאָך דער לעצטער פאַסירונג מיט דעם אָפּשמדן דעם פישערס גוססדיקע מיידל אַן איר ווילן.

די יידן ביים טויער זיינען ווי צערונען געוואָרן. יעדער האָט זיך אַוועק־געררוקט אין אַן אַנדער ווינקל, אַריינגעקראָכן אין די נאָענטע פאָדער־הייזער, געוועלבער, אונטער די קאַרניזן פון די אַלט־רוימישע הייזער. טייל זענען פאַרשוואונדן אין די קעלער־קראָמען, אין די פּוסטע וואַרשטאַטלעך.

דער וועכטער איז נישט געווען ביים טויער, אויך ניט אין זיין שטיינער־נעם שטיבל, ווי ער וואָלט נישט דערוואַרט, אַז עמעץ זאָל אינמיטן טאָג צו־קומען צום טויער. ווייל לויט די באַפעלן האָט מען נאָר מתים געמעגט אַרויס־פירן פון געטאָ און קיינער אַן דערלויבעניש האָט נישט געקענט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין פון געטאָ.

דער משומד גאַלאַטי האָט גענומען זוכן מיט די אויגן ווי ער וואָלט עמעצן דערוואַרט. ענלעך האָט ער לייכט אַ שמייכל געטאָן. נישט ווייט פון טויער הינטער אַ רחבותדיקע איבערגעבליבענע וואַנט מיט צופלאַצטע מאַרמאָר שטיקער, זענען געשטאַנען צוויי מענער, דער וועכטער און דער משומד מאַריאָן. זיי האָבן געשריגן, געקוויטשעט מיט הייזעריקע פאַרטויבנדיקע קולות. עס האָט אויסגעזען ווי זיי האַלטן זיך ביים שלאָגן. יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט מיט פאַרמאַכטע פויסטן. זיי האָבן

זיך אָנגעקוקט ווי בייזע צעיאַכמערטע העגער. זיי האָבן זיך אָבער נישט גע־גרייט צו שלאָגן, דאָס איז געווען בלויז אַזאַ אַלט־רוימישער שפּיל, מאָראַ־שפּיל. דער ברייט־גופיקער געטאָ־וועכטער מיט דעם פאַרפּעצטן לעדערנעם טוניק, מיט דעם ברייטן פּאַס איינגעצויגן אונטערן דיך, וואו עס האָבן זיך נאָכגעבאָמבלט גרויסע שליסלען, איז געשטאַנען אָנגעלענט ביים וואַנט. קעגנ־איבער אים — דער פלינקער מאַריאַן. ביידע האָבן שנעל געעפנט די פויסטן, אויסגעשטרעקט אין דער לופט אַ פּאָר פינגער, ביידע האָבן אויסגעשריגן די צאָל פון די אויסגעשטרעקטע פינגער. דער פלינקער מאַריאַן האָט יעדע ווייַ־לע געטראָפן די צאָל פון זיינע און דעם קעגנערס אויסגעשטרעקטע פינגער. ביידע האָבן אויפסניי געשריגן ווי מטורפדיקע, זיך באַליידיקט מיט די גרעב־סטע נעמען. אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ פלאַש ווייַן, וואָס וועט געהערן צום געווינער.

דער משומד מאַריאַן האָט אינמיטן שפּיל דערזען זיין באַלעבאָס גאַלאַ־טי, ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, געכאַפּט דעם פלאַש ווייַן און אים פאַר־שטעקט אין בוזים, זיך גלייכגעמאַכט זיינע האָר פון קאָפּ, דאָס צעכראַסטע־טע פּלאַלכע העמד, און גיך גענומען לויפן צום טויער. דער וועכטער האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון דעם פאַרטויבנדיקן שפּיל, און אַ ברוגזער גענומען איילן נאָך דעם משומד מאַריאַן. דער משומד מאַריאַן האָט זיך פרום אוועק־געשטעלט לעבן גאַלאַטי מיט די הענט פאַרצלמט אויף דער ברוסט.

— איך וואַרט דאָ די גאַנצע צייט סעניאָר ביז איר זענט געקומען האָבן מיר אַ שפּיל געטאָן דערווייל..

דער משומד גאַלאַטי האָט אים גאַרנישט געענטפערט, געוואַרט אומגע־דולדיק ביז דער וועכטער וועט אָנקומען. צום וועכטער פון געטאָ־טויער האָט שוין גאַלאַטי געשמייכלט. דער וועכטער האָט צוריקגעשמייכלט ווי ער וואָלט שוין פון פריער געוואוסט נאָך וואָס ער איז געקומען.

דער וועכטער האָט אויפגעשלאָסן דעם טויער. אַלע זענען אַריינגעגאַנ־גען אין דעם געוועלבטן טיפן טויער. דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אָפּגע־שטעלט און געזאָגט צו מאַריאַנען.

— איך דענק מאַריאַן, אַז דו וועסט מיך נישט דאַרפן באַגלייטן, וואַרט אויף מיר ביים טויער. אויב איך וועל נישט צוריקקומען צו דער אָונט־תפילה זאָלסטו מיך קומען זוכן . . .

דער ברוגזער וועכטער האָט זיגעריש אַ שמייכל געטאָן, וואָרעם עס האָט אויפסניי אויפגעלויכטן ביי אים אַ האָפענונג צוריקצוגעווינען דעם פלאַש ווייַן, וואָס ער האָט אָנגעוואוירן בעתן שפּיל. פון גרויס דאַנקבאַרקייט, איז ער גע־וואָרן אַזוי היימיש מיט דעם משומד גאַלאַטי, אַז ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן

אויף זיין מיטשפּילער מאַריאַן.

— שפּילן שפּילט ער ווי אַ רוימער און כיטרע איז ער ווי אַ ייד, דע־ריבער פאַרליר איך אַלעמאָל . . .

דער משומד גאַלאַטי האָט בושהדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער וועכטער האָט זיך פאַרדויטלט פון זיינע אומגעלומפּערטע רייד וואָס האָבן באַליידיקט גאַלאַטין. ער האָט זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט דער האַנט. גע־ריבן דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוווישט דעם שווייס.

אויף דער שמאָלער געטאָ־גאַס איז שוין קיינער נישט געווען, בלויז דאָ און דאָרט האָט עמעץ אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַ פענצטער און באַלד צוריקגעכאַפּט. עס איז געווען צו דרינגען, אַז פון אַלע פענצטער האָבן די מענטשן אַרויסגעקוקט באַהאַלטענערהייט מען זאָל זיי נישט באַמערקן.

נישט ווייט פון דער "פּיאַצצא דעלאַ סקואלא" וואו עס האָט זיך געפונען די סינאַגאָגע האָט זיך עזריאל טאַסקאַני אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. פונדערווייטנס האָט ער געזען דאָס הויז פון דעם פאַרשטאָר־בענעם ראש הקהל רבי הלל. דאָס הויז מיט די אַלט־רוימישע, לאַנגע, רונדיקע פענצטער, איז געווען פאַרהאַנגען מיט שווערע סאַמעטענע פאַרהאַנגען, וואָס האָבן ווי בלינדע פענצטער אַרויסגעקוקט אויף דעם אויסגעליידיקטן נישט־גלייכן סקווער. אינעווייניק מוז זיך איצט געפינען דער רופא סאַבאַטי און אפשר אויך זיין פרוי מרים, אפשר וועט עמעץ פון יענעם הויז אים דערזען, און אים פירן אַ היים. ער האָט געפילט, אַז ער קען ווייטער נישט גיין.

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום טויער וואו דער וועכטער און מאַריאַן זענען נאָך אַלץ באַזאָרגטע געשטאַנען און אים נאָכ־געקוקט. ער האָט צו זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט זיי באַ־רואיקייט זיי זאָלן זיך וועגן אים נישט זאָרגן, ער ווייסט וואָס ער טוט, ער איז גיך צוגעגאַנגען צו עזריאל טאַסקאַנין.

— דו ביסט אפשר נישט ווערט, איך זאָל דיר בייהילפיק זיין אָבער איך האָב רחמנות אויף דיר. דו זעסט דאָך, אַז זיי ווילן דיר נישט אַרויסקומען העלפן, זיי זענען זיך צעלאָפן ווי די מייז.

עזריאל טאַסקאַני האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט אים בלויז אָנ־געקוקט מיט דורכדרינגלעכע אויגן, ווי ער וואָלט אים ביז איצט נישט געזען ווי געהעריק. נאָך וואָס אייגנטלעך איז ער טאַקע דאָ אַריינגעקומען אין געטאָ? וואָס וויל ער אויסגעפינען. ווי עס זעט אויס איז ער נישט אַריינגעקו־מען אים צו באַגלייטן. טאָמער וועט עפּעס געשען וועט מען שוין זאָגן, אַז טאַסקאַני האָט מיטגעבראַכט דעם אומגליק. טאָמער חלילה וועט עמעצער אים באַפאַלן, אַלע האָסן אים ווי דעם טויט. ער קען נאָך עמעצן אַרויסברענגען פון

די כלים. ער גייט נאָך דערצו אָן אַ באַגלייטער. טאַסקאַני האָט אַרונטערגע־שלונגען דעם שליים פון זיין מויל ווי צו באַנעצן זיין פאַרטריקנטן האַלדז און בעטנדיק געזאָגט צו גאַלאַטין.

— איך בעט אייך סעניאָר גאַלאַטי גייט אַרויס פון דאַנען און לאָזט אונדז צורו. איך וועל שוין ווי עס איז קומען אַ היים. די ייִדן האָבן מורא פאַר אייך.

— מורא פאַר מיר? זאָלן זיי בעסער מורא האָבן פאַר גאָט. ווייל זינדיק זענען זייערע נשמות. — האָט גאַלאַטי מיט כעס אויסגעשריגן.

עזריאל טאַסקאַני האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און גאַרנישט געענט־פערט. ער האָט געהאַט אַ סך וואָס צו ענטפערן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן מיט אים אין אַ שמועס, כדי דער משומד זאָל זיך גיין זיין וועג.

פון דעם ראש הקהלס הויז איז פונקט דאַמאָלסט אַרויסגעקומען דער רופא עמנואל סאַבאַטי און גיך זיך געלאָזט דאָ אַהער. ער האָט גייענדיק זיך פאַר־קנעפלט זיין כאַלאַט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט אים איילנדיק אָנגעטאָן.

— אַט גייט אַ ייִד. עס זעט אויס ער האָט גאַרנישט קיין מורא פאַר מיר. כמיין אַט דער רופא סאַבאַטי — האָט דער משומד בייזלעך געזאָגט.

דער רופא סאַבאַטי האָט געשפרייזט איבער די "פיאַצצא־דעללא סקוא־לאַ", זיין הויכע פיגור אַ ביסל איינגעבויגן ווי נאָך אַ שווערע קראַנקהייט. זיין פנים איז געווען בלאַסער ווי פריער. בלויז די ברוינע אויגן האָבן פי־בערדיק אַרויסגעגליט פון זיינע טיפע, ווי אונטערגעהאַקטע אויגן־לעכער. די האָר ביי זיינע שלייפן, זענען דורך דער צייט גראָער געוואָרן און געגעבן זיין פנים אַ מידן, אַלטן אויסזען.

ווען דער רופא סאַבאַטי איז צוגעקומען נאָענט האָט ער ווי איינגעהאַלטן זיינע טריט, געוואָרפן זיינע בליקן דאָ אויף עזריאל טאַסקאַני, און דאָ אויף דעם משומד גאַלאַטי. דער משומד גאַלאַטי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט, אַז זיין אַריינקומען אין געטאָ איז זייער אַ פרידלעכער.

ביי טאַסקאַני האָבן זיך די פיס געבראָכן, ווי ער וואָלט מער נישט גע־קענט אויף זיך האַלטן דעם אויסגעמאַטערטן קערפּער. דער רופא עמנואל סאַ־באַטי איז גיך צוגעלאָפן אים אַרומגענומען און ברידערלעך אים געדריקט צו זיך.

— דו ביסט זייער שוואַך טאַסקאַני האַלט זיך ביי מיין אָרעם.

דער משומד גאַלאַטי איז אונטערגעקומען, זיך געשטעלט האַרט ביי זיי.

— איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַר אים, ווי איך האָב עס געטאָן פאַר אייך דאָקטאָר סאַבאַטי. איך האָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּגעבן פאַר דעם ברויט מיט קיין שטיינער.

דער רופא סאַבאַטי האָט שאַרף אַ בליק געטאָן מיט זיינע ברוינע פיבער־

דיקע אויגן, ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן די פּלוצימדיקע פאַלשע פריינט־לעכקייט.

— סעניאָר גאַלאַטי, איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איר האָט אונדז גע־מאַכט פאַר אָרעמעלייט. מיר האָבן נישט קיין ברויט און מיר האָבן נישט קיין שטיינער.

דער משומד האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין מויל.

— ששש, נאָך גוט וואָס איך האָב געהערט דיינע ווידערשפּעניקע רייד. אין דיינע אויגן זע איך שדים. קיל זיי בעסער אויס. ביי אונדז אין רוים פאַר־ברענט מען מכשפים מיט אַזעלכע אויגן . . .

דער רופא סאַבאַטי האָט אויפגעהויבן די ברוסטן אַ צי געטאָן די לופט ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט אטעם.

די צוויי יידן, דער רופא עמנואל סאַבאַטי און טאָסקאַני, האָבן זיך שווייגנדיקע אַוועקגעלאָזט מיט דער גאַס צו דער "פּיאַצצאַ דזשודעאַ". זיי זיינען געגאַנגען ווי מיט אונטערגעבראָכענע פיס. דער משומד האָט זיי נאָכגעקוקט און צו זיך געשמייכלט. אַט אַזוי. ציטערן זאָלן זיי פאַר אים. ער וועט אַרויס־קלאַפּן דאָס לעצטע ביסל שטאָלצקייט פון זיי. ערשט איצט זעט ער ווי נאַריש ער איז געווען, וואָס ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין געטאָ. פון שרעק זענען זיך אַלע צעלאָפן אין די הייזער. ער האָט הייסט עס גוט געטאָן וואָס ער האָט נישט מיטגענומען קיין באַגלייטער. ער וויל זיי וויזן, אַז ער שרעקט זיך מער נישט פאַר קיינעם. ער האָט די צוויי יידן נישט באַפרייט זיי זאָלן זיך אַרומדרייען און האָבן טענות. ער האָט זיי געהאָלפן אַרויסלאָזן אויף דער פריי, זיי זאָלן אים פאַלגן, טוען, וואָס ער וועט זיי הייסן . . .

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער "פּיאַצצאַ־דעל־טעמ־פּיאָ". ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, זיך יעדע ווײַלע אומגעקוקט. פון דעם ראש הקהלס הויז זענען אַרויסגעקומען צוויי פרויען און מיט פאַרהילטע געלע שלייערן, זיך געלאָזט איבערן סקווער, צו עזריאל טאָסקאַניס הויז. עס האָט אויסגעזען, אַז איינע פון די יונגפרויען איז טאָסקאַניס פרוי, וואָס איילט אַ היים צו באַגעגענען איר מאַן.

אויף דעם קליינעם סקווער איז געווען שטיל. אַ האַלבער סקווער איז געווען פאַרשאָטנט פון די הייזער, און די צווייטע העלפט איז געווען אָפן, באַ־לויכטן פון דער ברענענדיקער זון. דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער שאָטנדיקער זייט. אַ טוכלע קילקייט האָט אַרויסגעווייעט פון די טי־פע פינצטערע פּעדער־הייזער. ער האָט זיך שטייפער איינגעהילט אין זיין קאַ־לאַט און גענומען זוכן צווישן די הייזער. לעבן דעם אָפּגעלאָזענעם אַלט־רוי־מישן באַקאַפּידולי פּאַלאַץ, וואָס איז געווען באַזעצט פון בלויז קבצנים האָט

זיך גאַלאַטי אָפּגעשטעלט. דאָ האָבן געוואוינט אַנדערע סאָרטן קבצנים ווי אויף דער פיומאַרא גאַס. אין די בעסערע צייטן, ווען דער געטאָ איז געווען אָפן האָט מען געקענט זעען, ווי רייכע רוימישע קאַרעטעס, האָבן זיך דאָ אָפּגע־שטעלט מיט זייערע שיינע איינגעשפּאַנטע פערד לעבן דעם צעבראָכענעם פּאַנטאַן. איצט איז דער סקווער ליידיק, דער פּאַנטאַן אויסגעטריקנט, זעט אויס ווי אַ ברייטער בעקן, וואָס איז צעפּלאַצט און אויסגעדריבלט פון צופיל טריקעניש. ער קוקט אָבער נאָך אַלץ אַראָפּ מיט אַ מאָנומענטאַלע שטאָלצ־קייט פון דעם מאַרמאָרנעם, קיילעכדיקן פונדאַמענט, אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרזשאַווערטן קייטן־צוים, ווי אַ פאַרבליבענער אָנדענק פון אַלטע, מיוחס־דיקע צייטן.

פון די קאַרעטעס וואָס פלעגן דאָ אַהערקומען, האָט מען געקענט זעען אַרויסגיין שטאַרק פאַרהילטע, רייכע דאַמען פון די רוימישע פּרינצלעכע הייזער. זיי זענען געקומען דאָ אַהער זוכן אַ באַשייד אויף זייערע חלומות צו די יידישע מאַגיקער, שטערנזעער, קרישטאָל־קוקער, קאָרטן־לייגער, וואָס האָבן דאָ געוואוינט. אין דעם אַלטן פּאַלאַץ האָבן אויך געוואוינט רפואות־מאַכער, הערבן־מישער, אַלערליי היילער, אָפּשפּרעכער, וואָס די קענטענישן זענען אַ זיי איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. אויך האָבן דאָ געוואוינט אַזעל־כע, וואָס האָבן געמאַכט זאַלבן, פודער צו קענען האַלטן שמעקנדיק און יונג־פריש דאָס לייב. אויך כלי־זמרים, מוזיקאַנטן טענצער, מוזיק־פּראָפעסאָר, האָבן דאָ געהאַט זייער היים. טייל פון זיי זענען געווען באַרימט אין פיל פּרינצ־לעכע הויפן.

דאָ האָט עס געדאַרפט וואוינען דאָס מיידל, וואָס ער דער משומד גאַלאַ־טי דאַרף זען, דער קורטיזאַנקעס טאָכטער. דאָס מיידל דאָנאַ פעסאַראַ, וואָס צוליב איר האָט דער אַנפירער פון דער פּויפּסטלעכער קאַוואַלעריע פּיטיגלי־אַנאַ אַזאַ אינטערעס אין געטאָ. אויב ער וועט איר דאָ געפינען און עפּעס דערגיין פון איר, האָט ער די גרעסטע זאַך, וואָס ער האָט ווען עס איז געהאַט. גאַנץ רוים וועט אויפגעציטערט ווערן. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער האָט מיט איר געהאַט אַ לייבלעכע נאָענטקייט, וועט זי שוין ברענען אויפן פייער, ווי איר מוטער האָט געברענט אַמאָל. און דער מיוחסדיקער קאַוואַלע־ריסט פּיטיגליאַנא וועט אויך נישט לייכט אָפּשניידן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום אַלטן פּאַלאַץ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעבראָכענע פעסטונג. די פענצטער פון די נידריקע גאָרנס, זענען געווען באַפעסטיקט מיט פאַרזשאַווערטע שטאַבעס, די אויבערשטע פענצטער האַלב־רונ־דיקע מיט אָפּגעבראָכענע גזימסן. די שווערע שטיינערנע ווענט זענען געווען באַוואַקסן מיט אַ גרינעם מאָך, קויטיק פון שמוץ ווי אַן אַלטע חורבה ביי וועלכע

עס איז נאָך געבליבן סמנים פון אַמאָליקער שיינקייט. ער איז אַריינגעגאַנגען דורך דעם טויערנדיקן אַריינגאַנג. אינעווייניק האָט זיך געצויגן אַ הויף מיט באַלקאָנען, באַהאַנגען מיט וועש, אַלטע אויסגעוואַשענע קליידער, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף די שטריק. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ געוויין פון אַ קינד, ערגעץ אויף די אויבערשטע גאָרנס. האָט זיך געהערט דאָס ציטערדיקע צימבלען פון אַ האַרפע, באַגלייט מיט זיסע מעלאָדישע טענער פון אַ לוטע, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ לייכט טאַנצן צום טאָקט פון די קלאַנגען.

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך איינגעהערט. דאָס שפּילן איז געקומען פון צווייטן גאָרן, און ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָרט מוז דאָס וואוינען דאָס מיידל דאָנאַ פּעסאראָ, דער קורטיזאַנקעס טאָכטער. ער האָט זיך גענומען הויבן אויף די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס זענען שוין געווען צעפּלאַצט און געאָדערט מיט איינגעוואקסענעם שמוץ. מייסטנס טירן פון די גערדיכט באַוואוינטע דירות זענען געווען פאַרמאַכט, נישט ווי די הייזער אויף דער פּיומארא. דאָ האָט יעדער געוואוינט פאַרטאָן אין זיין בעזונדערע וועלט. עס האָט זיך אָבער געטראָגן אַ טוכלער גערוך פון אָרעמע מאכלים, פון אַנדערע אַ גערוך פון פאַרטריקנטע שאַרפע הערבן, געווירצן, פאָספאָר, מיט אַ סמיקע האַרביקייט, ווי פון די היימישע רפואות־מאַכער, וואָס האָבן געקיצלט אין דער נאָז. פון ערגעץ אין דעם טיפן הויף האָט אַהער דערגרייכט אַ האַרציק חזניש געזאַנג, אַ תפלהדיק געזאַנג. דער משומד גאַלאַטי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט. ער האָט דערקענט די שטימע, וואָס ער האָט אַ צייט לאַנג שוין נישט געהערט. דאָס האָט דער רוימישער געטאָ־חזן סאַלאמאָנע ראָססי געזונגען אין זיין קעלער־חדר. דעם חזנס געזאַנג האָט זיך ווי מיט אַ בעטנדיק געוויין געטראָגן פון זיין קעלער חדר. דער משומד משה גאַלאַטי האָט געוואוסט, אַז דאָס זינגט ער זיינע אייגענע פאַרפאַסטע תהילים־זמירות, ווי ער וואָלט מיט זיינע תפילהדיקע מעלאָדיעס זיך אויסגעטענהט מיט גאָט.

— "הער צו מיין תפילה, נעם אויף די ווערטער פון מיין מויל, פרעמדע זענען אַנגעשטאַנען אויף מיר גוואַלטער זוכן מיין לעבן" . . .

און באַלד האָט ער אויסגעברומט מיט צאָרן.

— "פאַרלענדט אין גרימצאָרן, פאַרלענדט! זיי זאָלן מער ניט זיין. זיי וואויען ווי אַ הונט, זיי וואַנדערן אַרום צו פאַרצערן".

דער משומד גאַלאַטי האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז דער אַלטער זאָל נאָך האָבן אַזויפיל כח, נאָך אַזויפיל רדיפות. ער האָט געהאָט דעם געפיל, אַז דאָס זינגט ער אַזוי שטאַרק ווי ער וואָלט געוואוסט אַז ער גאַלאַטי איז דאָ אַהערגעקומען. נישט אומזיסט האָט דער פּויפּסט פאַרבאָטן זייערע ספרים, אפילו דעם תנ"ך מיטן תהילים. ער וועט דאָס דאַרפן איבער־

געבען, אַז די יידן לעסטערן מיט די רייד פון תהילים.

ער האָט שנעל אָפּגעקערט די אויערן און אויפּסניי אויפגעכאַפּט דאָס לייכטע טאַנצן, וואָס איז געווען גאָר נאָענט פון אים ביים צווייטן גאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער צוגעלענטער טיר פון וואַנען די קלאַנגען זענען געקומען און פאַרזיכטיק אַריינגעקוקט.

אין דעם טונקל באַלויכטענעם צימער, האָבן זיך געפונען דריי פרויען. טיף אין שטוב, לעבן דער שווערער קליידער־שאַנק, איז געזעסן אַן אַלטע, גראָע פרוי פאַרהילט מיט אַ קליינע קופּקע. זי איז געזעסן האַלב פאַרשטעלט לעבן אַ גרויסער האַרפע, איבער וועלכע זי האָט לייכט באַוועגט מיט אירע דאַרע, ביי־נערדיקע פינגער. אינמיטן צימער האָבן צוויי מיידלעך געטאַנצט. זיי האָבן גע־האַלטן אויפגעהויבן די הענט מיט די קליינע פינגער איינגעשלאָסן ווי פאַר־פלאָכטן איינס מיטן אַנדערן. זיי האָבן געשטעלט פלינק די טריט לויטן טאַקט. עס איז געווען אַ צניעותדיקער איידעלער טאַנץ, ווי מען טאַנצט אין די פּרינצ־לעכע הייזער. עס איז נישט געווען קיין טאַנץ פאַר זיך נאָר ווי פאַרצושטעלן עפּעס. זייערע קערפּערס האָבן זיך געבויגן מיט אַ פלינקע קערפּערלעכע גראַ־ציע, ווי זיי וואָלטן געהאַט צוזעער פאַר זיך.

ביי דעם משומד גאַלאַטי האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט איר געפּאַקט דער קורטיזאַנקעס טאָכטער. זי איז טאַקע אינגאַנצן ענלעך צו איר מוטער, זי איז פּונקט ווי איר אומגעקומענע מוטער שלאַנק, בויגעוו־דיק מיט אַ לענגלעך איידל פּנים. הויך־קיילעכדיקן שטערן. אירע האָר האָניקדיק, ליכטיק ברוין. זי האָט געפירט צום טאַקט דאָס צווייטע מיידל אויך אַזאַ הויכע מיט אַן אומרואיקן, ווי פיבערדיקן, שלאַנקן קערפּער, נאָך אומרואיקער זע־נען געווען אירע פאַרשפּיצטע, גליאיקע ברוינע אויגן.

די קורטיזאַנקעס טאָכטער איז נישט געווען צופרידן פון איר מיט־טענצערן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען געבן צו פאַרשטיין די געזעצן פון אַ טענצער.

— פלי נישט אַרום מיט די אויגן. האַלט די אויגן אַנשטענדיק צום דיל, לאָז נישט אַראָפּ דעם קאָפּ צום בוזים, האַלט זיך גלייך מיט דער גלייכקייט פון קערפּער.

דאָס מיידל מיט די פּעך שוואַרצע אויגן, האָט טראָציק אויפגעהויבן איר קליינעם קאָפּ מיט שוואַרץ־געדיכטע האָר און צניעותדיק אַראָפּגעלאָזט אירע שרפהדיקע אויגן.

די קורטיזאַנקעס טאָכטער האָט זיס אַ שמייכל געטאָן און מיט גרויס צופרידנקייט געזאָגט:

— אָט אַזוי, איך וועל דיך מאַכן פאַר די בעסטע טענצערן אין רוים.

איך וועל דיך מיטנעמען אומעטום.

דאָס שוואַרצהאָריקע מיידל האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פון גרויס פרייד, און אַ דריק געטאָן איר חברטע ביי דער טאַליע צו זיך.

— לאָז אָפּ דו וועסט מיך צעקוועטשן, — האָט דאָנאַ פּעסאַראָ קוועלנדיק אויסגעשריגן.

— אוי דו ביסט שטאַרקער פון אַ מאַן . . .

דאנא פּעסאַראָס באַקן, זענען געווען פיבערדיק צעפלאַמט. אירע בלאָע אויגן האָבן געגליט. ביידע מיידלעך האָבן זיך סודותדיק אָנגעקוקט און שטיל כיכיקעט. די ברוסטן ביי ביידע מיידלעך האָבן זיך גיך, אימפּעטיק געהויבן הינטער זייערע קאַפּטלעך.

דער משומד גאַלאַטי האָט אויפגעעפנט ברייטער די טיר. די מיידלעך זענען געבליבן שטיין און פּאַמעלעך זיך גענומען צוריקציען צו דער האַרפּע וואו די אַלטע פרוי איז געזעסן. זיי האָבן אַרונטערגעלאָזט די הענט. זייערע אויגן, זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט פּחד, ווי זיי וואָלטן דערפילט, אַז ער איז זיי געקומען שלעכטס טאָן.

— זייט מוחל קינדער, איר דאַרפט זיך נישט שרעקן. איר טאַנצט ווי אמתע נאָבעלע דאַמען. אין שענסטן הויף וואָלט מען זיך מיט אייך נישט געשעמט.

די מיידלעך האָבן געשוויגן מיט אַ פאַרגליווערט שוויגן.

—עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס איר וועט פאַרלוירן אין געטאָ — האָט גאַלאַטי אָפּגעזיפצט.

ער האָט זיך אַריינגערוקט טיפער אין צימער. באַטראַכט אַלע ווינקלען. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט אַלערליי שפּיל אינסטרומענטן. אַלער־ליי פידלען, די שפּאַנישע לוטע. די וויאָל מיט דעם גרויסן קערפּער און קליי־נעם העלדזל. אויף די ווענט, האָבן אויך געהאַנגען טייערע ווענט־טעפּיכער, אויסגעשטיקט מיט די עלטסטע שפּיל־כלים. די זעקס און צוואַנציק סטרונע־דיקע האַרפּע, ביי וועלכע עס זענען געשטאַנען שלאַנקע דאַמען, אין שאַלן איינגעוויקעלט. אין הינטערגרונט, האָבן זיך געזען ריזיקע טעמפּלען מיט יאָ־נישע זיילען.

— ווער זענט איר? — האָט די אַלטע פרוי געפרעגט און אָפּגערוקט די האַרפּע פון זיך. איר גערונצלט פּנים מיט די שטרענגע אויגן, האָבן זיך איינ־געקוקט אין אים. זי האָט זיך מיטאַמאָל האַסטיק אַרויסגערוקט און געשטעלט די מיידלעך הינטער זיך. זי האָט בייזלעך און שטרענג געפרעגט.

— וועמען זוכט איר סעניאָר גאַלאַטי?

— טאַקע אייער אייניקל דאָנאַ פּעסאַראָ זוך איך. איך האָב אַ גרוס צו איר.

ערשט איצט האָט גאָלאָטי געקענט זען ווער דאָס טונקעלע מיידל איז. זי האָט געהאַט אַ סך ענלעכקייטן צו דער מיידל וואָס ער האָט געשמדט איי־דער זי איז געשטאָרבן. דאָס שוואַרץ־האַריקע מיידל, מוז זיין דעם פּישער יונתנס צווייטע טאָכטער. ער האָט צו זיך איינגעהאַלטן אַ שמייכל געטאָן...

— ווילט איר שוין נישט הערן פון קיין גרוס וואָס קומט אויסערן געטאָ?

— ניין מיר האָבן קיינעם נישט. איר מאַכט אַ טעות סעניאָר גאָלאָטי. לאָזט די קינדער טוען זייער אַרבעט.

די אַלטע האָט זיך צוריקגעצויגן, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, ווי די פּיס וואָלטן זיך געבראָכן אונטער איר. זי האָט צוגערוקט די האַרפּע פאַר־שטעלט איר קערפּער, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט ער זאָל זען איר שרעק, וואָס איז געשטיגן אין איר מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט זיך צוגעהאַלטן ביי דער האַרפּע נישט אומצופאַלן.

— דעם גרוס האָב איך פאַר דיר טאָכטער פון דעם נאָבעלן גראַף פּיטיג־ליאַנא, דער אָנפירער פון דער פויפסטלעכער גוואַרדיע.

דאָנאַ פעסאַראַ איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דעם קאַמאָד אויפגעהויבן די לוטע, און פרייליך, האַסטיק אַ רימפּל געטאָן איבער די סטרונעס, ווי עס וואָלט איר מכלומרשט נישט אָנגעגאַנגען, וואָס דער משומד דערציילט דאָ.

— ער האָט זיך געפרעגט אויף דיר, ווי דו לעבסט אין געטאָ. אפשר קען איך דיר אַרויסהעלפן?

דאָס מיידל האָט צאַרנדיק אַוועקגעלייגט די שפּיל־כּלי. איר פּנים איז איצט שוין געווען רואיק. דער שיינער הויכער שטערן ביי איר האָט זיך צונויפגע־רונצלט.

— איך ווייס נישט וואָס איר רעדט סעניאָר!

זי האָט אָנגענומען די האַנט פון איר שוואַרצהאַריקע מיטשוועסטער, אַרויסגעשטעלט אַ פוס, ווי זי וואָלט זיך געקליבן ווייטער טאַנצן, ווייל איר גע־שפּרעך איז שוין פאַרענדיקט.

— נו מילא. איך האָב געטאָן ס׳מייניקע. ער וועט אָבער נישט גלויבן, אַז דו האָסט אים שוין פאַרגעסן דעם נאָבעלן פּיטיגליאַנאָ. ער האָט מיר בסוד אַלץ דערציילט . . .

דאָס מיידל דאָנאַ פעסאַרא האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אויער. איר פוס איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

— ער האָט מיט דיר פאַרבראַכט אין אַ טאַסקאַנישן, דוכט זיך, לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען. יאָ אין אַ לאָמבאַרדישן הויף.

די קורטיזאַנקעס טאָכטער האָט צונויפגעזשמורעט די אויגן. זי האָט

דערפילט אַ גרויסע שנאה צו אים. זי האָט געזען, אַז ער שפּרייט אויס אַ נעץ מיט עפּעס איר אַריינצופּאַנגען. ער וויל עפּעס אַרויסקריגן. קיין סך ווייסט ער נישט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ חוזקדיקן שמייכעלע.

— איך האָב באַגעגנט פיל נאָבעלע הערן און דאַמען, קורטיזאַנקעס און שפּילמענער. איך קען זיך גאָרנישט דערמאָנען אַזאַ נאָמען.

דער משומד גאַלאַטי האָט געוואוסט, אַז זי זאָגט ליגן. נאָר ער זעט שוין, אַז זי איז גענוג קלוג צו באַהאַלטן זאַכן פאַר אים.

— אָ דו זאָגסט מיר ליגן. ווילסט זיך רייצן מיט אַן אַלטן מענטש.

די אַלטע באַבע האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, זיך גלייכגעמאַכט דעם געבלימטן זיידענעם שאַל אויף די אַקסל.

— סעניאָר גאַלאַטי, מיין איינִיקל איז אַ יידיש קינד. נאָבעלע קאַוואַ־לערן ליגן איר נישט אין זינען, אַז מען האָט זיי דערלויבט האָבן זיי געשפּילט אין די פּרינצלעכע שלעסער.

דער משומד גאַלאַטי האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו איר און שטיל איר געזאָגט.

— אַלטע, קיינער פרעגט ביי אייך נישט קיין עצות. האָט אייער טאָכ־טער די זינדיקע נשמה אייך געפרעגט?... דערמאָנט זיך נאַר?

די אַלטע האָט אויפגעהויבן אירע ציטערדיקע הענט מיט צונויפגע־קוועטשטע פויסטן.

— גייט פונדאַנען איך וועל אייך די אויגן אויסדראַפּן. איר האָט שוין גענוג אומגליקלעך געמאַכט אונדזער לעבן.

דאָנאַ פּעסאַרא איז צוגעלאָפן צו דער באָבען, איר אַרומגענומען און מיט אַ צעטומלט צעוויינטיקט פּנים, באַרואיקט די אַלטע באָבע.

— האַרציקע מיינע, ער מיינט נישט קיין שלעכטס, יעדער קען מאַכן אַ טעות, אפשר האָט זיך אַ נאָבעלער אָפּיציר דערמאָנט אונדזער טאַנצן . . .

דער משומד גאַלאַטי האָט צופרידן געשמייכלט

— ניין ניין קינד מיינס. ער האָט גערעדט בלויז וועגן דיר. ווי שיין דו ביסט און קלוג ווי די באַרימטע קורטיזאַנקע טוליאַ. יאָ ווי האָט ער דאָס געזאָגט: דיינע האָר שמעקן ווי דער פרילינג. כע כע, די יונגע חברה־לייט, אַזוי האָט ער געזאָגט.

די פרויען האָבן אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

— ער פאָרט אַפּטמאָל פאַרביי דער געטאָ. ער האָט געמיינט די געטאָ איז שוין אָפן. אַז דו וועסט אַרויסקומען אים טרעפן.

דאָס מיידל דאָנאַ האָט גלייכגילטיק געהויבן מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט פון גאָרנישט געוואוסט. דער משומד גאַלאַטי האָט זיך פאַרטראַכט,

זיך אײַנגעקוקט אין אירע באַוועגונגען, עפּעס געוואָלט דערגיין. ער האָט שוין געזען, אַז ער האַלט נאָך זייער ווייט מיט איר. ער וועט אָבער נישט אַרויס־לאָזן אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט פֿון זיינע הענט. זיינע פֿאַרזאָרגטע געדאַנקען זיינען מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. פֿון דרויסן האָט זיך געהערט אַ הייזעריקער געשריי, פֿון עמעצן, וואָס איז געלאָפֿן אַרויף מיט די טרעפּ. מען האָט ראַפּטום אויפֿגעפּראַלט די טיר. דער משומד גאַלאַטי האָט אַ פֿאַרציטערטער זיך געדרוקט הינטערוויילעכץ. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס מיט אַ טויטשרעק. אויף דער שוועל איז געשטאַנען יונתן דער פֿישער. ער איז געבליבן שטיין ווי אַ געלעמטער. זיינע אויגן האָבן געקוקט שטאַר מיט אַ פֿאַרדמיונטן גליווער אין זיי. זיין לענגלעך פּנים, נאָך מער אויסגעצויגן. די האָר פֿון קאָפּ, בערדל, גראָ, ווי ער וואָלט איבערנאַכט גראָ געוואָרן. די אונטערשטע דיקלעכע ליפּ, האָט אַרונטערגעהאַנגען, אויסגעקרימט מיט עפּעס אַ צעפּייניקטן, באַליידיקטן צער. פֿון זיין פֿאַרגליווערט פּנים האָט זיך געטראָגן אַ פֿאַרעקשנטע אַנטשלאָסנ־קייט, ווי די פּאַסירונגען מיט זיין טאָכטער, וואָלטן אים געשטאַרקט מיט עפּעס אַ נייעם כח, פֿאַר וועלכן דער משומד גאַלאַטי האָט אַלץ מער מורא געקראָגן. ער האָט געהאַט דעם געפֿיל, אַז דער פֿישער קען רואיק צוגיין צו אים, אָננע־מען ביים האַלדז און אָן אַ ציטער אים דערווערגן.

דער פֿישער יונתן האָט אָבער נישט געטאָן קיין שום אויסטערלישע זאַך. ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו זיין טאָכטער איר אָנגענומען ביים האַנט.

— קום פֿונדאַנען!

דעם פֿישערס מיידל האָט אַזש פֿאַרקרימט דאָס פּנים פֿון ווייטיק. זי האָט אַ פֿאַרשעמטע געהאַלטן געזונקען איר קאָפּ און זיך געלאָזט אַרויספֿירן פֿון צימער. יונתן איז געלאָפֿן פֿון די טרעפּ אַרונטער און געשלעפּט זיין טאָכ־טער הינטער זיך ווי ער וואָלט געלאָפֿן פֿון אַ פֿייער. דאָס מיידל האָט זיך עק־שנותדיק פֿאַרהאַלטן ביים פֿאַרענטש.

— טאַטע לאָז מיך. איך בעט דיך. איך וועל שוין אַליין אַהיימגיין. — האָט זי זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטע געבעטן. זי האָט זיך געשעמט אַז מענטשן זאָלן זען ווי איר פֿאָטער שלעפּט זי איבערן גאַס.

דער פֿאָטער יונתן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. דאָס דערשראָקע־נע קול פֿון זיין טאָכטער האָט אים דערמאָנט אין זיין פֿאַרשטאָרבענער טאָכ־טער יוטע. פּונקט אַזוי האָט יוטע געשריגן, ווען ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר, צו באַשטראָפֿן זי פֿאַר אירע זינד. דאָס האָט אים טאַקע געבראַכט צו דעם אומגליק, וואָס זי איז אַזוי יונג אומגליקלעך אוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. עס האָט אים פֿאַרקלעמט ביים האַרץ, וואָס איז זי שולדיק, אַז דער רשעותדיקער משומד קריכט אַרום

אַזוי אומפאַרשעמט אין יידישע הייזער. זייט מען האָט ביי אים צוגענו־מען יוטען, איר געשמדט און געמאַכט פאַר איר אַזאַ גרויסע לויה, מיידן אַלע מיידלעך אין געטאָ איר אויס, טייל פון שרעק, אַנדערע צוליב פרומקייט, נישט צו האָבן צו טאָן מיט אַ משפחה, וואָס האָט געהאַט צווישן זיך אַ משומדת. דאָס מיידל איז פאַרשעמט געוואָרן, איר חתן דעם אַלטוואַרג הענדלער מינ־זיס זון, האָט אָפּגעלאָזט דעם שדוך. וואו זאָל זי זיך אַהינטאָן. אַפּילו אַ שטע־לע פאַר אַ דינסט איז איר שווער צו קריגן. וואו זאָל זי גיין אויב נישט דאָ אַהער צו דער קורטיזאַנקעס טאָכטער, וואָס איז אויך אַזאַ פאַרשטויסענע פון אַלעמען... יונתן האָט דערפאַר מיט אַ געבראָכענע שטימע שטיל געזאָגט צו זיין מיידל.

— נו גיי טאַקע אַליין אַהיים אפשר טויג נישט דו זאָלסט דאָ אַרויפקומען דו זעסט דאָך, אַז דער משחית קען נישט איינרוען . . .

דאָס מיידל האָט זיך איינגעהילט אין איר שאַל, ביטער אָפּגעזיפצט און גענומען אַרויסגיין פון ברייטן פאָדער־הויז. ביי דער שוועל האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט. זי האָט געזען ווי איר פאָטער האָט זיך צוריקגעקערט, זיך געשטעלט אין דעם טונקעלן ווינקל הינטער דער טיר. זיין פנים איז געווען שרעקלעך בלאַס. די אויגן האָבן געבליצט מיט אַ ווילד־פייערל, וואָס אַזעלכעס האָט זיך נאָך ביי איר פאָטער קיינמאָל נישט געזען. ער האָט אַרויפגעקוקט ווי ער וואָלט געוואַרט דער משומד זאָל אַרונטערקומען.

איר פאָטער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

— גיי אַהיים האָב איך דיר געזאָגט.

באַלד האָט זיך טאַקע געהערט דעם משומד גאַלאַטיס שטימע. ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, ער האָט דאָרטן זייער פריינטלעך געזאָגט.

— מילא איך זע דאָך, אַז איר היט זיך פאַר מיר וועל איך שוין קומען אַ צווייטן מאָל. איך האָב בלויז געוואָלט איבערגעבן אַ גרוס פון אַ פריינט.

דעם פישערס טאָכטער האָט זיך אומגעקערט. זיך געשטעלט לעבן איר פאָטער ווי זי וואָלט אים געוואָלט באַשיצן, ער זאָל נישט טאָן קיין אויסטערלי־שע זאַך און ברענגען אַן אומגליק אויף זיך.

דער פישער יונתן האָט איר אַ שליידער געטאָן פון זיך. דאָס מיידל איז צוריקגעשפרונגען.

— ניין איך וועל נישט גיין אַן דיר. זיי וועלן דיך כאַפּן, דיך פאַרשעמען, דיך שמייסן אויפן הוילן לייב אויף דער "פיאַצצאַ", איך וועל עס נישט אויס־האַלטן, טאַטע — האָט דאָס מיידל זיך געאַמפּערט, אָנכאַפּנדיק איר פאָטערס שטאַרקע הענט.

דער משומד גאַלאַטי איז גיך אַרונטערגעלאָפן פון די טרעפּ. געקוקט

הינטערווייליכץ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל ערגעץ פֿון אַ ווינקל נישט אַרויפֿשפּרינגען אויף אים און אים ממתן.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער גאַס, וואָס האָט געפֿירט צום טויער אַרויס פֿון געטאָ.

דער פֿישער יונתן איז געשטאַנען אויף דער שוועל אים נאָכגעקוקט ווי ער לויפֿט אומגעלומפּערט מיט זיין הינקנדיקן פֿוס. ער האָט שווער, ווייטיקדיק אָפּגעזיפֿצט און מיט אונטערגעבראָכענע פֿיס זיך אַוועקגעלאָזט צו דער "פּעשאַריאָ" גאַס, די פֿישער גאַס פֿון געטאָ.

## צוואַנציקטער קאַפּיטל

אַ פריש פאַרנאַכטיק ווינטל האָט אויסגעקילט דעם הייסן טאָג. דאָס קי־לע ווינטל איז אַריבערגעקומען פון די אַנדערע זייט שטיינערנע מויערן, פון די נאָענטע גערטנער, פעלדער אין געטאָ אַריין.

די לופט האָט געשמעקט מיט גראָזוואַרג, מיט בלומענדיקע ריחות, מיט צייטיקע פרוכטן, מיט בערעלעך, מיט פּאָמעראַנצן, וואָס זענען שוין רייף גע־וואָרן אין די נאָענטע סעדער.

דאָס מיידל דאָנאַ פעסאַראַ, די קורטיזאַנקעס טאָכטער איז געזעסן ביי איר אָפענעם פענצטער, און מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן געקוקט ווייט אַריבער די הויכע געטאָ מויערן, וואָס האָבן פאַרשטעלט די גערטנער, די סעדער. די ריחות האָבן געוועקט אַ נאַגנדיקע בענקשאַפט. איר האַרץ האָט געצאַפּלט ווי אַ געפאַנגענער פויגל, וואָס וויל אַרויס פון די ענגע טויערן פון געטאָ, צו די פעלדער, צו די בערג אַרום רוים.

דער הימל האָט זיך פאַרנאַכטיק געלאָשן. עס האָט זיך געדוכט, ווי דאָס בלאָקייט פון הימל, וואָלט געלאָשן דאָס באַטאָגיקע פייער. דער שאַרלעכער מערב איז געוואָרן, וואָס אַמאָל בלאַסער, ווי פאַרשלונגען אין דער קלאָרער, טונקעלער בלאָקייט אַריין.

דאָ אויף דער "פּיאַצצאַ" האָט זיך נישט געפונען קיין איין בוים. בלויז ביים סוף גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער "וויא־רוא" גאַס, הינטער דער קליינער קאַפּליצע, וואָס איז איבערגעבליבן אין געטאָ מיט דער פריש גע־פאַרבטער מאַדאָנאַ אין בלאָ־ווייסן כאַלאַט, איז געשטאַנען אַן איינזאַמער פאַר־טריקנטער בוים, מיט שיטערע, פון היץ פאַרוויאַנעטע בלעטלעך אויף די איינ־געקאַרטשעטע צווייגן.

דאָנאַ פעסארא האָט געבלאַנקעט מיט די אויגן איבער דער "פּיאַצצאַ". אַ פאַרטריקנטער פאָנטאַן האָט זיך געהויבן ווי אַ פּיראַמידע. אַלע פענצטער פון

די בכבודיקע הייזער זענען געשטאַנען אָפן. דאָ און דאָרטן האָט עמעץ געהאַלטן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געקוקט צו דער גאַס.

אַלע געטאָ געסלעך זענען געווען טומלדיק. די אָרעמע־לייט זענען מיט די גאַנצע משפחות געזעסן אויף די שוועלן פון די פאָדער־הייזער. מען האָט גערעדט הויך מיט אַן אויפגעלייגטע פרייַלעכקייט, אפילו די קינדער האָבן זיך דערפילט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, זיך געשפּילט אינמיטן גאַס האַלב־נאַקעטע, מיט זייערע אַנגעשוואָלענע גרויסע בייכלעך, דאַרע פיסלעך, און הונ־געריקע שוואַרצע אויגן. די עלטערע קינדער, האָבן זיך אַרומגעיאָגט אַרום פאָנטאַן, ווי אין די גוטע אַלטע צייטן.

אויף די כלה־מיידלעך, זענען אַרויס פון די הייזער אַנדערש ווי אַלע פאַרנאַכטן. אויסגעפּוצטע אין די שענסטע שבתדיקע קליידלעך. טייל האָבן געטראָגן אויף די אויערן, גרויסע, באַגילדעטע אוירינגלעך. אַנדערע, פאַר־ביקע שנירלעך קרעלן, פאַלשע פּערל אויף די אָפענע העלדזער. זיי זענען גע־ווען יום־טובדיק פאַרקעמט. די שוואַרצע האָר אויף זייערע קעפּ, האָבן גע־גלאַנצט פריש אויסגעוואַשענע, טייל מיט נאָכהענגנדיקע דיקע צעפּ פאַר־פלאָכטן מיט רויטע אָדער גאָלדיקע בענדלעך; אַנדערע האָבן געטראָגן די צעפּ פאַרוויקלט ווי אַ קרוין איבערן שטערן, אָדער פאַרוויקלט פון הינטן מיט באַגילדעטע האָר־נאָדלען, ציטער שפּילקעס. די מיידלעך האָבן זיך געטראָפן ביים פאָנטאַן מיט זייערע חברטעס, און שורותווייז מיט די הענט פאַרפלאָכטן איינע מיט די אַנדערע, האָבן זיי זיך ווי אַ גייענדיקע פלויט געלאָזט צו דער „פּיאַצצא דעללאַ סקואלא".

אַלע זענען געגאַנגען צו דעם הויז פון דעם פאַרשטאָרבענעם ראש־הקהל רבי הלל, וואו עס קומט פאָר די חתונה פון זיין טאָכטער רחל מיט דעם יונגעמאַן מרדכי חלפן.

אין געטאָ האָט זיך אויפגעוועקט אַ נייע האָפענונג ביי די מענטשן, אויב מען האָט רחלען דערלויבט חתונה צו האָבן, איז דאָס אַ גוטער סימן, אַז די שווערע צייטן ענדיקן זיך. מען וועט צוריק עפענען די געטאָ טויערן, און דאָס לעבן וועט גיין ווי פריהער. ווער עס וועט האָבן געלט און מזל וועט קריגן פון וואַטיקאַן אַ דערלויבעניש חתונה צו האָבן. אפשר וועט ווידער זיין פרנסה פאַר אַלעמען, פאַר דעם אָרעמאַן ווי פאַר דעם רייכן. פאַר געלט וועט מען שוין אַלץ קריגן. זיך אויסצוקויפן פון אַלע גזרות, פּלאָגן, וואָס די יידישע שונאים טראַכטן אויס געגן זיי.

בלויז דאָס מיידל דאָנאַ פעסאַראַ האָט זיך נישט געפרייט. פאַר איר איז נישט געווען קיין שום האָפענונג. קיינער האָט זיך מיט איר אין געטאָ נישט געחברט. אויסער דעם פישער יונתנס מיידל שושנה, וואָס כאַפּט זיך אַריין

צו איר בגנבה קיינער זאָל איר נישט באַמערקן, ווייל איר פאָטער לאָזט איר דאָ נישט אַרויסגיין. איצט איז צוגעקומען אַ נייער אומגליק, וואָס דער משו־מד גאלאטי, איז געווען ביי איר אין הויז. זי ווייסט נישט צי די מענטשן אין געטאָ באַגרייפן, וואָס ער האָט געוואָלט ביי איר, דער משומד, נאָר איין זאַך זעט זי, אַז נאָך דער געשעעניש זיינען די מענטשן צו איר געוואָרן איינגעהאַל־טענער. אַז זי גייט אַרויס פון הויז פאַרביי די מענטשן, ווערן זיי שטום־שוויינג־דיק, קוקן אויף איר פון דער זייט מיט מאָדנע פאַרוואונדערטע אויגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואוסט וועגן איר, אי ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן און געהיט פאַר איר.

דער משומד גאלאטי, איז שוין מער צו איר נישט געקומען, אָבער איר האַרץ איז פול מיט שרעק. זי פילט, אַז עפּעס גרייט זיך אויף איר, אַ שווערער אומגליק. זי שרעקט זיך ווען עס קומט אָן די נאַכט, גאַנצע נעכט ליגט זי מיט אָפענע אויגן, אירע אויערן זענען וואַך. יעדער שאָרך ביי די געטאָ טויערן מאַכט אויפציטערן איר לייב. די באָבע אירע, און די מענטשן פון געטאָ ווייסן נישט, אַז זי קען זיך מיט דעם קאַוואַלער פּיטיגליאַנאַ, דער אָנפירער פון דער פויפסטלעכער קאַוואַלעריע, וועמען זי האָט באַגעגנט אין דעם שלאָס ביים דיוק פון פּאַראַראַ. ווען די טויערן פון געטאָ זענען געווען אָפן בייטאָג, איז זי עטלעכע מאָל אַרויס אים באַגעגענען. זי האָט אים געטראָפן אויף דער "באַר־דעלעטאַ"*) ניט ווייט פון דער סיסטאָ־בריק וואו עס וואוינען אַלע רוימישע קור־טיזאַנקעס. זי איז אַפילו אַריין צו אים אין דער קאַרעטע און געפאָרן מיט אים צו די אָפענע פעלדער פון דער קאַמפּאַגניאַ.

דאָנאַ פּעסאַראָ האָט זיך געבראָכן דעם מוח, איז טאַקע מעגלעך, אַז דער משומד גאַלאַטי זאָל עפּעס וויסן, האָט זיי עמעץ נאָכגעשפּירט? ווי איז דאָס אָבער מעגלעך. געטראָפן האָט זי אים אין די קאַרנעוואַל־טעג. זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן איר פּנים פאַרשלייערט אויף דער "באַרדעלעטאַ" איז דאַמאָלסט געווען פריילעך. זי האָט זיך אויסגעמישט צווישן דעם לוסטיקן המון. זייער פיל פרויען האָבן דאָרטן געטראָגן געלע שלייערן, ווארעם פיל פון די טויזנטער קורטיזאַנקעס פון דער "באַרדעלעטאַ" מוזן פונקט ווי יידישע פרויען טראָגן געלע שלייערן. איז טאַקע מעגלעך אַז נאָר דורך פּיטיגליאַנאַ האָט זיך דער משומד גאַלאַטי דערוואוסט? זי קען זיך אָבער גאָרנישט פאַר־שטעלן, אַז דער געניטער פּיטיגליאַנאַ, וואָס ווייסט פון אַלע אינטריגעס אין רוים, זאָל טאָן אַזאַ נאַרישקייט, אויסגראָבן אַ גרוב פאַר זיך און פאַר איר. עס קען געמאָלט זיין, אַז פּיטיגליאַנאַ האָט געבעטן עפּעס אַ טובה פאַר איר און זיינע שונאים גרייטן שוין צו אַ אינטריגע געגן אים, און זי וועט זיין דער

*) באַרדעלעטאַ, דער קוואַרטאַל פון אויסגעלאַסענע פרויען.

קרבן, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, איז איר מוטער געווען אַ קרבן און איז פאַר־ברענט געוואָרן אויף דעם "קאַמפּאָ דע פיאָר".

דאָנאַ פּעסאַראַ האָט אויפגעציטערט. זי האָט זיך מיט אומרואיקן אימ־פּעט אויפגעשטעלט און גיך געגומען שפּאַנען איבערן צימער. ווי אַזוי קען זי אַרויס פון געטאָ? זי מוז אַרויס איידער זי גייט אַרונטער פון זינען, איידער מען קומט זי נעמען צו דער אינקוויזיציע. אפשר גיין צו דעם פישער יונתן אים אַלץ דערציילן. ער זאָל איר מיט אַ שיפל אַריבערפירן דורך דעם טיבער טייך צום טעראַסטעווער געגנט. זי קען אָבער נישט גיין אַליין, אָן אַ באַגליי־טערן וועט מען זי באַלד כאַפּן. די באַגלייטערן קען זי אויך האָבן, איז זי אָבער דעם פישערס מיידל שושנה, וואָס וואָלט מיט איר געגאַנגען אין עק וועלט אַריין. דערצו דאַרף מען האָבן געלט און קיין געלט האָט זי נישט.

אינמיטן לויפן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אפשר זאָל זי אַוועקגיין צום גביר עזריאל טאַסקאַני דעם געלט־לייער. זי געדענקט ווי ער האָט זיך מאָד־נע פאַרוואונדערט איינגעקוקט אין איר בעת דער לויה פון רבי הלל, אפשר וועט זי פאָרט עפּעס קריגן פון אים, וואָס איר באָבע האָט נישט געקענט באַווייזן. די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. זי האָט צירונג, קליידער, וואָס זי קען פאַרזעצן. די געטאָ וועט נישט זיין אייביק פאַרמאַכט, וועט זי אים דער־קלערן, אויב זי וועט נישט אויסלייזן אין צייט, וועט ער דאָס לייכט קענען פאַרקויפן.

דאנא פעסאַראַ איז שנעל אַריין אין צווייטן חדרל פון זייער וואוינונג. זי איז צוגעלאָפן צו דער גרויסער קליידער־שאַנק, אויפגעריסןביידע טירן פון אינעווייניק האָט אַ שלאָג געטאָן אַ גערוך פון בשמימדיקע פּערפיומען און פון ציפּרוס פּודער. דאָ האָבן געהאַנגען קליידער נאָך פון איר מוטער, קליידער וואָס יידישע פרויען האָבן צוליב די תקנות פון דער קהילה מער שוין נישט געטאָרט טראָגן, כדי נישט אויפצורייצן מיט דער שרייערישער רייכקייט דעם רוימישן המון. פון דער שאַנק האָבן אַרויסגעהעלט אַלערליי קאָלירן, פּורפּור רויטער סאַמעט, ווייסע קאַמזוילן פון די דינסטע אויסהאַפּטונגען מיט שפּיצלעך, קליידער מיט גאָלדענע פראַנזן. אויסגעשטיקטע הוטן מיט פעדערן. אַלערליי גאַרטלען פאַסן פון בלאַסן בלויען זייד, אויסגעשטיקט מיט טייערע פינקלדי־קע שטיינדלעך. אויבער־מאַנטלען, געפּוצט מיט פוטער. טאַנץ־קליידער, גע־פאַלדעוועטע מיט קורצע טאַליעס, אויסגענייט ביי דער ברוסט מיט קאָלירטע און פערלדיקע ציטער־שפּילקעס. אָרנאַמענטירט אַרום די געכוואַליעטע זוימען, די רונדיק דעקאָלטירטע העלדזער.

דאָנאַ פּעסאַראַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין גרויס אָנמאַכט. זי האָט גע־זען פון יעדן קלייד אַרויסשטראַלן דאָס געשטאַלט פון איר מוטער. אין די

גרעסטע נויטן, האָט נישט זי, נישט איר באָבע געטראַכט וועגן פאַרקויפן די קליידער, דער לעבעדיקסטער אָנדענק פון איר מאַמע. איצט וועט זי דאָס מוזן טאָן, זיך שיידן מיט דעם לעצטן פון איר מאַמע.

פון דרויסן האָט זיך געהערט טריט. דאָנאַ פעסאַראַ האָט אויפגעציטערט. זי האָט זיך איינגעהערט און דערקענט די פלינקע, רירעוודיקע טריט פון איר באָבע. זי איז אַריינגעקומען פרום פאַרהילט אין איר בלאַלעכן געבלימטן שאַל. זי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ וואַקסן ליכט. דאָס פּנים ביי איר איז געווען איינגעשרומפּענער, געקנייטשטער, מער ווי אַלעמאָל. טיפע פאַלדן האָבן זיך זקנותדיק איינגעשניטן פון מויל אַרונטער צום האַלדז. די באַקן איינגעפאַלענער. פון אירע איינגעזונקענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ דערשראָקענער טרויער. די בייטעלעך אונטער די אויגן, זענען געווען אָנגעשוואָלן מיט אַ וואונדיקע רויטקייט, ווי מען וואָלט ערשט אָפּגעווישט פיל טרערן, וואָס האָבן זיי לאַנג געווייטיקט.

די באָבע האָט זיך אויך אָנגעשטעלט און בעטראַכט די קליידער.

— עס ווערט פונקט אַכצן יאָר ווי מען האָט זי מיר אַרויסגעריסן פון די הענט דיין מאַמע, דיר צו לאַנגע יאָר.

אין שטוב איז געווען טונקל. בלויז די קליידער, די שטיינדלעך האָבן לעבעדיק אַרויסגעליכטיקט פון שאַנק.

— אַז זי האָט זיך אנגעטאָן האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין און דאָס איז טאַקע געווען איר אומגליק... זי האָט אויפגעריסן די אויגן, גוים און להבדיל יידן.

די באָבע איז אַריין אין צווייטן צימער, זיך לאַנג געפּאַרקעט ביים פייער־טאָפּ מיט די גליענדיקע קוילן, זי האָט אָנגעצונדן דאָס וואַקסענע ליכט. אַ טריבע געלע ליכטיקייט האָט אויפגעהעלט. לאַנגע מרא־שחורהדיקע שאָטנס, האָבן זיך בין השמשותדיק צעלייגט איבער די חדרים. די באָבע האָט אַריינגעשטעלט דאָס ליכט אין אַ הויכן מעשענעם לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן קאָמאָד.

— כגיי איצט פון דער סינאַגאָגע. איך האָב אָנגעשטעלט דאָרט אַ יאָר־צייט ליכט פאַר איר נשמה. געבעטן דעם שמש ער זאָל זאָגן אַ תפילה פאַר איר, זי זאָל זיך מיען דיך צו באַשיצן פון אַלדי שלעק . . .

דאָס אייניקל דאָנאַ פעסאַראַ האָט טרויעריק אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט געפילט, אַז טרערן שטיקן איר. דער גאַנצער קערפּער אירער האָט געציטערט. זי האָט פאַרשטעלט איר פּנים מיט די הענט. זי האָט מער נישט געקענט איינהאַלטן איר געוויין. איר גאַנצער קערפּער האָט געוויינט. די באָבע איז צוגעלאָפן, איר געגלעט דעם קאָפּ.

— קינד מיינס, קינד מיינס, וואָס זאָל איך שוין זאָגן . . .

דאָס מיידל דאָנאַ פּעסאַראַ האָט זיך איינגעטוליעט אין איר באָבעס אָרעמס ווי זי וואָלט געזוכט ערגעץ וואו זיך צו באַהאַלטן. אירע טרערן האָבן באַנעצט דער אַלטערס פּנים. זי האָט געשלוכצעט.

— באָבע! באָבע! וואָס זאָל איך טאָן? זיי וועלן מיך אויך נעמען, מיך פאַרברענען. דאָס האַרץ זאָגט מיר, דאָס האַרץ באָבע!

די אַלטע באָבע האָט אויסגעשפּיגן לינקס און רעכטס.

— טפו, פּוסטע וויסטע חלומות, וואָס רעדסטו דאָנאַ? גיי בעסער אַרויס אויף דער "פּיאַצאַ". עס איז אַזוי פריילעך. דו ווייסט, רחל דעם ראש הקהלס טאָכטער גייט דאָך חתונה האָבן.

די באָבע האָט איר געגלעט איבערן קאָפּ און מיט די ליפּן אויסגעקושט אירע טרערן פון פּנים.

— נו גיי טו זיך אָן שיין, דאָנאַ.

דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען צו דער קליידער שאַנק. די באָבע האָט גע־שמייכלט מיט אַ גרויס דערלייכטערונג. דאָנאַ איז געשטאַנען אַווילע ביי דער אָפענער שאַנק, די הענט האָבן נאָך ביי איר ווי פריער געציטערט. זי האָט מיט־אַמאָל האַסטיק גענומען שלעפּן די קליידער פון שאַנק. זיי געוואָרפן אויפן בעט ווי אומנויטיקע זאַכן. ביי דער באָבע איז דאָס שמייכעלע אויפן פּנים פאַרשוואונדן.

— וואָס האָסטו צו די קליידער? וואָס זענען זיי שולדיק, קינד מיינס.

— איך וויל דו זאָלסט זיי פונדאַנען אַרויסנעמען. טראָג זי אַוועק, פאַר־קויף זיי, פאַרזעץ זיי ביים אַלטוואַרג הענדלער משה מינזי.

די אַלטע איז צוגעגאַנגען צום בעט אויפגעהויבן אַ שוואַרץ סאַמעטענעם קלייד, באַפּוצט מיט ווייסע שפּיצלעך פון דינעם זייד.

— וואָס רעדסטו? משה מינזי וועט געבן פּרוטות פאַר דעם. יידן קויפן נישט, טאָרן נישט טראָגן די קליידער. און גוים טאָרן נישט קויפן אין געטאָ.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט האַסטיק אַרויסגעשלעפּט דאָס קלייד פון דער באָבעס האַנט, צונויפגעוויקלט אַ פּעקל פון אַלע קליידער ווי מען וויקלט שמאַ־טעס.

— פאַרקויף זיי, וויפיל ער וועט געבן נעם.

די באָבעס אויסגעווייינטע רויטע אויגן, זענען פּלוצים געוואָרן שאַרף, דורכדרינגלעך געקוקט אויף איר אייניקל ווי זי וואָלט וועלן באַנעמען איר משו־געת.

דאָנאַ האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דער באָבעס שאַרפע אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויעס. דער גאַנצער קאָפּ איז איר

אַרונטערגעפּאַלן אויף דער ברוסט. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע. באַלד איז דאָנאַ געקומען צו זיך. די שרעק וואָס האָט באַהערשט איר לײַב און לעבן האָט אויפסניי אויפגעוועקט אין איר כחות. זי האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ געקוקט אויף דער אַלטער מיט אַ פּאָר גרויסע דערשראָקענע אויגן, אַזש די אַפּלען האָבן זיך באַלעמדיק אַרויסגעזעצט.

— איך מוז אַרויס פון געטאָ באַבע, זיי האָבן עפּעס געגן מיר. זיי גרייטן זיך מיך צו נעמען.

די באָבע האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. זי איז צוגעגאַנגען צום מיידל און זי אַ שלעפּ געטאָן ביים האַנט מיט כעס צו זיך ווי קיינמאָל נישט ביז איצט.

— זאָג וואָס האָסטו געטאָן חצופה. דיין מאַמעס סוף איז דיר נאָך גע־ווען ווינציק. זאָג דו קענסט דעם הולטאַי פּיטיגליאַנאַ. דער משומד איז הייסט עס געווען גערעכט . . .

דאָנאַ פּעסאַראַ, האָט געקוקט מיט קאַלטע אויסגעלאָשענע אויגן. די מויל ווינקלען מיט די שיינע, געשניצטע ליפּן, האָבן זיך איצט אויסגעקרימט מיט ביטערניש. דאָס קליינע חנעוודיקע נעזל האָט זיך מפונקדיק פאַרריסן, גע־ציטערט עקשנותדיק מיט די נאָז־פליגלען.

— איך האָב אים געזען אין די קאַרניוואַל־טעג, געפאָרן אין זיין קאַרעטע, ער האָט מיך אַרומגענומען, געהאַלדזט און געקושט.

— מען האָט דיך געזען ביי אים אין הויז? — האָט די באָבע נישט מיט איר שטימע כריפּנדיק אויסגעשריגן.

— ער האָט מיך געוואָלט נעמען אין דעם אַריינפאָר פון די ״דריי שליסלען״ ביי דער ״פּיאַצאַ ספּאַגנאַ״ זיין קוואַרטיר. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער מאַמע און נישט געגאַנגען . . .

די באָבע האָט פון דער ווידוי טיף און שווער אָפּגעזיפצט. זי האָט חלשות־דיק פאַרמאַכט די אויגן אָנגעהאַלטן זיך ביים בעט־שטיק נישט אומצעפאַלן. דאָנאַ פּעסאַרא איז נישט צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט געפילט אַ שנאה צו אַלעמען. קיין זאַך האָט איר מער נישט געאַרט. די באָבע איז אַליין געקומען צו זיך.

— דיין מאַמע האָט אויך מער נישט געטאָן. די אינקוויזיטאָרן האָבן איר געטראָפן שפּעט באַנאַכט מיטן דוכס פון פּאַרמאַ. דער וויסטער הולטיי האָט אָבער געראַטעוועט זיין פעל און דיין מאַמע איז פאַרברענט געוואָרן צו אונד־זער שאַנד און שפּאָט.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייל קיינ־מאָל פריער האָט איר באָבע נישט גערעדט אַזוי שאַרף וועגן איר מוטער, ווי

זי וואָלט מיטן דערציילן איר מוטערס אויפפירונגען אויך איר געשטראָפט.

— נאָכדעם ווי דיין טאַטע איז געשטאָרבן בעת די מגפה, איז זי ווי משוגע געוואָרן, אַרויסגעלאָפן ביי נאַכט פון געטאָ ביז די טייוולאָנים האָבן איר געכאַפּט.

די באָבע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, די הענט אָנמעכטיק אַרונ־טערגעלאָזט אויף דער שויס. די וויעס האָבן מיד אַרונטערגעהאָנגען איבער אירע אויגן. בלויז איין אויג איז געבליבן האַלב אָפן ווי דאָס אויגן־לעפּעלע, וואָלט בישט געקענט פאַרדעקן דאָס גרויסע אַרויסגעזעצטע אויג, וואָס האָט געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק צו אירע ביטערע פאַרגאַנגענע יאָרן.

— זיי האָבן איר פאַרברענט ווייל זי איז געווען אַ יידיש קינד, טויזנ־טער קורטיזאַנקעס האָבן אַרומגעהוליעט אין רוים און דעם פּויפּסט האָט עס גאָרנישט געאַרט . . .

דאָס אָפענע פאַרטראַכטע אויג, האָט זיך אויסגעדרייט צו איר, אָפּגע־שטעלט זיך אויף דאָנאַס פּנים.

— דעם דוכס פון פאַרמאָ האָט מען אויך פאַרמשפּט צום טויט פאַר האַלטן אַ יידישע קורטיזאַנקע ביי זיך. נאָר זיין פעטער דער קאַרדינאַל עלע־סאַנדראָ האָט אים געראַטעוועט.

דאָנאָ פעסאַראָ האָט איצט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן איר אייגענעם אומ־גליק. זי האָט זיך אַוועקגעטראָגן צו יענער פאַרגאַנגענער צייט, ווען איר מוטער איז אומגעקומען. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס מער, ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען.

— דער קאַרדינאַל איז געווען אַ גרויסער חכם און אָפּגענאַרט דעם פּויפּסט. ער האָט צוריקגערוקט אַלע זייגערס פון וואַטיקאַן חוץ דעם פּויפּסט. ער איז אַוועק צום פּויפּסט און געבעטן רחמים פאַר זיין פּלימעניק פאַר דער עקזעקו־ציע. דער פּויפּסט האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַ שמייכל געטאָן. ער איז געווען זיכער אַז דער דוכס איז שוין טויט. ער האָט אונטערגעשריבן אים צו באַפרייען. די וועכטער האָבן אים אַרויסגעלאָזט און דער דוכס איז אַנטלאָפן פון רוים.

ביי דאָנאָ פעסאַראַ, האָבן די ברוסטן זיך געהויבן, ציטערנדיק, איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ ווילדע אויפרעגונג.

— האָט זי אים געקענט, איידער דער טאַטע איז געשטאָרבן? — האָט דאָנאָ פּלוצים געפרעגט.

די באָבע האָט זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט די קליידער אויפן בעט.

— ווען דעם הולטיי. יאָ, ביידע, דיין טאַטע, און מאַמע זענען געווען

באַליבט אין פּאַרמאַ שלאָס, מיט זייער טאַנצן, זינגען, מיט זייערע שטיק . . .

די באָבע איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, זיך אויסגעדרייט און זיך איינ־געקוקט אין איר, ווי זי וואָלט דאַנאַן דאָס ערשטע מאָל דערזען. זי האָט גיך אָוועקגעכאַפּט איר בליק. זי האָט דערביי מיט עפּעס אַ מאָדנע שרעק נאָכגע־טראַכט, אַז איר אייניקל האָט נישט קיין שום אָנבליק פון איר ברוינהויטיקן טאַטן, מיט דער שאַרף געבויגענער נאָז. זי איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין איר מאַמען. דאָס זעלבע מילדע ווייסהויטיקע פּנים, נאָר אָן איר מוטערס צאַפּלדיקע פייכט־פאַרטראַכטע אויגן. דאַנאַס אויגן זענען געווען קאַלטע, חייש בייזע, די בלאָלעכע אַפּלען אַ ביסל פאַרנעפּלט. די באָבע האָט אָפּגעזיפצט.

— יאָ, ער האָט נאָך פריער געוואָרפן אַן אויג אויף איר, דער הולטיי. דיין טאַטע עליו השלום איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, ביז די מגפה האָט איינגעשטילט זיין אָרעם האַרץ . . .

ביים אייניקל זענען די אויגן געוואָרן פול מיט טרערן. זיי האָבן רואיק אַרונטערגערונען צום מויל און האַלדז.

— האָט ער גאָרנישט געטאָן זי צו ראַטעווען? האָט ער קיינעם נישט גע־שיקט איר צו העלפן, דער דוכס?

די באָבע האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— נאַריש קינד, ער איז פאַרשוואונדן. נאָכדעם האָט ער געהולטיי־עוועט מיט אַנדערע. ווי דער פּיטיגליאַנא ווי ער הייסט דאָרט, וועט אויך טאָן דאָס זעלבע . . .

דאַנאַ פּעסאַראָ האָט זיך אויסגעגלייכט טראַציק אויפגעהויבן איר קאָפּ, אירע ברוסטן.

— אויב אַזוי איז דאָס נישט געווען דער דוכס פון פּאַרמאַ.

די באָבע האָט געשאָקלט טרויעריק און בטולדיק מיטן קאָפּ. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום קופערט, וואָס איז געשטאַנען לעבן שאַנק, אַ קופערט מיט אײַזערנע רייפן, באַשלאָגן אַרום די ברעגן מיט קופער. זי האָט אויפגעשלאָסן, לאַנג געזוכט אײַנגעבויגענערהייט טיף ביים סאַמע דנאָ. זי האָט אַרויסגענומען אַ קליין זעקעלע צירונג און עס אויסגעשאָטן אויפן בעט. עס האָבן אַ פינקל געטאָן גאָלדענע בראַסלעטן, קייטעלעך דינע און דיקע פון אויפגעבלאָזענעם גאָלד. דינע שנירעלעך פּערל, וואָס די באָבע האָט איר שוין פיל מאָל אָנגעטאָן. עס איז אויך געלעגן אַ רינג וואָס דאַנאַ האָט פריער קיינ־מאָל נישט געזען. עס איז געווען אַ גרויסער מענערישער רינג מיט אַ רובי־נענעם זיגל־שטיין מיט דעם עמבלעם פון דעם דוכס פון פּאַרמאַ.

— ביז איצט האָב איך דאָס קיינעם נישט געוויזן. איך האָב נישט געקענט צוגעבן, אַז דיין מאַמע איז געווען אַזוי נאָענט מיט אים. איך האָב געקענט

קריגן אַ פאַרמעגן פאַר דעם רינג . . .

דאָנאַ פּעסאַראַ איז געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע ווי צעמישט, טיף וועגן דעם אַלעם נאָכגעטראַכט.

די באַבע האָט איבערגעריסן איר טראַכטן.

— איצט דאָנאַ ווייסטו שוין אַלץ, וועגן דיין אומגליקלעכער מאַמע?

דאָנאַ האָט געפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אונטער איר. זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט לעבן דער אַלטערס קני ביים בעט און זיך געטוליעט צו אירע פיס.

די אַלטע האָט געגלעט אירע האָר. די שאַרסטקע ביינערדיקע הענט, האָבן ווי געקילט איר הייסן קאָפּ, וואָס איז געווען צעווייטיקט ווי נאָך אַ שווערן קלאַפּ.

— נו גענוג, דאָנאַ, שטעל זיך אויף איך וועל טאַקע אָנטאָן אַוועקטראָגן די קליידער צו משה מינזי, און דו נעם די צירונג און גיי צום גביר טאָסקאַני, אויב ער וועט נישט נעמען דאָס צירונג, פּרוּוו דעם רינג.

דאָנאַ האָט אַרומגעכאַפּט דער אַלטערס פיס און זיי געקושט. זי האָט ווי נישט געגלויבט איר באַבע, וואָס האָט אַכצן יאָר באַהאַלטן דעם רינג פון מענטשן כדי נישט צוצוגעבן איר טאָכטערס שולד, איז איצט גרייט אַלץ אויפצוגעבן אַבי זי צו ראַטעווען.

— יאָ דעם רינג, איך וויל דיך ראַטעווען קינד מיינס, מיט געלט קען מען דיך אפשר ראַטעווען, אפשר פאַרשטאָפּן דאָס מויל דעם משומד.

דאָנאַ האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. אויך די אַלטע איז געוואָרן זייער רירעוודיק. פון איר אַלט פּנים איז מיטאַמאָל ווי אַרונטער אַ שווערע זאָרג, וואָס זי האָט אַליין אַלע יאָרן אויף זיך געטראָגן. איצט איז שוין דאָנאַ אַ דערוואַקסענע, זי קען זיך שוין טיילן מיט איר צער. זי האָט זיך גיך אָנגעטאָן פאַרהילט דעם קאָפּ, גענומען דעם פּאַק מיט קליידער און איז אַרויס פון הויז.

דאָנאַ איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך צוגעהערט ווי די אַלטע לויפט געשווינדט אַרונטער פון די טרעפּ ווי זי וואָלט זיך געאיילט עפּעס צו טאָן, איידער דער גרויסער אומגליק קומט צו איר אין שטוב אַריין. אין הויז איז געווען שטיל. פון אַלע שאָטנדיקע ווינקלען האָט אַרויסגעלויערט אַן אומהיימלעכע שרעק. דאָנאַ האָט אָנגעשטעלט אירע בליקן אויף דעם וואַקסענעם יאָרצייט־ליכט פאַר איר מוטערס נשמה. דאָס ליכט האָט טריב געפלעמלט אין דעם מעשענעם לייכטער. דינע טראָפּנס געלער וואַקס, האָבן ווי טרערן אַראָפּגעקאַפּעט, פאַרטריפט דעם לייכטער, דאָס געבלימעלטע טישטעכל אויפן קאַמאָד. דאָס טריבע פלעמעלע האָט געציטערט, צעוואָרפן, צאַפּלנדיקע שאָטנס אויף די ווענט ווי די שאָטנס וואָלט געטאַנצט אַ טרויעריקן טאַנץ. דאָס דינע פלעמעלע איז געוואָרן

גרעסער, און גרעסער, אַ פלאַקערדיקער פלאַם האָט זיך געצויגן, ווי פון אַ שייטער. אין דעם פלאַם האָט זיך געזען דאָס געשטאַלט פון איר מוטער אַ שלאַנקע מיט צעפּאַטלטע האָר, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן און געזאָטן אַרום איר קאָפּ. זי האָט זיך געריסן, געוואָרפן מיט איר לייב, נאָר אירע הענט זענען געווען צוגעבונדן מיט גליענדיקע קייטן צו דער וואַנט.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט מיט ווייטיק אויפגעריסן דאָס מויל צו שרייען, אַרויפגעלייגט די הענט אויפן פּנים צו פאַרשטעלן די אויגן. זי איז אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע ווײַלע, זיך געוויגט ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן די אַפשרעקנדיקע דמיונות.

דורכן פענצטער האָט מיטאַמאָל אַ יאָג געטאָן אַ לייכט זומערדיק ווינטל. אַ פלאַטער געטאָן אויף איר לייב. דאָנאַ פּעסאַראָ האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, טיף און שווער אָפּגעאָטעמט. די פאָרהענגלעך אויפן פענצטער האָבן פאַמעלעך זיך געוויגט. די אוונטיקע בלאָקייט פון דעם רוימישן הימל האָט מיט אַ מילדקייט ווי באַרויִקנדיק אַ פלאַטער געטאָן פאַר די אויגן. זי האָט דערפילט פרישע כחות אין זיך.

דאָנאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף עפּעס טאָן כדי זיך צו ראַטעווען פון דער גרויסער געפאַר וואָס לויערט אויף איר. אירע בליקן זענען געפאַלן צום בעט, וואו עס איז געלעגן דאָס זעקעלע מיטן צירונג. זי איז צוגעלאָפן צום בעט. אַ הויב געטאָן דאָס צירונג ווי צו דערפילן די וואָג. זי האָט באַפרידיקנדיק אַ שמייכל געטאָן. זי האָט זיך שנעל גענומען אָנטאָן. זי האָט אויסגעקליבן דאָס שענסטע קלייד, פון דינעם שוואַרצן זייד, מיט קליינע ווייסע שפּיצלעך באַזוימט. זי האָט אָנגעפּודערט איר האַלדז, פּנים מיט אַ זאַנפטיקן ציפּרוספּודער, באַשפּריצט אירע האָר מיט אַ רייצנדיקן בשמימדיקן פּערפיום אויף וועלכן איר באָבע איז געווען אַ גרויסע מייסטערן דאָס צו מאַכן פון אַלערליי נעגעלעך, און געווירצן.

דאָנאַ פּעסארא האָט גענומען דאָס זעקעלע מיט צירונג, און זיך האָפערדיק אַרויסגעלאָזט פון הויז. אויף דער "פּיאַצצאַ" איז געווען שטיל. דאָ און דאָרט האָט עמעץ געהאַלטן אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער. לעבן טייל הייזער זענען געזעסן עלטערע מענטשן. דער מילדער, בלאַס בלאָלעכער הימל, האָט זאַנפטיק זיך אויסגעשפּרייט איבערן געטאָ. פון ערגעץ ניט ווייט, האָבן זיך געזען די שאָטנס פון די בערג אַרום רוים, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעשניטן אין הימל ווי שטיקער פאַרנעפּלטע וואָלקנס. די ריחות פון די פייכטע גרינוואַרג פעלדער און גערטנער, האָבן זיך אויסגעמישט, זיך געראַנגלט מיט דעם זויערן, טוכלען גערוך פון די פאַרמיסטיקטע ענגע, געטאָ געסלעך.

פון ערגעץ ניט ווייט האָבן זיך אַהערגעטראָגן, שטילע בענקנדיקע גע־

זאַנגען פון אומעטיקע לידער, פרילינג און ליבע לידער. דאָנאַ פּעסאַרא האָט שטיל מיטגעברומט.

„קום צום קילן גרינעם שאָטן
ס'איז מיט בלעטער פול דער גאָרטן. —
וואו די ציטרעסביימער בליען,
און דער פויגל פריי קען פליען".

עס האָט אָבער קיינער פון די יונגע מענטשן היינטיקן אָוונט זיך נישט צוגעהערט צו די בענקנדיקע לידער פון די רוימישע גערטנער. אַלע זענען גע־ווען אויף דער „פּיאַצצאַ דעללאַ סקואלא", וואו עס קומט פאָר די חתונה פון דעם פאַרשטאָרבענעם ראש הקהלס טאָכטער רחל. פון דער „פּיאַצצאַ" האָט זיך טאַ־קע געהערט אַ טרויעריק, ציטערדיק שפּילן פון פידלען, וואָס האָבן ווי אויס־געוויינט און באַקלאָגט דאָס אידישע ביטערע מזל, און דאָס ביטערע מזל פון דער אומגליקלעכער כלה, וואָס איז געבליבן אַ יתומה.

דאָנאַ פּעסאַראַ איז געגאַנגען פאַמעלעך, אויפגענומען אַלע קלאַנגען פון אַרום. קיינער האָט איר היינט נישט נאָכגעקוקט, נישט געברענט אירע טריט. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן מיט דער חתונה וואָס די געטאָ האָט שוין לאַנג נישט מיטגעמאַכט.

זי איז צוגעקומען צו עזריאל טאָסקאַניס הויז, און גענומען גיין נאָך פאַמעלעכער, דאָס האַרץ האָט ביי איר געקלאַפּט, ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז דאָרט וועט זי הערן איר אורטייל. אויב ער וועט איר אָפּזאָגן צו לייען געלט איז זי פאַרלוירן. און אפשר איז איר גיין צו אים היינטיקן אָוונט אומזיסט, ווארעם אויב ער איז געזונט, איז ער זיכער אויף דער חתונה. די לאַנגע אָפענע פענצטער זענען געווען באַהאַנגען מיט סאַמעטענע גאַרדינען, בלויז פון צוויי פענצטער פון דעם פיל פענצטערדיקן הויז האָט זיך געזען אַ שאָטנדיקע סומנע ליכטיקייט, וואָס האָט באַטייט, אַז עמעצער געפינט זיך אין סאַמע פאָרנט פון הויז.

דאָנאַ פּעסארא האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער ברוסט, ווי איינ־צושטילן דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט זיך אָנגענומען מיט כח און אַרויפ־געגאַנגען די עטלעכע טרעפּלעך. זי האָט אויפגעהויבן דאָס הענטל מיט דעם לייבן־קאָפּ ביים טיר און אומזיכער אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן. זי האָט גלייך ווי חרטה געהאַט און געוואָלט צוריקלויפן, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך געהערט שווערע מענערישע טריט. מען האָט געעפנט דאָס אויבערשטע טירל. דורך די שמאָלע אייזערנע גראַטעס האָט זי געזען אַ פּאָר דערשראָקענע שלעפער־

ריקע אויגן, די געדיכטע שוואַרצע ברעמען פון דעם גביר עזריאל טאָסקאַני. ער האָט דאָרטן אַ צעטומעלטער אויסגעשריגן.

— מרים דו ביסט גאָר אַליין, וואָס שוין נאָך דער חופּה?

עזריאל טאָסקאַני האָט גיך און ברייט געעפנט די טיר. דאָנאַ פּעסאַרא האָט אַ פאַרשעמטע אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות און געמיינט אַז דאָס איז זיין ווייב צוריקגעקומען אַזוי פרי פון דער חתונה. איז זי טאַקע אַזוי ענלעך צו זיין פרוי מרים?

עזריאל טאָסקאַני איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער, זיך צוגעהאַלטן ביי דער טיר און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. עס האָט געדויערט אַ רגע, און ער איז גלייך געקומען צו זיך. ער האָט פאַרוויקלט זיין ברייטן הויז־כאַלאַט צוגעדעקט די קורצע יאַקע, די ווייסע לאַנגע זאָקן ביז די קני.

— איר האָט עמעצן געוואָלט זען —האָט טאָסקאַני אַ פאַרטראַכטער שטיל געפרעגט.

— איר וועט מיר פאַרגעבן, וואָס איך קום צו אייך אין אַזאַ שפּעטער שעה, קען איך מיט אייך רעדן אַ פּאָר ווערטער אין הויז. — האָט דאָנאַ פּעסאַרא געזאָגט אויפהויבנדיק אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן.

— קומט אַריין, אין הויז איז קיינער נישטאָ, אַלע זענען ביי דער חופּה.

— איך האָב אפשר נישט געדאַרפט קומען ווען אייער פרוי איז נישט אין הויז — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט.

זי איז נאָכגעגאַנגען דעם גביר עזריאל טאָסקאַני אין דעם ברייטלעכן פּאָדער־הויז צו דעם גרויסן, אָפענעם אויפנעם־צימער, וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט סאַמעטענע פאָרהאַנגען ביי דעם טויערדיקן אַריינגאַנג. עזריאל טאָסקאַני איז געגאַנגען מיט אַ מידלעכן גאַנג ווי אַ מענטש וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקייט.

דאָס גרויסע צימער איז געווען באַלויכטן זייער טונקל, אַ מעטאַלענער אויסגעגראַווירטער בוימל־לאָמפּ, האָט אויף קייטלען אַרונטערגעהאַנגען פון באַלקן. דאָס שוואַכע פלעמעלע האָט געוואָרפן פאַרחלשטע שאָטנס אויף די ווענט, אויף דעם שווערן דעמבענעם לאַנגען טיש מיט די אַנלען בענק. עזריאל טאָסקאַני האָט זיך צוגעשאַרט צו דער גרויסער שטול, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט וויינרויטן סאַמעט, באַשלאָגן מיט מעשענע קנעפּ, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון פענצטער. ער האָט זיך שווער אַרונטערגעלאָזט אין דער שטול אַריין. זיין פּנים האָט זיך ווייטיקדיק פאַרקרימט ווי מיט דעם אַוועקזעצן זיך, וואָלט ער דערפילט דעם ווייטיק פון זיין קערפּער.

אין דער שטול איז זיין נידריקע פיגור ווי גרעסער געוואָרן, זיין רונדיקער קאָפּ מיט דעם קורצן קיילעכדיקן בערדל, געוויכטיקער. ער האָט אַרויפּ־

געלייגט זיין האַנט אויפן שטערן, עטלעכע מאָל ווי אויסגעגלעט די קנייטשן, וואָס האָבן זיך געקאָרבט פון גרויס פאַרטראַכטקייט.

דאַנאַ פעסאַרא איז געשטאַנען אין גרויס פאַרלעגנהייט. איר גאַנצער קערפּער האָט ווי געציטערט. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט דער האַנט ביי דעם אָנלען־ווענטל פון דער באַנק ביים טיש.

עזריאל טאַסקאַני האָט אַרונטערגענומען די האַנט פון שטערן. זיין פּנים איז איצט שוין געווען פאַרעקשנט רואיק. בלויז די בלאַסע איינגעפאַלענע באַקן האָבן פון צייט צו צייט אויפגעציטערט.

— זעצט זיך בעסער אויף דער באַנק, מאַכט זיך באַקוועם. — האָט טאַסקאַני געזאָגט, און געקוקט מיט זיינע גרויסע פאַרחידושטע אויגן אויף איר, ווי ער וואָלט געוואָרט, וואָס זי האָט צו זאָגן. דאַנאַ פעסאַרא האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזט, נישט געוואוסט ווי אָנצוהויבן. זי האָט געוואוסט אַז איר גאַנץ לעבן איז איצט אין זיינע הענט. דאַנאַ פעסאַרא האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַ שמייכל וואָס צעטומעלט. זי איז צוגעגאַנגען נעענטער און אַוועקגעלייט דאָס זעקעלע צירונג אויף זיינע קני. ביי טאַסקאַני האָבן די קניען לייכט גענומען ציטערן.

— דאָס איז דאָס גאַנצע צירונג, וואָס מיין מאַמע האָט מיר איבערגעלאָזט.

עזריאל טאַסקאַני האָט ווי אָפּגעזיפצט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט אין אים זיך בטולדיק אויסגעקרימט זיין מויל. פון דעם שמייכל האָט דאַנאַ פעסאַרא דערפילט ווי עס ברעכן זיך אירע פיס, אַז אָט וועט זי פאַלן.

— איך ווייס, אַז איר באַרגט נישט מער קיין געלט אויף משכנות. איך האָב זיך אָבער נישט צו ווענדן צו ווענדן. איר מוזט מיך ראַטעווען מר טאַסקאַני, איך מוז אַנטלויפן פון געטאָ.

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אָנלען און מיט נייגעריקייט געפרעגט.

— פאַרוואָס מוזט איר אַנטלויפן פון געטאָ? און ווי אַזוי וועט איר אַנטלויפן?

דאַנאַ פעסאַרא האָט זיך מיד אַרונטערגעלאָזט אויף דער באַנק, העכער אויפגעהויבן דעם שלייער און אים פאַרוואָרפן אַריבער די האָר פון קאָפּ.

— דער משומד גאַלאַטי האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ אויף מיר. עמעץ האָט מיך געזען מיט דעם גראַף פּיטיגליאַנא אין די קאַרניוואַל־טעג, זיי וועלן שיקן די אינקוויזיטאָרן נאָך מיר.

עזריאל טאַסקאַני האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, האָט שווער אָפּגעזיפצט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס זעקעלע צירונג אויפן טיש, ווי עפּעס אַן אומוויכטיקע זאַך, זיך אומרואיק אויפגעהויבן פון שטול.

— די קהלה האָט איך געוואָרנט, אַז קיין יידישע טאָכטער זאָל נישט גיין אַליין צו קיין קריסט אין הויז אַריין. מיר האָבן גענוג אומגליקן אָן איך...

ער האָט זיך אַ דערצאָרנטער געלאָזט לויפן איבערן צימער. ער האָט אָבער לאַנג נישט געקענט גיין. די שוואַכע פיס האָבן נישט געקענט האַלטן זיין שווערן קערפּער. ער האָט זיך גענומען וואַקלען. דאָנאַ פעסאַרא האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. אים אָנגענומען ביי די הענט און לייכט אים אַוועקגעזעצט אויפן שטול.

דער שמעקנדיקער גערוך פון איר קערפּער האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים. אירע ווייסע הענט, האָבן לייכט, גלעטנדיק, ווי אַדורכגעשוועבט איבער זיין פּנים. אָנגערירט זיינע הענט. אַ ציטער האָט דורכגעשטראָמט איבער זיין לייב. ער איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אַ פאַרשמאַכטער מיט אַ נאָגנדיקע זיסקייט אין האַרץ־גריבל. עס האָט אים ווי אויסגעפּעלט אָטעם.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַר זיין אייגענע שוואַכקייט. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן. דאָנאַ פעסאַרא איז שוין ווי־דער ווי פריער געזעסן קעגנאיבער אים אויף דער באַנק. עס האָט אים אַרומ־גענומען אַ גרויס רחמנות צו איר. איר פּנים איז געווען בלאַס אויסגעווייטיקט פון יסורים. די ברעמען מיט די לאַנגע וויעס האָבן פרום־צניעותדיק אַריבער־געהאַנגען איבער אירע אויגן. ער האָט געקוקט אויף איר און נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס דער גראַף פּיטיגליאַנא, האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, זיין אָנזען פאַר דער מיידל, פונקט אַזוי, האָט מסתמא מיט דעם דוכס פון פּאַרמאַ פּאַסירט, צוליב וועמען איר מוטער איז אומגעקומען . . .

— זייט מיר מוחל, וואָס איך בין אייך געקומען פאַרשאַפן עגמת נפש. איך ווייס אַז איך האָב זיך נישט אויפגעפירט גוט. איך בין אָבער נישט געווען אין זיין הויז, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן.

— זיי איז אַלצאיינס וואָס איר האָט געטאָן. אָבי זיי קענען פירן אינטרי־געס און פאַרמשפּטן דעם ייד. — האָט טאָסקאַני צו איר מילד גערעדט.

דאָנאַ פעסאַרא האָט נאָך טיפער געזונקען איר קאָפּ. זי האָט שטיל גע־וויינט. פון אירע אויגן האָבן די טרערן גערונען געלאָסן. זי האָט מיטן ברעג פון איר וואָאַל געווישט דאָס פּנים.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, גענומען דאָס זעקעלע צירונג צוגעגאַנגען צו איר נאָענט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע איבער איר גע־זונקענעם קאָפּ. ער האָט נאָכגעטראַכט וואָס איר צו זאָגן. צו באַרואיקן איר דערשראָקן האַרץ. דאָס מיידל איז אים פּלוצים געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז ער האָט אַ גלעט געטאָן איר איבער די האָר.

— פאָלג מיך און גיי איצט אַהיים. קיין געלט קען איך דיר נישט באָרגן

און טאַר נישט.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט אויפגעהויבן איר בלאַס פּנים, מיט אַן אויסגע־שטרעקטן בעטנדיקן האַלדז.

— איך קען נישט קינד מיינס. מיט מיין געלט קען איך גורם זיין דיין אומגליק. ווען זיי האָבן אויף דיר באַוויזן וואָלטן זיי דיך שוין לאַנג געגומען... דערצו גיב איך מער נישט קיין געלט אויף משכנות. — האָט טאָסקאַני גע־זאָגט און אַוועקגעלייגט לעבן איר דאָס זעקעלע צירונג.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקעלע צירונג. עס גיך אויפגעבונדן, אויסגעשאָטן אויפן טיש קייטעלעך, בראַסלעטן, פינגער־לעך, ציטער־שפּילקעס מיט איידל שטיינער. זי האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן מענערישן סאַגינעט אָפּגעווישט דעם זיגל־שטיין און אַ פינקל געטאָן מיט דעם פאַרמאַ־עמבלעם.

— באַרגט מיר אויף דעם, דאָס האָט דער דוכס פון פאַרמאַ געשאָנקען מיין מוטער.

עזריאל טאָסקאַני האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אָפּגעזיפצט. ער האָט באַטראַכט דעם זיגל־שטיין, וואָס האָט מיט מיניענדיקע קאָלירן געוואָרפן גלי־ענדיקע ציטער־שפּריצן. ער האָט דעם שטיין צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש אים ווי פאַרשאַרט צווישן צירונג און אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר דעם גרויסן חשק דווקא צו קוקן אויף דעם טייערן איידל־שטיין.

— ער איז טאַקע נאָך היינט ווערט אַ פאַרמעגן, — האָט טאָסקאַני געזאָגט.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט דערפון מיט אַ גרויס דערלייכטערונג געשמייכלט ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז איצט קומט איר הילף.

עזריאל טאָסקאַני האָט אָבער אַ פאַרכמורעטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איך קען אים אָבער נישט נעמען. דו ביזט שוין נישט קיין קינד, וועל איך דיר זאָגן. די קהלה האָט אַמאָל איינגעלייגט וועלטן פאַר דיין מאַמען צו באַוויזן, אַז מען האָט אויף איר געמאַכט אַ בלבול. דער שטיין אָבער באַווייזט, אַז ער האָט געהאַט גרויס תשוקה צו איר דער דוכס, אַז זי איז געווען נאָענט מיט אים . . .

די לעצטע ווערטער האָט טאָסקאַני אויסגערעדט זייער שטיל ווי ער אַליין וואָלט מיט עפּעס איר נישט געוואָלט באַליידיקן און ווי טאָן.

דאָנאַ פּעסאַראָ האָט זיך אויפגעשטעלט, איר פּנים איז געווען בלאַסער ווי פריער.

—עס בלייבט מיר איבער זיך צו דערטרינקען אין טיבער טייך. איך וועל זיך נישט לאָזן פאַרברענען ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט מיין מאַמען.

זי האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו דער טיר. אַרונטערגעלאָזט דעם שלייער איבערן פּנים, און גיך זיך אַרויסגעלאָזט פון הויז.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אַריס געטאָן פון אָרט מיט אַזאַ תשוקה צו דעם מיידל, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט צו קיין שום פרוי. ער האָט געפילט, אַז ער האָט מיט די אייגענע הענט אַוועקגעוואָרפן אַ טייערע זאַך צו וועלכן ער האָט אַ גאַנץ לעבן געבענקט. ער האָט גיך צונויפגעשאַרט דאָס צירונג פון טיש און נאָכגעשריגן מיט אַ גרויס געבעט. ווי מען וואָלט אים עפּעס אונטערגעוואָרפן אַ נישט גוייטיקע זאַך, אַן עדות, אַז ער האָט נישט געהאָלפן אַן אומגליקלעכן מענטשן אין דער ביטערסטער שעה.

— דאָס צירונג! דאָס צירונג האָט איר פאַרגעסן!

דאָנאַ פּעסאַראָ האָט זיך נישט אומגעקערט. עזריאל טאָסקאַני איז צוגעלאָפן צום פענצטער. ער האָט געזען ווי דאָס מיידל האָט זיך געוואָקלט פאַמעלעך מיט איר שיינעם וויגנדיקן קערפּער ווי אַ פאַרטוּיבטע, טאַקע ווי איינע, וואָס גייט זיך דערטרינקען. פון צייט צו צייט איז איר קאָפּ געפאַלן פאַרחלשט אין אַ זייט, ווי זי וואָלט געווען פאַרשיכורט פון איר ווייטיק.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך דערשראָקן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אין צימער האָט נאָך געווייעט מיט דעם בשמימדיקן גערוך פון ציפּרוס־פּודער, וואָס האָט גערייצט זיינע נאָז־פליגל אָנגעפילט מיט דער תשוקה וואָס האָט געמאַכט האַסטיקער קלאַפּן זיין האַרץ. ער האָט געפילט, אַז זיין לייב איז איצט באַקרעפטיקט געוואָרן מיט נייע כוחות, וואָס אָט די פרוי האָט אויפגעוועקט אין אים. ער האָט ווי אַ פאַרטוּיבטער פון אייגענע שכרות שנעל איינגעפּאַקט דאָס צירונג, גענומען אויף זיך דאָס כאַלאַט, דעם הוט אויפן קאָפּ, און זיך אַרויסגעלאָזט פון הויז.

אַ פרישׂ זומערדיק ווינטל מיט דער פייכקייט פון טיבער־טייך האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים. ער האָט זיך מיט אַ דערלייכטערונג אַוועקגעלאָזט נאָך דער מיידל. אויב זי גייט זיך טאַקע דערטרינקען וועט ער איר נישט לאָזן. ער וועט איר געבן צו פאַרשטיין ווי יונג און שיין עס איז איר געשטאַלט. אַז ער וועט טאָן אַלץ איר צו ראַטעווען. דערווייל איז נאָך די אינקוויזיציע נישט געקומען. אפשר שרעקט איר בלויז דער משומד.

ער האָט אָבער גלייך צו זיך טרויעריק אַ שמייכל געטאָן. דער משומד גאַלאַטי שרעקט נישט אומזיסט. ער ווייסט עס פון זיך אַליין, אפשר זאָל ער איר טאַקע אויסבאָרגן געלט און דווקא אָן אַ משכון. איז אָבער די פראַגע ווי אַזוי וועט זי אַרויס פון געטאָ, נישט אַנדערש זי וועט איבערקויפן דעם וועכטער ביים טויער. נאָכדעם וועט זי זיך אַוועקלאָזן צו דעם קאַוואַליער פּיטיגליאַנאַ ער זאָל איר העלפן. ער וועט דערווייל אַרומהוליען מיט דער מיידל ביז מען

וועט זי כאַפּן און סיי ווי פאַרבּרענען. וואָס זשע איז דער אונטערשייד איז דאָך שוין בעסער זי זאָל בלייבן אין געטאָ, וועט די וועלט כאָטש זען דעם גרויסן אומרעכט, וואָס מען טוט מיט אַן אָרעם יידיש מיידל. ווי אַזוי וועט ער איר דאָס אַלץ קענען זאָגן? זי זעט טאַקע אויס צו זיין אַ קלוג מיידל, זי וועט אים פאַרשטיין. פון דער אַנדערער זייט ווי קען ער אָפּרעדן אַ מענטש וואָס וויל זיך ראַטעווען, ווי זי פאַרשטייט אַליין. צי האָט ער נישט געטאָן זאַכן, וואָס ער וואָלט נישט באַרעכטיקט אַנדערע זאָלן טאָן. האָט ער זיך נישט פאַרקויפט צום מאַנסעניאָר טשענטשי כדי צו ראַטעווען זיין נפש. אפשר וועט זי זיך קענען ראַטעווען. עס זעט אויס, אַז זי איז נישט איינגעליבט אין דעם קאַוואַליער פּי־טיגליאַנאָ. זי האָט אים בלויז באַגעגנט אין די קאַרניוואַל־טעג. אפשר וועט זי זיך דורך יענעם ראַטעווען. ער וואָלט מיט איר געדאַרפט איבעררעדן, זי זאָל לויפן קיין אַנקאָנאַ און דער זעלבער צייט וואָרענען די מאַראַנען, זיי זאָלן אַנטלויפן, ווארעם דער פויפסט האָט שוין צוגעגרייט אַ נייע גזירה זיי צו פאַר־טיליקן.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט פון זיי־נע אומרואיקע דמיונות. ער האָט זיך אומגעקוקט און נישט גע זען דאָס מיידל פאַר זיך. ער האָט געזומען לויפן, קוקן אין אַלע זייטן. וואָס האָט ער זיך דאָס פאַרטאָן אין נאַרישע מחשבותן און פאַרלוירן דאָס מיידל פון די אויגן. ענדלעך האָט ער לייכטער אָפּגעזיפצט. דאָנאַ פּעסאַראָ האָט זיך געהאַט אָפּגעקערט פון באַרג אַראָפּ צום טייך, און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער "וויאַ דעלאַ טעמפּפּיא", וואָס האָט געפירט צו איר היים.

די געטאָ געסלעך זענען געלעגן אפּן מיט אַן אויסגעליידיקטע שטילקייט. בלויז פון דער "דעללא סקואלא" האָט זיך געטראָגן דער טומל פון דער חתונה. ער האָט אַרונטערגעקוקט צו די שמאָלע נידריקע געסלעך, צום טיבער־ברעג, פון דאָרט האָט זיך געהויבן אַ גראָלעכער נעפּל, ווי שיטערע וואָלקנס וואָלטן זיך געקנוילט איבערן טייך. פון דער אַנדער זייט טייך, האָט זיך צווישן די גערטנער אויפגעהויבן אַ גרויסע געלבלעכע לבנה, ווי אַן אויסגעגליטער קו־פּערנער קיילעך, אַ ברוינע ליכטיקייט האָט באַהעלט דעם פאַרשאָטנטן טאָל. דעם טיבער־אינדזל מיט די מאַסיווע קלויסטערשע געביידן. דער בלאָער הימל איז ווי טונקעלער געוואָרן. פון דער בלאָער טיפקייט, האָבן די שטערן גע־שפּריצט מיט אַ שאַרפן, בליצנדיקן פיבער, דאָ און דאָרטן, האָט אַ שטערן זיך אָפּגעריסן פון אַן אָנגעפּיקעוועט קרענצל, זיך אַריס געטאָן אין דעם בלאָען רוים, דורכשניידנדיק ווי מיט אַ שאַרפן דימענט די לופט, און איבערגעלאָזט אויף אַן אויגנבליק אַ דינעם, זילבערנעם פאָדעם הינטער זיך.

דאָס מיידל דאָנאַ פּעסאַרא איז אַריבער דעם אויסגעליידיקטן סקווער און

איז אַריין אין דעם גרויסן פּאַרוואַרלאָזטן פּאַלאַץ. עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אָוועקגעשטעלט ניט ווייט פון דעם הויכן, פּאַרטריקנטן פאָנטאַן, זיך אָנגעלענט ביי דער פּאַראַסטעטער קייט און אַרויפגעקוקט צו דער אַלטער געביידע. איין פענצטער אויפן צווייטן גאָרן איז געווען באַלויכטן מיט אַ געלבלעכע, שאָטנדיקע ליכטיקייט, ווי עס וואָלט געברענט אַ יאָרצייט ליכט. פון יענעם פענצטער האָט זיך מיט אַמאָל געהערט אַ שטיל כליפּנדיק געוויין.

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך האַסטיק געלאָזט צום הויז. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך אַרויף מיט די ברייטע טרעפּ. דאָס געוויין איז געקומען נענטער. ער האָט שוין דייטלעך געהערט, אַז דאָס וויינט אַזוי דאָס מיידל דאָנאַ פּעסאַרא. עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע ביי דער טיר, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינהערן צו נאָך עמעצער געפינט זיך אין איר שטוב. ער האָט געעפנט די טיר און שטיל אַריינגעגאַנגען. אין דעם נאָענטן שלאָף־חדר מיט די ברייטע אָפענע אַלקער־טירן, איז דאָס מיידל דאָנאַ פּעסאַרא געלעגן אויף דעם ברייטן הימל־בעט, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ ווייסן איבערדעק. זי איז געלעגן איינגעקאָרטשעט מיט אירע שלאַנקע פיס הינטער זיך. אירע ברוינלעכע האָר זענען געווען צעפּאַטלט, זי האָט שטיל געכליפּעט, ווי זי וואָלט געוואָלט פּאַרדושן איר געוויין אין קישן . איר גאַנצער קערפּער האָט מיטגעוויינט. אירע שיינע, רונדיקע אַקסלען, האָבן זיך צאַפּלענדיק געוואָרפן. אירע קיילעכדיקע היפטן, האָבן ציטערנדיק געדעכעט.

עזריאל טאָסקאַני איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר און שטיל געזאָגט.

— פּעסאַרא דו האָסט פּאַרגעסן צו נעמען דיין צירונג. דאָס צירונג איז ווערט אַ פּאַרמעגן, איך האָב עס דיר געבראַכט.

דאָס מיידל האָט זיך האַסטיק און דערשראָקן אויפגעכאַפּט. אירע אויגן זענען געווען רויט. דאָס פּנים אויסגעווייקט פון טרערן, אַזש די האָר אַרום דעם קאָפּ זענען געווען נאַס. זי האָט אויפגיך גענומען אָפּווישן דאָס פּנים מיט דעם שלייער און שטיל געכליפּעט.

— איך דאַרף מער נישט דאָס צירונג, מיר איז אַלץ איינס. איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דער באַבען איידער איך מאַך אַ סוף צו מיין לעבן.

— דו דאַרפסט דאָס נישט טאָן. דו ביסט אַזוי יונג און שיין פּעסאַראַ — האָט עזריאל טאָסקאַני צו איר פּאָטערלעך גערעדט.

דאָנאַ פּעסאַראַ האָט געקוקט אויף אים מיט פּאַרחידושטע אויגן. נאָכדעם האָט זי געזאָגט ווי פּיעשטשענדיק זיך.

— קיינער דאַרף מיך דאָ נישט. צוליב מיין אומגליקלעכער מאַמע בין איך פון אַלעס פּאַרשטויסן. — זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַן אויסגעשטרעקטן, בעטנדיקן האַלדז. טרערן אָן געוויין האָבן אָנגעפּילט אירע אויגן.

עזריאל טאָסקאַני האָט געשמייכלט צו איר מיט אַ מאָדנע אומבאַהאָלפּנ־קייט. ער האָט איר אויף דעם גאָרנישט געהאַט צו ענטפערן. ער האָט איר גע־וואָלט העלפן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ נויטווענדיקייט צו העלפן ווי אָט דאָס מיידל מיט דעם אויסגעשטרעקטן האַלדז צו אים. דאָנאַ פּעסאַרא האָט ווי דערפילט ווי טיף געריירט טאָסקאַני איז פון איר אומגליק. זי האָט זיך ראַפּטום אַראָפּגעגליטשט פון בעט און ווי געפאַלן צו זיינע פיס.

— סעניאָר טאָסקאַני העלפט מיר, ראַטעוועט מיך! איר זענט דער איינ־ציקער אין געטאָ וואָס קען מיך פאַרשטיין... איך קען דאָ מער נישט זיין.

— נו הויב זיך אויף, עמעצער קען נאָך אַריינקומען און דיך זען אַזוי...

עזריאל טאָסקאַני האָט דערפילט אַ מאָדנע צאַפּל ביים האַרץ גריבל. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, סיי פון דעם, וואָס ער ווערט באַצוואונגען פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן געפיל וואָס האָט אים אַזש דאָ אַהער געבראַכט, סיי פון דעם וואָס ער וועט דעם מיידל מוזן העלפן.

— איך וועל דיר שוין מוזן אַנטלייען אביסל געלט, אָבער קיין מש־כנות וועל איך ביי דיר נישט נעמען.

דאָנאַ פּעסאַרא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אירע אויגן האָבן אַ בלענ־געטאָן מיט אַ פיבערדיקע, ליכטיקע פרייד. זי האָט אויפגעהויבן די הענט מיט אַ באַוועגונג צו אים, ווי זי וואָלט פון גרויס דאַנקבאַרקייט אים געוואָלט אַנ־נעמען ביים האַנט. זי איז אָבער גלייך געבליבן צוריקגעהאַלטן ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט ווער טאָסקאַני איז. אַלץ האָט ביי איר אויסגעזעען ווי אַן אויסטער־לישער חלום. זי האָט צוריק אַרונטערגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט נאָכגע־טראַכט וועגן אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר מיט איר.

טאָסקאַני האָט זיך איינגעבויגן צו איר און שטיל געזאָגט.

— גלויב מיר איך טאָר דאָס נישט טאָן. מיט מיינע אייגענע הענט אַרויסשיקן אַזאַ ווי דיך פון געטאָ צווישן אַזוי פיל וועלף... נאָר איך ווייס נישט, איך האָב רחמנות אויף דיר.

דאָנאַ פּעסאַראַ האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דיל און זיך אַוועק־געזעצט ביים ראַנד פון בעט און געשמייכלט צו אים מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, פאַר דער גרויסער גוטסקייט וואָס אַזאַ חשובער מענטש פון געטאָ ווייזט אַרויס צו איר.

עזריאל טאָסקאַני האָט אויפגעהויבן די פּאָלע פון זיין כאַלאַט, און פון דער הינטערשטער יאַקע אַרויסגעשלעפּט אַ זעקעלע מיט געלט און עס אַוועק־געלייגט אויף אירע הענט.

—איך זע אַז דו ביסט אַ קלוג מיידל, מיט אַ יידיש האַרץ. האָב איך צו דיר אַ בקשה, אויב דיר וועט געלינגען אַרויס פון געטאָ, גיב אַוועק אַ שטיק

צירונג און לאָז וויסן דעם רופא ליזיטאַניוס פון אַנקאָנאַ, אַז די מאַראַנען זאָלן אַנטלויפן, ווארעם אַ שווערע גזרה האָט דער פויפסט צוגעגרייט פאַר זיי.

דאָנאַ פעסארא האָט ברייט געעפנט אירע בלענדנדיקע, ווי פאַרנעפּלטע בלאָלעכע אויגן, און מיט גרויס פרייד אויסגעשריגן.

— איך וועל עס טאָן, אַפילו מען זאָל מיך כאַפּן, אַפילו מען זאָל מיך פירן צום פייער וועל איך עס טאָן.

ענדלעך האָט זי שוין מיט עפעס אים אָפּצודאַנקען. זי האָט אַ גאַנץ לעבן געוואָלט עפּעס טאָן וויכטיקע זאַכן, צו באַווייזן אַז אומזיסט איז זי פאַרשטויסן געוואָרן אין געטאָ, אויך ווי צו פאַרגיטיקן די זינד פון איר מוטער. ענדלעך איז געקומען די צייט, וואָס זי וועט קענען עפּעס טאָן פאַר אירע אומגליקלעכע ברידער.

עזריאל טאָסקאַני האָט איבערגעריסן איר טראַכטן.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס טאָן. האָסט עפּעס אַ פּלאַן. — האָט ער שטיל געפרעגט. — כמיין דער פּיטיגליאַנא.

דאָנאַ פעסארא האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און פּאַמעלעך אויסגע־מורמלט.

— כוויס נאָך נישט סעניאָר טאָסקאַני. ער וועט עס מעגלעך טאָן פאַר מיר. אָדער עמעצער פון זיינע דינער. איך וועל זיי אָוועקגעבן דעם זיגל־שטיין פון דעם דוכס פון פּאַרמאַ . . .

עזריאל טאָסקאַני האָט אָפּגעזיפצט מיט גרויס דערלייכטערונג. ער האָט געגלויבט אין אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט דאָס דורכפירן.

— דו ביסט מיר אַליין אַ גרויסער שאַד... איך בעט דיך, זע און ראַטעווע זיך אַרויס פון רוים, פון דעם פּיטיגליאַנא. ער וועט דיך פירן צום פייער. אַנטלויף קיין אַנקאָנאַ. איך פאַר אינגיכן דאָרט אַהין וועל איך זען דיר צו העלפן דאָרט.

דאָנאַ פעסאַראָ האָט שעמעוודיק אַרונטערגעלאָזט די אויגן. אירע באַקן זענען געוואָרן ראָזאָווע צעפלאַמט. זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

— איך וועל טאָן ווי איר הייסט מיך סעניאָר טאָסקאַני.

פון דרויסן האָט זיך מיטאַמאָל געהערט טריט. שנעלע האַסטיקע מיידל־שע טריט. עזריאל טאָסקאַני האָט ווי דערשראָקן זיך לייכט אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיך ווי דערמאָנט, אַז אויב עמעצער וועט אים דאָ טרעפן וועט מען אים גלייך באַרעדן אין געטאָ. דערצו, ווען אַלע וויסן, אַז ער איז גאָר קראַנק.

דאָנאַ פעסארא האָט פלינק צוגעשלייכט צו דער טיר און זי שטיל פאַר־ריגלט.

— דאָס לויפט מיין חברטע, דעם פישער יונתנס מיידל. זי האָט ביי איך געדינט... איך וויל נישט זי זאָל זיך מיט אייך דאָ טרעפן.

עזריאל טאָסקאַני האָט באַגיטיקדנדיק אַ שמייכל געטאָן מיט גרויס דער־לייכטערונג. זי איז צוגעגאַנגען זער נאָענט צו אים. ער האָט געפילט צו איר אַזאַ היימישקייט ווי ער וואָלט זי שוין געקענט פון לאַנגע יאָרן. זי האָט אים צוגעפירט צו אַ זייטיקע טיר. דער הויך פון איר אָטעם, דער גערוך פון איר לייב האָט ווי אַנגעצונדן זיינע גלידער. זיינע נאָז־פליגלען האָבן געציטערט. זיינע הענט האָבן זיך אַ שטרעק געטאָן ווי מיט אַ געבעט צו איר . . .

דאַנאַ האָט געעפנט די טיר און שטיל געזאָגט:

—איך וועל אייך זוכן אין אַנקאָנאַ סעניאָר טאָסקאַני.

עזריאל טאָסקאַני איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען. דאָס טונקעלע אויפלעמפל אין פעדער־הויז האָט קוים, קוים באַלויכטן די טרעפּ. ער איז געשטאַנען אַ ווײלע ווי אַ באַטריבטער פון די אַלע איבערלעבונגען. ער האָט געהערט ווי דאנא פעסארא האָט געעפנט די טיר פאַר איר חברטע. ער האָט זיך איינגעהערט צי קיינער קומט אים נישט אַנטקעגן פון דרויסן. ער איז שטיל אַרונטער פון די טרעפּ, און זיך האַסטיק אַרויסגעלאָזט צו דער שטילער אויס־געליידיקטער גאַס.

# איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער קרומלעכער סקווער, די „פּיאַצאַ דעללאַ סקואלאַ" איז אין יענעם אָוונט געווען געפּאַקט מיט מענטשן פון גאַנצן געטאָ.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך רעשדיק געשטופּט צו דעם גרויסן רחבותדיקן הויז מיט די לאַנגע, באַלויכטענע פענצטער פון ראש הקהל רב הלל. די קהלה שמשים מיט די שוואַרצע, קורצע כאַלאַטן, מיט ווייסע זאָקן ביז די קני־הויזן, האָבן אָפּגעשטופּט די אומגעבעטענע געסט, וואָס האָבן זיך געריסן צום פּעדער־הויז. לייטישע מאַמעס, האָבן פעסטער ווי אַלעמאָל געהאַלטן לעבן זיך די אומ־רואיקע טעכטער. דאָ און דאָרט האָבן זיך ביי די מאַמעס אַרויסגעריסן שטילע זיפצן מיט אַ בענקענדיקער האָפערדיקייט, אפשר וועט טאַקע גאָט העלפן און זייערע דערוואַקסענע טעכטער וועלן אויך קענען חתונה האָבן, ווי גאָט האָט געהאָלפן די יתומה, די כלה רחל.

די עלטערע מיידלעך, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעריסן פון די מאַ־מעס פאַרטעכער, האָבן זיך געהאַלטן געאַרעמט גאַנצע רייען, זייערע צאַפּלדיקע מיידלשע קערפּערס, האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. זיי האָבן מיט גרויס פרייד און שושקנדיקע געלעכטערס אויפגעכאַפּט די בליקן פון די יונ־געלייט, וואָס האָבן זיך לייטיש מיט אויפגעלויכטענע אויגן, מיט צעפלאַמטע באַקן, דורכגעשאַרט פאַרביי די מיידלעך, געוואָרפן שעמעוודיקע זייטיקע בליקן פול מיט גלוסטעניש און בענקשאַפט. דאָ און דאָרט האָט אַ חתן פונדערווייטנס באַמערקט זיין כלה און זיי האָבן מיט אַ שעמעוודיקן צאַפּל אַרונטערגעלאָזט די אויגן. די בלאַס פאַרזאָרגטע פנימער האָבן אויפגעפלאַמט. די הערצער האָבן געקלאַפּט מיט גרויס תשוקה צוצוקומען נאָענט איינער צום אַנדערן, צו פאַרשווינדן ערגעץ אין אַ זייטיקן ווינקל און זיין אַליין, אַליין ווייט פון מענטשנס אויגן. לייטישע עלטערן, האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף זייערע קינדער. אָפּצוהיטן די תקנות פון געטאָ, אַז די חתנים מיט די כלות זאָלן

זיך נישט טרעפן ווי ווייט מעגלעך צו נאָענט איינע מיט דעם אַנדערן. גאָט זאָל זיי אויסהיטן פון דעם חשק זיך אָפּצוזונדערן. איבערהויפּט נאָך דעם אומ־גליק וואָס איז פאַרגעקומען לעצטן ווינטער מיט דעם פישערס טאָכטער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ביטערן סוף. און אַלץ איז געקומען צוליב אירע עבירות מיט איר חתן דעם קצב־יונג, וועלכער איז דערטרונקען געוואָרן בעת דער פאַר־פלייצונג... דערפאַר דאַרפן די עלטערן אויסהיטן די קינדער פון זינד.

אויך שושנה דעם פישערס צווייטע טאָכטער איז היינטיקן אָוונט געקו־מען צו דעם פריילעכן געפּאַקטן סקווער. זי איז אָבער אַנדערש ווי אַלע מייד־לעך געקומען אַליין. קיינער אין געטאָ האָט זיך מיט איר נישט געחברט. אויך איר לעצטע חברטע, די קורטיזאַנקעס טאָכטער דאָנאַ פּעסאַרא. האָט זי מער נישט געזען, ווארעם זי האָט מורא געהאַט פאַר איר פאָטער צו קומען צו יע־נער אין הויז. זי האָט אים אויך געפאָלגט איר פאָטער און אים נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים.

דאָ אויף דעם סקווער, האָבן אַלע איר אויסגעמיטן. די אָרעמסטע מייד־לעך פון דער פּיומאַראַ, מיידלעך מיט רויטע טריבע אויגן, ווי אָפענע טריפנ־דיקע וואונדן פון אַרבעטן אין די ברודיקע קעלער־וואַרשטאַטלעך מיט דער נאָדל, אויך זיי, האָבן פאַרשעמטע אַרונטערגעלאָזט די פאַראייטערטע ברעמען ווי זיי וואָלטן זי נישט געוואָלט פאַרשעמען. שושנה האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט אויפן סקווער צו זיין ביי דער חופּה פון דעם ראש הקהלס טאָכטער, רחל. זי האָט אָבער היינטיקן אָוונט נישט גע־קענט זיצן אינדערהיים .דער פאָטער יונתן האָט שוין נאָך שלושים, נישט אויפ־געהערט טרויערן נאָך איר שוועסטער. ער זיצט אויף זיין נידריק שבעה בענ־קעלע אין הויז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אָפּגעלאָזן, פאַרזונקען אין זיך. אַ שרעק באַפאַלט איר יעדן אָוונט, ווען זי בלייבט מיט איר פאָטער אין הויז. דער רו־פא עמנואל סאבאטי איז געווען ביי זיי אין הויז. ער אַליין איז געקומען זיי פאַרבעטן אויף דער חתונה, חוץ שמשים, וואָס זיי האָבן געשיקט צו אים. איר פאָטער איז אַלץ געבליבן זיצן פאַרזונקען אויף זיין נידריק בענקעלע. אָבער היינטיקן אָוונט, האָט דער פאָטער איר געהייסן אַרויסגיין. איר געהייסן אָנטאָן שיינע קליידער און גיין אויף דער חתונה. זי האָט אים צוליב געטאָן. ערשט איצט זעט זי ווי נאַריש זי איז געווען. אויך אינעווייניק ווייסט איר מזל נישט זיין בעסער, אפשר וועט די כלה זיין צו איר פריינטלעך, אָבער די מיוחסדיקע ספרדישע פאַמיליעס. אַפילו די אָרעמע וועלן איר אויסמיידן, און צו וואָס דאַרף זי די בושה.

שושנה איז געבליבן שטיין אויפן סקוועד מיט איר געלבלעכן וואואל אַביסל אַרונטערגעלאָזט איבער איר שטערן, ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו ווייזן

דאָס פּנים. זי האָט נישט געהאַט וואו צו גיין. אַהיים וועט איר פאָטער אויפסניי האָבן עגמת נפש. בלייבט איר ווידער איבער די איינציקע דאָנאַ פּעסאַרא, די קורטיזאַנקעס טאָכטער. זי האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין פון סקווער ווי מיטאַמאָל האָט זי נישט ווייט פון זיך דערזעען איר געוועזענעם חתן גימפּלין דעם אַלטוואַרג הענדלער משה מינזיס זון. דאָס האַרץ האָט ביי איר גענומען האַסטיק קלאַפּן נישט דווקא פון גרויס בענקשאַפט צו אים ווי געוויינלעך די אַנדערע מיידלעך, וואָס האָבן דאָ געזען זייערע חתנים, נאָר פון גרויס שנאה צו אים. ער און זיין פאָטער, זענען דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן איר אַזוי טיף באַליידיקט מיט אָפּשיקן איר די תנאים.

איר געוועזענער חתן גימפּלין האָט זיך געשאַרט אומרואיק צווישן דעם געדיכטן עולם, געזוכט אין אַלע ווינקלען, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. שושנה האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן, אפשר טאַקע זוכט ער דאָס איר. זיין אויסזען איז געווען פּונקט אַזוי אומגעלומפּערט, ווי זי האָט אים געדענקט פון פריער, אַ לאַנג, אויסגעצויגן שפּיציק פּנים מיט גרויסע רויטע אויערן. מסתמא טראָגט זיך איצט אויך פון אים אַ גערוך, ווי פון אַלטע טוכלע קליידער, וואָס זי געדענקט נאָך פון דער נאַכט בעת די תנאים. ער איז איצט גראַדע געווען חתנדיק אויסגעפּוצט, אין שיינע, אַביסל צו גרויסע קליידער. פון הינטער דעם אויפגעקנעפּלטן מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען אַ קאָלירטע וועסט, אַ טויניק פאַרהעקלט מיט אַ זילבערנעם שלאָס. זיין לענגלעך פּנים מיט דער הויקערדיקער רוימישער נאָז, איז געווען אויסגעצערטער. די גאָמבע פאַרשפּיצטער ווי אַלעמאָל. ער איז שוין געווען אַזוי נאָענט פון איר, אַז זי האָט שוין געקענט זען זיינע ווי גלאָזיקע, בלאָלעכע אויגן־לעכער, ווי ביי אַ שאַרבן. שוואַרצע ריימלעך, האָבן טיף אונטער די אויגן ווי אויסגעטריקנט זיינע איינגעפאַלענע באַקן. די בלאָנדע, געלבלעכע הערעלעך, האָבן אומגעלומפּערט געשפּראָצט אויף זיין אויבערשטער, אַרויפגעשאַרטער ליפּ, אויף זיין שפּיציקער גאָמבע. זיינע ליפּן, זענען געווען שוואַרץ, און צעשפּאָלטן ווי ביי אַ פּיבער קראַנקן.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ווי אַ וואַקל געטאָן פון אַ גרויסער אומגעריכטער אויפטרייסלונג. עס האָט געדויערט אַ רגע. זיינע אויגן, האָבן זיך ברייט געעפנט געקוקט אויף איר מיט פאַרוואונדערטע צעפלוטעטע אויגן. שושנה האָט אַרונטערגעלאָזט איר וואואַל און איז ווי אַ ברוגזע, האַסטיק אַרויס פון סקווער. זי האָט זיך געלאָזט מיט איילנדיקע טריט איבער די שמאָלע געסלעך. דאָ און דאָרט איז אַ בחור מיט אַ מיידל פאַרשוואונדן אין אַ פאָדער־הויז. פון דער פינצטערניש האָט זיך געטראָגן אַ שטיל שעפּטשען . . . די געסלעך זיינען געווען שטיל און אויסגעליידיקט

פונדעסטוועגן האָט שושנה געהאַט דאָס געפיל, אַז גימפּלין גייט איר נאָך. זי האָט זיך ווי מורא געהאַט אויסצודרייען. וואָס קען ער וועלן פון איר. אפשר וויל ער זיך פאַרענטפערן, אַז נישט ער, נאָר זיין טאַטע האָט אָפּגעשיקט די תנאים. אָדער האָט ער אפשר חרטה. סיי ווי וויל זי אים נישט טרעפן. זי האָט אים פיינט, תמיד פיינט געהאַט. ווען נישט איר פאָטער, וואָס האָט איר איינגערעדט וואָס פאַר רייך און פרום הויז ביי זיי פּירט מען, וואָלט זי קיינמאָל מיט אים נישט תנאים געשריבן. אויב ער האָט טאַקע חרטה, וועט זי אים שוין גוט אויספייניקן. זיין אויסזען וועט נאָך ווערן ערגער פאַר די בזיונות וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. פון וואָס איז טאַקע זיין פּנים אַזוי אויסגעצערט? און די ליפּן ווי ביי אַ קראַנקן? עס איז מסתמא פון בענקשאַפט צו איר. עס נעמט איר מיטאַמאָל אַרום אַ גרויס רחמנות צו אים. אפשר איז ער טאַקע גאַרנישט שולדיק. אָבער באַלד שטאַרקט זי זיך .ניין, אויף די מינזיס דאַרף מען נישט האָבן קיין רחמנות. זי וועט זיין די לעצטע צו האָבן מיטלייד מיט זיי. דערצו וויל זי פריער גוט דורכרעדן זיך מיט דאָנאַ פעסאַרא. זי פאַרשטייט זיך אויף אַזעלכע זאַכן.

פאַר אירע אויגן האָט זיך געעפנט דער קליינער סקווער מיט דעם פאַרטריקנטן פאָנטאַן. אַ בלאַס געלבלעכע לבנה ליכטיקייט האָט ווי צעטיילט דעם סקוועיר, איין העלפט פאַרשאָטנט מיט די הויכע, אַלטע פאַרוואַרלאָזטע רוימישע הייזער. שושנה האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט צו זען אויב גימפּלין גייט איר נישט נאָך. הינטער איר איז מער קיינער נישט געווען. איצט האָט זי זיך אַ באַרואיקטע אַוועקגעלאָזט צו דעם אַלטן באַקיפּודאַליאַ פּאַלאַץ, וואו צווישן די פיל איינוואוינער האָט אויך געוואוינט איר חברטע דאנא פעסארא.

ווען זי איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט זיך שושנה געדוכט ווי עמעץ מיט אַ מענערישע שטימע וואָלט גערעדט מיט פעסארא. שושנה האָט זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָפּגעשטעלט, אפשר האָט זי נישט געדאַרפט קומען אַזוי שפּעט אין אָוונט. ווער קען דאָס קומען צו איר אין הויז? עס איז אָבער באַלד שטיל געוואָרן. אפשר האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט. זי מוז שוין זיין גוט צערודערט פון היינטיקן אָוונט. זי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען און שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט געהערט אַ גיך שאַרכן אין הויז. עס האָט געדויערט אַ רגע און באַלד האָט זיך געהערט דאָנאַס טריט. זי האָט געעפנט די טיר. דאָנא האָט זי באַגעגנט מיט דער זעלביקער רואיקייט און פרייד ווי אַלעמאָל.

— שושנה טייערע. איך האָב ערשט געטראַכט וועגן דיר, ווען דו קומסט נישט וואָלט איך געקומען דיך זוכן. קום אַריין לאָמיר זיך אַרומנעמען.

ביידע מיידלעך זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס און ביידע האָבן זיך געדריקט מיט גרויס ליבשאַפט ווי צוויי שוועסטער, וואָס האָבן זיך שוין

לאַנג נישט געזען.

דאָנאַ פּעסאַראַ האָט מיט אַ צאַרטע, גלעטנדיקע ווייכקייט צוגעלייגט אירע הענט צו שושנהס פּנים און פאַרשנדיק באַזאָרגט געזאָגט:

— וואָס ביסטו אַזוי בלאַס שושנה? דיין טאַטע שלאָגט דיך? ביזט אפּ־שר אַנטלאָפן פון הויז? ער איז נאָך אַזוי אויפגערעגט אויף מיר?

שושנה האָט זיך מיד אַרונטערגעלאָזט אויף אַ בענקל.

— ניין פאַרקערט, ער האָט מיך היינט אַליין אַרויסגעשיקט פון הויז. עס איז אַ גרויס רחמנות אויף אים. ער איז אויס מענטש . . .

דאָנאַ פּעסאַרא האָט זיך איינגעבויגן צו איר, אָנגענומען שושנה ביי די הענט און זי מיט קראַפט אויפגעהויבן פון בענקל.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט אַזוי מיד ווי אַן אַלטע מויד. קום מיר וועלן טאַנצן אַ *״סאַלטארעלא״. עס איז דאָך היינט אַ חתונה ביי רחלען.

שושנה האָט מיט אַ זיפץ אויסגעלענגערט איר שלאַנקן, בויגעוודיקן קערפּער.

— מען טאָר ניט טאַנצן אויף קיין חתונה אין געטאָ, לויט די תקנות פון געטאָ.

— מיר וועלן טאַנצן שטיל. — האָט פּעסאַרא מיט אַן אימפּעט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע. שושנה האָט זיך צוגעבויגן צו איר, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן.

— איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַ ליגן אויף דיר, דער משומד גאַלאַטי, — דיך אָפּצושרעקן.

דאָנאַ פּעסאַראַס אויגן זענען מיטאַמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק, זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און נאָך אָנמעכטיקער אַרונטערגעלאָזט די הענט. זי איז ווי צוגעפאַלן צו שושנה.

— ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. איך פיל, אַז היינט, מאָרגן, וועט מען מיך קומען נעמען.

שושנה איז בלאַס געוואָרן און געפרעגט מיט אַ דערשראָקענע שטימע:

— דו ווילסט מיך אָנשרעקן?

דאָנאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַכנדיק מיט אירע צאַפּלדיקע אויגן־לעפּלעך. ערשט איצט האָט שושנה דערפילט, אַז דאָנאַס גאַנצער קערפּער האָט ווי פיבערדיק געציטערט.

שושנה האָט איר אָנגעכאַפּט מיט די הענט און טוליענדיק געדריקט צו זיך.

*) אַן אַלט רוימישער פעסטיוואַל־טאַנץ.

— עס קען נישט זיין. זיי קענען דיך נישט צונעמען פון מיר. איך וועל דאָ אויסגיין אָן דיר. דו הערסט קיינער וויל זיך מיט מיר נישט חברן. איך קען נישט בלייבן אַליין. זאָג מיר עס איז אַ ליגן.

דאַנאַ פּעסאַרא האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— עס איז אמת, איך האָב באַגעגנט פּיטיגליאַנא. זיי גרייטן זיך מיך צו נעמען. איך וועל אָבער פריער אַנטלויפן און דיך מיטנעמען שושנה.

שושנה האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— איך זע שוין אַז דו שפּאַסט נישט מיט מיר. עס איז אָבער אַן איינשט־לעניש צו אַנטלויפן, דערצו דאַרף מען האָבן אַ סך געלט דאַנאַ.

דאַנאַ איז פרייליך צוגעשפּרונגען צום בעט און פון אונטער קישן אַרויס־געשלעפּט אַ קליין טאָרבעלע מיט געלט.

— דאָס האָט מיר אליהו הנביא געבראַכט אַ מתנה.

— מיר האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז עמעצער איז געווען ביי דיר איי־דער איך בין אַריין צו דיר . . .

דאַנאַ פּעסאַרא האָט סודותדיק אַ שמייכל געטאָן.

— איצט מעגן מיר טאַנצן די "סאַלטאַרעלאַ" אַזוי ווי איך האָב דיך גע־לערנט.

דאַנאַ פּעסאַרא האָט אַרונטערגענומען עטלעכע שעלן, וואָס האָבן געהאַנ־גען אויף דער וואַנט און האָט מיט קליינע טריטעלעך, צום טאַקט פון די שעלן אין אירע אויפגעהויבענע הענט, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ. זי האָט זיך דערנענטערט צו שושנה, זיך טיף פאַרנייגט און גראַציעז אַ נעם געטאָן ווי דער קאַוואַליער נעמט דאָס מיידל צום טאַנץ. זי האָט איר איבערגעגעבן די שעלן. שושנה האָט אין אָנהויב געלאָסן מיט איר בויגעוודיקן, צאַפּלדיקן קערפּער זיך אַרויסגעלאָזט טאַנצן. זי האָט זיך ווי געוויגט מיט אירע דראַבנע, האָפּקנדיקע טריט. באַלד האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט מיט דער זעלבער שווינדלדי־קער געשיקטקייט, מיט די קניען קוים אָנרירנדיק דעם דיל. זי האָט זיך גע־דרייט ווי אַ ווירבל־ווינט, שאָקלענדיק צום טאַקט מיט אירע שעלן. דאַנאַ האָט זיך ווי דער קאַוואַליער געקרייזט אַרום איר, אויסשטרעקנדיק די הענט מיט גרויס גלוסטעניש צו איר. זיך דערנענטערט אַלץ נענטער, זיך צודרינגלעך איינגעבויגן, איר צו קושן אין פּנים, נאָר דאָס מיידל האָט זיך פלינק אָפּגע־קערט ווי זי וואָלט זיך געצייצט מיט דעם קאַוואַלערס גרויסע תשוקה צו איר. ענדלעך נאָך עטלעכע אָפּווענדונגען, האָט זי נאָכגעגעבן איר אייגענעם באַגער און ליבשאַפט צום קאַוואַלער.

דאַנאַ פּעסאַרא האָט איר געקושט אין פּנים, זי אַרומגענומען און גע־דריקט צו זיך.

— דו וועסט גיין מיט מיר. איך וועל דיך אַרויסנעמען פון געטאָ. פּרינצן, דוכסן, קאַרדינאַלען וועלן פאַלן צו דיינע פיס. קיין שום מיידל פון רוים, פון גאַנצן לאַנד, טאַנצט נישט בעסער פון דיר שושנה, דיין יעדער אבר טאַנצט. איך וועל דיך נישט לאָזן פאַרפאַלן ווערן אין געטאָ.

— איך וועל גיין מיט דיר דאַנאַ. אומעטום וועל איך גיין מיט דיר דאַנאַ טייערע. נעם מיך. האָט דאָס מיידל שושנה ווי אַ פאַרחלשטע זיך געוויגט מיט איר.

— איך וועל דיך מיטנעמען צו דעם בלומען־פעסט, די "אינפיאַראַטא"*) אין דעם גן־עדן שטעטעלע גאַנזאגא. הונדערטער טאַנצן אין די גאַסן באַשאָטענע מיט בלומען.

שושנה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פאַרחלשטקייט און עפּעס נאָכגעקלערט. איר שטערן האָט זיך געררונצלט. די אויגן האָבן געקוקט טרויעריק פאַרזאָרגט, ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט וועגן אַן אומגליקלעכער זאַך.

— וואָס פּייניקט דיך שושנה. — האָט דאַנאַ איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— איך וויל זיך נישט שמדן דאַנאַ, מיין שוועסטער האָט זיך אויך נישט געשמדט. איך וועל בעסער שטאַרבן ווי מיין שוועסטער . . .

דאַנאַ פעסאַרא האָט אויפגעהויבן שושנהס אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ ביי דער גאָמבע און ערנסט, מיט אַ פאַרפייניקט שמייכעלע אויף די ליפּן געזאָגט.

— וואָס פאַלט דיר איין, מיר וועלן לעבן ווי די מאַראַנען, פאַרשטעלט, ביז מיר וועלן גרייכן פאַראַראַ וואו דער גוטער דוכס, לאָזט יידן לעבן פריי, אָדער קיין טערקיי וואו עס וואוינט די באַשיצערן פון יידן, דאָנאַ גראַציאַ מענדעזע . . .

שושנה האָט מיט גרויס דערלייכטערונג אָפּגעזיפצט.

— מיך שרעקט דער צלם און אַלע קאַטויליִשע חגאות. ווי וועל איך קענען טאַנצןביים בלומען־פעסט, און קניען פאַר די מאַדאָנאַ.

— נאַרעלע די מאַדאָנאַ "דע פיאַרי" איז בלויז אַן אַלטע געטשקע, אַ שטיק שטיין נאָך פון די אַלטע צייטן. די פאַרצייטישע "פלאָראַליאַ". דאָרטן וועסטו זען לוסטיקייט, בלומען, ווייטער גאָרנישט.

שושנה האָט אָפּגעזיפצט, געקוקט אויף איר חברטע מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגן, ווי זי וואָלט באַוואונדערט אירע קענטעניש, אירע דערפאַרונגען, זי האָט געפילט, אַז אפשר שטייט איר פאַר אַ גרויס גליק, אין די ביטערסטע צייט פון איר לעבן, זי וועט נקמה בעמען אין די, וואָס האָבן איר

*) אַ קאַטוילישער בלומען יום טוב.

אַוועקגעוואָרפן. זי איז גליקלעך וואָס איר איז צוגעשיקט געוואָרן אַזאַ חברטע, וואָס איז אויסן געווען אַ וועלט, ווייס וואָס עס טוט זיך איבערן גאַנצן לאַנד, מער ווי דער רייכסטער מענטש אין געטאָ.

דאַנאַ פּעסאַרא האָט זיך גענומען אַנטאָן. זי האָט פאַרפלאָכטן מיט די פינגער די פּאָדערשטע האָר, אויסגעוויקלט רינגעלעך אַרום שטערן, זיך אָנגע־פּודערט דאָס פּנים, האַלדז, מיט אַ שמעקנדיקן פּודער, וואָס האָט אָנגעפּילט די שטוב מיט אַ גלוסטנדיקן גערוך.

— איצט וועלן מיר אַרויסגיין זען ווי אַזוי מיר קענען זיך אַרויסכאַפּן פון געטאָ.

דאַנאַ האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון שטוב, און נאָך איר, איז מיטגעגאַנגען שושנה ווי אַ פאַרכישופטע. זי איז געגאַנגען מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם, ווי זי וואָלט זיך מורא געהאַט איבערצופרעגן טאָמער וועט איר חברטע דאַנאַ פּע־סאַרא חרטה האָבן און איר גאָרנישט ווען מיטנעמען. זי האָט געהאַט אַ סך וואָס צו פרעגן. צו וועמען זי גייט, וואו וועלן זיי נעכטיקן, און וואָס פאַרא שפּייז וועלן זיי עסן. זי האָט געזען אַמאָל נישט ווייט פון געטאָ ביי אַ רוימישן קצב, אַ קאָפּ פון אַ אָפּגעקרילטן חזיר אין פענצטער און ווי יענער האָט פאַרקויפט בלוט, פאַרגליווערטע שטיקער. וועט זי דאַרפן עסן די אַלע זאַכן? זי האָט פאַר־קרימט דאָס פּנים מיט אַ ביטערקייט אין מויל. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף די ליפּן, אויב זי וועט זיך אַזוי פאַרקרימען פאַר יעדע זאַך, וועט מען גלייך דערקענען, אַז זי איז אַ יידיש מיידל און מען וועט זי כאַפּן... זי האָט אָבער גאָרנישט געפרעגט. נאָכגעשפּאַנט איר חברטע ווי אַ פאַרכישופטע פון אירע צויבערדיקע רייד.

אויף דעם סקווער איז געווען שטיל, אַ בלאָע, פאַרנעפּלטע, טונקלקייט האָט געשוועבט אין דער לופט. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ דורכ־זיכטיקן, נעפּלדיקן וואָלקן, געשוואומען גיך ווי זי וואָלט זיך געאיילט אַרויס צו קומען פון דעם וואָלקנדיקן שאָטן און אויפסניי וואַרפן, אַ זילבערנע ליכטי־קייט אויף דער וועלט.

שושנה האָט געקוקט הינטער זיך אין אַלע זייטן פון דעם אָפענעם סקווער, צו די פאַרמאַכטע טויערדיקע טירן פון די קראָמען, פּאָדער־הייזער, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר עמעצן.

— וועמען זוכסטו שושנה? דיין טאַטע יאָגט זיך נאָך דיר.

— שושנה האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטאָן .

— מיין געוועזענער חתן, דעם שמאַטע קלייבערס זון גימפּלין, האָט מיר נאָכגעשפּירט פון דער "פּיאַצאַ דעללאַ סקואַלאַ". איך האָב אים פיינט, עס שטינקן פון אים די קליידער ווי פון טויטע.

דאָנאַ האָט איר אָנגענומעןביים האַנט און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן.

— ער האָט דיך ווייזט אויס ליב, דער יונג. זיין טאַטע פירט אָבער דאָס רעדל. און דער שלימזל האָט אַ קנאַפּע דעה.

זיי האָבן זיך אָװעקגעלאָזט צו דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום געטאָ טויער. צו דער "פּיאַצאַ דעללאַ פּיאַנטאַ". די האַלב חרובע הייזער מיט די פאַרוואַרלאָזטע וואַרשטאַטלעך און קראָמען, זענען געווען פאַרמאַכט. דאָ און דאָרט איז אויף אַ געהויקערטע טיר, געבליבן הענגען אַן אַלטע קאָלירטע שמאַטע, וואָס האָט באַפּוצט אַן אַלטוואַרג־קראָם. דאָ און דאָרט איז אַ קעלער קראָם געווען טונקל באַלויכטן, און אין דער טיפעניש פון דעם אָנגעוואַלגערטן קעלער האָבן די קרעמער געאַרבעט, געקליבן, סאָרטירט, פאַרצייטישע פאַרביקע הויף־קליידער, אויסגעדריוולטע גאָלדיקע אויסשטיקונגען, סאַמעטענע טורניקעס.

פונדערוויטנס האָט זיך שוין געזען דער טויער מיט די שווערע, געדיכטע אייזערנע שטאַבעס, אַריינגעפּאַסט אין דעם מאַסיוון, געוועלבן אַריינגאַנג, וואָס האָט געהויערט איבער דעם מויער ווי דער אַריינגאַנג צו אַ טורעמדיקן שלאָס. די הערצער האָבן געקלאַפּט ביי זיי. זייערע טריט זענען געוואָרן איינגעהאַלטענער, ווי עמעץ וואָלט זי געפּענטעט די אונטערגעבראָכענע פיס.

דאָנאַ פעסאַרא האָט זיך אָבער געשטאַרקט. זי איז געגאַנגען פאָראויס און געפירט הינטער זיך איר חברטע שושנה, וואָס איז ווי אַ בלינדע נאָכגעגאַנגען הינטער איר. דער טויער איז געווען אויסגעליידיקט. די שווערע געוועלבן האָבן אַרומגענומען דעם אַריינגאַנג ווי אין אַ תפיסה. דאָנאַ פעסאַרא איז צוגעגאַנגען צו דער שווערער, פאַרגראַטעוועטער זייטיקער טיר פון דעם טויער־וועכטער, און שטיל גענומען קלאַפּן. זי האָט זיך אַוויילע אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר. שושנה האָט פון גרויס שרעק אַזש געביסן די שפּיצן פון אירע פינגער־־נעגל. זי האָט געקוקט צום געטאָ ווי איר וואָלט זיך אויסגעדוכט, ווי אַ שאָטן וואָלט פונדערוויטנס פאַרבייגעשוועבט. איז עס אפשר דער שאָטן פון איר געוועזענעם חתן גימפּלין, וואָס גייט איר אפשר נאָך די גאַנצע צייט?

דאָנאַ פעסאַרא האָט שוין ווידער געקלאַפּט אין טויער. שושנה האָט אָבער געהערט בלויז ווי עס קלאַפּט איר אייגן האַרץ. אַרום איז געווען שטיל. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דאָס דורכלויפן פון אַ וועגעלע, אַ קאַרעטע מיט אַ געקלימפּער פון גלעקלעך, וואָס האָבן געהאַנגען אויף די דישלען, אויף די פערדישע גריוועס.

דאָנאַ פעסאַרא האָט ניט אָפּגעטראָטן פון טויער.

— מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז נאָך היינט וועט מען מיך קומען נעמען,

וואס טוט מען שושנה? איך האב מורא — האט דאנא זיך געבראכן די הענט.

שושנה האט אנגענומען דאנאס האנט ווי איר צו באַרואיקן, דאנאס הענט זענען געווען קאַלט, ווי שטיקער אייז.

— וועסט שלאפן מיט מיר. איך וועל בעטן מיין טאַטן וועט ער דיך אַריי־בערפירן מיט אַ שיפל איבערן טיבער — האט שושנה זיך געבעטן.

— ניין שושנה אויב נישט היינט איז קיינמאל נישט. קיינער איז נישט ביים טויער. אַלע זענען ביי דער חתונה, וועט דער וועכטער מיר עפענען . . .

שושנה האט שווער אפגעדעכעצט זי האט מיטאמאל אויפגעכאפט דעם נאַנטן, שטילן טומל פון דער "פיאצצאַ דעללאַ סקואלאַ", זי האט געהערט דאס שטילע געוויין פון די פידלען . . .

— דו גייסט מיט מיר. אַן דיר בין איך פאַרלאָרן. איין פרוי גייט קיינ־מאל נישט אַליין באַנאַכט אין רוים... — האט דאנא געזאָגט מיט אַ פאַרעק־שנטע באַצווייגנדיקע שטימע.

עס האבן זיך מיטאמאל געהערט טריט, שווערע טריט פון דעם וועכ־טער. ער איז צוגעקומען צו די גראַטעס פון דער דרויסנדיקער זייט טויער. ער האט צעשאַרט די געדיכטע, שוואַרצע וואָנסעס, געקוקט אויף די מיידלעך מיט אַ ברייטן אַפלאַכערישן שמייכל. ער האט אַ קלאַפ געטאָן מיט די הענט ביים דיך פון גרויס התפעלות, אַזש די שליסלען לעבן טוניק האבן אַ קלימפּער געטאָן.

— אַ, שוין לאַנג נישט געזען קיין מיידלעך באַנאַכט, וואס ווילן אַרויס פון געטאָ, זייט מען האט געשמיסן אויף דער "פיאצצאַ", ווייזן זיי זיך נישט.

ער האט געוואונקען מיט די אייגעלעך, אַזש דער קורצער שטערן, האט זיך געהויבן, געפאַלדעוועט. פון זיין ברייטן קערפּער מיט דעם לעדערנעם פאַרפעצטן טוניק, האט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק, ווי פון אַ פאַרשטונקענע פעל אויסגעמישט מיט דער שאַרפקייט פון זויערן וויין.

— מיר ווילן אַרויסגיין סעניאָר, העלף אונדז סעניאָר.

דאנא פעסארא האט דורך די גראַטעס אַרויסגעשטופּט אַ גאָלדענע מטבע. דער וועכטער האט דאס גאָלד־שטיקל גענומען צום מויל אַ ביס געטאָן מיט זיינע פאַרפוילטע ציין. זיין זשאַווערדיק מויל, האט זיך אַפלאַכעריש אויפגע־ריסן, ווי ביי אַ פוילע חיה, ער האט דאס גאָלד־שטיקל אַריינגעוואָרפן אין זיין לעדערנעם בייטל, וואס האט אים נאָכגעהאַנגען איבער דעם טוניק פון ציגן־פעל.

— אַזוי, איר ווילט הייסט עס מען זאל אייך געבן שמיץ, און איר וועט מיך אויסגעבן, נאָך דעם וועל איך דאַרפן באַצאָלן צען סקודיס, גיין בעטלען צוליב אייך . . .

ער האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין די מיידלעך.

— אַ ניין, איך טו דאָס נישט פאַר קיין יידישקעס.

דאַנאַ האָט אים געשטופּט נאָך אַ גאָלדשטיק. אָבער דאָסמאָל האָט זי די מטבע געהאַלטן פעסט צווישן די פינגער.

— מיר ווילן דיך נישט מסרן, אפילו מען זאָל אונדז שמייסן צום טויט. דאָס וועט אָבער קיינמאָל נישט פּאַסירן — האָט דאַנאַ אים צוגעזאָגט מיט אַ פאַרזיכערונג.

— שוין לאַנג נישט געזען אַזעלכע לייטישע יידישקעס, גוט, אַז איר וועט צוריקקומען, וועט איר דאַרפן אויפּסביי צאָלן . . .

ער האָט שטיל אויסגעקליבן דעם שליסל פון דעם קלימפּער, נאָך שטי־לער אויפגעשלאָסן דעם טויער. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געעפנט דעם טויער. דער טויער האָט אַ בייזן סקריפּ געטאָן, ווי ער וואָלט נישט צוגעוואוינט געווען מען זאָל אים צופיל עפענען. דער וועכטער האָט צו־גענומען די צווייטע גאָלד־מטבע און שטיל געזאָגט.

— גייט געלאָסן מיידלעך, — ביי מיר אין טויער־קאַמער, געפינט זיך דער כאָליערע, דער משומד מאַריאַן. ער איז געקומען געוואויר ווערן, וואָס עס מאַכן די יידעלעך, האָט ער זיך דערוויל אַנגעשיכורט.

דאַנאַ פעסאַרא האָט פעסט אַ נעם געטאָן שושנה ביי דער האַנט. שושנה איז צעטומלט געוואָרן, דאַנאַ האָט זיך געלאָזט פאַרויס און ווי באַצווינגנדיק געפירט שושנה מיט זיך. זיי זענען אַרויס פון דער "פּיאַצצאַ דעלאַ־פּיאַנטאַ", דער טרערן פּלאַץ ביים געטאָ.

זיי זענען געגאַנגען שנעל זיך נישט אומגעקוקט ווי זיי וואָלטען אַנט־לאָפן פון אַ תפיסה. זיי האָבן געאיילט צו דעם "באַרדאָלעטאָ" געגנט, וואָס האָט זיך געצויגן באַלד נאָכן געטאָ ביז דער סיסטאַ־בריק. זיי זענען געלאָפן זיך אויסמישן צווישן די פיל פרויען, די נידריקע קורטיזאַנקעס, וואָס האָבן געציילט זיך אין די טויזנטער אין רוים, וועלכע האָבן פריי אַרומגעבלאָנקעט ביינאַכט, אויך ווי די יידישע פרויען אין געטאָ געטראָגן געלע שאַנד־שליי־ערן אויף די קעפּ.

## צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די האַלב־קעלערדיקע שטוב, וואו עס האָט געוואוינט דער פישער יו־נתן איז געווען טונקל באַלויכטן. אַ קליין אויל־לעמפל אויף לאַנגע קייטלעך איז אַראָפּגעהאַנגען פון דעם געוועלבטן באַלקן. דאָס דינע קנייטל האָט גע־צאַנקט, געוואָרפן אומהיימלעכע אומעטיקע שאָטנס איבער דער שטוב. דאָס אַלטע אויסגעקרימטע הימל־בעט הויך איבערן שטיינערנעם דיל, האָט אָפּ־געטיילט אַן אַלקערל פאַר זיין טאָכטער, שושנה. אַן אַלטער פאָרהאַנג מיט אָפּ־געריבענע שטיקערייען, ציטרין ביימער ביי אַ טייכל, האָט פאַרשטעלט דאָס אַל־קערל.

דער פישער יונתן איז געזעסן לעבן דער אָפענער טיר מיט די קרומלע־כע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום הינטער געסל. ער איז געזעסן אויף אַ ניד־ריק בענקל מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צום שטיינערנעם דיל. אַ שווערע מידקייט האָט אים אַרונטערגעדריקט צו דער ערד, געשלעפערט זיין געמיט. ער האָט יעדע וויילע געכאַפּט אַ בליק צום הימל בעט, וואָס זיין טאָכטער האָט צוגע־גרייט איידער זי איז אַוועק. ער האָט אָבער נישט געוואָלט גיין שלאָפן ביז זי וועט אַהיימקומען.

אויף דער ״פּעשאַריאַ״ גאַס איז געווען שטיל ווי אַלע וואָלטן די שטענדיק טומלענדיקע גאַס פאַרלאָזן. אַלע זענען אַוועק אויף דער חתונה צו דעם ראש הקהלס טאָכטער, נאָר ער אַליין איז געבליבן דער אָבל. ער, יונתן, וואָלט גראָד אויך דאָרט געוואָלט זיין. ער האָט ליב דעם רופא עמנואל סאבאטי, נאָר ער שעמט זיך מיט זיין אומגליק צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין. אין אַנ־דערע צייטן וואָלט ער דאָרט געווען אַן אָנגעזעענער מחותן, כאָטש ער איז נישט פאַרמעגלעך. ער האָט געשיקט זיין טאָכטער איינע אַליין. זי האָט זיך שטאַרק געקווינקלט, נישט געוואָלט גיין. ער האָט זי פּשוט געצוואונגען צו גיין. זאָל כאָטש איינער פון זיין משפּחה דאָרטן זיין. דערצו נויטיקט זיך

דאָס מיידל אין אַ שטיקעלע שמחה. עס זאָל איר אַביסל אויפהייטערן. דער אומגליק האָט זיי אַלעמען דערדריקט. ער, יונתן איז שוין אַן אַלטער מאַן. ער וועט שוין טראָגן אַ וויטאָג אין הארצן ביזן קבר אַריין, אָבער זי, שושנה, איז אַ יונג קינד, זי דאַרף פאַרגעסן. אויב דער מינזי האָט איר אָפגעשיקט די תנאים גייט נאָך די וועלט נישט אונטער. אַ מיידל מיט אַזאַ געשטאַלט ווי שושנה וועט נאָך קריגן אַ חתן. זאָל זי טאַקע גיין צווישן מענטשן, אפשר וועט דער פלעק פון זיין משפחה אָפגעווישט ווערן.

אָבער באַלד פאַרגנבעט זיך ביי אים אין מוח אַ צווייטער געדאַנק: האָסט אפשר נישט געדאַרפט טרייבן דאָס מיידל אויף דער חתונה. די וואונד איז נאָך צו פריש. אפשר וועלן די גאוהדיקע ווייבער פון געטאָ קוקן אויף איר קרום. עס זאָל נאָר עמעצער דאָרט זי ניט פאַרשעמען, דאָס מיידל וועט עס נישט אויס־האַלטן. עס קען זי נאָך טרייבן צו אַן אומגליק, אַזוי איז שוין מיט זיינע טעכ־טער. אָט זעט ער דאָך: ווי נאָר אירע חברטעס האָבן אויפגעהערט צו איר צו קומען, האָט זי גלייך אָפגעזוכט די קורטיזאַנקעס טאָכטער, וואָס אַלע ווייסן, אַז איר מאַמע איז געווען אַ זינדיקע, און אין דער טאָכטער, זאָגט מען, איז דאָ איר זינדיק בלוט. עס איז גוט, וואָס זיין שושנה גייט איצט נישט מער צו יע־נער אין הויז אַריין. זי רירט זיך נישט אַרויס פון הויז, שושנה. ער פילט אָבער, אַז שושנה בענקט נאָך יענער מיידל, און אפשר איז יענע נאָך אַן אָרענטלעך קינד? ווער איז ער, וואָס קאָן זיך אונטערעמען פסקענען ווער עס איז גוט און ווער עס איז שלעכט, דאָס וואָס קיינער וויל נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט איר משפחה איז גאָרנישט קיין באַווייז. אָט דערוויטערן זיך מענטשן פון אים און פון זיין שושנהן אויך. ער ווייסט דאָך אָבער, אַז ער איז דער־זעלבער יונתן וואָס געווען.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט געבויגענע שווערע פיס גענומען שפּאַנען איבערן דיל. אַן אומרואיקייט האָט אויפגעוועקט אַלע אברים פון זיין קערפּער. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נאָך פרי, נאָך פאַר דער חופה. זיין טאָכטער וועט נאָך אַזוי גיך נישט אַהיימקומען. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעהערט צו יעדן שאָרך, אפשר קומט זי אַהיים, אפשר איז זי אינגאַנצן נישט אַריין צו דער חתונה.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם קעלערדיקן פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דאָס פענצטער איז געלעגן גלייך ביים אויסגע־קרימטן שטיינערנעם ברוק. דורך דעם שמאָלן מיט גראַטעס פאַרצויגענעם פענצטער, האָט אַ ווינט געטאָן אויף אים אַ פריש ווינטל פון די שכנותדיקע גערטנער, אויסגעמישט מיט דעם גערוך פון דזשעגעכץ פון אַנגעשמירטע שיפ־לעך מיט דעם זאַלציקן ריח פון רויגן און פאַרלעגענע פיש. ער האָט אַריינ־

געשטעקט דעם קאָפּ טיף אין דער משופּעדיקער פּענצטער ראַם, זיך אָנגע־שפּאַרט אויף דעם ברייטן, שטיינערנעם אָנלען. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ ווייטן אָפּהילך פון דער חתונה, וואָס האָט זיך געטראָגן אַריבער די הויכע הייזער. עס איז געווען עפּעס אַן איינגעצוימטער טומל, ווי די מענטשן וואָלטן נישט גע־האַט קיין חשק זיך צו פרייען, אָדער ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר די מוס־רים, וואָס האָבן מיט אָפענע אויערן זיך צוגעהערט צו יעדער זאַך, וואָס קומט פאָר אין געטאָ.

די מידקייט האָט ווידער גענומען שלעפערן זיינע גלידער. זיין קאָפּ האָט גענומען זינקען צום פענצטער ביישטידל. אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט. ער האָט געהערט ווי עמעצער לויפט. ווייט פון אַנהויב גאַס לעבן די מאַרמאָרנע פישער־געשטעלן, איז געלאָפן אַ יונגערמאַן. דער פישער יונתן האָט נאָך טיפער צוגעדריקט זיין פּנים צו די גראַטעס, אַזש זיין שטערן האָט זיך איינגעשניטן. דאָס געשטאַלט פון יונגענמאַן האָט אים אויסגעזען צו זיין קענטלעך. צי דוכט זיך אים עס נאַר? אינגאַנצן ווי זיין טאָכטערס געוועזענער חתן, גימפּלין. דער יונגערמאַן איז אַריינגעלאָפן אין פאָדער־הויז, משמעות אַז ער לויפט טאָקע צו אים. ביי יונתן האָט דאָס האַרץ גענומען האַסטיקער קלאַפּן. זיין גאַנץ לייב און לעבן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק.

דער יונגערמאַן גימפּלין איז אַריינגעלאָפן אין יונתנס שטוב מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער איז אַזש אַריבערגעשפּרונגען די עטלעכע צעקרימטע טרעפּ־לעך. ער האָט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאַרהאַלטן לעבן דער וואַנט. אַ ווײַלע האָט ער שווער געדעכעט פון דעם האַסטיקן לויפן. נאָכדעם האָט ער מיט אַ דערשראָקן קול אויסגעשריגן:

— יונתן, קומט גיכער, אַן אומגליק קען נאָך געשען מיט שושנהן!

יונתן האָט אַ ציטער געטאָן. די שרעק האָט ווי פאַרגליווערט זיין פּנים, זיין גאַנצער קערפּער.

גימפּלין איז צו אים צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אים ווי אַ מונטער געטאָן.

— רב יונתן, רב יונתן, דאָס האָב נישט איך אָפּגעשיקט די תנאים, ס'האָט מיין טאַטע, אַזוי זאָל מיך גאָט העלפן . . .

דער פישער יונתן איז געקומען צו זיך. ער האָט אַ שליידער געטאָן גימפּלינס הענט פון זיך.

— איך וויל נישט וויסן וועגן דעם. זאָג, וואָס האָט פּאַסירט מיט שושנה?

גימפּלין האָט פון גרויס מורא פאַר יונתנס צאָרן גענומען שטאַמלען.

— איך האָב זי געזען מיט איר חברטע פעסאַרא, דער קורטיזאַנקעס

טאָכטער, לעבן טויער. זיי ווילן איבערקויפן דעם וועכטער אַרויסצוגיין ביי־נאַכט פון געטאָ.

יונתן האָט פון שרעק זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן, אין קאָפּ האָבן זיך אַ מיש געטאָן ביי אים די געדאַנקען. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע. די שרעק האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין צאָרן צו דעם יונגענמאַן, וואָס האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ עולה. ער האָט אָנגעכאַפּט גימפּלין ביי די אָרעמס און אים מיט גרויס צאָרן געגומען שאָקלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין לייב און לעבן פון די קליידער אַרויסטרייסלען.

— נאָך ווייניק, וואָס דו האָסט אונדז פאַרשעמט, ווילסטו נאָך פאַר־שפּרייטן אַ שם רע אויף מיין קינד!

יונתן האָט אויפגעהערט טרייסלען דעם יונגענמאַן און אַריינגעקוקט אין זיינע דערשראָקענע אויגן.

— ניין, איך האָב קיינעם נישט דערציילט, רב יונתן. איך האָב אַליין געזען. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. דאָס האַרץ טוט מיר ווי פּאַר שושנה . . .

יונתן האָט אים אָפּגעלאָזט אַזוי האַסטיק, אַז גימפּלין איז אַזש געפאַלן אויפן שטיינערנעם דיל, און גענומען זוכן דאָס היטל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין קאָפּ. דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעשויבערטער. דער קאַמזויל מיט די אויסגעשטיקטע קלאַפּעס אויפגעקנעפּלט, דער ווייסער קאַל־נער פון העמד פאַררוקט אין אַ זייט.

דער פּישער יונתן האָט מער נישט גערעדט מיט אים. ער האָט אַרויפגע־כאַפּט אויף זיך זיין כאַלאַט און איז ווי אַ ווינט אַרויסגעלאָפן פון הויז. ער איז געלאָפן אויף דער "פּעשאריא" נאָר מיט זייטיקע הינטער־געסלעך צו דער "פּיאַצצאַ דעללאַ פּיאַנטאַ". דער אַריינגאַנג פון טויער איז שוין געווען ליידיק. אַ חושכדיקע טונקלקייט האָט נאָך ענגער געמאַכט די שמאָלע גאַס מיט די גע־וועלבטע מויערן. יונתן איז צוגעלאָפן צום טויער, ווי צוגעפאַלן מיט זיין פאַר־חלשטן קאָפּ צו די גראַטעס און מיט אויפגעריסענע אויגן געזוכט כאָטש אַ צייכן פון זיין טאָכטער. אָבער קיין זאַך, קיין סימן פון די מיידלעך איז דאָ נישט געווען. די חרובע און טיילווייז איבערגעבויטע אַלטע שלעסער, טעאַטער געביידן, האָבן אַלץ פאַרשטעלט און ווי געלעגן אָנגעוואַלגערט איבער די ני־דעריקע , נעבעכדיקע הייזלעך, יונתן האָט דערפילט אַ חלושותדיקע שלאַבער־דיקייט אין זיין לייב, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט ער דאָ אָנידערפאַלן, אויסציען די פיס און זיך שוין מער נישט קענען אויפהויבן. ער האָט אַרומגע־וויקלט די הענט אַרום די גראַטעס און זיך צוגעהאַלטן. ער האָט געגלויבט, וואָס גימפּלין האָט דערציילט: די מיידלעך זיינען אַרויס פון געטאָ. ער איז געווען זיכער אַז מען וועט זיי כאַפּן אין שטאָט. ער האָט זיך שוין פאַרגע־

שטעלט, ווי מען וועט איר געבן שמיץ אויף דעם פּלאַץ לעבן דעם אַלטן נאָ־קעטן בוים. די יידן וועלן זיך באַהאַלטן אין די הייזער, בלויז דאָס ערב רב פון רוים וועלן פול מאַכן דעם סקווער און הירזשן פון גרויס הנאה. אַמאָל קאָן נאָך זיין ערגער. מען קען זי טרעפן אין אַ הויז מיט אַ קריסט און זי וועט ווי אַ זינדיקע פאַרמשפט ווערן פאַרברענט צו ווערן אויפן "קאַמפּאָ דע פיאָר"... אַ שווייס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן פּנים. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

— גאָט פאַרוואָס קומט דאָס מיר, מיט וואָס האָב איך געזינדיקט קעגן דיר? איך קען מער נישט אויסהאַלטן דיין שטראָף.

ער האָט געוויינט אָן אַ קול. די טרערן האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין זיין שיטער בערדל אַרונטערגערונען איבערן האַלדז.

ער האָט גענומען צוריקגיין אין געטאָ אַריין. ער איז געגאַנגען מיט שלאָבערדיקע פיס אָן אַ ציל. אפשר זאָל ער גיין צום רופא עמנואל סאַבאַטי און אים פרעגן וואָס צו טאָן? ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו דער "פּיאַצצא דעללא סקואָלאַ".

דער טומל פון דעם סקווער איז געקומען נעענטער. די פאַרזאַמלטע מענטשן זיינען געשטאַנען אויסגעדרייט צו דעם באַלויכטענעם הויז פון דעם פאַרשטאַרבענעם ראש הקהל, רב הלל, וואו עס איז פאַרגעקומען די חתונה. פונקט דאַמאָלסט האָבן זיך די כלי זמרים אַרויסגעלאָזט פון דער כלהס הויז און זיך אָוועקגעלאָזן צום חתנס הויז אויפצושפּילן פאַר באַדעקנס.. עס איז געוואָרן אַ געדרענג. יונגוואַרג האָט גענומען נאָכלויפן די כלי זמרים צו דער "וויא רוא" גאַס.

יונתן האָט זיך גענומען שפּאַרן צווישן די מענטשן, טייל מענטשן האָבן זיך אויסגעדרייט, אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, אַנדערע האָבן זיך אָפּגע־רוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר זיין אויסזען. ביים אַריינגאַנג צום פאַ־דער הויז, האָבן די שמשים זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט ביי דער אָפענער טיר. איינער פון די שמשים, וואָס האָט אים נישט דערקענט, האָט בייז אויסגע־שריגן: :

— אורחים גייען אַריין מיט דער זייטיקער טיר.

יונתן איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געכאַפּט אַ בליק צום פאָדער־הויז. אינווייניק זענען געשטאַנען די אויסגעפּוצטע מחותּ־נים, נידריקע, דיקלעכע וויבער פון די רוימישע געלט־לייער, טייל האָבן גע־האַלטן פעכערס מיט פערלמוטערנע, אָדער באַגילדעטע הענטלעך, און געפאָ־כעט אויף זייערע דערשוויצטע פּנימער. פון קיך האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון מאכלים, געבראָטענע און געקאָכטע פליישן און געווירצן, עס האָבן גע־שמעקט די פרישע געבעקסן, לעקעך, פיינקוכן. פון די האַלב אָפענע פענצטער,

באַהאַנגען מיט זיינע פאַרהאַנגען האָט זיך געטראָגן אַ געזשומעריי פון די געסט.

יונתן האָט זיך נאָכאַמאָל אַ לאָז געטאָן צום הויז. ער האָט נישט גע־קענט צוריקגיין.

— לאָזט מיך, איך דאַרף זען דעם רופא סאַבאַטי. איך בין נישט געקומען אויף דער חתונה. זייט מוחל.

— דער רופא סאבאטי איז איצט פאַרנומען, מען קען אים נישט זען. — האָבן די שמשים זיך ווידער געשטעלט קעגן אים.

— לאָזט מיך, טיפשים, ס'איז פקוח נפש... — האָט יונתן מיטאַמאָל ווילד אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט קעגן זיי.

— וואַרט, מיר וועלן אים רופן, — האָט איינער פון די שמשים נאָכגע־בענדיק געזאָגט.

עס האָט געדויערט אַ קורצע ווײַלע. פון דער קהלה־שטוב איז גיך אַרויסגעקומען דער רופא סאַבאַטי. זיין פּנים איז געווען בלאַס פון אויפרע־גונג. ער האָט נישט ווי געוויינלעך זיך געבייזערט אויפן שמש. דער שמש איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך פאַרענטפערט.

— יונתן, וואו ביסטו? אַזאַ גאַסט, קום אַהער. האָסט געדאַרפט מיט־ברענגען דיין טאָכטער שושנה.

יונתן האָט נישט גלייך געענטפערט. זיין אויסגעצערט פּנים איז געווען אויסגעלאָשן פאַרגליווערט. ער האָט געקוקט מיט שטומע שטאַרע אויגן, ווי עמיצער וואָלט אים צוגענומען דאָס לשון.

— יונתן, וואָס איז מיט דיר געשען, יונתן?

עמנואל סאַבאַטי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים אַריינגעפירט אין דער טונקל באַלויכטענער קהלה־שטוב און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אין פאָדער הויז האָט מען זיך גענומען שושקען. די שושקעריי איז אי־בערגעגאַנגען אין דער גרויסער אַסיפה־שטוב, וואו די פרויען געסט זיינען גע־ווען פאַרזאַמלט. די כלה איז געזעסן אין אַ ווינקל אויף אַ הויכער פאָטער־שטול, וואָס איז געשטאַנען אויף אַן אויפגעהויבענעם דיל. די שושקעריי איז דערגאַנגען צו די כלה־מיידלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די כלה, רחל. די כלה האָט אויסגעבויגן איר קאָפּ. זי האָט זיך בלויז דערוואוסט, אַז דער פישער יונתן איז געקומען אַ מטורפדיקער אין זיינע וואָכעדיקע קליידער און דער רופא איז שוין מיט אים אַ צייט אַוועק אין אַ באַזונדערן חדר.

די כלה איז געווען בלאַס, סיי פון דעם לאַנגן תענית, סיי פון דעם וואָס איר חתונה וועט איר נישט ברענגען קיין סך פרייד. זי וועט דאַרפן פאַרלאָזן מיט איר מאַן זייער היים, כדי זיך אַרויסצוקריגן פון דער פויפסטלעכער מלוכה.

מחמת מרדכי איז ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ מאַראַן, דאָס פלוצימדיקע אַריינ־פאַלן פון דעם פּישער, און דאָס וואָס איר שוואָגער דער רופא, זוימט זיך אַזוי לאַנג מיט אים, האָט אויפגעוועקט אין איר אַ פּחד, וואָס האָט תמיד געדרעמלט ביי איר אין הארץ: מען זאָל פלוצים נישט קומען צונעמען איר חתן מרדכי, וואָס וועט באַלד ווערן איר מאַן. זי איז אַנמעכטיק צוריקגעפאַלן צום אָנלען פון דער שטול, נאָר ווי פריער ליבלעך געשמייכלט, מיט אַן אויסגעפּייניקט פּנים צו די געסט.

אַלע האָבן באַוואונדערט איר שיינעם אויסשטייער, די הויב אויפן קאָפּ, די געשטריקטע ווייסע שפּיצעלעך מיט צוויי שלייערן, וואָס האָבן פאַר־שטעלט אירע האָר; איר צירונג איז געווען באַשיידן, מחמת די תקנות פון גע־טאָ האָבן נישט דערלויבט צו רייך צו פּוצן זיך, בלויז אַ האַלדז־בענדל פון די־נע שנירעלעך פּערל. דאָס ווייסע געפאַלדעוועטע קלייד איז געלעגן אויסגע־שפּרייט אַרום דער שטול, אַזש פאַרדעקט די גאַנצע בימה אויף וועלכע זי איז געזעסן. בלויז די שפּיצן פון אירע באַגילדעטע ווייסע שיך האָבן זיך אַרויס־געזען.

די סאַרווער האָבן אויף טאַצן אַריינגעבראַכט פיינקוכן, לעקעך, מאַ־ראַנצן, איינגעמאַכטס און זיסע געטראַנקען אונטערצוהאַלטן די געסט פאַר דער חופּה. אַרום די ווענט אויף די אָפּגעריבענע אָנלען־שטולן פון ווײַן־רויטלעכן סאַמעט, זיינען געזעסן די עלטערע און מיטל־יאָריקע פרויען פון די אָנגעזעענ־סטע משפּחות פון געטאָ. עס איז שוין נישט געווען דער אַמאָליקער רוימישער פּוץ. ס׳רוב פון זיי זענען פון די שווערע גזרות היפּש פאַראָרעמט געוואָרן. אַנ־דערע האָבן זיך צוליב די געטאָ תקנות געקליידט באַשיידן, אין איינפאַכע קליידער, אָן גאַלדענע אויסשטיקונגען. בלויז די קנעפּ באַצויגן מיט גאָלד אָדער זילבער. אויך די לעכלעך באַזוימט מיט גאָלדענע פעדים. עס איז נישט געווען צו זען קיין רייכע צירונג, ווער מיט אַן אויפגעבלאָזענע קייט פון גאָלד, ווער מיט אַ בראַסלעט אָדער אַן איינציק שנירל פּערל. די ציטער־שפּילקעס אויף די קעפּ אָן איידל־שטיינער, בלויז מיט איין פּערעלע. ניין, עס איז שוין נישט געווען קיין סימן פון דעם אַמאָליקן רוימישן פּוץ.

אין הויז איז געווען הייס, טראָפּנס שווייס האָבן געוונען פון זייערע גע־פּודערטע פּנימער, די פרויען האָבן געפאָכעט מיט די ווייס־פעדערדיקע פּע־כערס צו לינדערן די היץ.

צווישן די געסט האָט זיך אויך געפונען דעם גביר עזריאל טאַסקאַניס פרוי, מרים. זי האָט זיך געהאַלטן נאָענט אַרום דער כּלה, צווישן די יונגע מיידלעך, וואָס לויט אירע יאָרן און שטאַנד האָט עס אפשר נישט געפּאַסט. זי האָט דאָך אָבער נישט געקענט אַוועקגיין פון רחלען, וואָס איז געווען אַזוי

פאַרלוירן פון שרעק. ווארעם לויט די מעשיות פון איר מאַן טאָסקאַני האָט עס מיט די מאַראַנען זייער נישט גוט. דערצו האָט מרים אויך אויפגעפאַסט אויף איר אויסזען און האַלטונג. זי האָט זיך נישט געמאַכט זעענדיק די שטעכיקע בליקן פון די מיטליאַריקע פריצייטיק געעלטערטע פרויען. האָט זי דען נישט אויסגעזען ווי איינע פון די יונגע מיידלעך? אַפילו די קנייטשן פון איר שטערן און אַרום מויל, וואָס האָבן שוין געקאַרבט סימנים פון אירע יאָרן, האָט זי אויסגעגלעט מיט אַלערליי זאַלבן. די יונגע מיידלעך האָבן טאַקע אַרום איר געקלעפּט, נאָכגעקוקט מיט אַ זיפצנדיקער באַוואונדערונג יעדן פלינקן באַוועג פון איר שיינעם קערפּער, וואָס איר קלייד האָט נאָך מער אַרויסגעבראַכט. זי האָט געטראָגן אַ העל טולן קלייד, מיט אַ געפּאַלדעוועטער טאַליע. בלויז דאָס וועסטל איז געווען אויסגעפּאַסט און אַרויסגעהויבן אירע קיילעכדיקע ברוסטן. דער ווייסער האַלדז איז געווען רונדיק אויסגעדעקאָלטירט. מיט אַ דין שנירעלע פּערל פאַרצויגן, וואָס האָט געמאַכט אויסזען איר האַלדז העכער און איידעלער. די מיידלעך האָבן נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון איר, מיטגעשמייכלט ווען זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם קינדישן שמייכל פון איר מויל, פון אירע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק אַ טרויעריקן פייכטן גלאַנץ אין זיי.

מרים איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פון דעם פרייליכן חתונה טומל. זי האָט געטראַכט, אַז עס איז פון די לעצטע נעכט אירע אין געטאָ. זי ווייסט אָבער ניט ווי אַזוי זי וועט קענען אַוועקפאָרן. זי קען קיין איין טאָג נישט רויִק לעבן זי זאָל נישט קומען אין דעם הויז וואו עס געפינט זיך דער רופא סאַבאַטי. אַלערליי תירוצים טראַכט זי שוין אויס, איבערהויפט איצט, ווען דאָס יונגע פּאָרל גרייט זיך מיט זיי מיטצופאָרן. און זי איז שוין די גאַנצע אויפפּאַסערן אויף רחלען.

זי האָט די גאַנצע צייט געדענקט אין וועלכן צימער ער געפינט זיך דער רופא סאבאטי, ער איז שוין אַ צייט אַוועק מיט דעם פישער יונתן און ער ווייזט זיך נישט צוריק. זי איז געוואָרן אומרואיק, זי האָט אויך באַמערקט די פאַרלוירנקייט פון דער כלה רחל מיט דעם פאַרחלשטן שמייכל אויף אירע בלאַסע פאַרצערטע ליפּן. זי האָט זיך דערפאַר איינגעבויגן צו רחלען און שטיל געזאָגט:

— זיי רואיק רחל, מיט דיר האָט עס געוויס נישט צו טאָן. איך גיי צו געוואויר ווערן.

— גיי טאַקע מרים. איך וועל זיין רואיק, — האָט רחל געזאָגט און די לעפלעך פון די אויגן האָבן שוואַכלעך געפּאַכעט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטרענגט זיי צו האַלטן אָפן.

מרים האָט זיך דעליקאַט דורכגעשטופּט צווישן די פרויען און איז

אַרויס אין פּאָדער־הויז. אַ קיל ווינטל האָט פון דרויסן אַ ווייע געטאָן אויף איר און פאַרשוואונדן אין דעם לענגלעכן פּאָדער־הויז, זיך ווי געראַנגלט מיט דער הייסער לופט, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון אַלע צימערן, פון דער מע־נער־שטוב, אַסיפה־חדר, און פון דער ברייט־צעעפנטער קיך פון וואַנען עס האָט געשלאָגן אַ גערוך פון אַלערליי מאכלים.

מרים האָט געפּאַכעט מיט איר פּעכער און ווי פאַרשטעלט איר פּנים געגן דער היץ, און נאָכמער געגן עטלעכע שווער־באַליבטע מיטליאָריקע ווייבער. זיי האָבן געפּרייכט מיט זייערע שווערע ברוסטן, אויסגעשטרעקט די קורצע ווי אָנגעדראָלענע העלדזער. אייניקע פון זיי האָבן איר שוין געהאַט געפרעגט, וואָס עס מאַכט איר מאַן עזריאל און אין זייערע אויגן איז געווען אַן אָפּחוזקנ־דיק שמייכעלע, נישט פון דעם חלילה, וואָס איר מאַן איז געווען קראַנק, נאָר איר עפּעס ווייז צו טאָן, איר צו דערמאָנען אַז זי איז שוין קיין מיידעלע, אַז זיי וויסן פון אירע מחשבות, פון אירע פאַרבאָרגענע געפילן. איינע פון די פרויען, צפּורה, דעם געלט לייער רב שמואל ניסימס ווייב, אַ עלטערע זשוואַ־ווע אידענע מיט אַ שוואַרץ־האָריק פּעפּערל אויף דער לינקער באַק, האָט אַ וואונק געגעבן צו די ווייבער, אַז איצט גייט זי פרעגן וואָס עס מאַכט איר מאַן, און אַלע זאָלן זען, וואָס זי מרים וועט ענטפערן.

מרים האָט זיך פלינק אויסגעדרייט, געמאַכט עטלעכע טריט טיפער אין פּאָדער־הויז. עס ווערט איר וואָס אַמאָל ענגער צו לעבן אין געטאָ. זי האָט טיף אין זיך אָפּגעזיפצט. אַ היץ האָט אַרויסגעשלאָגן פון איר לייב. זי האָט געפילט אַז אירע באַקן פיבערן. זי זעט שוין, אַז פון אַלע אירע פאַרשפּעטיקטע בענק־שאַפטן וועט זי בלויז האָבן בזיונות. ווי נאָר איר מאַן וועט געזונט ווערן וועט ער פאַרן קיין אַנקאָנאַ און זי וועט מוזן מיטפאָרן. קיין זאַך קען שוין נישט ענ־דערן איר לעבן. אויב זי זאָל נישט וועלן מיטפאָרן מיט איר מאַן, וועט עס ערגער זיין פאַר דעם רופא סאַבאַטי. יעדער איינער קען שוין באַמערקן ווי צעטומלט זיי ווערן ביי יעדער באַגעגעניש. מענטשן באַרעדן זיי שוין הינ־טער זייערע פּלייצעס. עס איז צו באַמערקן, אַז די פירער פון דער קהלה איילן זיך נישט צו באַשטימען דעם רופא עמנואל סאַבאַטי פאַר דעם ראש הקהל, וואָס צוליב זיין קענטעניש, און צוליב זיין שוועד, דער געוועזענער ראש הקהל, איז ער צו דעם באַרעכטיקט.

די טיר פון דעם פאַרמאַכטן חדר האָט זיך געעפנט. דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז אַרויסגעקומען אַ געבויגענער, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען פאַר זיך. זיין לענגלעך פּנים איז געווען נאָך מער אויסגעצויגן און פאַרכמור־רעט. דער טומל פון דער חתונה־שטוב האָט אים אָבער אויפגעוועקט. ער האָט ווי אָפּגעשאָקלט פון זיך די זאָרגן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איצט איז ער דאָך

אַ מחותן, דער הויפּט מחותן. ער טאָר נישט טרויעריק מאַכן די מענטשן פאַר דער חופּה. ער האָט דערזען לעבן זיך מרימען. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט, זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ער וואָלט אַ ציטער געגעבן. ער האָט אָבער גלייך זיך אָפּגעשטעלט. אַ לייכט שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף די מויל־ווינקלען, אַרום די קנייטשן פון זיינע אויגן. דאָס שמייכעלע האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיינע פיבערדיקע שוואַרץ־אַפּלען.

— אַ מרת טאָסקאַני, איר שטייט גאָר אַליין? איך האָף, אַז אונדזערע געסט זענען זיך משמח, האָט ער פריינטלעך געזאָגט.

מרים האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו אים.

— דאָקטאָר סאַבאַטי, איז עפּעס געשען? — רחל כמיין די כלה איז זייער איבערגעשראָקן . . .

סאַבאַטי האָט צוזאַמענגעצויגן די ליפּן. די שוואַרצע וואָנסעס האָבן זיך ווי באַהאָפּטן מיטן בערדל, ער האָט אַ צי געטאָן דעם אָטעם מיט די נאָזלעכער, פאַרזשמורעט זיינע פאַרטראַכטע אויגן. נאָכדעם האָט זיך זיין פּנים ווידער צעשמייכלט מיט דעם זעלבן פאַרזאָרגטן שמייכל אַרום די אויגן.

— רחל קען זיין רואיק, עס האָט גאָרנישט קיין שייכות מיט איר. מיט גאָטס הילף איז אַלץ מיט חסד.

ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט שטיין אין פאָדער־הויז, פון אַלע חדרים האָט מען שאַרף אַהערגעקוקט, מיט אָפענע אויערן און אויגען; ער האָט זיך לייכט פאַרנייגט און פאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט.

פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ טומל, ווי אַלע וואָלטן שוין פאַרשטאַנען אַז באַלד וועט זיין די חופּה. צום פאָדער־הויז, וואָס איז ביים אַרייננגאַנג געווען פאַרשטאָפּט מיט מענטשן, האָבן זיך דורכגעשפּאַרט די כלי־זמרים מיט די שפּיל־כלים. זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּילט ביים חתן. פידלען, פלייטן, שעלן, פּויקן, דודע־זעק, האָבן זיך געהויבן איבער די קעפּ, כדי זיי נישט צו שעדיקן פון ענגשאַפט. די כלי־זמרים האָבן זיך דורכגעריסן צו דער חתונה־שטוב, וואו די פרויען האָבן פאַר זיי אָפּגעטראָטן אַן אָרט.

באַלד האָבן די פרויען גענומען אָנצינדן די וואַקסענע ליכטלעך. די חתונה־שטוב, דאָס פאָדער־הויז, די גאַנצע ״פּיאַצצא דעלל סקואָלא״, איז מיטאַמאָל פייערלעך באַלויכטן געוואָרן פון די פלעמלדיקע ליכט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט ווייטיקדיק אָפּגעזיפצט. אַוואַדאי האָט אים ניט געאַרט וואָס די מענטשן פרייען זיך און גיבן אָפּ גרויס כבוד זיין משפּחה — ער האָט געפילט, אַז די פרייד און דער טומל איז גרעסער ווי דער געטאָ קען זיך איצט פאַרגינען. די שונאים פון דרויסן קענען עס נישט צוזען. זיי האָבן פיינט ווען אידן פרייען זיך. ער האָט אפשר נישט געדאַרפט לאָזן מאַכן

אַזאַ חתונה, עס איז טאַקע אַ גרויסע מצוה ביי יידן צו דערפרייען חתן־כלה, דערצו אַ כלה אַ יתומה, אָבער דער טומל איז מער ווי מען קען זיך איצט פאַרגינען. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם חכם, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא, וואָס האָט אויף זיין טאָכטערס חתונה צעבראָכן אַ טייער געפעס כדי איינצושטילן די טומלדיקע פריילעכקייט. אויך ער וואָלט איצט געדאַרפט טאָן אַזוינס . . .

ער איז גיך אַריין אין דער חתונה־שטוב, צוגעגאַנגען צו די כלי־זמרים און זיך געווענדעט צום הויפּט קלעזמער, רב אשר מנגן, אַ שוואַרצער ייד מיט אַ טונקל גרוילעך בערדל. רב אשר האָט זיך צוגעבויגן מיט זיין קאָפּ, וואָס איז געווען אויסגעקרימט פון שטענדיקן אָנלענען דעם קאָפּ אויפן העלדזל פון זיין פידל.

— רב אשר, איך בעט איין, אַז איר וועט שפּילן, זאָל עס זיין אַ קול דממה דקה. דערמאָנט זיך אין חורבן ירושלים, אַז אונדזערע שונאים האָבן אונדז פאַרשפּאַרט אין געטאָ ווי אין אַ תפיסה.

דער קלעזמער רב אשר האָט אַריינגעשטופּט דאָס העלדזל פון זיין פידל הינטער דער גרוילעכער גאָמבע, פאַרלייגט זיין קאָפּ מיט צוגעמאַכטע אויגן צום פידל און לייכט געצימבלט איבער די סטרונעס.

עמנואל איז פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען פון די כלי־זמרים. ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן שוין איינשטעלן אַביסל דעם טומל. זיין שוויגער האָט אים אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צו איר איינגעבויגן מיט גרויס דרך ארץ אַזוי נידע־ריק, אַז ער האָט אַזש אָנגערירט מיט זיין פּנים די מיניענדיקע ציטער־שפּיל־קעס פון איר סאַמעטענעם טשיפּיק.

— איך בעט דיך, עמנואל, דאָס האַרץ איז מיר זער דערשראָקן, איך פיל, אַז די משחיתים, די סטרא אחרא ווילן טאָן שלעכטס די קינדער. פאַר־נעם די קינדער אין אַ חדר מיוחד, גיב זיי קידושין שטילערהייט, מיט בלויז עטלעכע עדות.

דער רופא סאַבאַטי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געענטפערט:

— איך וועל טאָן לויט אונדזערע מנהגים שוויגער.

דער רופא סאַבאַטי האָט שוין געהערט ווי רב אשר מנגן האָט אַ ציִ גע־טאָן איבער די סטרונעס. אַ דינער געוויין האָט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן דעם טומל. עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. די אַנדערע פידלען האָבן אונ־טערגעכאַפּט. אַ ציטערדיקער פּחדיקער שטורעם האָט זיך אַ טראָג געטאָן אי־בער זייערע קעפּ. די מענטשן האָבן זיך ווי דערשראָקענע שאָף צוזאַמענגע־טוליעט. די פרויען האָבן אַרונטערגעלאָזט די קעפּ, פאַרדעקט די פּנימער מיט טיכלעך און שטיל געוויינט. די קרובים האָבן זיך אַרומגעטוליעט אַרום דער

כלה. ווער עס האָט געוויינט איבער זיין אייגענעם ביטערן גורל, ווער וועגן דעם פינצטערן גורל פון דער גאַנצער עדה יידן אין געטאָ. דאָס געוויין פון די פּיד־לען האָט אויפגעוועקט אַלטע נישט פאַרהיילטע וואונדן, מען האָט זיך דער־מאָנט אין דעם טיטוס־טויער, וואָס שטייט נישט ווייט פון געטאָ, ווי אַן עדות פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די יידן. זייערע שטעט זיינען חרוב געוואָרן און זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות צווישן פרעמדע, וואָס ציט זיך שוין אַזוי פיל יאָרן, און זיי ווערן נאָך אַלץ נישט אויסגעלייזט. איצט האָבן די אור־אייניקלעך פון טיטוס הרשע זיי פאַרשפאַרט צום אונטער־גאַנג אין די ענגע, פינצטערע געטאָ־געסלעך. מען האָט זיך אויך דערמאָנט אין דעם יום המיתה, וואָס איז אַלעמען דאָ באַקאַנט, ער איז אַ שטענדיקער גאַסט אין זייערע הייזער, — דער מלאך המות. ער קומט מיט מגפות, הונגער און פאַרפלייצונגען. די פידלען האָבן געוויינט און באַקלאָגט דעם ביטערן יידישן מזל.

פון דרויסן האָט זיך מיטאַמאָל געהערט דאָס רעדלען פון אַ פאָרנדיקער קאַרעטע, טייל געסט האָבן אויפגעציטערט, וואָרעם זייער זעלטן זענען שוין יידן אין רוים געפאָרן אין קאַרעטעס. מען האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס האָט מען דעם מחותן געבראַכט צום הויז, צו שטעלן די חופּה. דער מחותן. רב משה חלפן און די אַנדערע מחותנים פון חתנס צד האָבן אַריינגעפירט דעם חתן, וועלכער האָט געהאַלטן פאַרדעקט דאָס פּנים מיט אַ טיכל. ער איז געווען אָנגעטאָן אַ לאַנגן, ווייסן מאַנטל מיט אַ נאָכהענגענדיקן קאַפּישאָן. אַלע זע־נען געבליבן אין פאָדער־הויז, בלויז דער מחותן מיטן פאָטער זיינעם זענען פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקן חדר.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז צוגעגאַנגען צו דער בימה, וואו די כלה איז געזעסן. אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט, געמאַכט אַ דורכגאַנג מיט די אויפגע־הויבענע ברענענדיקע ליכט אין די הענט. די כלה האָט זיך אויפגעשטעלט, זי האָט אויסגעזען ווי העכער אין איר לאַנגן ווייסן קלייד מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן שלייער אַריבער די אויגן. דער רופא עמנואל האָט אָנגענומען די כלה ביים קלייד און פאַמעלעך אַרויסגעפירט פון צווישן דער וואָרע מיט פלעמלענדיקע ליכט פון דער חתונה־שטוב. ער האָט זי געפירט צום זייטיקן חדר, וואו דער חתן איז שוין געשטאַנען אונטער אַ זיידענער חופּה מיט שווערע נאָכהענגנ־דיקע טראָלדן. בלויז אַ מנין יידן, די נאָענטסטע קרובים האָבן זיך געפונען אַרום די חופּה־שטאַנגען. עמנואל האָט צוגעפירט די כלה צו דער רעכטער זייט פון חתן, האָט אויפגעהויבן די שפּיצן פון דעם חתנס נאָכהענגענדיקן קאַ־פּישאָן און דערמיט אויך איבערגעדעקט דער כלהס קאָפּ, אַזוי ווי מען באַדעקט אַבלים. ער האָט אָנגענומען דעם שפּיץ־שלייער פון איר קלייד און אַרויפגע־

לייגט אויף דעם חתנס קאָפּ, האָט זיך געשטעלט מיט אַ כוס ווייַן צו מזרח־זייַט און מיט צוגעמאַכטע אויגן געמאַכט די ברכות.

אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זייַן אייגענער ציטערדיקער שטים, אויך אין דרויסן איז געווען שטיל, ווי אַלע וואָלטן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו דער שטילער חופּה. די שטילקייט איז געווען אַזוי טיף, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס פאָרן פון קאַרעטעס אויף דער אַנדערער זייַט טויער אויסערן געטאָ. די שטענדיקע שרעק פון יידן, אַז עמעצער וועט קומען זיי שלעכטס טאָן, האָט זיך איצט נאָך שאַרפער געפילט. זיי האָבן מער נישט געזען פאַר זיך די חופּה, זייער גאַנצער געהער איז געווען געווענדט צום דרויסן, אייניקע פון די קרובים זענען אפילו צו־געגאַנגען צום פענצטער און זיך צוגעהערט צי מען קומט נישט אַמאָל אין גע־טאָ אַרייַן. דאָס פאָרן פון די קאַרעטעס איז פּלוצים געוואָרן נעענטער, אַז מען האָט אַזש געקענט הערן דאָס הירזשן פון די פערד, לעבן דעם "דעלאַ פּיאַנ־טאַ" טויער.

אַלע האָבן זיך ווי איינגעקאַרטשעט, אַרומגעטוליעט, אַרום דער חופּה. עס איז שוין ביי קיינעם נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס קומט מען אין געטאָ אַרייַן. דער וואָטיקאַן האָט זיך אין זיי דערמאָנט. ביי יעדן איז גלייך געקומען אויפן געדאַנק מרדכי, וואָס איז ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ מאַראַן, מח־מת מען האָט אים געהאַט אָפּגעשמדט, ווען ער איז געווען אַ קינד אין פּאָרטו־גאַל; און לויט ווי דער גביר טאָסקאַני האָט געוואָרנט, האַלט עס מיט די מאַראַ־נען שלעכט אין דער פּויפּסטלעכער מלוכה.

עס איז פאַרשוואונדן די ציטערדיקע חתן־כלה פרייד. אויף גיך האָט דער חתן אָנגעטאָן דאָס רינגל אויפן פינגער פון דער אויסגעשטרעקטער צאַפּלדיקער האַנט פון זייַן כלה, רחל, און מקדש געווען זייַן כלה.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז דער ערשטער געקומען צו זיך. ער האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געשמייכלט צו די אַרומיקע, ווי ער וואָלט צונישט געמאַכט זייער שרעק. פון זייַן שמייכל זענען די הערצער פון די קרו־בים רואיקער געוואָרן. טרערן האָבן זיך שטיל גענומען קייקלען פון זייערע אויגן, עמנואלס שוויגער דבורה, זייַן פרוי מנוחה, האָבן גענומען כליפּן אין די טיכלעך אַרייַן. דער רופא סאַבאַטי האָט פאַרענדיקט די ברכות, ער האָט זיך צוגעבויגן צו חתן־כלה און מיט גרויס ליבשאַפט צו זיי געזאָגט:

— "שמח תשמח רעים אהובים", (גאָט זאָל דערפרייען די ליבע פריינט).

ער האָט דערלאַנגט חתן־כלה דעם בעכער מיט ווייַן צו טרינקען. נאָכ־דעם האָט ער איבערגעגעבן דעם בעכער דעם חתן. מרדכי האָט מיט אַ ציטער־דיקער האַנט זיך אויסגעדרייט צו צפון־זייַט און אַ וואָרף געטאָן דעם בעכער

צום וואַנט. דער גלעזערנער בעכער האָט מיט אַ בראַזג זיך צעפּיצלט אויף שטיקלעך.

די מחותנים האָבן אויסגעשריגן.

— מזל טוב! מזל טוב! — און די פרויען האָבן אַרומגעכאַפּט קושן די כלה.

פון דרויסן האָט זיך אויפסנייַ דערהערט אַ מוראַדיקער טומל. דער רופא סאַבאַטי האָט צוגעאײַלט צום פענצטער. אויף דער "פּיאַצצאַ" איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. מענטשן זענען געלאָפן ווי צעדולטע, ווי מען וואָלט זיי געטריבן פון סקווער. טייל זענען געווען אַזוי צעטומלט אַז זיי זענען געלאָפן מיט די ברענענדיקע ליכט אין די הענט. דער פלאַנטער איז געווען אַזוי גרויס, אַז איינער האָט איבערגעקערט דעם אַנדערן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן צו די זייטיקע געסלעך, אין די טיפע פינצטערע פעדער־הייזער.

דער סקווער איז געבליבן ליידיק. דאָ און דאָרט האָט זיך געוואַלגערט אַ פאַרלאָרענער שאַל אָדער כאַלאַט. אַ זקנה האָט געקראָכן אויף די הענט און פיס, האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין איר אייגענעם שאַל. דאָס געלע לבנה ליכט האָט זיך פריי און ברייט אויסגעשפּרייט איבער דעם אויסגעליידיקטן סקווער. פון דעם געעפנטן טויער ביי דער "דעללאַ־פאַנטאַ" זיינען אַריינגעפאַרן עטלעכע קאַרעטעס באַמאָלט מיט צלמים, מיט דעם דאָמיניקאַנישן הערב: דעם הונט מיטן פאַקל. איין קאַרעטע האָט זיך פאַרקערעוועט צו דער "דעללאַ טעמפּיאַ", און די אַנדערע זיינען צוגעפאָרן צום הויז פון דעם ראש הקהל.

— די אינקוויזיציע. — האָט עמעץ ביים פענצטער אויסגעשריגן.

דער חתן, מרדכי, איז געשטאַנען ביי דער וואַנט מיט אַ טויטער בלאַסקייט אויפן פּנים. ער האָט פאַרעקשנט געביסן די ליפּן. דער רופא סאַבאַטי איז האַסטיק צוגעלאָפן צו אים, אים אַ נעם געטאָן ביים אָרעם און פאַרשוואונדן מיט אים דורך אַ זייטיקער טיר.

אין דעם פינצטערן לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום קעלער האָט דער רופא עמנואל סאַבאַטי אַרומגענומען מרדכין און שטיל צו אים געזאָגט:

— מרדכי, שטאַרק זיך. דו דאַרפסט דורכגיין אַ גרויסן נסיון. באַהאַלט זיך אין די טיפענישן פון קעלער, דאָרט וואו עס ליגן די ספרים. ביז מיר וועלן זען וואָס צו טאָן.

מרדכי האָט זיך אַנטשלאָסן געריסן אויף צוריק.

— ניין, מיין ליבער שוואָגער עמנואל. איך טאָר עס נישט טאָן. איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף אייך. לאָז מיך.

— זאָלסט טאָן, וואָס מען הייסט דיר. אַ איד גיט נישט איבער זיין ברודער צום טויט צו פאַרהיטן זיין אייגענעם קאָפּ, — האָט דער רופא סאַבאַטי צו אים אויסגעשריגן מיט געבייזער.

מרדכי האָט האַסטיק אויפגעריסן די שווערע טיר און מיט בלאַנדזשעדי־קע הענט זיך אַרונטערגעלאָזט אין דער קעלערדיקער הייל, וואו ער האָט מיט אַ צייט צוריק באַהאַלטן די פאַרבאָטענע ספרים אין דער נאַכט, ווען זיין שווער רבי הלל איז נפטר געוואָרן.

דער רופא עמנואל האָט פאַרשלאָסן די טיר און פאַמעלעך אַריין אין שטוב. די טירן צום פאָדערהויז, וואָס פירן צו דער גאַס זיינען געווען ברייט צעעפנט. אין פאָדערהויז איז שוין קיינער נישט געווען. בלויז אין דער חתונה שטוב זיינען געבליבן עטלעכע געסט און שטיל צווישן זיך גערעדט. סרוב פון די געסט זיינען געווען די סאַמע נאָענטסטע קרובים .זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין די אויבערשטע מלבושים, און געוואַרט וואָס דאָ וועט געשען. די בענק וואו די כלי זמרים זיינען געזעסן זענען געווען ליידיק, אַראָפּגעקוקט מיט אַ וואָכעדיקן אומעט. אין דעם עס־צימער לעבן דער קיך וואו עס איז געווען צוגעגרייט חתן־כלה זאָלן גלייך נאָך חופה עפּעס טועם זיין, איז געזעסן די כלה אין אַ שטום שוויגעניש פאַרהילט אין איר ווייסן טרויער־קלייד. אויפן ווייס באַדעקטן טיש, זענען געשטאַנען הויכע, מעשענע לייכטער, מיט וואַקסענע אָנגעצונדענע ליכט. אויפן טיש איז געשטאַנען אויף אַ טעלער הון און אַן איי, ווי דער מנהג איז געווען צו עסן נאָך דער חופה. לעבן דער כלה איז געזעסן מרים טאָסקאַני און זי געגלעט איבער די הענט.

צום הויז איז דערווייל צוגעפאָרן די קאַרעטע פון דער אינקוויזיציע. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון כלי־זיין, דאָס מעטאַלישע סקריפּען פון געקייטלטע פאַנצערס. פאַראויס איז געגאַנגען דער נידעריקער ברייט־פּלייציקער ג י ש ל י ר י , דער הויפּט־אויפפּאַסער פון דער אינקוויזי־ציע תפיסה "טאָרא די נאָנא". הינטער אים איז געגאַנגען דער משומד סיקסטוס סענעזעס, דערזעלבער, וואָס האָט לעצטן יאָר, צוזאַמען מיטן משומד גאַלאַטי יום כפור אַריינגעשטעלט אַ צלם אין ארון קודש פון דער סינאַגאָגע, און דער־מיט געבראַכט צו אַ געשלעג. עטלעכע יידן זיינען דערנאָך געשמיסן געוואָרן אויף "פּיאַצאַ דעללאַ פּיאַנטאַ". דער משומד איז אַ צייט געווען אַוועק פון רוים. און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע אידישע קבוצים. איצט, זעט אויס האָט מען אים ווידער געבראַכט קיין רוים. ער איז געווען הויך און דאַר מיט אַ לאַנגען אַסקעטישן פּנים. זיינע ברוין־פּיבערדיקע פאַרשפּיצטע אויגן ווי אויסגעצויגן צו די אויערן־צו, האָבן געזוכט אין אַלע זייטן, באַטראַכט אַלע פּנימער. הינטער זיי זענען געשטאַנען עטלעכע דאָמיניקאַנישע מאָנאַכן אין ווייסע כאַלאַטן, מיט קליינע קאַפּלעך אויף די רונדיק געשוירענע קעפּ. אויך עטלעכע באַוואָפנטע אָפיצירן מיט קאַלירטע כאַלאַטן איבער זייערע געפאַנצערטע ברוסט־פּלאַטן, מיט נאָכהענגענדיקע שווערדן. אָפיצירן פון הייליקן דאָמיניקאַנישן אָרדער.

דער רופא עמנואל סאבאטי איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען און זיך פאַר זיי טיף פאַרנייגט. דער אינקוויזיטאָר גישלירי האָט אים מיטן עלנבויגן אַ שאַר געטאָן פון זיך און איז אַריין אין שטוב. ער האָט פאַמעלעך איבערגעקוקט אַלעמען, נאָכדעם זיך אויסגעדרייט צום משומד סיקסטוס סענעזעס, ווי ער וואָלט אים עפּעס געפרעגט מיט זיינע צעיושעטע אָקסענע אויגן. דער משומד סענעזעס האָט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן געשאָקלט הין און צוריק מיטן קאָפּ אויף ניין, דעם וואָס זיי דאַרפן איז דאָ נישטאָ.

— וואָס קומט דאָ פאָר? ווער האָט איר געפּראַוועט אַ חתונה? — האָט דער אינקוויזיטאָר געפרעגט.

די אַלטע דבורה האָט זיך אַרויסגערוקט.

— דאָס האָט מען מיט דער גנעדיקער דערלויבעניש פון בישאָף אין רוים חתונה געמאַכט אונדזערע קינדער.

— ווער איז דער חתן צווישן אייך? — האָט ער מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אַ שטאָך געטאָן דעם מחותן משה חלפן אין דער ברוסט אַריין. רב משה חלפן האָט זיך לייכט אַ וואָקל געטאָן און מיט אַן איינגעהאַלטענער רואיקייט געקוקט דעם אינקוויזיטאָר גלייך אין די אויגן אַריין.

— דער חתן איז דאָ נישטאָ, סעניאָר.

— אַזוי, איר האָט אויסגענאַרט דעם בישאָף פון רוים, געפּראַוועט אַ חתונה אָן אַ חתן.

גישלירי האָט זיך געשטעלט מיט צעשפּרייטע פיס, אָנגעלענט די הענט אויף די ברייטע היפטן. באַלד האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַ געשריי געטאָן:

— ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?

— איך סעניאָר, וואָס איז אייער פאַרלאַנג, סעניאָר גישלירי — האָט זיך דער רופא עמנואל סאַבאַטי אַרויסגערוקט.

דער אינקוויזיטאָר האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון זיין לעדערנעם טאַש און גענומען לייענען:

— אין נאָמען פון דער הייליקער אינקוויזיציע זענען מיר געקומען נעמען צו אַ משפּט דעם פאַררעטער, דעם מאַראַן מרדכי חלפן, וועלכער איז געטויפט געוואָרן מיט אַכצן יאָר צוריק אין ליסאַבאָן.

אַלע קרובים זיינען איצט געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן אויסגעהערט זייער אייגענעם טויט־אורטייל.

דער רופא עמנואל סאבאטי איז שנעל געקומען צו זיך.

— גאָט זאָל אונדז באַשירמען. מיר האָבן גאָרנישט דערפון געוואוסט. דער חתן איז גלייך נאָך דער חופּה אַרויס. מיר זענען אַליין באַזאָרגט וועגן

אים, סעניאָר גישלירי.

דער אינקוויזיטאָר האָט פאַרביסן די ליפּן, געקוקט מיט זיינע פאַרצאָרנ־טע אָקסענע אויגן, אויף דעם משומד, וואָס האָט אים איינגערעדט, אַז נאָר ביי דער חופּה וועט ער לייכט פּאַקן דעם מאַראַן. ער איז צוגעלאָפן מיט אויסגע־ביילטע הענט צו די קרובים.

— דעם אמת זאָלט איר זאָגן, איך וועל שינדן אייער לייב, איך וועל גיסן קאָכיקן אויל אין אייערע געדערעם אַריין.

אַלע קרובים זענען ווי פריער געשטאַנען מיט פאַרזאָרגטע אַראָפּגעלאָז־טע קעפּ.

— דו האָסט אימבאַהאַלטן, דאָקטאָר סאַבאַטי, מיר וועלן דיין גאַנצע הויז,־געזינדל שיקן צום שייטער... מיר וועלן ברענען און בראָטן אייערע לייבער.

דאָקטאָר סאַבאַטי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פאַרגליווערטער רו־איקייט.

— אין וועלכער זייט איז ער אַוועק? — האָט דער משומד סיקסטוס סענעזעס געפרעגט.

— מען זאָגט, אַז ער איז אַוועק צום טיבער־טייך, ער איז פּלוצים נעלם געוואָרן. דערפאַר זיינען מיר אַזוי באַזאָרגט.

— ווער זאָגט עס? —האָט זיך דער אינקוויזיטאָר גישלירי צוגערוקט נאָענט צום רופא סאַבאַטי און אים געקוקט אין די אויגן. דער רופא סאַבאַטי האָט ווי פריער געקוקט מיט זיינע טרויעריק פאַרזאָרגטע אויגן און גלייך נישט געענטפערט.

— ווער זאָגט עס?

— איך סעניאָר! — האָט מען אויסגעשריגן הינטער זיי אין פאָדער־הויז. אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט. אויפן שוועל איז געשטאַנען דער פישער יונתן אין זיינע וואָכעדיקע, געלאַטעטע פישער־קליידער.

— ווער ביסטו? קום אַהער. — האָט דער אינקוויזיטאָר גישלירי אויס־געשריגן מיט זיין הייזעריקער שטימע.

— איך בין דער פישער יונתן. איך שטיי מיר אַזוי ביים טיבער. מיטאַמאָל קומט מרדכי צו לויפן. איך שריי צו אים: מרדכי! אַ נעכטיקער טאָג. ער קוקט זיך אַפילו אויף מיר נישט אום. רואיק איז ער געגאַנגען ביז דאָס געלע וואַסער פון טיבער האָט אים צוגעדעקט . . .

די קרובים האָבן זיך ווי אַ וואַקל געטאַן. אַ קרעכץ איז געבליבן הענ־גען אין דער לופט. די אַלטע דבורה האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. בלויז דער רופא סאבאטי איז ווי פריער געשטאַנען רואיק, געקוקט מיט זיינע טרויעריקע

אויגן ערגעץ ווייט אַוועק.

דער אינקוויזיטאָר גישלירי האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע באַגלייטער און שטיל געזאָגט

— זוכט אין אַלע לעכער. זיי נאַרן אונדז.

די אָפיצירן און מאַנאַכן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער אַלע צימערן. דער רופא סאַבאַטי האָט געעפנט אַלע קאַמערן, דעם קעלער. די מאַנאַכן האָבן מיט אָנגעצונדענע ליכט זיך אַרונטערגעלאָזט אין קעלער. פון די שטיינערנע ווענט, פון דער טיפקייט האָט געיאָגט אַ טוכלע קילקייט. זיי זיינען פאַרקראָכן אין דער טיפער הייל, וואו די שטיינערנע געוועלבן זיינען געוואָרן אַלץ נידעריקער, אַזש מען האָט געמוזט דעם קאָפּ איינבויגן, זיי האָבן געקלאַפּט אין די צוזאַמענגעפּרעסטע שטיינער צו דערפילן אויב פון ערגעץ וועט ניט קומען קיין הוילער אָפּקלאַנג. עס האָט זיך אָבער נישט געשפּירט, אַז דאָ געפינט זיך אַ לעבעדיקער נפש. אַן אָפּגעשטאָרבענע קברימדיקע שטילקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען, ווי די שטילקייט פון די קאַטאַקאָמבן־היילן פון רוים, וואָס איז די מאַנאַכן, געווען אַזוי גוט באַקאַנט.

זיי זיינען אַנטוישטע צוריק אַרויף אויבן. ביי דער שווערער קעלערטיר, האָבן שוין געוואַרט די אָפיצירן אַרום דעם אינקוויזיטאָר גישלירי. ער האָט שוין געזען, אַז די מאַנאַכן קומען צוריק מיט גאָרנישט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיינע מענטשן און מיט אַן איינגעהאַלטענער רציחה געזאָגט:

— מיר וועלן באַוואַכן די געטאָ. אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר שוין זען ווי דער טיבער וועט אַרויסשווענקען דעם מאַראַן. אויב נישט, וועלן זיי דאַרפן ענטפערן אויף זייערע ליגענס.

גישלירי איז האַסטיק אַרויס פון הויז, נאָך אים זיינע באַגלייטער. זיי האָבן אויפגעהויבן די פאַרהאַנגען פון די קאַרעטעס, זיך אַריינגעזעצט און זייַנען אָפּגעפאָרן, אָבער נישט גלייך אַרויס פון געטאָ. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער די געסלעך צו דער "וויא דעללא טעמפּיא" וואו די אַנדערע קאַרעטע איז פריער אַוועק.

אַלע קרובים זיינען איצט געשטאַנען ביים שוועל פון פאָדער־הויז און נאָכגעקוקט די קאַרעטעס מיט אַ געדריקטער שווייגעניש. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, די קאַרעטעס זיינען שנעל צוריקגעפאָרן און זיך אַוועקגעלאָזט צום טויער און אַרויס פון געטאָ

— ווּעמען נאָך האָבן זיי געזוכט. — האָט עמעצער געפרעגט. קיינער האָט נישט געוואוסט צו ענטפערן. דער פישער יונתן האָט אַ צי געטאָן דעם רופא סאַבאַטי ביים אַרבל. זיי זיינען ביידע אַוועק אין דעם אויסגעליידיקטן צימער. דער רופא סאַבאַטי האָט אים אָנגענומען ביי די הענט און זיי שטאַרק געדריקט.

— אַ דאַנק דיר, יונתן, דו האָסט מיך געראַטעוועט פון אַ שווערער פאַר־לעגענהייט. איך טראַכט וועגן דעם, אַז דיר איז אַזוי ביטער, האָסט אייגענע צרות, פונדעסטוועגן איז דיין האַרץ אָפן צו העלפן אַנדערע . . .

— יונתן האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און טיף אַ זיפץ געטאָן.

— די אינקוויזיטאָרן האָבן אויך געזוכט די קורטיזאַנקעס טאָכטער. זי האָט ווייזט אויס, געוואוסט און איז פריער אַרויס פון געטאָ, אָבער צו וואָס האָט זי מיטגעשלעפּט מיין קינד? און אפשר איז זי נאָכגעגאַנגען אַליין? זי איז דאָ געווען אומגליקלעך.

דער רופא סאַבאַטי האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער איז גע־שטאַנען מיט אַ טרויעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיינע געדאַנקען זיינען איצט געווען פאַרנומען בלויז מיט מרדכין. ער האָט איינגעשטעלט דאָס גאַנצע הויז, די גאַנצע משפחה צוליב אים. זיי, די אינקוויזיטאָרן, וועלן אים שוין נישט אָפּלאָזן, מען וועט אים נאָך געבן מוטשען, און ווי לאַנג קען מען דאָס באַ־האַלטן אַ מענטשן אין געטאָ? טאָמער געפינען זיי אים דאָ אין הויז, זיינען אַלע פאַרלוירן.

— יונתן, מיר זיינען אומגליקלעך. איך ווייס נישט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן צו ראַטעווען אונדזערע קינדער.

יונתן האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם רופא אַזאַ הילפלאָזן, אַזאַ פאַרלוירענעם.

— איך האָב באַהאַלטן מרדכין, ווי אַזוי פירט מען אים אַרויס פון דאַ־נען?

יונתן האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך צוגערוקט צום רופא סאַבאַטי.

—איך קען אים אַרויספירן נאָך די נאַכט. איך האָב שטיין אַ שיפל ביים שעכט־הויז.

ביים רופא סאַבאַטי האָבן זיך פון אויפרעגונג אַזש די פיס געבוגן ברעכן . ער האָט זיך אַ שווייגנדיקער אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן פי־שער.

— אויב איר ווילט נישט, פאַר איך סיי ווי. איך וועל זיך אַרויסלאָזן איבער רוים. איך וועל נישט צוריקקומען אָן מיין קינד.

דער רופא סאבאטי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דעם פישערס אַקסל.

— יונתן, עס איז אַ גרויסע סכנה, זיי קאָנען דיך כאַפּן, דיך פאַרשמייסן, יונתן.

יונתן האָט זיך פלינק אויפגעשטעלט אַזש זיינע גלידער האָבן אַ קנאַק געטאָן מיט גבורה. דער רופא סאבאטי איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם פי־

שערס אנטשלאָסנקייט. ער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, אָנגעכאַפּט יונתן ביי זיינע שטאַרקע אָרעמס:

— איך גיב אים איבער אין דיינע הענט. בלויז אַריבערצופירן אים איבערן וואַסער, און גאָט זאָל אייך העלפן.

דער פישער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— איך וועל וואַרטן אויף אים לעבן שעכט־הויז.

ער איז אַרויס, פאַרשוואונדן אַרונטער צו דער "פיומאַרא" גאַס, צום טי־בער ברעג.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אַוועקגעלאָזן צום עס־צימער וואו רחל איז איינע אַליין געזעסן. זי האָט זיך געוויגט אין אירע חופה־קליידער, ווי אַן אַלמנה ביי וועלכער עס איז אַן אומגליק געשען אין דער נאַכט פון איר חו־פּה. דאָס ווייסע קלייד איז געווען צעגעקנאָדערט, די שלייערן אויסגעווייקט מיט טרערן. איר פּנים אויסגעבלייכט. די ליפּן בלאָ, אַן אַ טראָפּן בלוט. סאַבאַ־טי האָט זיך איינגעבויגן צו איר און שטיל געזאָגט:

— רחל, גיי אַרונטער און געזעגן זיך מיט דיין מאַן. זאָג אים, אַז דער פישער וואַרט אויף אים ביים שעכט־הויז. קיינער וועט אים נישט באַגלייטן. זאָג אים, אַז ווען ער וועט קומען צום ברעג זאָל ער אַוועק צום סאַוועלי־פּאַלאַץ. זיי וועלן אים באַשיצן און אפשר אַרויספירן פון רוים.

רחל האָט אויפגעהויבן צו אים אירע רויט פאַרשוואָלענע אויגן. איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. זי האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן נאָר די טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז.

— רחל ביסט מער נישט קיין קינד. שייד זיך מיט דיין מאַן אַן געוויין. דיין געוויין וועט אים צעברעכן און ער דאַרף איצט האָבן אַ סך כח. זאָג אים, אַז אין סאַוועלי־פּאַלאַץ זאָל ער דערציילן, אַז ער איז מיין שוואָגער, אָבער למען השם נישט זאָגן, אַז איך האָב אים געשיקט . . .

רחל איז שוין געזעסן אַ באַרואיקטע, זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס דער שוואָגער האָט איר געזאָגט.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי איז פאַמעלעך אַרויס פון צימער. רחל האָט פון זיך אַרונטערגעשלעפּט דאָס חופה־קלייד, זיך אָנגעטאָן איר שטוב־קלייד. זי האָט איינגעפּאַקט אַ פּעקל מיט עסנוואַרג, אויפגעשלאָסן איר קופערט, גע־שטאָנען אַ ווײַלע און באַטראַכט דעם אויסגעשטיקטן טלית־זאַק פון סאַמעט, די עשרת הדברות אויף די לוחות מיט פליענדיקע כרובים איבער זיי, וואָס זי האָט מיט אַזויפיל ליבע אויסגעשטריקט פאַר מרדכין. זי האָט אַרויסגענומען איר נדן, צירונג און געלט און זיך געלאָזט צום קעלער.

אין הויז איז געווען שטיל, אַלע טירן פאַרמאַכט, בלויז דאָס קרעכצן פון

איר מוטער דבורה האָט זיך ווי מיט אַ ווידער־קול געטראָגן איבער דעם פאַרשטילטן הויז. אירע אויערן זיינען נאָך געווען פול מיטן גערויש און טומל פון דער צעשטערטער חתונה.

רחל איז צוגעגאַנגען צו דער קעלער־טיר, שטיל זי אויפגעשלאָסן און געעפנט. זי האָט מיט טאַפּנדיקע הענט אין דער פינצטער זיך אַרונטערגע־לאָזט מיט צעקרימטע טרעפּ אין קעלער אַריין. זי האָט נישט געוואָלט אָנצינדן קיין ליכט, כדי מען זאָל פון דרויסן עפּעס נישט באַמערקן. רחל האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער פינצטערניש, וואָס האָט איר אַרומגענומען מיט אַ דער־דריקנדיקער ענגשאַפט. זי האָט געוואוסט, אַז ערגעץ וואו געפינט זיך איר מאַן. איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט שרעק און בענקנדיקער פרייד.

אין קעלער איז געווען אַ קברימדיקע שטילקייט. זי האָט שטיל גענו־מען רופן:

— מרדכי, מרדכי, דאָס בין איך, רחל.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע. נאָכדעם האָט זיך געהערט אַן אומזיכערער לייכטער באַוועג, ווי עפּעס אַ קעלערדיק באַשעפעניש וואָלט אַ פלאַטער געטאָן, רחל האָט פון שרעק געמאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק. באַלד האָט זיך געהערט דאָס אָטעמען ווי פון אַ מענטשן, וואָס וואָלט געשטופּט אַ שווערע מאַסע. נאָכדעם האָט די ערד אַ ציטער געטאָן פון אַ שווערן שטיין וואָס האָט זיך פון דער וואַנט אַראָפּגעוואַלגערט. רחל האָט זיך געלאָזט צו דער זייט פון וואַנען דער שטויס איז געקומען, זיך געשאַרט מיט די הענט ביי דער קאַלטער וואַנט. אַ ווייסער שאָטן האָט אַ פלאַטער געטאָן ווי אַ טויב פון דער פינצטערניש אַרויס. רחל האָט דערקענט דעם קאָלנער פון מרדכיס העמד און דעם בלייכן שאָטן פון זיין פּנים.

— מרדכי! מרדכי!

— רחל? ביסטו אַליין?

— איינע אַליין.

— זיי זיינען שוין אַוועק?

— זיי זיינען שוין לאַנג אַוועק — האָט רחל געענטפערט מיט אַ שטילער ציטערדיקער שטימע. איר האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי האַסטיק, אַז עס האָט איר אַזש אויסגעפּעלט אָטעם. מרדכי איז צוגעגאַנגען צו איר נאָענט מיט אַ שעמעוודיקע איינגעהאַלטנקייט. רחל האָט שוין איצט געקענט אויך הערן דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. ער האָט אָנגענומען אירע הענט און שטיל געזאָגט מיט אַ שעמעוודיקן ציטער אין זיין קויל.

— רחל, אַ רחל, מיין ווייב.

זי האָט זיך ווי אַ פאַרחלשטע צוגעבויגן צו אים. באַלד האָט זי דער־

פילט זײַנע ציטערדיקע הענט, וואָס האָבן מיט אַ האַסטיקן אימפּעט איר אַרומ־גענומען. זי האָט אַ זיפץ געטאָן און באַגערנדיק אַרײַנגעפּאַלן אין זײַנע אָרעמס. ער האָט איר געקושט דאָס מויל, די אויגן, האַלדז, זײַערע קערפּערס האָבן זיך צונויפגעדריקט ווי איינער וואָלט געוואָלט זיך אויפלייזן אין דעם צווייטנס לײַב מיט גרויס ליבשאַפט. אָבער די לויערנדיקע שרעק האָט זי אויפגעוועקט פון זײַערע פאַרחלשטע באַגערן. איר קערפּער האָט גענומען ציטערן. זי האָט זיך נאָכמער געקלאַמערט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערוואָרע־מען מיט זײַן הייסן אָטעם.

— דו ציטערסט, רחל, איך וועל דיך אַרומהילן מיט מײַן מאַנטל.

— ניין, מרדכי, מיר איז גוט אַזוי.

מרדכי האָט אַרויפגעלייגט אַ טייל פון זײַן ברייטן כאַלאַט אויף אירע אַקסלען. ער האָט זי צוגעפירט צו אַן אָרט הינטער אַ געוועלבטן שטיינערנעם ווענטל, וואו ער האָט געהאַט זײַן געלעגער. זיי זײַנען אַרײַן אין דער עפענונג און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכן שעניק.

רחל האָט זיך אָנגעלענט אויף זײַן ברוסט און מיט די הענט אָנגערירט זײַן פּנים. דער פלאַמענדיקער פיבער פון זײַן פּנים האָט ווי אָנגעגליט אירע פינגער.

— עס איז אונדז נישט באַשערט צו לעבן ווי מאַן און ווײַב, וויפל טעג און נעכט האָב איך געוואָרט דו זאָלסט חתונה האָבן מיט מיר און איצט — אונ־זער יחוד אין אַ קעלער — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע גערעדט.

זי האָט אַרומגעוויקלט די הענט אַרום אים און אים שטיל געטרייסט.

— דאַרפסט זיך נישט באַקלאָגן. דו וועסט זען, מיר וועלן אויפשטעלן אַ הויז אין פעראַראַ, צי אין קאָנסטאַנטינאָפּל, וואו יידן לעבן פריי.

מרדכי האָט געפילט, אַז אירע רייד באַרואיקן זײַן האַרץ, ער איז געווען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס רחל וועט אים הייסן טאָן. ער מוז לעבן, זיך ראַטעווען צוליב איר, רחל, זײַן ווײַב.

— מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז דו וועסט זיך ראַטעווען. איך וועל קומען צו דיר, מרדכי מײַן מאַן, מײַן איינציקער.

זי האָט דערפילט ווי די שלאַבעריקייט פון זײַן קערפּער האָט גענומען פאַר־שווינדן. ער איז ווידער שטאַרק געוואָרן ווי אַמאָל אין דער נאַכט פון איר פאָ־טערס טויט, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט דעם הייסן אָטעם פון זײַן לײַב. ער האָט זי מיט אַ יונגע גבורה אַ הויב געטאָן צו זיך, זיך אײַנגענורעט אין איר. דער גאַנצער קערפּער אירער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ זיסן פײַנלעכן ציטער, אַלע באַגערן, וואָס האָבן געדרעמלט אין איר מיידלשן לײַב האָבן זיך ווי מיט אַ שטורעם אויפגעכאַפּט, פאַרפלייצט איר לעבן. זי האָט ווי

אַ דורשטיקע זיך געשטרעקט צו אים, מיט אַ גרויסער תשוקה, ווי די ערד עפנט זיך בעת אַ שפּריי־רעגן נאָך אַ לאַנגע אויסגייענדיקע טריקעניש. זייער שרעק איז פאַרשוואונדן. קיינער האָט מער נישט געוועלטיקט, נאָר זיי אַליין, אַ גלוסטנדיקע פרייד האָט אַרויסגעקוועלט פון זייערע לייבער. אין דער קע־לערדיקער טיפעניש האָט מיטאַמאָל אָפּגעקלונגען ווי אַ ווידער־קול זייער שטילער געלעכטער.

זיי האָבן זיך מיט אַמאָל דערשראָקן פאַר זייער אייגענעם געלעכטער, וואָס האָט זיי געקלונגען פרעמד, ווי עפּעס קולות פון לצים, וואָס שפּעטן אָפּ פון זיי, פון דער טיפעניש אַרויס. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז זייערע מינוטן דאָ צו פאַרבלייבן זיינען געציילטע, באַלד וועלן זיי זיך דאַרפן שיידן און אָפּ־שר אויף אייביק. זיי זיינען געזעסן שטיל. זיך מיד אָנגעלענט אין דער שטיי־נערנער קאַלטער וואַנט. זיי האָבן זיך איינגעהערט צו דער געדריקטער קע־לערדיקער שטילקייט. ווי גוט עס וואָלט געווען ווען זיי קענען אַזוי דאָ בלייבן אַליין, נישט צו זען די דרויסנדיקע שלעכטע וועלט, וואָס וויל פאַרצוקן זייער יונג לעבן! טאָמער וועט מען אים כאַפּן, וועלן זיי אים זיכער פאַרברענען לע־בעדיקערהייט אויפן ״אטא־דא־פע״, ער וועט נישט קענען אָפּלייקענען, אַז ער איז נישט געווען געשמדט קליינערהייט.

מרדכי איז איבערוועלטיקט געוואָרן מיט טרויעריקע געדאַנקען, ער האָט אויפניי דערפילט ווי שווער עס איז צו אַנטלויפן פון דער אינקוויזיציע, לויפן פון געטאָ, פון דער שטאָט און פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה, וועלן אים קלעקן כחות, וועט געשען אַ נס. אויב נישט, איז וואָס דאַרף ער לויפן, שטאַרבן אין דער פרעמד? ערשט איצט זעט ער, ווי נאָענט ער שטייט פאַר זיין סוף. און אפשר קומט אויך דער אונטערגאַנג פון אַלע רוימישע יידן? ווי לאַנג וועלן זיי קענען אַזוי לעבן אין דער ענגשאַפט פון געטאָ אָן ליכט און אָן פּרנסה? טאָג און נאַכט האָבן זיי געהאָפט אויף אַ דערלייזער. עס איז געקומען ראובני, שלמה מולכו, קיינער האָט אָבער נישט געבראַכט קיין ישועה, עס ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

ער האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט. ער טאָר אַזוי נישט טראַכטן. ער האָט זיך אומגעקוקט צי האָט ניט רחל באַמערקט זיינע טרויעריקע געדאַנקען. רחל האָט ווי דערפילט וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. זי האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט, מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— געדענק מרדכי, דו מוזסט זיך ראַטעווען. איך וועל אָן דיר נישט קע־נען לעבן. מרדכי, האָב בטחון און גאָט וועט דיך באַשיצן.

מרדכי האָט געגלעט איר ציטערדיקע האַנט און שטיל צו איר גערעדט.

— איך וועל זיך זיכער ראַטעווען, רחל. אין גאָטס הענט גיב איך אי־

בער מיין לעבן. טאָמער איז זיין רצון מען זאָל מיך כאַפּן, זאָלסטו זיין שטאַרק. דורך דיין לעבן וועל איך איבערבלייבן . . .

רחל האָט דערפילט אַ קלעם ביים האַרץ, אַ געוויין האָט זיך אַ ריס גע־טאָן פון איר לייב; זי האָט אַריינגענומען איר פּנים אין די הענט און ביטער גע־שלוכצעט.

מרדכי האָט אַוועקגענומען אירע הענט פון פּנים און זיך שטיל געבעטן ביי איר:

— וויין נישט רחל. אַ איד דאַרף אויף אַלץ זיין גרייט. דו ווילסט דאָך נישט איך זאָל זיך נאָכאַמאָל שמדן, און אפילו אויב יאָ, וועלן זיי מיך פאַרשיקן ווי אַן אייביקער שקלאַף אויף דעם מאַלטאַ אינזל

רחל האָט אויפגעהערט וויינען און לאַנג וועגן עפּעס נאָכגעטראַכט.

— ווילסט איך זאָל פאַרשוועכן אונדזער אמונה און ווי אַ שקלאַף ווערן צוגעקייטלט צום בארטן פון אַ שיף און שטאַרבן יעדן טאָג?

רחל האָט זיפצנדיק אָפּגעאָטעמט:

—איך ווייס נישט וואָס איך וויל. איך וויל בלויז דו זאָלסט לעבן, מר־דכי, דו מוסט לעבן!

מרדכי האָט זיך האַסטיק און אַנטשלאָסן אויפגעשטעלט. אַנגענומען רחלען מיט קראַפט ביי אָרעם און זי אויך אויפגעשטעלט. זי האָט מיט דער־לייכטערונג אַ שמייכל געטאָן. זי האָט דערפילט, אַז ער האָט גענוג כחות זיך צו וועלן ראַטעווען פון די אַלע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אים.

זיי האָבן גענומען אַרויסשפּאַנען מיט די טרעפּ אַרויף, אַרויס פון קעלער. ביי דער טיר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט. עס איז געווען שטיל. מרדכי האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיטן קאָרידאָר, אַרום איז געווען פינצטער, בלויז שיטערער ליכט־שאָטן, האָט זיך געזען פון דער קהלה־שטוב, וואו אַ נר־תמיד האָט געברענט ביים ארון־קודש,

רחל איז צוגעגאַנגען צו דער אַרויסגאַנג טיר און אַרויסגעקוקט צו דער "פּיאַצאַ" דער קרומלעכער סקווער איז געווען אויסגעליידיקט. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער ליידיקער גאַס. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז אַלע פינצטערע פענצטער קוקן מיט אָפענע אויגן דאָ אַהער. זי האָט אָנגע־נומען מרדכין ביים אָרעם און אים געפירט צו דער הינטער־טיר.

מרדכי האָט זי האַסטיק אַרומגענומען. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף אירע שפּיץ־פינגער, אים אַ קוש געטאָן מיט ציטערדיקע הייסע ליפּן אין מויל אַריין. ער איז אַן ווערטער האַסטיק אַרויס פון הויז.

רחל האָט געזען ווי ער שלייכט שטיל אין דעם שמאָלן געסל, פאַרקע־רעוועט זיך צווישן די הייזער אַרונטער צו דער "פּאַמאַרא" גאַס. זי האָט זיך מיטן

שאָל איינגעהילט דעם קאָפּ און פּאַמעלעך הינטערווײַלעכץ נאָכגעשפּאַנט. מרדכי האָט זיך געשאַרט לעבן די ווענט מיט גיכע שטילע טריט און ער האָט זיך קיין איינמאָל נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין שום שרעק אין זיך.

פונדערווייטנס אין טאָל האָט זי שוין געזען דער טיבער־טייך. אַ געדיכטער פייכטער נעפּל האָט זיך ווי אַ גרויער וואָלקן געהויבן פון דאָרט, איינגעהילט די הייזער, די שמאָלע געסלעך.

לעבן שעכט־הויז האָרט ביים וואַסער, האָט זיך מרדכי אָפּגעשטעלט. פון דער זייט, ווי פון אַ באַהעלטעניש, איז אַרויסגעקומען נאָך אַ שאָטן. באַלד האָבן זיך ביידע שאָטנס, מרדכי און דער פישער יונתן, ווי אַרונטערגעלאָזט אין נעפּל אַריין און גענומען שווימען ווי אויף אַ וואָלקן.

רחל איז האַסטיק אַרונטערגעלאָפן צום ברעג. זי האָט געזען ווי די שווימנדיקע שאָטנס פאַרקערעווען זיך און פאַרשווינדן אַרונטער אונטער דעם מאַסיווען קיילעכדיקן טויער פון דער "פאַנטא קוואַטערי קאַפּי" בריק. זי האָט שוין מער גאָרנישט געזען, בלויז דעם שאָטן פון דער לאַנגער בריק, וואָס האָט זיך געצויגן צום טיבער־אינדזל, וואו די שפּיצן פון די אַלטע מאַסיווע קלויסטערס, האָבן ווי פאַראַנקערטע שיפן אַרויסגעשטייגט פון דעם גרויען כוואַליענדיקן זומער נעפּל.

# דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער גביר עזריאל טאָסקאַני איז געזעסן ביים פענצטער פון אויבערשטן גאָרן און אַרונטערגעקוקט אויף דער גאַס. עס איז שוין געווען נאָך מעריב. אַ נעפּלדיקער טונקעלער אָוונט האָט איינגעהילט די געטאָ אַראָפּגעניִדערט מיט אַ דושנער הייסער לופט און שווערער געמאַכט דאָס אָטעמען. די ענגע חושכדיקע געסלעך האָבן זיך גענומען איינשטילן פון דעם פאַרנאַכטיקן טומל. די אָרעמע יידן פון דער פּיומאַרא, פון דער קאַטאַלאַנאַ, האָבן זיך פרי געלייגט שלאָפן. זיי זענען געווען מיד און צעבראָכן פון דער שווערער האָרעוואַניע, וואָס זיי האָבן די לעצטע טעג אויפסניי געצוואונגענע געמוזט טאָן פאַרן וואַטיקאַן, יעדן טאָג האָבן זיי זיך גענדאַרפט צושטעלן צום "דעללאַ פיאַנטא" טויער און פון דאָרט האָט מען זיי געפירט גרופּעסווייז צום "סאַן סעבאַסטיאַן" טויער צו פאַרריכטן די מויערן פון שטאָט, צו בויען הייזער פאַר דער מלוכה.

אַלע האָבן געוואָלט זיין געזונט, האָבן כח צו אַרבעטן, איבערצוקומען די שווערע צייט, ווארעם די וואָס זיינען געווען שוואַך איז זייער ביטער מזל נאָך געוואָרן ערגער. מען האָט זיי פשוט אַרויסגעוואָרפן פון דער שטאָט רוים, און וואוהין צו גיין איז נישט געווען. קיין שום שטאָט האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן קיין ייד, איבערהויפּט מיט ליידיקע הענט און אָרעמע־לייט זיינען געווען אַ סך אין געטאָ.

בלויז די פאַרמעגלעכע יידן פון דער "דעללא טעמפּיא" פון דער "וויאַ־רוא" זיינען היינטיקן אָוונט געווען וואכער, ווי געווענליך. זיי זיינען געשטאַנען גרופּקעלעך, לעבן דעם פאַרטריקנטן "דעללא טעמפּיא" פאָנטאַן און זיך שטיל געאַמפּערט, אַנדערע האָבן זיך מיט גרויס כעס אָפּגעריסן און זיך גע־לאָזט לויפן מיט צעפלויגענע כאַלאַטן, טייל האָבן זיך אַרומגעדרייט טרויעריקע מיט אַראָפּגעלאָזטע יאושדיקע קעפּ רונד אַרום דעם פאָנטאַן און צום סוף זיך

אַוועקגעלאָזט צו דער "פּיאַצצאַ דעללאַ סקואָלאַ" צום הויז פון ראש הקהל, וואו עס האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ גרויסע אסיפה פון אַלע פאַרמעגלעכע און חשובסטע יידן פון רוים.

דער גביר עזריאל טאָסקאַני האָט שווער אָפּגעזיפצט. אַמאָל האָט ער זיך אַזוי געקאָכט, זיך אויפגערעגט ביי יעדער נייער גזירה, וואָס דער פּויפּסט האָט אַרויסגעגעבן קעגן יידן, איצט האָט ער מער נישט קיין כח. ער איז באַזיגט געוואָרן. ער פילט, אַז ער איז שוין מער נישט קראַנק. נאָר עפּעס אַ שלאָבעריקייט האָט פאַרשוואַכט זיינע גלידער. זיין האַרץ איז תמיד ציטערדיק און דערשראָקן. עס איז גראָדע דאָ פון וואָס צו זיין אויפגערעגט. צו פאַרדינען איז מער נישטאָ פון ערגעץ. קיין חובות צאָלט מען נישט, שטייערן רייסט מען פון אַלע זייטן. יעדן טאָג דאַרף מען זיך אויסקויפן פון די וועכטער, וואָס שלעפּן צו דער אַרבעט, צו טראָגען שטיינער אויף די מויערן. איצט איז נאָך צוגעקומען אַ נייער אומגליק, נישט דוקא מיט די יידן פון געטאָ, נאָר מיט אַלע יידן פון דער גאַנצער פּויפּסטלעכער מלוכה. דאָס, וואָס דער מאָנסעניאָר טשענטשי האָט אים פריהער צוגעגרייט איז טאַקע געקומען. דער פּויפּסט האָט געלאָזט אַרעסטירן אַלע מאַראַנען פון דער פּאָרט שטאָט אַנקאָנאַ, און זיי פאַרשפּאַרט אין די מאַטער־קאַמערן פון דער אינקוויזיציע. ער האָט זיך גאָר נישט גערעכנט מיט דער רעכט, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די פריערדיקע פּויפּסטן, צו וואוינען דאָרט און פירן מסחר.

ווי עס זעט אויס איז דער אומגליק גאָר גרויס. ער האָט געלאָזט אַרעסטירן די מאַראַנען, וואָס זיינען טערקישע אונטערטאַנער, אָנגעשטעלטע פון דעם מענדעזע געשעפט־הויז אין אַנקאָנאַ. די אינקוויזיטאָרן האָבן ווי געוואָלט ווייזן, אַז זיי האָבן שוין אַפילו פאַר דעם סולטאַן סוליימאַן פון טערקיי נישט קיין מורא.

עזריאל טאָסקאַני האָט צו זיך ביטער אַ שמייכל געטאָן. עס איז נאָך דאָ איין האָפענונג, וואָס נישט אַלע יידן אין געטאָ קענען באַנעמען. די אינקוויזיטאָרן קענען נישט צונעמען דעם פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך אין דעם ים־פּאָרט פון אַנקאָנאַ. ווי געוועגליך די קירך נעמט צו דאָס פאַרמעגן פון פאַרמשפּטע יידן. די לאַגערן מיט סחורות, געהערן צו דער מענדעזע משפחה פון טערקיי. די מאַראַנען זיינען בלויז זייערע משרתים און פאַרטרעטער. דערפאַר הייסט עס, האָט דער מאָנסעניאָר טשענטשי, דער קאַסירער פון דער אַפּאָסטאָלישער קאַמער, אים געהייסן גרייטן זיך אין וועג אַריין, קיין אַנקאָנאַ, איינצוזאַמלען ביי די יידן פופציק טויזנט דוקאַטן אויסלייז־געלט, אויב נישט וועט מען זיי פאַרברענען.

אַן אויפגעוואַכטער אומרו האָט אים אַ הויב געטאָן פון בענקל. ער האָט

גענומען גיך שפּאַנען איבערן צימער. אונטערן לעפּעלע ביים האַרץ האָט אים גענאָגט אַ ווייטיק ווי עס וואָלט אים געטריפט בלוט פון אַ וואונד. ער האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך, אַז די מאַראַנען מיט זייערע משפחות זענען אין גרויס געפאַר פאַרברענט צו ווערן. עס איז גאַרנישט אַזוי לייכט צו קריגן פופציק טויזנט דוקאַטן. די יידן פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה פאַרמאָגן שוין אפשר נישט אַזוי פיל געלט. דער מאָנסעניאָר ווייסט וואָרשיינלעך דערפון. דערפאַר וויל ער, אַז ער טאָסקאַני זאָל זעען צו קריגן געלט ביי די טערקישע יידן. ביי אַלע מזרח־יידן. די טערקישע יידן וועלן אָבער אַזוי גיך נישט געבן קיין געלט, נישט דערפאַר, וואָס זיי ווילן נישט אויסלייזן זייערע ברידער; נאָר זיי ווילן נישט אַז דעם פּויפּסטס משרתים, זאָלן אויספּרעסן געלט פון די יידן ווען עס גלוסט זיך זיי. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן די מאַראַנען געגעבן אויסלייז געלט. די טערקישע יידן וועלן זיך געוויס פריער ווענדן צום סולטאַן. ער זאָל בעשיצן זיינע אונטערטאַנער. ביז וואָס ווען, וועט די אינקוויזיציע שוין נישט האָבן קיין אויסוועג און די אומגליקלעכע פאַרברענען.

פון אונטערשטע גאָרן האָט זיך געהערט אַ טומל. זיינע משרתים האָבן איינגעפּאַקט זיינע זאַכן פאַר דער נסיעה, אַרויסגעפירט קופערטן אויף רעד־לעך. באַשלאָגענע מיט קופערנע רייפן און זיי אַרויפגעלייגט אויף אַן אויסגע־שפּאַנטע קאַרעטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן דישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן הויז.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאָמאָד, וואו עס איז שוין געלעגן צוגעגרייט אַ שיינער פּאַרוק מיט לאַנגע געריננגלטע לאָקן, וואָס ער וועט טראָגן אויף דער נסיעה, כדי די גוים זאָלן נישט דערקענען, אַז דאָס פאַרט אַ ייד און זיך ניט טשעפּן צו אים. אויך דאָס איז אַריין אין דער דערלויבעניש אַרויס־צופאָרן פון רוים. ער האָט צוגעגרייט עכט רוימישע מלבושים, אַ קאָלירטן כאַלאַט, אַ סאַמעטענעם טוניק פון אַ ווייינרויטלעכן קאָליר מיט באַגילדעטע פראַנזן. עס זיינען אויך געלעגן קליידער, קאָלירטע, פאַרביקע פאַר זיין פרוי מרים ווי דער שטייגער עס טראָגן רוימישע פרויען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין פרויס צימער. אינעווייניק איז גע־ווען שטיל ווי קיינער וואָלט שוין דאָרט מער נישט געווען. די קליידער־שענק זיינען געשטאַנען ליידיקע מיט אָפענע טירן ווי מען וואָלט זיך נאָר וואָס אַרויס־געצויגן. ער האָט טיפער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. זיין פרוי מרים איז גע־זעסן ביים פענצטער און אויך אַרויסגעקוקט צו דער גאַס.

— דו ביסט גאָר אין דער היים? — האָט טאָסקאַני זיך געוואונדערט.

מרים האָט זיך אויסגעדרייט. איר בלאַס פּנים האָט אַרויסגעהעלט פון איר שוואַרץ־זיידענעם קלייד. דאָס צימער איז שוין געווען איינגעהילט מיט

נאַכטלעכע שאָטנס, בלויז די גראָע ליכטיקייט פון דרויסן, איז געפאַלן אויף איר געשטאַלט.

— דו זיצסט גאָר אינדערפינצטער?

— איך וואַרט אויף דיר עזריאל — האָט זי געלאַסן געענטפערט.

— יאַ מיר דאַרפן זיך געזעגענען מיט אַלעמען ביי דער אסיפה.

עזריאל טאָסקאַני האָט אַנגעטאָן זיין כאַלאַט, און געוואַרט אויף זיין פרוי מרים. ער האָט שוין דערביי געטראַכט, וואָס וואָלט זיין פרוי געזאָגט ווען זי וויסט, אַז ער האָט אַזוי פרייגיביק אַוועקגעגעבן דאָנאַ פּעסאַרא, די קורטיזאַנ־קעס טאָכטער געלט אָן אַ משכון און ער וויסט אַפילו נישט צי דאָס מיידל, וועט דאָס געלט אים אַמאָל אָפּגעבן . . .

זיי זיינען ביידע אַרונטער מיט די טרעפּ, שטיל שוויגענדיק זיך אַרויס־געלאָזט מיטן טונקעלן פעדער־הויז צום אַרויסגאַנג. די משרתים, וואָס האָבן דאָרט אין דער גרויסער שטוב איינגעפּאַקט די זאַכן לויט דער אַנווייזונג פון דער אַלטער צביה, האָבן זיך אַווילע אָפּגעשטעלט, נאָכגעקוקט ווי מאַן און ווייב גייען שטיל אַרויס פון הויז. זיי האָבן דערביי געהויבן מיט די פּלייצעס ווי זיי וואָלטן געספּקט: איז דאָ שלום בית, אָדער עס איז בלויז אָנשטעל.

זיי זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך, געקוקט אויף די שטילע ווי פאַרחלשטע געסלעך, ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט מיט די שטומע אויסגעליידיקטע הייזער. סרוב זייערע חזקה־הייזער. נאָך קיינמאָל האָבן די הייזער נישט אויסגעזעון אַזוי אָרעם און אָפּגעלאָזן אין זייערע אויגן ווי איצט. אָפּגעשיילטע שמוציקע ווענט. ביים סוף גאַס דאָס הויז מיט די טייוול־קעפּ הינטער די גאַניקעס און גזימסן, וואָלט מען געדאַרפט אונטערשפּאַרן דעם דאַך. דאָס הויז מיט די קאָ־לאָסן, וואָס האַלטן די שווערע גאַניקעס לאָזן זיך אַרונטער. חורבות, וואָס אָט היינט מאָרגן וועלן זיי פאַרשיטן די מענטשן. און פאַר דעם דאַרף מען צאָלן די רוימישע נאָבל־לייט דירה־געלט. קיין אַנדערע דירות זיינען דאָך נישטאָ אין געטאָ.

זיי זיינען אַריין אין דער "פּיאַצצאַ דעללאַ סקואלאַ" דער סקווער איז געווען אויסגעליידיקט. בלויז אַ וואַסער־פירער האָט געשלעפּט ביים ציימל זיין פערדל, וואָס האָט אויף אַ צוויי רעדלדיק וועגעלע געפירט אַ גרויס פאַס מיט וואַסער, הינטער אים האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער פאַרשפּריצטער וועג. דאָ און דאָרטן האָבן אָרעמע פרויען, מיידלעך געטראָגן אויף די קעפּ קרוגן וואַסער באַרג אַרויף פון טאַליקן טיבער־טייך, זיי זיינען זיך צעקראָכן אין די שמאָלע געסלעך אַריין.

דאָס הויז פון ראש הקהל איז געווען פאַרמאַכט מיט די לאָדנס, די טיר פאַרהאַמערט מיט שווערע אייזערנע פּרענטן, ווי דאָס הויז וואָלט אינגאַנצן גע־

ווען פאַרלאָזט, עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ קומט גאָרנישט פאָר די אַסיפה.

פון אַ שמאָל ליקל איז אַרויסגעקומען אַ יונגערמאַן, דער קהלה שרייבער משולם. אַ הויכער, מיט אַן אַסקעטיש לענגלעך פּנים און שטיל צו זיי ווי פאַרבייגייענדיק אַ שעפּטשע געטאָן.

— גייט זייט מוחל מיט דער הינטער טיר צום קעלער פון סינאַגאָגע. דאָרט קומט פאָר די אַסיפה.

עזריאל טאָסקאַני האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז צוליב פאָרזיכטיקייט פאַר די מוסרים האָט מען געביטן דאָס אָרט פון דער אסיפה. זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט מיט דעם שמאָלן ליקל צום הינטערשטן אַריינגאַנג פון סינאַגאָגע קעלער, וואָס אַמאָל האָט מען דאָרט געמאַכט חתונות, קהלה סעודות. איצט איז דאָ אַרום געווען פינצטער און שטיל. די פענצטערלעך האַרט ביים ברוק פאַרמאַכט מיט לאָדנס, קיין טראָפּנס ליכט האָט נישט אַרויסגעשיינט פון דאָרט. אין שאָטן ביי דער אייזערנער טיר איז געשטאַנען אַ צווייטער שומר. דער יונגערמאַן האָט געגעבן עטלעכע שטילע קלעפּ אין דער טיר. עס האָט זיך געהערט אַ סקריפּן פון דעם ריגל. די טיר האָט זיך געעפנט, אַ שיטערע, טונקעלע ליכט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין דעם שמאָלן פאַרהויז. זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען מיט די שטיינערנע טרעפּ. לינקס האָט זיך געעפנט דער קעלער מיט די ברייטע טויערדיקע, געוועלבטע פילאַרן, פון דעם געפלאַסטערטן דיל פון גרויסע פלאַסטן ברוך־שטיינער, האָט געשלאָגן אַ קעלערדיקע קילקייט. פון דעם גרויסן אַסיפה־צימער האָט זיך געטראָגן אַ שטילער גערויש. דער לאַנגער טיש איז געווען באַזעצט מיט די חשובסטע בעלי בתים, מיט אַלע לומדים, אַלע רופאים פון געטאָ. פון סופיט האָט אַרונטערגעהאַנגען אַן אויל־לאָמפּ. און טונקל באַלויכטן דעם קעלער. אויבנאָן איז געזעסן דער רופא עמנואל סאַבאַטי. ביי עזריאל טאָסקאַני האָט פון גרויס קנאה אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ. דאָס הייסט, אַז מען האָט שוין באַשטימט דעם רופא סאַבאַטי פאַר דעם ראש הקהל. קעגנאיבער אין דעם טאַנץ־הויז, וואו מען פלעגט פראַווען די טענץ בעת די חתונות, זיינען געווען פאַרזאַמלט די פרויען. מרים האָט זיך דערפאַר אָפּגעשיידט און אַוועק צו די פרויען.

אינעווייניק ביי דער אַסיפה, איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל ווי אַלע וואָלטן שוין דאָרטן געוואוסט, אַז ער טאָסקאַני איז געקומען. דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַרנייגט און אים אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקע שטיל אויבנאָן, ביים רופא סאַבאַטי, איז דאָס לענגלעך אויסגעצערטע־פּנים געווען צעפלאַמט, די אויגן פיבערדיק. עזריאל טאָסקאַני האָט אים מקנא געווען, וואָס אפילו אין די שווערסטע צייטן, פאַרמאָגט דער רופא ווירדיקייט

און בטחון איבערצונעמען צו פירן די קהלה.

עזריאל טאַסקאַני האָט אויפגעהויבן די אויגן צום טיש. אַלע זיינען געזעסן מיט שווערע פאַרזאָרגטע פּנימער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ, איז שוין פיל גערעדט געוואָרן, וועגן זייער אומגליקלעכן מצב, וועגן די גזירות, וואָס דער פּויפּסט האַלט אין איין אַרויפלייגן אויף די יידן.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אָנגעלענט מיט די הענט ביים טיש און שטיל געזאָגט.

— אונדזער פּרנס דער גביר עזריאל טאַסקאַני, איז זיך געקומען געזעגענען און בעטן דערלויבעניש ווי עס פירט זיך ביי דער קהלה אויף אַרויסצופאָרן פון שטאָט . . .

אַלע האָבן געשוויגן. טייל האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויף די שטערנס, געגלעט מיט די פינגער די קנייטשן און אַזוי אַרום פאַרשטעלט די פּנימער, די אויגן, בלויז דאָרט ווייט אינמיטן טיש, האָט דער וואַכערניק שמואל נסים, זיך נישט דרייסט אויפגעהויבן און מיט זיין הייזעריקלעכע שטימע אַרויסגערעדט צום אויבנאָן:

— אויב די רייכע וועלן אַרויס פון געטאָ, ווער וועט צאָלן די אַלע שטייערן, אפשר די אביונים פון ״דעללא טאָררע״, די ״פּיומאַרא״, די ״קאַטאַלאַנאָ״ געסלעך.

עזריאל טאַסקאַני האָט זיך נישט געפילט באַקוועם וואָס מען האָט גלייך גענומען רעדן וועגן אים. איבערהויפּט האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דעם שמואל נסים, וואָס האָט געפירט ביליקע געשעפטן, געהאַט אַ שלעכטן נאָמען אין געטאָ פאַר רייסן גרויסע פּראָצענטן ביי יידישע אביונים. ער האָט נישט פאַרגונען די, וואָס האָבן געפירט גרויסע מסחרים מיט די רוימישע נאָבללייט. איצט האָט ער אַ געלעגנהייט צו נעמען נקמה אין אים. טאַסקאַני האָט בלויז אַ זאָג געטאָן.

— מיינע גיטער, כמיין מיינע חזקה הייזער בלייבן דאָך דאָ . . .

דאָס האָט שוין דער אַלטוואַרג הענדלער משה מינזי נישט געקענט אויסהאַלטן און דאָרט אונטן ביים סאַמע סוף פון טיש, אויפגעצויגן זיין ברייטע פיגור און אַרויפגערעדט.

— כמע, יידישע גיטער, הייזער, ביי אונדז אין די דייטשע קהלות רעכנט מען זיך שוין לאַנג נישט מיט קיין גיטער אפילו ביים שאַצן שטייערן. קוקט אַריין אין די תקנות פון רב מנחם פון מערזשבורג... אַ ייד היינט איז דאָ, מאָרגן מוז ער נעמען דעם וואַנדער שטעקן. . .

אויך שמואל נסים האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָוועקגעזעצט.

— די גאַנצע קהלה וואָלט געמעגט וויסן ווי אַזוי האָט דאָס טאַסקאַני גע־

קראַגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, ווען מיר אַלע זיינען אין אַ תפיסה . . .

טאָסקאַני האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. אַלע האָבן געשוויגן, קיי־נער האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט אַ וואָרט אים צו פאַרטיידיקן, נישט דער פּרנס רב קמחי, נישט אסקאראלי, מיט וועלכע ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט צוזאַמען. זיי האָבן אַלעמאָל אים געשטיצט דורכצופירן זיינע דרכים, פון שתדלנות, נישט די האַרבע ווערגן פון דעם רופא דוד ד'אסקאַלין און פון דעם רופא סאבאטי. פון גרויס קרענקונג האָט אים אַרויסגעזעצט אַ שווייס אויפן שטערן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. די פיס האָבן זיך אונטער אים געבראָכן. ער האָט זיך אָנגעלענט ביים טיש און שטיל געזאָגט מיט אַ געבראָכענע שטימע.

— כבין געקומען צו דער אסיפה צו הערן, וואָס גייען מיר טאָן צו ראַ־טעווען אַ שטאָט יידן, וואָס ליגן אין די מאַטער־קאַמערן פון דער אינקוויזיציע אין שאָטן פון טויט פאַרברענט צו ווערן.

אַלע האָבן געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די קעפּ. אַ טויט־שרעק האָט ווי אַ שוועב געטאָן אין דער לופט. דאָ און דאָרט האָט עמעץ איינגעהאַלטן אַ זיפץ געטאָן.

— יידן אויב איר האָט עפּעס קעגן מיר בין איך גרייט זיך צו שטעלן צו אַ משפּט פאַר קהל.

רב שמואל נסים האָט זיך ווידער אָפּגעריסן פון זיין שטול. זיינע ברוי־נע קאָכעדיקע אויגן האָבן געשאָטן מיט פייער. זיין ברייטע פליישיקע נאָז איז געוואָרן צונטער רויט, די נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט מיט צאָרן.

— דיני נפשות קומט אים. אַמאָל האָט דער פּויפּסט געשיקט גוייִשע משרתים צו צאַפּן ביי יידן זייער בלוטיק געלט, זייער נשמה, היינט שיקט ער אים דעם פּרנס טאָסקאַני . . .

אַנדערע האָבן זיך גלייך אויפגעכאַפּט און גענומען שרייען.

— מיר האָבן מער נישט קיין געלט.

— לעצטן יאָר האָבן מיר ערשט אויסגעלייזט די מאַראַנען, זיי האָבן אויסגעטראַכט, אַז דער שליח איז אַנטלאָפן מיטן געלט, כדי נאָכאַמאָל צו מאָנען.

— זיי ווילן אונדז מאַכן פאַר אַרעמעלייט, נאָכדעם אונדז אַרויסוואַרפן ווי מען וואַרפט אַרויס אַביסל מיסט. וואו וועלן מיר גיין? ווער וועט אונדז העלפן?

עזריאל טאָסקאַני האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט שוין מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. פּלוצים איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן רחל, דעם פאַרשוואונדענעם מרדכיס יונגע ווייב. זי האָט געטראָגן אַ ווייס קאָפּטיכל מיט זיידענע שפּיצלעך. עס האָט געווייעט פון איר אי מיט

טרויער אי מיט אַ יומטובדיקייט ווי ביי אַ יונגפרוי אין די שבעה ימי משתה. אירע אויגן זיינען געווען טרערנדיק פאַרנעפּלט. זי האָט געהאַט אַרונטערגע־נומען דאָס דינגע שנירעלע פּערל פון איר האַלדז.

— איך גיב דאָס אויסצולייזן די מאַראַנען.

זי האָט זיך גלייך צוריקגערוקט הינטערווייליעכץ, מיט עפּעס אַ זיס צע־פּייניקט שמייכעלע אויף די ליפּן. דאָס שנירעלע פּערל האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, אַרויף צום ראש הקהל דעם רופא סאַבאַטי. גלייך נאָך רחלען האָט זיך באַוויזן מרים טאַסקאַני און אַנדערע פרויען, וואָס האָבן אַרונטער־גענומען דאָס צירונג און דערלאַנגט אַרויף צום אויבנאָן אויסצולייזן די גע־פאַנגענע.

אויבנאָן אויפן טיש, איז שוין געלעגן אַ בערגל מיט צירונג, גאָלדענע און פּערלדיקע שפּריצן, האָבן אַרויסגעפינקלט פון דעם צירונג בערגל. די מענער מיט זייערע קאַלטע חשבונות, זיך נישט צו לאָזן שינדן ווי בהמות צוליב דעם פויפּסט גזרות, האָבן זיך דערפילט מאָדנע אומבאַקוועם. אוודאי איז פּדיון שבויים ביי יידן אַ גרויסע מצוה, אָבער צי קען מען זיך אייביק לאָזן האַלטן אין טויט־שרעק, ווייל זיי ווייסן, אַז יידן האָבן אַ שוואַכקייט פון רחמנות צו העלפן זייערע ברידער. איצט נאָכדעם ווי די פרויען האָבן אַזוי צונומען זייערע הערצער, ווייסן זיי שוין אַליין נישט וואָס צו טאָן. טאָמער איז טאַקע טאַסקאַני גערעכט, אפשר וועט טאַקע דער פויפּסט זיי לאָזן פאַרברענט ווערן די מאַראַנען, ווי וועלן זיי זיך קענען פאַרענטפערן פאַר די קינדער, ווען זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט, גאַרנישט געטאָן פאַר זייערע ברידער.

דער רופא עמנואל סאבאטי האָט ווי דערפילט, וואָס אַלע האָבן דאָ אינדערשטיל פאַר זיך דורכגעטראַכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און שטיל מיט אַ טרויעריקע שטימע געזאָגט:

— איך בין אַלע מאָל געווען קעגן שתדלנות. מיר אין רוים האָבן ניט געוווינט געלט זיי צו ראַטעווען. די טערקישע יידן וועלן זיך פריער ווענדן צום סולטאַן. עס קען חלילה ווערן צו שפּעט. דעריבער אויב טאַסקאַני קען אַרויס־פאַרן, זאָל גאָט אים העלפן אין זיין שליחות . . .

די פאַרמעגלעכע יידן האָבן שוין נאָכדעם אויפגעבונדן זייערע טאַרבעלעך מיט געלט, און יעדער ווי איינער האָט געקענט אָוועקטראָגן זיין חלק צום רופא סאַבאַטי. אויפן טיש האָט זיך שוין געהויפנט אַ בערגל מיט גאָלדענע דוקאַטן, פלאָרינען מיט די גאָלדענע בלימעלעך. עזריאל טאַסקאַני איז נאָך אַלץ געזעסן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. ערשט איצט, נאָכדעם ווי די רוימישע יידן האָבן זיך מיט אים געזעגנט האָט ער דערפילט דעם שווערן עול, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. עפּעס אַ קליינינקייט פופציק טויזנט דו־

קאַטן. אָן דער מיטהילף פון די מזרח־יידן, פון ווענעציעשן געטאָ, וועט ער קיינמאָל נישט קענען שאַפן אַזאַ מטמון מיט געלט, ווי ער זעט וועט עס אים נישט אָנקומען אַזוי לייכט.

דער רופא סאַבאַטי האָט איינגעפּאַקט דאָס געלט, צירונג און עס דער־לאַנגט טאָסקאַנין.

— רב עזריאל טאָסקאַני איז אַלעמאָל געווען אונדזער פּרנס. פּונקט ווי מיר, אַזוי זאָלן זיך אַלע יידן צו הערן צו דיר. דער גאָט מולך וויל זיינע קר־בנות, אפשר וועט אונדזער בלוטיק געלט זיי מכפר זיין.

די יידן האָבן גענומען פּאַרלאָזן דעם סינאַגאָגע־קעלער. זיי זיינען אַרויס אינדרויסן, די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, פאַרשטעלט מיט נעפּלדיקע וואָלקנס. די לופט איז געווען דושנע הייס. בלויז פון צייט צו צייט האָט פון טיבער־טייך, זיך אַרויפגעטראָגן קילע ווינטעלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט געלן ליים, פאַרפוילטע פּלאַנצן און פיש־רויגן.

די צוויי משפחות, סאַבאַטי מיט די טעכטער פון רב הלל און די מש־פחה טאָסקאַני, וואָס האָבן אַזויפיל יאָר געלעבט אין דער שטאָט רוים, האָבן צום לעצטן מאָל, פרידלעך געשפּאַנט צוזאַמען אין אַ טיף, טרויעריק, שטיל־שווייגן, ערשט איצט, האָט יעדער דערפילט, ווי נאָענט ליב און אייגן זיי זיינען זיך געווען, און עס איז איצט בענקענדיק שווער זיך צו שיידן. ביי דער "פּיאַצ־צאַ־דעללאַ טעמפּיאַ" האָבן זיי זיך געזעגנט. מרים האָט די גאַנצע צייט גע־האַלטן אַרונטערגעלאָזט איר שלייער ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו ווייזן איר פּנים.

— מאָרגן פאָרן מיר אַוועק, עס גייט אַ קאַראַוואַן קיין אַנקאָנאַ פון רוים. נישט באַשערט געווען צו נעמען מרדכי. אויב רחל וויל פאָרן קענען מיר זי מיטנעמען.

— אַ גרויסען דאַנק, מיר וועלן אייך קומען באַגלייטן. און וועגן רחלען וועלן מיר זיך מישב־זיין — האָט דער רופא סאַבאַטי געענטפערט טאָסקאַנין.

דער רופא סאַבאַטי, זיין פרוי מנוחה און רחל האָבן פאַמעלעך זיך גע־לאָזט אַהיים. זיי האָבן זיך נישט מער אומגעקערט צו זייער אַלטער היים לעבן דער סינאַגאָגע. זיי האָבן פון צייט צו צייט זיך אויסגעדרייט, געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פאַרמאַכטן הויז. דאָס הויז האָט זיי געשראָקן דערמאָנט ביטערע איבערלעבונגען. דערצו האָבן זיי געוואָלט ווייזן, אַז מרדכי באַהאַלט זיך נישט אויס אין יענעם הויז. זאָלן די מוסרים זען און זיי לאָזן צורו. אויב מען זאָל ווידער קומען זוכן, קענען זיי נאָך געפינען די באַהאַלטענע ספרים, וואָס גע־פינען זיך אין די טיפענישן פון קעלער.

דאָס דערמאָנען זיך אין מרדכי האָט ווידער אָנגעפילט זיין האַרץ מיט

א נאַגנדיקן ווייטיק. שוין עטלעכע טעג אַוועק און ער ווייסט גאָר נישט וואָס מיט מרדכי האָט פּאַסירט. אין שטאָט איז נישט רואיק, דערציילן די יידן וואָס ווערן גענומען אויף אַרבעט. יעדער פרעמדער פאַרדעכטיקער מענטש ווערט אַרעסטירט. דער פויפּסט האָט מורא פאַר שפּאַנישע שפּיאָנען. עס איז ערב אַ שלאַכט צווישן דעם פויפּסטס סאָלדאַטן מיט די שפּאַניער.

זיי זענען אַריין אין הויז. די פרויען זיינען אַרויף אויף דעם אויבערשטן גאָרן, צו די שלאָף־חדרים. דער רופא סאַבאַטי איז געבליבן אונטן. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אויפן טיש. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך צעוואָרפן איי־בער דעם לאַנגען צימער. פון דעם ווייטלעכן רעכטן ווינקל האָט אַ ביינער־דיקער שאַרבן־קאָפּ, געשטשירעט אויף אים מיט זיין גרויליקן סקאַלעט. דאָס צימער האָט געשמעקט מיט רפואות, מיט סאַלפּאַרדיקע, סאַמיקע גערוכן, מיט אייל און געוויירצן, וואָס האָבן זיך אמשאַרפּסטן געטראָגן פון דער גרויסער גלעזערנער שאַנק מיט אַלערליי פלעשלעך, ערדענע טעפּלעך באַצייכנט מיט לאַטיינישע אותיות אויף ווייסע צוגעקלעפּטע בלעטלעך.

עמנואל סאַבאַטי האָט געשפּאַנט איבערן צימער אַרויף און אַראָפּ וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער מיטשיקן רחלען מיט די טאָסקאַניס? אויב מען וועט מרדכין כאַפּן וואָס וועט זי זיך אַרומוואַלגערן איינע אַליין אין דער פרעמד. אויב עס וועט אים געלינגען צו אַנטלויפן, וואָלט ער זי יאָ געדאַרפט שיקן, וואָרעם נישט אַלעמאָל איז דאָ אַ געלעגנהייט אַרויסצופאָרן פון געטאָ און דאָס פאַר־פאַלק וועט נישט קענען לעבן צוזאַמען ווער ווייס ווי לאַנג.

אינמיטן טראַכטן האָט דער רופא סאַבאַטי פּלוצים דערהערט טריט, הינטערן פענצטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי איינגעהאַלטן דעם אָטעם צו קענען בעסער הערן. עס איז געווען שטיל, בלויז זיין אייגענער דפק האָט האַסטיק געקלאַפּט. באַלד האָט עמעץ אַ ריר געטאָן ביים פענצטער. ער איז גיך צוגעלאָפן צום פענצטער אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג. דורך די גראַטעס האָט ער דערזען דאָס געשטאַלט פון אַן אָפּגעריסענעם רוימישן פישער אָנ־געטאָן אין אַ פאַרלאַטעטן טוניק, אַ זאַק אויף די אַקסל מיט אַ זעקלדיקע שליאַ־פּע אויפן קאָפּ. דאָס טונקעלע פנים איז געווען פאַרבונדן ווי דער מענטש וואָלט געהאַט ציין־ווייטיק, דאָס טונקעלע פנים איז אים געווען קענטלעך. ער האָט מיט פרייד און שרעק שטיל אַ געשריי געטאָן:

— יונתן!

ער האָט גיך געעפנט די טיר. דער פישער יונתן איז ווי שלאַבעריק אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס. זיין שפּענצער איז געווען פאַרנעצט. עס האָט געשמעקט פון אים אַ שליימיקייט פון געלן טיבער־טייך. ער האָט אים צו־געפירט צו אַ באַנקבעטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם שאַנק מיט רפואות.

ער האָט ווי פון אַ חולה אַרונטערגענומען דעם נאַסן טוניק, אים איינגעהילט אין אַ וואָלענעם טוך. דער פישער יונתן האָט געציטערט פון קעלט. זיין גראַ־לעך בערדל איז דורך די פּאָר טעג געוואָרן נאָך גראָער. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע. דער פישער האָט אַלץ געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ מיט זיי־נע מידע וויעס איבער די טיף אונטערגעהאַקטע אויגן. דער רופא סאַבאַטי האָט אים גאָרנישט געפרעגט. דעם פישערס אויסזען האָט אים אָנגעזאָגט בלויז אומגליק. ער האָט זיך נישט געאײַלט צו פרעגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפ־האַלטן אַ ווײַלע צו הערן די שלעכטע בשורה.

דער פישער האָט ענדלעך אויפגעהויבן די אויגן מיט שמאָלע שפּעלט־לעך, ווי ער וואָלט זיי נישט געקענט עפענען פון אַ צעיאָטערטע וואונדיקייט. בלויז אין אויג דאָס רעכטע, האָט זיך אויפגעריסן. דאָס אויג האָט געבליצט מיט אַן אָפּשרעקנדיקן האַס, אַן אויג, וואָס האָט מער נישט געבעטן ווי אַמאָל קיין מיטלייד.

דער רופא סאַבאַטי האָט אים אָנגענומען ביי אַן אַקסל.

—יונתן רעד! דיין אויסזעען שרעקט מיך.

יונתן האָט שווער אָפּגעדעכעט מיט זיינע ברייטע ברוסטן. ער האָט גלייכגילטיק געזאָגט.

— מרדכי איז די זעלביקע נאַכט אוועק אין דעם סאַוועלי־פּאַלאַץ. ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט. די טעג פאָרן זיי אַרויס אין זייער ווילע. ער וועט זיך מיט גאָטס הילף ראַטעווען.

דער רופא סאַבאַטי האָט מיט גרויס פרייד און דערלייכטערונג אָפּגעז־זיפצט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט שוין געוואָלט אַרויפלויפן אָנזאָגן די פרויען די גליקלעכע בשורה. ער איז אָנגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיך ראַפּטום אָפּגע־שטעלט, זיך אומגעקערט און שטיל מיט אַ משפּחהדיקע ליבשאַפט אים גע־פרעגט:

— יונתן האָט עפּעס פּאַסירט מיט דיין מיידל שושנה?

יונתן האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם האָט ער הארט געזאָגט:

— זיי האָבן איר געכאַפּט אויף דער ״רעפּיעטאַ״ נישט ווייט פון פּאָרט.

— און די אַנדערע, די פעסאַראַ? — האָט דער רופא סאַבאַטי אַ דער־שראָקענער געפרעגט.

— זי האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען. זי איז אַנטלאָפן צו דער קאַרסע און פאַרשוואונדן, ביז איצט האָט מען זי נישט געפונען.

דער רופא סאַבאַטי איז שוין נישט אַרויף צו די פרויען. די פריידיקע בשורה וועגן מרדכין איז ביי אים אויסגערונען. ער האָט געוואוסט, אַז איצט פאַנגט זיך אָן אַ נייער אומגליק. אויב מען האָט זי נישט געכאַפּט זינדיקן מיט

קיך רוימער האָט זי בלויז אויסגעמיטן דאָס פּייער פון "קאַמפּאָ דער פּיאַר", אָבער נישט די שמיץ, וואָס מען וועט איר דערלאַנגען אויף דער "פּיאַצאַ־דעלאַ־פּיאַנטאַ". זי קען פונקט אַזוי שטאַרבן פון שמיץ, ווי פון פייער און די שאַנדע איז פונקט אַזוי גרויס. דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אָבער געשטאַרקט. ער איז צוגעגאַנגען צום פּישער, זייער נאָענט, זיך איינגעבויגן, אַרויסגעלייגט אַ האַנט אויף דעם פּישערס אַקסל, און מיט גרויס איבערגעבנקייט געזאָגט:

— איך בין דיך מבטח יונתן, אַז דיין מיידל וועט אָפּקומען מיט יסורים. איך וועל זי אויסהיילן, שטעלן אויף די פיס ווי מיין אייגן קינד.

ענדלעך האָבן די רייד אים גערירט. זיין פאַרגליווערטער ווייטיק איז ווי אויפגעטייעט געוואָרן. טרערן האָבן אָנגעפילט זיינע אויגן.

— מאָרגן אינדערפרי וועט זי קריגן שמיץ. דער גאַנצער אָפּפאַל פון רוים גרייט זיך ווי צו אַ קאַרניוואַל. דאָקטאָר סאַבאַטי איך וועל נישט איבערטראָגן די שאַנדע. דאָס האַרץ וועט מיר צעריסן, אַ דאָקטאָר סאַבאַטי! — האָט דער פּישער מיט אַ פאַרחלשטן קאָפּ. וואָס איז געפאַלן הינטערווייליכץ, זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ.

דער רופא האָט אים אונטערגעהאַלטן. אים אויסגעשטרעקט אויפן בעטל.

— דו וועסט שוין דאָ נעכטיקן וועט מען דיך נישט שלעפּן אינדערפרי צו דער אַרבעט.

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ קאָלדרע אויף דעם פּישערס לייב און אים איינגעדעקט. ער האָט געוואָרט אַ ווײַלע לעבן אים. נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס ליכט און אַרויפגעשפּאַנט צו זיין שלאָף־חדר. אויבן ביי די טרעפּ זיינען געשטאַנען די פרויען, זיין ווייב מנוחה און רחל. זיי האָבן געהאַט בלאַסע, דערשראָקענע פּנימער. ער האָט זיך משער געווען, אַז זיי האָבן אַלץ געהערט. ער האָט בלויז געזאָגט.

— גייט שלאָפן, קינדער, מאָרגן האָבן מיר אַ שווערן טאָג . . .

ער איז אַריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. ער האָט זיך אוועקגעלייגט ווי ער וואָלט אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער און לאַנג געקוקט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַריין. אַ מי־דיקייט האָט שווער געמאַכט, געליימט זיינע גלידער. ער איז נישט געווען בכח זיך אויסצוטאָן, אַרונטערצונעמען זיינע שיך. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, זיך געטוליעט צום געלעגער און געקרעכצט מיט גרויסע יסורים.

ער האָט פּלוצים געהערט אַ שאָרכן הינטער זיין טיר. ער האָט זיך אַ פאַר־שעמטער איינגעשטילט. ער האָט געוואוסט אַז מיט זיינע ווייטיקן שטערט ער זיין פרוי מנוחה פון שלאָף. אָדער אפשר קען זי אויך נישט שלאָפן פון אייגע־

נע יסורים. ער האָט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט. זיין פרוי מנוחה איז אַריינגעקומען אין איר לאַנגען, ווייסן העמד. אירע שוואַרצע לאַנגע האָר זיינען געווען פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע זיך איינגעהערט צי ער שלאָפט. זי האָט אים נישט געוואָלט וועקן. זי האָט פאַמעלעך אויפגעבונדן און אַרונטערגענומען זיינע שיך און אַרויפגעלייגט אַ וואַלענעם טוך אויף זיין לייב.

דער רופא סאבאטי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו איר. זי האָט זיך איבערגעבויגן צו אים. ער האָט זי געטוליעט צו זיך ווי שוין לאַנג נישט פריער מיט גרויס ליבשאַפט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן פון דער גרויסער איינזאַמקייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט.

מנוחה האָט מיט אַ גרויס פרייד און דערלייכטערונג אָפגעזיפצט. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט אין איר גרויסער איינזאַמקייט צוריקגעפונען איר מאַן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און שטיל נאָכגעזאָגט איר מאַנס פריערדיקע רייד.

— טו אויס דיינע מלבושים, רו זיך אויס, מאָרגן האָבן מיר אַ שווערן טאָג.

# פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פאַרטאָג האָט זיך דער רופא סאבאטי האַסטיק אויפגעכאַפּט פון שלאָף. פון מזרח זייט פענצטער, האָט אַ רויטלעכער הימל אַריינגעוואָרפן אַ שאַרלעך־געלע ליכט. אַרום איז געווען פאַרטאָגנדיק שטיל. בלויז פון נישט ווייט אַריבער דעם מויער פון געטאָ האָט זיך געהערט אַ שטיל טרומייטערן.

דער רופא עמנואל סאַבאַטי האָט אויפגעשפּיצט זיינע אויערן. דאָס טרומייטערן איז געקומען פון דער "מאָנטאַנארא" פון דעם באַרגיקן סאוועלי פּאַלאַץ. סאַבאַטי האָט זיך גיך געגומען אָנטאָן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס לאָזט זיך די סאַוועלי משפחה אַוועק אויף זומער אין זייער ווילע אין די בערג. צוזאַמען מיט דער משפחה וועלן זיי אַרויספירן דעם באַהאַלטענעם סטודענט אַלדזשירי און זיין שוואָגער מרדכי. עס איז שוין טאַקע שפּעט, כמעט אַלע נאָבעלע רוימישע פאַמיליעס זיינען שוין לאַנג אַוועק. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך גוט צוגעגרייט צום אַרויספיר מען זאָל זיי אין גאָרנישט פאַרדעכטיקן.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך אַרומגעוואשן דאָס פּנים און די הענט, אָנגעטאָן זיין כאַלאַט, און זיך מיט די טרעפּ געלאָזט אַרויף צו די העכערע גאָרנס, וואָס האָבן געפירט צום דאַך. אפשר וועט אים געלינגען צו זען ווי אַזוי זיי פאָרן אַוועק פון שטאָט, די סאַוועליס. ער האָט זיך פלינק געהויבן אַיבער די געדרייטע טרעפּ צום בוידעם. אויבן אויפן דאַך־באַלקאָן, האָבן זיך געטריקנט וועש אויף שטריק באַהאַנגען. ער האָט זיך געשטעלט צווישן די רייען וועש מען זאָל אים נישט באַמערקן. דער דאך איז געווען נאַס פון צעגייענדיקן פרימאָרגן־טוי. דאָ און דאָרט האָט די טוי נאָך פערלדיק געפינקלט. די לופט איז געווען פייכט און שטיקנדיק הייס. די גרינע ביימער פון די גערטנער האָבן ווי פאַרשלייערט די חורבות פון רוים. איבער דער שטאָט האָט זיך געהויבן אין אַ פאַרנעפּלטער מאַיעסטעטישער בלאָקייט די זיבן בערג פון רוים.

פון דעם משופעדיקן אָנגעהארבטן "מאָנטאָנאַראַ" האָבן זיך פונקט דאָ־מאָלס אַרונטערגעלאָזט די קאַרעטעס. די גאָלדענע משפחה־עמבלעמען, האָבן געפינקלט אויף די שוואַרצע גלאַנציקע קאַרעטעס, מיט די באַגילדעטע פאַר־האַנגען. די קוטשערס אין טיף בלאָע ליווריעס מיט גרויסע, גילדענע קנעפּ, זייַנען געזעסן הויך אויף די פאָדערשטע און הינטערשטע געזעסן. אַרום די קאַרעטעס האָבן געריטן די "בראַוועס", די סאָלדאַטן פון דער סאַוועלי מש־פּחה, באַוואָפנט מיט שווערדן, פּיסטוילן און שטעכערס. ביי די פערדישע זאָט־לען האָבן נאָכגעהאַנגען די שלאַכט־שילדן מיט אויסגעגראַווירטע הערבן. אַ סך קאַרעטעס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט באַלאָדנט מיט פּעק, קאַסטנס, קו־פערטן באַשלאָגענע מיט מעשענע און קופּערנע רייפן.

דער קאַראַוואַן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די הייזער אויף דער "פּיאַצאַ מאנטאנארא". ער האָט שוין מער גאַר־נישט געזעען, בלויז דאָס טרומייטערן פון די "בראַוויס" האָט לאַנג נאָך פאַר־הילכט די לופט, האָט זיך אָוועקגעטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער צום טויער פון שטאָט. ווי נאָר זיי וועלן אַרויס פון טויער איז מרדכי נענטער צו זיין דער־לייזונג, אויף יענער זייט רוים וועט ער זיך שוין קענען פאַרשטעלן און אָוועק־וואַנדערן. אויב ער וועט גיין קיין אַנקאָנאַ איז ווידער דאָ געפאַרן, ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע, ער וועט דערפאַר מיט־שיקן רחלען מיט עזריאל טאָסקאַני זי זאָל פריער צוגרייטן אַ וועג אים צו באַ־שיצן. ער האָט זיך גיך אַרונטערגעלאָזט מיט די טרעפּ פון דאַך צו זיין וואוי־נונג.

אונטן האָבן די צוויי פרויען רחל און זיין ווייב מנוחה שוין געוואַרט אויף אים מיט גרויס נייגעריקייט.

— רחל גרייט זיך צו דער נסיעה. ער וועט מיט גאָטס הילף זיך ראַ־טעווען. זיי פאַרלאָזן איצט די שטאָט די סאַוועליס . . .

רחל און מנוחה האָבן זיך מיט גרויס פרייד אימפּעטיקע אָוועקגעלאָזט צום שלאָף־חדר, געעפנט די שענק און גענומען אָפּקלייבן זאַכן איינצופּאַקן פאַר דעם ווייטן וועג. ער האָט איבערגעלאָזט די פרויען און איז אַרונטער אין זיין אויפנעם־צימער. ער האָט פאַמעלעך געעפנט די טיר. אין דעם לאַנגען צימער איז געווען טונקל. די שווערע פאַרהאַנגען האָבן פאַרשטעלט דאָס דרויסנדיקע פרימאָרגן ליכט. דער פישער יונתן איז נאָך געשלאָפן. זיינע ביי־נערדיקע הענט האָבן מיד אַרונטערגעהאַנגען צום דיל ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן. זיין פנים איז געווען אויסגעפּייניקט, בלאַס ווי ביי אַ קראַנקן. ער האָט געדע־כעט שווער מיט אַן אָפן מויל. די אויגן זיינען געווען האַלב צעעפנט און פאַר־בלייכט ווי ביי אַ מת. ער האָט פון צייט צו צייט אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט

געפּייניקט געוואָרן פון שווערע דמיונות.

דער רופא סאַבאַטי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אָפּגערוקט דעם פאָר־האַנג און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. פון אַלע זייטיקע געסלעך פון דער נידריקער פּיומארא פון דער קאַטאַלאַנאַ, האָבן אָרעמע יידן געאײַלט צום "דע־לאַ־פּיאַנטאַ" טויער, צו דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן געמוזט טאָן געצוואונגענע פאַרן וואַטיקאַן. די קהלה אויפזעער, די געטאָ וועכטער, זיינען אַרומגעלאָפן אי־בער די הייזער און אַרויסגעפירט די וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, אָדער זיך גע־מאַכט קראַנק. דער אַריינגאַנג ביים טויער איז גיך איבערגעפילט געוואָרן. די געטאָ וועכטער האָבן איבערגעציילט די צאָל יידן. געהאַלטן אָרדענונג. אַנ־דערע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט, באַצאָלט געלט, אַבי נישט פאַרשקלאָפט צו ווערן.

די גלאָקן פון די אַרומיקע קלויסטערס האָבן גענומען קלינגען. די מעטאַ־לישע קלאַנגען האָט צעברומט די לופט, גערופן צו דער פרימאָרגנדיקער תפילה. פאַר די יידן האָבן אָבער די קלאַנגען אַראָפּגענידערט מיט אַ דראָענדיקע וואָר־נונג, אַז זייער קנעכטישער טאָג פאַנגט זיך אָן, אויפגעוועקט אין זייערע הער־צער אַ שווער, דריקנדיק געמיט.

די טויערן האָבן זיך געעפנט, די יידן האָבן זיך מיט געבויגענע קעפּ ווי אַ סטאַדע שאָף אַרויסגעלאָזט פון געטאָ. נאָכדעם זיינען אָנגעקומען די עגלות באַדעקט מיט שוואַרצע טיכער. די מידע שלעפּעריקע פערדלעך זיינען אויך געווען איינגעהילט מיט שוואַרצע טיכער אויף די רוקנס. דאָס האָט מען אַרויסגעפירט, די אָנגעקליבענע מתים פון געטאָ. קיין שום באַגלייטער איז נישט מיטגעגאַנגען, מחמת דער פויפּסט האָט נישט דערלויבט. עטלעכע יידן אויסגעקליבענע סוחרים פון געטאָ, אָנגעפירט פון שפּייז סוחר יהודה קאָרסעס, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איינקויפן די נויטיקע שפּייז פאַרן געטאָ.

דער טויער האָט זיך נישט גלייך פאַרמאַכט, ווי געוויינלעך מען פאַר־מאַכט אַלע טעג, די לעצטע חדשים. דער רופא סאַבאַטי האָט אַ טראַכט געטאָן אפשר האָט זיך געענדיקט די אומגליקלעכע גזירה, אפשר וועט מען שוין האַלטן אָפן די טויערן באַטאָג און די יידן פון געטאָ, וועלן אַביסל פריי־ער אָפּאָטעמען.

דער רופא סאבאטי איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער. ער מוז זען, וואָס דאָ וועט ווערן. פון דער אַנדערער זייט טויער פון דער "פּיאַצאַ־דעללאַ פּיאַנטאַ" האָט זיך מיטאַמאָל געהערט אַ האַסטיק קלאַפּן, ווי עטלעכע מענטשן וואָלטן צונויפגעקלאַפּט אַ געשטעל פון ברעטער. דער רופא סאבא־טי האָט אַ ציטער געטאָן. עס זעט אויס, אַז עס איז טאַקע אמת, וואָס דער פישער יונתן האָט דערציילט. דאָס קלאַפּט מען צונויף אַ געשטעל, די רוי־

מישע נאָבלליט, די דאָמען זאָלן קענען באַקוועם זיצן און צוזען ווי מען גיט שמיץ אַ יידיש מיידל פון געטאָ. הינטער זיך האָט ער שוין געהערט ווי דער פישער יונתן האָט זיך אַ פאַרצאַפּלטער אויפגעכאַפּט. דער פישער האָט דאָרט שווער געקרעכצט. ער איז אָבער באַלד שטיל געוואָרן, מחמת ער האָט דערזען דעם רופא און זיך ווי פאַרשעמט אַרויסצואווייזן זיינע יסורים.

דער רופא סאבאטי האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ער האָט זיך מורא געהאַט אויסצודרייען, ווי נישט צו באַגעגענען דעם צעבראָכענעם ייד, וואָס קיין שום וואָרט איז נישט בכח אים צו טרייסטן. דער רופא סאבאטי האָט בלויז געכאַפּט אַ זייטיקן קוק. יונתן איז געזעסן אויף דער שלאָף־באַנק. דער קאָפּ נידריק געזונקען, אַנגעשפּאַרט מיט די הענט. אַ האַלב פּנים פאַרשטעלט מיט זיינע דלאָניעס, בלויז דאָס גראָע בערדל מיט אַ באַליידיקטע נאָכהענגענ־דיקע ליפּ האָט זיך אַרויסגעזען.

דורכן טויער איז אַריינגעקומען אַ באַוואָפנטער וועכטער, באַגלייט פון אַ דאָמיניקאַנישן מאָנאַך, דער קאַפּטור פון זיין געלבלעכן כאַלאַט פאַרצויגן איבערן קאָפּ. זיי האָבן געשפּאַנט איבער דער גאַס גלייך דאָ אַהער צו זיין הויז. די פרויען און קינדער, וואָס זענען געשטאַנען ביי די שוועלן פון די פאָדער־הייזער, זיינען גיך און דערשראָקן פאַרשוואונדן. דאָ און דאָרט האָט אַ פרוי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויפצוכאַפּן צו וועמען די אָפּשרעקנדיקע געסט גייען.

דער רופא עמנואל סאבאטי האָט געעפנט די טיר. זיי אַנטקעגן געגאַנ־גען.

— קען איך האָבן דעם כבוד אייך צו פאַרבעטן אין מיין הויז חשובע שלוחים פון דער קירך.

דער מאָנאַך האָט אַרויסגעשטעלט זיין שאַרף שפּיציק אָפּגעגאָלט פּנים.

— ייד מיר זיינען נישט געקומען זיך גאַסטפריינדלען מיט דיר. וואָס ווייניקער אַ קריסט קומט אין אייער אומריין טייוולישע הויז אַלץ בעסער.

דער רופא סאבאטי האָט זיך רואיק אויסגעגלייכט.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען אויב איך מעג וויסן.

— טו אָן דיין כאַלאַט און קום מיט אונדז ייד, האָט דער מאָנאַך באַפע־לעריש אויסגעשריגן.

— מעג איך וויסן הייליקע דינער פון דער קירך וואו איך דאַרף גיין, און אויף ווי לאַנג. מיינע חולאים וואַרטן אויף מיין דינסט אין געטאָ — האָט דער רופא סאבאטי רואיק געזאָגט.

— דיינע יידן, וועט דער טייוול סיי ווי נישט נעמען. זיי ווייסן אים ווי

צו באַשפּרעכן — האָט ער געזאָגט מיט אַ אָפּלאַכעריש שמייכעלע אויף זיינע ליפּן.

דער רופא סאבאטי האָט אַרונטערגעבויגן זיין קאָפּ, ווי גישט צו ווייזן דעם צאָרן, וואָס האָט מיט אַ פלאַמיקע רויטקייט אָנגעצונדן זיין פּנים.

דער מאָנאַך האָט איבערגעביטן זיין טאָן, קיין שום רייד האָט נישט גע־קענט ברעכן אָט דעם שטאָלצן ייד.

— מיר נעמען דיך, אַז דו זאָלסט זען, אַז מיט גרויס חסד און גערעכטי־קייט שטראָפט אונדזער האר די זינדיקע פון געטאָ.

דער רופא סאבאטי האָט שוין פאַרשטאַנען וואו מען רופט אים... ער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַריין אין הויז. עס איז אים אַנטקעגן געקומען דער פישער יונתן, אים אָנגעכאַפּט מיט ציטערדיקע הענט.

— זיי רואיק יונתן. איך וועל מיט גאָטס הילף צוריקברענגען דיין מיידל אָן שאָדן.

ער האָט גענומען דעם כאַלאַט און זיך אַוועקגעלאָזט מיט די צוויי קירכע שלוחים צום טויער פון געטאָ. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ער האָט געהערט הינטער זיך אַ גערודער. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. פון אַלע פעדערהייזער, זיינען אַרויסגעלאָפן מענטשן, נאָכגעגאַנגען פונדערווייטנס.

זיי זענען אַרויס פון טויער. גלייך נאָך זייער אַרויסגיין האָט דער טויער וועכטער האַסטיק צוגעמאַכט און פאַרשלאָסן דעם טויער. אויף דער אָפּע־נער ״פּיאַצצאַ דעללאַ פּיאַנטאַ״, אַרומגערינגלט מיט די אַלטע פּאַלאַצן און שלעסער, האָט זיך די פּרימאַרגנדיקע זון אַריינגעריסן און זיך צעלייגט מיט אַן אָפענער צעליכטיקטער העלקייט. אינמיטן סקווער איז שוין געווען פאַר־טיק דער געשטעל פון צונויפגעקלאַפּטע ברעטער מיט טרעפּלעך פון אַלע זייטן אַרויפצוגיין. אויבן אויפן געשטעל איז געשטאַנען אַ פּילאַר אין דער פאָרעם פון אַ צלם מיט אַ קורצן בעליק פון אויבן. אויף דעם אויבערשטן בעליק איז געווען דריי לעכער, צוויי קליינע און אַ גרויסער, די גרויס פון אַ מענטשלעכן האַלדז אינמיטן.

אַרום דעם געשטעל אויף דער ״פּיאַצצאַ״ האָט זיך געזאַמלט דער רוימי־שער המון. עס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט די באַרגיקע איינוואוינער פון דעם מאָנטי־געגנט. די איינוואוינער פון טרעסטעווער, פון דער צווייטער זייט טי־בער־טייך, האָבן אַהערגעשפּאַנט מיט דער ״קוואַטראָ־קאַפּי־בריק״. עס זיינען אָנגעקומען די קצבים מיט די פאַרבלוטיקטע קיילער־פאַרטעכער פון דעם ״נערוואַ פאָרום״ וואו זיי האָבן געהאַט זייערע שלאַכט־הייזער, און ביי די ניד־ריקע אַרקאַדעס פון דעם שכנותדיקן געוועזענעם מאַרצעלוס־טעאַטער. עס

זיינען אָנגעקומען די פישער פון דעם אָקטאַוויע־טויער מיט זייערע לעדער־נע טוניקעס און זעקלדיקע שליאַפּעס, די שינדער, די גאַרבער, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין חרובדיקן "דאָמיטיאַן סטאַדיום", די ציגל מאַכער, די שטריק־מאַכער פון דעם אַלטן "פלאַמינאַס" צירק. די ליכט־ציער פון די באַלבאַס איינפאַרן, די גלאָז־בלאָזער, וואָס האָבן געהאַט זייערע אויוונס, וואַרשטאַטן אין די "אַגריפּאַ" בעדער.

די יינגלעך האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די גזימסן פון די הייזער. אויף די חורבותדיקע קאָלומנעס. אַלטע ווייבער, בעטלער און זקנים, לאָמע הינקנדיקע, אָנגעבעטט מיט שמאַטנדיקע קליידער און טאָרבעס, האָבן זיך אַרונ־טערגעלאָזט פון די לאַנגע הויכע טרעפּ ביי די קאַטעדראַלן און קלויסטערס און זיך דאָ באַזעצט ביי די שמוציקע רינשטאָקן.

עס זיינען אויך אָנגעקומען די נאָבעלע דאַמען פון פיל רוימישע פּאַ־לאַצן, אויסגעפּוצטע ווי צו די טורנאַמענט־געוועטן, מיט אַלערליי קאָלירטע פּע־דערן אין די הוטן, מיט רוישיקע פאַרביקע קליידער, טייל האָבן זיך באַזעצט אויף די באַצירטע באַלקאָנען מיט פאַרביקע דיוואַנען. אַנדערע אויף די צוגעגרייטע געשטעלן, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי טרעפּ. עס איז אויך געקומען די באַרימטע רוימישע קורטיזאַנקע טוליא, וואָס האָט אַרויסגעשיינט קאָלירפולער פון אַלע דאַמען מיט איר איידל געשניצטן קאָפּ מיט גאָלדענע פלאַמנדיקע האָר, זי איז אָנגעקומען מיט פיל יונגעלייט הויך געשטעלטע געסט. זיי האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ באַזונדערע פלאַטפאָרמע, וואָס איז געווען אויסגעבעטט מיט וויינרויטע בלומענדיקע טאַפּעטן.

דער רופא סאַבאַטי איז געשטאַנען לעבן די טרעפּ פון דעם געשטעל, מיט דעם גרויליקן צלמדיקן סלופּ מיט די דריי לעכער. ער האָט אַרוימגענר־מען מיט די אויגן דעם גרויסן המון, וואָס האָט זיך פון מינוט צו מינוט גע מערט. די געשרייען אין טומל, האָבן פאַרטויבט די לופט. נישט ווייט פון אים זיינען געשטאַנען עטלעכע מאַנאַכן, באַוואָפנטע וועכטער און פון זייערע גע־שפּרעכן האָט זיך דער רופא סאַבאַטי שוין משער געווען, פאַרוואָס אַזויפיל הויכגעשטעלטע לייט האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט בייצוזיין ווען מען וועט באַ־שטראָפן דאָס יידישע מיידל פון געטאָ. דאָס געבן שמיץ עפנטלעך איז דאָך אַ זאַך, וואָס איז אַזוי געוועינלעך אין רוים. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויך דער קאַוואַליער פּיטיגליאַנאַ, דער אָנפירער פון פויפסטלעכער קאַוואַ־ריע איז אַרעסטירט געוואָרן. אין וואַטיקאַן האָט מען אים אַלעמאָל חושד גע־ווען אין פריינטשאַפט מיט די שפּאַניער, אָבער אַרעסטירט האָט מען אים פאַר גאָר עפּעס אַנדערש. די שפּיאָנען האָבן אים געמסרט אַז ער באַהאַלט אויס אַ יידיש מיידל, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון געטאָ. דאָס מיידל, וואָס דאַרף

היינט קריגן שמיץ איז דאָס צוזאַמען אַנטלאָפן מיט יענער, וואָס דער פּיטי־גליאַנא באַהאַלט אויס.

דער קאַוואַלער פּיטיגליאַנא ווי אַלע הויכע מיליטער מענטשן, רייכע גייסטלעכע, קאַרדינאַלן איז געווען אַן איינגייער ביי דער באַרימטער רוימי־שער קורטיזאַנקע טוליא. דערפאַר זיינען זיי הייסט עס אַלע געקומען זען, דאָס יידישע מיידל, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון געטאָ צוזאַמען מיט דער אַנדערער מיידל, וואָס זיי קענען נישט זען, מחמת פּיטיגליאַנא באַהאַלט זי אויס. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס יידישע מיידל האָט גאָרניט דערציילט וועגן איר חברטע. איר שווייגן איז דערפאַר אַ גרויסע הילף פאַר דעם פּיטי־גליאַנא, ווענען דער פּויפּסט וועט אינגיכן מוזן באַפרייען. די פון דור־דורות שטאַרקע אָרסיני פאַמיליע פון וועלכע פּיטיגליאַנא שטאַמט, האָט שוין געטאָן אַלץ מען זאָל דאָס אומשולדיקע מיידל באַפרייען איידער די אינקוויזי־טאָרן וועלן עפּעס פון איר אַרויסקריגן. זי וועט הייסט עס לויטן געזעץ באַ־שטראָפט ווערן מיט שמיץ בלויז פאַר אַרויסגיין באַנאַכט פון געטאָ.

דער רופא סאַבאַטי האָט פון די אַלע נייעסן וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט שווער אָפּגעזיפצט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל וועט האָבן אַ שווערע שטראָף. די שמיץ וואָס זי וועט קריגן וועלן שוין זיין פיל שווערערע ווי געוועזלעך די באַשטראָפטע פון געטאָ קריגן אויף דער "פּיאַצצאַ דעלאַ פּיאַנטאַ". די אָרסיני פאַמיליע וועט שוין זען, אַז דאָס מיידל זאָל פון די שמיץ שטאַרבן און אָפּווישן דעם עדות, וואָס ווייסט עפּעס צו דערציילן וועגן איר חברטעס פאַרבינדונג מיט פּיטיגליאַנא.

פון ווייטנס האָט זיך געהערט אַ טומל. דער רופא סאַבאַטי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען דעם פישערס מיידל שושנה. עטלעכע רייטער האָבן דורכגעבראָכן די פאַרשטעלטע גאַס, מיט אַ האַסטיקן גאַלאָפּ. פיל מענטשן זיינען אומגעפאַלן און זיך צעבלוטיקט די קעפּ פון די פערדישע קאָפּיטעס.

הינטער די רייטער איז געפאָרן אַ לייטערדיקער וואָגן. אויפן וואָגן צוגע־בונדן צו אַ ברעטל איז געשטאַנען דעם פישערס טאָכטער שושנה. דאָס צע־קנייטשטע קליידל אויף איר לייב איז געווען אויפגעריסן ביים האַלדז. אַ טי־פער שניט פון אירע קיילעכדיקע ברוסטן האָט זיך אַרויסגעזען. איר פּנים איז געווען צעביילט, די ליפּן אויפגעשוואָלן, דאָס לינקע אויג איז געווען האַלב פאַרמאַכט און אויסגעקרימט, בלויז דאָס רעכטע אויג האָט געקוקט אויף אַלע־מען מיט אַ חיהשע שרעק. אירע שוואַרצע האָר זיינען געווען צעפּאַטלט, זיך געבלאָזן פון ווינט, געפאַלן אויפן פּנים און צוגעגעבן איר, אַ ווילדן און חוצפּה־דיקן אויסזען.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די וועכטער האָבן דאָס מיידל אַרונטער־גענומען פון וואָגן און זי אונטער די אָרעמס אַרויפגעפירט אויף דעם הילצער־נעם געשטעל. זיי האָבן אויפגעשרויפט דעם צלמדיקן פּילאַר אַריינגעשטעקט אין די קליינע זייטיקע לעכער אירע הענט און צוריק פאַרשרויפט. שושנה איז געבליבן הענגען אויף די הענט, קוים אָנרירנדיק מיט די פינגער־שפּיצן פון די פיס דעם דיל. איר שיינער, רונדיקער, קליינער, כמעט קינדערשער קאָפּ, האָט זיך אין יסורים געוואָרפן הין און צוריק, אירע פעך שוואַרצע האָר זיינען געפאַלן הינטער איר.

די פרויען אַלט און יונג, האָבן די ערשטע צערייצטע גענומען שרייען.

— שלאָג זי די זינדיקע וואָס לויפט צו קריסטלעכע מענער.

— מיט כישוף איז זי אַרויסגעקומען צו אונדזערע מענער, זיי אָפּצו־קערן פון קריסטוסן.

זיי האָבן געשריגן אַזוי ווילד, אַז אַ שוים האָט זיך געריסן פון זייערע מיילער.

די מענער האָבן גראָד אַרויסגעוויזן מיטליד, זיי זיינען פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון איר שיין פאַרמירטן, צאַפּלדיקן קערפּער, די נאַקעטע פיס, וואָס האָבן אַנטבלויזט איר ביז אַריבער די קניען, מחמת אירע הענגנדיקע הענט האָבן אַרופגעריסן איר קלייד.

— שטאַרק זיך מיידעלע, האַלט זיך מיידעלע, אַז מען קריגט שמיץ האָט מען נאָך מער ליב מענער... האָבן זיי אַרויפגעשריגן מיט נאַרישלעכע גלוסטנדיקע פּנימער.

איינער אַ דיקלעכער, רוימער מיט אַ נאַכהענגנדיקן גוידער האָט הייזעריק געשריגן.

— זינדיקן און פאַרברענט ווערן אויפן "קאַמפּאָ דע פיאָר" ווי איר זעט מיך דאָ אַ לעבעדיקן, אַך אַ מיידעלע.

עטלעכע ווייבער לעבן אים האָבן אים געשטורכעט אין בויך אַריין.

— שוויג שוין בעסער גראָבער טרעלבויך, וועסט ניט האָבן קיין גוטן סוף.

דער המון איז געוואָרן אומרואיק. אויף וואָס וואַרט מען? דאָס וואַרט מען אויף דעם דאָקטאָר גריגאָריאָס. דער דאָקטאָר פון די אינקוויזיציע הייזער, וואָס דוקא היינט האָט די סאָוועלי פאַמיליע אים מיטגענומען, ער זאָל זיי אַרויסבאַגלייטן פון שטאָט, ווארעם זייער טאָכטער איז קראַנק.

דער רופא סאַבאַטי האָט שטיל צו זיך אַ שמייכל געטאָן. איצט איז ער שוין זיכער, אַז דאָס האָט דער מאַנאַך דאָקטאָר אַליין נישט־וויסנדיק זיי צו־געהאָלפן, די סאָוועלים אַרויספאָרן פון דעם סאַן־סעבאַסטיאַן־טויער. מחמת

נישט אזוי לייכט פּאַרט מען דאָס היינט אַרויס פון רוים, בלויז מיט דער הילף פון וואַטיקאַן, און דער מאַנאַך גריגאַריאַס האָט זיי געגעבן די הילף מיט קו־מען זיי אַרויספירן. דאָס האָט שוין אויך געהאָלפן מען זאָל וואָס ווייניקער אונטערזוכן זייער קאַראַוואַן.

באַלד האָט זיך צווישן דעם געדיכטן המון דורכגעריסן אַ רייטער. ער איז צוגעריטן נענטער צו דעם געשטעל, אַרונטערגעשפּרונגען פון פערד. פון זיינע מלבושים האָט אַ שוועב געטאָן אַ געדיכטע וועג־שטויב. די מאַנאַכן, די וועכטער, האָבן זיך גלייך דערפרייט. ענדלעך איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר גריגאַריאַס.

איינער פון די וועכטער, אַ נידריק ברייטער פּאַרשוין האָט אַרונטערגע־נומען פון זיך זיין מאַנטל. ער איז געבליבן שטיין האַלב נאַקעט מיט זיינע האָ־ריקע באַוואַקסענע הענט. בלויז אַ ברייטער לויזער טוניק אין אַ קורצע יאַקע האָט פאַרדעקט זיין ברייטן גוף. ער האָט פון אַ קעסטל אַרויסגענומען דעם גע־פלאָכטענעם רימען, אַ רימען מיט ניין געפלאָכטענע קנוטן. ער האָט אַ פּאָכע געטאָן אין דער לופטן. דער המון האָט זיך איינגעשטילט, געוואַרט מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם, צו זעען דעם גרויסן וואונדער וואָס דאָ וועט באַלד געשעען.

דער רופא סאבאַטי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער פּלאַטפאָרמע און שטיל אַרויסגערעדט

—שושנה! שושנה!

דעם פישערס מיידל שושנה האָט אַ ציטער געטאָן, איינגעבויגן דעם קאָפּ. האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן מיט אירע געשוואָלענע ליפּן וואָס דער רופא האָט גאַרנישט געקענט הערן.

— שושנה שרעק זיך נישט, שטאַרק זיך. איך בין מיט דיר, זאָג מיר נאָך: שמע ישראל! שמע ישראל!

דאָס מיידל האָט שוואַכלעך גענומען פרעפּלען מיט די ליפּן. איר שטי־מע איז געוואָרן פאַרעקשנטער. דער וועכטער האָט אויפגעהויבן דעם רימען, די אויגן לעפעלעך האָבן ביי איר אַ ציטער געטאָן.

אַ שטאַרקער שמיץ האָט פאַרטויבט איר שטום געשריי. זי האָט פאַר־ביסן די ציין און מיט גרויס עקשנות, געשלענגלט, געוואָרפן איר קערפּער, ווי זי וואָלט מיט גרויס שרעק, געוואָלט אַנטלויפן, פון די פייערדיקע קנוטן, וואָס האָבן געלעכערט איר לייב.

דער המון האָט גערעוועט, געשטויסן די לופט מיט שלאַגנדיקע פויסטן.

— שלאָג די זינדיקע! שלאָג!

— מיט כישוף האַלט זי זיך אויף, מיט אַ טייוולשן שפּרונג.

— נעמט אַוועק דעם ייד וואָס שטייט לעבן איר, ער וועט זי ראַטעווען

— האָבן אַנדערע געשריגן.

דער רימען האָט געסווישטשעט, געפּייפּט, אַ שוויס האָט אַרויסגעזעצט אויף דעם האַריקן לייב פון דעם וועכטער. ער האָט געאַרבעט שווער, געשלאָגן מער ווי געוועגלעך ער שלאָגט די פּאַרמשפּטע, ווי עס וואָלט אים געגאַנגען אינגאַנצן לעבן זי אומצוברענגען מיט זיין רציחה. אַ צווייטער וועכטער הינטער אים האָט געציילט די שמיץ.

— אָט איז ער שוין באַלד פאַרטיק — האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

— גענוג — האָט דער ציילער אויסגעשריגן.

דער וועכטער וואָס האָט געהאַט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט שווער געדעכעט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך זיין מאַנטל און אַן איינגעבויגענער אַרונטער מיט די טרעפּ. אַ סך האָבן פון ווייטן געשפּיגן אויף אים, מיט אומצופרידענע צאַרנדיקע פּנימער.

— אַ באָד־שמייסער קענסטו זיין, נישט מער. האָסטו געזעען ווי ער האָט איר דאָס געגלעט ווי מען גלעט אַ קעצעלע.

איינער פון די וועכטער האָט אויפגעשרויפט דעם צלמדיקן פּילאַר. דאָס מיידל איז אַראָפּגעפאַלן, זיך ווי אויסגעשאָטן אויפן דיל מיט איר צעשונדענעם, צעקלאַפּטן לייב. דאָס קלייד אויף איר איז שוין געווען צעפּלאַצט, זיך געהאַלטן בלויז אויף די פּעדעמלעך. אויף די פיס, האַלדז, אַקסלען און פּנים, האָבן זיך די שמיץ־קאַרבן אַרויסגעזעצט ווי בלאַן־בלאָע, רויט־וואונדיקע אויפגעשוואָלענע אָדערן.

דער וועכטער האָט זי אָנגענומען ביים קאָפּ און זי אַרונטערגעשלעפּט פון די טרעפּ. זי האָט זיך איבערגעקייקלט און געפאַלן אויף דער ערד. עס איז צוגעגאַנגען דער דאָקטאָר גריגאַריאָס אָנגענומען איר האַנט ביים דפק, געשטאַנען אַ ווייל ווי פאַרטראַכט און מיט גרויס פאַרוואונדערונג געזאָגט.

— זי לעבט!

ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין איר פּנים, זיך ווי עפּעס דערשראָקן און זיך גיך איבערגעצלמט. ער האָט זיך איינגעבויגן און שטיל געזאָגט.

— זי זעט אינגאַנצן אויס ווי דאָס מיידל וואָס איז געשטאָרבן נאָכן שמד, אין משומדים־הויז.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט צוגערופן דעם רופא סאַבאַטי, אים לאַנג און פאַרדעכטיקט אָנגעקוקט.

— האָסט נישט אַמאָל עפּעס אָנגעטאָן אַ כישוף.

דער רופא סאַבאַטי האָט קוים, קוים אַ שמייכל געטאָן, אַ שמייכל מיט ביטערניש און בטול.

— דאָס מיידל איז דעם אומגליקלעכן פישער יונתנס צווייטע טאָכטער...

— דאָס וועלן מיר שוין אויסגעפינען — האָט גריגאָריאָס מיט שנאה צו אים געזאָגט.

איצט האָט שושנה טאַקע אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַמאָל איר שוועס־טער איידער זי איז געשטאָרבן אין דעם שמד־הויז, אויפן נאָמען פון הייליקן יאָזעף.

דער רופא סאַבאַטי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס מיידל, זי איבערגעדעקט מיט זיין ברייטן מאַנטל. ער האָט זיך מיט האַסטיקע טריט אַוועקגעלאָזט צום געטאָ טויער. הינטער אים האָט זיך געהויבן אַ געשריי ווי פון הונגעריקע חיות, וואָס מען כאַפּט זיי אַוועק דעם רויב וואָס זי ווילן איינגאַנצן פאַרצוקן. דערפאַר דאַרף ער זיך איילן, וואָס שנעלער צו פאַר־שווינדן. אָט זעט ער שוין דעם אייזערנעם טויער. דורך די גראַטעס קוקן אַרויס פיל באַקאַנטע פנימער. זיי שטרעקן צו אים אַרויס די הענט. ער האָט צו זיי געשמייכלט דער רופא, מחמת ער האָט געפילט דאָס צאַפּלען פון שושנהס לייב אין זיינע הענט.

ביים טויער האָט זיך דער רופא סאַבאַטי אָפּגעשטעלט. ער האָט זי גע־טוליעט ווי מען טוליעט אַ קינד צו זיך. ער האָט אָפּגעדעקט דעם כאַלאַט. דאָס מיידל האָט שווער וויטיקדיק געדעכעט. איר צעשמיצט פנים איז גע־ווען צעביילט און באַכמער געשוואָלן. פון איר מויל ווי פון אַן אָפענע וואונד האָט געטריפט בלוט.

דער טויער האָט זיך געעפנט ,די יידן פון געטאָ האָבן אַרומגערינגלט דעם רופא סאַבאַטי. דער פישער משולם, יונתנס אַ פריינט האָט זיך דורכגע־ריסן מיט זיין הויכער פיגור צווישן דעם עולם. זיינע אויגן מיט די געדיכטע לאַנגע ברעמען זיינען געווען רויט פאַרטערט. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט.

— גיט מיר זייט מוחל דאָס קינד אין מיינע הענט אַריין.

ער האָט אַרונטערגענומען דעם ברייטן טוך פון זיינע אַקסלען, אַרומ־געוויקלט דאָס מיידל און זי אַרויסגענומען פון דעם רופא סאַבאַטיס הענט.

—טראָגט דאָס מיידל צו מיר אין הויז אַריין, דאָרט געפינט זיך איר פאָטער — האָט דער רופא סאַבאַטי געזאָגט.

דער פישער משולם האָט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן עולם און מיט איילנדיקע טריט געלאָפן צום רופא סאַבאַטיס הויז. ערשט איצט האָט דער רופא דערפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע זיינע גלידער. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן די שלאַבעריקייט, וואָס האָט געפּענטעט זיינע פיס, ער האָט געאיילט וואָס גיכער צו זיין אין הויז, צו ראַטעווען דאָס מיידל, מיט אַלע מיט־לען, וואָס ער פאַרמאָגט.

די גאַנצע גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. מען האָט אַרונטער־עקוקט פון די צעעפנטע פענצטער. מען איז געשטאַנען ביי די ברייט צעעפנט־ טירן פון דעם רופא סאַבאַטי אויפנעם־צימער. דאָס מיידל איז שוין געלעגן אויף דער שלאָף־באַנק, לעבן דער שאַנק מיט רפואות. לעבן איר, איז געזעסן איר פאָטער יונתן און מיט אַ טיכל געווישט דאָס בלוט פון איר מויל. ער האָט גע־רעדט צו איר מיט אַ וויינענדיקע שטימע:

— קינד מיינס, איינציקע מיינע, שושנה, פאַרלאָז מיך נישט. גאָט האָט מיר צוגענומען דיין מאַמע, דיין שוועסטער. פאַרלאָז מיך נישט שושנה.

אויף אירע צוגעמאַכטע וויעס אונטער די צעבלוטיקטע ברעמען, האָט זיך באַוויזן טרערן. יונתנס אַ שכנה, אַ פאַרהילטע יידענע וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט מיט האַרציקע רייד געטרייסט דעם פישער.

— דו זעסט יונתן זי וויינט, אַז זי וויינט איז אַ סימן אַז דאָס לעבן איז איר אַ שאָד. זי וועט מיט גאָטס הילף בלייבן לעבן.

דער רופא סאַבאַטי האָט פאַררוקט די ווייסע פאַרהאַנגען ביי די פענצ־טער, געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פון הויז אַחוץ דעם פישער יונתן און ער האָט צוגעמאַכט די טירן פון הויז.

אינדרויסן איז די גאַס געווען שוואַרץ פון מענטשן, כמעט דער גאַנצער געטאָ מיט מענטשן האָט זיך דאָ געפונען. אַלע זיינען געשטאַנען אין אַ גרויס פאַרכטיק שטילשווייגן, ווי מען וואָלט געוואַרט אויף אַ גרויס נס, דאָס צע־שלאָגענע מיידל זאָל געראַטעוועט ווערן. אין אַלעמענס אויגן האָט זיך געזען טרערן. טייל האָבן שטיל געזאָגט תהלים פאַר אירטוועגן. אַנדערע האָבן זיך אומרואיק געוויגט, פאַרוויגט זייער אומגעדולדיקייט.

ענדלעך האָט זיך געהערט פון דאָרט אַ געוויין, אַ שטיל יסורימדיק גע־וויין. דער עולם אינדרויסן האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן. אַלע האָבן גלייך דער־פילט אַ גרויס דערלייכטערונג אין די צעווייטיקטע הערצער. ענדלעך האָט זיך גאָט דערבאַרעמט אויף זיין אָרעם באַשעפעניש, וואָס ליידט אַזויפיל יסו־רים פאַר אַזאַ נישטיקע זינד . . .

דער רופא סאַבאַטי איז אַרויסגעקומען און שטיל געזאָגט.

— גייט אַלע אַהיים, איך בעט אייך. גאָט האָט אַרויסגעוויזן גרויס חסד צו איר. דאָס מיידל דאַרף האָבן אַ סך רו. אירע יסורים זיינען גרויס.

דער עולם האָט שטיל צווישן זיך געמורמלט און זיך רואיק צעגאַנגען אין אַלע זייטן פון געטאָ, אַרונטער צו דער פיומאַרא, צו דער פישער גאַס און צו דער וויא רוא גאַס.

דער רופא סאַבאַטי איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין שלאָף־חדר, אָפּצורוען זיין געמיט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין בעטל און צוגעמאַכט די

אויגן. אין הויז איז געווען שטיל. בלויז דער ווילדער קאַשמאַר פון דער ״פיאַצצאַ־דעללאַ־פיאַנטאַ״, האָט אים געזשומט אין זיינע אויערן.

ער האָט זיך צוריק אויפגעזעצט. פאַרוואָס איז אַזוי שטיל אין הויז? וואו איז מנוחה און רחל? ער איז אַריין אין די אַנדערע חדרים. קיינער איז נישט געווען. די שענק זיינען געשטאַנען אָפן. דער קופערט, וואָס איז תמיד געשטאַנען ביים שאַנק, איז מער נישט געווען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט דאַרף אַוועקפאָרן דער גביר טאָסקאַני מיט זיינע בני־בית און מיט זיי פאָרט דאָך מיט, זיין שוועגערן רחל. ער האָט גיך צוריק אָנגעטאָן זיין כאַלאַט און זיך אַרונטערגעלאָזט מיט די טרעפ.

ער האָט זיך איילענדיק אַוועקגעלאָזט מיט דער וויאַ־רואַ גאַס צו עזריאל טאָסקאַניס הויז. לעבן הויז נישט ווייט פון דעם קליינעם פאָנטאַן מיט אַ מלאכל פון אויבן, זיינען געשטאַנען עטלעכע קאַרעטעס. איינער איז געווען באַלייגט מיט קופערטן, פעק און קעסטלעך. צוגעפעסטיקט מיט שטריק. די צווייטע קאַרעטע איז שוין געווען באַזעצט: עזריאל טאָסקאַני מיט זיין פרוי מרים. צווישן זיי איז געזעסן זייער שטום ייִנגעלע. קעגנאיבער זיי איז געזעסן רחל און די אַלטע אַם צביה, וואָס איז שוין געווען אַ טייל פון טאָסקאַניס בני־בית. עזריאל טאָסקאַנין איז נישט געווען צו דערקענען. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קאָלפּאַק מיט העלע געריגגלטע לאָקן, אַ קאָלירטן אויבער־כאַלאַט מיט אַ זילבערנעם זענקל אויף דעם אויסגעשטיקטן פּאַס אַרום דעם טוניק, ווי עס טראָגן די רייכע סוחרים פון רוים. אויך די פרויען האָבן געטראָגן פאַרביקע קליידער, וויין־רויטלעכע און גרינלעכע סאַמעטענע אויבערמאַנטלען, ווי עס טראָגן פאַרמעגלעכע פרויען פון רוים, אָן די שענדלעכע געלע שלייערן אויף די קעפּ. בלויז טיכלעך מיט שפּיצלעך, האָבן פאַרדעקט זייערע האָר. דאָס קליידן זיך אַזוי, איז שוין מיטגעגאַנגען מיט דער באַזונדערער דערלויבעניש פאַר זיי, כדי זיי זאָלן אויסזען ווי אמתע רוימער, מען זאָל זיי נישט פאַרפאָלגן אויף דער לאַנגער נסיעה.

אַרום זיינען נישט געשטאַנען קיין סך מענטשן בלויז די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון רופא סאַבאַטיס הויז. עס זיינען געשטאַנען די שכנים ביי די פעדער־הייזער, און מיט בענקשאַפט און קנאה שווייגנדיק געקוקט ווי זייער שכן פאָרט אַוועק. נאָענט ביי די קאַרעטעס זיינען געשטאַנען עטלעכע נאָענטע קרובים, די געבליבענע משרתים פון דעם טאָסקאַני הויז, פון זיינע געשעפטן, אויך דעם רופא סאַבאַטיס פרוי מנוחה. דער רופא האָט ווי דערפילט, אַז דאָס וואַרטן זיי אויף אים. ער איז גיך צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע, זיך פאַרנייגט.

— איר וועט מיר שטאַרק פאַרגעבן, וואָס איך קום אַזוי שפּעט.

— אַ גרויסן דאַנק אייך רופא סאַבאַטי. מיר ווייסן, אַז אייך איז געווען

שוועד צו קומען — האָט טאָסקאַני זיך מיט אים געזעגנט. אויך מרים האָט זיך געזעגנט. איר בלייכע האַנט האָט געציטערט. איר פּנים איז געווען קרענקלעך בלאַס. טרערן האָבן געפינקלט אין אירע וויעס. זי האָט געשמייכלט מיט אַ פאַלוירן, הילפלאָז, קינדיש שמייכעלע.

דעם רופא סאַבאַטיס פרוי האָט זיך געקושט מיט זיין שוועגערין רחל. די קאַרעטע האָט זיך גערירט פון אָרט. מנוחה איז ווי געבליבן הענגען אויף דער קאַרעטע, ווי זי וואָלט זיך נישט געקענט שיידן מיט איר שוועסטער. ביים טויער האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט. מנוחה האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם טרע־טער און געבליבן שטיין מיט אַן אומגליקלעך פאַרטרערט פּנים.

דער רופא סאבאטי איז פריער געבליבן שטיין אויפן אָרט. נאָכדעם האָט ער פאַמעלעך גענומען נאָכגיין. ער האָט גאָרנישט געזען פאַר זיך, בלויז דאָס בלאַסע קראַנקע פּנים, מיט די טרענדיקע אויגן פון מרימען. דאָס קינדיש שמייכלענדיקע פּנים האָט זיך דערווייטערט, אַלץ ווייטער אַוועק. דער טויער האָט זיך געעפנט און די קאַרעטע איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן.

ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און אַריינגעקוקט אין דעם אויסגעלערטן טויער־געביי, וואָס איז דאָרט ביים טיפן ענד פאַרמאַכט גע־וואָרן. ענדלעך האָט אים עמעצער אַ ריר געטאָן ביים האַנט. דער רופא סאַ־באַטי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך ווי אויפגעכאַפּט.

— קום עמנואל, דו האָסט נאָך היינט נישט געהאַט קיין ביסן ברויט אין דיין מויל. — האָט זיין פרוי מנוחה צו אים געזאָגט.

ער איז געגאַנגען מיט זיין פרוי מנוחה עטלעכע טריט מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ. ער האָט געשוויגן מיט אַ געדריקט האַרץ. אַז אים איז אַזש געווען שווער אָפּצוזיפצן.

— ביין מנוחה. איך קען איצט ניט עסן. איך וועל עס אויסקרענקען. די חולאים וואַרטן אויף מיר. איך האָב היינט פאַרשפּעטיקט מיינע באַזוכן.

ביי דער "דעללא טעמפּיא" גאַס האָט זיך דער רופא דערווייטערט פון זיין פרוי און זיך אַרונטערגעלאָזט צו דער פיומאַראַ גאַס, וואו די קראַנ־קע האָבן אויף אים געוואַרט, ער זאָל זיי היילן. דער זומער איז אָנגעקומען און די פיבער קראַנקהייטן וועלן אויפסניי גרעסער. ער דאַרף אָפּהיטן, די קליינע עדה יידן וואָס זיינען געבליבן אין געטאָ. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס אים איז איבערגעבליבן צו טאָן.

ער האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ זיך אַרונטערגעלאָזט אַלץ ניד־ריקער און נידריקער צו די אָרעמע געסלעך פון טיבער ברעג.

ס ו ף